ציוניזם. 3131
דר. נחמן סירקין
געקליבענע ציוניסטיש-
סאציאליסטישע שריפטן
בוניצק
בוניצק.
3131

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT

21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it. A fine of 4 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.

JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO



ד"ר נחמן סירקין
(אין יאָר 1908)

674

געקליבענע
ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע
שריפטען

פון

דר. נחמן סירקין

ספריה עממית בטורונטו
יידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

ערשטער באַנד

ארויסגעגעבען פון דעם צענטראלען קאָמיטעט פון
דער אידיש - סאָציאליסטישער ארבייטער פארטיי
פועלי - ציון פון אמעריקא

SELECTED WRITINGS OF DR. N. SYRKIN

Published by Central Committee Poale Zion
133 Second Avenue, New York, N. Y.

תרפ"ה 1925

פון די ארויסגעבער

די פאָרליגענדע צוויי בענדער ענטהאַלטען בלויז א טייל פון די שריפטען, מיט וועלכע אונזער גרויסער חבר האָט אין משך פון דרייסיג יאָר באַרייכערט דעם אידיש־נאַציאָנאַלען און ציוניסטיש־סאָציאַליסטישען געדאַנק.

עס איז אונזער הייסער וואונש — און מיר האָפען, אז די נאָענטע צוקונפט וועט אונז געבען די מעגליכקייט אים צו ערפילען — ארויסצוגעבען אלץ, וואָס דר. נחמן סירקין האָט געשריבען אין אידיש, העברעאיש, רוסיש, דייטש און פראנצויזיש. דערוויילּ מוזען מיר זיך באַנוגענען מיט די שריפ־טען, וועלכע באַהאַנדלען די מער אלגעמיינע פראגען פון נאַציאָנאַליזם און ציוניזם, און וועלכע זיינען ערשינען אין דער אידישער שפּראַך, — מיט דעם צוגאָב פון אייניגע, וואָס זיינען געווען געשריבען אין דייטש און אין רוסיש, און וועלכע מיר האַלטען פאר גרונדלייגענד אין חבר סירקין׳ס פילאָזאָפיע בכלל און אין זיין טעאָריע פון סאָציאַליסטישען ציוניזם בפרט.

דאָס זיינען: דער לעצטער, רעזומירענדער קאַפּיטעל פון זיין דייטש בוך, וואָס איז ארויס אין 1896, אונטער דעם נאָמען, „געשיכטס־פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען״; זיין בוך (מיט דער אויסנאַמע פון דעם איינלייטענדען קאַפּיטעל) אונטער דעם נאָמען, „דער סאָציאַליסטישער אידען־שטאַט״, וואָס איז ערשינען אין 1898, און דער „אויפרוף צו דער אידישער יוגענד״, אין רוסיש, אין יאָר 1901.

די דריי דערמאָנטע ווערק זיינען פון גרויס באַדייטונג פאר דער אָפּשאַ־צונג פון דר. סירקין׳ס גייסטיגען בייטראַג צו דעם קולטור אוצר פון דער אידיש נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג און פון זיין מערקווירדיגער סאָציאַל־פילאָזאָפישער אויסגעהאַלטענקייט אין פאַרלויף פון זיין רייכען, שטורמישען און אלזייטיגען קאַמף פאר די העכסטע און שענסטע אידעאַלען פון דער מענשהייט.

„דער סאָציאַליסטישער אידען־שטאַט״, וואָס איז ארויס אין בוך פאָרם אין 1898, איז א זאַמלונג פון ארטיקלען, וואָס סירקין האָט פאַרעפענטליכט אין „די דייטשע ווארטע״, פון ווין, אין 1897, אין וועלכע ער האָט נאָך פריער, אין דער פאָרם פון רעפעראַטען, פאָרגעטראָגען אין דער שווייץ, נאָך דער באַגרינדונג פון דער ציוניסטישער וועלט אָרגאַניזאַציע, פון איין זייט, און דעם „בונד״, פון דער אנדער זייט. דאָס ווערק שטעלט פעסט דר. סירקין׳ס היסטאָרישען פאָרדינסט אלס פאָטער פון דעם סאָציאַליסטיש־ציוניסטישען געדאַנק.

Copyright, 1925
by
MASHA SYRKIN
New York

PINSKI-MASSEL PRESS, Inc.
84 Bowery, New York, N. Y.

* * *

איך האלט עס פאר א גרויסען פערזענליכען כבוד צו האָבען געווען דער אויסערוועלטער פון רעדאקציאָנס-קאָלעגיום און פון צענטראלען קאָמיטעט פון די פועלי ציון צו טאָן די ארבייט פון זאמלען, סאָרטירען, און אָנשרייבען די נויטיגע באמערקונגען צו די כתבים פון אונזער אומפארגעסליכען חבר און פירער דר. נחמן סירקין, — וועלכע זיינען געווען צוזייט און צושפרייט איבער פארשידענע צייטשריפטען און אין באזונדערע אויסגאבען, איבער א פעריאָדע פון 30 יאָר ליטעראַרישער טעטיגקייט.

איך באטראכט נחמן סירקינ'ען אלס דעם גרויסען פאָרקעמפער פון דעם אידישען רעוואָלוציאָנערען נאציאָנאליזם, — דער גייסטיגער ריטער געפאַנ־צערט און באוואפענט מיט די כלי־זין פון אמת, וועלכער האָט מיט וואָרט און שריפט אומערמידליך און מיט אייביג־יונגענדליכען ברען געשטריטען פאר דער אידישער באפרייאונג. זיינע שריפטען, וועלכע אנטפלעקען א ברויזענ־דען רעוואָלוציאָנערען גייסט, זיינען א קוואל פון ריינער אינספיראציע, — און ערמוטיגונג צום קאמף!

ביי דער ארבייט פון צוגרייטען די דאָזיגע שריפטען האָב איך איבער־געלעבט א באנייאונג פון דער יוגענדליכער באגייסטערונג פון יענע ערשטע טעג פון סירקינ'ס אגיטאציע פאר'ן סאָציאליסטישען ציוניזם אין לאָנדאָן, ענגלאנד, מיט 25 יאָר צוריק, ווען מיר האָבען אָנגעקניפּט א פערזענליכע פריינדשאפט, וועלכע האָט זיך געצויגען אומאונטערבראָכען ביז'ן סוף פון זיין לעבען. און די איינציגע בארעכטיגונג פאר שרייבען די דאָזיגע עטליכע צייל‍ען איז די האָפנונג, אז די חברים און די לעזער, וועלכע וועלען בלעטערען און שטודירען די פארליגענדע שריפטען, וועלען אויך געפינען אין זיי א קוואל פון נייעם מוט און באגייסטערונג אין קאמף פאר אונזערע אייביגע אידעאלען.

משה פריילי‍כאָוו.

אויגוסט, 1925.

אין די פֿאָרליגענדע בענדער גערן אויך אריין אייניגע שריפטען פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער, ווי סירקינ'ס באַשרייבונגען פון ארץ ישראל און זיינע שטודיען פון אידענטום, ווי אויך א פּאָר פון זיינע גלענצענדע פּעליעטאָנען.

די אַרבייט פון אויפזאַמלען און סאָרטירען די שריפטען, וועלכע זיינען צעוואָרפען אין פאַרשידענע אויסגאַבען פון פאַרשידענע צייטען, האָט געטאָן חבר משה פּרייליכאָוו. דער אויסוואַל פון דעם מאַטעריאַל פאַר די צוויי בענדער געהערט דעם רעדאַקציאָנס־קאָלעגיום, וועלכער איז באַשטאַנען פון די חברים יצחק זאַר, יואל ענטין און דר. יהודה קויפמאַן.

די איבערזעצונגען זיינען געמאַכט געוואָרען פון חיים ליבערמאַן, אברהם רעוואוצקי און פּנחס קרוזא. דער לעצטער האָט אויך געהאַט די אויפזיכט איבער דער קאָרעקטור און טעכנישער זייט פון די ביכער.

דער צענטראַל קאָמיטעט דאַנקט יעדען איינעם פאַר העלפען אין דער אַרבייט און דריקט אויס זיין באַזונדערע אנערקענונג צו דער פרוי און טאָכטער פון דעם פאַרשטאָרבענעם גרויסען חבר פאַר זייער פריינדליכער מיטהילף אין צושטעלען שריפטען, ביאָגראַפישע דאַטען און אַלגעמיינע ווערטפולע אָנווייזונגען.

מיר זיינען גליקליך, וואָס מיר האָבען באַוויזען כאָטש טיילוויז צו ערפילען אונזער פליכט צו דעם אנדיינקען פון אונזער גלענצענדען און גייסט־רייכען פירער און צו די פילע טויזענטער פון זיינע תלמידים און פאַרערער. דר. נחמן סירקין האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין אונזער נאַציאָנאַלען רענעסאַנס און האָט אַזוי באַפרוכפּערט דעם געדאַנק און די טאַט פון דער אידיש־נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט, אַז ער מוז פאַרנעמען אַלץ א ברייטערען פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער באַוועגונג און אין דער דערציאונג פון דעם וואַקסענדען דור און די שפּעטערע דורות. מיר טוען בלויז א טייל פון אונזער חוב, ווען מיר באַגלייטען דורך די שריפטען דעם נאָמען פון דעם גרויסען אידישען רעוואָלוציאָנער אויף זיין וועג צום הארץ און מוח פון די ברייטע מאַסען פון היינט און די אידישע קעמפער פון דעם מאָרגען און דעם איבערמאָרגען.

צענטראַל קאָמיטעט פון דער אידישער
סאָציאַליסטישער אַרבייטער פּאַרטיי
פּועלי־ציון פון אַמעריקא און קאַנאַדא.

שטודירענדער יוגענד אין בערלין און האָט פייערדיג פאַרטיידיגט זיינע נאַציאָנאַלע און ציוניסטישע אידעאַלען. ער איז געוואָרען באַקאַנט אין ווייטע קרייזען פאַר זיין מוטיגע שטעלונג צו דער אידען־פראַגע אין אַן אַטמאָספּערע פון אסימילאַציע און אַנטי־אידישען סאָציאַליזם.

ווי ער ברענגט עס ארויס, א סך שפּעטער, אין דעם אויפרוף צו דער אידישער יוגענד, וועלכען דער לעזער וועט געפינען אין ערשטען באַנד פון די פאַרליגענדע שריפטען, און וועלכען ער האָט פאַרפאַסט אין 1901, האָט ער געקוקט אויף דעם סאָציאַליזם, אָדער דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישען קאַמף און אויף דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם אלס צוויי באַזונדערע זאַכען, וועלכע קענען און זאָלען געהן האַנט אין האַנט.

אין משך פון דער פאָרמירונגס־תקופה, צווישען ארום 1888 און 1900, אין די יאָרען פון זיין „אייביגער" סטודענטענשאַפט און דעם אַזוי־צו־זאָגען פּרעלימינערען קאַמף פאַר זיינע הויכע אידישע און סאָציאַליסטישע אידעאַלען, האָט סירקין פאָרמולירט זיינע צוויי הויפּט געדאַנקען: ערשטענס, די אידעע פון א ס אָ צ י א ל י ס ט י ש ע ן אידישען שטאַט אין ארץ ישראל און, צווייטענס, אז סאָציאַליזם און ציוניזם קענען אין דער פּ ר אַ ק ט י ק זיין פריינדליך איינער צום אנדערען און צוזאַמענאַרבייטען אין פילע פונקטען.

דעם געדאַנק פון א סאָציאַליסטישען אידענשטאַט ענטוויקעלט ער אין א באַזונדער דייטשער שריפט — וועלכע מיר גיבען אין איבערזעצונג אין צווייטען באַנד, — וואָס איז ערשינען אין 1898, צוויי יאָר נאָך דר. הערצל'ס „יודענשטאַט" און די פריינדליכע פאַרבינדונג צווישען דער סאָציאַליסטישער און דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער באַוועגונגען אויף דער אידישער גאַס פירט ער אויס אין דעם דערמאַנטען „אויפרוף צו דער אידישער יוגענד", וואָס איז ערשינען אין רוסיש, אין לאָנדאָן, שוין אלס די אָפיציעלע דעקלאַראַציע פון דער דאַמאָלסט פאָרמירטער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

סירקין איז אויף אַזא אופן דער ערשטער, וועלכער האָט אויפגעשטעלט דעם לאָזונג פון בויען א סאָציאַליסטישע אידישע געמיינשאַפט אין ארץ ישראל. די איינהייט פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער און אַלגעמיין סאָציאַליסטישער טעטיגקייט האָט סירקין געפונען שפּעטער, אין דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג, פון וועלכער ער איז געווען אַזא גלענצענדער און גייסטרייכער פירער.

סירקין האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף דעם ווילען פון מענשען אלס פאַקטאָר אין דער געשיכטע. ער ענטוויקעלט זיינע אידעען אויף דעם געביט אין א בוך, וואָס איז ערשינען אין 1896 אונטער דעם נאָמען „געשיכטס־פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען", פון וועלכער מיר גיבען אין איבערזעצונג דעם וויכטיגסטען, לעצטען קאַפּיטעל אלס כאַראַקטעריסטיק פון זיין אַלגעמיינער

סירקין דער מענש און דיינקער

נחמן סירקין איז געבאָרען געוואָרען אין מאָהילעוו, דעם 11־טען פעב־רואר, 1868. זיינע עלטערען זיינען געווען פארמעגליך, און ער האָט גע־קראָגען א גוטע אידישע און וועלטליכע ערציאונג. זיין מוטער איז געווען א געבילדעטע פרוי, האָט גוט געקענט רוסיש, דייטש און פראנצויזיש, און האָט אויסגעאיבט אויף איר זון א גרויסע ווירקונג פון פראָגרעסיווען פריי־הייטליכען כאראקטער.

שוין אין זיין פריסטער יוגענט האָט ער ארויסגעוויזען דעם שארפזין און דעם חשק צום לערנען, וואָס זיינען ביז זיין לעצטען מאָמענט געווען די בולט'סטע שטריכען פון זיין כאראקטער. מיט באזונדער התמדה האָט ער זיך צוגעהערט צו די תלמודישע וכוחים פון די עלטערע און האָט מיט ברען און ליבע שטודירט די העברעאישע שפּראך.

אין מינסק, וואוהין די גאנצע משפחה האָט זיך איבערגעצויגען, האָט סירקין געענדיגט גימנאזיע אין 1884. ער איז שוין דאן געווען אונטער דער השפעה פון דער חובבי־ציון באוועגונג, וועלכע האָט אָנגענומען א מאסען פאָרם גלייך נאָך די שוידערליכע פּאָגראָמען אין אָנפאנג פון די אכציגער יאָרען.

ביז זיין 19־טען יאָר איז ער געווען טעטיג אין די ציוניסטישע קרייזען פון זיין שטאָט. ער האָט אויך שוין דאן מיטגעארבייט אין „המליץ", וואו ער פלעגט דרוקען קאָרעספּאָנדענצען און פעליעטאָנען.

ער איז דאן אָפּגעפאָרען קיין אויסלאנד פאָרטצוזעצען זיין שטודיום. די נייע געזעצען געגען אידען אין רוסלאנד האָבען שווער געמאכט זיין אָנקו־מען אין אוניווערזיטעט, — און האָבען אין אים אויך ערוועקט דעם דראנג צו רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט. ביידע זאכען האָט ער געקענט, לויט די באדינגונגען פון יענער צייט, זוכען און געפינען אין אויסלאנד, פון וואנען די רוסישע אינטעליגענץ האָט געשעפּט אירע גייסטיגע ווערטען און וואו די שפּעטערדיגע רוסישע רעוואָלוציע איז צוגעגרייט געוואָרען.

סירקין איז אין 1887 אוועק קיין בערלין און שטודירט פילאָזאָפיע אין דער דאָרטיגער אוניווערזיטעט. ער האָט שנעל באהערשט די שפּראך און האָט גענומען מיטארבייטען אין דייטשע זשורנאלען און צייטונגען.

אלס סטודענט האָט סירקין גענומען א גרויסען אנטייל אין די רעוואָ־לוציאָנערע און סאָציאליסטישע קרייזען פון די רוסישע אינטעליגענטען און

צווישען ציוניזם און סאָציאַליזם, ביי אים געווען די פראגע ווי צו פארבינדען סאָציאַליזם, וואס איז געבויט אויף קלאסען קאמף, מיט דעם ציוניזם, וועלכער פארלאנגט אייניגונג פון קלאסען פאר דער גרויסער ארבייט. דעם קלאסען־קאמף מאָמענט אין ציוניזם האָט ער ניט אנערקענט, ווייל ער האָט געזען אין דער באוועגונג קודם כל די אידעע און דעם ווילען, און דאָרט וואו די ארבייט איז דורכאויס א פרייוויליגע, איז קלאסען ק א מ ף כמעט אויסגעשלאָסען.

ווען סירקין האָט אין 1897 אָנגעהויבען פראָפּאגאנדירען דעם סאָציאַ־ליסטישען ציוניזם, האָט ער געהאט פאר זיך, פון איין זייט, די נאָר וואס געגרינדעטע ציוניסטישע אָרגאניזאציע, אויף דעם ערשטען קאָנגרעס אין באזעל, און פון דער אנדער זייט דעם נאָר וואָס געגרינדעטען „בונד“. צו פארבינדען די צוויי עקסטרעמען האָט סירקין אָנגעוויזען אויף די מאָמענטען, וועלכע פארבינדען אלע קלאסען פון פאָלק, און אזוי ווי ער האָט געהאלטען, אז דער ציוניזם שעפט זיך אוים אין די פארבינדונגס־מאָמענטען, האָט ער געזוכט צו פאראייניגען ביידע באוועגונגען דורך א פריינדשאפטליכער צוזאַ־מענארבייט פון צוויי פאראלעלע אָרגאניזאציעס.

סירקין האָט פארבראכט א לענגערע צייט אין דער שווייץ. געקומען צום ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס, אין אויגוסט 1897, איז ער דאָרט פאר־בליבען עטליכע יאָר, האָט געהייראט די באגאבטע בתיה אסנת, אין 1898, א קורסיסטקע פון מעדיצינישען פאקולטעט אין זשענעווא, און האָט אליין אָנגעפאנגען שטודירען מעדיצין, אין באזעל.

שווייץ אלס צענטער פון אלע ראדיקאלע רוסישע פארטייען, אין יענער צייט, האָט געמוזט צו זיך ציען דעם פייערדיגען אידישען רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט געהאט א נייעם לאָזונג פאר דער ראדיקאלער אידישער אינ־טעליגענץ. דאָרט האָט ער געזאמעלט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע כחות און זיי פאָרמירט אין א גרופּע, אין אן אָנפאנג פון דער ציוניסטיש־סאָציאַ־ליסטישער פארטיי.

די באוועגונג האָט אים פארכאפּט, פארשלונגען, ער האָט זיין מעדיצי־נישען קורס ניט פארענדיגט און זיך געלאָזען איבער די לענדער פון אייראָפּא, צו פראָפּאגאנדירען די נייע תורה, צו רופען די אידישע יוגענט, דעם אידישען ארבייטער, דעם אידישען אינטעליגענט צום קאמף פאר אייגענער און דאָך צוגלייכער צייט אלגעמיינער נאציאָנאלער און סאָציאַלער באפרייאונג. אין 1900 איז ער געקומען אין לאָנדאָן, וואו דער פערטער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט שטאטגעפונען, און אין אָנפאנג 1901, האָט ער פארפאסט דאָרט די ערשטע דעקלאראציע, אין רוסיש, פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פאר־טיי. פון דעם יאָר, ראטירט זיין טעטיגקייט אלס פארטיי־מענש, אלס פירער פון א באזונדער באוועגונג.

סאָציאַליסטישער אנשויאונג, וועלכע ער האָט אָנגעהאַלטען ביז׳ן סוף פון זיין לעבען.

ער האָט זיך אויך אָפּגעגעבען מיט פּסיכאָלאָגישע שטודיען און האָט געשריבען א בוך „עמפּפינדונג און פאָרשטעלונג“, וואס די פילאָזאָפישע גע־זעלשאַפט פון בערן, שווייץ, האָט ארויסגעגעבען אין יאָר 1903.

אין זיין פילאָזאָפישער וועלט אנשויאונג האָט סירקין געלייגט גרויס געוויכט אויף קולטור־פּסיכאָלאָגישע מאָטיוען, און ער ערקלערט דעם סאָ־ציאַליסטישען ציוניזם אלס נויטווענדיגקייט, ניט בלויז פון שטאנדפּונקט פון אידישער מאַטעריעלער נויט, נאָר אויך פון דער אידישער קולטור נויט. ער זעט אין אונזער פאָלק די באַגאַבטעסטע נאציע אין דער וועלט און האלט הויך אונזער גרויסען בייטראג צו דער מענשליכער קולטור. דער אידעאַל פון נאַציאָנאַלער פרייהייט און די פרייהייט פון נאַציאָנאַלער קולטור פילט אָן זיין נשמה מיט קוואַלען פון באַגייסטערונג און ער קוקט אויפ׳ן סאָציאַליזם בכלל פון אוניווערסאַל־עטישען שטאַנדפּונקט.

ווי ער האָט עס ענטוויקעלט אין זיינע שפּעטערע יאָרען, אין זיינע שטו־דיען פון אידענטום, און ארויסגעזאָגט אין די לעצטע טעג פאר זיין טויט, זעט ער אין אידענטום, אין דעם, וואס ער רופט די תורה, יענעם אַלמענשליכען אוניוועורסאַלען עטישען אידעאַל, וועלכער איז בארופען צו ווערען דאָס איי־גענטום פון אַלע פעלקער פון דער גאנצער וועלט.

דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער פאקטאָר האָט אין זיין אויפפאסונג פאַרנו־מען א וויכטיגען פּלאַץ. די מאַטעריעלע אידישע נויט, די רעכטלאָזיגקייט, די וואנדערונגען, דער אנטיסעמיטיזם און געזעלשאַפטליכער באָיקאָט איז ביי אים געשטאַנען אין פאָדערגרונד פון די פראַגען, וועלכע פאַרלאַנגען אָן ענטפער, אָבער נאָך העכער איז ביי אים געשטאַנען די מענשליכע ווירדע און די פרייהייט פון יחיד און פאָלק. ער האָט געגלויבט אין דער מאכט פון דער אידעע און דעם כח פון ווילען. ער האָט דאָס באַגרינדעט פילאָזאָ־פיש, אָבער דאָס איז אויך געווען א טייל פון זיין כאראַקטער, פון זיין נשמה. דערפון קומט זיין בליק אויף א סאָציאַליסטיש־אידישען שטאַט אלס א פראַק־טישע נויטווענדיגקייט און ניט בלויז אלס פאָלגע פון א היסטאָרישען פּראָצעס. דערפון קומט זיין אויפפאסונג פון סאָציאַליסטישען ציוניזם אלס עטוואס אויסער די ראַמען פון קלאסען־קאַמף, א שטעלונג וועלכע ער האָט אָנגעהאַל־טען שוין זיינענדיג אין דער פּועלי־ציוניסטישער פאַרטיי. דערפון קומט זיין גלויבען אין דער מעגליכקייט פון בויען א קאָמוניסטישען ארץ ישראל מיט די מיטלען פון פאָלק, אריינגערעכענט אפילו די גרויס בורזשואזיע.

ווי סירקין באשרייבט אין זיין סקיצירונג פון דער פאָרגעשיכטע פון סאָציאַליסטישען ציוניזם, איז ביים אָנפאנג, ווען ער האָט געזוכט די סינטעזע

סירקין האָט פון סטיכישען פראָצעס ניט געהאַלטען. ער האָט געזען אין סאָציאַליסטישען ציוניזם א סאָציאַל־עקאָנאָמישען און קולטור־פסיכאָלאָגישען מוז און געבויט אויף דעם ווילען פון מענשען און דער קראַפט פון דער אידעע אלס יסוד פאר דער גרויסער אונטערנעמונג פון איבערבויען דאָס פאָלקס־לעבען און ווידערבאלעבען דאָס אידישען פאָלק אלס פאָליטישע אייניהייט דורך זיין קאָנצענטראציע אויף א טעריטאָריע. דאָס בויען פון פאַלעסטינא איז ניט לייכטער ווי דאָס בויען פון אן אנדער לאנד, — ריין טעכניש גערעדט, — און אויב דער פאָלקס ווילען איז די הויפט־זאך, איז קיין נפקא מינה ניט, וואו דאָס לאנד זאָל זיין. די אידישע תורה, די אידישע עטיק, דער אידישער אוניווערסאל גייסט איז ניט געבונדען דוקא מיט דעם געאָגראפישען מקור. אונזער נאציאָנאלע פרייהייט און קולטור קענען אויפבליען אירגענד וואו, אויב מיר האָבען נאָר אונזער סביבה און פולע אויטאָנאָמיע.

פאר די פועלי־ציון, וועלכע האָבען באטראכט די באוועגונג אלס היסטאָרישען מוז, איז ארץ ישראל אלע מאָל געווען קארדינאלער פאקטאָר סיי אין דער אויפהאלטונג פון דער אידישער נאציע, סיי אין דער אויפבליאונג פון ציוניזם און סיי אין דער סאמע טעכניק פון בויען די נאציאָנאלע היימלאנד. דער פאָלקס־ווילען איז א וויכטיגער פאקטאָר, אָבער ער אליין איז אפהענגיג פון אומשטענדען, און די אומשטענדען זיינען ניט נור די מאטעריעלע און גייסטיגע נויט, נאָר דער מוז צו געהן דוקא אין פאלעסטינא, ווייל אלע אנדערע לענדער מוזען ווערען אלץ ענגער פאר דער אידישער וואנדערונג. מען קען און מען זאָל די „בלינדע" פראָצעסען רעגולירען, אריינטראָגען אין זיי, ווי ווייט מעגליך ציל און פלאנמעסיגקייט, מען קען אָבער ניט מאכען א ניי־לעבען.

דער קאמף צווישען די צוויי טיילען פון דער ציוניסטיש־סאָציאליסטישער באוועגונג איז געווען א ליידענשאפטליכער, ווייל ביידע האָבען געגלויבט, אז דער גורל פון פאָלק איז אין קאָן.

סירקין האָט דאָ, ווי ביי אנדערע געלעגענהייטען פון גרויסער היסטאָרישער באדייטונג, זיך באוויזען אין דער גאנצער גרויס פון זיין נשמה. מענשליכער ווילען און מאכט פון אידעע זיינען געווען ניט נאָר א טייל פון זיין פילאָזאָפישער וועלט אנשויאונג, נאָר אויך א טייל פון זיין פסיכיק. ער האָט זיך אליין פראָיעקטירט אין דער פילאָזאָפיע. דאָס אָביעקטיווע דיינקען און דאָס סוביעקטיווע פילען זיינען ביי אים געווען צוזאמענגעגאָסען אין איין הארמאָניש גאנצען. פאָליטישע חשבונות אָדער אפילו וויסענשאפטליך בארעכטיגטע קאָמפראָמיסען זיינען געווען פרעמד זיין נאטור. ער איז געווען גאנץ און אויסגעהאלטען אין זיין כאראקטער. דערפון זיין ליידענשאפטליכ־

סירקין האָט געפירט א ברייטע קאָרעספּאָנדענץ מיט חברים אין פאַר־שידענע לענדער און פּלעצער; האָט פארפאסט אומצעליגע העקטאָגראַפּירטע בריף צו דער אָרגאַניזאַציע, צו די מיטגלידער בכלל, האָט, אין בערלין, אין 1903 ארויסגעגעבן די זאמעל העפטען „המון" און „השחר".

אלס פארטיי־מענש איז זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיגקייט געוואָרען שטורמישער און, פון שטאנדפונקט פון דער רעגירונג, געפערליכער, און ער איז ארויסגעוויזען געוואָרען פון דייטשלאנד, אין 1904. ער האָט זיך דאַן באַזעצט מיט זיין פרוי און קינד, מאניא סירקין, אין פאריז. דאָס איז שוין אָבער געווען ערב דער ערשטער רעוואָלוציע אין רוסלאנד, און סירקין האָט קוים א יאָר פארבראכט אין פראנקרייך.

אין 1905, גלייך נאָך דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, האָט ער מיט זיין פאמיליע זיך אומגעקערט קיין רוסלאנד און זיך אריינגעוואָרפען מיט לייב און לעבען אין פּאָליטישען קאמף. א שטיקעל צייט האָט מען געמעגט פריי רעדען אין רוסלאנד, און סירקין איז געפאָרען פון צענטער צו צענטער צו אגיטירען פאר דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער פארטיי. ער האָט זיך קאנדידירט אין דומא, פון קאָוונא, אָבער די רעגירונג האָט באלד זיין קאנ־דידאטור גע'פסל'ט, — ווי זי האָט עס געטאָן מיט יעדען רעוואָלוציאָנער. דער צאר האָט געהאט אָפּגעבאפט דעם אָטעם פון דער ערשטער איבעראַשונג און ביסלעכווייז איינגעשרענקט די געגעבענע רעכט, — ביז די פארדעכטיגטע האָבען ווידער אָנגעפאנגען פארפאָלגט צו ווערען אויף דעם אלטען שטייגער.

סירקין איז דאַן געווען א טעריטאָריאַליסט. אויף דעם ציוניסטישען קאָנגרעס, וואו עס איז פאָרגעקומען די שפּאלטונג צווישען די ציוני־ציון און די אוגאנדיסטען, שפּעטער טעריטאָריאליסטען, האָט סירקין אָפּגעגעבען די באַרימטע ערקלערונג, אין נאָמען פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פראקציע, אין וועלכער ער רופט אָן דעם באשלוס פון דער מערהייט א פאראט צום אידישען פאָלק און וואו ער שטעלט א טעריטאָריע בכלל העכער פון אלע היסטאָרישע טראדיציעס און טרוימען וועגען ארץ ישראל.

די טעריטאָריעלע לייזונג פון דער אידענפראגע איז געווען דער גרונד פּרינציפּ אויך פון די פועלי־ציון. פּאלעסטינא אלס לאנד פון אידישען עבר, אלס די וויגעלע פון דער אידישער נאציע און קולטור, האָט טעאָרעטיש ניט געשפּילט קיין ראָלע אין דער קאָנצעפּציע סיי פון די ס. ס. און סיי פון די פוע"צ. דער אונטערשיד איז באשטאנען אין דעם, וואָס די פועלי־ציוניסטישע טעאָרעטיקער האָבען געהאלטען, אז פּאלעסטינא איז די טעריטאָריע און זי איז עס ניט בלויז ווייל אידען ווילען זי, נאָר ווייל זי ליגט אויף דעם וועג פון דעם ס ט י כ י ש ע ן פּראָצעס, וועלכער פירט אונפארמיידליך צום ציוניזם בכלל און צו דער קאָלאָניזאציע פון פאלעסטינא בפרט.

ער האָט געמוזט פאַרלאָזען רוסלאַנד צוליב פאַרפאָלגונגען פון דער צאַרישער רעגירונג, און ער איז געקומען קיין אמעריקא אין 1907, דאָ צו פירען די ארבייט און צו רעדאגירען די צייטונג פון די סאָציאַליסטען־טעריטאָריאַליסטען, „דאָס פאָלק”. אין מערץ 1908 איז אויך געקומען אהער זיין פאַמיליע, און ער איז פארבליבען אַן „אמעריקאַנער”. אין 1909, נאָך דער פאראייניגונגס קאָנווענשאָן אין שיקאַגאָ, האָט זיך סירקין אָנגעשלאָסען אַן אונזער פארטיי און איז געוואָרען איינער פון אירע גלענצענדסטע, געטרייעסטע און איינפלוסרייכסטע פירער.

ווען די געשיכטע פון אונזער באוועגונג אין אמעריקא וועט געשריבען ווערען, וועט דער פארשטאָרבענער גרויסער חבר פארנעמען אין איר א געהויבענעם פלאַץ. ער איז געווען די נשמה פון דער פארטיי, דער גלאַנץ פון אירע צוזאַמענפאָרען, דער טריבון פון אירע לאָזונגען און דער אומערמידליכער, פייערדיגער, רעוואָלוציאָנערער קעמפער און טוער אויף אַלע געביטען פון איר רייכער געזעלשאפטליכער און אידיש־פּאָליטישער טעטיגקייט.

סירקין איז געווען פון די ערשטע צו פאָרמולירען דעם לאָזונג פון א קאָנגרעס, וואָס זאָל פארטרעטען די אידישע נאַציע און פאָדערען איר רעכט ביי די פעלקער בכלל און ביי דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם בפרט. אַלע געדיינקען נאָך די הערליכע באוועגונג, וואָס די פועלי־ציון האָבען אויפגעהויבען און דערפירט צו איר טריאומף, דער גרינדונג פון דעם אמעריקאַנער אידישען קאָנגרעס, וואו אַלע טיילען פון פאָלק האָבען זיך שליסליך געאייניגט אויף די פונדאַמענטאַלע פאָדערונגען, וואָס דאָס לעבען און די האָפנונגען אויף א נייער וועלט האָבען דיקטירט. און דער בייטראַג פון דר. נחמן סירקין אין דער באוועגונג און צו דעם ערפאָלג איז געווען דער גרעסטער פון אירגענד וועלכער איינצעל פערזאָן.

ער איז אויך געפאָרען אלס פארטרעטער צום פרידענס־קאָנגרעס און דאָרט, אין פראנקרייך, האָט ער דורך רעדעס פאר די ארבייטער און ארטיקלען אין דער סאָציאַליסטישער פרעסע געוועקט די דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע עלעמענטען פון די ניט־אידען צו זייער חוב צו העלפען זייערע אידישע קלאַס און פרייהייטס ברידער. די ארבייטערשאַפט האָט צו יענער צייט געשפּילט א גרויסע ראָלע אין די פּאָליטישע חשבונות פון די רעגירונגען, און איר גוטער ווילען און שטיצע איז געווען פון גרויס געווינס אין די פארהאַנדלונגען וועגען דער אידען־פראגע און די אידען־רעכט.

און ווער האָט נאָך אזוי שטאַרק געקאָנט גלויבען אין דער מעגליכקייט פון א נייער מענשליכער ערא נאָך דעם וועלט קריג, ווי סירקין, פאַר וועמען די מלחמה איז געווען א קאַמף צווישען פינסטערניש און ליכט, רעאַקציע און פּראָגרעס, שקלאַפהייט און פרייהייט? ווער האָט נאָך אזוי געקאָנט בא־

קייט, זיין טאַטאַלע איבערגעבענהייט, זיין פולשטענדיגע צוזאמענגיסונג מיט דער אידעע.

סירקין האָט געהאט זייער ווייניג פערזענליכע פריינד, ווייל פריינד־שאפט ביי אים האָט געמיינט קודם כל אידעען־געמיינשאפט. ער איז ניט געווען קיין געפילס־מענש, קיין סענטימענטאלע נאטור, ער איז געווען א לייַ־דענשאפטליכער דיינקער, און די אידעע איז געשטאנען העכער פון אלץ און אלעמען. אזעלכע נאטורען זיינען זעלטען. זיי זיינען צו הויך, צו אונפאַר־שטענדליך פאר די געוויינליכע מענשען. זיינע אידעען געגנער האָבען זיך געפילט געקריינקט און ערביטערט. סירקין איז געווען אן איינזאמע נאטור, ווייל ער איז געווען א יוצא מן הכלל, א העכערער גייסט, אן אָריגינעלע פער־זענליכקייט. דאס איז דער שיקזאל פון אלע גרויסע גייסטער אין דער גע־שיכטע, ספעציעל פון די ליידענשאפטליכע דיינקער ווי א מאציני, א משה העס, א נחמן סירקין. שטורמישע נאטורען, וואָס רודערען אויף א וועלט, וואס רופען ארוים התלהבות ביי די מאסען, אָבער וואס בלייבען אליין אין זייער פערזענליכען לעבען.

אלס אידעען־מענש דורך און דורך און אלס גאנצער, אויסגעהאלטענער אומקאָמפּראָמיסליכער קעמפער פאר הויכע עטישע אידעאלען, איז סירקין געווען א מאָראלישער פירער אין העכסטען גראד. ער האָט געווירקט אויף זיינע צוהערער מיט א מערקווירדיגער קראפט און זיין מאגישע פערזענליכ־קייט, זיין טיפע דורכשיינענדע ערנסטקייט האָבען אים באליבט געמאכט ביים פאָלק. זיין ריידען איז געווען ניט קיין לאָגישער נעץ פון א קאלטען טעאָ־רעטיקער, פון וועלכען דער צוהערער קען זיך ארויסדרייען, נאָר א מאָראלישע בוואליע, וואס פארפלייצט די נשמה. ער איז געשטאנען העכער פון דער לאָגיק, וועלכע זיינע פארערער האָבען געקאָנט באנוצען, און ער איז געווען געשעצט און געליבט, ניט קוקענדיג אויף די הארבסטע מיינונגס־פארשידענ־הייטען מיט אים. זיין וואָרט איז געווען מעכטיגער פון זיין פעדער. זיין מאָראלישע ווירקונג שטארקער פון זיינע מיינונגען. דאס איז דער מאָרא־לישער פירער, דער שטורמער, דער רעוואָלוציאָנער, וואס מ א כ ט געשיכטע.

סירקין, פאר וועמען די טעריטאָריע איז געווען א נויטווענדיגער געאָ־גראפישער און טעכנישער מיטעל צו פארווירקליכען די אידעאלען פון נאציאָ־נאלער פרייהייט און סאָציאלער גלייכהייט, האָט פייערדיג פארטיידיגט דעם טעריטאָריאליזם כל זמן עס איז געווען די האָפנונג, אז מען קען א טעריטאָריע קריגען און זי שנעל באזעצען. ווען עס האָט זיך אָבער אין פארלויף פון די יאָרען, ארויסגעוויזען, אז צו באקומען א טעריטאָריע איז נאָך שווערער ווי צו קאָלאָניזירען ארץ ישראל, איז סירקין געוואָרען א פועלי־ציון.

קיין ראָלע ניט געשפּילט, איז געווען פרעמד זיין נאַטור. ער האָט געקאָנט זען בלויז די אידעע און די אַלגעמיינהייט. זיבעצען יאָר לעבען אין דער מאַטעריאַליסטישער, פאַר׳ביזנעסווערטער אמעריקא, וואו פערזענליכער „תכלית״ איז אַ קולט, האָבען אויף אים קיין השפּעה ניט געהאַט, דעם קלענסטען איינדרוק ניט געמאַכט אויף זיין ריינער נשמה. דער שיקזאל האָט אים געשיצט אין דעם פּרט דורך די איידעלע כאַראַקטערע פון זיין ערשטער פרוי, (געשטאָרבען אין בליענדען עלטער פון 36 יאָר, אין 1914, פון שווינדזוכט), און זיין צווייטער פרוי, די שוועסטער פון דער ערשטער, די הויך געבילדעטע מאַשאַ סירקין, אַ דאָקטאָר לויט פּראָפעסיע, וועלכע איז געבליבען אַן אלמנה מיט אַ דריי־יאָריג קינד, צביה סירקין, געבאָרען אין 1921. ביידע פרויען און זיין טאַלענטירטע טאָכטער, מאַניאַ, האָבען געוואוסט צו שעצען דעם הויכען גייסט פון זייער מאַן און פאָטער, און סירקין איז געווען פריי צו פאָלגען דעם רוף פון זיין נשמה און דעם דראַנג פון זיין גייסט.

ווי אַלע גרויסע מאָראַלישע פירער, איז סירקין געווען מיסטיש געשטימט. דער צדק איז פאַר אים געווען אַ סאָרט סובסטאַנץ, וואָס זוכט איר תיקון אין דער וועלט; די פליכט צום כלל איז ביי אים געווען עטוואָס העכערעס פון די מענשען און פרייהייט פאַר יחיד און פאָלק אַלס מאָראַלישער געבאָט, וואָס דאַרף ניט קיינע קאַזואַלע ערקלערונגען. ער האָט געהאַסט די פאַר־גליווערטע רעליגיעזע צערעמאָניעס און איז געווען אַ דם שונא דעם קלערי־קאַליזם, ווי די לעזער קענען עס זען פון די פאָרליגענדע שריפטען. אָבער אידענטום אַלס גייסטיגע און מאָראַלישע קראַפט איז ביי אים געשטאַנען אויף דער העכסטער הויך. „האמונה בכח עם ישראל זוהי האמונה בכח הרוח של העולם״ — דער גלויבען אין דער קראַפט פון אידישען פאָלק איז דער גלויבען אין דעם גייסטיגען כח פון דער וועלט, האָט ער זיך אויסגעדריקט דעם טאָג פאַר זיין טויט, אין זיין „צואה״ צו זיין פריינד דר. טשערנאָוויץ, („רב צעיר״). און זיין פרוי האָט ער געבעטען פאַרשרייבען, דעם 5־טען סעפּטעמבער, 1924, אַ טאָג פאַר זיין אָוועקגעהן פון דער וועלט, פאָלגענדע צוזאַמענפאַסענדע געדאַנקען, וועלכע זיינען דיקטירט געוואָרען אין רוסיש: „דאָס אָנקומען פון עקאָנאָמישער גלייכהייט אונטער דער אָנוואַקסענדער אידעע פון פרייהייט און פון גייסטיגען שאַפען, — דאָס איז דער אמת׳ער סאָציאַליזם, וועלכער צינדט אָן מיט זיין פייער דעם פאַקעל אויף די בערג פון יהודה, וואָס וועט באַלייכטען דאָס קומענדע לעבען פון דער מענשהייט״.

„די ווידעראויפלעבונג פון דער אידישער אידעע אַלס אוניווערסאַל אידעע״, — דאָס איז געווען סירקין׳ס מאָראַל־פילאָזאָפישער מאַניזם זיין גאַנצען לעבען לאַנג.

גייסטערן פאר די העכסטע און שענסטע אידעאלען פון פעלקער פרייהייט און סאָציאַלער גלייכהייט, ווי סירקין, וועלכער האָט געשטיצט דעם קריג מיט דער גאנצער ליידענשאַפט פון זיין מאָראַלישער פערזענליכקייט?

ער האָט געגלויבט אין דער אידעע און אין דעם ווילען צו בעסערעס און שענערעס און איז געווען איבערציינגט, אז מען קאָן איבעראַנדערשען דאָס לעבען מיט דעם כח פון ווילען. דאָס איז געווען דער קוואַל פון זיין רעוואָלוציאָנערען גייסט און דער גרונד פון זיין שטרעבען צו טאַט. און דאָ, וואו דער אידעאַל דאַרף טריאומפירען, מוזען אַלע מכשולים באזייטיגט ווערען, מעגען עס זיין מענשען פון בלוט און פלייש, מעגען עס זיין טויזענדע מענשליכע לעבענס. די אידעע איז העכער פון דעם איינצעלנעם, מעגען די איינצעלנע זיין אין די מיליאָנען. דאָס מענשליכע לעבען אָן אַן אידעאַל האָט סיי ווי קיין זין ניט. דאַגעגען איז אָפּפער פאר אַן אידעאַל דער העכסטער חוב — און דער העכסטער גליק פון דעם באַגייסטערטען.

סירקין איז דערפאר אויך געווען אַ באַוואונדערער און פאַרערער פון רוסישען קאָמוניזם. די גרויסע רעוואָלוציאָנערע טאַט; דער העראָאישער פארנעם איבערצובויען די מענשהייט מיט דעם כח פון ווילען האָט אים אָנגעפילט מיט ענטוזיאַזם. דערצו איז ער נאָך געווען אַ קאָמוניסט אין זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישער אנשויאונג. אַלע לויט פייאיגקייט און יעדער לויט באַדערפניש איז געווען זיין סאָציאַליזם. ער האָט געהאסט די „יעווסעקציע" פאר איר אויסראָטונגס קריג געגען דער אידישער נאַציע, פאר אירע ווילדע מעשים און פארקריפּעלטען קאָמוניזם. ער, וועלכער האָט געזען אין אידענטום דאָס העכסטע, וואָס די מענשהייט פאַרמאָגט, האָט געמוזט טיף פאַראַכטען די גרופּע, וואָס וויל עוקר מן השרש זיין דעם אידענטום. אָבער דער קאָמוניזם אַלס עקאָנאָמישע סיסטעם, אַלס סאָציאַלער אידעאַל און אַלס רע־וואָלוציאָנערע טאַט האָט אין אים געהאַט ביז'ן סוף פון זיין לעבען אַ באַגייסטערטען אנהיינגער.

זיין ציוניזם איז געווען אַ קאָמוניסטישער. ער האָט געגלויבט, אז ארץ ישראל קאָן מען אויפבויען אַלס אידישע היימלאַנד נאָר אויף קאָמוניס־טישע, אָדער סאָציאַל קאָאָפּעראַטיווע יסודות. די קאָמיסיע, וואָס דער פּועלי־ציון וועלט פארבאנד האָט געשיקט קיין ארץ ישראל, און אין וועלכער ער האָט — צוזאמען מיט חבר פּראָפעסאָר פיינמאַן — פארטראָטען אונזער פּארטיי, איז אזוי בעאיינפלוסט געוואָרען פון זיינע איבערציינגונגען, אז דאָס בוך, וואָס די קאָמיסיע האָט ארויסגעגעבען אַלס איר באַריכט, איז אַ שיר פאר קאָמוניסטישער קאָלאָניזאציע און אַן אָנקלאָג געגען יעדער אנדער פאָרם פון לאַנד אויפבוי.

דער פּערזענליכער אינטערעס, די אידעע פון „תכלית" האָט ביי אים

ערשטע שריפטען.

א. פון די געשיכטעס פילאָזאָפישע באטראכטונגען.

ב. אויפרוף צו דער אידישער יוגענד.

ג. פלוגבלאט פון „חירות“.

ד. דער ציוניזם און דער המון. (פון זשורנאל המון).

„א אידישער טעמפּעל אלס ציל פונקט פון א באנייטער רעליגיע, וויסנשאפט און קונסט" איז געווען סירקין'ס מיסטישער דראנג.

און זיין לעצט וואָרט צו זיין פרוי: „איך האָב פארענדינט די אָרימע, זינדיגע דערציילונג פון מיינע לעבענס־ערפארונגען און שטעה פייערליך־פריידיג פאר די טויערען פון א נייעם לעבען", דאָס איז סירקין'ס זעלישער צוזאַמענגוס מיט דעם מיסטישען אוניווערסאל־גייסט, וועלכער האָט שטענדיג געשוועבט פאר זיין עקזאלטירטער נשמה.

ער איז געשטאָרבען צוויי א זייגער בייטאָג, שבת, דעם 6־טען סעפּטעמבער, 1924, אין מאונט סיני האָספּיטאל, ניו יאָרק.

זיין טויט איז געווען א הערליכער, אָן ערהאבענער. ער איז געשטאָרבען ווי א צדיק, ווי אן עכטער, אמת'ער נ א צ י אָ נ א ל ע ר צדיק.

קיין שרעק פאר'ן טויט, קיין געבעט אום נאָך אביסעל לעבען; ניט געזוכט און ניט געוואָלט קיין טרייסט. ווי די ווייטע נסיעה וואָלט געווען אָן עטאַפּ אין זיין גייסטיגער וואנדלונג.

אויפ'ן שוועל פוןביידע וועלטען האָט סירקין געטראַכט און גערעדט וועגען כלל; וועגען דעם סאָציאליסטישען ציוניזם; וועגען דעם אידישען פאָלק; וועגען דער באפרייאונג פון דער מענשהייט.

ער האָט בארייכערט דעם אידישען גייסט מיט זיין קאמף פאר די אלמענשליכע און אייביגע אידעאלען. ענליך אין זיינע אידעען און אין זיין טעמפּעראמענט צו זיין פאָרגענגער און ליבלינג משה העס, איז זיין ראָלע גרעסער און ברייטער אין דער מאָדערנער אידישער געשיכטע, ווייל ער האָט אויך פראקטיש און פּאָליטיש געקענט ווירקען פאר דער באפרייאונג פון אונזער פאָלק.

אין דער תקופה פון אידישען רענעסאנס בלייבט נחמן סירקין אליין אלס עטישער שטורמער און מאָראלישער פירער, — און זיין נאָמען וועט וואקסען אין דער טיף און אין דער ברייט מיט דעם וואוקס און מיט דעם שטייגענדען ערפאָלג פון דער גרויסער וועלט־היסטאָרישער ארבייט פאר דער קולטורעלער און פּאָליטישער ווידערגעבורט פון דער אידישער נאציע.

י צ ח ק ז א ר

דער היסטאָרישער פּראָצעס *)

די מענשליכע געזעלשאפט איז ניט קיין קאָנקרעטער אָרגאניזם. זי איז ניט קיין ביאָלאָגישער יחיד, נאָר א פּסיכאָלאָגישע קאָנסטרוקציע. אירע טיילען זיינען ניט צונויפגעוואקסען איינער מיט'ן אנדערען: זיי זיינען בלויז גייסטיג פאראייניגט. דער דאָזיגער עצם מהות פון דער געזעלשאפט באַשטימט אויך דעם אופן, אויף וועלכען זי באוועגט זיך. די כסדר'דיגע אנטוויקלונג פון דער מענשליכער געזעלשאפט, ד. ה. דער היסטאָרישער פּראָצעס, קאָן ניט געגליכען ווערען מיט דער ענטוויקלונג פון א וועלכען עס איז קאָנקרעטען אָרגאניזם. בעת די ענטוויקלונג פון אן אָרגאניזם קומט פאָר לויט'ן בלינדען געזעץ פון אן אונבאוואוסטזיניגער עוואָלוציע, טראָגט אין זיך די מענשהייט די טענדענץ צו פארדרענגען די דאָזיגע בלינדע עוואָלוציע דורך א באוואוסטזיניגען פּראָגרעס.

אויף וויפיל די געזעלשאפט זעלבסט שוואנקט צווישען אָרגאניזם און פרייער פאראייניגונג, צווישען שטילשטאנד און פאָרטשריט, — אין דער זעלבער מאָס ענדערען זיך אויך אירע באוועגונגס־פאָרמען. אין צייטען פון שטילשטאנד קומט פאָר דער געשיכטליכער גאנג פון דער געזעלשאפט לויט די כללים פון עוואָלוציע, פון אָרגאנישען וואוקס; אין צייטען פון גייסטיגער און מאַטעריעלער דערהויבונג ווירקט אָבער דער באוואוסטזיניגער פּראָגרעס. אמת'ע געשיכטע קומט בלויז א דאנק דער באוואוסטזיניגער טעטיגקייט פון די מענשען, א דאנק דער איניציאטיוו פון יחידים און דער קריטיק פון דער פערזענליכקייט. וואָס מער די געזעלשאפט דערווייטערט זיך פונ'ם טיפּ פון אן אָרגאניזם, אלץ מער וועגען איבער אין דער געשיכטע די קריטישע עפּאָכען, אלץ מער ווערען איינצעלנע יחידים אימשטאנד צו ווירקען אויף דער געזעלשאפט און צוצופּאסען צו זיך זייער סביבה. געזעלשאפטען, וואָס זיינען א דאנק אן אוננאָרמאלער ענטוויקלונג דעגענערירט געוואָרען אין אינדיווידועלע אָרגאניזמען און וואו די מענשליכע יחידים זיינען געוואָרען בלויז גלידער פון א גאנצען סאציאלען קערפּער, — וויסען ניט פון קיין פּראָגרעס און האָבען ניט קיין געשיכטע. זייער לעבען באשטייט בלויז פון א רייע אונבאוואוסטע עוואָלוציעס.

געשיכטע איז פאראן בלויז דאָרט, וואו עס

*) דער לעצטער קאפּיטעל, מיט אונוועזענטליכע אָפּקירצונגען, פון דר. סירקינ'ס „געשיכטס־פילאָזאָפישע באטראכטונגען". איבערזעצט פון א. רעוואוצקי.

שער סיבה, מיט א צ ו ו ע ק. דער געזעץ פון אורזאכען (וואס איז גילטיג פאר דער גאנצער נאטור) הייסט: קיין ווירקונג אָהן אורזאכע. דער געזעץ פון צוועק, וואָס איז גילטיג בלויז אין מענשליכען לעבען, זאָגט: קיין וועלען (אָדער, וואס איז דאס זעלבע, קיין האנדלונג) אָהן א צוועק.

דער מענש מישט זיך אריין אין דער נאטור, ניט די נאטור אינ׳ם מענשען. דער מענש איז דער אקטיווער עלעמענט בנוגע דער פּאסיווער נאטור. „דער מענשליכער ווילען באשטימט די גרעניצען פון איר הערשאפט. וואו עס הויבט זיך אָן זיין געביט, ענדיגט זיך איר טעטיגקייטס־פעלד. די קוואליעס פון אורזאכע און ווירקונג, וואס ציען זיך אין דער אויסערליכער וועלט אין אן אונענדליכער רייע, ווערען צובראָכען אָן יעדען מענשליכען ווילען. איבער׳ן מענשליכען ווילען האָט דער אורזאכען־געזעץ קיין שום שליטה, דאָ הערשט בלויז דער צוועק־געזעץ. בנוגע דער נאטור איז דער מענשליכער ווילען פריי; ער פאָלגט ניט אירע געזעצען, נאָר זיינע אייגענע. בעת אָבער זי, די נאטור, האָט ניט קיין מאכט איבער אים, האָט ער א מאכט איבער איר. זי מוז אים פאָלגען ווען ער וויל: יעדער מענשליכער ווילען איז א קוועלע פון אורזאכ־ליכקייט אין דער אויסערליכער וועלט. אויף אזא אופן טרעט אויף דער ווילען, אלס די ענדע און דער אָנהויב פון דער אורזאכען־באוועגונג אין דער נאטור. באזיצען א ווילען, הייסט האָבען אן אייגענע אורזאכליכקייט בנוגע דער אוי־סערליכער וועלט". [2]

אמת, אויפ׳ן מענשען, אויפ׳ן מענשליכען ווילען, ווירקען געוויסע איינ־פלוסען פון דער נאטור. כדי אָבער זיי נאָכצוקומען, דארף דער מענש אליין זיך אויף דעם ענטשליסען. אויב ניט, — בלייבען אלע באמיאונגען אים צו באוועגען צו א וועלכער ס׳איז האנדלונג אָהן ערפאָלג. דער מענש, וואָס פארמאָגט א ווילען, איז אליין דער שאפער פון זיין גורל. געפירט פונ׳ם צוועק, איז ע ר דער אקטיווער עלעמענט אין דער ארומיגער פאסיווער וועלט, ער ג י י ט א ל י י ן, בעת די נאטור געפינט זיך אין א פאסיווען ענטוויק־לונגס־פּראָצעס.

ניט קוקענדיג אויף די דאָזיגע גאַנץ קלאָרע אייגענשאפטען פונ׳ם מענ־שען — צו האנדלען אונאפּהענגיג, לויט באשטימטע צוועקען, לויט זיין פרייען שכל, און ווירקען דערביי אויף אלץ ארום אים, — קומען עוואָלוציאָנס־פילאָזאָ־פען מיט דער טענדענץ אריינצוקריגען דעם מענשען צווישען די איבריגע באַ־שטאנד־טיילען פון דער וועלט און באטראכטען זיין געשיכטע ניט אנדערש, ווי דעם גאנצען ארומיגען וועלט פּראָצעס. ספּענסער׳ס פאָרמולע וועגען עוואָלוציע איז חל אויף דעם גאנצען אוניווערסום, ד. ה. אויף דער ניט־אָרגאנישער, אָר־

2) א. הערינג: דער צוועק און רעכט. לייפציג, 1884, באנד 1, ז. 23.)

ק ו מ ט פ אָ ר א פ ר אָ ג ר ע ס ; ווען אָבער דער געשיכטליכער פּראָצעס באשטייט בלויז פון עוואָלוציעס, האָבען מיר ניט צו טאָן מיט געשיכטע. אין דער נאטור קומען פאָר פארשידענע עוואָלוציאָנס־פּראָצעסען. נאָך מער: די גאנצע נאטור באשטייט דאָך פון עוואָלוציאָנס־פּראָצעסען. פונדעסטוועגען פאלט קיינעם ניט איין צו רעדען וועגען געשיכטע אין דער נאטור...

„דער געזאנג פונ׳ם נאכטיגאל בלייבט אונבארירט פון קיין שום געשיכ־טע, און אזוי בלייבט עס די נאטור בכלל. אפילו אין פאל, ווען די נאטור נעמט אויף גאנץ פאסיוו דעם שטעמפעל, וועלכען עס לעגט אויף איר ארויף דער מענש, ווען זי דינט פאסיוו אלס א מיטעל פאר זיינע צוועקען,—קאָן מען אויך ניט רעדען וועגען געשיכטע. עס לאָזט זיך פיל רעדען וועגען דער ענדערונג, וואס איז פאָרגעקומען אין דער היימישער שאָף אין פארגלייך מיט א ווילדער און וועגען איר אויסברייטערונג איבער דער וועלט א דאנק דעם מענשענס טעטיגקייט. האָט אָבער די שאָף א געשיכטע? האָט קאפע, בוימ־וואָל א געשיכטע? (שטיינטהאל: פילאָלאָגיע, געשיכטע און פסיכאָלאָגיע, ז. 21).

בלויז דערפאר, ווייל אין די ענדערונגען און באוועגונגען פון די מענשען איז מעגליך א פּראָגרעס, קומט דאָ אויך פאָר געשיכטע, להפך צו דער נאטור, וואו עס קומען פאָר בלויז עוואָלוציעס.

דער פאָרטשריט איז א סוביעקטיווער, מענשליכער, ווילענס־פרייער באַ־גריף, בעת די עוואָלוציע איז א קאָסמישער, אָביעקטיווער און וויסענשאפטלי־כער באגריף. די עוואָלוציע אנטהאלט ניט אין זיך דעם פאָרטשריט אין זין פון א פארבעסערונג פונ׳ם מענשליכען לעבען; זי איז די אנטוויקלונג, די א ל ג ע מ י י נ ע באוועגונג פון דער וועלט, וואָס נעמט ארום און ערקלערט אלע פאקטען, — סיי געשיכטליך־פּראָגרעסיווע און סיי געשיכטליך־רעאקציאָ־נערע.

מיט אנדערע ווערטער: די מענשליכע האנדלונגען זיינען ניט א פּראָ־דוקט פון מעכאנישע סיבות, נאָר פון פ ס י כ אָ ל אָ ג י ש ע, און דעריבער איז די געשיכטע פונ׳ם מענשען אן אנדער סאָרט געשיכטע, ווי די געשיכטע פון דער נאטור. בעת מענשען האנדלען לויט באשטימטע צוועקען שאפען זיי אליין זייער געשיכטע. אנדערש איז די לאגע אין דער נאטור: די באַ־שטאנד־טיילען פון דער נאטור ווערען אין זייערע באוועגונגען באשטימט דורך אורזאכען, וואס זיינען א ו י ס ע ר ז י י, אליין זיינען זיי פ ו ל ש ט ע נ־ד י ג פ א ס י ו ו.

א סיבה פון באוועגונגען איז פאראן סיי פאר׳ן ווילען און סיי פאר דער נאטור. ביי דער לעצטער טראָגט אָבער די דאָזיגע סיבה א מ ע כ א נ י ש ע ן כ א ר א ק ט ע ר, ביים ווילען האָבען מיר אָבער צו טאָן מיט א פסיכאָלאָגי־

העלדען אין דער געשיכטע. די מיינונג, אז געשיכטע ווערט געשאפען דורך יחידים, דורך גרויסע גאונים, וואָס פירען נאָך זיך די מאסע, איז אלענפאלס מער בהסכם מיט׳ן שכל און היסטאָרישער ערפארונג, איידער די לערע, וואָס ערקלערט אלץ מיט דער נאטירליכער ענטוויקלונג אָדער דעם „ציישגייסט“ — דעם זעלבען צייטגייסט, וועגען וועלכען געטהע האָט זיך אמאָל אויסגעדריקט, אז ער איז דער גייסט פון די, וואס רעדען וועגען אים...

דער היסטאָרישער פּראָצעס באשטייט **אין א געגענזייטיגער ווירקונג צווישען גרויסע יחידים און דער מאסע**. וואָס שטעלט מיט זיך פאָר פון איר זייט ניט קיין איינהייטליכע מאסע, נאָר פארשידענע שיכטען, וואָס זיינען ווייט ניט אין דער זעלבער מאָס אקטיוו און צוגענגליך פאר פרישע אידעען. פון זיך זעלבסט שאפען די גאָניען דאָס נייע, גיבען עס איבער מדרגות־ווייז דער מאסע און פארווירקליכען דערמיט דעם פּראָגרעס אין דער געשיכטע, — אָדער שטעלען זיך גאָר געגען אים. פון זיך אליין, פון דעם כלומרשטען נאטור־געזעץ, קומט ניט אין דער מענשליכער געשיכטע ניט דאָס גוטע און ניט דאָס שלעכטע. אם ווייניגסטען קאָן אויף אזא אופן קומען עטוואס גוטס, וואס איז שטענדיג א רעזולטאט פון אינדיווידועלער אנשטרענגונג.

היסטאָרישע פאקטען אנטשטייען בלויז א דאנק די אנשטרענגונגען פון יחידים, און גרויסע פּערזענליכקייטען זיינען עס, וואס מאכען געשיכטע. נאטירליך, כדי צו דערגרייכען אן ערפאָלג, מוזען זיי האָבען די אונטערשטיצונג און פארשטענדניס פון דער ארומיגער וועלט. פונדעסטוועגען איז די מיינונג, לויט וועלכער גרויסע פּערזענליכקייטען זיינען בלויז קינדער פון זייער צייט, לחלוטין פאלש: עס קומט דאָך פאָר — און גאנץ אָפט, — אז גרויסע פּערזענליכקייטען און גאונים שטייען **אין געגענזאץ** צו זייער צייט. דער גייסט פונ׳ם יחיד איז ניט שטענדיג א רעזולטאט פונ׳ם פאָלקס־גייסט און איז ניט פון אים אפּהענגיג; ער קאָן זיך דערהויבען אויך איבער דעם פאָלקס־גייסט, אוטערוואַרפען אים און **איבערמאכען אים** בהסכם מיט זיינע אייגענע אידעאלען.

דער דייטשער געלערנטער לאָטצע האָט די באדייטונג פון דער פּערזענליכקייט אין דער געשיכטע פאָרמולירט מיט פאָלגענדע ריכטיגע ווערטער:

„געוויס קאָן די קראפט פון קיין שום יחיד ניט ווירקען אויף געשיכטע, ווען זי פארשטייט ניט צו באנוצען זיך מיט א וועלכער עס איז אלגעמיינער שטימונג, מיט איינער פון די אלגעמיינע טרייב־פעדערען צום האנדלען, וואס זיינען ענטהאלטען אין דער מענשליכער נאטור. אָבער דאָך קאָן מען בשום אופן ניט זאָגען, אז די קראפט־פולע מענשען, וואָס האָבען מיט עקשנות׳דיגער ווילענסקראפט ארייננעמישט זיך אינ׳ם גייסט פון דער געשיכטע, זיינען

נאנישער און אפילו איבער־אָרגאנישער וועלט. זי ווערט, הייסט עס, אָנגע־וועדנעט אויך אויף דער מענשליכער געשיכטע...

דער גרויסער פעלער פון דער עוואָלוציאָנס־פילאָזאָפיע באשטייט אָבער אין דעם, וואָס זי באהאנדעלט די געשיכטע אויף׳ן זעלבען אופן, ווי די נאטור. זי פארשטייט ניט דעם אבסאָלוטען חלוק צווישען דעם געזעץ פון אורזאכליכ־קייט און דעם געזעץ פון צוועק.

דער אמת איז, אז גראָד ד ע ר מ ע נ ש א י ז א ן א ו י ס נ א ם פ ו ן ד ע ר נ א ט ו ר ; געשיכטליכע באוועגונגען קאָנען ניט ארומגענומען ווערען מיט דער זעלבער פאָרמולע, ווי קאָסמישע. דער באוועגונגס־פראָצעס פון דער וועלט באשטייט פון אן אונבאוואוסטער עוואָלוציע ; די געשיכטע פונ׳ם מענשען איז, להפך, א באוואוסטזיניגער שאפענדער פראָגרעס. דער מענשליכער ווילען איז אונטערגעוואָרפען ניט דעם אורזאכליכען געזעץ, נאָר דעם צוועק. דער מענש, הייסט דאָס, איז אין זיינע האנדלונגען פריי און באשטימט זיך אליין. דער ווילען, דאָס גייסטיגע, דער מענש אינערהאלב פון דער נאטור איז אן ערשטע באוועגענדע קראפט (Primium movens). אין דער געשיכטע קאָן קיין רייד ניט זיין וועגען א באשטימטער באוועגונגס־פאָרמולע : דער מענש לאכט זיך אוים פון דער געלערנטער אויסרעכנונג און צורייסט די אורזאכליכע קייטען.

זיינענדיג א באשעפעניש וואס איז טעטיג, וואס שאפט, וואס ווערט גע־פירט פונ׳ם צוועק, און באשטימט זיך אליין — איז דער מענש אליין דער שאפער פון זיין גורל. ד י ג ע ש י כ ט ע ק ו מ ט צ ו ש ט א נ ד ד ו ר ך ד ע ם מ ע נ ש ע ן ז ע ל ב ס ט.

די מערסטע פילאָזאָפען און געשיכטס־פאָרשער האָבען אָבער די טענדענץ מבטל צו מאכען דעם פערזענליכען עלעמענט אין דער געשיכטע. מען רעדט וועגען געשיכטליכע געזעצען, וועגען היסטאָרישער ענטוויקלונג, וועגען סאָ־ציאלע ערשיינונגען אָהן שום צוזאמענהאנג מיט דעם יחיד, מיט דער פער־זענליכקייט, וועלכע איז דאָך די אמת׳ע טרעגערין פון דער געשיכטע. ס׳איז אין דער סאָציאָלאָגיע ממש געוואָרען א מנהג צו עלימינירען דעם פערזענ־ליכען עלעמענט.

די אויפפאסונג וועגען דער מאכטלאָזיגקייט און ווירקונגס־לאָזינקייט פונ׳ם יחיד ביי היסטאָרישע טאטען איז אָבער פונקט אזוי פאלש און איינזיי־טיג, ווי די אלטע געשיכטס־באשרייבונג, וואָס פלעגט אלץ אין דער געשיכטע ערקלערען מיט דער טעטיגקייט פון גאונים און העלדען. די איינזייטיגקייט פון ספענסערן, דעם טיפישען פארטרעטער פון דער לערע וועגען דעם ניט־פערזענליכען עוואָלוציאָנס־פראָצעס אין דער געשיכטע, איז אפילו נאָך א גרעסערער טעות, איידער די איינזייטיגקייט פון קארלייל, דעם חסיד פון די

טראָגט די געשיכטע דעם כאראקטער פון א דראמע: אין איר ווירקען בעיקר יחידים, פערזענליכקייטען. אָט מיט דעם אונטערשיידעט זיך טאקע די געשיכטע פון מענשען פון דער חיה׳שער און אָרגאנישער וועלט: דאָרט ווערט די באוועגונג פארווירקליכט דורך ארטען, דורך מינים, וואָס בלייבען דעריבער אין אייביגער איינפארבינקייט; דאָ זיינען עס די יחידים, וואָס שאפען דאָס נייע און טיילען עס מיט דער ארומיגער מענשהייט. דער כאראקטעריסטישער שטריך פון מענשען, אין געגענזאץ צו דער גאנצער איבריגער וועלט, באשטייט גראד אין דעם, וואָס ער האָט אן אויסגעשפּראָכענע אינדיווידועלע פיזיאָגנאָמיע, צום אונטערשיד פון די חיות, פלאנצונגען און מינעראלען, ביי וועלכע דער כאראקטער פונ׳ם גאנצען מין הערשט איבער׳ן כאראקטער פונ׳ם יחיד.

דער ווערט און יסוד פונ׳ם מענש און מענשהייט באשטייט אין דער אינדיווידואליטעט. אויף דעם גאנצען טרעפּען־לייטער פון דער אָרגאנישער און ניט־אָרגאנישער ענטוויקלונג ביז צום מענש הערשט א פולשטענדיגע גלייכהייט אינערהאלב פון יעדען מין. ערשט אינ׳ם מענשען ווערט די דאָזיגע גלייכהייט בטל, און עס ענטוויקעלט זיך די אינדיווידואליטעט. די אינדיווידועלע געשטאלט איז דער סימן פון מענשליכקייט און קולטור: חיות האָבען ניט אזא אינדיווידואל־כאראקטער. אמת, העכערע מינים פון חיות האָבען יא אן אָנהויב פון דעם, אָבער ער איז נאָך שוואך און שטענדיג אונטערגעוואָרפען דעם קאָלעקטיווען כאראקטער פונ׳ם מין. קיין איינצעלנע באשעפעניש קאָן דאָ ניט זיך שטארק אונטערשיידען פון די אנדערע און זיך דערהויבען איבער זיי. און וואָס ווייטער מיר גייען אראָפּ מיט דעם טרעפּען־לייטער פון די חיה׳שע מינים, אלץ מער פארשווינדט דער אינדיווידועלער כאראקטער און עס ווייזט זיך ארויס בלויז די גאטונג, דער מין.

אין פארגלייך מיט׳ן קולטור־מענש ווייזען ארויס אפילו די נידריגערע מענשליכע ראסען בלויז שוואכע שפּורען פון אינדיווידועלער פיזיאָגנאָמיע און פערזענליכען כאראקטער. ווער ס׳האָט נעזוען איינעם פון די דאָזיגע ווילדע, דער האָט זיי שוין אלע געזוען. דער קולטור־מענש מוז אָבער זיין ערפאָרשט און דערקענט איינצעלווייז. ווי גוט מען קאָן ניט דעם באטרעפענדען שטאם, דאס באטרעפענדע פאָלק, קאָן מען אָבער פון דעם זייער ווייניג ארויסנעמען, כדי באמת פארשטיין דעם יחיד.

„דער אונטערשיד צווישען מענשליכען מין און אלע אנדערע איז בלי שום ספק פארבונדען דערמיט, וואס די קנייטשען און שפּאלטען פונ׳ם חיה׳שען מוח זיינען פיל מער סיסטעמאטיש און איינהייטליך ביי יעדער איינצעלנער חיה, ווי דעם מענשען. אלס א סימן פונ׳ם אינדיווידואל־כאראקטער, וואס אונטערשיידט דעם מענשען פון דער חיה, קאָן אויך באטראכט ווערען דער פאקט,

געווען בלויז אן אויסדרוק פון זייער צייט. אין דימערסטע פאלען איז דער אלגעמיינער גייסט פון דער מענשהייט דערגאנגען בלויז צום געפיל פון א פארהאנענעם דרוק, פון א בענקענדיגער שטימונג און פון א פרומען וואונש צו ענדערונגען. ער האט געשטעלט די אויפגאבע, אין וועמענס לעזונג די מאסע האט זיך געגוויטיגט; די דערפילונג אבער פון די דאזיגע וואונשען און די ספעציעלע, קאנקרעטע פארם פון דער דאזיגער דערפילונג, איז דאס פאר־דינסט און טאט פון יחידים. אין אנדערע פאלען איז אפילו ניט פאראויס־געגאנגען אזא אונמעכטיג געפיל פונ'ם באדארף: בלויז די געלונגענע גיים־טיגע באשטרעבונגען פון יחידים האבען מיט מאטעריש באזיגט דעם איגער־טען, אונפארשטענדיגען ווידערשטאנד פון דער מאסע און געגעבען איר נייע באוועגונגס־צילען". (3

בכן איז די געזעלשאפט ניט סתם קיין רעזולטאט פון העלדען, מלכים, נביאים; זי איז אבער אויך ניט קיין מאסען־באוועגונג, וואס קומט פאר לויט בלינדע נאטור־געזעצען. די גרויסע פערזענליכקייטען האבען אין דער גע־שיכטע א שטארקע מאכט; זיי זיינען די פירער פון דער געזעלשאפט, די וועג־ווייזער פונ'ם כלל. די געזעלשאפט איז אבער ניט קיין טויטער מעטאל, וואס קאן אויסגעגאסען ווערען דורך די העלדען אין יעדער געווינשטער פארם. אויך די מאסע איז א מער־ווייניגער אקטיווער עלעמענט אין דער געשיכטע. אמאל נעמט זי אויף די שטראלען, וועלכע די העלדען שיקען צו איר ארויס, אבער א מ א ל ר ע פ ל ע ק ט י ר ט ז י ז י י א ו י ך צ ו ר י ק: דאס איז אפהענגיג פון דעם, אויף וויפיל די דאזיגע שטראלען זיינען צוגע־פאסט צ ו א י ר א י י ג ע נ ע ם צ ו ש ט א נ ד א י נ'ם ב א ט ר ע־פ ע נ ד ע ן מ א מ ע נ ט.

אין דער געשיכטע ווירקט יא א גרויסער אלגעמיינער נאטור־געזעץ, די שטרעבונג פון מענשען פאנאנדערצואוויקלען און דערהויבען זיך אליין; די וועגען אבער, וואס פירען צום דאזיגען ציל, וייזען אן די היסטארישע פער־זענליכקייטען. ניט זעלטען טרעפט זיך, אז די פאלשקייט, דער עגאאיזם, דער פארטיי־אינטערעס פארפירט אזעלכע גרויסע פערזענליכקייטען צו וויזען דער מאסע פאלשע וועגען. דאן זיינען זיי פינסטערלינגע און רעאקציאנערען, — הערען אבער צוליב דעם ניט אויף צו זיין — אביעקטיוו באטראכט — היסטארישע פערזענליכקייטען.

אויף אזא אופן איז געשיכטע אן ארענא פאר יחידים, וואס שטייען מיט דער מאסע אין געגענזייטיגער ווירקונג און פארווירקליכען גרויסע גע־שיכטליכע פאקטען ב ל ו י ז מ י ט א י ר צ ו ז א מ ע ן. דעריבער

(3) Lotze, Mikrokosmos, Band III, S. 65.

וואָלט די געזעלשאפטליכע פארבינדונג געבליבען א שוואכע און די מענשליכע געזעלשאפטען וואָלטען קיינמאָל ניט דערגרייכט צו א מדרגה פון שטענדיגען צוזאמען־לעבען. א לעבעדיגע באשעפעניש פרייט זיך אינסטינקטיוו מיט איר גלייכען, און דאָס איז די אורזאכע פונ׳ם ערשטע סטאדע געפיל סיי ביים מענשען און סיי ביי דער חיה. באטראכטונג און באוואוסטזיין טרייבען דעם מענשען ווייטער צוזאמענצוקומען מיט גלייכע באשעפענישען און ערשט אין דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג איז דאָס דאָזיגע סטאדע געפיל געוואָרען אן אונבאוואוסטזיניגער אינסטינקט. ביי דער שאפונג פון דער געזעלשאפט איז די באוואוסטזיניגע טעטיגקייט פונ׳ם מענשען יא געווען באטייליגט, און זי האָט געווירקט ניט ווייניגער שטארק, ווי דער אינסטינקט און דער פאמיליען צובונד.

געשיכטליכע פאקטען זיינען שטענדיג ענג פארבונדען מיט היסטאָרישע פערזענליכקייטען. אין דער געשיכטע פון פאקטען און האנדלונגען פארנעמט דער קריג דעם זעלבען ענטשיידענדען פלאץ, ווי די רעליגיע אין דער קולטור־געשיכטע. און אין ערגיץ דריקט זיך ניט אויס די מאכט פונ׳ם יחיד אזוי בולט ווי אין די דאָזיגעביידע ערשיינונגען.

גראד די עלעמענטען פון דער געשיכטע, אין וועלכע ס׳האָט זיך אם מערסטען אויסגעדריקט דער איינפלוס פון ציל־באוואוסטע יחידים, ווערען דאָס געמיינזאמע גייסטיגע אייגענטום פון דער גאנצער נאציע און העלפען אם מערסטען אויפצוהויבען דעם נאציאָנאלען זעלבסט־באוואוסטזיין. קריג און רעליגיע, אלס די עיקר׳דיגע טיפען פון דער פראגמאטישער און קולטור־געשיכטע, רעפרעזענטירען אין א גרעסערער מאָס, ווי אלע אנדערע עלעמענטען פון דער געשיכטע, די באוואוסטזיניגע טעטיגקייט פונ׳ם מענשען. אינ׳ם פאָרקומען פונ׳ם קריג און דער אויספירונג פון דער רעליגיע נעמען אנטייל אין א גרעסערער אָדער קלענערער מאָס אלע יחידים פון דער באטרעפענדער נאציע, — אָנהויבענדיג פו די שעפפערישע קריגס־פירער און רעליגיאָנס־גריינדער און ענדיגענדיג מיט׳ן לעצטען סאָלדאט, וואס איז ארויס צו פארטיידיגען זיין פאטערלאנד אָדער מיט דעם איינפאכען מאסען־מענש, וואָס נויטיגט זיך אין טרייסט און גייט אריין אין טעמפעל, כדי צו פארהערליכען גאָט. אין מלחמה און רעליגיע איז טעטיג סיי דער העראָאיזם פונ׳ם יחיד און סיי אויך די באוואוסטזיניגקייט פונ׳ם כלל.

דעריבער איז טאקע דער קריג, — דאָס מיטעל צו שיצען און באפעסטיגען דעם מאטעריעלען האָב־און־גוטס פונ׳ם כלל — דער מעכטיגסטער היסטאָרישער פאקט, און דעריבער איז די רעליגיע געוואָרען דער גייסטיגער אינהאלט פון דער נאציע, איר לעבענס־אנשויאונג, דער סך הכל פון אירע לעבענס־פרינציפען. אין זיי ביידע ווערט אויסגעדריקט דער באוואוסטזיין

וואס ביי חיות זוכט דער סעקסועלער באדארף זיין באפרידיגונג אָהן א דויט־ליכען אויסוואל, בעת ביים מענשען ווערט דער דאָזיגער אויסוואל דערבראכט דורך אן אינסטינקט, וואס איז אונאפהענגיג פון ריין־פיזיאָלאָגישע רעפלעק־סען, — ביז צו געוואלטיגער ליידענשאפט. בעת יעדער איינצעלנער מענש קאָן באטראכט ווערען אלס א באזונדערס־באשטימטע און כאראקטעריסטישע ווילענס־ערשיינונג, אפילו ביז צו א געוויסער מאָס אלס אן אייגענע באזונ־דערע אידעע — פעלט אָבער ביי חיות לחלוטין דער דאָזיגער אינדיווידואל־כאראקטער און בלויז דער מין האָט א ווערט. יעדער שפור פון אינדיווי־דואל־כאראקטער פארשווינדט וואס מער מיר דערווייטערען זיך פונ׳ם מענשען און קומען אריין אין דער אָרגאנישער וועלט. ביי פלאנ־צונגען פארשווינדט ער אין גאנצען. אויב ס׳איז דאָ אן אונטערשיד צווישען בוים און בוים, צווישען גראָז און גראָז פונ׳ם זעלבען מין, איז דאָס בלויז א רעזולטאט פון די אויסערליכע גינסטיגע אָדער אונגיסטיגע איינפלוסען פונ׳ם לעבען, קלימאט און אנדערע צופעליגקייטען. ענדליך, אין דער ניט־אָרגאני־שער וועלט פארשווינדט לחלוטין די אינדיווידואליטעט.״ 4)

אין געגענזאץ צום אכטצענטען יאָרהונדערט, האָט מען אָבער אינ׳ם נײנצענטען יאָרהונדערט אָנגעהויבען צו ערקלערען אלע געזעלשאפטליכע און קולטורעלע ערשײנונגען אויסשליסליך מיט אונבאוואוסטער בלינדער עוואָ־לוציע, אָהן שום באטייליגונג פון דער פערזענליכקייט. די ענטשטייאונג פון דער מלוכה, פון געזעצען, פון שפראך און אלע עלעמענטען פון קולטור פרואווט מען איצט ערקלערען אויף א ריין־אָרגאנישען אופן. אין געגענזאץ צו רוסאָ׳ס טעאָריע וועגען דעם „סאָציאלען קאָנטראקט״ ווערט איצט דער מענש באטראכט אויסשליסליך אלס באשעפעניש, וואס איז פון אָנהויב אָן באשאָנקען מיט א סאָציאלען אינסטינקט, וואס ווירקט זיך אוים אונבאוואוסטזיניג און נאטור־נויטוועדיג ביי דער בילדונג פון דער געזעלשאפט.

די לערע וועגען „סאָציאלען קאָנטראקט״, ווי זי ווערט אויפגעשטעלט פון רוסאָ, איז, נאטירליך, פאלש. ס׳איז קלאָר, אז מענשען אָהן א געזעל־שאפט האָבען זיך ניט געקאָנט אייניגען איבער אזא קאָנטראקט, ניט האָבענדיג קיין שום באגריף וועגען די מעלות פון געמיינזאמען לעבען. אָבער פונקט אזוי ניט דענקבאר איז דאָס, אז ביים צושטאנד־קומען פון דער געזעלשאפט אָדער איר כסדר׳דיגען וואוקס, זאָל די באוואוסטזיניגע האנדלונג פונ׳ם מענ־שען זיין לחלוטין ניט־באטייליגט. ווען מענשען, אלס יחידים, וואָלטען ניט דערקענט די פרייליכקייט און שפעטער די מעלות פון א געמיינזאמען לעבען,

(4) Schopenhauer: Die Welt als Wille und Vorstellung, Leipzig 1819, S. 190.

דער מאסע; צום אונטערשיד אָבער פון די ערשטע קולטור־עלעמענטען זיינען זיי ניט קיין גלייכצייטיגער פּראָדוקט פונ׳ם כלל. אין מלחמה און רעליגיע קומען צום אויסדרוק סיי די גרויסע פּערזעליכקייטען, סיי אויך, צוטיילט אין שטופען, די מאסען. דעריבער טאקע געניסען די קריגס־פירער און רעליגיאָנס־גרינדער דעם גרעסטען היסטאָרישען רום.

מיט איין וואָרט: *דער געשיכטליכער פּראָצעס באַשטייט אין דער אריינמישונג פון העכער־באַפעאיגטע יחידים אין דער געזעלשאפט, וואָס ווערט שטופענווייז געוואונען פאר זייערע צילען.*

ערשט נאָך דעם, ווי אין לעבען פון א פאָלק, וואס מאכט במילא דורך א לאנגזאמע ענטוויקלונג, קומט פאָר צוליב וועלכע עס איז אויסערליכע סיבות, אן ענדערונג, הויבט זיך אָן דער געשיכטליכער פּראָצעס. צוליב א קריג ווערען, למשל, אין א פּרימיטיווער געזעלשאפט געשטערט די ביז־אהעריגע לעבענס־באדינגונגען; דער פּרימיטיווער מענש ווערט געוואָר, אז אומשטענדען, וואָס זיינען געגעבען דורך דער נאטור, קאָנען גאָר געענדערט ווערען דורך מענשען. גלייכצייטיג ברענגט דער קריג צוזאמען פעלקער, וואס זיינען אפּגעטיילט צווישען זיך דורך גרויסע אנטפערונגען, און די רויע נאטור־מענשען ווערען געוואָר מיט ערשטוינונג, אז ניט אלץ מוז זיין גראד אזוי, ווי ביי זיי. עס קומט פאָר אן ענדערונג אינ׳ם גייסטיגען לעבען און אין די פאָרשטעלונגען פון דער געזעלשאפט. מענשען ווערען געטריבען צום דענקען.

אויף דער דערגרייכטער העכערער קולטור־מדרגה הויבט אָן די איינהייטליכע מאסע זיך צו שפּאלטען; קריטישע פּערזענליכקייטען, *העלדען*, טרעטען אויף, וואס פּריידיגען זייערע אייגענע אידעאלען צו זייער געזעלשאפטליכער אומגעבונג און שטרעבען צו ציען זי נאָך זיך. די נאטירליכע גלייכהייט פון דער געזעלשאפט ווערט אויפגעלייזט, און דער יחיד הויבט אָן צו דערקענען זיך אליין אויף אלע געביטען פון דיינקען און פילען. ער הויבט אָן צו שאפען זיך זיינע אייגענע געדאנקען איבער דער וועלט און אירע באַציאונגען; די נע׳ירשנ׳טע טראדיציעס זיינען פאר אים שוין מער ניט גענוג; ער הויבט אָן צו טראכטען און קריטיקירען. דאָס דענקען הויבט זיך אָן אין דעם מאָמענט, ווען דער מענש רייסט זיך אָפּ פונ׳ם אלגעמיינעם קאָלעקטיווען געדאנק. אין דער זעלבער צייט הויבט ער אָן זיך צו באפרייען אויך פון מאָראלישען דרוק פון כלל; ער עפענט נייע וועגען און שאפט זיך א באזונדערען קוק און א באזונדערע אָפּשאצונג פון לעבען.

באלד הויבען זיך אויף מעכטיגע פּערזענליכקייטען, וואס פירען די מאסען — אמאָל אויך דורך צוואנג און געוואלטיגען גייסטיגען איבערגעוויכט —

פון אלעמען,ביידע זיינען זיי — אין גרעסערער אָדער קלענערער מאָס — דער פּראָדוקט פון יעדען און פון אלעמען. געשאפען פון איינצעלנע, ווערען מלחמה און רעליגיע דער געמיינזאמער קנין פונ'ם כלל: מ י ט ד ע ר מ א כ ט פ ו ן א ו י ס ע ר ג ע ו ו י נ ל י כ ע פ ע ר ז ע נ ל י כ ק י י ט ע ן ג ע ה ע ן ז י י א ר י ב ע ר א י נ ' ם ב א ו ו א ו ס ט ז י י ן פ ו ן א ל ע מ ע ן.

זייענדיג דער שטארקסטער אויסדרוק פון פראגמאטישער און קולטור־געשיכטע, — זיינען אויך קריג און רעליגיע געוואָרען דאָס פעלד, אין וועלכען עס דריקט זיך אוים אם שטארקסטען די מאכט פונ'ם יחיד. דעריבער זיינען טאקע די נעמען פון די גרויסע מלחמה־פירער און רעליגיאָנס־גרינדער שטאר־קער דערהאלטען געוואָרען אינ'ם באוואוסטזיין פונ'ם כלל, איידער יעדער אנדערער מין פון היסטאָרישע פערזענליכקייטען. אלעקסאנדער דער גרויסער, צעזאר, נאפּאָלעאָן און מאָלטקע; בודהא, קאָנפוציוס, משה, קריסטוס און לוטער האָבען די קלינגענדסטע נעמען אין דער וועלט־געשיכטע. דער היינט־וועלטיגער דורכשניטליכער מאסען־מענש ווייסט גאָרניט וועגען ארכימעדן, ניוטאָנען און העלמהאָלץ'ן, פונקט אזוי ווי ער הויבט ניט אָן צו וויסען וועגען אריסטאָטעלעס, טאָמאַס אקווינוס, קאנט און דארווין; ער וויים אָבער די גרויסע העלדען־טאטען פון די קריגס־פירער און די וואונדער־מעשיות איבער די רעליגיאָנס־גרינדער. אונאפּהענגיג פון סוביעקטיווען ווערט פון קריג און רעליגיע, שטייען די קריגס־פירער און רעליגיאָנס־שאפער פיל העכער איבער דער מאסע, איידער די מענשען פון וויסענשאפט און קונסט. קיינער וועט ניט לייקענען, אז די ערשטע ערפארונגס־פאקטען פונ'ם לעבען, — אז אין וואסער דערטרינקט מען זיך, אז דורך פייער ווערט מען פארברענט, אז אויף א הארטען געגענשטאנד שטויסט מען זיך אָן און אין א גרוב פאלט מען אריין, — האָבען פאר'ן וואוילזיין פונ'ם מענשען און דער מענשהייט א פיל גרע־סערען ווערט, איידער אלעקסאנדערס מלחמות, צעזאר'ס זעלבסטהערשונג, נאפּאָלעאָנ'ס קייזערררייך אָדער די ווייזהייט פון קאָנפוציוס, די געזעצען פון משה און די ליבע פון קריסטוס. פונדעסטוועגען זיינען די ענטדעקונגען פון די דאָזיגע אמת'ן ניט פארבונדען מיט וועלכע עס איז נעמען, בעת די אנדערע בלייבען פול מיט רום אין דער געשיכטע. אויף די ערשטע לעבענס־ערפא־רונגען האָבען זיך מענשען אָנגעשטויסען אלע ג ל י י כ צ י י ט י ג, בעת רעליגיע און מלחמה זיינען געוועןן דער אויספלוס פ ו ן פ ע ר ז ע נ ל י כ ע ר א י נ י צ י א ט י ו ו. דעריבער זיינען קריג און רעליגיע די טיפישע אויס־דרוקען פון געשיכטע. זיי ווערען געשאפען פון יחידים און די מאסען באַ־טיילינען זיך אין זיי מער־ווייניג באוואוסטזיניג. להפך פון די וויסענשאפטען, זיינען זיי ניט אויסשליסליך א פּראָדוקט פון יחידים, וואס איז אונבאקאנט

אויסשעפּען: ווי נאָר עס קריסטאַליזירען זיך אויס באשטימטע פאָרמען פון דיינקען און לעבען, ווערען זיי פארוואנדעלט אין אונבאוואוסטע, מעכאנישע האנדלונגען, אין מנהגים, ביז עס דערהויבען זיך ניט ווידער גרויסע יחידים, וואָס לייזען אויף דאָס אלטע און שאפען מיט זייער אייגענער געניאליטעט נייע אינהאלטען. די מנהגים ביים מענשען זיינען דאָס זעלבע, ווי אינסטינקטען ביי חיות. דאָס זיינען מעכאַניש־געוואָרענע געוואוינהייטען, לעבענס־פאָרמען, וואָס ווערען אונבאוואוסט פארווירקליכט דורך די מענשען.

דעריבער נויטיגט זיך די געזעלשאפט אין כסדר׳דיגער דערפרישענדיגער טעטיגקייט פון קריטישע פּערזענליכקייטען, וואס זאָלען זי שיצען געגען פארגליווערונג. אלע קולטור־עלעמענטען זיינען אונטערגעוואָרפען דעם געזעץ פון דיאלעקטיק, און יעדער קולטור־עלעמענט, וואס ווערט אונפעאיג זיך צו באוועגען, — סיי צוליב אויסערליכען צוואנג און סיי צוליב אונטעטיגער גלייכגילטיגקייט,—ווערט דאריבער פארוואנדעלט אין א שטערונג פונ׳ם פּראָגרעס. אייביג און אלגעמיין — גילטיג זיינען בלויז די לעצטע געזעצען פון נאטור און מאָראל; די העכסטע פארווירקליכונג פון מאָראל־געזעצען זיינען די לעצטע אידעאלען פון דער מענשהייט. אויף אזא אופן באשטייט די געשיכטע אין כסדר׳דיגער פּאָרטשריטליכער דערנענטערונג צו די דאָזיגע אידעאלען; פּראָגרעס איז דאָס מוטיגע פּאָרווערטס־שטרעבען אויפ׳ן דאָזיגען וועג.

די מערסטע געשיכטס־פילאָזאָפען פון דער נייסטער צייט אונטערשעצען אָבער, ווי געזאָגט, צו שטארק די מאכט פון דער פּערזענליכקייט אין דער געשיכטע. באָקל, למשל, זעט אין דער געשיכטע בלויז צוויי פאקטאָרען, — דעם מענש און די נאטור. די ווירקונג פון דער נאטור אויפ׳ן מענשליכען גייסט און פונ׳ם מענשליכען גייסט אויף דער נאטור זיינען, לויט זיין מיינונג, די איינציגע מאטעריאלען, אויף וועלכע עס דארף אויפגעבויט ווערען די פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע. (6

דער פעלער פון באָקל׳ען באשטייט אין דעם, וואס ער פארגעסט דאָ וועגען אן אנדערען פאקטאָר, — די מענשען (אלס מאסע). די געגענזייטיגע ווירקונג צווישען מענש און נאטור איז בלויז איין זייט פון דער געשיכטע. די אנדערע זייט, וואס איז אפשר נאָך וויכטיגער, באשטייט אין דער געגענזייטיגער ווירקונג פון מענש און מענשען, צווישען מענש און קולטור. דער דאָזיגער פעלער האָט פארפירט באָקל׳ען צו דעם פארזוך אויפצושטעלען געזעצען פאר דער געשיכטע אויף א פאטאליסטישען אופן. ער האָט ניט איינגעזען די

6) Buckle: History of the Civilization in England, I, S. 46.

צו דעם אידעאל, וואס זיי האָבען זיך געשטעלט. באהערשט דורך נייע באַ־גריפען און אידעען טרעטען אויף ריזען, וואס ברעכען מיט דער געגענוואַרט און הויבען אויף די געזעלשאַפט — אמאָל אויך געגען איר ווילען — אויף זייער אידעאַל־געשאַפענער מדרגה.

„ווער האָט עס פאַראייניגט ווילדע שבטים און אריינגעצוואונגען די, וואָס האָבען זיך געשטעלט געגען דעם, אינ׳ם יאָך פון דעם כלל און פון פריד־ליכען לעבען? ווער האָט זיי דערהאַלטען אין אזא צושטאנד און באשיצט די באשטייענדע מלוכות געגען אויפלעזונג צוליב אינערליכער אונאָרדנונג אָדער דער צושטערונג דורך אויסערליכער קראַפט? ס׳איז ניט וויכטיג, וועל־כע נעמען זיי האָבען געטראָגען: אלענפאלס זיינען דאָס געווען העלדען, וואָס זיינען פאַראויסגעגאנגען פאר זייער צייט־אלטער אויף ווייטע שטרעקען. דורות וואס האָבען זיי דערפאר געהאסט און מורא געהאט פאר זיי, זיינען פון זיי געצוואונגען געווען אָנצונעמען זייער באגריף וועגען דעם, וואָס עס דארף געטאָן ווערען. דער באגריף, דער בלויזער באגריף וועגען דעם צושטאנד, וואס דארף פאַרווירקליכט ווערען, איז געווען גענוג כדי זיי צו באגייסטערען. און דאָס אונגעהויערע נחת, וואָס האָט געשטאַמט פאר זיי פונ׳ם דאָזיגען באגריף, האָט זיי באלוינט און ענטשעדיגט פאר אלע אנשטרענגונגען. (5

אינ׳ם מאָמענט ווען דער יחיד הויבט אָן צו ווערען באוואוסטזיניג וועגען זיך אליין, הערט ער אויף בלינדערהייט צו פאָלגען דער עקזיסטירענדער קולטור. ער לעזט זי אויף און דערקענט זי לויט איר גאנצען אינהאלט. ער באגנוגענט זיך ניט מיט׳ן ניט־פארשטאנענעם רעזולטאט און שטרעבט צו פארשטיין די ברייט פונ׳ם אינהאלט און די לייננ פונ׳ם פאָרשונגס־וועג. ער שטרעבט פון איין זייט צו דער אויפלעזונג פונ׳ם דערהאלטענעם רעזולטאט, פון דער אנדע־רער — צו זיין באנייטער צוזאמענשטעלונג. בעת יחידים באנייען און נעמען ארום אזעלכע טראדיציאָנעלע אינהאלטען פונ׳ם דיינקען, קריטיקירען זיי אויך די דאָזיגע אינהאלטען. די קולטור ווערט צו אן אָביעקט פון באטראכטונג מצד דעם יחיד. דער גאנצער היסטאָרישער פּראָצעס באשטייט טאקע אין ד ע ר ב א פ ר י י א ו נ ג פ ו ן ד ע ם י ח י ד, א י ן ז י י ן אָ פּ־ר י י ס ע ן ז י ך פ ו ן ד ע ר ג ע ז ע ל ש א פ ט א ו ן ק ו ל ט ו ר, א י ן ד ע ם פ א ר־ז י ך־ז י י ן פ ו ן ד ע ר פ ע ר ז ע נ ל י כ־ק י י ט.

דער היסטאָרישער פּראָצעס שוואנקט אָבער כסדר צווישען באוואוסטזי־ניגער זעלבסטשטענדיגער טעטיגקייט פונ׳ם יחיד און דער אונבאוואוסטער ענטוויקלונג פון די מאסען. די שאפענדע קראפט פונ׳ם מענשען לאָזט זיך

(5) Fichte: Grundzuege des gegenwaertigen Zeitalters, Berlin 1806, S. 97.

פ א ר ש י ד ע נ ע ר ע ז ו ל ט א ט ע ן, ווייל ס'איז פארשידען דערביי דער אנדערער פאקטאָר פון דער האנדלונג, דאָס „איך“. דאָס „איך“ און די סביבה אין פאָרם פון מאָטיוועו זיינען, צוזאמענגענומען, די פאקטאָרען פון יעדער האנדלונג. די נאטור פון דער דאָזיגער האנדלונג הייננט אָפּ פון דעם פארשידענעם אופן, אויף וועלכען דער אינערליכער פאקטאָר רעאגירט אויף די אויסערליכע. אָט די דאָזיגע פייאיגקייט צו רעאגירען אויף די אויסערליכע פאקטאָרען רופען מיר אָן פ ר י י ה י י ט. נאטירליך איז די פרייהייט, מיט וועלכער דער מענש פירט דורך זיינע האנדלונגען בלויז א רעלאטיווע, א בערך'דיגע; ז י וו א ק ס ט אָ ב ע ר מ י ט'ן ל ו י ף פ ו ן ד ע ר ג ע ש י כ ט ע און שטעלט פאר זיך אלס איר לעצטען אידעאל די אבסאָלוטע פרייהייט.

פרייהייט דארף אָבער ניט צוזאמענגעמישט ווערען מיט מאנגעל פון אורזאכען, מיט צופאל אָדער גרונדלאָזער הפקרות. פרייהייט איז אין א פיל גרעסערער מאָס א רעזולטאט פון שכל, פון אנזעאונג, אָרדנונג און זעלבסט־באהערשונג. אין דער מאָס, אין וועלכער די דאָזיגע מענשליכע אייגענשאפטען וואקסען אין פארלויף פון דער געשיכטע, — אין דער זעלבער מאָס ווערט אויך גרעסער די פרייהייט. ניט די אומשטענדען באהערשען דעם מענשען, נאָר דער מענש אליין שטרעבט זיך אלץ מער און מער צו באפרייען פון זייער מאכט און דערגרייכען דערמיט זיין אמת'ן „איך“. דער גאנצער היסטאָרישער פּראָצעס באשטעהט אין דער דאָזיגער שטופענווייזער באפרייאונג פונ'ם מענשען פון די כהות, וואס זיינען אויסער אים אָדער וואס ליגען אונבאוואוסט אין אים אליין.

אויב די געשיכטע איז אויף אזא אופן אן ארענא פון פרייע און אלץ פרייער ווערענדע יחידים, — דארף מען אָבער ניט ארייננפאלען אין אן איינזייטיגקייט און פארלייקענען אין דער געשיכטע לחלוטין יעדען צוזאמענהאנג און יעדע צוועקמעסיגקייט. אמת, ד י ג ע ש י כ ט ע ה אָ ט ט א ק ע נ י ט ק י י ן ש ו ם פּ ל א ן א ו ן ק י י ן ש ו ם ג ע ז ע צ ע ן, זי איז א פרייע געשטאלטונג פון יחידים. דאָך ווערט אין דער געשיכטע פארווירקליכט עטוואס אלגעמיינעס, א צוועק צו וועלכען אלע מענשען ציען זיך אין זייערע אינדיווידואליסטישע האנדלונגען. דאָס איז — די העכערונג פונ'ם לעבענס־ווערט, די פארווירקליכונג פון א מענשהייט, די פארבריערונג פון די מענשען. די מענשען לעבען ניט אין א נישט־שכל'דיגען כאאָס, ווי די חיות: אויף וויפיל זיי ווערען אין זייערע האנדלונגען געפירט דורך א צוועק אלס א מאָטיוו, ארבייטען זיי פאר דער פארווירקליכונג פון א ן א ל ג ע מ י י נ ע ם צ י ל, וואס קאָן אנגערופען ווערען ה ו מ א נ י ט ע ט אין בעסטען זין פונ'ם וואָרט. וואס ווייטער עס געהען פאָראויס די יחידים,

בערך'דיגע פרייהייט פון יחידים, די מאכט פון פערזענליכקייט, וואס באַשטייט אין דער פרייהייט זיך אליין צו באשטימען און אונטערוואַרפען צו זיך די ארומיגע סביבה.

די אויפשטעלונג אין דער געשיכטע פון נאַטור־נויטווענדיגע געזעצען, וואס באהערשען זי אויף א פאטאליסטישען שטייגער, די איגנאָרירונג פון דער מאכט פונ'ם יחיד און דאָס ניט־פארשטיין, אז דער היסטאָרישער פּראָצעס איז די געגענזייטיגע ווירקונג צווישען מענש (אלס יחיד) און מענשען (אלס רבים), — דאָס אלץ ברייננגט צו דער אפלייקענונג פון דער פרייהייט אין דער געשיכטע. אָפּלייקענען אָבער די פרייהייט אין דער געשיכטע איז פּונקט אזוי ניט־וויסענשאַפטליך און פאלש, ווי גלויבען אין א ב ס אָ ל ו ט ע ר פרייהייט. ווער עס אנערקענט די אבסאָלוטע פרייהייט, פארשטייט ניט די באדייטונג פון די אויסערליכע פאקטאָרען, פונ'ם „ניט־איך“ און מוז אלע ערשיינונגען ערקלערען בלויז מיט פּסיכאָלאָגיע. להפך, די וואס לייקענען אָפּ די פרייהייט, באשטייען אויף דער אבסאָלוטער מאכט פונ'ם טויטען און לעבעדיגען „ניט־איך“, אויף דער פולשטענדיגער ווערט־לאָזיגקייט פונ'ם „איך“, פונ'ם פּסיכאָלאָגישען פאקטאָר. דער אמת איז, אז א געשיכטליכער פאקט איז א רעזולטאט פון ע ט ל י כ ע ניט־גלייכע פאקטאָרען, — פון דער סביבה, פונ'ם לאַנד, דער פריערדיגער געשיכטע און דעם מענשען גופא. ווען מיר האָבען צו טאָן מיט די האנדלונגען פון א חיה, וואו די אויסערליכע פאקטאָרען האָבען אן איבערוויגענדע מאכט אין פארגלייך מיט די אינערליכע, פּסיכאָלאָגישע,— האָבען מיר פאר אונז אונענדליך־וויינינג פרייהייט. ביי מענשליכע האנדלונגען איז אָבער די לאַגע אנדערש: גראד דער מענש, די פּסיכישע קראפט, איבערוועגט דאָ אלע איבריגע פאקטאָרען און שטרעבט זיך אליין צו באשטימען.

ווען מען זאָל אלץ, וואס אן איינצעלנער מענש שטעלט מיט זיך פאָר און וואס ער טוט, באצייכענען מיט A קאָן מען דאָס דאָזיגע A פאנאנדערטיילען אין A+X. אין דעם "A„ געהט אריין אלץ, וואס ער באקומט פון זיין סביבה, פון לאַנד, פאָלק, צייט; דאָס "X„ דריקט אויס זיין א י י ג ע נ ע ם ב י י ט ר א ג, דאָס ווערק פון זיין פרייען ווילען. דאָס דאָזיגע "X„ מעג זיך זיין אבסאָלוט קליין, אפילו פארשווינדענד קליין, עס האָט אָבער אן אונענדליכען ווערט; עס ווירקט באשטימענד אויף די גאנצע נאַטור פון דער האנדלונג. די ווירקונגען, וואָס קומען פון דרויסען, פארוואנדלען זיך ביים מענשען אין מאָטיווען. מיט אנדערע ווערטער: דער מענש רעאגירט ניט אויף די דאָזיגע ווירקונגען אונמיטעלבאר לויט די געזעצען פון מעכאניק. ער נעמט זיך צייט צו פארגלייכען געגענזייטיג די מאָטיווען, צו באטראכטען די פּאַקטישע לאַגע און ארויסטראָגען זיין אייגענע אנטשיידונג. ג ל י י כ ע מ אָ ־ ט י וו ע ן ק אָ נ ע ן ה אָ ב ע ן ב י י פ א ר ש י ד ע נ ע מ ע נ ש ע ן

אַן אויפֿרוף צו דער אידישער יוגענט *)

די דורות־לאַנגע אונטערדריקונג פֿון אידען פֿאַרשטאַרקט זיך פֿון יאָר צו יאָר. פּאָגראָמען, מאַסען רדיפות, פֿאַרפֿאָלגונגען זיינען געוואָרען געוויינליכע ערשיינונגען אין אידישען לעבען. די מענשליכע ווירדע פֿון די אידען ווערט אומעטום געטראָטען מיט די פֿיס.

די אַלגעמיינע און גרונד אורזאַך פֿון דעם אידישען יאָך, פּונקט ווי פֿון מענשליכער אונטערדריקונג בכלל, ליגט אין דער ניט ריכטיגער פֿאַרטיילונג פֿון די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע כחות צווישען דער מענשהייט, דאָס הייסט, אין דעם קלאַסען כאַראַקטער פֿון דער געזעלשאַפֿט. די ספּעציפֿישע און נאָענטסטע אורזאַכען פֿון דער אידישער אונטערדריקונג ליגען אין דער רעכטלאָזינקייט און אין דער סאָציאַל־פּאָליטישער מאַכטלאָזיגקייט פֿון פֿאָלק. און אויב אונזער פֿאָלק איז ביז איצט פֿאַרבליבען אין דער געשיכטע, איז דאָס נאָר א דאַנק דעם, וואָס דער איד איז געווען ביכולת אין פֿאַרלויף פֿון זיין געשיכטע צו ערפֿילען אַזאַ סאָציאַל־עקאָנאָמישע פֿונקציע, וועלכע איז געווען נוצליך פֿאַר אַנדערע פֿעלקער.

אַלס סוחרים, באַזיצער פֿון קאַפּיטאַלען, און גרעסערע און קלענערע פֿאַרמיטלער צווישען פֿאַרשידענע קלאַסען, האָבען די אידען געהאָלפֿען אין דער אַנטוויקלונג פֿון די עקאָנאָמישע כחות פֿון לאַנד און דעם ברייטען אויסבייט פֿון סחורות, און זיינען, דעריבער, ביז א געוויסער צייט געדולדעט געוואָרען.

אָבער יעדעס מאָל, ווען די עקאָנאָמישע כחות פֿון א געוויסען לאַנד האָבען דערגרייכט א געוויסע הויך, און די איינגעבאָרענע באַפֿעלקערונג האָט אַליין געקענט ערפֿילען די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פֿונקציעס פֿון די אידען, פֿלעגען זיך נעגען זיי אָנפֿאַנגען רדיפות, וואָס האָבען זיך געשטאַרקט מיט'ן וואוקס פֿון די סאָציאַלע ווידערשפּרוכען אין דער געזעלשאַפֿט און וואָס פֿלעגען זיך געוויינליך ענדיגען מיט א פֿולשטענדיגען גירוש פֿון די אידען פֿון דעם באַשטימטען לאַנד.

אין דעם ליגט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אורזאַכע פֿון אַלע אידישע ליידען און פֿון זייער אייביגער וואַנדערונג פֿון לאַנד צו לאַנד.

---

*) ערשינען אין דער רוסישער שפּראַך אין בראָשור פֿאָרם „וואָזוואַניע ק' יעווורעיסקאָי מאָלאָדעזשי", אויסגאַבע פֿון ציוניסטען־סאָציאַליסטען, אין יאָר 1901. די איבערזעצונג איז פֿון חבר פּ. קרוזא.

אלץ מער ווערען זיי געפירט פונ׳ם צוועק און אלץ פעסטער ווערען זיי גע־בונדען מיט די גאָלדענע קייטען פון שכל. דער היסטאָרישער פּראָגרעס, וואס ווערט באשאפען דורך דער געמיינזאמער ווירקונג פון אונבאוואוסטע און באוואוסטזיניגע, פון צופעליגע און פרייע פאקטאָרען, איז דער גרויסער צוועק־צוזאמענהאנג פונ׳ם גאנצען מענשליכען טאָן. די יחידים זיינען טאקע יעדער באשעפטיגט מיט זיך אליין; אין דער זעלבער צייט ווירקען זיי אָבער אלע ביים לעבעדיגען קלייד פון דער געשיכטע. זיי פארווירקליכען אלע דעם ענד־צוועק פון דער געשיכטע, די הומאניטעט, און אָהן ערפאָלג, אָהן רום וועט פארבלייבען אינ׳ם לויף פון דער געשיכטע אלץ, וואס היסטאָרישע פּער־זענליכקייטען וועלען אויפטאָן אין צוזאמענהאנג מיט׳ן דאָזיגען גרויסען צוועק.

טעריעלע ליידען, טראָגט אויף זיך די מאסע דורך די שרעקען פון דער אנטי־סעמיטישער רעגירונג, פון דער פּאָליציי, פון מיטעל־שטאנד און פון דעם גראָבען המון.

הונגער,אָרימקייט און כאָאָטישער לויפען פון לאנד צו לאנד, גייסטיגע דעמאָראליזאציע — דאָס זיינען די נאטירליכע רעזולטאטען פון דער לאגע, וועלכע ווערט אלץ ערגער און ערגער.

דער געדאנק און דאָס געפיל ווייזען אונז אָן אויף צוויי וועגען פאר דער היסטאָרישער לייזונג פון דער אידען פראגע. ערשטענס, די ערוואַכונג אין די אידישע מאַסען פון רעוואָלוציאָנערע, פּאָליטישע אינסטינקטען, און די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באוועגונג מיט'ן פּראָלעטאַריאַט אין צענטער און מיט די איבעריגע אידישע מאַסען אין פעריפעריע; און צווייטענס, די אפּוועגדונג פון דער כאַאָטישער אידישער עמיגראַציע, דער איבעריגער אידישער וואַנדערונג אין איין טעריטאָריע פאַר דער פאָרמירונג פון א אידישער מלוכה אויף סאָציאַליסטישע יסודות. די טעריטאָריע — דאָס איז דאָס אלטע אידישע לאנד, ארץ ישראל, און די נאכבאר לענדער, וועלכע געפינען זיך אונטער דער הערשאפט פון ענגלאנד, ווי ציפּערן און סיני. אנשטאט וואס די אידישע מאסען זאָלען אויסגיין אונ־טער דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען דרוק און וואנדערען איבער דער גאנצער וועלט אָהן א ציל, ניט געפינענדיג פאר זיך קיין מקום מנוחה, לעבען פון ניט פּראָדוקטיווער ארבייט און גייסטיג פארקריפּעלט ווערען, דארף דער געדאנק און דאָס געפיל יעדען אונטערזאָגען, דאָס די קאָנצענטרירונג פון די עמיגרירענדע מאסען, וועמעס עקאָנאָמישע יסודות זיינען צוטרייסעלט, אין איין טעריטאָריע מיט'ן צוועק צו שאפען אזעלכע לעבענס פאָרמען, וועלכע זאָלען אנטשפּרעכען די מאטעריעלע און אידעאלע אינטערעסען פון די מאסען, איז די סאָציאלע נויטווענדיגקייט פון דער אידישערווירקליכקייט.

דער פּאָליטישער קאמף פון די אידישע מאסען אין די לענדער וואו זיי וואוינען און די שטרעבונג צו דער פארווירקליכונג פון אן אויטאָנאָמען אי־דישען צענטער איז ניט קיין ווידערשפּרוך, ווי דאָס קען זיך אויבערפלעכליך ארויסווייזען. די אידישע ווירקליכקייט איז אין איר עצם זייער א קאָמ־פּליצירטע.

די אידישע עמיגראציע איז א היסטאָרישער פּראָצעס, וואס קען זיך ניט פארענדיגען אין א קורצען משך פון צייט. דאָס רוב פון די אידישע מאסען וועט נאָך אויף א לאנגער צייט בלייבען אין די איצטיגע לענדער, און זיי מוזען דעריבער אומפארמיידליך רעאגירען אויף זייער לאגע, קעמפּען פאר זייער עקאָנאָמישער אויסבעסערונג און פאר זייערע פּאָליטישע רעכטע, פאר

אין דער איצטיגער צייט לעבען די אידען איבער אייגעם פון די שווער־סטע מאָמענטען אין זייער געשיכטע.

אין רוסלאנד, רומעניען און עסטרייך, דאָרט וואו עס לעבט די גרעסטע מערהייט פון אידישען פאָלק, איז זייער ספּעציפישע טעטיגקייט פאר דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פון לאנד געוואָרען אן איבעריגע, און די געזעל־שאפטליכע קאָנקורענץ מיט'ן וואוקס פון די געזעלשאפטליכע ווידערשפּרוכען שטרעבט צו דעם, אז מען זאָל זיי אין גאנצען באזייטיגען פון אלע פּאָזיציעס פון לעבען. אין די לענדער זיינען די אידען שוין פון לאנג בארויבט געוואָרען פון זייערע בירגערליכע און פּאָליטישע רעכט; און יעצט ווערען די קוואלען פון זייער לעבען אלץ מער צוגעשלאָסען.

א גאנצע רייע פון טעטיגקייטען ווערט זיי פארבאָטען; די בילדונג אנשטאלטען זיינען פאר זיי פארמאכט; די פּראָדוקטיווסטע ארבייט, ווי ערד ארבייט, איז פאר זיי אין גאנצען ניט צוגענגליך, אין עטליכע לענדער, ווי אין רומעניען, ווערען די אידען געטריבען ווי פרעמדע. די ווילדע אויס־געשרייען געגען זיי קלינגען אלץ העכער און העכער, עס ווערען באנייט די באשולדיגונגען פון מיטעלאלטער, און אידישע מארטירער שמאכטען אין די טורמעס און ווערען צו דער תליה געפירט.

פון אָט דער אונערטרעגליכער לאגע ליידט אין א פארשידענער פאָרם און מאָס די גאנצע אידישע נאציע, מיט דער אויסנאם פון דעם גאָר רייכען און פּריווילעגירטען קלאס. ליידט מאטעריעל און גייסטיג. עס ליידט דער אידישער מיטעל־קלאס, וועלכער ווערט געדריקט פון דער ניט אידישער קאָנ־קורענץ, דעם געזעלשאפטליכען באָיקאָט, און די אונטערדריקונגען מצד דער רעגירונג. עס ליידט די אידישע אינטעליגענץ, פון וועלכער מען נעמט אוועק יעדע מעגליכקייט פון אויסנוצען אירע כחות אין לעבען.

אָבער מער פון אלעמען ווערט געדריקט די אָרימע מאסע, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר 80 פּראָצענט פון אידישען פאָלק, און וועלכע ערפילט די ספּעציפישע אידיש־עקאָנאָמישע פונקציע פון קליינער פארמיטלערשאפט צווישען די געזעלשאפטליכע קלאסען. אונטער דעם דרוק פון דער רעגירונג און דעם געזעלשאפטליכען אנטיסעמיטיזם פארלירט די מאסע ביסלעכוויין אלע לעבענס מיטלען און ווערט פאר'משפט צום אונטערגאנג. דער איבער־גאנג צו פּראָדוקטיווער ארבייט איז פאר די מאסען זעהר שווער, אויב ניט אינגאנצען אונמעגליך, ווייל אויך די ארבייטענדע עלעמענטען פונ'ם אידישען פאָלק זיינען אונטערוואָרפען דעם זעלבען אנטיסעמיטישען דרוק, און באַ־גרענעצט אין דער מעגליכקייט פון געפינען ארבייט, און אלס א פרעמדער און רעכטלאָזער עלעמענט פון לאנד טיילט ער אויס פון זיך א שטענדיג וואקסענ־דען קאָנטיגענט פון דער רעזערוו ארמיי פון ארבייטסלאָזע. אויסער די מא־

טעטיגקייט, וועלכע פארענטפערען אין גלייכער מאָס די אידישע פראגע, אויף צוויי פריינדליכע, אָבער אין גאנצען זעלבסטשטענדיגע אָרגא־ניזאציעס.

די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראטישע באוועגונג, מיט א מיטפילענדער באציאונג צום סאָציאַליסטישען ציוניזם, און צו דער אידעע פון דעם אידישען ווידערגעבורט, און די סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע באוועגונג מיט איר טעאָ־רעטישער אנערקענונג פון דער נויטיגקייט פון א רעוואָלוצאָנער־סאָציאַליס־טישער באוועגונג צווישען די אידען אין די לענדער, וואו זיי וואוינען — דאָס זיינען אָט די צוויי פאָרמען פון אָרגאניזאציע, וועלכע קענען געבען א ברייטען ענטפער אויף דער אידישער פראגע און אויף די נויטען פון די אי־דישע מאסען.

צוזאמען מיט דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישען מאָמענט, וועלכער דיקטירט אונז די נויטווענדיגקייט פון דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם, איז פאראן נאָך א טיפער קולטור־פסיכאָלאָגישער מאָטיוו, פון וועלכען דער סאָציאַליסטישער ציוניזם שפּראָצט ארויס. די אידישע נאציע איז איינע פון די באגאבטעסטע און געניאַלסטע נאציעס פון דער מענשהייט.

אז דאָס אידענטום האָט בייגעטראָגען דעם גרויסען חלק צו דעם מענש־ליכען קולטור אוצר, איז דער אנערקענטער פאקט פון דער געשיכטע. די אויסערליכע לאגע, זיין היימלאָזיגקייט און פארשקלאפונג האָבען פארוואנ־דעלט דאָס דאָזיגע אויסערגעוויינליכע פאָלק אין א קאריקאטור, צום שפּאט פון דער וועלט און צו א לאסט פאר זיך גופא, און פון וועלכען די גאנצע וועלט שפּאָט, פארקריפּעלט זיין נשמה. די אידישע נבואה איז פארוואנדעלט געוואָרען אין תלמוד׳ישער מאָראללאָזער גנעצענדינעריי, די אידישע אוני־ווערסאַל־עטיק — אין א אידישער אוניווערסאַלער בערזע, נאציאָנאַלע שאַ־פונג — אין א נארישער נאָכקרימעניש; די שפּראך — אין א יאמערליכען זשארגאָן, די אינדיווידואליטעט — אין א פרעמדער אונטערטעניגקייט, גייסטיגע שאפונג — אין א קראנקהאפטער פּלפּוליסטיק, דאָס סאָציאַלע לעבען — אין לויפעניש און וואנדערונג, און די געשיכטע—אן אן אייביגען קרעכץ.

דאָך ניט קוקענדיג אויף דעם גאנצען טראגיזם פון דער נאציע, ניט קוקענדיג אויף דער קלאָגעדיגער קאריקאטור פון איר לעבען, ניט קוקענדיג אויפ׳ן מאנגעל פון קאָנקרעטע נאציאָנאַלע פאָרמען, איז די לעבענספעאיג־קייט און איר ספּעציפישע באגאבטקייט אזוי גרויס, דאס נאָך אויך איצט פארמאָגט זי מעכטיגע שאפונגס־כחות, הויפּטזעכליך פון דעם עטישען און סאָציאַליסטישען מין, וועלכע קענען ביי א נאָרמאַלער געשיכטליכער אנט־וויקלונג זיך פאנאנדערבליען אין א גרויסער נאציאָנאַלער קולטור. דער שאפונגס־פייער פון אידענטום איז ניט אויסגעלאָשען; אין דער צופוילטער,

דעם אלגעמיינעם אידעאל פון קאָלעקטיווער ארבייט און פאר דער אייגענער מענשליכער ווירדע. אָפּציען די מאסען פון קאמף אויף די ערטער אין נאָמען פון דער אידישער אויטאָנאָמיע אין פאלעסטינא וואָלט געמיינט איבערגעבן די אידישע מאסען און די גאנצע נאציע דעם שונא אין די הענט, און פירען דאָס אידענטום צו א פולשטענדיגער מאטעריעלער און גייסטיגער ירידה. פון דער אנדערער זייט אָבער איגנאָרירען אין נאָמען פון קאמף פאר'ן סאָציאליזם און פאר דער אויסבעסערונג פון דער ארבייטער לאגע די סכנות פון אידישען לעבען, וועלכע די סאָציאל־דעמאָקראטישע טעטיגקייט קען ניט אין גרונד גענומען באזייטיגען, — איז א פארברעכען געגען די דרינגענדע אידישע אינטערעסען. ענטפערען צו די געטריבענע, עמיגרירענדע ארבייט־ און מקום־מנוחה־זוכענדע מאסען מיט דער אָנווייזונג אויף דער צוקונפטיגער סאָציאליסטישער אָרדנונג, — איז גלייך ווי געבען זיי שטיינער אנשטאט ברויט.

די סאָציאל־דעמאָקראטיע און דער סאָציאליסטישער ציוניזם זיינען, דעריבער, יענע צוויי באוועגונגען, וועלכע ענטפערען אויף די רעאלע נויטען פון די אידישע מאסען און אויף דער אידישער פראגע אין אלגעמיין. א גאנצע רייע פון טאקטישע אורזאכען מאכען עס דאָך פאר אומצוועקמעסיג די פאראייניגונג פון דיביידע טעטיגקייטען אין איין אלגעמיינער פראקטישער פראָגראם און מאכט, פארקערט, נויטיג זייער פאנאנדערטיילונג אין צוויי זעלבסטשטענדיגע און פריינדליכע אָרגאניזאציעס. די צילען און מיטלען פון אָט דיביידע פאָרמען פון געזעלשאפטליכער טעטיגקייט ליגען אין פארשידענע ספערען; די באציאונג פון די הערשענדע קלאסען און רעגירונגען צו ביידע באוועגונגען איז אין גאנצען פארשידען; די פארבינדונגען פון דער סאָציאל־דעמאָקראטיע און די פארבינדונגען פון דעם ציוניסטישען סאָציאליזם מיט אנדערע געזעלשאפטליכע שטרעמונגען ליגען אין פארשידענע ריכטונגען: די אידישע סאָציאל־דעמאָקראטיע דארף זוכען פארבינדונגס פונקטען מיט די אָרטיגע ארבייטער, און אמאָל אויך מיט ליבעראלע פארטייען; דער סאָציאליסטישער ציוניזם, אָבער, מוז שטרעבען צו ווירקען אויפ'ן בירגערליכען ציוניזם און אויף די אידישע פילאנטראָפּישע אינסטיטוציעס אין אלגעמיין. די באציאונג פון די אידען צו דער סאָציאל־דעמאָקראטיע און צו דעם ציוניסטישען סאָציאליזם איז א פארשידענע; פילע עלעמענטען, וואס זיינען נאָך ניט גרייט אויפצונעמען די אידעען פון דער סאָציאל־דעמאָקראטיע, קענען זיך אָבער אָנשליסען אן דעם ציוניסטישען סאָציאליזם, וועלכער געפינט זיך אויסער דער ספערע פון קלאסען אינטערעסען. אָט די מאָמענטען, און פילע אנדערע, דערווייזען די פראקטישקייט און שכל'דיגקייט פון פאנאנדערטיילען די דאָזיגע צוויי פאָרמען פון אידישער געזעלשאפטליכער

דער אידישער בורזשואזיע. ווען אונטער דער ווירקונג פון דער פולער עמאנציפאציע פון די פריווילעגירטע אידען אין רוסלאנד איז אויסגעוואקסען די אידישע בורזשואזיע און האָט אַנגעפאנגען איר רויבערישען אנגריף אויף דער וועלט, איז דאָס געווען אין די פּאָליטישע אינטערעסען פון דער בור־זשואזיע צו פארלייקענען די אידישע נאציאָנאליטעט און אנשטאט איר באַ־שאפען די טעאָריע פון א אידישער רעליגיעזער מיסיע. אזוי ווי דאָס אי־דענטום האָט ניט קיינע קאָנקרעטע נאציאָנאלע פאָרמען, האָט אָט דער בור־זשואזער אנטי־נאציאָנאליזם באהעפּט זיך אויך צו דער אידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט געשעפּט איר גאנצע אויפקלערונג און אנטוויקלונג פון פרעמדע קולטורען. דער אנטינאציאָנאליזם פון דער אידישער סאָציאליסטישער אינ־טעליגענץ און דורכדעם, ווען אפילו אין א קלענערער מאָס, אויך פון די אידישע אָרגאניזירטע מאסען, פליסט ארויס פון דעם, וואס זיי האָבען זיך נאָך ניט אין גאנצען באפרייט פון דער אנטי־אידישער פּסיכאָלאָגיע, וועלכע זיי האָ־בען איבערגענומען פון דער אידישער בורזשואזיע.

אין די אויגען פון די אידישע סאָציאליסטען איז די אידעע פון דער אידישער ווידערגעבורט דיסקרעדיטירט, אמת, אין יענער בורזשואזא־רעאק־ציאָנערער פאָרמע, וועלכע דער מאָדערנער ציוניזם האָט אָנגענומען. עס איז שוין אָבער צייט ענדליך צו באגרייפען דעם מהות פון דער באוועגונג און די אורזאכען, וואָרום זי האָט אונפארמיידליך געמוזט אָננעמען דעם מיזעראבלען רעאקציאָנערען כאראקטער.

ניט פון דער שטרעבונג פון דער אידישער בורזשואזיע צו געפינען אן אָרט פאר דער פארווענדונג פון אירע פרייע קאפּיטאלען, און ניט פון איר שטרעבונג צו פּאָליטישער הערשאפט איז ענטשטאנען דער ציוניזם, ווי דאָס ווילען האָבען מאנכע סאָציאליסטען. דאָס איז פּונקט אזא גראָבע ווי א נאַ־איווע ערקלערונג פון דער דאָזיגער באמת מערקווירדיגער באוועגונג. דער ציוניזם איז ארויסגעקומען פון דעם באוואוסטזיין פון די אידישע מאסען, אז אלע זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס זיינען צוטרייסעלט, און פון זייער שטרעבונג צו א בעסערער ווירקליכקייט. צו דעם סאָציאל־עקאָנאָמישען מאָטיוו קומט צו דער נאציאָנאלער אינסטינקט און דאָס נאציאָנאלע זעלבסט־באוואוסטזיין, וואס איז געוואָרען דער גייסטיגער שעפּערישער מהות פון דער באוועגונג. אָבער ניט דער סאָציאל־עקאָנאָמישער און ניט נאציאָנאל־קולטורעלער מאָטיוו פון ציוניזם האָבען נאָך קיין צייט ניט געהאט זיך צו דיפערענצירען לויט קלאסען קאטעגאָריען. דערפון שטאמט דער גאנצער בירגערליך־רעאקציאָנערער כאראקטער פון ציוניזם. דער עקאָנאָמישער באזיס פון די אידישע מאסען, וועלכער איז צוטרייסעלט פון אנטיסעמיטיזם, אנטהאלט אין זיך באמת פילע פארשידענארטיגקייטען: ער שטעלט זיך

פארשטיקטער אטמאָספערע פון שקלאפעריי איז ער נאָר געוואָרען בלאסער און טונקעלער און קאָן זיך ביי בעסערע באדינגונגען פאנאנדערברענגען אין א שטארקער, ליכטיגער זון.

צו באשאפען די באדינגונגען פון דער פאנאנדערבליאונג פון דער אידישער נאציאָנאליטעט, געבען ברייטקייט די שעפערישע כחות פון דעם געשיכטליך מערקווירדיגען אידישען פאָלק, — ד אָ ס א י ז ד י נ א־צ י אָ נ א ל ע א ו י פ ג א ב ע פ ו ן ס אָ צ י א ל י ס ט י ש ע ן צ י ו־נ י ז ם.

און אין דער הינזיכט פילט זיך דער סאָציאליסטישער ציוניזם צוגלייך מיט דעם אלץ באפרייענדען אינטערנאציאָנאלען סאָציאליזם, אויף דער רויטער פאָן פון וועלכען עס איז אויפגעשריבען: נ א צ י אָ נ א ל ע פ ר י י ה י י ט א ו ן ב ר י י ט ע מ ע ג ל י כ ק י י ט ע ן פ א ר ד ע ר נ א צ י אָ נ א ל ע ר ק ו ל ט ו ר פ א ר א ל ע א ו נ ט ע ר ד י ק ט ע פ ע ל ק ע ר!

דער סאָציאליסטישער ציוניזם שטעלט זיך אויך אלס אויפגאבע די ברייטע גייסטיג־קולטורעלע טעטיגקייט. די אידישע מאסען ווערען פאר־הארטעוועט אין אונוויסענהייט, אין רעליגיעזער פינסטערניש, אין תלמוד'י־שער געצענדינעריי. אין דער אונוויסענהייט און פינסטערניש ווערען די אידישע מאסען געהאלטען פון די רבנים, פארקויפטע „רעגירונגס"־רבנים, פון דער אידישער בורזשואזיע און פון דער רעגירונג. דער סאָציאליסטישער ציוניזם ערקלערט מלחמה אָט די אלע פינסטערע און בייזע כחות אין נאָמען פון ליכט, אין נאָמען פון אמת, אין נאָמען פון דער אידעע פון נאציאָנאלען ווידערגעבורט.

אין דער פראקטיצירטער אידישער רעליגיע, וועלכע איז, לויט דעם געניאלען אויסדרוק פון היינע, גאָר ניט קיין רעליגיע, נאָר אן אונגליק, זעט דער סאָציאליסטישער ציוניזם די הויפט שטערונג צו קולטור, וויסען און פרייהייט. די דאָזיגע פראקטיצירטע רעליגיע צוקריפעלט דעם אידישען מוח און נשמה, שטייט אין וועג פון יעדער זעלבסט־טעטיגקייט און האלט דאָס פאָלק אין שקלאפען־קייטען.

אָט די פינסטערניש וויל דער סאָציאליסטישער ציוניזם צוטרייבען און אריינברייגען אין פאָלק דאָס ליכט פון דעם סאָציאליסטיש־נאציאָנא־לען אידעאל.

די אידישע סאָציאליסטישע יוגענד באציט זיך אינדיפערענט, אויב ניט אין גאנצען פיינדליך, צו דער אידעע פון א אידישער מלוכה און פון דעם אידישען נאציאָנאלען ווידערגעבורט.

דאָס איז אין דער ווירקליכקייט ניט מער ווי אן איבערלעבעניש פון

פון **בירגערליך־רעאקציאָנערען כאראקטער פון ציוניזם**, ווי דאָס זאָגען די סאָציאַליסטען, נאָר עטוואס דיאמעטראל־געגענגעזעצטעס, און נעמליך — **די נאָך ניט פולשטענדיג אנערקענטע מאטעריעלע און אידעאלע קלאסען אינטערעסען פון די אידישע מאסען**.

דער ציוניזם האָט זיך אין זיין נאציאָנאלען אידעאל ניט געקענט אויפהויבען העכער פון א רעגירונג מיט אידישער עקספלואטאציע און אידישער אונטערדריקונג. אָהן וועלכען עס איז אידעען־צופלום מצד די סאָציאַליסטישע עלעמענטען איז די ציוניסטישע באוועגונג געוואָרען אלץ מער און מער רעאקציאָנער. זי האָט זיך פאראייניגט מיט די רעאקציאָנערע רבנים, האָט באשאפען א צבועקישען קולט פון דער אידישער רעליגיע. אירע פארטרעטער פארנעמען זיך מיט דעם שענדליכען אמט פון רעגירונגס־רבנות און זי פריידיגט דעם אידישען פאָלק דאס איבערצורייסען מיט אלע פראָגרעסיווע און ערהאבענע אידעען פון דער מענשהייט, וועלכע האָבען כלומרשט אָפּגענארט דאס אידישע פאָלק. דער גייסטיגער עלעמענט פון דער ציוניסטישער באוועגונג זיינען געוואָרען אלע יענע צופוילטע, אונווי־סענדע און אידעען־לאָזע אינטעליגענטען, וועלכע זיינען געוועזען גייסטיג צו שוואך צו פארדייהען די אידעע פון סאָציאליזם.

אָבער נאָך דעם אלעמען האָבען די אידישע סאָציאַליסטען קיין רעכט ניט צו ווארפען שטיינער אין דעם מאָדערנעם ציוניזם, וואָרים זיי האָבען זיך צו זיין סאמע עצם באצויגען פיינדליך און האָבען זיך ניט נאָר ניט אנגעשטרענגט אריינצוברייגען אין אים די סאָציאַליסטישע אידעע, נאָר האָבען נאָך פאלש פאָרגעשטעלט זיין ענטשטעהונג און זיין אינווייניגסטען תוכן, זעהענדיג אין אים די שטרעבונג פון דער אידישער בורזשואזיע צו געלט־מאכעריי און הערשאפט. די רעאקציאָנער־בורזשואזע פאָרם פון דעם איצטיגען ציוניזם באפרייט ניט די אידישע סאָציאַליסטען פון זייערע פליכטען אין באצוג צו דער אידען־פראגע און צו דער אידעע פון דעם אידישען ווידערגעבורט, נאָר פארקערט לייגט אויף זיי ארויף א הייליגען חוב אריינצוברייגען ליכט אין אָט דער טיפער פאָלקס ערשיינונג און מאכען פון אים א סאָציאַליסטישע באוועגונג.

אוטאָפּיע! וועלען אויסשרייען אונזערע געגנער, ניט האָבענדיג קיינע אנדערע לאָגישע אויסזעצונגען.

די דאָזיגע איינווענדונג מצד די סאָציאַליסטען וועלען מיר אויפנעמען מיט דער גרעסטער קאלטבלוטיגקייט.

די גרינדונג פון פארשידענע עקאָנאָמישע אסאָציאציעס איז איינע פון די הויפט טעטיגקייטען פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם, פון וועלכע פילע

צוזאמען פון דער ארבייטערשאפט, פון קליינעם הענדלער, פון דער פארמיטלעריי א. א. וו. און דערביי איז די אומפּראָדוקטיווע טעטיגקייט די הערשענדע פאָרם פון ווירטשאפטליכען לעבען. אָבער אָט די עקאָנאָמישע פארשידענארטיגקייטען האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איין אלגעמיינעם סאָציאל־עקאָנאָמישען מאָטיוו — צו שטרעבען צו א נייער ווירקליכקייט, אָהן דאָס די מער קריטישע עלעמענטען פון די מאסען זאָלען אריינטראָגען אין אָט דעם אלגעמיינעם מאָטיוו דעם קלאסען געדאנק.

ביי די מאכטלאָזע, גייסטיג־שוואכע, אומגליקליכע און שקלאפישע מאסען פון אידישען פאָלק, וועלכע זיינען נאָך ניט צוטרייסעלט געוואָרען דורך א קלאסען דיפערענצירונג, האָט זיך די שטרעבונג צו א נייער ווירקליכקייט פארבונדען מיט אלע רעאקציאָנערע און אונגליקליכע איינהאלטען פון זייער לעבען. אָט די מאסען זעען די מאטעריאל־עקאָנאָמישע ליידען פון פאָלק פון שטאנדפונקט פון קליין־בורזשואזען לעבען, דער אידעאל פון דער אידישער צוקונפט איז ביי זיי פארבונדען מיט די רעאקציאָנערע תשובות פון זייער ווירקליכקייט, די מיטלען פאר דער דערגרייכונג פון דעם אידעאל שעפען זיי פון יענער שקלאפישער פאטאלאָגישער פסיכאָלאָגיע, וועלכע האָט זיך אויסגעארבייט אין די מאסען אין פארלויף פון יאָרהונדערטער.

און אויב דער סאָציאל־עקאָנאָמישער מאָטיוו פון ציוניזם איז כאאָטיש, ניט באלויכטען פון קלאסענבאוואוסטזיין און פארבונדען מיט דער גאנצער שקלאפישער און מיזעראבעלער פסיכאָלאָגיע פון די אידישען מאסען, האָט דער נאציאָנאלער מאָטיוו, וועלכער שפּילט אין דער באוועגונג די ראָל פון א שאפענדען כח, נאָך מער געטריבען די באוועגונג אין דער ריכטונג פון רעאקציע. די פּראָגרעסיווע נאציאָנאלע עלעמענטען פון דער אידישער פסיכיק זיינען פארטונקעלט מיט רעליגיעזע טראדיציעס און רעאקציאָנערע אָנהויפונגען פון שקלאפישען לעבען פון פאָלק. דער קלאסען־מעסיג ניט־דיפערענצירטער ציוניזם האָט באשאפען זיין נאציאָנאלע אידעאָלאָגיע הויפטזעכליך פון די רעאקציאָנערע עלעמענטען פון דעם אידישען נאציאָנאליזם: רעליגיע, טראדיציע און פאָלקס זיטען.

ניט פון די קלאסען אינטערעסען פון דער אידישער בורזשואזיע, ניט פון איר שטרעבונג צו געלט־מאכעריי אָדער פּאָליטישער הערשאפט שטאמט דער בירגערליך־רעאקציאָנערער כאראקטער פון ציוניזם, נאָר פון דער אונוויסענהייט און פינסטערניש פון פאָלק און פון דער ניט גענוגענדער דורכדרינגונג פון דעם קלאסען־באוואוסטזיין און דער רעוואָלוציאָנער־סאָציאליסטישער אידעע אין די מאסען.

ניט די קלאָר באוואוסטזיניגע אינטערעסען פון דער אידישער בורזשואזיע איז די אורזאך

בילדונג זיינע בעסטע מיטהעלפער, אין דער צייט ווען דער רעאקציאָנערער ציוניזם בויט זיין געביידע אויף דעם צופוילטען פונדאמענט פון דעם פאטאָלאָגישען אידענטום. ניין, הערען ציוניסטען פון דעם רעאקציאָנער־בירגערליכען לאגער, איר האָט געמאכט דעם ציוניזם אונמעגליך, איר האָט אים פאַרוואנדעלט אין אן אוטאָפּיע פון שקלאפעריי, אין נאציאָנאלע קריכעניש, איר האָט דערווייטערט פון אים די אויפגעקלערטע פאָלקסמאסען און די סאָציאליסטישע אינטעליגענץ און איר האָט, צו אונזער גרעסטען באדויערען, פון אים צוגענומען אלע לעבענס־זאפטען.

מיר ציוניסטען־סאָציאליסטען הויבען אויף די עכטע פאָן פון דער אידישער פרייהייט, מיר לעבען אויף דעם אידענטום, אריינברייגענדיג אין אלע ערשיינונגען פון זיין לעבען דעם גרויסען אידעאל פון סאָציאליזם. מ י ר זיינען צ י ו נ י ס ט ע ן!

און וואס מער דער איצטיגער ציוניזם דערנענטערט זיך צו זיין פאַרווירקליכונג, און וואס מער עס ווערען צייטיג אלע יענע אינסטיטוציעס, וועלכע דארפען עפענען די קאָלאָניזאציע, אלס קלאָרער ווערט די נויטווענדיגקייט פון דעם סאָציאליסטישען ציוניזם.

די רעאקציאָנער־בורזשואזע ציוניסטען ווילען א קאָלאָניזאציע אויף קאפיטאליסטישע יסודות און פאר׳משפט׳ען דורך דעם דעם ציוניזם צום טויט. זיי טראָגען אריין אין דער באוועגונג גלייך ביים אנפאנג די בירגערליכע קלאסען אינטערעסען און באשאפען יענע סאָציאלע מכשולים, צוליב וועלכע דער ציוניזם וועט מוזען צוזאמענברעכען. איצט איז די ציוניסטישע באוועגונג, ביי אלע אירע חסרונות, אלטרואיסטיש אין איר ענדציל, אָבער ביי דער פראקטישער טעטיגקייט וועלען ארויפשווימען די אינטערעסען פון די קאפיטאליסטען, דער בורזשואזיע, די טעכניקער, די אגראָנאָמען, די אָנגעשטעלטע און די אלע אנדערע, וועלכע קריכען פאר די הערשענדע קלאסען. עס וועט זיך דאן פאנאנדערברענען דער קלאסען קאמף, וועלכער וועט פאַרניכטען די אידישע מלוכה ביי איר סאמע אָנפאנג. דער באשאפענער געגענזאץ פון די אינטערעסען וועט זיין יענער פעלז אָן וועלכען דער ציוניזם וועט צושמעטערט ווערען. און ווען אנשטאט פרייהייט און ווידערגעבורט וועט אָנקומען קלאסען־האס און באנקראָט, וועלען די רעאקציאָנער־בורזשואזע ציוניסטען זיין די שולדיגע פאר דעם געריכט פון דער אידישער געשיכטע.

ניט וויינינער שולדיג וועלען זיין אויך די אידישע סאָציאליסטען, אויב זיי וועלען בלייבען שטעהן פון ווייטען. זיי האָבען די מעגליכקייט אנטקעגענצושטעלען דעם רעאקציאָנער־בורזשואזען ציוניזם זייער סאָציאליסטישע מאכט און אָנווענדען די באוועגונג אין א סאָציאליסטישער ריכטונג.

און זייער זינד געגען דעם אידישען פאָלק וועט זיין דערפאר שווערער,

ערוואַרטען זאָגאַר די פאַרווירקליכונג פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט בכלל. קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניזאַציע איז דער וועג, וועלכער דאַרף פירען צו דער פאַרווירקליכונג פון דער אידישער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט צום נצחון פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט.

און אויב קאָאָפּעראַציע ענטוויקעלט זיך און האָט ערפאָלג אין די אַלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, דאַרף זי געוויס פאַרנעמען איר פּאָזיציע אין א נייער געזעלשאַפט. יאָ, לויט אונזער בליק איז דאָס דער אייגציגער תנאי פאַר אן ערפאָלגרייכער קאָלאָניזאַציע אין אַלגעמיין.

דער פּאָרוואורף פון אוטאָפּיע פאַר די ציוניסטען קען ביי אונז ארויס־רופען נאָר א שמייכעל פון מיטלייד.

אויב אימיצער פאַרדינט דעם פאַרוואורף אין א נידעריגען און שלעכטען אוטאָפּיזם זיינען דאָס די רעאַקציאָנערע ציוניסטען. די אונמעגליכקייט ארויסצוגעהן פון דער ספערע פון זייער אייגנער פּסיכאָלאָגיע, די עם הארצישע זיכערקייט אין דער אונבאוועגליכקייט פון דער וועלט און דער אונפייאיגקייט פון לעבען צו פאַרווירקליכען העכערע און פאַרנינפטיגערע פאָרמען — איז דער מיזעראַבעלער רעאַקציאָנערער אוטאָפּיזם פון זעלבסט־צופרידענע מענשען און די הערשענדע קלאַסען. אוטאָפּיסטען זיינען יענע ציוניסטען, ביי וועמען דער ערפאָלג הייננט אָפּ אן דעם קאַפּריז פון סולטאַן און דער אזוי אָנגערו־פענער דיפּלאָמאַטיע. די ציוניסטען סאָציאַליסטען זיינען פריי פון דעם פּסעוודאָ־ראָמאַנטישען טשאַד, לויט וועלכען די קאָלאָניזאַציע דאַרף זיך אָנ־פאַנגען נאָר אין דעם „היילינגען לאַנד", און ניט אין די פרייע לענדער פון ענגלאַנד, וועלכע זיינען אין שכנות מיט ארץ ישראל. ניט יענע זיינען או־טאָפּיסטען, וועלכע געניסען צוזאַמען די אידעאַלען פון דעם אידישען ווידערגע־בורט מיט די הייליגע אידעאַלען פון דער גאַנצער מענשהייט. פאַר'משפּט צו א לאַנגזאַמען טויט איז די ארבייט פון יענע, וועלכע שטעלען זיך פאָר, דאָס מען קען באַגייסטערען מענשען צו שקלאַפעריי און מאָראַלע אַבסורדען.

ערשט דער סאָציאַליסטישער ציוניזם מאַכט דעם ציוניזם מעגליך, ער בריייטערט אויס דעם באַגריף פון ארץ ישראל און מאַכט מעגליך גלייך אָנצו־הויבען די רעאַליזאַציע פון אן אידישער מלוכה. ער ברייננט דעם ציוניזם אין פולען הסכם מיט די מאַטעריעלע און אידעאַלע אינטערעסען פון די פאָלקס מאַסען און מאַכט פון אים א גרויסען אידעאַל, פאַר וועלכען דאָס פאָלק וועט קעמפפען און לעבען. ער וועקט די אידעאַליסטישסטע און אויפגעקלערטעסטע עלעמענטען פון אידענטום און שטעלט זיי אין זיין אוואַנגאַרד, אין דער צייט ווען דער בורזשואַזער ציוניזם קלייבט נאָר אויף די דערנער און צוטרעט מיט די פיס די בלומען. ער קעמפפט געגען די פּאַטאָלאָגישע געוויקסען פון דעם אידישען לעבען, געגען קלעריקאַליזם און טראַדיציע און זעהט אין ליכט או־

דאָס פאָלק אין קאמף פאר זיין פרייהייט *)

די ציוניסטישע פרייהייטס באוועגונג געפינט זיך איצט אין א קריטישער לאגע. וואס צווינגט אלע פאָרטשריטליכע ציוניסטען, פאר וועלכע דער ציוניזם איז ניט א פשוט'ע צייטפארטרייבונג, נאָר א הייליגער ערנסט, טיפער ארומ-צוקלערען דעם תוכן פון דער באוועגונג. מיר זעהען, ווי די אידעע פון דער אידישער פרייהייט איז באקאנט כמעט ביים גאנצען אידישען פאָלק, ווי עס זיינען באשאפען געוואָרען די אינסטרומענטען, כדי אָנהויבען צו פארווירקליכען די אידעע: א פאָלקס-פארטרעטונג, א נאציאָנאלער פאָנד א. ד. ג. ווייטער זעהען מיר, דאס די אויסערליכע כחות, די אייראָפעאישע און די טערקישע רעגירונגען מאכען ניט די מניעות, פאר וועלכע מען האָט פריער אזוי מורא געהאט; ווי די פראָגרעסיווע עפענטליכע מיינונג איז גענייגט צו דיזער באוועגונג. אזוי דאָס דער ציוניזם וועט זיך מיט דער צייט קענען אויף איר שטיצען. און צוריק אָבער זעהען מיר, ווי דאָס אידישע פאָלק שלאָפט און עס ערוועקען זיך אין אים ניט די כחות, וועלכע קענען דעם ציוניזם אויספירען; ווי אלע די אינסטרומענטען, וועלכע זיינען באשאפען געוואָרען האָבען ניט קיין ווערט, וואָרום עס ליגען ניט אין זיי בערך אזוי פיל מאטעריעלע און פאָליטישע כחות, וועלכע זיינען נויטיג, אום דעם ציוניזם אויסצופירען; ווי אלע סימפאטיען פון דער ניט-אידישער וועלט פאר דעם ציוניזם זיינען אָהן נוצען, וואָרום עס ערהוי-בען זיך אין דעם אידישען פאָלק אליין ניט די נויטיגע קרעפטען, אום דיזע לאגע און די סימפאטיען אויסצונוצען. קיינמאָל איז דער ציוניזם ניט געשטא-נען אזוי גוט און האָט ניט געהאט אזוי פיל שאנסען, און דאָך הויבט זיך ניט אויף דאָס פאָלק ווי איין מאן מיט א פאָליטישען רצון און א כח, כדי צו דער-לאנגען די פרייהייט.

די סבה דערפון ליגט אין דער גאנצער ענטוויקלונג פון דעם ציוניזם. אין דער פאָרם ווי מען האָט די אידעע פון דער אידישער פרייהייט פארשטאנען, וועלכע כחות מען האָט געזוכט צו ערוועקען, און ווי מען האָט געמיינט די אידעע אויסצופירען. אין די 20 יאָר זייט עס איז ענטשטאנען צוערשט די חבת ציון און שפעטער דער פאָליטישער ציוניזם, איז אייגענטליך נאָך ניט אויפגעוועקט געוואָרען דער גרויסער אידישער המון, וועלכער איז געצוואונגען דורך זיין גאנצע מאטעריעלע און קולטורעלע לאגע צו זוכען אין דעם ציוניזם זיין רעטונג און באפרייאונג און וועלכער עס זאָל פילען דיזע פרייהייט ווי זיין גרעסטען אינטערעס פון לעבען. די ווייניגע איבערגעגעבענע ציוניסטען, וואָס

---

*) פלוגבלאט נומער 1, ארויסגעגעבען פון דער אָרגאניזאציע „חירות"".

ווייל זיי זיינען אלע סאָציאליסטען, דער פּראָגרעסיווסטער, אידעאלסטער און אויפגעקלערטסטער קלאס פון פאָלק.

ארויסטרעטענדיג מיט דעם סאָציאליסטישען ציוניזם פאר דער אידישער יוגענד, האָפען מיר, דאס מיר וועלען ריכטיג פארשטאנען ווערען פון אירע בעסטע פאָרשטעהער. מיר האָפען, דאס די בעסטע פארטרעטער פון דער אידישער יוגענד וועלען זיך ערליך און אויפריכטיג באציהען צו אונזער רוף. נאָר קודם כל ווענדען מיר זיך צו יענע אלע אין דעם ציוניסטישען לאגער, וועלכע, באגרייפענדיג די גאנצע ניט־ציוניסטישקייט און גייסטיגע אָרימקייט פון דעם איצטיגען ציוניזם, זוכען נייע פאָרמען פאר דעם ציוניזם, וואס זאָלען זיין מער אין הסכם מיט זייער סאָציאליסטישער וועלט־אנשויאונג. און אָט די אומעטום צושפּרייטע עלעמענטען רופען מיר צו אָרגאניזירונג און שיקען זיי די פרייליכע בשורה, דאס סאָציאליסטיש־ציוניסטישע גרופען ווערען אומעטום געבאָרען.

די לייזונג פון דער אידען פראגע ווערט בכן רעדוצירט צו דריי גרונד־לאגען:

1. די נויטווענדיגקייט פון א סאָציאל־דעמאָקראטישער אָרגאניזאציע פון אידישע מאסען אין די לענדער, וואו זיי געפינען זיך.

2. די נויטווענדיגקייט פון א סאָציאליסטישער אידישער מלוכה אין ארץ ישראל און אירע נאכבאר־לענדער.

3. די נויטווענדיגקייט פון קאמף געגען דעם אידישען קלעריקאליזם און זיין אומבייט אויף א סאָציאליסטישער נאציאָנאלער אידעע.

אזוי ווי דער סאָציאל דעמאָקראטישער קאמף פון די אידען געפינט זיך ניט אין אן אינערליכען צוזאמענהאנג מיט דעם אויפבוי פון א סאָציאליסטיש־ציוניסטישען שטאט, דארפען דיביידע פאָרמען פון לייזען די אידען פראגע געפינען זייער קאָנקרעטען אויסדרוק אין צווייי זעלבסטשטענדיגע אָרגאני־זאציעס.

צו דער ארבייט, חברים!

עס לעבע דער אינטערנאציאָנאלער סאָציאליזם!

עס לעבע דער סאָציאליסטישער ציוניזם!

לאָנדאָן, מאי, 1901.

אלע מאַטעריעלע און גייסטיגע באַדינגונגען פון זיין לעבען צווינגען אים צו־צושטעהן צו דער ציוניסטישער באַוועגונג און אין איר זעהן דעם וועג צו פרייהייט און צו העכערע פאָרמען פון לעבען. אָט פון דעם גרויסען פעלער, וואָס דער ציוניזם האָט געמאַכט ביז יעצט, דערפון וואָס עס איז ניט אויפגע־לעבט געוואָרען דער אידישער המון, וועלכער זאָל קענען קעמפען פאַר דעם ציוניזם און זוכען אים אויסצופירען, וואס די אינטערעסען פון זיין לעבען זאָלען זיין פאַרוואַקסען מיט דער ציוניסטישער פרייהייט, דערפון נעמט זיך, דאס עס זיינען יעצט ניטאָ קיין קרעפטען, אום דעם ציוניזם צו פאַרווירקליכען, בשעת עס איז באמת די מעגליכקייט פאַראַן די אידישע פרייהייט צו באַגרינדען. די אידישע מיליאָנערען און מיליאַרדערען פון מערב־אייראָפּא, די גבירים אין רוסלאַנד, די רייכע קהלות, די חברות פאַר קאָלאָניזאַציאָן פון אידען, ווי די יק״א, די חברה כל ישראל חברים, די חברה בני ברית אין אמעריקא, וואָס זיי אלע וואָלטען קענען אויספירען דעם ציוניזם און בריינגען דעם גאַנצען אידישען פאָלק, דעם אידישען המון, גליק און פרייהייט, זיינען געגנער פון דער באַוועגונג, ווארום זי איז דער הפך פון זייערע אסימילאַטאָרישע געשעפטען און שווינדלע־רייען; און די אידישע מאסע, דאס אידישע פאָלק האָט ניט אין זיך דעם רצון דעם ציוניזם צו פאַרווירקליכען און ווייס ניט דעם וועג, וועלכען עס זאָל געהן, ווען עס זאָל דעם ציוניזם וועלען אויספירען.

עס מוז דארום יעצט זיין די אויפגאַבע פון אלע ערנסטע און פאָרטשריטליכע ציוניסטען צו ערוועקען און צו פאַרשטאַרקען דעם ציוניסטישען רצון צו פריי־הייט ביי דעם אידישען פאָלק און דאָס פאָלק ארויספירען אויף דעם וועג, וואו עס זאָל זעלבסט דעם ציוניזם דורך זיינע כחות פאַרווירקליכען. און איינס מיט דאָס אַנדערע זיינען אייננ פאַרבונדען: שטאַרקענדיג דעם רצון פון פאָלק צו פרייהייט, שטופען מיר איהם, עס זאָל זוכען מיטלען און וועגען די פרייהייט צו פאַרווירקליכען, און, ווייזענדיג אים דעם וועג ווי דעם ציוניזם אויסצו־פירען, שטאַרקען מיר אין אים דעם רצון צו פרייהייט און וועקען אויף זיינע אינוועניגע כחות. דאָס פאָלק מוז אָנהויבען צו פאַרשטעהן, — און די אינטעליגענץ מוז אים דערצו העלפען, — דאָס דער ציוניזם איז ניט נאָר א גאולה פאַר דער אידישער מאסע פון די צרות פון דעם גלות, נאָר אויך פון אלע אירע צרות אין דער היינטיגער געזעלשאפט. בשעת עס באַגרינדעט זיך א נייע געזעלשאפט דורך די הילף און די כחות פון המון, קאָן דאָס נאָר זיין א פרייע געזעלשאפט, אָהן דעם אונגליקליכען הפוך פון אָרים און רייך, הערר און קנעכט, א פרייע געזעלשאפט, וואו אלע מענשען זאָלען זיין ברידער און לעבען צוזאמען צוליב דער הייליגער עבודה פאַר אמת, צדק און יושר. בפרט אָבער מוזען מקוים ווערען דיזע העכסטע אידעאלען פון דער מענשליכער געשיכטע אין א אידישער געזעלשאפט, ביים אידישען פאָלק אין

זייער ציוניזם שטאמט ביי זיי פון זייערע שטארקע נאציאָנאלע געפיהלען, זיינען אריינגעפאלען אין דעם טעות פון אלע אוטאָפּיסטען, וועלכע האָבען געמיינט, דאָס דער אינווייניגער אמת פון דעם ציוניזם אליין איז גענוג, כדי צו איהם זאָלען צושטעהן אלע קלאסען אידען און איהם פארווירקליכען. און אזוי ווי עס האָט זיך זיי אויסגעדראכט, דאָס דער גאנצער ציוניזם איז מער ניט ווי א געלד־פראגע, האָבען זיי געזוכט נאָר צוציען צום ציוניזם דעם רייכען קלאס, פון די שטאָדט־גבירים ביז צו די גרויסע אידישע מיליאָנערען און מיליארדערען. מיט די גבירים און מיליאָנערען האָבען זיך די ציוניסטען ועפּרואווט אויף אלע אופנים, מען האָט געזוכט צו ערוועקען זייערע נאציאָנאלע געפילען, גערעדט צו זיי פון נאציאָנאלער ערע און פרייהייט, מען האָט געפּרואווט זיי באווייזען, דאָס דער ציוניזם איז פאר זיי נאָר נוצליך, ווארום ער ציט אָפּ דעם אידישען פּראָלעטאריאט אין אנדערע לענדער און לאָזט די גבירים אין רוהע; מען איז געקראָכען פאר זיי אויף אלע פיר, פארוואָרפען זיי מיט כבוד, געשייינקט גבאות און שלישי, בשעת זיי האָבען אין הארצען פון דעם ציוניזם געלאכט; אויפגע־הויבען פאר א קלייניגקייט יעדען געלד־זאק צו דער מדרגה פון א שטיקעל שר און נדיב ביי אידען, — און נאָך אלעם דעם זעהען מיר, ווי דער רייכער קלאָס איז אזוי ווייט פון דעם ציוניזם ווי אמאָל; ווי די אידישע בורזשואזיע אין מערב־אייראָפּא און אין רוסלאנד איז ניט נאָר וואס זי וויל ניט דעם ציוניזם אויספירען, נאָר זי לאָזט ניט צו אפילו, אז דאָס אידישע געלד, ווי די פאָנדען פון יק"א, חברה כי"ח א. ז. וו. וואס זיינען באשטימט פאר דער קאָלאָניזאציאָן, זאָלען אויסגעגעבען ווערען פאר דעם ציוניזם, ווי די אידישע גבירים און מיליאָנערען באזונדערס אין מערב־אייראָפּא זיינען גיכער בארייט צו שאפען אלע מניעות געגען ציוניזם, איידער איהם צו פארווירקליכען. ניט וויינינגע פעלער האָט דער ציוניזם געמאכט אין זיינע אָרגאניזאציאָנען און אגיטאציאָן, ווארום ער האָט געוואָלט אנפאסען די אָרגאניזאציאָנען צו די רעאקציאָנערע מיינונגען און געפילען פון דער בורזשואזיע, כדי זי זאָל קענען לייכטער צושטעהן צום ציו־ניזם. אָבער מען איז מער ניט געבליבען שטעהן ווי ביי די פעלער. צוגע־שטאנען צום ציוניזם איז דער רייכער אידישער קלאָס ניט.

בשעת אָבער מען האָט זיך געיאָגט נאָך דער רייכער בורזשואזיע, וועלכע קאָן פריייוויליג ניט צושטעהן צו דעם ציוניזם, ווארום אלע אירע מאטעריעלע און גייסטיגע אינטערעסען זיינען געגען דעם ציוניזם, האָט מען ניט געזוכט צו געווינען די אידישע מאסע, דעם גרויסען אידישען המון, צום ציוניזם, וואס ביי איהם זיינען פארקערט פאראן אלע תכונות צוצושטעהן צום ציוניזם, און וואס אלע באדינגונגען פון לעבען, זיין נע ונד זיין, די אונמעגליכקייט פאר איהם צו האָבען אין דער וועלט ברויט און ארבייט, זיינע פּאָליטישע און נאָך מער סאָציאלע געדריקטקייט אין אלע לענדער, אפילו אין די פרייעסטע, — וואס

געוואָלט אָפּגעבען די קאפּיטאלען פאר דעם ציוניזם לויט דעם ווילען פון דאס אידישע פאָלק, וואָלט די אידישע פרייהייט אין ארץ ישראל געקענט באגרינדעט ווערען. אָבער די אידישע מיליאָנערען און דער רייכער קלאס אידען ציטערען פאר דעם ציוניזם ווי פאר א סכנה פאר זייער פריווילעגירטע לאגע אין דער וועלט. די אסימילאציע איז דעם רייכען קלאס נוצליך, זי גיט אים א קיום אין דער וועלט, עפענט אים די טויערען צו דער קריסטליכער וועלט, צו רייכ־טום און פּאָליטישע מאכט; דער רייכער קלאס מוז שרייען, דאס די לענדער, וואו ער וואוינט, זיינען דאָס פאטערלאנד פון אידען, דאָס אידען האָבען ניט קיין אנדערע צוקונפט, זוכען ניט קיין אנדער לאנד און זיינען פארשמאָלצען מיט דעם פאָלק, צווישען וועלכען זיי וואוינען צו איין פאָלק — דאָס איז אים נויטיג, כדי בעסער אויסצונוצען זיין פּאָליטישע מאכט, זיין רייכטום און זיינע פריווילעגיעס אין די לענדער, וואו ער וואוינט. דערפאר ווילען די רייכע אידען ניט העלפען דעם ציוניזם אפילו דאָרט, וואו ער פארלאנגט פון זיי גאָר קיין אָפּפער ניט, און זיינען באריית דעם ציוניזם אומעדום צו שטערען, ווי מיר זעהען דאָס ביי יק"א, וועלכע האָט געגעבען אידישען קאָלאָניסטען אין ארץ ישראל מער געלד אויף פארלאָזען דאָס לאנד, בשעת מען האָט געקענט מיט ווייניגער געלד אין ארץ ישראל גופא גרינדען אן עקזיסטענץ פאר זיי. ביי אלע פּאָליטישע און דיפּלאָמאטישע שריט, כדי ארץ ישראל צו עפענען, שטעהען די רייכע אידען, און שאפען די גרעסטע מניעות.

דאָס אידישע פאָלק, וואס מוז אָהן דעם ציוניזם פארלאָרען געהן, מוז דארום עפענען א קאמף געגען דעם רייכען קלאס אידען, געגען די גבירים און די מיליאָנערען פאר דעם ציוניזם. דער אידישער המון האָט דאָס רעכט זיי צו צווינגען צו פארווירקליכען דעם ציוניזם. זיי, די רייכע, דערוועקען דורך זייער רייכטום אסימילאציע און שווינדעל, שנאה און רדיפות געגען אידען, וואָס פאלען נור אויף דעם קאָפּ פון דעם פאָלק; און נור דער המון ליידעט פון דעם אנטי־סעמיטיזם, וואס נעמט זיך פון דער לאגע פון די רייכע אידען. דער המון האָט דערפאר דאָס רעכט פון זיי צו פאָדערען, זיי זאָלען איהם געבען די מיטלען פאר זיין ציוניסטישער באפרייאונג, און מוז אָנהויבען געגען זיי א סיסטעמאטי־שען קאמף. עס איז אָבער גאָר קיין ספק ניט, דאס די אידישע קאפּיטאלען, ווי דער פאָנד פון יק"א, חכי"ח און ז. וו., וועלכע געהערען דעם אידישען פאָלק, מוזען פארווענדעט ווערען פאר דעם ציוניזם לויט דעם רצון פון דאָס פאָלק. דיזע גרויסע קאפּיטאלען געהערען באמת דעם אידישען פאָלק, און דאָס אידישע פאָלק מוז ווערען דער בעל הבית איבער דיזע געלד. דער קאמף פון דעם אידי־שען פאָלק פאר דעם ציוניזם מוז זיך דערפאר אָנהויבען פון דעם קאמף געגען דער יק"א און מוז וואס ווייטער וואקסען און ווערען גרעסער און גרעסער און אויפהויבען זיך צו אן אלגעמיינעם קאמף.

ציון, וואס דיזעס פאָלק האָט נאָך מיט טויזענדער יאָרען צוריק געזאָגט: אפס כי לא יהיה בך אביון, און באשאפען סאָציאלע געזעצען ווי יובל, שמיטה, לקט, פאה, כדי עס זאָל הערשען גערעכטיגקייט אויף דער וועלט. דאס אידישע פאָלק טראָגט אין זיין גאנצען גלות דעם היילינגען אידעאל פון אן אמת'ער וועלט פון פרייהייט און ליבע און האָפט, דאס זי וועט מקוים ווערען אין די ימות המשיח. אין דעם ציוניזם קאָן און וועט דיזע נייע אמת'ע וועלט פארווירקליכט ווערען. דאָס לאַנד אין ארץ ישראל, וואָס וועט געקויפט ווערען פון דעם נאציאָנאלפאָנד, מוז געהערען דער גאנצער נאציאָן. אלע רייכטימער וועלען זיין נאציאָנאל־אייגענטום, די ארבייט וועט זיין א שותפות'ע, און איין מענש וועט דעם אנדע־רען ניט דריקען, נאָר ער וועט אים העלפען. שוין איצט הויבען אָן אלע אי־בערגעגעבענע און פארשטענדיגע ציוניסטען צו פארשטעהן, דאָס די נייע אידי־שע געזעלשאפט וועט זיין אויפגעבויט אויף נייע יסודות, אויף נאציאָנאל־אייגענטום און שותפות'ע ארבייט, און דיזע געדאנקען ווערען ארומגערעדט אין דער ציוניסטישער פרעסע און פארברייטעט צווישען די בעסערע ציוניסטען. דיזע געדאנקען ווערען אָבער אויסגעפירט און דער אידעאל וועט פארווירקליכט ווערען, ווען דער אידישער המון וועט זיך שטעלען אין דעם מיטעלפונקט פון דער ציוניסטישער באוועגונג. וואס מער דאָס אידישע פאָלק וועט אָנהויבען צו פילען זיין היסטאָרישען אונגליק, זיין פארצווייפעלטע עקאָנאָמישע און פאָ־ליטישע לאגע, אלס פאָלק אָהן א לאנד, אָהן ארבייט, אָהן א שפראך, אָהן א קולטור און אָהן כבוד, און וואס מער עס וועט אָנהויבען צו פילען, וואָס פאר א גרויסער אידעאל אין דעם ציוניזם ווינקט אים צו, ווי דער ציוניזם קאָן דאָס אידישע פאָלק מאכען צו א נס עמים, צו דעם העכסטען און פרייעסטען פאָלק אין דער וועלט, צו א פאָלק וואס זיין לעבען וועט זיין פול מיט גליק און שעהנ־קייט, וואָס מער דאָס אידישע פאָלק וועט דאס אלץ אָנהויבען צו פילען, זועט אין אים אלץ שטארקער ווערען און וואקסען דער רצון דעם ציוניזם צו פאר־ווירקליכען, פאר דעם ציוניזם צו קעמפען, צו לעבען און צו שטארבען פאר אים.

זאָל נאָר אין דעם אידישען המון, אינ'ם אידישען פאָלק שטארק ווערען דער רצון צו פארווירקליכען דעם ציוניזם, וועט ער אויך געפינען די מיטלען, ווי דאָס אויסצופירען. אין די הענד פון די אידישע מיליאָנערען פון מערב־אייראָפּא געפינען זיך גרויסע פאָנדען פון געלד, וועלכע געהערען דעם כלל אידען און אלגעמיינע אידישע צוועקען. דער פאָנד פון יק"א האָט אליין 260 מיליאָן פראנק, רעכענט מען נאָך צו די מיליאָנען פון חכי"ח, פון די פארשידענע אליאנ־סען, פון די בני ברית אין אמעריקא, זיינען פאראן קאפיטאלען פון מערערע הונדערטער מיליאָנען, וואס געהערען ניט קיין פריוואטלייט נאָר דעם כלל און זיינען באשטימט פאר קאָלאָניזאציאָן און הילף פאר אידען. וואָלט דער רייי־כער קלאס אידען, וואס איז צום אונגליק דער בעל־הבית אויף דיזע פאָנדען,

יעצט זיכערער ווי צו יעדער אנדערער צייט. ווי אומעדום אין דער וועלט, וואו עס זאמעלט זיך אויף א גרויסער אידישער המון, איז אויך אין לאָנדאָן אין דער לעצטער צייט אויסגעבראָכען אן אנטיסעמיטישע באוועגונג און דאָס ענגלישע פאָלק ערהויבט זיך געגען די איינגעפאָרענע אידען דאָרט. אומעדום אין ענג־לאנד און בפרט אין לאָנדאָן רעדט מען מכח די אידען, אויף פאלקס־פארזאמ־לונגען, אין פארלאמענט, אין דער פרעסע, אויף די גאסען. מען וויל אין ענג־לאנד ארויסגעגעבען א געזעץ, וואָס זאָל פארווערען נייע אידען אריינפאָרען אין ענגלאנד. דאָס געזעץ וועט מיט דער צייט געווים אָנגענומען ווערען. דער־ווייל ווערט פון דעם אנטיסעמיטיזם די לאגע פון דער אידישער מאסע אין לאָנדאָן אלץ שלעכטער און שלעכטער: עס איז ניטאָ קיין ארבייט, מען נעמט ניט אָן אידישע ארבייטער אין ווערקשטאטען, מען פארדינגט ניט קיין דירות און מען קוקט אויף דעם אידען מיט גרוים שנאה און פאראכטונג. דאס אלץ מאכט דעם אידישען המון מסוגל אויפצוהויבען א באוועגונג פאר דעם ציוניזם אין אָנהויבען פאָדערען פון דער יק"א די הונדערטער מיליאָנען, כדי דאָס אידי־שע פאָלק זאָל געהאָלפען ווערען. און די עפענטליכע מיינונג אין לאָנדאָן וועט דיזע באוועגונג אונטערשטיצען און געפינען אין דעם די ריכטיגע מעגליכקייט, ווי די אידישע פראגען צו לייזען.

די ציוניסטישע אינטעליגענץ, הן פון דער אקאדעמישער יוגענד און הן פון די ארבייטער, וואס ווילען פון דעם ציוניזם מאכען פאר אידען דעם גרעסטען אידעאל פון דער אידישער היסטאָריע און פארבינדען מיט דיזען אידעאל די העכסטע און שענסטע האָפנונגען פון דער מענשהייט, וואָס ווילען ניט ריידען און פארברייגגען אין ציוניזם, וואָס זיי באפרידיגען זיך ניט דערמיט, דאָס דער ציוניזם זאָל פארווירקליכט ווערען אין טויזענדער יאָר ארום, — אלע קרעפ־טיגע און פארשטענדליכע כחות אינ'ם ציוניזם מוזען זיך יעצט אָרגאניזירען און זעהן אויסנוצען דעם איצטיגען מאָמענט און ארויפפירען דעם אידישען המון אויף דעם שעהנעם וועג פון קאמף פאר זיין העכסטען נאציאָנאלען, פאָליטישען, עקאָנאָמישען און קולטורעלען אידעאל. אלע דיזע כחות מוזען זיך אָרגאניזירען און זעהן צו שאפען א באוועגונג פון קאמף פון דעם אידישען המון פאר דער ציוניסטישער פרייהייט געגען די פינסטערע און אסימילאטאָרישע קרעפטען, וועלכע האָבען די מיטלען און די מעגליכקייט אָבער ניט דעם ווילען דעם ציוניזם אויסצופירען. דיזע אידעע פון דעם נייעם ציוניזם, פון דעם ציוניזם פון קאמף און פרייהייט זאָל ארויסגעטראָגען ווערען אין אלע אידישע ווינקעלעך, און איבערגעהן אין דעם מארך און דעם בלוט פון דעם אידישען המון. פראקטיש קאָן זיך אָנהויבען דיזע באוועגונג, ווי מיר האָבען דאָס ארומגערעדט, אין לאָנ־דאָן. אהין וועלען זיך מוזען צונויפקומען אלע די ציוניסטען, וועלכע פארשטע־הען אונזערע שטרעבונגען און צילען, און דאָרט שאפען א באוועגונג פון דעם

ווי דער אלגעמיינער קאמף פון דעם אידישען פאלק פאר דעם ציוניזם וועט זיין, וואס פאר פארמען און געשטאלטען ער וועט אננעמען, אין וואס ער וועט זיך אויסדריקען, קאן מען יעצט נאך ניט זאגען. ווי אבער דער קאמף געגען דער יק"א זאל געפירט ווערען, קענען מיר יעצט שוין אנגעבען. די יק"א האט איהר הויפט ארט אין לאנדאן; זי איז אן ענגלישע געזעלשאפט, זי שטעהט אונטער דעם ענגלישען געזעץ, די הויפט־ווירקונג האבען אויף איר די ענגלישע, דאס הייסט די לאנדאנער אידען, און זי איז אונטערוואָרפען דער עפענטליכער מיינונג פון דער ענגלישער וועלט. אין לאנדאן איז אבער פאראן זעהר א שטאר־קע אידישע מאסע, וועלכע באשטעהט פון ארבייטער, קליינע קרעמער, פעדלער, הויזירער און טויזענדע אונגליקליכע, וועלכע זיינען דאס לעבעדיגע בילד פון דעם אייביגען איד, וואס איז נע ונד אין דער וועלט. די לאנדאנער אידישע מאסע איז זעהר ציוניסטיש און קאן נאך שטארקער אנהויבען פיהלען און וועלען דעם ציוניזם, ווען עס זאל זיך דארט אויפהויבען א שטארקע באוועגונג און ווען מען זאל ווייזען דער מאסע, וואס פאר א הויכער מאטעריעלער און מאראלישער גליק עס ליגט פאר דער מאסע אינ'ם ציוניזם. די לאנדאנער אידישע מאסע מוז ערקלערען דעם קאמף דער יק"א פאר דעם ציוניזם און אויפהויבען א באַ־וועגונג, ביז זי וועט עררייכען דעם ציל, דאס די יק"א וועט אפגעבען איהרע קאפיטאלען דעם אידישען נאציאנאלפאנד. די לאנדאנער אידישע מאסע מוז פאררופען מאסען־מיטינגס, מוז ארויסגעהן אויף דעמאנסטראציעס, מוז זיך פאראייניגען מיט אלע דעמאקראטישע און ציונספריינדליכע עלעמענטען פון דער קריסטליכער וועלט און צוזאמען פאדערען פון די אידישע מיליאנערען איר רעכט און איר קאפיטאל צוליב דעם ציוניזם. די באוועגונג מוז דויערען אהן א אויפהער, סיסטעמאטיש, ווערענדיג אלץ שטארקער און שטארקער, ביז זי וועט צווינגען די פאלשע בעלי הבתים פון דער יק"א צו ערפילען דעם רצון פון אידישען פאלק, און די אידישע מאסע וועט זיך אין דעם קאמף שטיצען אויף טיפע און שטארקע סימפאטיען און געפיהלען פון דער ענגלישער וועלט. די ענגלישע וועלט האט פון א סך סבות, וואס דא איז ניט דער ארט זיי ארומצו־ריידען, סימפאטיען פאר דעם ציוניזם. זי געפינט דיזע באוועגונג פון דעם אי־דישען פאלק פאר א ריכטיגע און נוצליכע. וואס מער מען וועט די וועלט אויפקלערען איבער דעם אמת'ן כאראקטער פון דעם ציוניזם, איבער זיין פארט־שריטליכען שרש, איבער זיין נויטיגקייט פאר אידען, וועלען אלץ מער שטייגען די סימפאטיען פון אלע פארטשריטליכע קלאסען פון דער וועלט און העלפען דעם אידישען המון אין זיין מלחמה פאר זיין פרייהייט.

גראד אין דער לעצטער צייט איז אזא באוועגונג צווישען די לאנדאנער אידען נאך מעגליכער געווארען, און אויך די שטיצע פון דער עפענטליכער מיי־נונג אין ענגלאנד און די האפנונג, דאס די יק"א וועט מוזען נאכגעבען, זיינען

דער ציוניזם און דער המון *)

די ציוניסטישע באוועגונג איז יעצט געקומען צו א קריטישער לאגע, צו א לאגע, וואס די כחות פון דער באוועגונג שטימען ניט מער איין מיט דעם ציל פון דער באוועגונג. דער אידעאל פון דעם ציוניזם איז אפילו באקאנט געוואָרען אין דער גאנצער וועלט. די ערשטע אָרגאניזאציאָנס פאָרמען זיינען באשאפען געוואָרען, און דאָך זיינען ניט ערוועקט די כחות, וועלכע זאָלען קענען פירען דעם ציוניזם צו זיין ציל. די גאנצע באוועגונג איז שוואך און מאט, די מיטלען האָבען קיין באטרעף ניט אין פארגלייך צו דעם ציל, די באגייסטערונג פעלט, די יסודות, אויף וועלכע די באוועגונג שטיצט זיך, זיינען אונזיכער, און דער וועג און דער ציל ווערען גאָר אָפט פארלאָרען און פארגעסען. עס זיינען ניט ערוועקט געוואָרען אין פאָלק די שטארקע כחות, וואס זיינען נויטיג, כדי א פאָלק זאָל זיך באפרייען און אויפהויבען זיך צו א נייעם שענערען און העכערען לעבען. ניט פון אויסערע מניעות ווערען אידען ניט באפרייט אין ציוניסטישען זין, נאָר פון אינוויינינג, וועלכע ליגען אין אידישען פאָלק גופא.

די סבה דערפון, וואס דער ציוניזם איז אזוי שוואך און קאָן ניט אויסגעפירט ווערען, וועלען מיר ערשט דאן פארשטעהן, ווען מיר וועלען פארשטעהן בכלל, ביי וועלכע תנאים קאָן א היסטאָרישע באוועגונג זיין שטארק און דערגרייכען איר ציל. דאָס איז א כלל, דאָס נאָר אזעלכע באוועגונגען זיינען שטארק און האָבען א קיום אין לעבען און פירען אויס אין דער געשיכטע זייער ציל, ווען זיי שטאמען פון די פאָדערונגען פון לעבען, שטיצען זיך אויף דעם קלאס פון פאָלק, וועלכער איז דורך די תנאים פון זיין לעבען געצוואונגען צו זוכען אין דער באוועגונג אן ענטפער אויף זיינע ליידען און צרות, און וועלכע פארענטפערט די אינוויינינגע סתירות פון זיין קיום, איז דער קלאס פון פאָלק געצוואונגען דורך די גאנצע תנאים פון זיין לעבען אויפצוהויבען די פאָן פון א פאָליטישער אָדער סאָציאלער באוועגונג, דאן ברייננגט ער אריין אין איר זיינע גאנצע אינ־וויינינגע כחות, זיין באגייסטערונג און אידעאליזם, זיינע תכונות צו קעמפען און צו ליידען פאר דער באוועגונג, ביז זי איז מנצח אין דער היסטאָריע, פארענדערט דאָס לעבען און ברייננגט עס אויף א העכערער מדרגה. כל זמן אָבער א באוועגונג געפינט ניט דעם ריכטיגען קלאס פון פאָלק, וועלכער איז על פי טבע מיט איר פארבונדען, און שטיצט זיך אויף אנדערע יסודות, ווי דאָס קומט זעהר אָפט

*) פון ערשטען נומער זשורנאל „המון“, רעדאגירט פון דר. נ. סירקין, בערלין, יאָהר 1903.

אידישען המון, עפּענען דעם קאמף פון דעם אידישען פאָלק געגען די אידישע מיליאָנערען פאר דער אידישער פרייהייט! פון דאָרט זאָל זיך די באוועגונג אלץ פארברייטען און פארברייטען און ארומנעמען אלע לענדער, וואו עס זיינע פאראן קהל'שע אידישע געלד, אידישע מיליאָנערען און א אידישע מאסע, וואס ליידעט און שמאכטעט אין הונגער און פינסטערנים. קיינמאָל איז די פרייהייט ניט געשאפען געוואָרען אין דער היסטאָריע אָהן א קאמף. אויך די אידישע פרייהייט קאָן ניט באגרינדעט ווערען אָהן א קאמף. קאמף פאר דער אידישער פרייהייט, קאמף געגען דער יק"א פאר דעם ציוניזם, — דאָס מוז זיין דער ערשטער רוף פון אלע פאָרטשריטליכע ציוניסטען, און אונטער דיזען רוף מוז זיך אָנהויבען זאמלען דער אידישער המון און באגרינדען זיין גליק און זיין פרייהייט.

.(1901)

---

*) מיר דרוקען דאָ איבער דעם פלוגבלאט פון "חירות" צוליב זיין ווערט אלס היסטאָרישער דאָקומענט. עס איז פאקטיש געווען די ערשטע געדרוקטע אגיטאציאָנס שריפט פאר'ן סאָציאליסטישען ציוניזם אין דער אידישער שפראך געשריבען פון דר. נחמן סירקין.

טיגקייט. דאָס איז געווען די סבה פון די אידישע רדיפות און פון דעם אידי־שען גלות פון איין לאַנד אין דעם אַנדערען.

פון צוועלפטען און דרייצענטען יאָרהונדערט אָן, בשעת דער מסחר האָט זיך אין אייראָפּא שוין שטאַרק פאַרבאַרייטעט און עס זיינען געגרינדעט געוואָרען שטעדט מיט פילע איינוואוינער, איז געוואָרען איבריג דער אידישער מסחר אין מערב־אייראָפּא און מען האָט ביי זיי אָפּגענומען נאָך די שרעקליכע רדיפות און גזרות כמעט אַלע רעכטען און אַלע מעגליכקייטען צו לעבען חוץ וואַכער און פּראָצענט און געלד־געשעפטען. די שטאָדטישע איינוואוינער האָבען זיך געניטיגט אין קאַפּיטאַל פאַר האַנדעל און פאַבריקאַציאָן, דער בויער האָט געמוזט אין שלעכטע צייטען לייען געלד, כדי צו לעבען, און דאָס איז געווען דעם אידענ׳ס באַשעפטיגונג. די מלכים, די גראַפען, די שטאָדטישע רעגירונ־גען האָבען דאָס ערלויבט אידען, וואָרום זיי פלעגען ביי זיי דורך שרעקליכע שטייערען אָפּנעמען צוריק, וואָס זיי האָבען אָנגעג׳גזל׳ט ביים פאָלק. דער איד איז געווען פאַר די העכערע קלאַסען א מיטעל, ווי דאָס פאָלק אויסצוזויגען און אויסצופרעסען פאַר זיך. אידען זיינען געווען א מיטעל פאַר אַנדערע, ניט אָבער א צוועק פאַר זיך אַליין, א סחורה, וואָס מען האָט זי גענוצט, כל זמן מען האָט זי געדאַרפט, און אַרויסגעוואָרפען, בשעת זי איז געוואָרען איבריג.

וואָס מער עס האָט זיך ענטוויקעלט די קולטור און די עקאָנאָמישע כחות אין מערב אייראָפּא, האָבען אידען אַלץ מער געמוזט וואַנדערען פון דאָרט אין אַנדערע לענדער, וואָס דאָרט האָט זיך ערשט אָנגעהויבען צו בילדען די מלוכה און עס האָבען זיך געגרינדעט נייע שטעדט. דאָס זיינען געווען פּוילען, ליטא און רוסלאַנד, וואוהין אידען האָבען אָנגעהויבען אויסצואוואַנדערען פון דייטש־לאַנד זייט דעם 14טען יאָרהונדערט און וואו מען האָט זיי לכתחילה געגעבען פּריווילעגיען און רעכט, כדי זיי צוציען. אַזוי האָבען זיך אידען באַזעצט אין פּוילען און ליטא אין א זעהר גרויסער צאָהל. זיי זיינען געווען דורך זייער קאַפּיטאַל און מסחר נויטיג פאַר די נייע שטעדט, זיי האָבען געפירט דעם מסחר אין לאַנד און האָבען געדינט מיט זייערע הלואות די גרויסע פּאָמעשציקעס און דעם אַדעל. זיי זיינען געוואָרען אַרענדאַטאָרען, שיינקער, הענדלער, און האָבען אויסגעזייגט די בויערען צוליב דעם אַדעל און די רעגירונג, וועלכע פלעגען ביי זיי אָפּנעמען דאָס געלד, ווען זיי פלעגען ווערען רייך. פאַר די פּריצים פלעגען זיי פירען דעם מסחר מיט תבואה און אַנדערע פּראָדוקטען, און זיינען געווען פאַר זיי זעהר נויטיג, בשעת זיי האָבען מער ניט ווי פאַר־בראַכט אין תענוגים דאָס געלד און אַליין צו גאָרנישט ניט געווען פייאיג. אָבער אויך אין פּוילען האָבען ניט געפעלט קיין רדיפות און גזרות געגען אידען, בשעת די שטעדט זיינען אויסגעוואַקסען, דער מסחר איז געוואָרען שטאַרק, אָדער די בויערען האָבען זיך אויפגעהויבען געגען די פּריצים און דעם אַדעל,

פאַר ביי נאציאָנאַלע באוועגונגען אין זייער אָנהויב. פעלען אין איר די שטאַר־קע כחות, וועלכע קענען זי פירען צו איר נצחון און קענען אין איר אריינ־ברייננגען די הויכע תוכנים, וועלכע זאָלען פון איר מאכען א גרויסען און הויכען ציל אין דער היסטאָריע.

לאָמיר יעצט זעהן פאר וועלכען קלאס פון אידישען פאָלק קאָן באמת דער ציוניזם זיין א טיפער און הויכער אידעאל און קען ענטפערען אויף זיינע סתירות פון לעבען, און צוריק אין וועלכע יסודות פון אידישען פאָלק לעבט יעצט דער ציוניזם.

אלס א פרעמד פאָלק, פארשידען דורך זיין רעליגיאָן, זיינע זיטען, זיינע רעיונות און זיינע געפילען פון די אנדערע פעלקער, זיינע אידען אין גלות אריינגעקומען צווישען די אנדערע פעלקער. כדי צו קענען לעבען און צו באַ־שטעהן צווישען די איבריגע פעלקער, האָבען זיי זיך געמוזט נעמען שטענדיג פאר אזעלכע באשעפטיגונגען, וואס מען האָט זיי אין יענער צייט געדאַרפט האָבען אין דער געזעלשאפט, און וועלכע זיי האָבען געקענט לייכטער און בע־סער אויספירען פאר אלעמען. אויף אזא אופן זיינען אידען געוואָרען א פאָלק פון סוחרים, געלד־פארלייער, פארמיטלער, סרסרים, פאקטאָרס, לופטמענשען, וועלכע האָבען שטענדיג דערפון געלעבט, וואס זיי האָבען פארבונדען איין קלאס פון דער געזעלשאפט מיט דעם אנדערען, איין פאָלק מיט דעם אנדערען אין מסחר. זייער באשעפטיגונג איז געווען שטענדיג אָנגעפאסט צו די עקאָנאָמישע באדערפניסען פון דער צייט און פון דעם פאָלק, וואו זיי האָבען געלעבט. אין די ערשטע יאָרהונדערטער האָבען אידען געהאלטען דעם גאנצען וועלט־האנדעל אין זייערע הענד, האָבען געפירט דעם מסחר צווישען אייראָפּא און אזיע, און זיינען געווען זעהר רייך. אין זייערע הענד איז אויך געלעגען דער גאנצער מסחר מיט קנעכט, וואָס איז געווען אין יענע יאָרהונדערטער פון שטענדיגע מלחמות און הריגות דער נויטיגסטער מסחר, כדי אין די צייטען פון שלום זאָלען זיין גענוג מענשען פאר אקערבוי און מלאכות. אויך האָבען זיי פאר־פלאנצט אין פארשידענע לענדער זעלטענע און איידעלע מלאכות און סחורות, ווי דאָס וועבען, פארבען און פארקויף פון זייד, וואס דאָס איז געווען פאר אידען אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון מיטעלאלטער א מקור פון פרנסה און רייכ־טום. אָבער אזוי ווי אין דעם לעבען פון די פעלקער פלעגט שטענדיג קומען א צייט, וואָס די פעלקער פלעגען אליין זיך קענען נעמען פאר די מסחרים און באשעפטיגונגען, וועלכע אידען האָבען פריהער אויסגעפירט, פלעגען זיך אויפ־הויבען רדיפות און גזרות געגען אידען, און זיי פלעגען ווערען ארויסגעיאָגט פון דעם לאנד און האָבען זיך געמוזט זוכען אן אָרט אין אן אנדער לאנד, וואָס פאַר זיי איז נאָך געווען א פלאץ און א באדערפעניש אין זייער עקאָנאָמישער טע־

צווישען אידען ווי צווישען קריסטען, דאס מען זאָל דיזען קלאַס אידען ניט געבען קיין בירגערליכע רעכט, און נאָר די רייכע און געבילדעטע אידען זאָלען עמאנציפירט ווערען. נאָר דאָס האָט מען ניט געקענט דורכפירען, און אזוי האָבען אלע אידען פון מערב־איירעפּא באקומען בירגערליכע רעכט. מען האָט געהאָפט, דאס דורך די בירגערליכע רעכט וועלען אידען אָנהויבען לעבען נאָר־מיאָל און האָבען די מעגליכקייט אומצוקערען זיך צו פּראָדוקטיווע נוצליכע אר־בייט, צו אקערבוי און מלאכות. דיזע האָפנונג איז געווען איינער פון די וויכ־טיגסטע טעמים, פאר וואס מען האָט געגעבען בירגערליכע רעכט דעם גאנצען אידישען פאָלק.

די האָפנונגען פון יענער צייט האָבען זיך אָבער ארויסגעוויזען פאלש. די אידען אין מערב־איירעפּא זיינען ניט איבערגעגאנגען צו פּראָדוקטיווער ארבייט נאָך זייער עמאנציפּאציע און האָבען זיך ניט אויסגעגליכען עקאָנאָמיש מיט דער איבריגער באפעלקערונג, נאָר פארקערט, זיי האָבען אָנגעהויבען דורך די פרייע קאָנקורענץ צו שטייגען און עקאָנאָמיש צו וואקסען און זיינען כמעט אלע איבערגעגאנגען צו דער בורזשואזיע. אפילו דער קלאַס אידען, וועלכער האָט זיך פאר דער עמאנציפּאציע באשעפטיגט מיט ארבייט און מלאכה אָדער מיט האוזירהאנדעל, האָט זיך אין איינינגע צענדליג יאָר אין דייטשלאנד למשל פארוואנדעלט אין א רייכען בורזשואזען קלאס אָדער אין דעם סוחר'ישען מיטעלשטאנד. וואָס מער די אידען פון מערב איירעפּא זיינען געוואָרען רייי־כער און שטארקער, האָבען זיי אלץ מער זיך געזוכט צו אסימילירען מיט די איבריגע פעלקער און פארלייקענען זייער נאציאָן. די אידישע בורזשואזיע האָט אויסגעקלערט די תורה פון דער אסימילאציע, דאס אידען זיינען ניט קיין פאָלק נאָר א טייל פון דעם פאָלק, וואו זיי לעבען, און האָבען קיין שום אנדערע אינטערעסען און אידעאלען ניט. ווי די בורזשואזע און רעאקציאָנערע אינטערע־סען פון די העכערע קלאסען פון דאָס לאנד, וועלכעס האָט זיי געגעבען רייכטום און מאכט. די אסימילאציע איז געוואָרען דער רעאקציאָנערער שווינדעל פון דער אידישער בורזשואזיע נאָך דער עמאנציפּאציע. כדי דאס קריסטליכע פאָלק זאָל ניט קענען אויפהויבען זיך געגען דער פרעמדער רייך געוואָרענער בורזשוא־זיע און ניט דערוועקען א אידישע פראגע, האָט די אידישע בורזשואזיע מיט אירע כלי שרת, די רבנים, שרייבער, געלערטע, פּראָפעסאָרען, אויסגעקלערט די אסימילאציע. נאָר די אסימילאציע האָט ניט געקענט אפהיטען, דאָס אין מערב איירעפּא זאָל דאָך ניט ווערען א אידישע פראגע, נאָר א אידישע פראגע, וואס איז ניט שטארק נוגע דאס מאטעריעלע לעבען פון אידען. די בורזשואזיע, די קליינבורזשואזיע, די בויערען, די לאנדבאזיצער קעמפען פון עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סבות געגען אידען, נאָר אזוי ווי אידען זיינען עקאָנאָמיש שטארק און פּאָליטיש גלייכבארעכטיגט און שפּילען א גרויסע ראָלע דורך זייער אינטע־

ווי אין דער גזרת ת״ח בשעת באַגדאַן חמעלניצקי האָט אויסגע'הרג'עט איינינע הונדערט טויזענד אידען. אין פוילען און רוסלאַנד זיינען אידען אויך געווען א לעבעדיגע סחורה פאַר די הארען פון דעם לאַנד, דערצו נאָך א סחורה בזויה, א פאָלק אָהן כבוד און אָהן כח, וואס מען האָט אים געטראָטען מיט די פיס, בשעת מען האָט אים ניט געדאַרפט מער האָבען.

אזוי איז באשטאנען די געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק ביז צום 19טען יאָרהונדערט אין וואנדערונגען פון לאנד צו לאנד, אין רדיפות און גזרות, וועלכע האָבען געטריבען אידען פון די קולטורעלע לענדער פון מערב־אייראפא אין די וויינינע קולטורעלע פון מזרח־אייראָפא. אין 19טען יאָרהונדערט האָט זיך דער רוב אידען אויפגעקליבען אין מזרח־אייראָפא און געוואוינט אין פוילען, ליטא און רוסלאַנד. זיי האָבען געלעבט אין דחקות און אָרימקייט, ווארום זייער צאָל איז געווען צו גרויס, כדי זיי זאָלען זיך קענען מתפרנס זיין גוט פון זייערע געשעפטען און געשעפטלעך, און ווארום יענע לענדער זיינען בכלל געווען אָרים און ניט קולטורעל. זיי האָבען זיך באזעצט אין די שטעדט און געהאלטען אין זייערע הענד דעם גאנצען מסחר. אויך צו מלאכות האָבען זיך זעהר פיל גענומען פון נויט, כאָטש דאס האָט זיך גערעכענט אין פאָלקס־לעבען פאר א גרויסער חרפה, באזונדערס האָבען זיי זיך גענומען צו די מלאכות, וואס זיינען נויטיג געווען פאר דעם אידישען לעבען גופא. בירגערליכע רעכט האָבען זיי דאָרט ניט געהאט און האָבען געלעבט אונטער דעם דרוק פון אָרימ־קייט און פון אלערליי רדיפות און גזרות פון די רעגירונגען פון יענע לענדער.

בשעת אָבער אין מזרח־אייראָפא האָט אָנגעהויבען ארויסוואקסען א אידי־שער המון, האָט די אידישע היסטאָריע אין מערב־אייראָפא גענומען אן אנדער וועג. אין מערב־אייראָפא האָט געלעבט א קליינע צאָל אידען, אָבער זיי זיינען געווען פיל רייכער און עקאָנאָמיש און קולטורעל שטארקער, כאָטש זיי האָבען אויך ניט געהאט קיין פּאָליטישע און בירגערליכע רעכטען. בשעת די קריסט־ליכע בורזשואזיע האָט זיך אויפגעהויבען אין מערב אייראָפא געגען די אלטע אָרדנונג פון דער מלוכה און דער יונגער קאפּיטאליזם האָט מנצח געווען איבער די לעצטע פאָרמען פון מיטעלאלטער, האָט זי געגעבען אויך אידען בירגערליכע רעכט. פרייע קאָנקורענץ, ענטוויקלונג פון אלע כחות פון לאַנד, אינדוסטריע און קאפּיטאליסטישע ענטוויקלונג, צוליב דעם האָט די בורזשואזיע געקעמפט, און די בירגערליכע רעכט פון די רייכע אידען זיינען דוקא געווען נוציך פאר דיזער ענטוויקלונג. אמת אויך אין מערב אייראָפא זיינען פאר דער עמאנצי־פאציע געווען א גרויסע צאָל אידען סרסרים, הויזירער, קליינע קרעמער, לופט־מענשען, פּראָלעטאריער אָהן ארבייט, מענשען וועלכע די נייע עקאָנאָמישע ענטוויקלונג האָט מעהר ניט געדאַרפט האָבען, נאָר זיי האָבען אויך באקומען די בירגערליכע רעכט אין יענער צייט. עס זיינען אפילו געווען פיל דעות

אויפגעטראָטען ביי אידען די אידישע פראגע, דאס הייסט די פראגע, ווי דער אידישער המון, וואס האָט פארלאָרען דעם עקאָנאָמישען יסוד פון זיין קיום, זאָל זיך אויפהויבען פון זיין פאָליטישען און עקאָנאָמישען גלות און זיך קענען ענטוויקלען צו א העכערען און פרייערען לעבען.

און וואָס מער דאָס לעבען ענטוויקעלט זיך, ווערט די אידען־פראגע פון דעם אידישען המון אלץ ברענענדער און ברענענדער. דער עקאָנאָמישער דרוק ווערט שטארקער. די פרייע לענדער, וואו אידען האָבען נאָך געקענט אנטלויפען, מאכען געזעצען, כדי אידען ניט ארייננצולאָזען, און פארשליסען די גרענעצען. די רדיפות נעגען אידען פארמערען זיך, און די לאגע פון דעם המון ווערט אלץ קריטישער. פון צייט צו צייט צינדט זיך אָן דער אנטיסעמיטיזם ווי א העליש פלאם און איז רויט פון בלוט. די אידישע פראגע פארלאנגט איר לייזונג.

די אידישע פראגע קאָן נאָר דאדורך געלייזט ווערען, ווען די סבה, פון וועלכע זי נעמט זיך, דער גלות, זאָל באזייטיגט ווערען דורך די פאָליטישע פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, דורך דעם ציוניזם. יעדע אנדערע תשובה איז דער הפוך פון די היסטאָרישע אינטערעסען פון דעם המון. דער אידישער המון באשטעהט אין זיין גרעסטען טייל פון פראָלעטאריער, וועלכע לעבען ניט פון ארבייט, נאָר דער קליינער טייל פון אים געהערט צום ארבייטס פראָלעטא־ריאט. אזוי ווי אָבער די טעטיגקייט פון דעם ניט ארבייטענדען פראָלעטאריאט איז אין דער היינטיגער געזעלשאפט ניט מער נויטיג, מוז ער אויף זיך טראָגען דעם גאנצען יאָך פון דעם עבד עבדים, פון דעם „פראָלעטאריער פון פראָלעטא־ריער". ער ווערט פארפאָלגט, אונטערדריקט, געיאָגט פון לאנד צו לאנד, און מוז צו גרונדע געהן פיזיש און מאָראליש. ער נעמט זיך פאר די שענדליכסטע מלאכות און באשעפטיגונגען אין דער וועלט און איז א פאראזיט, וועלכער קאָן נאָר דאָרט לעבען, וואו עס הערשט אונקולטור, פינסטערניש, פארברעכען. ער איז זיך און דער וועלט צו לאסט. דער אייביגער גלות־איד, אויף וועלכען עס רוט די קללה פון דער היסטאָריע. נעמען זיך צו ארבייט קאָן ער אויך ניט אין גלות, ווארום אויך דער אידישער ארבייטס־פראָלעטאריאט געפינט זיך אין א לאגע, וואס ער מוז שטענדיג פילען די ביטערנים פון גלות. דער אידישער פראָלעטאריאט, וועלכער באשעפטיגט זיך בכלל מיט גאָר זעהר ווייניגע מלאכות, הויפטזעכליך מיט שניידעריי און שוסטעריי, מיט מלאכות, וועלכע געהערען צו הויזארבייט און ניט צו פאבריק ארבייט, איז מער גדריקט ווי יעדער אנ־דערער פראָלעטאריאט, ער באקומט קלענערע שכירות, באשעפטיגט זיך מיט די אָרימסטע מלאכות, און ליידעט דערפון וואס ער האָט ניט קיין ארבייט. דאָס איז צו בעאָבאכטען אין רוסלאנד און מזרח־אייראָפּא ווי אויך אין ענגלאנד און אמעריקא, וואוהין דער אידישער המון עמיגרירט. אלע צרות פון דעם ארבייטער־קלאס: דער קריזיס, דער ליידיגער ארבייטער־חיל, די קאָנקורענץ

ליגענץ און רייכטום, איז די שנאה צו זיי ניט אימשטאנד צו ווערען א טריי־
בענדער כח. ווערכער זאָל זיי צווינגען צו פאַרענדערען זייער לעבען.

גאָר אנדערש איז געוואָרען די לאגע פון דעם גרויסען המון אידען אין מזרח־אייראָפּא, אין רוסלאנד, עסטרייך, רומעניען. דאָרט האָט זיך באזעצט די גרעסטע צאָל פון אידישען פאָלק און זיי האָבען ווי די אידען פון מערב־אייראָפּא גערעבט אויך פון מסחר, פארמיטלונג, געלד־געשעפטען, נאָר אלץ אין א קליינעם ארימען אופן. פילע האָבען שוין געמוזט נעמען זיך צו מלאכות פון די דחקות. כל זמן אָבער דיזע לענדער זיינען געווען אין אזא עקאָנאָמישער לאגע, וואס די אידען זיינען געווען נויטיג דאָרט, האָט מען זיי פארטראָגען און ניט אויפגעהויבען געגען זיי קיין רדיפות.

אין די לעצטע 30—40 יאָר האָט זיך אָבער אָנגעהויבען צו פאַרענדערען די עקאָנאָמישע געשטאַלט פון דיזע לענדער, הויפּטזעכליך פון רוסלאַנד. די אינדוסטריע האָט זיך דאָרט אָנגעהויבען צו פארברייטען צווישען דעם אייגענעם פאָלק, עס זיינען אויסגעבויט געוואָרען באנען און פארקערס־מיטלען, די עבודת אדמה האָט אָנגענומען מער א קולטורעלען כאראקטער, די מלוכה און די געזעלשאפט האָבען באגרינדעט פארשידענע אינסטיטוציאָנען כדי צו הויבען דעם קרעדיט; שותפת'ע חברות צווישען די בויערען און די העכערע קלאסען זיינען געשאפען געוואָרען, כדי זיך געגענזייטיג צו העלפען אין עקאָנאָמישען לעבען. די רעגירונג איז אויך געוואָרען רירעווודיגער אין א סך אופנים. וואָס מער אָבער עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו פארברייטען אינדוסטריע, מסחר, אייזענבאנען, זעלבסטהילף, קולטור און דעמאָקראטישער גייסט דאָרט, איז די גאנצע עקאָנאָמישע טעטיגקייט פון אידען, דער גאנצער אידישער געשעפט, דער גאנצער „יד ישראל באמצע" איבריג געוואָרען און די סאָציאלע און פּאָליטישע לאגע פון אידען האָט זיך אָנגעהויבען צו פארשלעכטערען. די פעלקער פון מזרח־אייראָפּא, בפרט פון רוסלאנד, האָבען אָנגעהויבען צו פילען דעם אידען ווי אן איבריג פּאָלק, וואָס בשעת מען דארף אים ניט, איז זיין גאנצער טאָן און זיין לעבען צווישען זיי ניט נוצליך, נאָר גאָר איבריג און שעדליך. עס איז אויסגעבראָכען דער אנטיסעמיטיזם אין דיזע לענדער; דאָס פאָלק, די העכערע קלאסען ווי די נידריגע, האָבען זיך אויפגעהויבען געגען אידען. די רעגירונגען האָבען ארויסגעלאָזען פארשידענע געזעצען און גזרות געגען זיי, זייערע רעכט זיינען פארקלענערט געוואָרען, זייער מעגליכקייט צו לעבען, זייערע פרנסות זיינען פאראיינגט געוואָרען, זייער שטרעבען אויפצוהויבען זיך צו א העכערער לאגע אָפּגעהאלטען, נאָר די גרענעצען פון דעם לאנד זיינען זיי געעפענט געוואָרען, פריי אוועק צו געהן. אזוי איז ארויסגעוואקסען דער אנטיסעמיטיזם דורך דער פארענדערונג פון דער עקאָנאָמישער לאגע אין מזרח־אייראָפּא און דורך דער פארברייטונג פון קולטור דאָרט. און צוגלייך מיט דעם אנטיסעמיטיזם איז

זשואזער שווינדעל, וועלכער פירט דעם אידישען המון צו זיין פארדארבונג און דעמאָראַליזאציאָן.

די היסטאָרישע תשובה אויף דער אידען־פראגע, אויף דער פראגע פון דער ענטוויקלונג פון דעם אידישען המון, פון דעם איבערגאנג פון דעם המון צו א פראָדוקטיווען קלאַס ליגט אין ציוניזם, אין דער פּאָליטישער זעלבסט-שטענדיגקייט, אין דער אידישער געזעלשאפט נאָך די מאטעריעלע און גייסטיגע אינטערעסען פון דעם המון. דאָס לעבען האָט אויך ארויסגערופען אזא באַ־וועגונג, און וואָס מער דער המון ווערט אויפגעקלערט, פּאָליטיש אויפגעוועקט און זעלבסטשטענדיג אין זיינע געדאנקען און געפילען, טרעט ער אריין אין דיזער באוועגונג מיט זיין קלאַסען־געפיל און קלאסען־באוואוסטזיין.

אין די אכטציגער יאָהרען האָט זיך אָבער אָנגעהויבען די ציוניסטישע באוועגונג אין דער פאָרם פון ישוב ארץ ישראל, וועלכע האָט זיך שפּעטער פארוואנדעלט אין „חבת ציון“. ביי דעם אידישען המון איז ערוועקט געוואָרען דער אינסטינקט צו פאָרען אין ארץ ישראל און זיך דאָרט באזעצען אלס אקערבויער און לייגען דערמיט דעם יסוד צו א נייעם לעבען פאר דער אידישער נאציאָן. דער המון איז אָבער דאמאָלס נאָך געווען פּאָלשטענדיג אונקולטורעל און פּאָליטיש אונגעבילדעט און האָט ניט געהאט די כחות אין זיך, צו ווערען דער לעבעדיגער מיטעלפונקט, דער היסטאָרישער פירער פון דער באוועגונג. אויסער דעם המון זיינען צוגעשטאנען צו דער באוועגונג אויך די בעלי־בתים און די משכילים, אָבער ניט אזוי פון די פאָדערונגען פון זייער לע־בען, נאָר מער פון זייערע נאציאָנאלע געפילען און זייער „אידישקייט“. אזוי ווי אָבער דער באמת פאראינטערעסירטער יסוד פון דער עמיגראציע, דער המון, האָט אין זיך ניט געהאט קיין כחות צו שאפען א באוואוסטע פּאָליטישע באוועגונג און זיין עמיגראציע קיין ארץ ישראל האָט זיך מער ניט גענומען ווי פון אן אינסטינקט, איז ער גלייך אפּגעפאלען דערפון, ווייבאלד עס האָט זיך ארויסגעוויזען, דאס די מניעות צו קאָלאָניזירען פאלעסטינא זיינען זעהר גרויס און דאָס די קאָלאָניזאציאָן באדארף בכלל א שווערע און לאנגיאָריגע ארבייט און אָרגאניזאציאָן. די בעלי בתים און די אינטעליגענץ האָבען אויך ניט גע־האָט אין זיך די כחות און פייאיגקייטען צו מאכען פון ישוב ארץ ישראל א פּאָ־ליטישע באוועגונג און פירען זי צו איר ציל. אין א משך פון א פּאָר יאָר האָט דארום די באוועגונג פון ישוב ארץ ישראל פארלאָרען איר כאראקטער אלס מאסענבאוועגונג, אלס א באוועגונג פון דעם המון, און איבערגעגאנגען אין די „לאומיות“־באוועגונג, אין א נאציאָנאליסטישע באוועגונג פון די בעלי בתים און די משכילים.

די באוועגונג פון חבת ציון, אין וועלכער עס האָט זיך פארוואנדעלט די פריערדיגע עמיגראציע אין ארץ ישראל, האָט אויפגעהערט צו זיין א עקאָ־

פון די ארבייטער גופא, דאס אלעס פאלט קודם כל אויף דעם אידישען ארבייטער קלאס. אין מזרח־איירָאפּא, אקוראט ווי אין אמעריקא און ענגלאנד, איז דער אידישער פּראָלעטאריאט א הונגער־פּראָלעטאריאט, און לעבט אין א פיל שלעכ־טערער לאגע ווי דער ניט-אידישער פּראָלעטאריאט. עס פארשטעהט זיך, דאס דער איבריגער המון האָט ניט די מעגליכקייט אין דעם גלות איבערצוגעהן צו ארבייט. דער ציוניזם, די פּאָליטישע פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, איז די היסטאָרישע תשובה אויף זיין פּאָליטישען און עקאָנאָמישען גלות.

דורך דער עמיגראציע אין פרייע לענדער און די גלייכבארעכטיגונג אין רוסלאנד קאָן זיך אפילו דער המון העלפען. אָבער נאָר פאר דעם אויגענ־בליק און ניט היסטאָריש. דער המון עמיגרירט זייט צענדליגער יאָרען אין די פרייע לענדער און עס איז ניטאָ כמעט קיין לאנד, וואו אידען זאָלען זיך ניט צוזייען און צושפּרייטען, ווען מען לאָזט זיי נור דאָרט אריין. ווען אידען זאָלען באקומען אין רוסלאנד דאָס רעכט צו וואוינען אין דעם גאנצען לאנד, וועלען זיי זיך אויך צושטרייען און פארברייטען אין אלע שטעדט און דערפער פון דער גרויסער רוסישער מלוכה. דער המון קאָן אָבער אין דעם נאָר זעהן א הילף פון דער אויגענבליקליכער נויט, ניט אָבער א היסטאָרישע הילף, א תשובה אויף זיין עלענד פון גלות. ווען מען זאָל אפילו אָננעמען דעם וואונדערליכען נס, דאס מצד פון די פעלקער וועט ניט געמאכט ווערען קיין שום מניעה צו אזא צושפּרייטונג און פארפלייצונג פון דעם אידישען המון, וועלכען קיינער דארף ניט (יעצט זעהען מיר, דאס אפילו די דעמאָקראטישע לענדער ווי ענגלאנד און אמעריקא ווילען ארויסגעבען געזעצען געגען דאָס אריינפאָרען פון אידען), קאָן דער פארגרעסערטער גלות ניט אויפהויבען דעם אידישען המון אין פּראָ־לעטארישען גייסט און אים געבען די מעגליכקייט אלס ארבייטער־קלאס זיך צו ענטוויקלען, נאָר פארקערט, ער וועט אים שטופּען אויף דעם וועג איבער־צוגעהן צו דער בורזשואזיע און ווערען אן אנטיסאָציאלער יסוד אין דער וועלט. אזוי איז געווען מיט די אידען אין מערב־איירָאפּא, וועלכע האָבען זיך נאָך דער עמאנציפּאציאָן פארוואנדעלט אין דעם בורזשואזען קלאס, און דאָסזעלבע קען מען אויך זעהן יעצט אין ענגלאנד און אמעריקא, וואו גרויסע טיילען פון דעם המון האָבען זיך שוין אריבערגעכאפּט אין דעם גן עדן פון קליין־בורזשוא־זיע. אין רוסלאנד וועט דער איבערגאנג פון דעם המון צו דער בורזשואזיע נאָך גיכער פּאָרקומען, ווי אין די פרייע לענדער, ווען אידען וועלען דאָרט האָבען דאָס רעכט אומעדום צו וואוינען.

די באוועגונגס פרייהייט און די בירגערליכע גלייכבארעכטיגונג פון דעם אידישען המון זיינען נויטיג פאר די אונגליקליכע באדערפנישען פון דעם אי־דישע לעבען. זעהט מען אָבער דארין דעם פּאָליטישען אידעאל פון דעם המון, די היסטאָרישע תשובה אויף דעם גלות, איז דאָס א רעאקציאָנערער און בור־

דער פּאָליטישער ציוניזם האָט געפונען א פיל גרעסערען אָפּקלאַנג ביי אידען און מער פּאַראינטערעסירט דעם עולם, ווי די אלטע חבת ציון, און האָט אויך פּראַקטיש ניט בערך מער אויפגעטאָן ווי די פריערדיגע באוועגונג.

כאָטש אָבער דער פּאָליטישער ציוניזם איז אויפגעטראָטען מיט א גרעסערען אידעאל און מיט טיפערע אינווייניגע כחות, אלס די חבת ציון, און איז א גרויסער פאָרטשריט געגען די פריערדיגע באוועגונג, איז ער אָבער אויך ניט אים שטאַנד מיט זיינע יעצטיגע כחות אויספירען זיין ציל, און איז געקומען צו א מדרגה, וואָס ער קאָן זיך ווייטער ניט ענטוויקלען. די סבה דערפון מוזען מיר דאָ ארומריידען, כדי צו פאַרשטעהן, וועלכע נייע כחות אין וועלכער געשטאַלט מוזען ערוועקט ווערען, כדי דער ציוניזם זאָל קומען צו זיין היסטאָרישען נצחון.

ווי די פריערדיגע באוועגונג פון ישוב ארץ ישראל נעמט זיך אויך דער פּאָליטישער ציוניזם פון אן אינסטינקט פון המון, וואָס איז דער היסטאָרישער גרונד פון דער באוועגונג. דער אינסטינקט איז אָבער נאָך ניט געוואָרען קלאָר און ניט אריבערגעגאַנגען אין א באוואוסטען פּאָליטישען כח: דער המון שפּילט דערפאַר נאָך ניט קיין ראָלע אין ציוניזם, און דער ציוניזם האָט זיך פון זיין זייט ניט אָנגעפּאַסט צו דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם המון. ערשט אין די לעצטע פּאָר יאָר האָט אָנגעהויבען דער המון זיך צו דערוועקען, און דאָס האָט שוין געהאַט א גרויסע ווירקונג אויף דעם מיטעלשטאַנד און דער אינטעליגענץ און נאָר א קליינער טייל פון דער בורזשואזיע, וועלכע עס פירען ביז יעצט דעם ציוניזם. דער אונטערשיד צווישען חבת ציון און דעם פּאָליטישען ציוניזם ליגט ניט אין דעם, וואָס דער אינסטינקט פון דעם המון האָט אין אים אָנגע־הויבען ווערען קלאָרער און שטארקער, נור אין דעם וואָס די באוועגונג האָט זיך אריבערגעפּלאַנצט פון רוסלאַנד אין מערב-אייראָפּא, דאָס הייסט פון ניט איירא־פּעאישע און טראַדיציאָנעלע יסודות אין קולטיווירטע און אייראָפּעאישע כחות. דער געזעלשאַפטליכער קלאַס, וועלכער טראָגט אויף זיך די באוועגונג, איז אין פּאָליטישען ציוניזם דערזעלבינער ווי אין חבת ציון. דיזער קלאַס איז אָבער ניט פאַרבונדען אָרגאַניש מיט דעם פּאָליטישען ציוניזם, דער ציוניזם איז ניט אַן ענטפער אויף זיינע פראַגען פון לעבען. דער קלאַס איז ציוניסטיש וועגען זיין נאַציאָנאַלען געפיל און דורך זיינען טראַדיציעס, ניט אָבער דורך אלע תנאים פון זיין לעבען, דורך די נויט און דאָס אומגליק, דורך דעם פּאָליטישען און עקאָנאָמישען גלות. דארום קאָן אויך דער ציוניזם אין זיין יעצטיגער לאַגע ניט אנטוויקלען אין זיך די כחות, וועלכע זענען נויטיג צו באפרייען דאָס פּאָלק.

קוקט מען זיך צו צו דעם ציל און די מיטלען, וועלכע דער פּאָליטישער ציוניזם האָט געשאַפען, דאַן זעט מען ווי די פּסיכאָלאָגיע פון דעם אידישען מיטעלשטאַנד אין מערב־אייראָפּא האָט זיך אָבגערופען אין ציוניזם און גורם

נאָמישע און סאָציאַלע באַוועגונג. זי האָט זיך אָפּגעריסען פון דעם המון און זיינע לעבעדיגע אינטערעסען און איז געוואָרען א נייער יסוד פון „אידישקייט“ ביי די בעלי בתים און די משכילים, וואס האָבען נאָך די פּאָגראָמען אָנגעהויבען טאָן תשובה. בשעת די באַוועגונג איז פארשוואונדען פון לעבען, פון גאס, האָט זי זיך געפונען א ווינקעלע אין חדר שני פון בית המדרש, וואו משכילים, בעלי תשובות און געכאַפּטע בעלי בתים האָבען זיך אויסגעצירט און אויסגעשיינט מיט זייער מקח-וממכר'דיגע און בית-מדרש-השכלה'דיגע פּסיכאָלאָגיע. די חבת ציון האָט דארום באלד אָנגענומען א קינדישע, ניט פּאָליטישע פאָרם און איז דורכגעדרונגען געוואָרען פון אלע רעאקציאָנערע תוכנים, וועלכע האָבען ביי יענעם קלאס אידען געלעבט. די פּאָליטיק איז באשטאנען אין קלייבען געלד אויף שטיצען בעלי בתים, וואס גאָט האָט זיי געהאָלפען מיט אייגענע פּאָר טויזענד רובעל, צו פאָרען בדרך גנבה אין ארץ ישראל און בשתיקה פון דעם סולטאן ירום הודו זיך באזעצען דאָרט „איש תחת גפנו ותחת תאנתו“. חבת ציון איז ארויסגעגאנגען קלייבען הסכמות פון שטריימלעך און געבראכט ראיות פון שאלות ותשובות, דאס ישוב ארץ ישראל איז א מצוה, טאקי א מצוה גדולה, א חוץ וואס זי היט אָפּ דעם יונגען דור פון פארקריכען חלילה אין די שלעכטע דרכים. פאר „גדולי ישראל“ פאר נגידים, פאר גבירים איז מען געפאַלען כורעים און געמאכט זיי פאר קופּערנע גואל צדק'ס. העכער פון דיזער פּאָליטיק האָט זיך די חבת ציון פון די בעלי בתים און משכילים ניט געקענט אויפהויבען.

חבת ציון האָט אויף אזא אופן ניט געקענט לעבען און זיך ענטוויקלען. באלד האָט זיך ארויסגעוויזען, דאָס די קאָלאָניזאציאָן אויף די יסודות פון חבת ציון האָט קיין צוקונפט ניט און אז דאָס פאָלק פאלט אלץ מער און מער אָפּ פון דער באַוועגונג. חבת ציון האָט זיך שוין אין די נײַנציגער יאָרען פאר־וואנדעלט אין א אונבאַדייטענדע שטרעמונג, אָהן יונגע לעבעדיגע כחות, דורכ־געפילט פון רעאקציאָנערע טראַדיציאָנעלע יסודות, שטותים און נארישקייטען.

די תנאים פון דעם אידישען לעבען, די פארשלעכטערונג פון דער אידישער לאגע אויך אין מערב־אייראָפּא, די פארשטארקונג פון אנטיסעמיטיזם האָבען אָבער געמוזט ווידער ארויסרופען א נייע ציוניסטישע באַוועגונג. דיזע באַ־וועגונג איז אָבער ערוועקט געוואָרען שוין אין מערב־אייראָפּא, ביי אידען פון אן אנדער קולטור און בילדונג און מיט אנדערע גייסטיגע כחות, ווי די בעלי־בתים און משכילים פון רוסלאנד. אויך האָט די היסטאָריע פון חבת ציון געצייגט, דאס קליין־קאָלאָניזאציאָן אָהן א פּאָליטישען רעיון און שטארקייט איז ניט קיין אידעאל פאר דעם פאָלק און ניט קיין ענטפער אויף דער אידישער פראגע. די נייע באַוועגונג איז דארום אויפגעטראָטען לכתחילה שוין אלס א פּאָליטישע באַוועגונג מיט דעם ציל צו גרינדען אָפען א אידישע מלוכה און באפרייען דאָס אידישע פאָלק פון גלות. און דאס איז אויך דער גרונד, וואס

אין דער וועלט, וועלכע וואנדערען פון לאנד צו לאנד, פון איין באשעפטיגונג צו דער אנדערער, פון איין סאָציאלען קלאס אין דעם אנדערען, פון איין קולטור אין די אנדערע, פון איין שפראך אין די אנדערע, און געפינען ניט אין ערגעץ קיין אָרט און קיין פרייהייט. דיזער גרויסער אידישער המון איז פארבונדען מיט דעם ציוניזם דורך זיין לעבען און קאָן און מוז אויפגעוועקט ווערען און זיך שטעלען אין דעם מיטעלפונקט פון דער באוועגונג, געבען איר זיינע אייגענע כחות און זי פירען צו איר היסטאָרישען נצחון.

כדי דער המון, דאָס פאָלק זאָל זיך שטעלען אונטער דעם פאָן פון דער ציוניסטישער פרייהייטס־באוועגונג, מוז דער ציוניסטישער אידעאל פארשטאנען ווערען ניט נאָר ווי א גאולה פון דעם נאציאָנאלען גלות, נאָר אויך ווי א גאולה פון אלע צרות און ליידען פון דעם המון אין דער היינטיגער געזעלשאפט. א נייע געזעלשאפט אין דעם נייעם לאנד, א געזעלשאפט פון פרייהייט און גלייכהייט, א געזעלשאפט אָהן דעם הפוך פון הארר און קנעכט, אָרים און רייך, קאפיטאל און פראָלעטאריאט, נאָר א קאָלעקטיוויסטישע געזעלשאפט אויף נייע עקאָנאָמישע יסודות, אויף שותפות'ע ארבייט און שותפות'ען אייגענטום און לאנד, אויפגעבויט דורך דעם המון און צוליב דעם המון, — דאָס מוז ווערען דער אידעאל פון דעם נייעם ציוניזם, פון דעם ציוניזם, וועלכער זאָל ווערען דער אידעאל פון דעם אידישען פאָלק, פון דעם אידישען המון.

ווי באלד אָבער דער המון וועט ווערען דער געזעלשאפטליכער יסוד פון דער ציוניסטישער באוועגונג און דערזעהן אין דעם ציוניזם זיין העכסטען פאָליטישען, עקאָנאָמישען און קולטורעלען אידעאל, וועט ער אויך פון זיך ענט־וויקלען די כחות, כדי דעם ציוניזם אויסצופירען. דער המון קאָן ערשט פון דעם ציוניזם מאכען א פאָליטישע באוועגונג. דער ציוניזם קאָן הן אין דעם אידישען לעבען גופא און הן ביי די אייראָפעאישע פעלקער נור דורך דער הילף פון המון באקומען די באדייטונג און דעם כח, וועלכע ער מוז האָבען, כדי אויסגעפירט צו ווערען.

דער ציוניזם קאָן אויסגעפירט ווערען נור דורך צילבאוואוסטע פאָלקס־אָרגאניזאציאָן, דורך קאמף, מאטעריעלע מיטלען און שטיצע פון דער אייראָ־פעאישער עפענטליכער מיינונג. נאָר דער אידישער המון קאָן אים געבען דיזע כחות. א צילבאוואוסטע פאָליטישע פאָלקס־אָרגאניזאציאָן, פריי פון די בעלי־בתי'שע, בית־מדרש'דיגע נארישקייטען און שטותים און די אייראָפעאישע בורזשואזע רעאקציאָנערע קונצען און לעבערליכקייטען, קאָן שאפען נור דער דער המון, וואָס איז בכלל פייאיג צו בילדונג, היסטאָרישען פּאָרטשריט און פרייהייט. דער אָרגאניזירטער המון קאָן אויך שאפען די מאטעריעלע מיטלען, וועלכע זיינען נויטיג פאר דעם ציוניזם. ווען מיר זאָגען מאטעריעלע מיטלען, מיינען מיר ניט די סומען, ווי זיי זיינען צוזאמענגעקליבען געוואָרען פון די

געווען זיין שוואכקייט. דער פאָליטישער ציוניזם האָט ניט פאַרבונדען מיט דעם ציוניזם דעם אידעאַל פון א נייע געזעלשאַפט, פון א געזעלשאַפט פון פרייהייט און גלייכהייט. דאָס איז אויך געווען איינע פון די סבות, וועלכע האָט גורם געווען, דאָס דער גרויסער המון האָט זיך ניט אויפגעהויבען און גע־שטעלט זיך אונטער דעם ציוניסטישען פאָן און עס האָבען זיך אין אים ניט ערוועקט די כחות און געפילען, ווי זיי זענען נויטיג פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. אין די הענט פון דער בורזשואַזיע און דעם מיטעלשטאַנד איז דער פּאָליטישער ציוניזם ניט געוואָרען קיין גרויסער היסטאָרישער אידעאַל און קיין טרייבענדער כח פאַר דעם המון.

און אַזוי ווי די פּסיכאָלאָגיע פון דער בורזשואַזיע און דעם מיטעלשטאַנד האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין דעם ציל פון דעם ציוניזם, אַזוי האָט זי זיך אויך אָבגערופען אין די מיטלען, דורך וועלכע ער האָט געמיינט זיין ציל אויסצופירען. בעטען און איינריידען די אידישע מיליאָנערען און גבירים, זיי זאָלען געבען די מיטלען פאַר דעם ציוניזם, — דאָס איז דער וועג פון די בורזשואַזע ציוניסטען, כדי אויסצופירען דעם ציוניסטישען אידעאַל.

די פּשט'לעך אָבער, מיט וועלכע מען האָט געפּרופט צוטרעטען צו דעם רייכען קלאַס, האָבען זיך ארויסגעוויזען שוואַכער, ווי די פּאָליטישע אינטערעסען פון דיזען קלאַס, וועלכע פירען אים צו אַסימילאַציאָן, דאָס הייסט צו דעם פּאָלשטענדיגען הפוך פון ציוניזם. די קונצען און די קינדישע מאַטערנים פון די ציוניסטען איז געבליבען פאַרלאָרענע מיה. די אידישע בורזשואַזיע איז ניט נאָר ניט צוגעשטאַנען צום ציוניזם, נאָר זי מאַכט דער באַוועגונג מניעות, און לאָזט ניט צו, דאָס אפילו די אידישע פאָנדען, וועלכע זיינען באַשטימט פאַר אידישע כלל־זאַכען, זאָלען באַנוצט ווערען פאַר דעם ציוניזם, ווי די פאָנדען פון יק"א, חכי"ח א. ז. וו. פון דער אַנדערער זייט אָבער איז דער המון ניט אריינגעצויגען געוואָרען אין דער באַוועגונג און האָט אין אים ניט אריינגע־טראָגען זיינע פאָלקס־כחות. דאָס האָט גורם געווען, דאָס דער ציוניזם איז יעצט געקומען צו דעם צושטאַנד פון א קריזיס און קאָן זיך ניט ווייטער ענטוויקלען.

ארויסגעהן פון זיין יעצטיגען קריזיס און ווערען באמת א פרייהייטס־באַוועגונג פון דעם פאָלק, קאָן דער ציוניזם נאָר דאַן, ווען ער זאָל זיך שטיצען אויף דעם יסוד פון דעם אידישען פאָלק, וועלכער איז דורך זיינע אינטערעסען פון לעבען פאַרבונדען מיט דעם ציוניזם און וועלכער זאָל קענען לעבען און קעמפען פאַר זיין אידעאַל. דער ציוניזם מוז ווערען א באַוועגונג פון דעם המון, פון די מיליאָנען אידען, וועלכע האָבען ניט קיין לאַנד, קיין מנוחה, קיין ארבייט, קיין שפּראַך, קיין קולטור, וועלכע זיינען אלס ארבייטער געדריקט מער ווי אַלע ארבייטער פון דער וועלט, אלס קרעמער, פאַרמיטלער, לופטמענשען, איבריג

די אידישע נאציאָן פון גלות צו חירות. דער ציוניזם איז דער איינציגער פאָרט־שריטליכער ענטפער אויף דער אידישער פראגע, דאס הייסט אויף די סתירות פון לעבען פון דעם המון, און דער המון איז דער איינציגער אמת'ער יסוד, אויף וועלכען דער ציוניזם קאָן זיך שטיצען אין דער אידישער היסטאָריע.

ציוניסטען און וועלכע האָבען כמעט גאָר קיין ווערט ניט, נאָר די הונדערטער און טויזענדער מיליאָנען, וועלכע זיינען נויטיג, ווען מען רעדט ערנסט פון א אידיש לאַנד און א אידישע פרייהייט. דער ציוניזם האָט קיין מיטלען ניט, ווייל די אידישע בורזשואזיע, וואס האָט געקאָנט אין איין טאָג שאפען דאָס געלד פאר דעם ציוניזם און וועלכע איז אויך דער בעל־הבית אויף הונדערטער מיליאָנען אידיש כלל־געלד, איז געגען דעם ציוניזם צוליב אירע רעאקציאָנערע, אסימילאטאָרישע און פאטריאָטישע אינטערעסען אין די גלות־לענדער. די אידישע בורזשואזיע האָט א גרויסען חלק אין די אידישע צרות און רדיפות. זי איז אָבער דער גרעסטער פיינד פון דעם ציוניזם, ווייל זי ציטערט, דאָס דורך דעם וועט אָפגעשוואכט ווערען איר פּאָליטישע באדייטונג און איר פּריווילעגירטע שטעלונג צווישען די פעלקער. דורך זיינע יעצטיגע מיטלען קאָן איר דער ציוניזם ניט בייקומען. דער המון קאָן אָבער ארויסטרעטען געגען דער בורזשואזיע מיט פאָדערונגען, זי זאָל געבען די מאטעריעלע מיטלען פאר דעם ציוניזם. ער קאָן ארויסטרעטען געגען איר אין א קאמף, פאראינטערעסירען די גאַנצע דעמאָקראטישע וועלט פאר זיין נאציאָנאלע באפרייאונג און צווינגען די בורזשואזיע דורך דער עפענטליכער מיינונג, צו העלפען דעם המון אין דעם ציוניסטישען זין. אין דעם המון קאָן ערשט געשאפען ווערען דער כח, וואס זאָל אויספירען דעם ציוניזם און באפרייען דאָס אידישע פאָלק.

אָבער ניט אויף דער אידישער בורזשואזיע קאָן דער המון האָבען א ווירקונג און א כח, נאָר ער קאָן אויך דערוועקען ביי די אייראָפּעאישע פעלקער סימפּאטיען פאר דעם ציוניזם, סימפּאטיען וועלכע ווען זיין אים זיין באמת ניצליך. נאָר אזעלכע באוועגונגען, וועלכע שטיצען זיך אויף פאָלקס־מאסען, נעמען זיך פון זייערע אינטערעסען און פאר וועלכע די פאָלקס־מאסען קעמפען, זיינען בכח ארויסצורופען די סימפּאטיען פון די פעלקער און דער עפענטליכער מיינונג, וואס דאס וועט אליץ נויטיגער ווערען פאר דעם ציוניזם, וואס ערנסטער ער וועט ווערען און נעהענטער צו זיין ציל. ביז איצט האָט דער ציוניזם ניט געקענט ארויסרופען אזעלכע סימפּאטיען אין אייראָפּא צו זיך, און ער איז דארום נאָך ניט קיין פּאָליטישער כח אין דער וועלט, ווארום עס פעלט אים אן אָרגאניזירט פאָלק, דער אידישער המון, זיין אמת׳ער און ריכטיגער היסטאָרישער יסוד.

דער המון זאָל דינען דעם ציוניזם און דער ציוניזם זאָל דינען דעם אידישען המון, דאָס מוז זיין דאָס וואָרט, וועלכעס דארף זיין אויפגעשריבען אויף דער ציוניסטישער פאָן. דער ציוניזם קאָן אָבער נור דאן באמת דינען דעם המון און אויספירען זיינע אידעאלען, ווען דער המון וועט זיך שטעלען אין דער ציוניסטישער באוועגונג און מיט זיין פארשטאנד און זיינע אינווייניגע כחות ווייזען אים דעם וועג. אָבער ערשט דאן נאָר קאָן דער ציוניזם אויך אויסגעפירט ווערען און באפרייען

ארטיקלען וועגען „בונד“.

א. דער ציוניזם און דער „בונד“.
ב. די נאציאָנאלע ענטוויקלונג פון „בונד“.
ג. דער „בונד“ און דער ציוניזם.
ד. דער עם־הארץ פון דער אידישער גאס (פעליעטאָן).

דער ציוניזם און דער „בונד״ *)

קוים איז ארויסגעטראָטען די אָרגאַניזאַציאָן „חירות״ מיט איר ערשטען פלוגבלאַט פאַר דער וועלט, איז שוין ארויסגעשפּרונגען דער „בונד״ אין דעם „אידישען ארבייטער״ נומער 14 מיט א ממזר־בלבול געגען איר. אין אן ארטיקעל: „די ציוניסטישע דעמאָקראַטישע פראַקציאָן״ מכח דעם ערשטען צוזאַמענפאָר פון דער „פראַקציאָן״ אין באַזעל גיבען אגב אורחא די שרייבער פון דעם ארטיקעל א כאַראַקטעריסטיק פון די אלטע ציוניסטען און „חירות״, וועלכע זיינען נאָך דער מיינונג פון די שרייבער איינס און דאסזעלבע. די אלטע ציוניסטען האָבען געגעבען כבוד און גבאות יעדען גביר, גע׳חנפ׳עט, געלעקט. „חירות״ ווארפט זיך אויף פאַר דעם עגל הזהב. די „גאָלדענע קאַלב״ איז איר אידעאַל. די כאַראַקטעריסטיק פון די אלטע ציוניסטען האָבען די שרייבער נאָכגעשריבען נאָך דעם ערשטען פלוגבלאַט פון „חירות״, פון דער לייבליכער שוועסטער פון חבת ציון, זיי האָבען אָבער ניט דערמאָנט די קוועלע, פון וואַנען זיי האָבען דאָס גענומען. דערפאַר אָבער ווילען מיר דאָ די ארטיקעל־שרייבער גלייך אויפדעקען די קוועלע, פון וואַנען זיי האָבען עס גענומען. דאס „חירות״ בוקט זיך פאַר דעם עגל הזהב, — דאס איז די נארישקייט און פאַלש־קייט פון די שרייבער. די שרייבער ווייסען זעהר גוט, דאס זייערע ווערטער זיינען כזב ושקר, זיי האָבען זיך געלאַכט אין די הויפּענס, בשעת זיי האָבען דעם ליגען געשריבען מיט כונה. זיי האָבען שפּעקולירט אויף דער נאַאיוויטעט פון זייערע לעזער. אָבער ווי קינדריש, נאַריש האָבען זיי אָפּגעמאַכט דעם שווינדעל. קיין שפּיציגע קעפּ זיינען די טאַלאַנטען פון „בונד״ ניט.

דער ארטיקעל איז געריכטעט געגען דער ציוניסטישער דעמאָקראַטישער פראַקציאָן, און עס איז געווים גאָר ניט אונזער זאַך מיט דעם „בונד״ אריינגעהן אין א וכוח מכח דער פראַקציאָן. „חירות״ האָט מיט דער „דעמאָקראַטישער פראַקציאָן״ נישט צו טאָן. מיר ווילען דאָ אָבער פאַרבלייבען ביי איינינע „געדאַנקען״, וועלכע די ארטיקעל שרייבער האָבען ארויסגעזאָגט מכח דעם ציוניזם בכלל.

די געדאַנקען פון די בונדיסטען מכח דעם ציוניזם זיינען געגליכען געוואָרען צו די נשמות פון רשעים: זיי ווערען פאַראייניס מגולגל אין אנדערע. מיר ווייסען ניט אין וועלכען גלגול עס געפינען זיך די געדאַנקען פון אונזערע שריי־

---

*) געשריבען אין יאָהר 1903 און ערשינען אינ׳ם ערשטען נומער פון זשורנאל „המון״, בערלין.

האָט זי דערפאַר אויסגעטראַכט דעם ציוניזם, כדי צו שאַפען פאַר זיך אַן אייגען לאַנד, וואו זי זאָל אירע פרייע קאַפּיטאַלען קענען אויסנוצען מיט א גוטען ריוח. די „קריטיק“ איז דאַכט זיך א גאַנץ שאַרפע, און אַזוי ווי דער צושפּיל צו יעדער בונדיסטישער „קריטיק“ פון ציוניזם איז דער פּזמון: אידישע זשאַנדאַרמעס, אידישע איספּראַווניקעס, אידישע גובערנאַטאָרען, אידישע פאַבריקאַנטען, האָט מען דאָך געדאַרפט ערוואַרטען, אַז דער „בונד“ וועט דיזע „קריטיק“ אויסנוצען אין דער אַגיטאַציאָן. נאָר מען האָט דעם „געדאַנק“ אויך באַלד געוואָרפען, וואָרום א מאַסאָווע באַוועגונג האָט ניט נאָר איר אינוויינינגע לאָגיק, נאָר אויך איר אינוויינינגען אמת און קאָן קיין ווילדע ליגען ניט פאַרטראָגען. דעם ציוניזם אָפּ׳הרג׳ענען דורך דער ערקלערונג, אַז ער נעמט זיך פון די גראָבע מאַטעריעלע אינטערעסען פון דער בורזשואַזיע, דאָס ער איז דער אָבצען און קרעכצען פון דעם אידישען קאַפּיטאַל, — איז אין גרונד א פיל צו נאַרישער פאַרזוך, און דער עולם זעט גלייך דעם ליגען דערפון אַרויס.

דערפאַר איז באַלד דיזע „קריטיק“ מגולגל געוואָרען אין אַן אַנדערע, אין א כלומרשט אידעלערע. דער ציוניזם שטאַמט דערפון, וואָס די אידישע בורזשואַזיע איז פּאָליטיש געדריקט, דערפאַר וויל זי אויפבויען אַן אייגענע מלוכה, וואו זי זאָל קענען פּאָליטיש הערשען. אויף אַזאַ אופן ערקלערט דעם ציוניזם צ ע ט ע ר ב ו י ם אין „אידישען אַרבייטער“ נומער 12 (איבערזעצט פון „נייע צייט“). פריער האָבען מיר געהאַט אין דעם ציוניזם צו טאָן מיט א קאַפּיטאַ- ליסטען־קלאַס, וועלכער האָט צוזאַמענגעלייגט זיינע הונדערטער מיליאָנען, כדי צו פאַרדינען געלד דורך א קאָלאָניאַל־פּאָליטיק; יעצט האָבען מיר צו טאָן מיט א בורזשואַזיע, וואָס האָט זעהר א פיינעם בירגערליכען געפיל און קאָן ניט איבערטראָגען די פּאָליטישע שוואַכקייט. דערפאַר ווערט ביי איר אַזאַ פּסי־ כאָלאָגיע אויף גרינדען אַן אייגענע מלוכה, אַזוי ווי ביי יענעם רב, וועלכען קיין שטאָט האָט ניט געוואָלט נעמען פאַר א רב, און וועלכער האָט דערפאַר גענומען זיך בויען אַן אייגענע שטאָדט.

ביי דיזער „קריטיק“ האָט מען זיך אָבער אויך ניט געקענט אָפּשטעלען; מען האָט זיך מיט איר א ווייל באַנוצט און גלייך אַוועקגעוואָרפען, ווי א פּסול׳ע הושענא. וואָרום באמת איז אַזאַ פאָרשטעלונג פון דעם ציוניזם נאָך נאַרישער, ווי די ערקלערונג, אַז דער ציוניזם שטאַמט פון די געלד־אינטערעסען פון דער אידישער בורזשואַזיע. קיין אָריגינעלע ערקלערונג איז זי אָבער אויך ניט; זי שטאַמט פון די אייראָפּעאישע רעאַקציאָנערען אין זייער קריטיק איבער דעם סאָציאַליזם. פון וואַנען נעמט זיך דער סאָציאַליזם? גאָר פּשוט, — האָבען א צייט לאַנג געענטפערט דאַרויף די אונוויסענדע און פאַלשע רעאַק־ ציאָנערען און ענטפערען יעצט נאָך אויך אין זייער פּרעסע — ער נעמט זיך דערפון, וואָס פלעכאַנאָוו, בעבעל, זשאָרעס, ווילען הערשען און ווערען קיסרים

בער, נאָר זיי קלינגען שוין גאָר אנדערש ווי דאס, וואס די בונדיסטישע ליטע־ראטור האָט פריער געזאָגט מכח דעם ציוניזם. ווען א פארטיי האָט אין איר קריטיק פון אן אנדערער באוועגונג קיין שום פעסטען פונקט ניט, קיין אויסגע־ארבייטע טעאָריע ניט, ווען זי שפרינגט ארוים יעדע דריי חדשים מיט א נייער „ערקלערונג", א נייע „קריטיק", מיט נייע „כלי זיין", איז א סימן, אז זי איז אין דיזען פונקט שוואך און טאפט אליין אין דער פינסטער, און האָט ניט קיין אינווייניגען כח צו קריטיקירען די אנדערע באוועגונג. די קריטיק פון דעם סאציאליזם מכח די בירגערליכע געזעלשאפט איז אומפארענדערליך, כל זמן דער סאָציאליזם אליין פארענדערט ניט זיין באשטימטען רעוואָלוציאָנערען כאראקטער; פאר וואס די בירגערליכע געזעלשאפט איז רעאקציאָנער, אונ־קולטורעל און מוז צו גרונד געהן היסטאָריש, ערקלערט דער סאָציאליזם דורך א וויסענשאפטליכער טעאריע פון דער געזעלשאפט און דער געשיכטע. די פעסט־קייט פון דער קריטיק פון דער בירגערליכער געזעלשאפט נעמט זיך ביים סאָ־ציאליזם פון זיין אינווייניגען כח און אינווייניגען אמת. אויף דעם „בונד" איז אָבער א רחמנות קוקענדיג, ווי ער ווארפט זיך אין זיין קריטיק פון דעם ציוניזם, ווי א פיש אין וואסער, קלערט אוים יעדען אויגענבליק נייע „טעאָריען", ווארפט אוועק די פריערדיגע וואפען געגען אים, ווארום זיי טויגען ניט, און פרופט זיך מיט נייע, שפּאָגעל־נייע...

די ערשטע „קריטיק", מיט וועלכע דער „בונד" איז ארויסגעטראָטען געגען דעם ציוניזם, איז געווען אין איינעם פון די ערשטע נומערען פון „וועקער". דאָרט גיט דער „בונד" א יונ'עשע סברה איבער דעם ציוניזם: דאָס אידישע פאָלק איז צוטיילט אין פאבריקאנטען און ארבייטער, וועלכע לעבען צווישען זיך אין קלאסען־קאמף. בשעת דער קלאסען־קאמף פון די ארבייטער איז געוואָרען אָבער שטארקער און די פאבריקאנטען האָבען זיך דערשראָקען פאר דעם ארביי־טער־קלאס, האָבען זיי אויסגעקלערט דעם ציוניזם, כדי אָפּצולענקען דעם ארביי־טער־קלאס פון קלאסענקאמף. וואָלט דער „בונד" אליין באמת געגלויבט אין דיזער קריטיק, האָט ער זיך געדארפט פאר איר האלטען, ווי א גוטער איד פאר'ן פדיון, און זי מער ניט ווייטער פּאָפּולאריזירען. דאָס וואָלט דאָך געווען די בעסטע וואפע געגען ציוניזם און אָפּציען פון אים יעדע לעבעדיגע קראפט. נאָר די גאנצע לעכערליכקייט און נארישקייט פון דעם „קריטישען גדאנק" איז אזוי גרוים, דאס מען האָט אים גאָר ניט געקענט „נוצען", און עס איז באלד פאבריציררט געוואָרען א נייע „קריטיק". אין א בראשורע פון בן־אהוד: „ציוניזם אָדער סאָציאליזם?" וועלכע דער „בונד" האָט פארעפענטליכט, ווערט נעגעבען אן אנדערע „ערקלערונג" פון דעם ציוניזם: דער אנטיסעמיטיזם דריקט די אידישע בורזשואזיע עקאָנאָמיש; די פרייע קאפיטאלען, וועלכע די בורזשואזיע האָט, קאָן זי ניט פארווענדען אין די לענדער, וואו זי וואוינט יעצט,

ניט צולאָזען ציוניסטען ניט אין די עקאָנאָמישע און ניט אין די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציאָנען".

פאַרגלייכענדיג דיזע רעזאָלוציאָן מיט דעם, וואָס דער „בונד" האָט פריער געשריבען מכח דעם ציוניזם און מיט דעם פּראַקטישען טייל פון דער רעזאָלוציאָן, ווייס מען ניט, צי זיינען משיח־צייטען געקומען אויף דער וועלט, אָדער זיינען די שרייבער פון דער רעזאָלוציאָן ניט גאַנץ קלאָר ביים זינען און ניט פּייאיג צו פאַרשטעהן די איינפאַכסטע זאַכען. דער ציוניזם איז די רעאַקציאָן פון דער בורזשואַזיע געגען דעם אַנטיסעמיטיזם און די ניט נאָרמאַלע רעכטליכע לאַגע פון אידישען פאָלק. דאָס איז באמת זעהר נאַריש פאַרשטאַנען, נאָר לאָמיר אָננעמען, אַז עס איז ווירקליך אַזוי, טאָ וואָס איז דערפון געדרונגען? ווען דער ציוניזם איז סתם א פּאָליטישע תשובה פאַר דער בורזשואַזיע אויף דעם אַנטיסעמיטיזם, ליגט דערין נאָך קיין שום פאַראורטיילונג ניט פון דעם ציוניזם, פון סאָציאַליסטישען שטאַנדפּונקט. א רעאַקציאָן פון דער בורזשואַזיע געגען דעם אַנטיסעמיטיזם קאָן נאָר זיין אויף א פּראָגרעסיווען, אפילו אויף א סאָציאַליסטישען אופן. איז דען די באַוועגונג פון דער בורזשואַזיע געגען דעם אַבסאָלוטיזם, געגען דער קירכע, געגען די גרויסע אבגאַבען אויף ברויט דאַרום שעדליך, וואָס זי איז א באַוועגונג פון דער בורזשואַזיע? פאַרקערט, די סאָציאַליסטען זיינען אין דעם מיט דער בורזשואַזיע בכלל יד אחת. כל זמן דער ציוניזם איז געווען נאָך דער קריטיק פון „בונד" א באַוועגונג פון דער בורזשואַזיע צוליב געלד פאַרדינען אָדער פּאָליטיש הערשען, איז די שנאה פון די סאָציאַליסטען געווען ערקלערליך; איז ער אָבער מער ניט ווי סתם א רעאַקציאָן פון דער בורזשואַזיע געגען דער אידישער לאַגע, מוז מען זיך אָפּזאָגען פון דעם שווינדעל, אַז די בורזשואַזיע האָט דאָס אויפגעטאָן צוליב געלד פאַרדינען, ליגט אין אַזעל־כער ערקלערונג פון דעם ציוניזם קיין שום קריטיק ניט.

פאַר וואָס איז אָבער דער „בונד" געגען דעם ציוניזם? דאַרויף גיט ער די אַלטע בעל־בתי'ש־בורזשואַזע תשובה, וואָס מען מען קאָן אָפּט הערען מכח יעדען העכערען אידעאַל, — דער ציוניזם איז אַן אוטאָפּיע, א חלום. אָבער אין דיזער אַלטער בית־מדרש'דיגער סברה זעהען מיר אויך א גרויסע פאַרענדערונג ביים „בונד". אין דעם רעאַקציאָנערען ליאַרם, אַז דער ציוניזם איז אַן אוטאָפּיע, האָט זיך דער קול פון „בונד" געהערט שטענדיג הויך, נאָר ער פלעגט נאָך דערביי ליב האָבען אַרויפוואַרפען א פּחד אויפ'ן עולם. שיפען וועלען קומען פון די אַנדערע מלוכות און צוראַבירען דאָס אידישע לאַנד, די גייסטליכקייט פון דער גאַנצער וועלט וועט ביי דער גרינדונג פון א אידישער מלוכה אויסקוילענען אידען, וואַרום זיי האָבען גע'הרג'עט דעם קריסטוס, — דיזע און נאָך אַזעלכע באָבע־מעשיות שטעהען געשריבען אין דער בונדיסטישער ליטעראַטור מכח דער אונאויספירליכקייט פון דעם ציוניזם. יעדען רעאַקציאָנערען שטות, וועלכען

פּרעזידענטען, אונטערדריקער. אזא קריטיק רופט ארוים דורך איר ווילדקייט און אָפענע פאלשקייט מער ניט ווי א געלעכטער און קאָן זיך נאטירליך ניט האלטען לאנג. די „קריטיק״ פון דעם ציוניזם, אז ער נעמט זיך פון דעם וואונש פון דער בורזשואזיע פּאָליטיש צו הערשען, האָט אויך ניט געהאט קיין קיום, און כאָטש זי וואָלט דאָך געקענט גאנץ גוט „דינען״ אין דער אגיטאציאָן, האָט דער בונד״ אלס פּארטיי ניט געקענט זי אָננעמען.

די מאטערניש פון דעם בונד צו ערקלערען דעם ציוניזם אלס א בורזשואזע קלאסען־באוועגונג איז לייכט צו פארשטעהן. נעמט זיך דער ציוניזם פון די קלאסען־אינטערעסען פון דער בורזשואזיע, האָט באמת דער פּראָלעטאריאט, דער גאנצער אידישער המון מיט אים נישט צו טאָן, מוז ער זיין זיין גרעסטער פיינד, מוז ער אים באקעמפען ווי די געפערליכסטע רעאקציאָנערסטע באוועגונג. ניט ווילענדיג האָט אָבער דער „בונד״ אלס פּארטיי געמוזט זיך אָפּזאָגען פון דיזער „ערקלערונג״, ווארום דער מאסאָווער אידישער כאראקטער פון דעם „בונד״ קאָן אזא ווילדקייט, אזא לאָגישע משוגעת און היסטאָרישען ליגען ניט אריבערטראָגען. די פּארטיי האָט זיך דארום מיאש געווען צו פירען א מלחמה געגען דעם ציוניזם פון סאָציאליסטישען שטאנדפּונקט, און האָט זיך גענומען פאר די בעל־בתי׳ש בורזשואזע סברות געגען דעם ציוניזם; פארשטעהט זיך, דאָס זי האָט זיך דאביי נאָך לעכערליכער געמאכט, ווי ביי דער פריערדיגער סאָציאליסטישער קריטיק. דער פערטער צוזאמענפאָר פון „בונד״ איז ארויס־געטראָטען געגען דעם ציוניזם מיט א בעל־בתי׳שער סברה און האָט אָנגענומען פאָלגענדע רעזאָלוציאָן מכח דעם ציוניזם:

„דער צוזאמענפאָר האלט דעם ציוניזם פאר א רעאקציאָן פון די בורזשואזע קלאסען געגען דעם אנטיסעמיטיזם און די ניט נאָרמאלע רעכטליכע לאגע פון אידישען פאָלק. דער צוזאמענפאָר האלט דעם ענדציל פון פּאָליטישען ציוניזם — שאפען א לאנד פאר דעם אידישען פאָלק, — אויף וויפיל מען וועט אין דיזען לאנד קענען אבזעצען נור א קליינעם טייל פון אידישען פאָלק, פאר א זאך, וואס האָט ניט קיין גרויסע באדייטונג און וועלכע מאכט ניט קיין סוף פון דער „אידען־פראגע״; און אויף וויפיל דער ציוניזם רעכענט צו באזעצען אויף דיזען לאנד דאָס גאנצע אידישע פאָלק, אָדער א גרויסען טייל פון אים, פאר אן אונאויספירליכען חלום, פאר אן אוטאָפּיע. דער צוזאמענפאָר רעכענט, דאָס די אגיטאציאָן פון די ציוניסטען בלאָזט פאנאנדער דאס נאציאָנאלע גע־פיל און קאָן שטערען דער אנטוויקלונג פון קלאסענבאוואוסטזיין. — אויף די קולטורעלע טעטיגקייט פון אייניגע גרופּען פון ציוניסטען קוקט דער צוזאמענ־פאָר ווי אויף יעדע אנדערע לעגאלע טעטיגקייט. — ביים באשפּרעכען פון ציוניזם האָט דער צוזאמענפאָר באשלאָסען, דאָס מען זאָל אויף קיין שום אופן

געוויזען דורכדעם זיין טעאָרעטישע ארימקייט און זיין אונפייאיגקייט קריטיש אויפצוטרעטען געגען דעם ציוניזם. אין ווירקליכקייט איז ער דער זעלביגער שונא פון ציוניזם, ווי פריער. ער קאָן אָבער מער ניט ערקלערען לאָגיש די סבה פון זיין שנאה. כאָטש דער „בונד" האָט אָנגענומען כמעט א סימפּאטישע רעזאָלוציאָן מכח דעם ציוניזם, האָט ער אָבער באשלאָסען אין דער פּראקטיק ציוניסטישע ארבייטער ניט אויפצונעמען ניט אין די עקאָנאָמישע און ניט אין די פּאָליטישע אָרגאניזאציאָנען. דאָ שטעהט מען פאר א רעטעניש. וואס האָבען דען די ציוניסטישע ארבייטער אזוי חוטא געוועזען דערמיט, וואס זיי מיינען, דאס מען וועט קענען באזעצען אין פּאלעסטינא א גרויסען טייל פון אידישען פּאָלק? פאר וואָס קומט דען פאר אזא אונשולדיגע זאך אזא מורא'דיגער גזר דין? פאר וואס דען מחרים זיין א גאנצען טייל פון אידישע ארבייטער, בשעת זיי געהען זיך פאנאנדער מיט דעם „בונד" נאָר אין דער אָפּשאצונג פון דער צאָל, וויפיל אידען קענען עמיגרירען? נאָר דער תרוץ איז, סאָציאליסטיש קאָן דער „בונד" דעם ציוניזם ניט בייקומען, ווארום ער איז א פּאָרטשריטליכע באוועגונג, דורך ווילדע ליגען קאָן ער מער מיט אים ניט קעמפען, ווארום ער האָט זיך דערמיט שוין גענוג לעכערליך געמאכט, שפּרינגען מער ניט ארויס די רעאקציאָנערע אסימילאטאָרישע אינסטינקטען פון דער בונדיסטישער אינטעליגענץ, וועלכע זי האָט גע'ירשנ'ט פון דער אידישער בורזשואזיע, — די אסימילאטאָרישע אינסטינקטען אין זייער ריינעם נאקעטען געשטאלט.

די אָפענע רעאקציאָנערע אידישע אסימילאטאָרען פילען דערפאר טאקי, דאָס דיזע רעזאָלוציאָן איז אייגענטליך מער פאר דעם ציוניזם, ווי געגען אים, און שרייען גוואלד! די הייליגע אסימילאציע איז אין סכנות! אידען זיינען אויף דעם וועג צו פרייהייט! דערפאר פאבריצירען די אנדערע כלי זיין געגען די אידישע פרייהייטס־באוועגונג, קלערען אוים ווילדע חלומות, וואס שטעהען שוין אויף דעם גרעניץ פון משוגעת, שרייען און ליארמען: בלוט וועט זיך גיסען דורך די ציוניסטען, די אידישע קאפּיטאליסטען וועלען איינפירען פאנשצינא אין פּאלעסטינא, די אידישע ארבייטער וועלען ווערען שקלאפען, קנעכט ביי די קאפּיטאליסטען, אזוי ווי פאר הונדערטער יאָרען די בויערען אין איירא‍ָפּא ביי די גוטסבאזיצער. און די אסימילאטאָרען רופען אָן דעם „בונד" ציוניסטיש, ווארום ער פירט ניט די מלחמה געגען דעם ציוניזם מיט דיזע קריטישע וואפען. זיי פארשטעהען אָבער ניט, דאס דער „בונד" קאָן ניט זאָגען א לאנגע צייט און מיט א פּאָליטישען ערנסט אלעס, וואס די אסימילאטאָרען ווילט זיך, ווארום ער איז א אידישע מאסען־באוועגונג, וועלכע האָט איר אינוויינינגען אמת. ער קאָן זיין נאריש, אונלאָגיש, דיפּלאָמאטיש, אָבער ניט משוגע אָדער נידערטרעכטיג.

אזוי איז מגולגל געוואָרען יעדע „קריטיק" ביים „בונד" אין די פּאָר יאָר

דער בורזשוא האָט געזאָגט מכח דעם סאָציאַליזם און מכח יעדען אידעאַל, האָט דער „בונד" אריבערגעטראָגען אויף דעם ציוניזם. די רעזאָלוציאָן פון דעם פערטען צוזאַמענפאָר דריקט זיך אָבער אויך אויס אין דעם פונקט גאָר אנדערש. אריבערפירען א טייל אידען אין א נייעם לאַנד, האָט ניט קיין ג ר ו י ס ע באַדייטונג (אָבער א קליינע באַדייטונג יא?) און קאָן די אידען־פראַגע ניט לייזען, אריבערפירען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק איז אָבער א זאוטאָפּיע. — אזוי גיט אונז די רעזאָלוציאָן צו ערקלערען. ערשטענס האָט דאָ דער „בונד" געדאַרפט ריידען באַריכות, פאַר וואס איז אונמעגליך עס זאָל זיך באַזעצען אין פאַלעסטינא א גרויסער טייל פון אידישען פאָלק, בפרט דאָס די עמיגראַציע באַווייזט, אז א גרויסער טייל פון אידישען פאָלק האָט עמיגרירט אין די לעצטע יאָרען אין נייע לענדער; מיט צוויי ווערטער קאָן מען דאָך די פראַגע ניט אָב'פטר'ן. צווייטענס אָבער, וואס איז מחויב דער „בונד" צו פאַרזאָרגען כלל ישראל? פאַר דעם גאַנצען אידישען פאָלק וויל גאָר דער ציוניזם ניט גרינדען קיין אידישע מלוכה. דער ציוניזם פאַרשטעהט זעהר גוט, דאָס די בורזשואזיע און די קליין־בורזשואזיע, וועלכע דאַרפען דעם ציוניזם גאָרניט אָדער גאָר ווייניג וועלען זיך אין דעם נייעם לאַנד ניט באַזעצען, אפילו די טיילען פון דעם המון, וועלכע רייסען זיך ביסלעכווייז ארויס דורך דער עמיגראַציאָן פון דעם המון און עפענען זיך דעם וועג צו דער קליין־בורזשואזיע, וועלען אויך ניט פאָרען אין דעם נייעם לאַנד אריין, ווארום דער גלות איז אייגענטליך זייער ארץ ישראל. די תנאים פון דעם לעבען צווינגען אָבער דעם המון, וועלכער בלייבט פראָלעטאַריש אָדער מוז ערשט ווערען פראָלעטאַריש, זוכען זיך א לאַנד מיט פאָליטישער אויטאָנאָמיע; פאַר דיזען המון און ניט פאַר כלל ישראל וויל דער ציוניזם גרינדען א נייע געזעלשאַפט. נאָר דער טייל פון אידישען פאָלק, וועלכער מוז זיך ענטוויקלען היסטאָריש צו א פראָדוקטיווען יסוד פון דער געזעלשאַפט, איז נאָך דער פאַרשטעלונג פון ציוניזם דאָס אידישע פאָלק. די ניט פראָדוקטיווע קלאַסען אידען מוזען ווערען היסטאָריש א קרבן פון דער אסימילאַציע און פון דעם אידישען פאָלק אָפּפאַלען. דערפאַר איז דער ציוניזם די פאָלשטענדיגע לייזונג פון דער אידישער פראַגע, גאַנץ גלייך ווי גרויס איז די צאָל אידען, וועלכע וועלען זיך באַזעצען אין דעם אייגענעם לאַנד, ווארום די לייזונג פון דער אידישער פראַגע באַדייט נור די שאַפונג פון א העכערען פאָרם פון לעבען פאַר דעם אידישען פאָלק, וואו די סתירות פון דעם יעצטיגען לעבען זאָלען פאַרשווינדען. די לייזונג פון א פראַגע בכלל הייסט פאַרווירקליכען א העכערען פרינציפּ פון לעבען אין דער געשיכטע; דער „בונד" מיינט אָבער, אז דאָס הייסט שיינקען א סך מענשען א פעטע מתנה.

מען דאַרף אָבער ניט מיינען, דאס דער „בונד" האָט פאַרענדערט דורך דיזער רעזאָלוציאָן זיין שטעלונג צום ציוניזם. ער האָט מער ניט ווי ארויס־

לאַנד פאַרוואַנדלען די פרייע קאַפּיטאַלען, דערנאָך איז זי מגולגל געוואָרן אין א בורזשואַזיע, וואָס וויל פּאָליטיש הערשן אין איר אייגענעם לאַנד. ביים פערטען צוזאַמענפאַר איז דאָס שוין א גאַנץ פיינע סתם־בורזשואַזיע, וואָס האָט שוין פאַרלאָרן אירע קלאַסן־אינסטינקטן און קלאָגט אויף דער ניט נאָרמאַלער לאַגע פון אידישן פאָלק. אונזערע „טעאָרעטיקער" ווייסן שוין גאַרניט, וואָס אָנצוהויבן מיט דער בורזשואַזיע: זי וויל אי דאָ בלייבן, אי אַנטלויפן וואו פעפער וואַקסט, זי איז געשפּאָלטן אין צווייען, ווייל זי האָט אייגענטום, מוז זי האָבן א נאַציאָנאַלן אייגענטום. זי האָט ניט קיין טערי־טאָריע, האָט זי דערפאַר א גלות־פּסיכאָלאָגיע, האָט זי א געטאָ־פּסיכאָלאָגיע, ביז משיח וועט קומען.

נאָר גענוג מיט דעם ווערטער שפּיל, וואו איין וואָרט קלעבט זיך ניט צו דעם אַנדערן, גענוג מיט די דברים בטלים, מיט די פּראָסטע נאַרישקייט און קינדערייען. די הויכע ווערטער, וועלכע האָבן גאָר קיין שום זין ניט, ווי למשל, דאָס די בורזשואַזיע מוז האָבן נאַציאָנאַלן אייגענטום, ווייל ביי איר איז יעדע עקזיסטענץ געגרינדעט אויף אייגענטום בכלל, זיינען מער ניט ווי א שלייער, וואָס זאָל באַדעקן די קינדערישע אונוויסענהייט פון די שרייבער. גענוג מיט די לאַנגווייליגע שטותים. די טעאָריע פון דעם „בונד", דאָס דער ציוניזם איז א קלאַסן־באַוועגונג פון דער אידישער בורזשואַזיע, האָט באַנקראָטירט!

לאָמיר אָבער דאָ זעהן, וועלכע פּאָליטיק איז באמת די פּאָליטיק פון דער אידישער בורזשואַזיע. די אידישע בורזשואַזיע איז סאָציאַל און עקאָנאָמיש שטאַרק, אין פילע לענדער איז זי שטאַרקער ווי די קריסטליכע באַפעלקערונג, און אומעדום פילט זי דעם כח, דאָס זי קאָן לייכט איבעריאָגן די קריסטליכע בורזשואַזיע אין דער קאָנקורענץ. דערפאַר ליגט זי ווי א פּיאַווקע אין די לענדער, וואו זי וואוינט יעצט, און זויגט פון זיי דעם מאַרך. צוזאַמען מיט איר עקאָ־נאָמישער שטאַרקייט וואַקסט אויך איהר פּאָליטישע קראַפט. כדי אָבער אויס־צוגלייכן איר פּאָליטישע מאַכט מיט איר נאַציאָנאַלער מאַכט, אַסימילירט זי זיך, דאָס הייסט זי זוכט אַלץ מער און מער די „אידישע אידעאָלאָגיע" פון דער פריערדיגער סאָציאַל־עקאָנאָמישער עפּאָכע אַראָפּצוואַרפן, און פּאָליטיש און קולטורעל צו פאַרשמעלצן זיך מיט דעם פאָלק פון דעם לאַנד. דאָס לאַנד, וואו עס איז דער בורזשואַזיע גוט, איז איר פאַטערלאַנד, איז איר ארץ ישראל. ווייל זי איז עקאָנאָמיש שטאַרק, וויל זי ניט אַנטלויפן, בשעת זי איז נאָך פּאָליטיש שוואַך און זוכט זיך, פאַרקערט, צו אַסימילירן, כדי צו ווערן פּאָ־ליטיש שטאַרק. ווייל זי האָט אייגענטום, קלאַסן־אייגענטום, דאַרף זי איר לעבענס־פאָרם ניט פאַרענדערן, דאַרף זי קיין אייגענעם לאַנד ניט, זוכט זי זיך צו באַפרייען אפילו פון דער ערינערונג פון דעם אַמאָליגען היסטאָרישען טערי־טאָריום. איר געלד איז איר פאָלק, איר לאַנד, איר קולטור, איר רעליגיאָן,

אין אן אנדערע, ביז פון איר איז געוואָרען די רעטעניש פון דעם פערטען צוזאמענפאָר.

לאָמיר אָבער זיך אומקערען צו אונזערע נייע „קריטיקער“ פון ציוניזם, צו די מחברים פון דעם ארטיקעל: „די ציוניסטישע דעמאָקראטישע פראקציאָן“, און צוקוקען זיך, אין וועלכען גלגול געפינט זיך ביי זיי די מלחמה געגען דעם ציוניזם. די אידישע בורזשואזיע, — אזוי זאָגען אונזערע שרייבער, — איז סאָציאל שטארק, זי איז רייך און וויל קיינעם דעם וועג נ י ט אָ פּ ט ר ע ט ע ן. פּאליטיש אָבער איז זי שוואך, האָט מורא פאר יעדען קאמף און וויל דערפאר אנטלויפען וואו פעפער וואקסט. דער לעזער טוט זיך א כאפ פאר'ן קאָפּ און קוקט אויפ'ן בייז וואונדער. וואס איז דאָס פאר א מין בריה, וואס אי זי וויל קיינעם ניט אָפּטרעטען דעם וועג, אי זי אנטלויפט, וואו פעפער וואקסט? ממה נפשך וויל זי קיינעם דעם וועג ניט אָפּטרעטען, אנטלויפט זי ניט וואו פעפער וואקסט, און אנטלויפט זי וואו פעפער וואקסט, טאָ וואס הייסט דאָס, זי וויל קיינעם דעם וועג ניט אָפּטרעטען? אזא ווילדע בריה, וואס מיט איין פוס וויל זי אנטלויפען, וואו פעפער וואקסט, און מיט דעם אנדערן פוס וויל זי קיינעם דעם וועג ניט אָפּטרעטען, קאָן מען מער ניט העלפען ווי דורך א ראדיקאלע אפּעראציאָן. דערפאר ערקלערען אונזערע שרייבער, דאס די בורזשואזיע איז ג ע ש פּ אָ ל ט ע ן א י ן צ ו ו י י ע ן. איצטער איז יעדער לעזער פאָלשטענדיג באפרידיגט און פארשטעהט אקוראט די גאנצע סתירה פון אזא מין בורזשואזיע. נאָר אונזערע שרייבער זיינען אידישע גזלנים. אָט ערשט האָבען זיי די בורזשואזיע געשפּאָלטען אין צווייען, נייען זיי זי באלד פון רחמנות וועגען ווידער צונויף. אלס בורזשואזיע, — אזוי פילאָזאָפירען אונזערע שרייבער — זעהט די אידישע בורזשואזיע נור אין אייגנענטום די גרונדלאגע פון איר עקזיסטענץ, אָבער אלס אידישע בורזשואזיע האָט זי דאָך ניט קיין נאציאָנאלען אייגענטום, קיין טעריטאָריע, ווארום זי געהערט צו א „נאציאָן־פּראָלעטאריער“ (נארישקייט מוז מען אויך רעדען ווי „מענשען“, איהר ווילט זאָגען „פּראָלעטאריער־נאציאָן“), דערפאר האָט זי א „געטאָ־פּסיכאָלאָגיע“, דאָס הייסט זי איז ציוניסטיש. דיזע פּסיכאָלאָגיע איז אָבער שוין גאָר ניט געשפּאָלטען אין צווייען, זי איז פארקערט אזוי פעסט און איינהייטליך, דאָס זי מוז דויערען ביז משיח וועט קומען. אונזערע שרייבער זאָגען דאָס בפרוש: „און כל זמן די בורזשואזיע וועט ניט האָבען קיין נאציאָנאלען אייגענטום, וועט זי זיך ניט קענען באפרייען פון איר „געטאָ־פּסיכאָלאָגיע“.

אזוי מאטערט זיך דער „בונד“ אויף אלע אופנים צו ראטעווען דעם בורזשואזען כאראקטער פון דעם ציוניזם. נאָר די בורזשואזיע ענדערט דערביי יעדעס מאָל איר פּנים און איר פּסיכאָלאָגיע. לכתחילה איז זי אויפגעטראָטען ווי א בורזשואזיע, וואס איז עקאָנאָמיש געדריקט און וויל אין איר אייגענעם

דערצו צווינגט די בורזשואזיע איר פּאָליטישער גלות. דערפאר איז זי ניט נאָר א שעדליכער עלעמענט פאר איר אייגענעם פּאָלק, נאָר אויך פאר דער גאנצער וועלט, דען זי איז ניט פארבונדען אינווייניג מיט קיין קולטור, מיט קיין פּאָלק, מיט קיין לאנד, מיט קיין פּארטיי. אין עקאָנאָמישען לעבען איז זי עקספּלואטאטאָריש, אין דער פּאָליטיק איז זי פאלש און דערשראָקען, אין הארצען איז זי „רעוואָלוציאָנער“, אויפ׳ן גאס איז זי קאָנסערוואטיוו און טריי דער מלוכה, אין שול איז זי אבערגלויביש, פאר גוים איז זי אויפגעקלערט. דאָס איז די „געלד־פּסיכאָלאָגיע“ פון דער אידישער בורזשואזיע אין גלות. מאַרקס האָט דערפאר ריכטיג אָנגערופען אידען אן אנטיסאָציאלער און אנטיקולטורעלער עלעמענט אין דער וועלט, ווארום ער האָט געזעהן פאר זיך די אידישע בורזשואזיע אין דער צייט פון איר אסימילאציאָן. די אסימילירטע בורזשואזיע ווערט אָבער דער היסטאָרישער אידעאל פון גאנצען אידישען פּאָלק, ווען דער ציוניזם זאָל ניט זיין.

אנדערש איז די לאגע און די פּסיכאָלאָגיע פון דעם המון. ער געפינט זיך אין עקאָנאָמישען און אין פּאָליטישען גלות, און איז געצוואונגען צו פארענדערען זיין לעבען. ער זוכט ארויסצוכאפּען זיך פון דער אטמאָספערע, וועלכע דערשטיקט אים. ער עמיגרירט אין אנדערע לענדער, ער קעמפּט רעוואָלוציאָנער, ער זוכט פרייהייט. ער אסימילירט זיך ניט, ווארום זיין עקאָנאָמישע לאגע פארלאנגט דאָס ניט פון אים, ער איז אידיש. אויף א העכערע שטופּע פון זיין ענטוויקלונג פארשטעהט ער, דאס ניט די עמיגראציאָן אין לענדער אָהן אידען, ניט די בירגערליכע גלייכבארעכטיגונג קענען אים באפרייען פון זיין עקאָנאָמישען און פּאָליטישען גלות. זיין שטענדיגער שטרעבען אריבערצוגעהן אין די קליין־בורזשואזיע דורך דער הילף פון דער בירגערליכער פרייהייט געפינט מניעות, וואָס ער קאָן ניט באוועלטיגען, און דיזער שטרעבען פארלירט פאר אים דעם כאראקטער פון א אידעאל, ער הויבט אָן צו זעהן זיין היסטאָרישע באפרייאונג ניט אין דעם פארגרעסערטען גלות, נאָר אין דער באפרייאונג פון גלות איבערהויפּט. ער באפרייט זיך פון דער „גלות־פּסיכאָלאָגיע“, ער ווערט ציוניסטיש. פריער איז ער געוועזען אידיש דורך די תנאים פון זיין לעבען, יעצט ווערט ער אידיש באוואוסט, דורך זיין פרייען רצון, ער זעהט זיין היסטאָרישען אידעאל אין א אידישע געזעלשאפט נאָך זיין אידעאל, נאָך זיין קלאסען־אידעאל.

סטייטש, — וועלען דאָ אויסרופען די בונדיסטען, — זעהען דען מיר ניט באשיינפערליך, דאס די בורזשואזיע שפּילט א ראָלע, די הויפּט ראָלע אין ציוניזם? זעהען מיר דען ניט איר שיינע געשטאלט? הערען מיר דען ניט אירע גאָלדענע ווערטער? שמעקען מיר זי דען ניט מיילענווייט? פילען מיר דען ניט איר ריח־נחות׳דיגע אטמאָספערע? דער פאקט איז ריכטיג, די ערקלערונג איז פאלש. געוויס שטעהט די ציוניסטישע בורזשואזיע יעצט אין

איר גאָט. צוליב איר עקאָנאָמישער מאכט פארלאנגט זי די פּאָליטישע גלייכ־בארעכטיגונג, און די פּאָליטישע גלייכבארעכטיגונג איז צוריק דער אייזערנער בריק, אויף וועלכען עס שטיצט זיך איר עקאָנאָמישע מאכט. דאָס פארבינדענדע גליק צווישען דער עקאָנאָמיק און דער פּאָליטיק איז ביי דער בורזשואזיע די אסימילאציאָן. ווי אזוי איז דער מיטעלאלטערליכער שיילאָק דערגרייכט געוואָרען צו דעם היינטיגען בערזען־קעניג, דער אמאָליגער פארלייער פון געטאָ צו דעם איצטיגען העזה׳דיגען באנקיר, דער הויזירער צו דעם פרייען קויפמאן, דער אמאָליגער לערנער צו דעם עמאנציפּירטען דאָקטאָר און ארוואָקאט? דורך דער אסימילאציאָן!

היסטאָריש איז אויפגעטראָטען די אסימילאציאָן אין מערב־אייראָפּא, בשעת די אידישע בורזשואזיע האָט אָנגעהויבען צו וואקסען עקאָנאָמיש און פּאָליטיש. אידען זיינען ניט קיין פאָלק, האָבען ניט קיין אינווייניגע שייכות צו זייער אלטער היסטאָרישער היים, האָבען ניט קיין אידישען נאציאָנאלען געפיל, און געהערען אָן דער נאציאָן, וואו זיי וואוינען, — דאָס איז געוואָרען דאָס פּאָליטישע פּראָגראם פון דער אידישער בורזשואזיע. אפילו די אידישע אמונה, וועלכע האָט דאָך נאציאָנאלע יסודות, האָט די בורזשואזיע רעפאָרמירט נאָך דעם גייסט פון דער אסימילאציאָן. די אידישע היסטאָריע, וועלכע די רבנים פון מערב־אייראָפּא האָבען געשריבען, איז אָנגעפּאסט געוואָרען צו דער אסימי־לאציאָן. בשעת עס איז ניט געווען קיין זכר פון ציוניזם, האָט די בורזשואזיע געפּירט צענדליגער יאָרען א קאמף געגען דער מעגליכקייט פון א אידישער נאציאָן. מען זעהט, אז די בורזשואזיע איז גאָר ניט געשפּאָלטען אין צווייען; זי איז איינהייטליך, ווי פון איין גוס, אָהן סתירות, אָהן אינווייניגע הפּוכים. זי האָט איין גאָט, דאס איז דאָס געלד, און דינט צו אים אין איין בית מדרש, דאָס איז די אסימילאציאָן.

דער גרעסטער פיינד פון דעם ציוניזם איז די בורזשואזיע. זי איז זיין אמת׳ער אינווייניגער שונא, ווייל ער איז דער הפך פון אירע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסען. אין הונדערטער צייטונגען, אלגעמיינע און אידישע, זוכט די בורזשואזיע אים צו אונטערדריקען, אירע באצאָלטע רבנים דרשנ׳ען געגען אים אין די שולען, אירע שרייבערלעך, „מאכער״, „טוער״ קעמפען געגען אים אין די קהלות, אין די אידישע אינסטיטוציאָנען, און וואָס מער דער ציוניזם וועט ווערען שטארקער און ערנסטער, וועט איר כעס ווערען גרעסער, איר שמוציגע שנאה טיפער. די שנאה צום ציוניזם פון די אסימילאַ־טאָרישע סאָציאליסטען איז די אונגליקליכע ירושה פון דער בורזשואזיע.

די אסימילאציאָן איז די „גלות־פּסיכאָלאָגיע״ פון דער בורזשואזיע. אסי־מילירען זיך, פארשווינדען, פארבאָרגען זיך כדי מען זאָל זיי ניט זעהן, ווי דער גנב אין דער פינסטער, אָננעמען אן אנדערע געשטאלט, אן אנדער פעל, —

אויף דעם שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, זיי האָבען אָבער גאָרניט פאַרשטאַנען דעם פּאָליטישען און היסטאָרישען פּירוש המלות פון דיזע ווערטער. פון נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע קאָן זיין די רייד ביי א פאָלק, וועלכעס האָט א נאַציאָנאַלע קולטור און ווערט אונטערדריקט פון אַן אנדער פאָלק אין זיין נאַציאָנאַלען לעבען. פון דער פאָרם, ווי דאָס אונטערדריקטע פאָלק לעבט נאַציאָנאַל, וואס עס איז ביי אים געבליבען פון זיין פּאָליטישער זעלבסטשטענדיגקייט, אויב עס איז צוזייט צווישען אַן אנדער פאָלק, אָדער עס לעבט אויף אַן אייגענער טעריטאָריע, הייננט אָפּ די פאָרם פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וועלכע ער האָט צו פאַרלאַנגען. פעלקער, וועלכע לעבען אויף אַן אייגענער געשלאָסענער טעריטאָריע, קענען פאַרלאַנגען אויך פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט, ווי למשל פּוילען, און ממילא אויך פרייהייט פאַר דער נאַציאָנאַלער קולטור און ענטוויקלונג אין אלע אופנים; פעלקער, וועלכע לעבען אָבער געמישט צווישען אנדערע פעלקער, קענען פאָדערען נאָר א נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין זייער נאַציאָנאַלען קולטור־לעבען, א זעלבסטפאַרוואַלטונג. עס פאַרשטעהט זיך אָבער, דאָס די נאַציאָנאַלע פרייהייט אין קולטור־לעבען און זעלבסטפאַרוואַלטונג ליגט זיך נור אויף די פאָרמען פון נאַציאָנאַלען לעבען, וועלכע האָבען א בירגערליכען און פּאָליטישען יסוד.

קיין אונטערדריקט פאָלק האָט ניט נויטיג צו פאַרלאַנגען נאַציאָנאַלע פרייהייט פאַר דאָס הויזליכע לעבען, פאַר דאָס נאַציאָנאַלע דענקען און פילען, וועלכע זיינען ניט אונטערוואָרפען דעם בירגערליכען געזעץ. דאָס פאַרלאַנגען נאָך נאַציאָנאַלע פרייהייט האָט נאָר דאָרט א זין, ווען עס איז די רייד פון נאַציאָנאַלע קולטור־פאָרמען, וועלכע זיינען אבהענגיג פון דעם בירגערליכען און פּאָליטישען געזעץ. וועלכע נאַציאָנאַלע קולטור־פאָרמען זיינען אָבער אבהענגיג פון געזעץ? דאָס זיינען די שפּראַך, אלס עפענטליכע שפּראַך, אלס די שפּראַך פון די שולען, אוניווערסיטעטען, פון דער פאַרוואַלטונג א. ז. וו., דער משפּט אין דער פאַרוואַלטונג גופא. ווען א פאָלק פאַרלאַנגט נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, הייסט דאָס, אז עס וויל, דאָס זיין נאַציאָנאַלע שפּראַך, וואס איז אים הייליג און טייער און מיט וועלכער ער איז פאַרבונדען דורך זיין גאַנצען אויסערען און אינווייניגען לעבען, זאָל זיין די שפּראַך פון די שולען, די אוניווערסיטעטען, דאָס מען זאָל אויף איר קענען ריידען אויף פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען, אין געריכט און אין דער פאַרוואַלטונג, און דאָס די אנדערע נאַציאָן זאָל אים ניט ארויפצווינגען איר מלוכה שפּראַך מיט גוואַלד; ווייטער באַדייט עס, דאָס דער משפּט זאָל זיין נאָך די נאַציאָנאַלע געזעצען פון דעם אייגענעם פאָלק, וועלכע עס נעמען זיך פון זיין באַזונדערען לעבען און זיין היסטאָריע, און ניט נאָך די געזעצען פון דעם אנדערען פאָלק; און ווייטער דאָס די פאַרוואַלטונג גופא זאָל באַשטעהן פון דעם אייגענעם פאָלק און זיך פירען נאָך זיינע

ציוניזם אין מזרח־וואַנד, זי איז אָבער געקומען ניט פון איר קלאַסען־אינטערעס, זאָנדערן פון איר נאַציאָנאַלען געפיל און איר גייכטיגען אינטערעס. זי טראָגט אריין איר הייליגען גייסט אין ציוניזם, ווארום זי שטעהט ביים עמוד. זי האָט די דעה, ווארום זי גיט אויך א ביסעל די מטבע. זי שטעהט אָבער אויבען־אָן מיט א הכשר, ווייל די באוועגונג האָט זיך נאָך ניט אזוי ענטוויקעלט, דאָס די קלאַסען־פּסיכאָלאָגיע פון אירע אמת'ע יסודות זאָל ארויסגעהן פון איר פּאָליטישער באהאלטענקייט. ניט דערפאר איז דער ציוניזם בורזשואיש, ווייל עס שפּיגעלט זיך אין אים אָפּ דער קלאַסען־אינטערעס פון דער בורזשואַזיע, נאָר ווייל די קלאַסען־אינטערעסען און די קלאַסען־פּסיכאָלאָגיע פון דעם המון האָבען זיך אין אים נאָך ניט אָנגעהויבען אָפּצושפּיגלען. יעצט איז די בורזשואזיע אין ציוניזם אלעס, היסטאָריש איז זי אָבער גאָרנישט.

נאָר לאָמיר זיך נאָך אמאָל אומקערען צו אונזערע בונדיסטישע „טעאָרעטיקער“. נאָכדעם ווי זיי האָבען אָפּ'גע'הרג'עט דעם ציוניזם דורך זייער „קריטיק“, זיינען זיי דאָך אידישע הערצער און שפּרעכען אָפּ עין הרע דער אידישער פראגע. זיי שיינקען א טייערע מתנה דעם אידישען פאָלק, א פּשט'ל, א גזרה מכח דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. זיי זאָגען אזוי: „דער פּרינציפּ פון „בונד“ איז: יעדעס לאַנד, אין וועלכעס עס וואוינען געמישטע פארשידענע נאציאָנען, מוז ווערען: נאַציאָנאַל א פעדעראציע פון גלייכווערטיגע, גלייכבארעכטיגטע נאציאָנען, אונאבהענגיג פון זייער טעריטאָריאַלער גרופּירונג; פּאָליטיש — א צענטראַליזירטער מלוכה־אָרגאַניזם“. אזוי פארענטפערט דער „בונד“ די נאַציאָנאלע און, פארשטעהט זיך, אויך די „אידישע פראגע“.— די מיינונג פון אונזערע „טעאָרעטיקער“ איז פאָלגענדע: יעדע נאַציאָן אין א פרייער מלוכה האָט דעם זכות אויף נאַציאָנאַלע רעכט. אידען זיינען א נאַציאָן, לכן בכן קומט זיי נאַציאָנאלע רעכט, א נאַציאָנאלע אויטאָנאָמיע, — די „אידישע פראגע“ איז פארענטפערט. דאס איז די חכמה'דיגע תשובה פון „בונד“ אויף דער אידישער פראגע. אי, וואָס, אידען ווייסען ניט, וואס אָנצוהויבען מיט נאַציאָנאַלע רעכט, דארפען די נאַציאָנאלע אויטאָנאָמיע אויף כפּרות, זובען, פארקערט. פּטור צו ווערען פון אלעם דעם, אויף וואס דער „בונד“ וויל אויפבויען די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, עס העלפט גאָרניט, פארפאלען: א נאַציאָן קומט נאַציאָנאַלע רעכט, אידען זיינען א נאַציאָן, קומט אייך אחינו בני ישראל „נאַציאָנאלע אויטאָנאָמיע“, ארייגעכאַפּט זיך דורך דער גזרה שוה ווי א מויז אין דער פּאסטקע.

די שרייבער פון „בונד“ ווייסען אייגענטליך גאָרניט, וואס באדייט עס נאַציאָנאַלע רעכט און נאַציאָנאלע אויטאָנאָמיע. זיי האָבען עטוואס געהערט קלינגענדיג און ווייסען ניט זינגענדיג. זיי האָבען געהערט עפּעס, דאָס אין עסטרייך רעדט מען מכח נאַציאָנאלע אויטאָנאָמיע, דאס סאָציאַליסטען שטעהען

געפירט נאָך די אַלגעמיינע פאָלקסשולע. דער זשארגאָן שטאַמט פון דעם קול־טורעלען און פּאָליטישען גלות פון דעם אידישען פאָלק.

וואו האָט עס למשל דער „בונד“ געזעהן, דאס אידען זאָלען וועלען איינ־פירען זשארגאָנישע שילדען אויף געשעפטען, קראָמען, זשארגאָנישע נעמען אויף גאסען, וואו זיי וואוינען, זשארגאָנישע אדרעסען אויף בריף? אויב די רעגי־רונג וואָלט געוואָלט מזכה זיין אידען מיט אזעלכע נאציאָנאלע רעכט, וואָלטען דאָס אידען געפילט ווי א גזרה פון מיטעלאלטער, וועלכע האט געצוואונגען אידען צו טראָגען באזונדערע אידישע צייכען אויף זייערע בגדים. פארקערט, אידען ווילען זיך אליין מער קולטיווירען אין אלע דיזע פּרטים, דאָס הייסט ווערען אויסגעגליכען מיט דעם איבריגען פאָלק, בשעת ביי די אונטערדריקטע נאציאָנען זיינען דיזע קלייניגקייטען פון לעבען הייליגע נאציאָנאלע פאקטען, פאר וועלכע דאָס פאָלק איז אפילו בארייט צו קעמפען.

די זשארגאָנישע ליטעראטור, וועלכע ענטוויקעלט זיך, איז אויך קיין שום באוויי־ז ניט, דאס דער זשארגאָן איז די אידישע נאציאָנאלע שפּראך און איינער פון די יסודות, אויף וועלכע עס קאָן זיך אויפבויען די נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע. די זשארגאָנישע ליטעראטור איז א מיטעל צו אייראָפּעאישער קולטור, צו דער באפרייאונג פון דער זשארגאָן־אָרימקייט, ניט אָבער א נאציאָנאלער צוועק. בשעת עס האָט אָנגעהויבען ארויסוואקסען אין רוסלאנד א אידישע בורזשואזיע, וועלכע האט בּאדארפט האָבען בילדונג, אייראָפּעאישע קולטור, האָט זי געשאפען די העברעאישע ליטעראטור, די „השכלה־ביכלעך“, ווארום זי האָט קיין אנדער שפּראך ניט געהאט, חוץ העברעאיש, אין וועלכער זי זאָל קענען אויפנעמען אייראָפּעאישע געדאנקען. די העברעאישע ליטעראטור איז געווען לכתחילה א מיטעל פאר דער בורזשואזיע, כדי צו ווערען שטארקער אלס קלאס און זיך אסימילירען. אזוי ווי אָבער אויף העברעאיש שוועבט די הייליגקייט פון א שפּראך, אזוי ווי די שפּראך גופא איז א פעסטע און שיינע און איז פארבונדען מיט דער גאנצער היסטאָריע, מיט די געפילען, די אידעאלען פון דעם פאָלק, האָט זי אין איר ענטוויקלונג אָנגעהויבען ווערען שוין אביסעל פון א מיטעל א נאציאָנאלער צוועק, און אויסער אסימילאציאָן האָבען אין איר אָנגעפאנגען צו קלינגען אנדערע סטרונעס. ווען ניט די ציוניסטישע באוועגונג וואָלט זי אָבער פארשוואונדען, ווי עס איז פארשוואונדען די העברעאישע ליטעראטור אין דייטשלאנד, בשעת די אסימילאציאָן איז געוואָרען שטארקער. נאָכדעם ווי עס האָט זיך פארענדערט די אידישע לאגע און דורך דעם ציוניזם איז געוואָרען ביי דעם פאָלק די באדערפניש צו ווערען אלס נאציאָן עקאָנאָמיש און פּאָליטיש זעלבסטשטענדיג, האָט זיך אויך אָנגעהויבען צו פארענדערען דער כאראקטער פון דער העברעאישער ליטעראטור. פון א השכלה־מיטעל איז זי געוואָרען א נאציאָנאלער צוועק. איר ציל איז יעצט ניט מער אריינברייגגען אייראָפּעאישע

פֿאָרמען פֿון לעבען און זיין פּסיכאָלאָגיע. נאָר דאָרט וואו דאָס נאַטירליכע לעבען פֿון פֿאָלק, זיינע אמת'ע מאַטעריעלע און גייסטיגע אינטערעסען ברייגנען עס מיט זיך, דאָס דיזע יסודות פֿון נאַציאָנאַלען לעבען זאָלען זיך ענטוויקלען, איז פֿאַר דעם פֿאָלק נויטיג א נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע.

איידער מען רעדט פֿון א נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פֿאַר א פֿאָלק, מוז מען דערפֿאַר ערשט אונטערזוכען, אויב דאָס פֿאָלק האָט די דאָזיגע נאַציאָנאַלע יסודות, אויב זיי זיינען פֿאַרבונדען מיט זיין לעבען אויף א נאַטירליכען אופֿן, אויב זיי זיינען פֿייאיג זיך צו ענטוויקלען און קענען דאָס פֿאָלק אין זיין לעבען הויבען, און אויב דאָס פֿאָלק וויל דיזע נאַציאָנאַלע קולטור־פֿאָרמען האָבען, וויל פֿאַר זיי קעמפֿען. ערשט ווען די נאַציאָנאַלע יסודות זיינען פֿאַראַן אין לעבען, קאָן א רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי ארויסשטעלען די פֿאָדערונג פֿון נאַציאָ־נאַלע אויטאָנאָמיע. דער „בונד“ אָבער פֿרעגט קיין שום שאלות ניט, ווי דער שאינו יודע לשאול פֿון דער הגדה. ער פֿרעגט ניט דאָס אידישע לעבען מכח די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. ער האָט געהערט, דאָס אנדערע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציאָנען האָבען אָנגענומען דעם פּראָגראַם פֿון דער נאַציאָנאַלער אוי־טאָנאָמיע, און אזוי ווי אידען זיינען א נאַציאָן, האָט ער אָפּגע'פּסקנ'ט פֿאַר אידען נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אָהן א סך קאָפּ ברעכעניש.

נאָר לאָמיר זיך צוקוקען צום אידישען לעבען. זיינען דאָרט פֿאַראַן די ריכטיגע יסודות, אויף וועלכע די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע קאָן אויפֿגעבויט ווערען? דאַרויף ענטפֿערט אונז דאָס לעבען, דאָס זיי זיינען לגמרי ניטאָ. אין פּאָליטישער הינזיכט זיינען איבערהויפּט אידען יעצט גאָר קיין נאַציאָן ניט. זיי האָבען אין די גלות־לענדער קיין שום נאַציאָנאַלע לעבענס־פֿאָרמען ניט, וועלכע זיי זאָלען וועלען פֿאַרטיידיגען פּאָליטיש. זיי האָבען קיין קולטור ניט, וועלכע זאָל האָבען א פּאָליטישע געשטאַלטונג און פֿאַר וועלכער זיי ווילען קעמ־פֿען. אמת, אידען ריידען א באַזונדערע שפּראַך אין רוסלאַנד, דעם זשאַרגאָן. זיי האָבען אין דער שפּראַך חדרים, ישיבות, תלמוד תורות, משניות־חברות, תהלים־חברות און נאָך אזעלכע אינסטיטוציעס. דער זשאַרגאָן אָבער לעבט אלס שפּראַך צווישען אידען מער ניט ווי פֿון דער קולטורעלער אָרימקייט, ניט פֿון דעם נאַציאָנאַלען געפֿיל. ווען ער האָט נאָך א שטיקעל הייליגקייט אין בית המדרש און אין חדר, שטאַמט עס דערפֿון, וואָס ער איז פֿאַרבונדען מיט דער רעליגיאָן און פֿון זיין זעלבסטשטענדיגען ווערט פֿאַר דעם פֿאָלקסלעבען. אידען אליין רייסען זיך יעצט צו באַפֿרייען זיך פֿון דער קולטור־אָרימקייט פֿון זשאַרגאָן. נאָר די רעגירונג צווינגט זיי צו זיין אין דעם פּונקט „נאַציאָנאַל“, ווארום מען לאָזט ניט צו אידען אין רוסישע שולען, גימנאַזיעס, מען מאַכט שטערונגען צו רעפֿאָרמירען די חדרים, תלמוד תורות, כל זמן עס איז ניט איינ־

אידישען דין ? אָדער עס וועט זיך זעצען א סנהדרין פון בונדיסטען און שרייבען א נייעם „היינטיגען“ פירוש צו דעם חושן משפט ? און דאס אלץ ניט ווייל די ווירקליכע תנאים פון לעבען פארלאנגען עס, נאָר ווייל דער „בונד“ האָט געהערט, דאס אנדערע סאָציאליסטישע אָרגאניזאציאָנען האָבען אריינגענומען די נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע אין זייער פּראָגראם.

דער דריטער יסוד פון נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע איז נאציאָנאלע זעלבסטפארוואלטונג. נאציאָנאלע זעלבסטפארוואלטונג באדייט, דאס די פארוואלטונג זאָל זיך פירען נאָך די געזעצען פון דער נאציאָן, לויט ווי זיי לעבען נאָך אין דער ווירקליכקייט פון דעם פאָלק, און דאָס די פארוואלטונג זאָל ליגען אין די הענט פון דער אייגענער נאציאָן. וועלכע באזונדערע געזעצען פון פארוואלטונג קענען פארלאנגען אידען ? ביי אידען איז אויסער דעם אמאָליגען קהל מיט זיין פירונג ניט געווען קיין שום זעלבסטפארוואלטונג און ווען עס וואָלט זיך געטראָפען א נס, און אידען וואָלטען באקומען א זעלבסטפארוואלטונג, וואָלטען זיי ניט געוואוסט, וואס דערמיט אָנהויבען צו טאָן. דאס די פארוואלטונג זאָל ליגען אין אידישע הענט, דאָס עס זאָל זיין א אידישע פּאָליציי, אידישע אקציזניקעס, אידישע איספּראווניקעס, אידישע גובערנאַטאָרען, — דאָס איז גראד א הויכער ענין און פאר כל ישראל וואָלט דאָס געווען זעהר שיין, נאָר באריקאדען צוליב דעם בויען, איז אפשר טאקי ניט כדאי...

מיר זעהען, ווי קינדיש און נאריש די גאנצע פאָדערונג פון דעם „בונד“ איז מכח נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע, בפרט ווען צו גלייכער צייט זעהט דער „בונד“ די לייזונג פון דער אידען־פראגע נאָך אין די בירגערליכע גלייכבארעכטיגונג, וועלכע וועט דאָך גלייך פארניכטען אלעס, וואס איז נאָך איבריג געבליבען פון דעם „גלות־נאציאָנאליזם“. דער „בונד“ וואָלט ניט געקומען צו אזא רעאקציאָנערען שטות, ווען ער וואָלט געווען פייאיג ארומקלערען, וואָס באדייט עס אייגענטליך נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע און וואס פאר א זין קאָן דאָס האָבען אין אידישען לעבען. נאָר ער האָט איינפאך אריבערגעטראָגען די רעזאָלוציאָן פון דעם עסטרייכישען סאָציאל־דעמאָקראטישען צוזאמענפאָר אין ברינן אויף דאָס אידישע לעבען, ניט פארשטעהענדיג, אז דאָס עסטרייכישע פּראָגראם פּאסט פאר אידען ווי א שטריימעל פאר א פּאָניע, און ניט פארשטעהענדיג, דאָס די נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע קאָן נור דאן ארויסגעשטעלט ווערען, ווען דאס ווירקליכע לעבען פאָדערט עס.

די שרייבער פון אונזער ארטיקעל, ניט פארשטעהענדיג דעם זין פון נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע, שטעלען זיך אָבער נאָך אין די באקעס און רופען אויס „דאָס יעדען, וועלכער לייקענט אין דער מעגליכקייט פון אזא נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע פאר אידען, קאָן מען באווייזען, דאס ער האָט א טעות, דאס צ. ב. אין עסטרייך, וואו עס וואוינען פארשידענע נאציאָנען, אין פיל ערטער געמישט

קולטור אין דעם אידישען לעבען צוליב אסימילאציאָן, נאָר ערקלערען די לאגע פון אידען, אויפדעקען די שעפּפערישע כחות, די אָריגינעלע קרעפטען, וועלכע ליגען אין דעם אידישען פאָלק, ארויסשיילען דעם אינוויינינגען ווערט פון דער אידישער נאציאָן. זי איז ארים, אונבאהאָלפען, נאאיוו, אין א סך פּרטים בורזשואיש, רעאקציאָנער און רבניש, ווארום עס שפּיגעלט זיך אין איר אָפּ די גאנצע ענטוויקלונג פון ציוניזם גופא. די חבת ציון מיט די „קאָלאָניעס“, די הסכמות פון רבנים און גוטע אידען, דער נאציאָנאליזם פון די בעלי־בתים און משכילים. נאָר נאָך אלעם דעם קאָן זי זיך ענטוויקלען, ווארום זי וויל דינען א היסטאָרישען און נאציאָנאלען צוועק. און אזוי ווי זי איז יעצט דער אויס־דרוק פון דעם ציוניזם, וועט זי מיט דער ענטוויקלונג פון דעם ציוניזם און דער ערוואבונג פון דעם המון צום ציוניסטישען פרייהייטס־קאמף ווערען אלץ רייכער און פאָרטשריטליכער און זיך פארבינדען מיט די אינטערעסען פון לעבען.

גאָר אנדערש איז עס אָבער מיט דער זשארגאָנישער ליטעראטור. זי איז דאָס מיטעל פון דעם פּראָלעטאריאט צו דער קולטור, און מער ניט ווי א מיטעל. אלס שפּראך איז זי ניט פּייאיג ארויסצורופען צו זיך ליבע און באגייסטערונג, זי איז די שפּראך פון גלות, זי איז דער גלות־לשון, גלייך פאראכטעט פון אלע קלא-סען פון פאָלק. אין אידישען לעבען זעלבסט זיינען ניטאָ קיין פאקטען, וועלכע זאָלען דעם זשארגאָן מאכען פאר א נאציאָנאל־ליטעראטור. פארקערט, וואס מער קולטור און פרייהייט עס געהט אריין אין דעם אידישען לעבען, ווערט דער ווערט פון דער זשארגאָן־ליטעראטור אלץ קלענער. דער המון באנוצט די זשארגאָן־ליטעראטור, כדי זיך פון זשארגאָן צו באפרייען, און דאס איז פּאָרט־שריטליך.

ווי איז עס מיט דעם צווייטען יסוד פון די נאציאָנאלע לעבענס־פּאָרמען, אויף וועלכע עס בויט זיך אויף די נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע, מיט דעם משפּט? עס איז פאראן ביי אידען אפילו א אידישער בית־דין, א אידישער משפט, וועל־כער האָט אמאָל געשפּילט א ראָלע אין לעבען, בשעת עס איז געווען פּאָליציי־משפּט אין רוסלאנד און צו דעם בירגערליכען משפּט פלעגען אידען און אָפּט־מאָל אויך קריסטען ניט וועלען אָנקומען. אויב דער אידישער בית־דין האָט דאמאָלסט געמשפּט ריכטיגער, ווי דער רוסישער סוד, איז נאָך א גרויסער ספק, ווארום בית דין האָט גע'משפּט נאָך דעם אלטען דין פון דער גמרא מיט אלע קונצען און דריידלעך פון דער גמרא. מיט דעם לעבען און זיינע פאָדערונגען איז דער בית־דין ניט געווען פארבונדען. ווי באלד אָבער עס איז אין רוסלאנד געוואָרען רעפאָרמירט דער משפט, איז געפאלען דער אידישער בית־דין, ווארום ער האָט ניט געהאט קיין בירגערליכע קראפט און איז געשטאנען אין א סתירה צו אלע נייע עקאָנאָמישע לעבענס־פּאָרמען און זייער ענטוויקלונג. ווי קאָן מען יעצט ריידען דערפון, אז דאס לעבען זאָל זיך פירען נאָך דעם אלטען

אויף שותפות׳ע ארבייט, אויף קאָלעקטיוויזם, וועט זיך אויך ענטוויקלען א נייער משפט, א פאָלקסגעזעץ, אין וועלכען די פאָרמען פון דעם אייגענעם לעבען וועלען זיך אָפשפּיגלען. אין א אידיש לאנד איז מעגליך א אידישע קולטור; ביי עקאָנאָמישע און פּאָליטישע גלייכהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, ביי נאציאָנאלע פרייהייט איז מעגליך נאציאָנאלע שאפונג. אזוי ווי דאָס לעבען, אזוי איז די קולטור!

מיר זעהען וואָס דאָס באדייטעט „נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע" פאר אידען אין גלות, — א נארישקייט, א קינדעריי, א רעאקציאָנערער שטות, וואס קיינער גלויבט אין דעם ניט ערנסט. א וואָרט אָהן א געדאנק, אָהן אן אינהאלט, אָהן לעבען. ווי פארענטפערט אלזאָ דער „בונד" באמת די אידען־פראגע, דאס הייסט די פראגע מכח דער היסטאָרישער ענטוויקלונג פון דעם המון צו פּראָדוקטיווער ארבייט, צו סאָציאליזם, צו קולטור, צו פרייהייט, צו אונזער נאציאָנאלער שאַ־פונג? ער איז אונפייאיג דארויף צו ענטפערען, ווארום ער איז דער געגנער פון דער היסטאָרישער באפרייאונג פאר אידען, פון ציוניזם. און ווייל ער איז דער שונא פון ציוניזם, מוז ער, גאָר ניט וויסענדיג פאר זיך אליין, פארענטפערען די אידישע פראגע היסטאָריש דורך דער אלטער תשובה פון דער רעאקציאָנערער בורזשואזיע, — דורך דעם איבערגאנג פון דעם המון אין די קליין־בורזשואזיע און גרויס־בורזשואזיע, און דורך דער אידעאָלאָגיע פון דיזען איבערגאנג, דורך דער אסימילאציאָן. דער המון זאָל זיך צוזייען און צושפּרייטען ניט נאָר אין איירּאָפּא און אמעריקא, נאָר אויך אין גאנץ רוסלאנד, אין סיביר, אין צענטראל־אזיען, אין מאנדזשוריע, אין רוסישען קיטיי. דאָרט וועט ער זיין בכח זיך ארויסכאפּען פון זיין פּראָלעטארישער לאגע און אריבערגעהן אין דעם גן־עדן פון בורזשואזיע, ווערען רוסיש־פּאטריאָטיש, קאָנסערוואטיוו, ווערען אן אנטי־סאָציאלער און אנטי־קולטורעלער יסוד אין דער וועלט, ווי די אידען פון מערב־איירּאָפּא. עס לעבע דער גלות!

„חירות", דער סאָציאליסטישער ציוניזם, וויל דעם המון דורך דעם קאמף נעגען דער בורזשואזיע פירען צו זיין היסטאָרישער באפרייאונג, צו א נייער געזעלשאפט נאָך זיין קלאסען־אידעאל, צום אידישען סאָציאליזם.

(1903).

באמערקט מען אין ווירקליכקייט אזעלכע פעדעראליסטישע שטרעבונגען אין דער עסטרייכישער סאָציאלדעמאָקראטיע."

אן עם־הארץ ווען ער ברייננט א משל, באווייזט געוויינליך זיין משל אקוראט דעם הפוך פון דעם וואס ער וויל זאָגען, און דאס האָט פאסירט מיט אונזער שרייבער. עסטרייך איז דער בעסטער באווייז, ווי קינדיש־נאריש דאָס נא־ציאָנאלע פראָגראם פון „בונד" איז. ווען מען וויל בריינגען א משל פון עסטרייך אויף אידען אין רוסלאנד, מוז מען בריינגען דעם משל ניט פון דער עסטרייכי־שער פוילען, טשעכען, רומענער, נאָר פון די עסטרייכישע אידען, אויב ניט איז דער משל קיין משל ניט. די עקאָנאָמישע און סאָציאלע לאגע פון די גאליצישע אידען איז זעהר ענליך צו דער לאגע פון די רוסישע אידען, אויך ריידען זיי זשארגאָן און האָבען דעם גאנצען „גלות־נאציאָנאליזם" ווי אין רוסלאנד. אין עסטרייך געהט פאָר א שטארקע נאציאָנאלע באוועגונג אומעדום, עסטרייך איז א קאָנסטיטוציאָנעל לאנד מיט קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייטען. אויב די נא־ציאָנאלע אויטאָנאָמיע פאר אידען נעמט זיך פון די פאָדערונגען פון ווירקליכען לעבען, האָט דאָך שוין לאנג ביי אידען אין עסטרייך געדארפט ווערען אזא נאציאָנאלע באוועגונג. קיין אויפגעקלערטען איד אין עסטרייך חלומ'ט זיך אָבער אפילו גאָר ניט אזא נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע, ווארום עס איז ניטאָ קיין פאָלי־טישע און קולטורעלע יסודות, אויף וועלכע זי אויפצובויען. און ניט נאָר עסט־רייך באווייזט די נארישקייט פון נאציאָנאלע רעכט פאר אידען, נאָר אויך אלע אנדערע לענדער, וואו עס געפינען זיך יעצט אידען פון מזרח־איראָפא, וועלכע ריידען זשארגאָן: ענגלאנד, אמעריקא, טראנסוואל. אין די לענדער, וואו עס וואָלט דאָך געווען אזוי לייכט אויפשטעלען די פאָדערונג פון נאציאָנאלע רעכט פאר אידען, זוכען אידען וואס גיכער פטור צו ווערען פון דעם „גלות־נאציאָנאליזם" און אויפנעמען די קולטור פון דעם פאָלק און דאס איז פאר דעם אידישען גייסט און דאס שטרעבען פון פראָלעטאריאט צו בילדונג און גייסטיגע פרייהייט דער גרעסטער כבוד. די „נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע" האָט זיך דאָרט באהאלטען אין די קלויזען, ישיבות, חדרים, ביי גוטע אידען, רבנים, חזנים, שדכנים, כלי קדש.

דאגעגען איז דער ציוניזם דער פונדאמענט, אויף וועלכען עס קאָן אויפ־געבויט ווערען א אידישע נאציאָנאלע קולטור. אין אן אייגענער אידישער געזעל־שאפט, וואו דער המון וועט זיין עקאָנאָמיש פריי און זעלבסטשטענדיג, וועט די העברעאישע שפראך, וועלכע איז שוין יעצט די שפראך פון דעם ציוניזם, זיך ענטוויקלען צו דער שפראך פון דער נאציאָן. דער שעפפערישער געניוס פון דעם פאָלק וועט ערוואכען אין דיזער שפראך. דער „לשון־קודש" פון שול וועט באקומען די הייליגקייט פון א שפראך פון וואָכעדיגען לעבען. און בשעת עס וועלען זיך ענטוויקלען די נייע פאָרמען פון לעבען, אויף נאציאָנאל־אייגענטום,

אָנגעהויבען אויסוואקסען פון די פראָפאגאנדא־קרייזלעך. די ארבייטער־באוועגונג אין איר אָנהויב טראָגט שטענדיג א פארשארפטען אויסגעשפראָכענעם קלאסען־כאראקטער, וועלכער פארטונקעלט אלע אנדערע אינטערעסען פון די ארבייטער. די באוואוסטזיניג אסימילאטאָרישע שטימונג פון דער אויף דער רוסישער שפראך ערצויגענער אינטעליגענץ, די קאָסמאָפאָליטישע פאראורטיילען פון סאָציאליזם אין יענער צייט, די אויפוואכענדע קלאסען־ליידענשאפט פון די ארבייטער, דאָס אלץ האָט ארויפגעלייגט אויף דער אידישער סאָציאליסטישער באוועגונג דאמאָלס א קענטיגען אסימילאטאָרישען שטעמפעל.

דער אסימילאטאָרישער אנטי־אידישער טאָן פון די ערשטע אידישע סאָציאליסטען אין רוסלאנד איז געווען דאגמאטיש, אָבער אויך הארט און בייז. כאראקטעריסטיש פאר דעם בייזען אסימילאטאָרישען טאָן פון יענער ערשטער סאָציאל־דעמאָקראטישער באוועגונג איז דאָס בארימטע ביכעל: „דער ערשטער מאי 1892“ (זשענעווא 1893), אין וועלכען עס זיינען אָפּגעדרוקט די פיר רעדעס פון אידישע ארבייטער צום ערשטען מאי 1892. קלאָר און שארף דריקט זיך דאָרט אויס די גאנצע אסימילאטאָרישע דער־שראָקענקייט, דער באגער פון די ערשטע קלאסען־באוואוסטע ארבייטער אָפּצורייסען זיך פון אידישען פאָלק און אָנשליסען זיך כלומרשט אן דאָס רוסישע פאָלק אין נאָמען פון סאָציאליזם.

אין דער פאָרעדע פון דעם ביכעל ווערט באטאָנט די גרויסע באדייטונג דערפון, וואָס אידען־ארבייטער לאָזען פון זיך וויסען דורך אזא רעוואָלוציאָנערע און סאָציאליסטישע האנדלונג, ווי די פייערונג פון ערשטען מאי און די רעדעס, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען פון דעם גייסט, פון אינטערנאציאָנאלען סאָציאליזם. „צום ערשטען מאָל צורייסען די אידען־ארבייטער אין רוסלאנד מיט די שמאָלע טראדיציאָנען און געדאנקען פון אידישען פאָלק, כדי זיך אָנצושליסען אן דער גרויסער אלוועלטליכער ארבייטער־ארמיי, וועלכע קעמפט פאר דער באפרייאונג פון ארבייטער קלאָס און דעם ליידענדען פאָלק בכלל“. (זייט 11). אן ארבייטער רעדט אויף אידיש וועגען דעם ערשטען מאי, ער האלט אָבער פאר זיין חוב צוליב דיזען אלוועלטליכען יום טוב צו געבען א שטויס מיט דער שטארקער רוסיש־קאפיטאליסטישער קאָפיטע אין דעם הארץ פון די ארימע אידישע יום־טובים פון פרייד, גייסט און תורה: „און מיר אידען, „רוסישע אונטערטאנען“, זאָגען זיך אָפּ פון די אייגענע יום־טובים און פון די פאנטאזיעס, וועלכע זיינען אוננוציג דער מענשליכער געזעלשאפט. מיר שליסען זיך אָן די רייען פון די סאציאַליסטען און שטעהען פאר זייער יום טוב, וועלכען זיי האָבען אויסגעקעמפט א דאנק דער וויסענשאפט און די אייגענע קרעפטען, און וועלכער וועט

די נאַציאָנאַלע ענטוויקלונג פון „בונד"

1

די ערשטע אידישע סאציאליסטישע באוועגונג אין רוסלאנד האָט זיך אָנגעהויבען אין סוף פון די אכטציגער יאָרען אין פארשידענע שטעט פון ליטע, פוילען און זיד־רוסלאנד. דער אנשלוס פון דער אידישער אינטעליגענץ אין דעם רוסישען סאָציאליזם זייט די זיבציגער יאָרען, די פּאָגראָמען, די עמיגראציאָן, די פּאלעסטינאפילסטווע, די ענטשטעהונג פון אן ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא, דאס אלץ האָט געוועקט רעוואָלוציאָנעריש און קולטורעל די אידישע ארבייטער-מאסע אין רוסלאנד און ארויסגעבראכט די ערשטע שפּראָצונגען פון א סאָציאליסטישער באוועגונג.

לכתחילה זיינען דאָס געווען קרייזלעך פון ארבייטער און אינטעליגענטען, וואו עס האָט זיך געפירט א סאציאליסטישע און רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאגאנדא. דער מיטעלפּונקט פון דיזער באוועגונג איז געווען ווילנא, די זעלביגע ווילנא, וואו אין די זיבציגער יאָרען איז שוין געווען טעטיג דער העברעאיש-שרייבענדער סאָציאליסט אהרון ליבערמאן און זיין קרייז. אָבער צווישען די סאציאל־דעמאָקראטישע „קרוזשקעס" און דער באוועגונג פון אהרן ליבערמאן איז געווען א טיפער אונטערשיד. אהרן ליבערמאן איז נאָך געווען אידיש־ראָמאנטיש, העברעאיסטיש, משכיליש. צווישען זיינע אנהייגגער זיינען געווען לערנער, העברעער, משכילים, און דער שלום אין דעם געגענזאץ צווישען דעם סאָציאליזם און דער אידישקייט, צווישען דער אידישער נאציאָנאליטעט און דעם סאָציאליסטישען וועלט־בירגערטום, האָט באהערשט זייער דיינקען און פילען. די נייע סאציאל־דעמאָקראטישע „קרוזשקעס" פון אינטעליגענטען און ארבייטער זיינען געווען פריי פון אלע דיזע משכילישע שטימונגען. זיי האָבען זיך אויפגעקליבען פון אינטעליגענטען, וועלכע האָבען זיך שוין ערצויגען אויף דער רוסישער ליטעראטור און פון א גרויסער צאָל איינפאכע אידישע ארבייטער. פאר זיי איז שוין געשטאנען אָפען דער וועג צו א מאסאָווער ארבייטער־באוועגונג, וועלכע האָט אָנגעהויבען אָרגאניזירען קאסען, „סטאטשקעס", פאך־אָרגאניזאציאָנען און זיך גרייטען צו פּאָליטישע ארויסטרעטונגען. אמת אויך אין די „קרוזשקעס" האָט אין אָנהויב געהערשט דער אויפקלערונגס־גייסט, מען האָט געלערנט די ארבייטער רוסיש און דורך דער קולטור ארייגגעצויגען זיי אין דער וועלט פון סאציאליזם. אָבער דיזע פראפּאגאנדא איז נאָך געווען דער פּארבארייטענדער איבערגאנגס סטאדיום צו א מאסען באוועגונג, וועלכע האָט באלד

סאָציאַליזם באַזײַטיגט די אידעאַליסטישע אידישע אינדיווידואַליטעט. נאָך אַמאָל אין דער אידישער געשיכטע פאַרלײַקענט זיך די העראָאישע אידיש־קייט, אַזוי באַלד ווי אַ נײַע קולטור־אידעע, וועלכע זאָגט־צו דעם איך אַנער־קענונג און דערהויבונג פון גלות, דרינגט אַרײַן אין די אידישע וועלט־פרעמ־דע גײַסטער, ווײַבאַלד דער אידישער סאָציאַליסט האָט זיך שוין אָנגעשלאָסען אַן דעם סאָציאַליזם, האָט זיך אַסימילירט מיט אַ שטאַרקער מאַכט, פאַראַט ער שוין זיך זעלבסט, זײַן אידיש פאָלק און די אידעע פון אידענטום. מיט ביטערען כעס און אונרוהיגען שרעק קוקט ער אויף דעם פאַלעסטיניזם, אויף דער אידעע פון דעם אידישען רענעסאַנס, וועלכע איז אַ פּראָטעסט געגען זײַן אַנטרינען און וועלכע רופט אים אײַגענטליך צו דעם העכסטען העראָאי־אישען אידעאַליזם אין מיטען פון אַ פרעמדער פאַרשטענדניסלאָזער וועלט. און ער, דער אידעאַליסטישער גלויביגער אין דער ענדערונג פון דער וועלט, איז דער רעאַקציאָנערער פּראַקטיקער און צווײפלער בנוגע צום אידישען פאָלק, און ער, דער גלות־רעוואָלוציאָנער און קעמפער אין די לעבער און שפּאַלטען פון דער גלות־ווירטשאַפט, זעהט ניט די גלענצענדע מעגליכקייטען פאַר אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג און אָרדנונג אויף דעם פרײַען מרחב פון אַן אײגענעם לאַנד און אַ נײַ־באַגרינדעטער ווירטשאַפט.

2

וואָס מער אָבער די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד האָט אָנגעהויבען ווערען אין די נײַנציגער יאָרען אַ מאַסען־באַוועגונג, אַלץ מער האָט זי אָנגעהויבען צו פאַרלירען איר אורשפּרינגליכע אַסימילאַטאָ־רישע פאַרב. זי האָט אָראָפּגעוואָרפען פון זיך די ירושה פון דער אַסימילירטער בורזשואַזנער אינטעליגענץ און האָט אָנגעהויבען פאַראַרבײַטען די אידעאָלאָגיע, וועלכע האָט געשטראָמט אָרגאַניש פון דער פאָלקסמאַסע. די אידישע אַרבײַטער זײַנען געוואָרען דער נאַציאָנאַלער סוביעקט פון דער באַוועגונג, די אידישע שפּראַך — דער נאַציאָנאַלער מיטעל, די בירגערליכע גלײַכבאַרעכטיגונג — דער נאַציאָנאַלער ציל. די אידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג שטעלט זיך אפילו נאָך ניט קײנע היסטאָרישע און קולטורעלע נאַציאָנאַלע צילען, אָבער זי ווערט נאַציאָנאַל דערמיט, וואָס זי ווערט באַ־וואוסטזיניג אַלס אַ אידישע באַוועגונג און וואָס זי בויט זיך אויף די כחות פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט.

אין דער באַקאַנטער שריפט: „פּאָוואָראָטני פּונקט וו'יעוורעיסקאָם ראַבאָטשעם דוויזשעניאי", די נײַע עפּאָכע אין דער אידישער אַרבײַטער באַ־וועגונג, אַ רעדע געהאַלטען אויף אַן אַגיטאַציאָנס פאַרזאַמלונג אין ווילנא אין 1895 יאָר, וועלכע איז שפּעטער ערשינען אין „אידישען אַרבײַטער"

עקזיסטירען ביז צו דעם סוף הימים". (דארט, זייט 9). צוליב דעם אנשלום אן דעם סאָציאַליזם זאָגט זיך אָפּ דער אידישער ארבייטער פון זיין נאציאָ־נאליטעט און געשיכטע, און צוליב דעם יום טוב פאר דעם אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג שפּאָט ער פון די אוניווערסאל־אידישע יום־טובים פון יציאת מצרים און מתן תורה. די נייע וועלטליכע אידעאָלאָגיע פּרופט זיך דאָ אויפצוהויבען אויף א פּראָסט ראציאָנאליסטישען אופן געגען די מיסטיש־פּאָעטישע מאָטיווען פון דער נאציאָנאלער געשיכטע.

אן אנדער אידישער ארבייטער פארטיידיגט אין זיין 1טען־מאי רעדע די אידען פון די אנטיסעמיטישע באשולדיגונגען אין עקספּלואטאציאָן און פּאראזיטסטווע, ווייל אויך אידען זיינען דאָך דיפערענצירט אין קלאסען. ניט דערפאר ווערען אידען פארפאָלגט פון דער רעגירונג און די קאפּיטאליס־טען, ווייל זיי שליסען זיך אָן אָן דער רוסישער קולטור.

ווערט דען די רוסישע שפּראך ערגער, ווייל עס ריידען אויף איר אידען? אידען ווערען פארפאָלגט, ווייל די רוסישע קליין־בורזשואזיע זעהט אין אידען א געפערליכען עקאָנאָמישען קאָנקורענט געגען זיך. דער פּא־לעסטיניזם איז אויף דיזע אידישע נויטלאגע ניט קיין תשובה, און די פּא־לעסטינצעס פארפירען נאָר דאָס אָרימע פאָלק דורך דער פריידיגונג פון אן אייגענעם לאנד. וואָלטען די „פּאלעסטינצעס" געקאָנט אריבערפירען אלע אידען אין פּאלעסטינא און דאָרט פארווירקליכען פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט, וואָלט מען געקאָנט זיין איינפארשטאנען מיט די פּאלעס־טינצעס. אָבער אין פּאלעסטינא וועט דאָך אויך זיין א קלאסען־שטאַט, א מלוכה פון עקספּלואטאטאָרען און ארבייטער, און דער אידישער ארביטער וועט גאָרנישט ניט געווינען דערפון, וואָס ער וועט עקספּלואטירט ווערען ניט פון א פרעמדען קאפּיטאליסט, נאָר פון דעם אייגענעם אידישען קאפּי־טאליסט. די ערלייזונג פון דער אידישער נויט ליגט אין דעם קאמף פון די אידישע ארבייטער געגען דעם אידישען קאפּיטאליזם. אידען דארפען זיך ניט שעמען דערמיט, וואָס זיי געהערען צו א „שענדליכער" ראסע. אין דער אידישער געשיכטע זיינען פאראן גלענצענדע קאפּיטלען, דאס איז דער אונפארגלייכליכער קאמף פון אידען פאר זייער אמונה. זאָלען די איצטיגע אידען נעמען א ביישפּיל פון די אמאָליגע אידען און באווייזען זייער הארט־נעקיגקייט אין דעם קאמף פאר דער באפרייאונג פון דער מענשהייט".

אין דיזע רעדעס פון אידישע ארבייטער צום ערשטען מאי 1892 שפּיגעלט זיך אָפּ די גאנצע אונזיכערקייט און פארווירונג פון דעם ערשטען אידישען סאָציאליסט אין זיין באציאונג צום אידישען פאָלק, צו דער אידי־שער פראגע און צו ארץ ישראל. זיין אידיש־נאציאָנאל געפיל גיט זיך לייכט אונטער א שטארקערער אידעע; דער אלוועלטליכער, אלמענשליכער

דערונגען, וועלכע זיינען ספּעציעל נויטיג נאָר דעם אידען ווי צ. ב. פרייע רעליגיאָן אָדער גלייכע רעכט פאַר'ן אידען.

„דער סאָציאַליזם לייקענט אָפּ דעם נאַציאָנאַליזם, און יענער היסטאָרישער פּראָצעס, וועלכער באשאפט דעם קלאסען־קאַמף אין דער יעצטיגער געזעלשאפט, פירט ניט אנדערש ווי צו דער צושטערונג פון די נאַציאָנאַלע גרענעצען, צו דער פאראייניגונג, דער צוזאמענגיסונג פון פארשידענע פעלקער אין איין מאסע. אָבער ווי לאנג די יעצטיגע געזעלשאפט וועט עקזיסטירען, דארף יעדע נאַציאָן שטרעבען אויב ניט צו פּאָליטישער זעלבסטשטענדיגקייט, טאָ כאָטש צו פולקאָמענע גלייכע רעכט. דעריבער שטערט טאקי די נאַציאָנאַלע גלייכגילטיגקייט פון דער אידישער מאסע צו ערוועקען ביי איר דעם קלאסען־באוואוסטזיין. אונזער אויפגאבע דארף זיין צו וועקען זי פון איר נאַציאָנאַלער אזוי אויך פון איר קלאסען־גלייכגילטיגקייט. מיר קענען נאָר אָהן מורא צוגעבען אונזער באוועגונג א באשטימטען אידישען כאראקטער, זייענדיג זיכער, אז דורך דעם וועלען מיר ניט אויפהערען צו נעמען אנטייל אין דער אלוועלטליכער באוועגונג בכלל און דער רוסישער בפרט“ („אידישער ארבייטער“ נומ. 9, זייט 19, 18).

וויבאלד די אידישע סאָציאַליסטישע באוועגונג אין רוסלאנד ווערט א מאסען באוועגונג, זוכט זי שוין א נאַציאָנאַלען כאראקטער, ווייל דער סוביעקט, די אגיטאַציאָנס־מיטלען, און די צילען פון דער באוועגונג, די איזייע גלייכבארעכטיגונג, זיינען ספּעציפיש אידיש. פון די „פיר־רעדעס“ צו דעם ערשטען מאי 1892 ביז מארטאָוו־צעדערבוים'ס אנטי־אסימילאטאָרישען אָנזאָג פון 1895 האָט זיך שוין בולט ארויסגעשטעלט דער אידישער, אויב נאָך ניט דער נאַציאָנאַלער, כאראקטער פון דער אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

די גרינדונג פון דעם „אלגעמיין אידישען ארבייטער בונד אין רוסלאנד און פּוילען“ אין יאָר 1897 איז אייגענטליך די רעאליזירונג פון די גרונד־אידעען, וועלכע מארטאָוו האָט פאָרמולירט אין יאָר 1895. די דעקלאראַציע פון „בונד“ לאָזט אָבער ארויס מארטאָוו'ס טעאָרעטישע ארגומענטאציע, וועלכע טראָגט א נאַציאָנאַלען כאראקטער, און באשריינקט זיך אויף די ריין פּראקטישע מאָטיווען פאר דער גרינדונג פון א אידישער אָרגאניזאַציאָן. דער אידישער פּראָלעטאריאט האָט זיינע ספּעציעלע אינטערעסען, וועלכע פאָדערען א ספּעציעלע באשיצונג. די ספּעציעלע אינטערעסען באשטעהען אין דעם, וואס עס איז נויטיג אָפּצושאפען די בירגערליכע אונרעכטליכקייט פון די אידען אין רוסלאנד און גרינדען א ליטעראטור אויף דער אייגענער אידישער שפּראך. די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראטישע פּארטיי וועט ניט זיין אימשטאנד צו פארנעמען זיך מיט די ספּעציעלע אינטערעסען פון די

נומער 9, זאָגט אָן דער דאמאָלסדיגער פירער פון דער אידישער סאציאל־דעמאָקראטיע און דער איצטיגער אסימילאטאָר מארטאָוו־צעדערבוים דעם נייעם אידישען כאראקטער פון דער באוועגונג. ער שילדערט דעם אידישען כאראקטער פון דער באוועגונג:

„אויף אונז, אויפ'ן אידישען פראָלעטאריאט, איז אויסגעפאלען דער ניט אנגענעמער גורל צו ווערען עקספלואטירט פון דער נידריגסטער, פון דער אונפארשעמטסטער בורזשואזיע פון דער וועלט" („אידישער ארבייטער" נומ. 9, זייט 16). דער פארפאסער טוט דאָ זיין אסימילאטאָרישען חוב און טוט א מיאוסען אונרעכט דער אידישער בורזשואזיע, וועלכע איז אין סאָציאלער באציאונג אפשר גאָר די הומאנסטע פון אלע בורזשואזיען. צו ערקלערען די אייגענע בורזשואזיע אלס די ערגסטע און נידריגסטע, איז א פסיכאָלאָגישער געמיטס־צושטאנד פון אלע רעוואָלוציאָנערען, און באזונדערס נאטירליך פון אידישע רעוואָלוציאָנערע אסימילאטאָרען, אויף דעם שוועל פון דער ארבייטער באוועגונג.

„אזוי ווי די אידישע בורזשואזיע, אזוי רעדט ווייטער מארטאָוו־צעדערבוים, האָט אלץ ערווארטעט פון דעם רוסישען ליבעראליזם און ניט פון דער זעלבסט־טעטיגקייט פון אידישען פאָלק, אזוי האָבען אויך מיר, אין די ערשטע יאָרען פון אונזער באוועגונג געווארט אויף אונזער רעטונג נאָר פון דעם רוסישען ארבייטער קלאס, אויף זיך אליין האָבען מיר געקוקט ווי אויף א צוגאָב צו דער רוסישער באוועגונג.

„אונזער גאנצע ארבייט איז געגאנגען אין דער רוסישער שפראך, כדי צו זיין צוזאמענעבונדען מיט דער רוסישער ארבייטער־באוועגונג, — און דאָס איז געווען אויך נויטיג, — האָבען מיר פארגעסען זיך צוזאמענצובינדען מיט דער אידישער מאסע, וועלכע פארשטעהט ניט די רוסישע שפראך.

„מיר קענען ניט ערווארטען אלץ, ווי פריער, נאָר פון דער באוועגונג פון רוסישען פראָלעטאריאט, ווי אונזער בורזשואזיע ווארט כל טוב נאָר פון חסד פון דער רוסישער רעגירונג און פון דעם באאמטען־ליבעראליזם. מיר דארפען פארשטעהן, אז דער רוסישער ארבייטער־קלאס וועט אויפ'ן וועג פון זיין קלאסען־ענטוויקלונג אָנטרעפען אזעלכע שטערונגען, אז יעדער קלענסטער זיג וועט אים קאָסטען שרעקליכע אנשטרייגונגען, דעריבער וועט ער נאָר דורך א שטענדיגען פעסטען קאמף זיך קענען דערשלאָגען איין פאָליטישע פארבעסערונג נאָך דער אנדערער. און אויב אזוי, איז קלאָר, אז ווען דעם רוסישען פראָלעטאריאט וועט אויסקומען צו אָפּפערען וועלכע עס איז פון זיינע פאָדערונגען, אום צו דערגרייכען כאָטש וועלכע עס איז פארבעסערונגען, וועט ער אין אזא פאל געוויינליך בעסער אָפּפערען די פּאָ־

אויטאָנאָמיע פאר אלע עסטרייכישע פעלקער. די ציוניסטישע באוועגונג און די אנערקענונג פון דעם פרינציפּ פון נאציאָנאלער זעלבסטבאשטימונג מצד דער סאָציאל־דעמאָקראטיע אין רוסלאנד און עסטרייך האָבען געטריבען דעם „בונד“ אויף דעם וועג פון א נאציאָנאלער פּראָזעאָלאָגיע.

א קאמף, וועלכער איז געווען פול מיט אסימילאטאָרישע דערשראָקענ־קייט און באוואוסטזיניגע פעלשונגען געגען דעם ציוניזם, און א נאציאָנאלע פּראָזעאָלאָגיע וועגען דאס רעכט פון זעלבסטבאשטימונג פון אידישען פאָלק, דאָס איז געוואָרען דער נאציאָנאלער פּראָגראם פון „בונד“, א פּראָגראם א ווידערשפּרוכספולער, וואס אָבער זיין ווידערשפּרוך איז היסטאָריש דאדורך געלייזט געוואָרען, דאָס וואָס זיכערער עס איז ארויסגעשטעלט געוואָרען דער פּונקט פון נאציאָנאלער זעלבסטבאשטימונג, אלץ מילדער איז געוואָרען די פאראייניגונג און פאראורטיילונג פון ציוניזם.

דעם קאמף געגען דעם ציוניזם עפענט דער נומער 7 „אידישער ארביי־טער“ פון 1899. אין דעם ארטיקעל: „ציוניזם און סאָציאליזם“ פון בן אהוד ווערט אויף א מארקסיסטישען אופן ערקלערט, דאס דער ציוניזם איז באשאפען געוואָרען פון דער אידישער בורזשואזיע צוליב אירע קלאַסען אינטערעסען און שטרעבונג צו עקספּלואטאציאָן, דאָס אונטער די שעהנע רייד פון ציוניזם שטעקט דער נאקעטער הוילער עגאָאיזם פון דער אידישער בורזשואזיע. אָבער אין געגענזאץ צום ציוניזם, וואס קיינמאָל קען דער סאָציאליזם ניט מאכען מיט אים שלום, ערלויבט זיך אין דעם לעצטען קאפּיטעל פון זיין אפּהאנדלונג בן אהוד „צו פאנטאזירען וועגען דער צוקונפט פון אידישען פאָלק“. די פאנטאזיע באשטעהט אין דעם, וואס די אידישע ליטעראטור אין דער אידישער שפּראך וועט זיך ענטוויקלען צו א הויכער מדרגה, און „וועט ווערען א מורא'דיגע קראפט, וואס וועט צונויפבינדען אין איינעם ניט נאָר די געבילדעטע מיט דעם פאָלק, נאָר אויך אלע אידען פון אלע לענדער“. „מיר אידען וועלען האָבען אונזערע אייגענע שעהן און קלוג איינגעפירטע חדרים, אונזערע גימנאזיעס און אונזערע רעאלשולען, אפילו אונזערע אוניווערזיטעטען“, „דאָס פאָלק דאָס איז זיין קולטור, זיין בילדונג! דאריבער קען דאָס אידישע פאָלק בלייבען פּאָליטיש און רעכטליך וואוינען צוזייט און צושפּרייט צווישען אלע פעלקער און דאָך בלייבען אידען, וואס וועלען לעבען מיט זייערע שכנים און האָבען די זעלביגע רעכט ווי זיי“. „און אלע אנדערע פעלקער וועלען באקאנט ווערען מיט אונזער פאָלק, און וועלען זעהן, אז מיר זיינען אויך ניט ערגער פאר זיי, אז מיר זיינען אויך פעהיג אויפצונעמען אין זיך די בעסטע פּרוכט פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאציאָן, איבערארבייטען אין א נייער פאָרם און אוועקגעבען צוריק דער וועלט דעם קרן מיט פּראָצענט און ווייטער נעמען און ווייטער געבען“.

פרעמדע ארבייטער בכלל און די אידישע בפרט. אין מאָמענט ווען עס וועט איר אויסקומען צו באשיצען די אינטערעסען פון דעם גאנצען רוסלענדער פראָלעטאריאט, וועט זי זיך ניט קענען אָפּגעבען מיט די ספּעציעלע אידישע אינטערעסען, „נאָר אזא אָרגאניזאציאָן, וועלכע איז אויסגעוואקסען נאטיר־ליך פון דעם קאמף, וואס דער אידישער פּראָלעטאריאט פירט געגען דער עקספּלואטאציע און איז צונויפגעבונדען מיט איר מיט טויזענד פעדים, וועט קענען פארהיטען און באשיצען זיינע אינטערעסען״. נאָר א באזונדערע אידישע ארבייטער־אָרגאניזאציאָן „וועט קענען נעמען אויף זיך די אויפגאבע צו פארזאָרגען דעם אידישען פּראָלעטאריאט מיט די נויטיגע מיטלען און קרעפטען, כדי ער זאָל קענען פירען זיין קאמף מיט ערפאָלג״. („ארבייטער שטימע״ נומער 11).

די נאציאָנאלע מאָטיווען פאר דער ענטשטעאונג פון „בונד״ אלס א באזונדערע אידישע אָרגאניזאציאָן זיינען אלזאָ נאָר געווען דער סאָציאליזם זעלבסט און די בירגערליכע גלייכבארעכטיגונג פאר דעם רעכטלאָזען אידישען פאָלק.

3

דער „בונד״ האָט אָבער באלד נאָך זיין אויפטרעטען אלס אידישע ארבייטער פּארטיי ניט געקענט פארבלייבען אויף זיין פּאָזיציע, ביי וועלכער די בירגערליכע גלייכבארעכטיגונג פאר אידען איז אידענטיפיצירט געוואָרען מיט א נאציאָנאלען פּראָגראם פאר דאָס אידישע פאָלק.

אין יענער צייט האָט שוין די ציוניסטישע באוועגונג זיך אָנגעהויבען וויט און ברייט צו פארשפּרייטען, און עס האָבען זיך אָנגעהויבען הערען די ערשטע סאָציאליסטיש־ציוניסטישע שטימען. דער אידישער ארבייטער־איז שוין אָנגערירט געוואָרען פון דער ציוניסטישער אונרוהיגקייט, און ער האָט אָנגעהויבען פרעגען א תשובה אויף דער נאציאָנאלער פראגע. דערצו — און דאס איז געווים געווען ענטשיידענד — האָבען די רוסישע סאָציאל־דעמאָקראטיע און די עסטרייכישע סאָציאל־דעמאָקראטיע אָנגענומען באלד דעם פּרינציפּ פון נאצ. זעלבסטבאשטימונג. אין מערץ 1898 איז אין מינסק פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאמענפאָר פון דער רוסישער סאָציאל־דע־מאָקראטיע, וואו עס איז אויך געווען פארטראָטען דער „בונד״. דער צוזא־מענפאָר האָט צווישען אנדערע פּונקטען אָנגענומען די מערקווירדיגע רע־זאָלוציאָן, דאס יעדע נאציאָן האָט דאָס רעכט אויף זעלבסטבאשטימונג. דער „בונד״ איז אריינגעטראָטען אין דער פּארטיי אלס אן אויטאָנאָמער טייל. אויך האָט די עסטרייכישע סאָציאל־דעמאָקראטיע אויף איר פּארטיי־טאָג אין ברין אין יאָר 1899 אָנגענומען דעם פּרינציפּ פון נאציאָנאל־קולטורעלער

4

דער רעזולטאט פון דער דיסקוסיאָן וועגן דער נאציאָנאלער פראגע אין די בונדיסטישע רייען איז געווען די רעזאָלוציאָן פון פערטן צוזאמענ־פאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען אין ביאליסטאק ענדע אפריל 1901. נאָך א ווייטגעהענדער דיסקוסיאָן וועגן דעם אידישען נאציאָנאליזם, אין וועלכער עס האָט זיך געלאָזט הערען שטארקע נאציאָנאלע נאָטקעס, איז אָנגענומען געוואָרען פאָלגענדע רעזאָלוציאָן:

„דער צוזאמענפאָר אנערקענט, דאָס נאָך דעם זין פון דעם סאָציאל־דעמאָקראטישען פראָגראם קען ניט דערלאָזען ווערען קיין שום אונטערדריקונג ניט נאָר פון איין קלאס איבער דעם צווייטען, ניט נאָר פון דער רעגירונג איבער די בירגער, נאָר אויך פון איין נאציאָנאליטעט איבער דער צווייטער, די הערשאפט פון איין שפראך איבער דער צווייטער“.

„דער צוזאמענפאָר אנערקענט, דאָס א לאנד ווי רוסלאנד, וועלכע באַ־שטעהט פון א סך פארשידענע נאציאָנאליטעטען, דארף אין דער צוקונפט פארוואנדעלט ווערען אין א פעדעראציע פון נאציאָנאליטעטען מיט א פולער נאציאָנאלער אויטאָנאָמיע פאר יעדערער, ניט קוקענדיג אויף די טערריטאָריע, וועלכע זי זאָל פארנעמען“.

„דער צוזאמענפאָר אנערקענט, דאָס דער באגריף „נאציאָנאליטעט“ קען אָנגעווענדעט ווערען אויך בנוגע צום אידישען פאָלק. אָבער ווייל ער רעכענט, אז עס איז נאָך פריצייטיג ארויסצושטעלען ביי די איצטיגע באַ־דינגונגען די פאָדערונג פון נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע פאר אידען, געפינט דער צוזאמענפאָר, אז דערווייל איז גענוג צו קעמפען פאר דער פארניכטונג פון אלע אויסשליסליכע געזעצען געגען אידען. פראָטעסטירען געגען יעדע אונטערדריקונג פון דער אידישער נאציאָנאליטעט, זיך פארפליכטענדיג אין דער זעלבער צייט ניט פאנאנדערצובלאָזען דעם נאציאָנאלען געפיל, וועל־כער קען נאָר פארדונקלען דעם קלאסען באוואוסטזיין פון פראָלעטאריאט און פירט נאָר צום שאָוויניזם“.

דער „בונד“ האָט דאָ ענדגילטיג געבראָכען מיט דעם שקר פון דער אסימילאציאָן און דער פארניינונג פון דער אידישער נאציאָנאליטעט. די ענטוויקלונג פון דעם אלגעמיינעם סאָציאליזם אין דער ליניע פון נאציאָנא־לען אויטאָנאָמיזם און די ציוניסטישע באוועגונג האָט געמאכט אונמעגליך דיזער שקר פון דער אסימילאציאָן, אָבער פון דער אנדער זייט פעלט דעם „בונד“ דער מוט צו שטעלען זיך אויף דעם פרינציפ פון דער נאציאָנאלער אויטאָנאָמיע פאר אידען אין גלות, און אגב ווייס ער אויך ניט זיכער, וואָס פאר אן אינהאלט אריינצולייגען אין די פאָרמע פון אויטאָנאָמיע.

צו דיזען קאפיטעל, וועלכער ענטהאלט די נאציאָנאלע פאנטאזיען פון דעם מחבר, באמערקט די בונדיסטישע רעדאקציע, אז דאָס איז ניט די מיינונג פון דער רעדאקציע, נאָר די מיינונג פון דעם אויטאָר: „מיר האלטען זיך שטייף פאר דעם פרינציפ, אז ווי אלע נאציאָנען, אזוי אויך די אידישע, דארף האָבען גלייכע פאָליטישע, עקאָנאָמישע און נאציאָנאלע רעכט. מיר קעמפפען אפילו פאר דעם". אָבער פאר דער ענטוויקלונג פון אידיש צו דער מדרגה פון א נאציאָנאלער קולטור שפראך און פאר דער פאראייניגונג פון די אידישע ארבייטער פון די פארשידענע לענדער אין איין ארבייטער סעקרעטאריאט, וואס בן אהוד פאנטאזירט אויך וועגען דעם פאר דער צוקונפט, קען דער „בונד" זיך ניט איינשטעלען. „דאָס זיינען פראגען, אויף וועלכע עס איז שווער יעצט באשטימט צו ענטפערען". דער „בונד" נעמט אויף דעם אויסדרוק „נאציאָנאלע רעכט", ווייס אָבער אליין נאָך ניט וואס פאר אן אינהאלט אריינצולייגען אין דיזע ווערטער.

אָבער אָט קומט פאָר אין דעצעמבער 1899 דער דריטער צוזאמענפאָר פון „בונד". אויף יענעם צוזאמענפאָר איז שוין אויפגעהויבען געוואָרען די פראגע וועגען א נאציאָנאלען פראָגראם פאר אידען. פון יענע דעבאטען וועגען די אידישע נאציאָנאלע רעכט איז ניכר, אז די נאציאָנאלע רעכט ווערען געפאָדערט, ניט ווייל דאס אידישע נאציאָנאלע לעבען אין וועלכער עס איז פאָרם האָט א ווערט, נאָר ווייל די בארויבונג פון דיזע נאציאָנאלע רעכט קען בארויבען דעם אידישער ארבייטער קלאס פון סאָציאליסטישע פראָפאגאנדא מיטלען. אויפ'ן צוזאמענפאָר איז געווען ארויסגעזאָגט א מיינונג, דאס די אידען מוזען האָבען פולע נאציאָנאלע גלייכבארעכטיגונג, פרייהייט פון שפראך, ליטעראטור און ז. וו. אויסער גלייכע בירגערליכע רעכט דארף דער אידישער פראָלעטאריאט פאָדערן אויך גלייכע נאציאָנאלע רעכט. בירגערליכע רעכט זיינען נאָך ווייניג, כדי דער אידישער פראָלעטאריאט זאָל קאָנען באשיצען זיינע אינטערעסען. אויב די אידישע שפראך וועט ניט האָבען אין רוסלאנד די זעלביגע רעכט, ווי די רוסישע, וועט די פרייהייט פון פארזאמלונגען פאר דעם אידישען פראָלעטאריאט ניט מער זיין ווי א פוסטער וואָרט. אָבער די מאיאָריטעט פון דעם צוזאמענפאָר האָט צוריקגעוויזען די נייע פאָרמולירונג, דאָס בירגערליכע גלייכבארעכטיגונג זאָל פארביטען ווערען אויף נאציאָנאלע, „מחמת יעדער נאציאָנאליזם קען אין אלגעמיין פירען צו שאָוויניזם". (די געשיכטע פון אידישען ארבייטער בונד, פון א. ב., ווילנא, 1906, זייט 18). דער צוזאמענפאָר האָט אָבער אויך אָנגענומען א רעזאָלוציע, דאס אין דעם „אידישען ארבייטער" זאָל געעפענט ווערען א דיסקוסיאָן וועגען דער נאציאָנאלער פראגע.

געמוזט ענדערען, אויב ניט זיין שטעלונג, דאָך יעדענפאלס זיין פריערדיגע רעזאָלוציאָן וועגען דעם ציוניזם.

די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פארטיי האָט זיך, ווי באקאנט געגרינדעט אין יאָר 1898, און דער „בונד", וועלכער האָט שוין עקזיסטירט באלד א יאָר, איז אריינגעטראָטען אלס אן אויטאָנאָמע אָרגאניזאציאָן אין דער רוסישער פארטיי. זייט דעם גרינדונגס־יאָר 1898, האָט אָבער די רוסישע פארטיי אלס צענטראַליזירטע פארטיי ניט עקזיסטירט און האָט קיינע צוזאמענפאָרען ניט אָפּגעהאלטען. די פארטיי איז געוואקסען, ביזע אָרגאניזאציאָנען זיינען אומעטום ענטשטאנען, א גרויסע סאָציאַליסטישע ליטעראטור האָט זיך ענטוויקעלט, אָבער אן אָרגאניזירטע פארטיי אין איי־גענטליכען זין פון דעם וואָרט האָט ניט עקזיסטירט. דער „בונד" פארקערט האָט שוין געהאט אָפּגעהאלטען אן אַנצאָל אָרדענטליכע צוזאמענפאָרען, האָט אויסגעבילדעט א שטארקע סאָציאַליסטישע אָרגאניזאציאָן און האָט געהאט גרויסע פארדינסטען פאר דער גאנצער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע בכלל. אויף דעם באָדען פון דיזער מערקווירדיגער לאגע, דאָס דער אידישער טייל פון דער רוסלענדישער פארטיי איז געוועזן עלטער און בעסער אָרגאני־זירט, איידער די פארטיי אליין, איז אויסגעוואקסען דער אָרגאניזאציאָנעלער סכסוך צווישען דעם „בונד" און דער פארטיי. דער „בונד" איז ארויסגע־גאנגען פון דעם געדאנק, דאס אזוי ווי די פארטיי עקזיסטירט ניט פאקטיש, דארף דער קומענדער צוזאמענפאָר פון דער פארטיי זיין א גרינדונגס־צוזאמענפאָר, אויף וועלכען עס דארפען האָבען א רעכט אנטייל צו נעמען אלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאניזאציאָנען פון רוסלאנד, און דאָס דער „בונד" דארף זיין א פעדעראטיווער טייל פון דער רוסישער פארטיי. דער אָרגאניזאציאָנס קאָמיטעט פון דעם רוסישען צוזאמענפאָר האָט באקעמפט דיזע פאָדערונג פון דעם „בונד", אויף אן אָרגאניזאציאָן אויף פעדעראטיווע יסודות.

וויכטיגער איז אָבער געווען די מחלוקות צווישען דעם „בונד" און דער פארטיי וועגען דער נאציאָנאלער פראגע. דער „בונד" האָט, ווי שוין דער־מאָנט, אָנגענומען אויף זיין פערטען צוזאמענפאָר דעם פרינציפּ פון נאציאָ־נאלער אויטאָנאָמיע, אָבוואָל ער האָט דערוויל די פאָדערונג פון נאציאָ־נאלע רעכט אלס א פריצייטיגע, ניט ארויסגעשטעלט. אין דער בונדיסטי־שער ליטעראטור האָט זיך אָבער שוין אָנגעהויבען א לעבהאפטע דיסקוסיאָן וועגען דער נאציאָנאלער פראגע. געגען דיזער נאציאָנאלער אויטאָנאָמיע פון „בונד" האָבען די אָרגאנען פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, די „איסקרא" און די „זאריא", אָנגעהויבען א ביטערען קאמף. די רוסישע פירער פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווי פּלעכאנאָוו, זיינען

דערפאר איז אָבער אויך פיל־וויינגער בייז און אידען־פיינדליך די אָנ־גענומענע רעזאָלוציאָן וועגען ציוניזם:

„דער צוזאמענפאָר רעכענט דעם ציוניזם פאר א ראקציע פון די בורזשואזע קלאסען געגען דעם אנטיסעמיטיזם און דער ניט־נאָרמאלער לאגע פון אידישען פאָלק. דער צוזאמענפאָר געפינט דעם ענדציל פון דעם פאָ־ליטישען ציוניזם — א טעריטאָריע פאר'ן אידישען פאָלק — פאר א זאך ניט קיין וויכטיגע, וועלכע וועט ניט פארענטפערען די אידישע פראגע. דער צוזאמענפאָר רעכענט, דאָס די אגיטאציע פון די ציוניסטען בלאָזט פאנאנ־דער דעם נאציאָנאלען געפיל און קען פארהאלטען די אנטוויקלונג פון קלאסענבאוואוסטזיין. וואָס געהערט צו דער קולטורעלער טעטיגקייט פון אנדערע ציוניסטישע גרופּעס, באציט זיך צו איר דער צוזאמענפאָר אזוי ווי צו יעדער אנדערער לעגאלער טעטיגקייט“.

אזוי ווי עס האָבען דאמאָלט אָנגעהויבען אויפטרעטען ציוניסטען־סאָציאַ־ליסטען, פועלי־ציון, ארבייטער־ציוניסטען, האָט דער „בונד“ אָנגענומען א רעזאָלוציע, ניט אריינצונעמען קיינע ציוניסטען אין פּאָליטישע און עקאָנאָ־מישע אָרגאניזאציאָנען, ניט דערמאנענדיג נאָך דאָס וואָרט „ציוניסטען־סאָציאַליסטען“.

דער „בונד“ פארלאָזט דאָ שוין אין גאנצען די אורשפּרינגליכע פּאָזיציע, דאָס דער ציוניזם איז דער אויסדרוק פון די קלאסען־אינטערעסען פון דער אידישער בורזשואזיע: דער ציוניזם ווערט ערקלערט אלס אונשולדיגע רעאקציע פון די בורזשואזע קלאסען געגען דעם אנטיסעמיטיזם, וואס דאָס איז דאָך שוין אן ערשיינונג, וועלכע איז פון סאָציאַליסטישען שטאנדפּונקט דורכאויס פּראָגרעסיוו. די באהויפּטונג, דאס א אידישע טעריטאָריע איז ניט קיין וויכטיגע זאך, האָט אין זיך ניט קיין שום עלעמענט פון באגרינדונג, און איז דער צייכען פון דער פארלעגענהייט פון דעם „בונד“ געגען דעם ציוניזם.

צווישען דעם פערטען און פינפטען צוזאמענפאָר פון „בונד“, וועלכער איז פאָרגעקומען אין מאָנאט יוני 1903, זיינען פאראיבערגעגאנגען צוויי יאָר פון נאציאָנאלער און סאָציאַליסטישער ענטוויקלונג, וואָס האָבען ארויפגעדריקט זייער שטעמפּעל אויף דער וויטערדיגער געשטאַלט פון „בונד“. אין דיזער צייט איז פאנאנדערגעוואקסען די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראטישע ארבייטער פארטיי, צו וועלכער דער „בונד“ האָט געמוזט געפינען זיין אָרגאניזאציאָנעלע שטעלונג. און אין דיזער צייט האָט זיך אויך אָנגעהויבען ברייט און ווייט צו פארשפּרייטען די ציוניסטיש־סאָציאַ־ליסטישע באוועגונג צווישען די אידישע ארבייטער, און דער „בונד“ האָט

דעם פערטען צוזאמענפאָר. די פארווירקליכונג פון ציוניזם, אזוי טעאָרע־טיזירט ער וועגען ציוניזם, קען נאָר פירען צו דער הערשאפט פון איינינגע אידישע קאפּיטאליסטען און דער פארשקלאפונג פון דער ארבייטער־מאַסע. דער ציוניזם איז פארבונדען מיט דעם אידישען קלעריקאליזם און ער מאכט פון דעם איד א פרעמדען, וועלכער וועט ניט קעמפען פאר זיינע בירגער־רעכט. די קולטורעלע טעטיגקייט פון ציוניזם איז ניט מער ווי די ערלערנונג פון דער העברעאישער שפּראך און דעם העברעאישען אונזין (דרעווניע־יעווריסקאיא דרעבעדען). („זאריא“ נום. 4, זייט 52).

ווייטער האָבען די אסימילאטאָרען פון דער רוסישער סאָציאל־דעמאָקראטיע געפאָדערט, דאס אין די געגענדען, וואו עס זיינען פאראן רוסישע סאָציאל־דעמאָקראטישע אָרגאניזאציאָנען, ווי אין זיך רוסלאנד, זאָל דער „בונד“ ניט האָבען קיין רעכט צו בילדען אידישע בונדיסטישע אָרגאניזאציאָנען. אויך די טענה פון „בונד“, דאס דער „בונד“ איז בארעכטיגט צו א באזונדערער עקזיסטענץ, ווייל נאָר א אידישע אָרגאניזאציאָן קען קעמפען ערפאָלגרייך געגען דעם ציוניזם, האָט ניט געפונען קיין אונטערשטיצונג ביי די אסימילאטאָרען פון דער רוסישער פּארטיי. פון זייער זייט איז אויפגעהויבען געוואָרען א ליארם געגען „בונד“, דאס ער וויל גאָר פארכאפּען א פּריווילעגיע צו קענען אליין קעמפען געגען ציוניזם, און די רוסישע סאָציאל-דעמאָקראטיע זאָל גאָר פון דיזען רעכט בארויבט ווערען.

אזוי איז זייט דעם יאָר 1901, נאָכדעם ווי דער „בונד“ האָט זיך פאנאנדערגעוואקסען און האָט ארייגענומען די דיסקוסיאָן וועגען דער נאציאָנאלער פראגע אין זיין פּראָגראם, אָנגעגאנגען א שארפער קאמף פון דער רוסישער פּארטיי געגען דעם נאציאָנאליזם פון „בונד“ און געגען זיין באזונדערער נאציאָנאלער אָרגאניזאציאָנס פאָרם. אין דעם פּראָיעקט, וועלכען די רעדאקציאָנען פון דער „איסקרא“ און דער „זאריא“ האָבען פאָרגעלייגט צו דעם צווייטען צוזאמענפאָר פון דער רוסישער סאציאל־דעמאָקראטישער ארבייטער פּארטיי, ווערט דערמאָנט אין דעם פּונקט 7 דאָס רעכט פון אלע פעלקער, וועלכע געהען אריין אין דער רוסישער מלוכה, אויף נאציאָנאלע זעלבסט־באשטימונג, אָבער דער פּראָיעקט רעדט ניט ווייטער קיין וואָרט וועגען דעם כאראקטער און די גרענעצען פון דער זעלבסט־באשטימונג. די געגנערישע שטעלונג פון דער רוסישער סאָציאל־דעמאָקראטיע צום אויטאָנאָמיזם פון „בונד“ און צו זיין זעלבסטשטענדיגער נאציאָנאלער אָרגאניזאציאָן איז געווען ניכר. צווישען דעם „בונד“ און דער רוסישער סאָציאל־דעמאָקראטיע האָט זיך געעפענט א געגענזאץ, וועלכען נאָר א קאָמפּראָמיס און א פּרינציפּיעלע אָפּזאָגונג פון דער אָדער יענער זייט וואָלט געקאָנט אויסגלייכען.

דאמאָלט געווען פארזונקען אין דעם סאָציאַליסטישען אימפעריאַליזם, אזוי ווי אלע סאָציאַליסטען פון די הערשענדע פעלקער. זיי האָבען אנערקענט דעם באפרייאונגס קאמף פון די אונטערדריקטע קלאסען געגען די הערשענדע, אָבער זיי זיינען געווען אינדיפערענט און אפילו גאָר פיינדליך געגען דעם קאמף פון די אונטערדריקטע פעלקער געגען די הערשענדע פעלקער. די רוסישע פירער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראטיע זיינען אויפגעטראָטען מיט זייער גאנצער ענערגיע געגען די נאציאָנאלע טענדענצען פון „בונד". דיזע געגנערישע שטימונג אין דער פארטיי געגען דעם בונדיסטישען נאציאָנאליזם איז נאָך פארשטארקט געוואָרען דורך די פיינדליכע האלטונג געגען דעם נאציאָנאלען „בונד" מצד די אידישע אסימילאטאָרען, וועלכע זיינען געווען א באדייטענדער טייל אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראטיע.

די פאָלעמיק געגען דעם „בונד" און זיין נאציאָנאליזם האָבען באזונדערס געפירט מארטאָוו־צעדערבוים אין דער „איסקרא", (1902) און א. דאווידסאָן אין „זאריא" (1902). די איראָניע פון דער לאגע איז נאָך געווען דערביי, דאָס מארטאָוו איז געווען דער טעאָרעטישער באגרינדער פון דעם „בונד" און דער באגרינדער, דאס די אידישע סאָציאַל־דעמאָקראטיע דאַרף זיין ניט נאָר אינטערנאציאָנאל, נאָר אויך נאציאָנאל, און א. דאווידסאָן איז געווען א חבר פון די „בני משה" פון אחד העם, און אן אנטיילנעמער פון דעם ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס, אין 1897.

אונטער דעם פסעוודאָנים ק. ק. איז אויפגעטראָטען א. דאווידסאָן אין „זאריא", אין אן ארטיקעל: „מכח דער אידישער ארבייטער־באוועגונג אין רוסלאנד" („זאריא" נום. 4) געגען דעם נאציאָנאלען אויטאָנאָמיזם פון „בונד". דער „בונד", פירט אוים דער אסימילאטאָרישער קריטיקער, האָט געמאכט א לאָגישען טעות. ער איז פאָרמעל גערעכט ווען ער זאָגט, אז יעדעס פאָלק באדאַרף א נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע: אידען זיינען א פאָלק, פאָלגליך נויטיגען זיי זיך אין נאציאָנאלער אויטאָנאָמיע. וואָלט אָבער דער „בונד" אונטערזוכט טאטזעכליך די נויטען פון אידישען ארבייטער פאָלק, וואָלט ער איינגעזעהן, אז ער נויטיגט זיך ניט אין קיין שום נאציאָנאלער אויטאָנאָמיע, ווארום דער אידישער דרוק באשטעהט ניט אין דעם, וואס די רוסישע רעגירונג פארבאָט די אידישע נאציאָנאלע לעבענספאָרמען, נאָר וואָס די רוסישע רעגירונג דערלאָזט ניט אידען צו דער רוסישער קולטור. דיזע קריטיק פון דער נאציאָנאלער אויטאָנאָמיע פון „בונד" האָט פילע באריהרונגס פונקטען מיט דער ציוניסטישער קריטיק פון בונדיסטישען אויטאָנאָמיזם. אָבער דער אסימילאטאָרישער אנטי־בונדיסט ווארפט זיך ארויף מיט דעם גאנצען כעס פון אן אנטרונענעם ציוניסט אויף דעם ציוניזם. ער קען ניט מוחל זיין דעם „בונד" זיין מילדע רעזאָלוציע וועגען ציוניזם אויף

אונטערזוכט מען אָבער דעם בונד און דעם ציוניזם גרינדליכער און טיפער, און זוכט מען דעם פארבאָרגענעם וועזען פון דיביידע ערשיינונגען, אזוי קומט מען צו א גאנץ אנדער השגה וועגען דעם ענין. דער אמת׳ער כא־ראקטער פון יעדער געזעלשאפטליכער ערשיינונג ווערט אויפגעדעקט אין דער היסטאָרישער דיאלעקטיק; און נאָך א גענעראציאָן פון בונד און ציוניזם הויבען מיר ערשט אָן קלאָר צו פארשטעהן זייער וועזען.

דער בונד האָט געהאט א דאָפּעלטען פּראָגראם: א פּראָלעטאריש־סאָציאליסטישען און א אידיש־נאציאָנאלען. די אָרגאניזאציאָן פון דעם אידישען ארבייטער קלאס צוליב זיין עקאָנאָמיש־פּאָליטישען קאמף און צו־ליב סאָציאליזם איז געווען דער פּראָלעטארישער טייל פון דעם בונדיסטישען פּראָגראם. דער אידיש־נאציאָנאלער טייל איז געווען די פאָדערונג פון ביר־גערליכע גלייכבארעכטיגונג פאר דעם גאנצען אידישען פאָלק אין יעדען לאנד. דער אידיש־נאציאָנאלער טייל פון בונדיסטישען פּראָגראם איז ניט געווען די אזוי אנגערופענע אידיש־נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע, וועלכע איז קיינמאָל ניט געווען פארשטאנען געוואָרען און ניט אויפריכטיג געוואָלט געוואָרען, נאָר איז געווען א צופעליגע הנחה צו אנדערע שטרעמונגען אין אידישען פאָלקס־לעבען אָדער, נאָך בעסער, איז געווען א קאמף מיטעל געגען ציוניזם. דער אמת׳ער, אויפריכטיגער, ערליכער, איינשטימיגער אידיש־נאציאָנאלער פּראָגראם פון „בונד“ איז געווען די בירגערליכע גלייכבארעכ־טיגונג פון אידישען פאָלק. דיזע דעפיניציאָן פון פּראָגראם פון „בונד“ ליגט זיך אויך אויף דעם פּראָגראם פון אלע אידישע סאָציאליסטישע פארטייען אין אלע לענדער. די אידישע געזעלשאפטליכע באוועגונג אין אמעריקא האָט אויך געהאט דיזען דאָפּעלטען פּראָגראם: דעם פּראָלעטאריש־סאָציא־ליסטישען און דעם אידיש־נאציאָנאלען. דער אמת׳ער כאראקטער פון דער אידיש־נאציאָנאלער טענדענץ פון דער אידיש סאָציאליסטישער באוועגונג איז אין אמעריקא נאָך פיל מער ניכר, איידער ביי דעם רוסישען „בונד“. די געזעלשאפטליכע באוועגונג האָט דאָ קיינמאָל ניט גע׳חלומ׳ט וועגען אויטאָנאָמיע, וועגען דער אידישער שפּראך, אָבער זי איז שטענדיג געווען זייער עמפּפינדליך געגען אנטיסעמיטיזם און איז געשטאנען אויף דער וואך פון דער אידישער בירגערליכער גלייכבארעכטיגונג.

די פרייע איינוואנדערונג, דער קאמף געגען אנטיסעמיטיזם, זיינען גע־ווען זאכען, וועלכע זיינען געווען זעהר נאָהענט צום הארצען דער געזעלשאפט־ליכער באוועגונג, אלס איר אויפריכטיגער אידיש־נאציאָנאלער ענין. מיר קענען דערפאר פארשטעהן אונטער דעם וואָרט „בונד“ די אידישע סאָציאליסטישע באוועגונג פון דער גאנצער וועלט. „בונד“ איז דער שם הכולל פאר דעם גאנצען אידישען סאָציאליזם.

דער בונד און דער ציוניזם

1

מען האָט אין דער לעצטער צייט ווידער געגענאיבערגעשטעלט דעם „בונד“ מיט דעם ציוניזם, געפּרופט דעפינירען ביידע אידעען און מתקן זיין מיט׳ן כח פון דעם שכל, — פון דעם גלאטען שכל געוויינליך — זייערע ביידענס מעלות. דעם ענין האָט מען משיג געווען גאנץ איינפאך און פשוט. איינער זאָגט, למשל, דאס דעם „בונד“ האָט געפעלט א ביסעלע אמת׳ע אידישקייט, דעם ציוניזם האָט געפעלט א השגה אין נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע, און ווען ביידע וואָלטען ניט געהאט אויף זיך דיזע חטאים, וואָלט געווען ביי אידען שלום ושלוה.

חבר דר. זשיטלאָווסקי האָט, למשל, געשריבען אמאָל אונגעפער אזוי: אין סאָציאליסטישען ציוניזם זיינען פאראן אָדער קענען זיין צוויי שטרע־מונגען. איין שטרעמונג וויל, דאס די סאָציאליסטישע ציוניסטען זאָלען זיין ניט מער ווי א לינקער סאָציאליסטישער פליגעל אין ציוניזם, די צווייטע דעה איז, דאס די סאָציאליסטישע ציוניסטען דארפען זיין דער ציוניסטישער פליגעל פון די אידישע סאָציאליסטען, פון „בונד“.

עס פארשטעהט זיך, דאס די בכורה ווערט אָפּגעגעבען דעם „בונד“, אָט דאָרט שוועבט הויך און שטאָלץ די אמת׳ע אידעע. זי דארף נאָר געפינען איר תיקון אין דער ריינער דורך דעם אלמענשליכען פּראָגרעס אויפגעליי־טערטער אידישקייט.

פון אויבען אויף איז דער ענין וועגען דעם „בונד“ און דעם ציוניזם גאנץ קלאָר און פארשטענדליך. דער „בונד“ איז א פּראָלעטארישע קלאסען אָרגאניזאציאָן, ער פירט דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען קאמף, ער רעדט די שפּראך פון סאָציאליזם, ער איז אינטערנאציאָנאל פאראייניגט מיט דעם סאָציאליזם פון דער וועלט, לכן בכן איז ער א סאָציאליסטישע רעוואָלוציאָ־נערע באוועגונג. דער ציוניזם איז א בירגערליכע אינטעליגענטסקע באוועגונג, מיט א גאנץ אונבאדייטענדער נאָכפאָלגערשאפט אין ארבייטער קלאס. דער ציל פון ציוניזם איז דער נאציאָנאלער רענעסאנס, וויל זיינע מיטלען ליגען אין דער באשטעהענדער וועלט־פּאָליטיק. זיינע קרעפטען זאמעלט ער פון כלל־ישראל, זיין אידעאָלאָגיע איז פארפארבט מיט דער אידישער פארגאנגענהייט. פאָלגליך איז דער ציוניזם א רעאקציאָנערע באוועגונג אָדער יעדענפאלס ליגט ער אן א זייט פון די צילען פון דעם סאָציאליסטיש רע־וואָלוציאָנערען „בונד“. אזוי דוכט זיך טאקע אוים אויבערפלעכליך.

אידישער פּראָגראַם, זיין קאַמף פאר בירגערליכער גלייכבארעכטיגונג נאָך איבערלאָזען א שטיקעל חלל אין אידישען לעבען פאר דעם אויפשטייגען פון א סאָציאליסטישען פּראָלעטאריאט? וועלען די פעטע בהמות פון „פּראוואָ־זשיטעלסטוואָ“ און „פּראוואָ־טארגאוולי“ ניט פארשלינגען די מאָגערע בהמות פון פּראָלעטארישען קאַמף? און וואס מוז זיין לאָגיש און רעאל די פרוכט פון דער בורזשואזער זריעה פון ציוניזם, א בורזשואזע ארץ ישראל אָדער א פּראָלעטאריש ארבייטענדע ארץ ישראל?

.(1922)

2

צווישען דעם נאציאָנאל־אידישען גלייכבארעכטיגונג־פּראָגראַם פון „בונד“ און זיין פּראָלעטאריש־סאָציאלסטישען פּראָגראַם ליגט א טיפער אינוויינינגער ווידערשפּרוך. זיי זיינען זיך איינער דעם אנדערען סותר. דיזע סתירה האָט דער „בונד“ קיינמאָל ניט באגריפען, ווארום נאָר א דאנק זיין בלינדקייט צו דיזער סתירה, א דאנק זיין גלייכגילטיגקייט צו דיזער סתירה, האָט געקענט דער „בונד“ עקזיסטירען. אָבער די סתירה ווערט אלץ גרעסער מיט יעדען נייעם פאזיס פון היסטאָרישער ענטוויקלונג, און די סתירה דערווייטערט זיך ביז צו א טיפען תהום, וועלכער מוז פארשלינגען דעם סאָציאליסטישען „בונד“.

עס איז א טריוויאליטעט צו זאָגען צום טויזענדסטען מאָל, דאס א סאָציאליסטישע מאסען־באוועגונג איז נאָר מעגליך אויף דעם יסוד פון ארבייט. אידישער סאָציאליזם איז נאָר דאן מעגליך, ווען אין אידישען פאָלק זאָל זיין א באשטענדיגער, וואקסענדער, זיכערער ארבייטער־קלאס. ווי אזוי איז אָבער ענטשטאנען ביי אידען אן ארבייטער־קלאס? דער אידישער ארבייטער־קלאס, דער ארבייטענדער איד איז א צופעליגע און צייטווייליגע ערשיינונג אין דער מאָדערנער אידישער גלות־געשיכטע. אין מיטעלאלטער איז ניט געווען ניט קיין אידישער פויער, ניט קיין אידישער קרעפּאָסטניק, ניט קיין אידישער שטאָטישער ארבייטער. נאָך אין דער ערשטער העלפט פון נייַנצענטען יאָרהונדערט איז אין דעם געדיכטען אידישען תחום אין מזרח־אייראָפּא, טראָץ דער פורכטבארער אָרימקייט, ניט געווען קיין אידישער ארבייטער־קלאס. ערד־ארבייט איז געווען און געבליבען פרעמד ביי אידען, און די מלאכה איז גאָר ניט לאנג געווען פאראכטעט אין פאָלקס־באוואוסטזיין. די אידישע ארבייט, הויפּטזעכליך אין דער פאָרם פון היימישען האנדווערק, איז אויסגעוואקסען צווישען אידען אין דער צווייטער העלפט פון נייַנצענטען יאָרהונדערט, אונטער דעם שטייגענדען פּאָליטישען

דער ציוניזם איז אויך צוזאמענגעזעצט פון צוויי טענדענצען, ער האָט אויך א דאָפּעלטען פּראָגראם: א נאציאָנאלען און א פּראָלעטארישען. די אויפלעבונג פון אידישען פאָלק אין ארץ ישראל איז זיין גרויסער נאציאָנאַלער ציל. אָבער דאָס פאָלק קען אויפלעבען אין ארץ ישראל, ווען עס זאָל אליין דורך זיין אייגענער ארבייט פארנעמען ארץ־ישראל, און דאָס מיינט, דאָס דער סאָציאלער בוי פון אידישען פאָלק מוז געענדערט ווערען. די ווידערגעבורט פון אידישען פאָלק, מיינט די געבורט פון אידישער ארבייט. מיט דעם ערשטען נאציאָנאלען קלאנג פאר ארץ ישראל האָט זיך שוין גע־הערט דער רוף צו אידישער ארבייט. פּינסקער, דער שאַפער פון ציוניזם, רעדט שוין אויף דעם קאטאוויצער צוזאמענפאָר פון די חובבי ציון אין 1886, דעם ערשטען ציוניסטישען צוזאמענפאָר אין דער וועלט, דאָס אידען מוזען אויפהערען צו זיין פארמיטלער און קרעמער און מוזען איבערגעהן צו ארבייט. דאָס איז דער געבאָט פון דער צייט. לעוואנדא בויט זיין גאנצען פּאלעסטי־ניזם אויף דער נויטווענדיגקייט פאר אידען צו ווערען אקערבויער. צו אקער־בוי רופט ליליענבלום אין זיין רוף צו ארץ ישראל. „אין דער סאָבע ליגט די מזל־ברכה“, אזוי זינגט די חבת ציון. אין דעם ציוניזם, בשעת ער איז גע־וואָרען אן עפענטליכע אידיש־נאציאָנאלע באוועגונג, טרעט אויף די אידעע פון אויפבויען אן אידישען ארבייטס־פאָלק זעהר מארקענט און בולט. עס רעדט זיך שוין קלאָר און אגיטאטאָריש וועגען אריבערברייינגען הונדער־טער טויזענטער אויב ניט מיליאָנען אידען אין ארץ ישראל און אריינשטעלען זיי אין באדינגונגען פון ארבייט. דער ציוניזם איז דער נאציאָנאלער פּראָ־טעסט געגען דעם גלות און דער סאָציאלער תקון אנטקעגען דעם אידישען לופט־מענש. מיט דעם אנשלוס פון א טייל פון דעם ארבייטער קלאס אין דעם ציוניזם און דעם אָנהויב פון פּראקטישער קאָלאָניזאציאָן אין די אידעע פון ארבייט געוואָרען די הערשענדע אידעע אין ציוניזם.

דער בונדיזם און דער ציוניזם האָבען שוין א גרויסע היסטאָרישע פאר־גאנגענהייט הינטער זיך, אין וועלכער זייער וועזען, זייערע טענדענצען און זייערע מעגליכקייטען זיינען אויפגעדעקט געוואָרען. יעצט זיינען עס פערציג יאָר, זייט עס האָט זיך אָנגעהויבען אָרגאניזירען די אידישע ארבייטער באוועגונג און די ישוב ארץ ישראל באוועגונג, וועלכע זיינען אויפגעטראָטען ביידע אין זייער אָרימען באגינען אין אָנהויב פון די אכטציגער יאָרען פון פאָריגען יאָרהונדערט, נאָך די ערשטע פּאָגראָמען. 25 יאָר ווערען איצט, נאָכדעם ווי דער פּאָליטישער ציוניזם און דער בונד האָבען זיך אָרגאניזירט אין יאָר 1897. און איצט זעהען מיר שוין קלאָר, וואָס איז דער וועזען פון ביידע באוועגונגען. מיר קענען איצט געניסען דעם בוים נאָך זיין פרוכט. וואָס איז די ענטוויקלונגס־צוקונפט פון „בונד“? וועט זיין נאציאָנאל־

וואקסענדער איינוואנדערונג פון מזרח־אייראָפּא, וואו דער פּאָליטישער דרוק פורעמט פאראיינס א אידישען פּראָלעטאריאט.

עס פעלען נאָך די גענויע אונטערזוכונגען מכח דעם, ווי דער אידישער פּראָלעטאריאט האָט זיך טראנספאָרמירט אין די איינוואנדערונגס לענדער, באזונדערס אין אמעריקא, אין א סאָציאל העכערען ניט־פּראָדוקטיווען קלאס. אָבער דער פּראָצעס איז אָנגעגאנגען און געהט אָן מיט גוואלטיגער שנעלקייט. פון די אן ערך אנדערטהאלבען מיליאָן איינגעוואנדערטע אידען אין אמעריקא אין די לעצטע פערציג יאָר זיינען פינף און נייַנציג פּראָצענט געקומען ווי פּראָלעטאריער, וועלכע האָבען געקענט לעבען נאָר פון ארבייט. פון די מער ווי די דריי מיליאָן אידען פון אמעריקא, וואס אויף דיזער צאָל איז יעצט געוואקסען די אידישע באפעלקערונג, האָבען שוין אפשר זיבעציג פּראָצענט זיך ארויסגעריסען פון פּראָלעטאריאט און זיינען אריבערגעגאנגען אין א העכערען קלאס. ווען די אידישע איינוואנדערונג פון אייראָפּא וועט אָפּגע־שטעלט ווערען אויף צען יאָר, וועט דער אידישער ארבייטער־קלאס אין אמעריקא פארקלענערט ווערען צו אן אונבאדייטענדער גרוים און די אידישע ארבייטער באוועגונג וועט כמעט ווי פארשווינדען.

דער בעסטער באווייז דערפאר, דאָס דער אידישער ארבייטער־קלאס און מיט אים די אידישע ארבייטער באוועגונג זיינען עלול צו פארשווינדען, וואו קיין אויסערער פּאָליטישער דרוק אויף אידען איז ניטאָ, און וואו קיין נייער פּראָלעטאריאט שטראָמט ניט אריין, איז ענגלאנד. אין ענגלאַנד איז אמאָל געווען א גאנץ באדייטענדער אידישער פּראָלעטאריאט. די איסט סייד פון לאָנדאָן איז געווען אמאָל א גאנץ באדייטענדער צענטער פון אידישער ארבייט. אויך מאנטשעסטער, גלאזגאו, לידס, ליווערפּול האָבען געהאט זייערע אידישע פּראָלעטארישע געטאָס. פאר די לעצטע פופצען יאָר האָט זיך אָבער די אידישע איינוואנדערונג אין ענגלאנד שטארק פארקלענערט און זייט דער מלחמה איז זי פּאָלשטענדיג צוריקגעגאנגען. אין ענגלאנד איז ביסלעכווייז פארשוואונדען דער אידישער ארבייטער־קלאס. ער האָט זיך אויסגעבורזשואזעוועט. און צוזאמען מיט דעם ארבייטער־קלאס איז בטל געוואָרען די אידישע ארבייטער באוועגונג. בשעת מיט דרייסיג יאָר צוריק איז ענגלאנד געווען א צענטער פון אידישען סאָציאליזם און די אידישע אר־בייטער זיינען דאָרט געווען די פּיאָנערען פון סאָציאליזם, איז יעצט די אידישע סאָציאליסטישע באוועגונג דאָרט כמעט פארשוואונדען, צוזאמען מיט דער געוואלטיגער פארמינדערונג פון די אידישע ארבייטער בכלל. און דאָס קומט פאָר אין דער צייט, ווען די סאָציאליסטישע באוועגונג אין לאנד זעלבסט האָט זיך פאנאנדערגעוואקסען און פאנאנדערגעבליט. דאָס אידי־שע פאָלק אין ענגלאנד איז ווידער אריינגעשטופּט געוואָרען אין די ניט־

און עקאָנאָמישען דרוק און דורך די סאָציאַל־עקאָנאָמישע איבערקערעניש אין מזרח אייראָפּאַ.

די אַלטע פּאַטריאַרכאַלישע ווירטשאַפט פון דער פּריצים-הערשאַפט און דער קרעפּאָסטנאָיע פּראַווא איז צושטערט געוואָרען. דער קאַפּיטאַליזם האָט אָנגעהויבען באַשאַפען אַ העכערע רעגולירטע ווירטשאַפט, די אידישע פּאַר־מיטלונגס־פּרנסות און לופט־עסקים זיינען בטל געוואָרען, און דער אַנטי־סעמיטישער שטאַט און פּאָלק האָבען באַשאַפען אונענדליכע באַשריינקונ־גען נעגען דעם אידישען אריינדרינגען אין דער זיך באַנייענדער קאַפּיטאַליס־טישער וועלט. אַ פורכטבאַרע נויט, וועלכע האָט בלוטיג געשריען ביז צום הימעל, האָט זיך אויפגעהויבען אין דעם גאַנצען אידישען תחום, פון וואַרשאַ ביז ווילנא, אדעס, לעמבערג, בוקאַרעסט. די אידישע ליטעראַטור פון יענער צייט „דער פּוילישער איינגעל“ פון לינעצקי, סמאָלענסקין'ס „התועה“, באָג־ראָוו'ס „זאַפּיסקי יעוורעיא“, מענדעלע'ס ערשטע ערצעהלונגען, די גאַנצע ליטעראַטור פון יענער עפּאָכע דערצעהלט אַ פורכטבאַרע מעשה פון בלוט און טרערען ווי אַ פאָלק האָט פאַרלאָרען דעם לעצטען שטיקעל קיום פון אונטער זיינע פיס און האָט זיך געראַנגעלט פאַר טויט און לעבען. אָט אין יענער צייט פון פורכטבאַרען עקאָנאָמישען און פּאָליטישען דרוק הויבט זיך אָן די ענטוויקלונג פון דער אידישער אַרבייט, און עס ענדערט זיך אין פּאָלקס־באַוואוסטזיין די באַציאונג צו מלאכה.

דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אין מזרח־אייראָפּאַ, וועלכער וואַקסט אויף אונטער דעם פורכטבאַרען אויסערליכען דרוק, ווערט אין וויינינע יאָרען דער גייסטיג און רעוואָלוציאָנער אויפגעטרייסעלטער פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט. אמת, גאַנצע שטראָמען פון אידישע אַרבייטענדע און ניט־אַרבייטענדע פּראָלעטאַריער הויבען אָן צו לויפען פון תחום, צו עמיגרי־רען אין ענגלאַנד, פּאַריז, אַמעריקא. אין אָנהויב פון די אַכטציגער יאָרען הויבט שוין אָן דער אידישער פּראָלעטאַריאַט זיך צו ראַטעווען דורך די מאַסען־אויסוואַנדערונג אין אַמעריקא פון דעם דרוק, פון דער נויט און איי־געגטליך אויך פון דער אַרבייט. אָבער אויך אין ענגלאַנד און אַמעריקא אָרגאַניזירט זיך דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער בלייבט ביי דער אַרבייט, און ווערט דער טרעגער פון דער רעוואָלוציאָנערער און סאָציאַליס־טישער אידעע. אין די אַכטציגער און ניינציגער יאָרען איז די סאָציאַליס־טישע אידעע געוועזען פאַרטראָטען אין ענגלאַנד און אַמעריקא כמעט אויס־שליסליך פון די אידישע אַרבייטער פון מזרח־אייראָפּאַ. יערליך שטראָמט אָפּ פון די אידישע אַרבייטער אין ענגלאַנד און אַמעריקא אַ גרויסער פּראָ־צענט, וועלכער פאַרוואַנדעלט זיך אין קליינבירגערטום אין אַלע זיינע רעגענ־בויגען־פאַרבען, אָבער דאָס לאַנד ווערט שטענדיג פאַרפולט פון דער אַלץ

בטל דער אידישער זעלבסט־באוואוסטזיין, די אידישע קולטור, די אידישע לעבענספייאיגקייט, און ארום דעם איינגעבעטענעם גלות־פאָלק שפינט זיך א נעץ פון שנאה און פאראכטונג און געגנערשאפט, וועלכע וועט באלד אָנ־הויבען ווערגען בלוטיג דעם אינטערנאציאָנאלען איד־הענדלער, אין וועלכען דער איד־ארבייטער און דער איד־סאָציאליסט האָבען זיך געמוזט משונה'דיג פארוואנדלען. דער „בונד" פארשווינדעט דערפאר אין אלע אידישע גלות'ען: דער טריאומף פון דעם „בונד"ס נאציאָנאל־אידישער גאולה פירט צו דער פארניכטונג פון דעם אידישען ארבייטער־קלאס און ממילא צו דער פאר־שווינדונג פון דעם „בונד"ס סאָציאליסטיש־פּראָלעטארישען קאמף. דער „בונד" האָט אָנגעהויבען ווי א אידישע סאָציאליסטישע באוועגונג. ער האָט אָבער געוואָלט פלאנצען דעם אידישען סאָציאליזם אויף דער פאראזיטישער ערד פון גלות און דער סאָציאליסטישער בוים איז שטענדיג פארדארט און פארוועלקט געוואָרען. אין דער אינווייניגער סתירה צווישען אידישער גלייכבארעכטיגונג און אידישער ארבייט האָט געמוזט אונטערגעהן דער בונדיזם.

(פעברואר 27, 1922, פון „צייט")

3

די היסטאָרישע ענטוויקלונג פון „בונד" האָט באשטעטיגט די אינווייני־גע לאָגיק פון בונדיזם. דעם „בונד"ס סאָציאליזם ווערט בטל ומבוטל אין דעם „בונד"ס גלות, וואס אויף זיין זאמדיגען באָדען האָט ער געוואָלט בויען א סאָציאליסטישע פעסטונג. דער „בונד" האָט אָנגעהויבען מיט פּראָלע־טאריאט און סאָציאליזם און ער לייזט זיך אויף אין די אידישע גלות־רעכט אויף האנדעל און וואנדעל און פאראזיטסטווע. די רעשטלעך פון „בונד" וועקען שוין ניט מער קיין אידישע פאָלקס־קולטור, נאָר אומעדום אין אמעריקא ווי אין רוסלאנד, זיינען זיי די פאקטישע שונאים פון יעדער קול־טור, פון אלגעמיינער אָדער אידישער, צווישען די נאָך אידיש געבליבענע פאָלקס־מאסען, און אויף דעם שוועל פון זיין אויפלייזונג דערקענט דער „בונד" זיין גאנצען היסטאָרישען אונזין, זיין גייסטיגע מוטלאָזיגקייט, זיין פרעמדקייט צום אידישען וועזען, און ער גיט א וואָרף אלס זיין לעצטען גאָב א גיפטיגען שטיין אין דעם זיך ראנגלענדיגען, פארבלוטיגטען אידישען פאָלק.

פארקערט האָט די היסטאָרישע ענטוויקלונג ארויסגעבראכט דעם אינ־ווייניגען וועזען פון ציוניזם אלס א באפרייענדע סאָציאלע און קולטורעלע אידעע, וועלכע וואקסט אין איר טיף און איר היקף מיט יעדען נייעם פאזיס פון ציוניזם. אפילו אין זיין נאאיווער ראָמאנטיש־בטלנ'ישער צייט האָט דער ציוניזם אָנגעהויבען מיט דער נאציאָנאלער ערוואכונג פון אידישען

פּראָדוקטיווע לעבענספאָרם, און שוין שטעהט דאָס גאנצע ענגלישע פאָלק אנטקעגען דעם קליינינקען אידישען גלות־מעוט, מיט אויפגעהויבענע פויסטען, מיט אָפענער שנאה און מיט טיפער פאראכטונג און פארווינשונג.

די פאנאנדערפאלונג און די אויפלייזונג פון אידישען פּראָלעטאריאט, וועלכע קומט פאר אין די פרייע איינוואנדערונגס־לענדער, געהט פאָר יעצט מיט נאָך פיל גרעסערער געשווינדקייט אין סאָוויעטען־רוסלאנד, אין דעם לאנד, וועלכעס איז ביז היינט אונטער דעם פּאָליטישען און עקאָנאָמישען דרוק געווען דער אונערשעפּליכער קוואל פון אידישען פּראָלעטאריאט. די צושטערונג פון דער אידישער ווירטשאפט און האנטווערק, די עפענונג פון גאנץ רוסלאנד פאר אידען, די פאקטישע נויט אין האנדעל און סחורות האָבען זייט דער קערענסקי רעוואָלוציאָן און נאָך מער אין די ערשטע דריי יאָר פון דער סאָוויעטען־מאכט כמעט פארניכטעט אין גאנצען די אידישע ארבייט. אונטער דער נייער פּאָליטיק פון פרייען האנדעל און אינדוסטריע ווערען יעצט אידען אין רוסלאנד דאָס אויסשליסליכע האנדעלס־פאָלק, דאָס פאָלק פון פריוואט־באזיץ און פריוואט־ווירטשאפט. כמעט דער גאנצער אידישער פּראָלעטאריאט האָט זיך שוין אין רוסלאנד פארוואנדעלט אין דעם אידישען קלאַס־פאָלק, וועלכער לעבט ארום און פון און אין די לעכער און שפּאלטען און באהעלטענישען פון דער גוי'אישער ווירטשאפט. אלע אידען זיינען יעצט אין רוסלאנד הענדלער, קרעמער, ספּעקולאנטען, פאבריקאנטלאך, קאָנטראַ־באנדיסטען, שמוגלער, פארמיטלער, לופטמענשען, ועוד ידם נטויה, זיי גע־פינען זיך אין א סאָציאלען טראנספארמאציאָנס־פּראָצעס, וואו עס קען ניט זיין קיין אָפּהאלט. און עס פארשטעהט זיך, דאָס א פאָלק, וועלכע האָט ניט קיין אחיזה אין דער פּראָדוקציאָן, וועלכעס לעבט פון דעם בעל־הבית'ס ווירטשאפט, מוז אויך געניסען דעם כבוד, דעם אָנזעהן און די זעלבסט־ווירדע פון דעם איינגעבעטענעם און אריינגעדרונגענעם פאראזיטען־פאָלק. שוין שלאָגען הויך די כוואליעס פון אנטיסעמיטיזם אין סאָוויעטען־רוסלאנד, און צו די אידישע שונאים פון ווייסען מאָנארכיסטישען לאגער שליסען זיך אָן די נייע אויפשטעהענדע שונאים פון ארבייטענדען קאָמוניסטישען רוס־לאנד, וועלכע קענען ניט פארטראָגען מער דיזען משונה'דיגען גלות־פאָלק אָהן אן אייגען לאנד, אָהן א ווירטשאפט, אָהן כבוד, אָהן א שפּראך און אָהן א קולטור.

און אזוי איז פאָרגעקומען דער מערקווירדיגער פאראדאָקס מיט דעם „בונד“. זיין סאָציאליסטיש-פּראָלעטארישער פּראָגראם איז בטל געוואָרען דורך דעם נצחון פון זיין אידיש־נאציאָנאלען פּראָגראם. די גלייכבארעכ־טיגונג פון אידען האָט צושטערט דעם אידישען פּראָלעטאריאט על פי אונס. אידען הערען אויף צו זיין אין גאנצען א פאָלק פון ארבייט. ממילא ווערט

חלילה פאר אן ארבייטענדען סאָציאל־קאָאָפּעראטיווען ארץ ישראל, זיינען געוואָרען צו גאָרנישט. אלץ וואָס דער ציוניזם באשאפט, דער קרן היסוד, דער נאציאָנאל־פאָנד, די קאָאָפּעראטיווע באנק, די קולטור-אנשטאלטען, אלץ וואָס אין ארץ ישראל ווערט אויפגעבויט, געהט אין דער ליניע פון דעם סאָציאליסטישען ארץ ישראל. ווארום יעדע אנדערע קאָלאָניזאציאָן פון ארץ ישראל, די קאָלאָניזאציאָן מיט דער הילף פון פריוואט־קאפּיטאליזם, איז א רעאקציאָנערער בעל־הבית'ישער חלום, פון וועלכען דער גאנצער ציוניסטי־שער עולם טשוכעט זיך יעצט אויס.

שוין יעצט איז דער ציוניזם געוואָרען די איינציגע אמת'ע סאָציאליס־טישע באוועגונג צווישען אידען, וועלכע שעפּט אירע נייע לעבענס־קוואלען פון דעם שטענדיגען וואוקס פון דער איינוואנדערונג אין ארץ ישראל. ווען דער אידישער פּראָלעטאריאט וועט אין אייניגע יאָר ארום צעהלען אין ארץ ישראל הונדערט טויזענד נפשות, ווען ער וועט האָבען אויפגעבויט א גאנצען נעץ פון סאָציאלע קאָאָפּעראטיווען און וועט באהערשען א גרויסען טייל פון דער ווירטשאפט, וועט דער סאָציאליסטישער זין פון ציוניזם ווערען אלגע־מיין קלאָר.

אָבער די איינוואנדערונג אין ארץ ישראל קען דאָך געהן אין א גאנץ אנדערען טעמפּ ווי יעצט און קען דאָך אין דער באלדיגער צוקונפט אויפ־וואקסען אויף צענדליגער טויזענדער נפשות.

אין דער מדרגה ווי דער פּראָלעטארישער כאראקטער פון ציוניזם ווערט אלץ קענטיגער, געווינט דער ציוניזם די סימפּאטיען פון דער גאנצער אָרגא־ניזירטער ארבייטערשאפט פון דער וועלט. די קליגערע און געבילדעטערע סאָציאליסטען פון דער וועלט דערקענען שוין יעצט די אינווייניגע סתירה פון „בונד" און דעם גרויסען ווערט פון ציוניזם. מארקס'עס כאראקטעריסטיק פון אידישען גלות, דאָס ער איז אין זיין נאטור אן אנטי־סאָציאלע ערשיי־נונג, און דאס אידען ליגען נאָר אין די לעכער און שפּאלטען פון דער געזעל־שאפט. דיזע געניאלע כאראקטעריסטיק וועט מוזען ארייגדרינגען אין דעם באוואוסטזיין פון דעם גאנצען אינטערנאציאָנאלען פּראָלעטאריאט. די דיאלעקטיק פון דער אידישער ארבייט און דעם אידישען סאָציאליזם אין גלות וועט אויפעפענען די אויגען פון די אינטערנאציאָנאלע סאָציאליסטען אויף דעם אידישען פּראָבלעם. האָט דאָך דער גלענצענדער רוסישער שריפט־שטעלער מיכאילאָווסקי געזאָגט, דאס יעדער אידישער פּראָלעטאריער איז אין זיין נאטור א קאנדידאט אויף קליינבורזשואזיע. שוין יעצט האָט דער אינטערנאציאָנאלער סאָציאליזם אריינגענומען אין זיין פּראָגראם דעם ציוניזם, ניט קוקענדיג אויף אלע אינטריגען און קונצען פון „בונד". דער אינטערנאציאָנאלער סאָציאליזם דערקענט די רעאקציאָנערקייט און קליין־

פאָלק אין ארץ ישראל, אָבער זעלבסטפארשטענדליך מיט דעם כח פון אר־בייט. דאָס איז דער אבסאָלוטער היפך פון בונדיזם, וועלכער וויל די אטאָ־מיסטישע פאנאנדערשפרייטונג פון אידען אין גלות מיט דעם כח פון גלייכ־בארעכטיגונג. דער ציוניזם פלעגט שטענדיג ארויסגעהן פון לאומיות, נא־ציאָנאליזם, פלעגט אָבער שטענדיג זיך אָנשטויסען אָן דער נויט און דער האָפנונג פון דער אידישער ארבייט. אין דעם ערשטען פאזיס פון ציוניזם, אין דער חבת ציון, האָט געקלונגען דאָס ליד פון דער „סאָכע און דער מזל־ברכה", און דער טעאָרעטיקער פון חבת ציון, פינסקער, רעדט מיט מערקוויר־דיגער קלאָרקייט וועגען דער נויטווענדיגקייט פון דעם סאָציאלען איבערבוי פון אידישען פאָלק אויף די יסודות פון ארבייט. דער פאָליטישער ציוניזם, דער אידען־שטאַט, וויל דאָס גאנצע אידישע פאָלק פארפלאנצען אויפ'ס ניי אין ארץ ישראל און אים אומקערען צו ארבייט, צו דער פרעהליכער, אנ־גענעמער זיבען־שטונדען־ארבייט א טאָג, ווי הערצל מאָלט עס זיך אין זיין נאאיווען סאָציאליזם. נאָך דעם אוגאנדא־קריזיס אין ציוניזם, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די נייע עליה אין ארץ ישראל, ווערט באשאפען די אידעאָ־לאָגיע פון דער הייליגונג פון דער ארבייט. עס טרעט אויף דער „הפועל הצעיר" מיט דער אידעע פון כבוש העבודה. די אידעע פון ארבייט ווערט דער מיטעלפונקט פון דעם גאנצען ציוניזם, וועלכער ווערט אלץ מער און מער א ברייטע פאָלקס־באוועגונג צוליב נאציאָנאלע און סאָציאלע צילען.

דער סאציאליסטישער ציוניזם זעהט פאָראויס מיט מער ווי צוואנציג יאָר צוריק, דאָס ארץ ישראל קען אויפגעבויט ווערען אלס אידיש לאנד נאָר מיט אידישער ארבייט, און דאָס די אידישע ארבייט וועט בויען ארץ ישראל אין הסכם מיט די מאטעריעלע און אידעאלע אינטערעסען פון ארבייט, דאָס הייסט סאָציאל־קאָאָפּעראטיוו. דער גאנצער ציוניזם ווערט פארשטא־נען אלס א נאציאָנאלע רענעסאנס־באוועגונג, מיט דעם פראָלעטאריאט אין זיין ברענענדען מיטעל־פונקט. פון וואנען דער גאנצער ציוניזם מוז אנדערש געפאָרעמט ווערען. און די ווירקליכקייט האָט מיט מערקווירדיגער גענוי־איגקייט באשטעטיגט די פאָראויסזאָגונג פון סאָציאליסטישען ציוניזם. וואָס מער די איינוואנדערונג אין ארץ ישראל איז געשטיגען, אלץ בולט'ער איז געוואָרען דער ארבייטס־כאראקטער פון ציוניזם, און וואָס מער דער ישוב פון ארץ ישראל איז געוואָרען א ישוב פון אידישער ארבייט, אלץ מער איז ארץ ישראל דורכגעדרונגען געוואָרען מיט סאָציאליסטישע זוכענישען און האָפנונגען. יעצט איז דער ציוניזם געוואָרען די רענעסאנס־באוועגונג פון דער אידישער ארבייט, און ממילא דער קאָנסטרוקטיווער אידישער סאָ־ציאליזם. די קליינליכע חקירות און פוסטע פלפולים פון די אידען מיט'ן גלאַט־נארישען שכל, דאָס די בורזשואזיע וועט דאָך ניט געבען קיין געלד

דער עם־הארץ פון דער אידישער גאַס *)

פון אַלע מיני בריות, וואָס געהען ארום אויף גאַטס ערד קוקען אויף דער ליכטיגער זון, איז די שענסטע און איידעלסטע באשעפעניש דער עם־הארץ. ער באשטעהט פון כלו מדות און מעלות, און אפילו זיינע חסרונות זיינען בעלי־בתישע, לייטישע און דערגעהען גאנץ אָפט צו דער מדרגה פון באזונדערע מדות. דער עם־הארץ האָט בטבע פיינט חקירות, פילאָזאָפיעס, קאָפּ־דרייענים. ער ווערט חלילה פון גאָרנישט ניט נתפעל, אים טשעפּעט ניט די וועלט מיט אירע גרויסקייטען און אירע קליינינגקייטען, מיט אירע שעהנהייטען און העסליכקייטען. ער איז, וואָס עס ווערט אָנגערופען, א פּראקטישער חי־וקים. ער לעבט פון היינט אויף מאָרגען, זיין שכל פארנעמט נאָר דאָס, וואס עס האָט א ממשות, וואס ער זעט ניט, דאָס גלויבט ער ניט, און וואָס ער זעט, איז ער חלילה ניט מחויב צו פארשטעהן. זיין כעס איז ניט חלילה קיין טיפער, שטענדיגער, דויערענדער, כמעט וואס ער דערגרייכט אַן ארשין און דערפאר איז צוריק זיין באגייסטערונג נאָר א פּיצינקע, קוים וואָס מען מערקט זי, און האָט א פּנים, ווי דער קליינינקער יוד אין ויזתא. פון באגייסטערונג האלט ער בכלל ניט, דאס איז א מדה, זאָגט ער, פון ליידיג־געהער. געפיל — געפיל, זאָגט ער, דאָס איז א מדה מגונה, דאָס פּאסט ניט פאר א מענשען א בר־דעת.

דער עם־הארץ איז מיט זיך שטענדיג צופרידען, ער פּאטשט זיך אין בייכעל און קוקט מיט א שטילען געלעכטערל אויף דער וועלט, ווי איינער זאָגט, וואס דארף איך האָבען שכל אז איך האָב מזל. ער געהט זיך מיט אַן אויסגעטראָטענעם וועג, יאָגט זיך ניט נאָך גרויסעס, און האלט פעסט דאָס קליינינקע און פּיצינקע אין האַנד, האוחז ביד איז דער בעסטער וכל מאמינים. זיין תורה איז: די אויערען קענען ניט וואקסען העכער ווי דער שטערן, בע־סער א קאָפּיקע אין האַנד, ווי א רובל אויף באַרג. ער גלויבט מער ניט ווי אין מזומנים.

אַן עקשן איז דער עם־הארץ גאָר ניט, דאָס הייסט ניט, אז ער איז חלילה ניט איינגעגלויבט אין זיין אמת, פארקערט, קיינער איז ניט אזא מאמין אין זיך זעלבסט, ווי דער עם־הארץ. נאָר אזוי ווי ער ווערט ניט נתפעל פון דער וועלט און האָט בטבע א קליינעם זכרון, זאָגט ער זיך מאָרגען דעם היפּך פון היינט און איבערמאָרגען דעם היפּך פון מאָרגען. און דאָס איז טאקי איינע פון זיינע שענסטע מעלות. א פּראקטישער מענש רעדט אַלעס לפי רוח הזמן,

---

*) פעליעטאָן פון דער „נייער וועג", נומ. 17, ווילנא, אויגוסט 1906.

קעפּעלדינקייט פון „בונד“. און אויב ביי דעם אָנהויב פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאציאָן האָט זיך שוין דער אינטערנאציאָנאלער סאָציאליזם צוגעווענדעט צום ציוניזם, טאָ ווי בארעכטיגט זיינען דאָך די ערוואַרטונגען, וועלכע דער סאָציאליסטישער ציוניזם לייגט אויף דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציאליזם אין דעם גאנצען בוי און אויפבוי פון דעם ארבייטענדען ארץ־ישראל.

ווער עס שאַצט אָפּ דעם „בונד“ אלס סאָציאליסטיש לגבי דעם ציוניזם, און אזעלכע זיינען פאראן אויך צווישען אונזערע אייגענע רייען, דער באַווייזט נאָר, דאָס ער קאָן זיך פאנאַנדערקלייבען אין היסטאָרישע ערשיינונגען נאָר לויט זייערע גאנץ אויבערפלעכליכע סימנים. אָבער אָפּשאצען א געזעלשאפטליכע ערשיינונג מיינט דערקענען די אינוויינינגע באהאלטענע כחות, וועלכע טרייבען זי צו טענדענצען און צילען, וועלכע זיינען געלעגען אפשר א צייט לאנג פארבאָרגען אונטער איר אייגענעם באוואוסטזיין. באטראכט מען דעם „בונד“ און דעם ציוניזם דינאמיש, דאס הייסט, לויט דעם וואס פאר א סאָציאלער אינהאלט פון ביידע באוועגונגען האָט זיך געמוזט ארויסשיילען, איז דער „בונד“ דורך און דורך א רעאקציאָנערע ערשיינונג, בשעת דער כבוד פון א רעוואָלוציאָנערער באוועגונג געהערט דעם ציוניזם. און דער קאמף און די קרבנות פון „בונד“ מאכען אים ניט פאר א רעוואָלוציאָנערע באוועגונג, ווייל קאמף און קרבנות און סאָציאליסטישע טרייקייט זיינען גאָר יעצט פאראן מער אין ארץ ישראל, איידער ווען עס איז אין „בונד“ פון גלות. ניט נאָך דעם מוט פון דער אידעע דארף געמאָסטען ווערען די אמת'ע רעוואָלוציאָנערע קדושה פון א באוועגונג. וואָס מער מיר דערווייטערען זיך פון דער העראָאישער צייט פון „בונד“ און פון דער ראָמאנטישער צייט פון ציוניזם, וואס ווייטער עס ליגט פאר אונז דער אונקענטיגער באַגינען פון ביידע באוועגונגען, אלץ קלאָרער גלענצען זיי יעצט אין זייערע ריכטיגע היסטאָרישע קאָלירען. דער ציוניזם ערשיינט אלס די נאציאָנאלע באוועגונג, וועלכע בויט א אידיש פאָלק פון ארבייט אויף העכערע סאָציאלע יסודות; דער „בונד“, אלס די אסימילאטאָרישע באוועגונג, וועלכע וויל אויפלייזען און בטל מאכען דעם אידישען פראָלעטאריאט אין דער גלייכבארעכטיגונג פון גלות און פאראייביגען דעם אנטי־סאָציאלען און אנטי־קולטורעלען כאראקטער פון אידישען פאָלק צווישען די פעלקער צום אייביגען פארדארבען פון אידען און צום שרעקען פון דער גאנצער מענשהייט.

(מערץ,2, 1922, פון „צייט“).

א געזעצטער מענש, און ערליכער בעל־הבית, ווען ער זאָגט עטוואס, זאָגט ער געוויינליך ניט אזוי סתם, נאָר ווייזט אָן אויף פאקטען. יעדע זאך האָט האַלט מען זאָל זי באווייזען אקוראט, כדי לייט זאָלען ניט זאָגען, אז מען איז חלילה א ליגנער. און דער בונד האָט טאקע געהאט פאקטען שווער־ווענענדע, אייזענפעסטע פאקטען. און פון א י י ן פאקט האַלט דער „בונד" מער, ווי פון פערציג טעאָריעס. געווען אין ציוניזם צוויי שיינע אידען, אידען גבירים, סוחרים אויף כמה גובערניעס, זאקס פון דווינסק און גאָלדבערג פון ווילנא. פאָרען זיך דורך די פאָר אידען אויף קאָנגרעסען, האַלטען רעדעס מכח דאָס „פאטערלאנד", קלאָגען אויפ'ן אידישען חורבן, כאפּען א גוט וואָרט ביי משכילים און פּאטשען בראַוואָ מאקס נאָרדוי, און אין דער היים, אין חוץ לארץ הייסט דאָס, געהען זיך די געשעפטען און עס טרעפט זיך א סטאטשקע, ווי דער שטייגער איז, צולייגט דער „בונד" די שרעקליכע מעשה אויף טעלערלעך, שיקט אגיטאטאָרען בכל תפוצות ישראל און קלאפּט זיך אין הארצען שרייענדיג: אידען, ווער איז גערעכט? ווער איז דער בעל אמת? הא? איז ניט ציוניזם כלו עקספּלואַטאציע? הא? דארף מען האָבען א לאנד פאר אידען? און די אידישע גאס קאָכט און זידט, ווי א קעסעל, זאקס און גאָלדבערג, גאָלדבערג און זאקס... טענה'ן זאקס און גאָלדבערג צום „בונד": גראָבע קעפּ, אויף סאָציאַליזם האָבען מיר זיך דאָך לכתחילה גאָר ניט אָנגענומען... נאָר דער „בונד" האָט פיינט חקירות און טענות. וואס טויג די פילאָזאָפיע, אז איך קען אָנטייטלען מיט'ן פינגער?...

געהאט האָט אין זיך שטענדיג דער „בונד" א מעלה, אז ער האָט זיך פארלאָזען ניט אזוי אויפ'ן קאָפּ, ווי אויף די אויגען, און אויף די אויגען ניט ווייטער ווי די נאָז דערלאנגט. און באמת, ווער עס שפּרינגט ניט צו הויך פאַלט ניט צו טיף. וואָס ער האָט געקאָנט אָנטאפּען מיט'ן פינגער, דארין האָט ער נעגלויבט, און ווייטער איז הבל הבלים, א פאָרדרייעניס, אוטאָפּיזם חס ושלום. בשעת דער פּראָלעטאריאט איז נאָך געווען קינדיש, אינגעלדיג, איז דער בונד געווען אויפ'ן פערד. די בורזשואזיע דארף א אידישע מלוכה. דער פּראָלעטאריאט איז דער געשוואָרענער שונא דערפון, דער פּראָלעטאריאט איז מיינער לעולם ועד, האָט דער „בונד" שטאָלצירט, און דאָס האָט זיך ביי אים גענומען ניט אזוי פון דער טיפקייט, ווי פון דער גלאַטקייט פון דעם אייגענעם שכל.

אז אָך און וויי איז געווען אָבער יענע אפּיקורסים, וועלכע האָבען זיך געפּרופט לייקענען, אז דער פּראָלעטאריאט איז דעם „בונד'ס" חזקה, אז די וועלט איז גרעסער, ווי עס חלומ'ט זיך דעם „בונד". אויף דיזע אפּיקורסים איז געווען אמאָל א גרויסער רחמנות. ניט אזוי פון שאַרפזיניגע ארגומענטען מיט וועלכע דער בונד האָט זיי געשטאָכען, ווי פון דעם צופריי־

נאָך דעם גייסט פון דער צייט. און בשעת ער פאַרענדערט זיך פּאַרט האָט ער אַליין דערפון קיין שום הבנה ניט, ער מערקט דאָס גאָר ניט און עס דוכט זיך אים, אז ער איז גאָר דערזעלביגער ווי פון אייביג אָן. ער טענה'ט, דאָס די וועלט שטעהט אויף איין אָרט, און באמערקט ניט, אז ער דרייט זיך צוזאַמען מיט איר. פיינט בתכלית השנאה אָבער האָט ער, אז מען שטערט אים אין זיין זיסער רו, דערפאר ווערט ער אייך א דם שונא און פארליערט זיין גלייכגילטיגקייט. שטערט אים ווער אין זיין רואיגקייט, פארגעסט ער אן אלע זיינע מדות און מעלות, אן אלע זיינע אָרענטליכקייט און שבחים, און ווערט א משונה'דיגע, גאָר ווילדע בריה...

דער עם הארץ פון דער אידישער גאס איז אונזער אלטער בעל דבר, דער „בונד". ער האָט כמעט אויף דערויף א מאַנאָפּאָל און וועט אם ירצה השם אויספירען זיין וועלטעל אין דיזער ראָליע. ער איז ארויסגעוואקסען אויף גאָטס וועלט מיט דעם אמת אין בוזעם, אָהן קאָפּ־דרייענים, אָהן מאטערנים, אָהן חקירות. פון קלערען און זוכען האָט ער קיינמאָל גאָרנישט ניט געהאלטען, זיין בעל־הבתישער שכל האָט זיך געבריקעוועט געגען יעדען פריישען גדאנק, געגען יעדער נייעס. וואָס ער האָט זיך אויסגעלערענט, מערקט ער עד היום ניט, וואָס ער האָט געזאָגט נעכטען, האָט ער שוין היינט פארגעסען און זאָגט דעם היפך דערפון. וואָס מער ער לערנט זיך און געהט מיט מיט דער וועלט, אלץ מער בייזערט ער זיך, קאָכט ער זיך, איז אין כעס, גיסט פּעך און שוועבעל אויף דער וועלט. מען שטערט דעם עם־הארץ אין זיין זיסער רו, דאָס קען ער ניט מוחל זיין.

דער „בונד" האָט געפונען פאר זיך א פארפלאָנטערטע ערשיינונג, וואָס פאָדערט גאָר א סך מאטערנים, כדי זיך אין איר פאנאנדערצוגעמען, דאָס וואָס עס ווערט אָנגערופען, דאָס אידישע וועלטעל. נאָר ער איז דערפון חלילה ניט נתפעל געוואָרען, געגעבען א געזונטען זידעל, אלע גלייך, אָרים און רייך, און די אידישע וועלט איז געוואָרען קלאָר, ווי דער טאָג.

א באזונדערע פרנסה אין דער אידישער וועלט האָט זיך געמאכט דער „בונד" פון דעם ציוניזם. דאָ איז ער מיט זיין שכל הישר אריינגעדרונגען אין דעם תוך פון דער זאך און אלעס ערקלערט אויפ'ן קלאָרסטען אופן. אזוי ווי די אידישע קאפּיטאליסטען ווערען געדריקט אין דער גאנצער וועלט פון דעם אנטיסעמיטיזם, זוכען זיי זיך מאכען אן אייגענע מלוכה אין ארץ־ישראל, כדי צו פארווענדען די פרייע קאפּיטאלען. עס פארשטעהט זיך, ממילא, אז דער „בונד" וועט אין אזא מלוכה פון כלו אידען ניט געהן, פּאר אידישע קאפּיטאליסטען וויל ער ניט האָרעווען, אלע זיינען גלייכע מיוחסים, אברהם, יצחק ויעקב'ס אייניקלעך (די מעשה איז געוועזן נאָך פאר דער נאַציאָנאלער אויטאָנאָמיע)..

אייך פּעך און שוועבעל, ווייל אייך דערשטעכען מיט א מעסער. נאָר ניט מערקענדיג אליין דאָס, הויבט ער אָן ביסלעכווייז מודה זיין, אז איר זייט האלב גערעכט, אז איר רעדט גאָרניט אזוי קרום. ניט מערקענדיג אליין פאר זיך, האָט דער „בונד" ביסלעכווייז אין געשריי און זידלעריי דערעדט זיך צו אלערליי אפּיקורסות און מודה געווען, אז א טעריטאָריע וואָלט געווען גאָרניט שלעכט. נאָר וואס? מען קען עס ניט דערקאזען, אויף קיין אופן ניט, דאָס איז א חלום, אן אוטאָפּיע. דאָס זאָגט ער צוזאמען מיט דעם כשר'ן ציוניזם...

נאָך אלע געהויבענקייט און זעלבסט־צופרידענקייט איז אויף דעם עם־הארץ א גרויסער רחמנות. ער זעט, ווי די וועלט ווערט פאמעלעך אנדערש, ווי די גאנצע קלוגשאַפט זיינע איז ווערט א שמעק טאבאק, ווי די וועלט געהט פאָרווערטס, פאָרווערטס, דאָס מען קען זי ניט אויפהאלטען, דאמאָלס ווערט ער שוין גאָר עובר בטל, טוט שטותים און נארישקייטען, מער ווי כל זמן ער האָט געלעבט, דערעדט זיך מי יודע וואָס, און האָט זיין וועלטעל אויסגע־שפּילט. דער „בונד" געהט יעצט צוריק, פון וואנען ער איז געקומען, און איז מוחל אויף אלע אמאָליגע כבודים. ניטאָ קיין איינציגער פאָרשטעהער, בא־האלטען האָט זיך הינטערן אויוען די נאציאָנאלע אויטאָנאָמיע, פארשוואונ־דען איז דער אמאָליגער גלויבען אין זיך, דער גאנצער יחוס. און די מלחמה מיט די געגנער איז שוין געוואָרען א שטילערע, א מער בעל־בתישע, אָן אָרענטליכע...

דער „בונד" איז שוין מודה, דאָס ער איז אוים בן־יחיד אויפ'ן גאס און האָט שוין מפקיר געווען זיין הכשר אויף רעוואָלוציע. נאָר אוועקגעהענדיג פון דעם אלטען פּלאץ שטעלט ער זיך אין די באָקעס, ווי א בעל־הבית א יורה, און שרייט צום כלל־ישראל: זעט אידען, אז מיר זיינען אראָפּ פון גאס, וואס עס טוט זיך! ניטאָ קיין פאראָנדעק! אנארכיסטים עליך ישראל! קאָ־ראאול! שפיכת דמים! הער צביון, א פּראקטישער מענש, טרעט ארוים אויף דער סצענע און ווייזט אויף באותות ומופתים, ווי עס געהערט זיך פאר פּראקטישע קעפּ, וואָס עס איז געוואָרען רחמנא לצלן ביי אידען, זייט דער „בונד" האָט אָנגעוואָרען די שליטה.

„די ס. ס. ביי דער ארבייט", שרייבט הער צביון אין דער „פאָלקס־צייטונג" און הויבט גלייך אָן א מעשה מיט בעלם. אין בעלם האָט געהאט א דין תורה ר' גרשון מיט ר' ליפּא'ן, און ר' ליפּא האָט זיך אויסגעגלייכט צו צאָלען 300 רובל ר' גרשונ'ן. וואָלטען געווען שנים כהויתן, וואָלט ר' ליפּא געמוזט צאָלען טאקי ר' גרשונ'ן, כאָטש ר' גרשון איז גאָר ניט אזא שעהנער ר' גרשון און האָט 9 יאָר גענומען ביי ר' דיפּא'ן 24 פּראָצענט. נאָר אזוי ווי היינטיגע צייטען איז אראָפּגעפאלען דער מורא של מלכות און ר'

דענעם געלעכטער, מיט וועלכען מען האָט זיי באַגעגענט. וואס? דער פּראָלעטאַריאַט אַ לאַנד! כע, כע, כע! סאָציאַליסטישער ציוניזם! ניטאָ אין לעבען! און אַלץ, וואס עס איז ניטאָ איז פאַרנונפטיג! דאָס איז דער פילאָזאָפישער גרונדזאַץ פון דעם עם־הארץ.

נאָר אַזוי ווי דער עם־הארץ גלויבט ניט אין אַ זאַך, וועלכע עס איז ניטאָ נאָך, אַזוי ווערט ער ווייניג נתפּעל, ווען ער זעט פאַר זיך אַ נייע אונערוואַר־טעטע ערשיינונג. דער עיקר איז פאַר אים אָבער די פּראַקטישע זייט פון דער זאַך, אויף וויפיל דאָס נייע איז אים נוצליך אָדער שעדליך. אין דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם האָט דער „בונד" דערזעהן אַ הסגת־גבול, אַ קאָנקור־רענץ־זאַך, אַ פּאַרטיי־היזק... און ער איז אַרויס געגען אים אין אַ מלחמה, אין אַ פורכטבאַרער בלוטיגער מלחמה. ראשית דבר האָט ער אים צושלאָגען טעאָרעטיש, כדי, הייסט עס, יוצא זיין ניט אַזוי פאַר זיך, ווי פאַר לייטען. אַלע אידישע צרות, זאָגט דער „בונד", נעמען זיך פון צוויי זאַכען, פון דער זעלבסטהערשאַפט און פון שבת. דער גוי איז אַ רשע, נאָר דער איד איז אויך קיין מענש ניט, — דאָס איז דער שליסעל צו דער גאַנצער אידישער געשיכטע. זאָגט דער „בונד", אַ געדאַנק איז דאָס געוויינליך פּראָסט און קלאָר און טיף. נאָר טעאָריעס אָן אַ זייט, דער „בונד" האַלט מער פון פּראַק־טישער קריטיק, בפרט ווען ער איז אין כעס. שפּיאָנען! שטיצער פון דער זעלבסט־הערשאַפט! היינט אויף יעדען וואָרט צען מעשות, יהופּעצער פּאַקטען... זיינען געגאַנגען אַמאָל אין האַלבער נאַכט אַרבייטער, דוקא לײ־טישע אַרבייטער, בונדיסטען, האָבען זיי געהערט אַנדערע אַרבייטער ריידענ־דיג, טעריטאָריע, פּאָליציע, טעריטאָריע פּאָליציע... און כהנה וכהנה...

און באמת קען מען אויף אונזער בעל־דבר קיין פאַראיבעל ניט האָבען, וואָס ער האָט זיך געבייזערט. ער האָט זיך געדרעמעלט אין אַזאַ זיסען שלאָף, און דער עיקר אַזוי געסטאַרעט זיך נושא חן זיין ביי דער וועלט, און מיט אַ מאָל נאַ דיר, דער אידישער פּראָלעטאַריאַט אַליין בונטעוועט זיך, מה יאמרו? וואָס וועט מען זאָגען אין דער וועלט? וואָס וועלען זאָגען די אומות העולם? היינט געה טענה זיך אָפּ. אָבער אָפּ'טענה'ן מוז מען זיך, ווען עס שטעהט אויפ'ן קאָרט דאָס גאַנצע ביסעלע כבוד.

און דער „בונד" האָט זיך אָפּגע'טענה'ט, געשריען פאַר לייטען, פאַר'־מסר'ט ביי גוטע פריינד, פאַרזידעלט אַזש ביז צום הימעל. אין „פּאַלעסטינא" ווילען זיי, די פּראָלעטאַריער על פּי טעות, הייסט דאָס, מאַכען אַ מלוכה, האָט ער פאַר'מסר'ט אויפ'ן אַמסטערדאַמער קאָנגרעס. נאָר מיר לאָזען ניט, מיר ווילען ניט, מיר קעמפען דאַגעגען, מיר בלייבען דאָ אויף די ערטער, מיר די עכטע, די באַוואוסטזיניגע...

דער עם־הארץ איז בטבע אַ מודה במקצת. דאַכט זיך אָט גיסט ער אויף

צו דער געשיכטע פון סאָציאַליסטישען ציוניזם

צו דער פאָרגעשיכטע פון סאָציאַליסטישען ציוניזם

צו דער געשיכטע פון סאָציאַליסטישען ציוניזם

גרשון איז גאָר ניט אזא שעהנער ר׳ גרשון, מישט זיך אריין אן אָרגאניזאציע, און דוקא ניט דער איינציגער פאָרשטעהער, נאָר ס. ס. און מען פסקנ׳ט, אז ר׳ גרשון זאָל צאָלען קנס, אזוי ווי עס פירט זיך היינטיגע צייטען רחמנא לצלן. אז ס. ס. נעמט זיך אָן פאר ר׳ ליפאן, נעמט זיך אָן דער „בונד״ פאר ר׳ גרשנ׳ן און הער צביון, דער אדוואָקאט פון די כעלמער נארען, רעדט שוין פארבייגעהענדיג ניט מכח ר׳ גרשונ׳ן אליין, נאָר מכח כעלם בכלל. ס. ס. נעמען פון ברית׳ן, פון חתונות, שטעלען רויטע קערות ! צי אז כעלמער זיינען נאראָנים, קומט אויף זיי אזא גזרה ! און כעלם זיצט און קלאָגט, ווי אידען אמאָל אויף די טייכען פון בבל און דערמאנט זיך מיט טרערען אין די אויגען אן יענע גילדענע צייטען, בשעת אויף זיי האָט געמושלט דער איינ־ציגער פאָרשטעהער.

נאָר כעלם האָט נאָך אביסעל מזל, ביי ליטען איז נאָך ערגער. אין טשענסטאָכאָוו איז ממש שפיכת דמים אָהן דעם „בונד״*). דאָרטען איז געווען א מעשה מיט א „שרעקליכען מאָרד״, דאָס הייסט עס האלט ביי א „שרעקליכען מאָרד״ ווען דער „בונד״ זאָל שווייגען. ס. ס. האָבען געכאפט א גנב, האָט דער גנב געכאפט קלעפ. נעמט זיך דער „בונד״ אָן פאר׳ן גנב און ראטעוועט אים פון „שרעקליכען מאָרד״, וואָס האָט געזאָלט זיין אויפ׳ן שול־הויף. אזוי געהט ארום נעבאך דער גנב אין גרויס סכנה, אָט ווערט ער גע׳נצל׳ט דורך דעם „בונד״, אָט פאר׳משפט׳ן אים ס. ס. ווייטער צו „שרעק־ליכען מאָרד״. דאָ איז שוין ניט ווי אין כעלם מיט ר׳ גרשון און ר׳ ליפא, דאָ געהט שוין אָן אין נפשות, זייט דער „בונד״ איז אראָפ פון פלאַץ.

אזוי טענה׳ט דער „בונד״ צו כלל־ישראל, בשעת ער האלט ביי געזעגנען זיך פאר׳ן אוועקגעהן. פאר מיינע יאָרען זיינען געווען אנדערע פאראנדקעס, געווען אלעס שטיל, בעל־בתיש, ערליך, א פליג אויפ׳ן וואנד ניט געטשעפעט. איר וועט נאָך בייגקען, אידעלעך, נאָכ׳ן איינציגען פאָרשטעהער. פאר אייער טובה זיך מוסר נפש געווען, ניט פארדרעהט די קעפ מיט טעריטאָריעס, מיט חקירות, מיט סאָציאלען אנאליז, מיט אידישע ווירקליכקייט, יעדע זאך גע־נומען פון פראקטישער זייט. און דער עיקר הדבר גלייכבארעכטיגונג, ראוונאָפראוויע פאר כלל־ישראל.

וואָס מיר זיינען, זיינען מיר,
אָבער אידען זיינען מיר,
אידען, אידען זיינען מיר,
און פראוועס ווילען מיר..

(1906).

---

*) זעה „פאָלקס צייטונג״ נומ. 135.



ד"ר נחמן סירקין
(אין יאָר 1897)

צו דער פאָרגעשיכטע פון סאָציאַליסטישען ציוניזם

ווער עס שרייבט אָדער צייכענט נאָר אָן די געשיכטע פון א באוועגונג, איז מחויב אייגענטליך אָנצוהויבען מיט דער פאָרגעשיכטע, ווארום יאָרצענטען פאר דער ענטשטעהונג פון א באוועגונג חלומ׳ען איינצעלנע אויסגעקליבענע זייערע איינזאמע חלומות און עס טראגט זיך אין דער לופט פאראיינצעלטע אידעען, וועלכע זיינען דער זויערטייג, פון וועלכע עס געהט אויף שפּעטער די באוועגונג. אויך די געשיכטע פון דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם האָט איר פאָרגעשיכטע, וועלכע איז א העכסט אינטערעסאנטער קאפּיטעל פון דער אידישער געשיכטע אין דער מאָדערנער צייט. דער גרויסער דייטשער רעוואָלוציאָנער און סאָציאַליסט מ א ָ ז ע ס ה ע ס איז שוין אין יאָר 1862 געווען דער אייגענטליכער אָנזאָגער ניט פון דעם ציוניזם, נאָר פון דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם, וועלכער אונטערשיידעט זיך פון דעם בירגערליכען ציוניזם גראד אזוי פיל, ווי די אידעאָלאָגיע פון דעם פּראָלעטאריאט פון דער אידעאָלאָגיע פון דער בורזשואזיע. אין לאסאלס מעמוארען זיינען פאראן איינציגע סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע באמערקונגען, וועלכע באַווייזען, דאָס אין דער נשמה פון דיזען גרויסען רעוואָלוציאָנער האָבען זיך געקענט דערוועקען שטארקע אידישע אינסטינקטען. מארקס געניאלע קריטיק פון דער אידישער אנטי־סאָציאַלער בורזשואזיע, וועלכע ער רופט אָבער מיט דעם נאָמען אידענטום בכלל, הויבט יעצט אָן פארשטאנען און אָבגעשאצט צו ווערען נאָך איר גאנצער סאָציאָלאָגישער און געשיכטס־פילאָזאָפישער פרוכטבארקייט מצד דעם מאָדערנעם אידישען געדאנק. אזוי איז דאָס געוויס ניט קיין פּאראדאָקס, ווען מען וועט זאָגען, דאָס די אידישע באגרינדער פון דעם דייטשען סאָציאַליזם האָבען די ערשטע דערזעהען דאָס אידענטום און דאָס אידישע פּראָבלעם אין א נייעם ליכט.

אלס אונבאוואוסטע סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע טענדענצען, וואָלט מען געקענט אָנרופען מאנכע באשטרעבונגען פון די ערשטע פּאלעסטינצעס, פון די בילו׳צעס, פון וועלכע פילע זיינען געווען רוסישע סאָציאַליסטען. פילע פון די בילו׳צעס, די סטאָלבעס פון חבת ציון, ווי ליליענבלום, יהלל, און נאָך זיי פילע חובבי ציון אין לאָנדאָן זיינען געשטאנען פריער מיט דער סאָציאַליסטישער אידעען־וועלט. ביי דיזע סאָציאַליסטען האָט אָבער דער פּאַלעסטיניזם באלד אויסגעלופטערט דעם טרף־פּסול׳דיגען סאָציאַליזם, און דער גרעסטער טייל פון זיי האָט א דריי געטאָן די האָלאָבליעס השיבנו נאזאד אין די כשר׳ע אידישקייט. עס איז אינטערעסאנט, דאָס דער ערשטער באַ־

בעלי־בתּישע שול, און עס האָט זיי געצויגען צו דער פאָלקס־מאַסע, צום פּראָלעטאַריאַט, צו קאַמף, צו מאָדערנע אידעען. זיי זיינען אָבער געווען קענטיג טיפערע נאַטורען איידער די קאָסמאָפּאָליטיש זשאַרגאָנישע גלגולים אין לאָנדאָן און אמעריקע. אויך איז די רוסישע אַטמאָספערע געווען מער מסוגל פאַר פרוכטבאַרערע סאָציאַלע שאַפונגען, זיי האָבען עס אריינגעטראָגען אין דער ערשטער אידישער ארבייטער באַוועגונג א מער אָדער ווייניגער באַוואוסטזיניגען אידישען גייסט, וועלכער האָט זיך אין „בונד“ פיל שפּעטער ערשט געשטייגערט ביז צו א נאַציאָנאַלער אידעע און א נאַציאָנאַלען פּראָגראַם. די אידישע ארבייטער באַוועגונג אין רוסלאַנד אין דער פאָרבונדיסטישער עפּאָכע, איז געווען די ערשטע בלאַסע נאָך אומבאַהאָלפענע פּראָבע פון א סינטעז צווישען סאָציאַליזם און פּאַלעסטיניזם, אין וועלכען דער פּאַלעסטיניזם האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין אביסעל אידישע פאָלקסטימליכקייט, אין סאָציאַליסטישע טעטיגקייט באַזונדערס צווישען אידישע ארבייטער און מיט הילף פון אידיש.

בשעת אין דער מאַסע האָט זיך אָנגעהויבען צו וועבען א סאָציאַליסטישע באַוועגונג מיט נאַציאָנאַלע שטריכען, האָט אויך אין דער אינטעליגענץ אָנגעהויבען צו פאָרמירען זיך די אונקלאָרע שטימונג פון סאָציאַליזם־נאַציאָנאַליזם. דאָס איז געווען אין די ניינציגער יאָרען בשעת דער פּאַלעסטיניזם איז געקומען צו א קריזיס, און עס האָט זיך אויסגעדוכט, דאָס דער חלום פון א אידישער קאָלאָניזאַציאָן מיט נאַציאָנאַלע טענדענצען איז געווען ניט מער ווי א היסטאָרישער טעות. לויט דעם כלל, וועלכער האָט זיך שפּעטער נאָך און ביז צום היינטיגען טאָג ארויסגעוויזען פאַר ריכטיג, דאָס ווען עס פאַרשווינדעט די טעריטאָריאַליסטישע האָפנונג ביי אידען, פילט אויס „נאַציאָנאַליזם“ די אידישע פּוסטקייט, איז אין יענע ניינציגער יאָרען אויסגעוואַקסען א סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַליסטישע זוכעניש, וועלכע האָט אויך תּוך כּדי דבור אין דער אָרגאַניזאַציאָן פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט און אין פּאָפּולאַריזירונגען אין אידיש געפונען אַלע תשובות אויף אַלע זוכענישען. אין דער אידישער שטודענטענשאַפט אין רוסלאַנד און אויסלאַנד פלעגט זיך דיסקוטירען דאַמאָלט דאָס פּראָבלעם פון אידישען נאַציאָנאַליזם, אָבער די דיסקוסיאָנס־מוזיקאַנטען האָבען דאַמאָלט ערשט געשטעלט די פידעל און געפרופט די סטרונעס פאַר דער גרויסער דיסקוסיאָנס־סימפאָניע, וועלכע האָט זיך צען יאָר שפּעטער פאַנאַנדערגעשפּילט אויף אַלע כּלים בכל תּפוצות ישראל. און אַזוי ווי פון יעדער דיסקוסיאָן מוז ארויסקומען עפּעס א שטיקעל פּראַקטישע זאַך, זיינען אויך פון יענע דיסקוסיאָנען באַשאַפען געוואָרען איינינע געזעלשאַפטען צו פאַרשפּרייטען פּאָפּולערע ביכלאַך אויף אידיש. אויף וויפיל מיר איז באַקאַנט, האָבען דיזע געזעלשאַפטען ארויסגעגעבען אין

שרייבער פון דעם אידישען סאָציאַליזם, אָדער בעסער געזאָגט פון דעם העברעאישען סאָציאַליזם אין דער דייטשער צייטשריפט „ריכטערס סאָציאַליסטישע יאָרביכער“ אין די זיבעציגער יאָרען, דער אידישער סאָציאַליסט א. וו. ראבינאָוויץ, אין לאָנדאָן, איז געוואָרען שפּעטער א כשר־פּרומער חובב־ציון.

פאַר א סינטעז פון סאָציאַליזם און ציוניזם זיינען ניט די מענשען און ניט די צייט דאמאָלט געווען מסוגל. האָט זיך ביי דעם נאָך גאַנץ שוואכען, אין דער סופט שוועבענדען אידישען סאָציאַליסט ערוועקט דער אידיש נאַציאָנאַלער אינסטינקט, האָט ער זיך אָבגעקערט פון זיין סאָציאַליסטישען גאָט, און האָט זיך אויסגעטראַכט א ווילדע טעאָריע, — דאָס סאָציאַליזם און דער פּראָגרעס בכלל זיינען שעדליך פאַר אידישקייט. אויך דער אַנדער פאַל איז פאָרגעקומען ניט זעלטען, דהיינו דאָס א פּאַלעסטינעץ און חובב־ציון צונויפקומענדיג זיך מיט דער אידישער ארבייטער־מאַסע פלעגט אויפנעמען דעם סאָציאַליזם און דערמיט אויך פון דעם פאַרברענטען סאָציאַליסט מגולגל ווערען אין א פאַר׳שרפ׳עטען קאָסמאָפּאָליט. אלס א ביישפּיל פון דיזען גלגול קען דינען פיליפּ קראַנץ, איינער פון די ערשטע, ווען ניט דער ערשטער סאָציאַליסטישער אגיטאַטאר און שרייבער צווישען די אידישע מאַסען... פיליפּ קראנץ איז דער זעלביגער ראָמבראָ, וועלכער האָט אין פּאַריז געשריבען פייערדיגע פּאַלעסטיניש־נאציאָנאַליסטישע ארטיקלען אין רוסיש, און האָט דערנאָך אין לאָנדאָן אָנגעהויבען שרייבען ניט וויניגער פייערדיגע אסימילאַטאָריש־קאָסמאָפּאָליטישע ארטיקלען אין אידיש. ווי געזאָגט, דער סינטעז צווישען פּאַלעסטיניזם און סאָציאַליזם האָט ניט געהאט דאמאָלט קיין מזל־ברכה, אָדער דער סאָציאַליסט פלעגט פאַרפאָרען אויף דעם פּאַלעסטינישען רייטוואַגען אין די סאַמע שול אריין, אָדער דער פּאַלעסטינעץ פלעגט מיט א געזונטען זידעל אויף כלל ישראל נתעלה ווערען אין די קאָסמאָפּאָליטישע עולמות.

סימנים פון א אינווייניגער דערנעהענטערונג צווישען פּאַלעסטיניזם און סאָציאַליזם האָבען זיך אָנגעהויבען ווייזען אין דער ערשטער אידישער ארבייטער־באוועגונג, פון וועלכער עס איז שפּעטער ארויסגעקומען דער „בונד“. א גרויסער טייל פון די גייסטיגע שעפער פון דער אידישער ארבייטער־באוועגונג אין רוסלאַנד זיינען געווען געוועזענע פּאַלעסטינצעס און חובבי־ציון, צווישען וועלכע עס פאַרדינט דערמאָנט צו ווערען גאַנץ באַזונדערס דער בונדיסטישער קעמפער א מ ס ט ע ר ד א ם פון מאָהילעוו. די פּאַלעסטינצעס, וועלכע האָבען געהאט א נשמה אין זיך און האָבען באַקומען אביסעל בילדונג, איז נאטירליך געוואָרען איינג אין דער שטיקענדיגער אטמאָספערע פון די חובבי־ציון, וועלכע זיינען צוריק פאַרקראָכען אין די אַלטע

א וואונדערליכע באשעפעניש. די רעוואָלוציאָן פון „בונד" און דאָס לאַנד פון ציוניזם האָבען אלס צוויי שעפּפערישע אידעען געמוזט פירען צו א נייער אידעאָלאָגישער און געזעלשאפטליכער שאַפונג, צו א העכערען סינטעז. דער לופטיגער, אָרימענקער, נאציאָנאל־סאציאליסטישער געדאנק האָט זיך דאָ דערזעהען פאר העכערע פּראָבלעמען און גרעסערע פּערספּעקטיוועז. ער איז פארשוואונדען אין זיין באשריינקטקייט און זיין פּלאץ האָבען פארנומען די נייע ערנסטערע און טיפערע זוכענישען נאָך א סינטעז צווישען סאָציאַליזם און ציוניזם, די אידעאָלאָגישע קאמפען פאר דעם סאָציאליסטישען ציוניזם. עס האָט זיך אָנגעהויבען יענע שטורמישע עפּאָכע פון דער אידישער אינטע־ליגענץ, אין וועלכער עס זיינען אנטשטאנען פּראָגראמען, טעאָריען, גרופּען, פארטייען, שפּאלטונגען, פאראייניגונגען, און וועלכע זוכען עד היום נאָך זייער לעצטע פארטיינע און פּראָגראמאטישע אָבשליסונג, אָבער וועלכע קע־נען אלע צוזאַמענגעפאסט ווערען מיט דעם א י י ן געמיינשאפטליכען וואָרט: סאָציאליסטישער ציוניזם.

גאנצען איין ביכעל, אמת א גלענצענד אויפגעשריבענעם, וועגען דארוויניזם, פון א. דאווידסאָן. דאָס איז געווען דער איינציגער ציפּליאַנאָקל, וועלכען די נאַציאָנאל־סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ האָט אויסגעבריט פון אירע דיס־קוסיאָנס־אייער.

אָט דיזע אלע נאַציאָנאַליסטען־סאָציאַליסטען זיינען געווען אמאָליגע מער אָדער ווייניגער פאַרברענטע פּאַלעסטינצעס. דער אויסגעוועבטער פּאַלעסטיניזם האָט געגעבען פון זיך די נאַציאָנאַליסטישע ריחות אין דעם סאָציאַליסטישען בוקעט. דיזע שמעקענדיגע נאַציאָנאַלע אידישקייט האָט אין גרונד גענומען דאַמאָלט אזוי ווייניג געוואוסט, וואָס זי וויל און וואָס זי זוכט, ווי רחמנא לצלן היינט. דער אונטערשייד איז נאָר דער, דאָס היינט לאַכען גוטע פריינד פון דער אידישקייט, בשעת דאַמאָלט האָבען שונאים פאַר איר אביסעל מורא געהאַט. ווער ווייס, אפשר וואָלטען שונאים דאַמאָלט מער גרונד געהאַט צו לאַכען איידער מורא צו האָבען, ווארום דיזע נאַציאָ־נאַלע אידישקייט לאַכט און וויינט צום סוף פון זיך אליין. די סאָציאַליסטיש-נאַציאָנאַליסטישע שטימונג דאַמאָלסט וואָלט זיך באַלד געקענט אויסוועבען און אויסלופטערן, און מגולגל ווערן מיט הארצווייטאג אין קאָסמאָפּאָליטישען סאָציאַליזם מיט אידישקייט על פּי אונס. דיזע שטימונג איז אָבער היסטאָ־ריש מגולגל געוואָרען אין עטוואָס אנדערעס און איז געוואָרען דער אויס־גאנגס פונקט פון נייע אידעאָלאָגישע און פּארטיי שפּאַלטונגען און קאמפען דורך די צוויי גרויסע היסטאָרישע געשעהנישען אין אידישען פאָלק, דעם אויפטרעטען פון דעם פּאָליטישען ציוניזם און דער גרינדונג פון „בונד", וועלכע זיינען ביידע פאָרגעקומען אין איין צייט, אין סעפּטעמבער 1897.

דער ציוניזם, וועלכער האָט געגעבען דעם אידישען נאַציאָנאַליזם אין דער שטאַטס־אידעע דעם העכסטען אויסדרוק, איז אָבער געבליבען ליגען פּאָליטיש און קולטורעל אין אידישען מיטעל־אַלטער. דער „בונד" האָט געגעבען דער אידישער רעוואָלוציאָן דורך דער גרינדונג פון א אידישער סאָציאַליסטישער פּארטיי איר שענסטע געשטאַלט, האָט אָבער ניט געהאַט דעם מוט אינגאנצען אָראָבצוואַרפען פון זיך די אסימילאציאָנס־שמאַטעס פון דער אידישער בורזשואזיע. דער ציוניסט, וועלכער איז אין זיין פּראָ־זעאָלאָגיע „ארויסגעצויגען פון גוי'שען גלות" עם כל ישראל יחיו אין ארץ ישראל, און איז אין ווירקליכקייט געפאלען כורעים פּאָליטיש פאַר די הארען פון גלות און געווען סאָציאַל שטומפּ צו כל ישראל אחיו, איז געווען א משונה'דיגע בריה, פול מיט ווידערשפּרוכען. דער בונדיסט, וועלכער האָט גערעדט פון דער אידישער רעוואָלוציאָן מיט איר ענדציל — די פרייהייט פון מסחר פאַר כלל ישראל אין דער גלות־בלאָטע, איז געווען ניט ווייניגער

הערצל'ען האָט זיך דער קאָנגרעס איינגעגעבען קודם כל, ווייל ער האָט געהאט אויף סטעמפּס, און נאָך מער איידער אויף סטעמפּס. וואָלט הערצל געדארפט אָנקומען צו כלל ישראל, וועגען געלד, וואָלט ער פארביסען די ליפען פון עגמת נפש, און דער קאָנגרעס וואָלט זיך אין בעסטען פאל אויפגעלייזט אין א פּאָר מאמרים אויף די שפּאלטען פון דער שעפּפערישער אידישער פּובליציסטיק. אָבער הערצל האָט געהאט דריי גרויסע מעלות: א מיליאָן פראנק אין פּאקעט, א נשמה אין הארץ און א קליינינקע אכטונג פאר די חכמה ליעזשאנקע פון כל המינים, וועלכע האָבען גענומען ווארפען פּאפּירענע שטיינדלאך אין דעם בעסערען מענשען.

מיט דעם הייליגען געפיל פון א היסטאָרישער פארוואונדערונג זיינען זיך צונויפגעקומען אן ערך 200 מענשען צום קאָנגרעס, וועלכע זיינען פון קיינעם ניט געשיקט געוואָרען, ווייל עס זיינען גאָר ניט געווען דאמאָלט קיינע ציוניסטישע אָרגאניזאציאָנען.

דיזע 200 „דעלעגאטען", פון וועלכע א העלפט זיינען געווען סטודענטען, האָבען אָבגעהאלטען אין דעם קליינעם זאל פון דעם באזעלער קאזינאָ דעם ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס און געגרינדעט די ציוניסטישע אָרגאניזאציאָן.

אויף דעם ערשטען קאָנגרעס איז זיך צונויפגעקומען א קרייז פון נא־ציאָנאליסטען־סאָציאליסטען פון פארשידענע מינים. דר. פארבשטיין און דר. בירנבוים, פון וועלכע דער ערשטער איז א סאָציאל־דעמאָקראטישער רעפּרעזענטאנט אין דער שווייץ, און דער צווייטער איז א ראדיקאלער נא־ציאָנאליסט, האָבען געהאט רעפערארטען אויף דעם קאָנגרעס. דר. לאנדאו, וועלכער איז דאמאָלט ווייניגסטענס געווען א סאָציאליסט, איז געווען הערצל'ס רעכטע האנט און דער רעדאקטאר פון דער „וועלט". עס זיינען געקומען ראדיקאלען פון בערלין, מאָנפּעליע, צוריך, בערן, און די קליינע גאלערי איז באשטאנען כמעט אינגאנצען פון אייגענע חברים פון די קאָלאָ־ניעס, כאָטש נעם און ערקלער גלייך די סאָציאלע רעוואָלוציאָן אין ציוניזם.

אָבער די אלע ראדיקאלען האָבען זיך אויף דעם קאָנגרעס עפענטליך ניט באטייליגט מיט זייער סאָציאליזם. עס איז געווען דער ציוניסטישער אָרגאניזאציאָנס קאָנגרעס, וואָס זיין אָנהויב און זיין סוף איז געווען דער ציוניזם, די „עפענטליך־רעכטליך געזיכערטע היימשטאט אין פאלעסטינא".

דערפאר אָבער זיינען אויסערהאלב פון דעם קאָנגרעס געשטיגען הויך די כוואליעס פון דער דיסקוסיאָן וועגען ציוניזם־סאָציאליזם, און דיזע כוואַ־ליעס האָבען זיך שפּעטער פארשפּרייט בכל תפוצות ישראל, וואו א אידישע אינטעליגענץ לעזט ביכלאך און זוכט דעם אמת. די נייעס איז אָבער בא־שטאנען אין דעם, וואָס די דיסקוסיאָן איז גלייך געשטעלט געוואָרען ניט מער

צו דער געשיכטע פון סאָציאַליסטישען ציוניזם

(ערינערונגען)

.1

דער ציוניזם און דער בונד האָבען אָנגעטראָפען שוין איינציגע נאציאָנאַליסטען־סאָציאַליסטען און א שטיקעל נאציאָנאַליסטיש־סאָציאַליסטישען סענטימענט אין דער אידישער אינטעליגענץ, וועלכער איז אָבער געווען נאָך גאַנץ אונקלאָר און אונזיכער. דיזע שטימונג האָט זיך געמוזט איצט אָנהויבען צו פאָרמירען, ווייטער צו ענטוויקלען, זיך קלאָר צו מאכען איר באציאונג צו די נייע ערשיינונגען, און איז אריינגעפאלען, פארשטעהט זיך, אין דעם קעסעלגרוב פון קאמפען, מאטערנישען, איינזייטיגקייטען, שוואנקונגען, האָפנונגען, צווייפעל און פארצווייפלונגען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען די חבלי לידה, די געבורטסווייען פון דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם.

אויף דעם ערשטען ציוניסטען־ קאָנגרעס אין 1897 אין באַזעל, זיינען זיך צונויפגעקומען א גאַנץ היבשע צאָל פון סאָציאַליסטען־נאַציאָנאַליסטען פון פארשידענע אוניווערזיטעטס־פלעצער און, געוויינליך, פון פארשידענע סאָלירען. אייגענטליך האָבען זיך דיזע ראַדיקאַלען גערארפט צונויפקומען נאָך פריער אויף א צוזאמענפאָר אָדער קאָנגרעס, ווארום נאָך פאר הערצל'ען האָט מען שוין גערעדט און דיסקוטירט וועגען א קאָנגרעס.

ווען איך וואָלט געפירט א בוכהאַלטעריע פון די אונענדליכע אווענטען, וועלכע איך האָב פארבראכט אויף אראָפּברייגגען די גאולה, וואָלטען די דיסקוסיאָנס אווענטען וועגען א קאָנגרעס צוליב דער אָרגאַניזאציאָן פון דעם נאַציאָנאַל־פּאלעסטינישען אידענטום געקענט אויסמאכען א באזונדערען קאַפּיטעל. אויף א באשפּרעכונג צוליב דעם ענין אין מיין שטודענטען־קאַמערל אין בערלין מיט א יאָר פופצען צוריק, האָט זיך באטייליגט די סמעטענע פון אונזער דאַמאָלסדיגען קרייז פון סטודענטען און אַקאַדעמיקער. דער סוף פון דיזער אסיפה איז געווען ענליך צו פילע אַנדערע אסיפות, אין וועלכע מיר איז נאָך אויסגעקומען אין לעבען זיך צו באטייליגען, דאָס הייסט, מען האָט פארגאָסען דעם סאָציאַלען פּעסימיזם מיט א היבשע פּאָרציע הייסע גלעזלאך טיי. דער עולם האָט זיך געהיצט און געקילט, ווי עס פירט זיך ביי אידישע אינטעליגענטען, ביז וואַנען דר. נתן בירנבוים האָט א פרעג געטאָן די זעהר וויכטיגע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע פראגע: חברה, וואו וועט מען נעמען אויף סטעמפּס? — דערמיט האָט דער קאָנגרעס־פּראָיעקט מיט איין קלאַפּ ארויסגעלאָזען די נשמה...

מאַטיע, אידישקייט, אידיש-רעוואָלוציאָנערע טועכצען, האָט ער ביי זיי אויסגעלופטערט דעם לעצטען רעשטעל פון פאַר׳גנב׳עטען סאָציאַליזם אָדער אַנאַרכיזם. אַלץ מער און מער האָבען זיך פאַנאַנדערגעשידען ציוניזם און סאָציאַליזם און אויפגעשטעלט איינער געגען דעם אַנדערען זייערע פייער־שפייענדע קאַנאָנען.

א אינווייניגער אינסטינקט און א טיפע איבערצייגונג פון א העכערען אמת האָבען מיר דאַמאָלט געגעבען דעם מוט אָנצוהויבען פריידיגען דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם און שטעלען זיך געגען דער גאַנצער אידישער אינטעליגענץ.

אויב אין דעם קאָפּ פון איין מענשען קען די אידעע פון א אידישען לאַנד און דער אידישער רעוואָלוציאָן זיך פאַראייניגען צו דער שענסטער האַרמאָניע, טאָ פאַר וואָס קען דאָס ניט ווערען דער לעבעדיגער שעפּפערישער געדאַנק פון דער גאַנצער אידישער אינטעליגענץ, פון דעם גאַנצען אידישען המון? דער שפּאַט און די איראָניע, דיזע וואַפען פון אַלע קליינקעפּעלדיגע און פּוסטע סטאַדען־מענשען, דאַרפען געשטעלט ווערען ניט אויף דעם חשבון פון דער צייט. און איך האָב דאַמאָלט איבערגענומען אויף זיך די אונדאַנק־באַרע אויפגאַבע צו זיין א סאָציאַליסט צווישען ציוניסטען און א ציוניסט צווישען סאָציאַליסטען, און, עס פאַרשטעהט זיך, דאָס יעדער צד האָט זיך געוועדט מיט די הענט און די פיס, און מיך אָבגעשיקט — צו דעם צד שכנגדו.

ווי עס פירט זיך אין דער זינדיגער וועלט, הויבט מען אָן יעדע נייע אידעע מיט א רעפעראַט. מיין ערשטען פאַרזוך פון א סינטעז צווישען ציוניזם און סאָציאַליזם, אַלס סאָציאַליסטישען ציוניזם, האָב איך געבאָרען אין א רעפעראַט, וועלכען איך האָב געהאַלטען אין צוריך אין 1898, אין דעם ציוניסטישען פאַראיין „העסיאנא“.

אין צוריך איז דער רעפעראַט אַראָבגעגאַנגען נישקשה. דער רעפעראַט איז געוועזען געשריבען אין דער דייטשער שפּראַך און עס זיינען געקומען א גאַנצער קרייז פון דייטשע אַנאַרכיסטען, פאַר וועלכע, כידוע, קיין אידעע פון ילוד אשה איז ניט פסול. אזוי דאָס די רוסישע „קאָלאָניע“ האָט זיך אויסגעצייכענט דאַמאָלט מיט צוויי מעלות, אי זי האָט דעם רעפעראַט ניט פאַרשטאַנען, אי זי האָט זיך געשעמט צו דיסקוטירען פאַר גוים. דערפאַר אָבער האָט זיך דערזעלביגער רעפעראַט אין בערן געענדיגט מיט א קאַטאַ־סטראָפע. דער טייל פון פּובליקום, וועלכער האָט דעם רעפעראַט ניט פאַר־שטאַנען, און הפנים דאָס עס איז געוועזען א גאַנץ היבשער טייל אַזעלכער, האָט אָנגעהויבען צום סוף פון דער לעקטשור, אַנשטאַט פּאַטשען בראַוואָ, צו שרייען בקול רם: בורזשוא! „בורזשוא“ האָט געהאַט דאַמאָלסט א דאַ־

אונטער דעם טיטעל נאַציאָנאַליזם־סאָציאַליזם, נאָר א סך קלאָרער און קאָנסעקווענטער: ציוניזם־סאָציאַליזם.

וואו זאָלען זיך יעצט אהינטאָן די נאַציאָנאַליסטען־סאָציאַליסטען, בשעת דער אידישער נאַציאָנאַליזם האָט באקומען זיין אויסדרוק און אָרגאַניזאַציאָן אין בורזשואזען ציוניזם, און דער אידישער סאָציאַליזם האָט אויפגעלעבט אין דער אידישער ארבייטער־באוועגונג? וואָס פאר א סמיכת הפרשה האָט דער סאָציאַליסט מיט דער ציוניסטישער באוועגונג און אָרגאַניזאַציאָן, און וואָס קען ער דאָרטען אויפטאָן מיט זיינע צען קלאַסען־קאַמף־פינגער, ווען דער ציוניזם ליגט דאָך סוף כל סוף אין די הענד פון די גוי'שע קיסרים און אידישע מיליאָנערען? און אויב דער סאָציאַליסט זאָל שוין גובר זיין דעם יצר הרע און זיך שטעלען אונטער דער בלוי־ווייסער פאָן פון ציון, טאָ וואָס זשע וועט ער זאָגען דעם אידישען פראָלעטאריאט? די הארבסטע קשיא איז דאמאָלט באשטאנען אין דעם, ווי קען מען פריידיגען דעם ארבייטער פון איין זייט קלאַסען־קאַמף געגען די אידישע בורזשואזיע, און פון דער אנדערער זייט ציוניזם בשותפות מיט דער אידישער בורזשואזיע? דאָס זיינען געווען די פראגען, וועלכע האָבען דאמאָלט געהאלטען אין אויפרעגונג די קרייזען פון ראדיקאלע נאַציאָנאַליסטען און אידישע סאָציאַליסטען, אין וועלכע איך בין געשטאַנען. פון גרינדען א נייע פארטיי מיט א נייעם פּראָגראַמאַטישען אינהאלט, בעת דער ציוניזם און דער בונד זיינען נאָך ערשט געלעגען אין די ווינדעלאך, דערפון האָט, נאטירליך, דאמאָלט קיינער ניט גע'חלום'ט.

די פאליטישע צוגעהעריגקייט פון דעם אינטעליגענט ווערט באשטימט א חוץ פון זיין בילדונג און טעמפעראמענט, פון זיין מוח און הארץ, נאָך פון דעם אויף וויפיל דיזע אָדער יענע פארטיי העלפּט באפרידיגען זיינע גייסטיגע און מאָראלישע אינטערעסען.

דער ציוניזם מיט זיין בורזשואזער בעלי־בתישער קליינקעפּעלדיגקייט און די זיבען מאָס רעאקציאָנערקייט, וועלכע ער האָט צונויפגעשלעפּט פון אומעדום, וואו ער האָט זיך געקערט און געווענדעט, האָט ביי די ציוניסטיש געשטימטע סאָציאַליסטען ניט געפונען קיין גרויסען חן. זיי האָבען זיך באלד געלאָזען שווימען מיט דעם שטראָם פון דער סאָציאַליסטישער באוועגונג, וועלכע האָט שוין אָנגעהויבען שטורמען אין רוסלאנד, און האָבען באלד אָנגעהויבען פאנאנדערברייטען זייער שטארקען נאַציאָנאַלען אינסטינקט אויף ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע קריטיק פון ציוניזם און בונדיסטישע אידישקייט. מיט דעם ציוניזם פון דיזע סאָציאַליסטען האָט עס געהאלטען שמאָל. נאָך שמאָלער האָט עס געהאלטען מיט דעם סאָציאַליזם פון פילע ראדיקאלע נאַציאָנאַליסטען. דער ציוניזם האָט ווי א כאַפּ געטאָן אונטער זיינע פליגלען און פליענדיג מיט זיי איבער אלע רוחות פון דיפּלאָ־

מערקווירדיגקייט פון אזא סאָרט איינפאל. דערצו איז דער ארטיקעל געווען געשריבען אין דייטש און בארעכענט אויף דאָס דאמאָלדיגע ציוניסטישע פובליקום, פאר וועלכע סאָציאליזם איז געווען א ווילדע שרעקענדיגע באַ־שעפעניש. די אידישע סאָציאליסטען אין דייטשלאנד און עסטרייך זיינען, נאטירליך, ווייניג וואָס געווען מסוגל אויפצונעמען צוויניסטישע אידעען און קאָרעגירען זייער סאָציאליזם. זיי זיינען געווען, און זיינען על פי רוב געבליבען ביז היינט, כפול׳דיגע אסימילאנטען, אי אלס אנגעהעריגע פון דער אידישער בורזשואזי, אי אלס אינטערנאציאָנאלע סאָציאליסטען.

גאנץ אָן שטורם איז אָבער דיזער פארזוך ניט איבערגעגאנגען, און אין אייניגע קרייזען האָט ער ארויסגערופען אן אינטערעס און א דעבאטע. שוין אין יאָר 1898, אין דעם ערשטען יאָר פון דעם פאליטישען ציוניזם, זיינען ארויסגעוואקסען אין ווין ארבייטער ציוניסטען, אָדער בעסער געזאָגט, האנ־דעלס אָנגעשטעלטע ציוניסטען אונטער דער פירונג פון דר. לאנדוי. דא־מאָלט איז לאנדוי געווען א ציוניסט און האָט זיך געהאלטען פאר א ראדי־קאל; איצט איז ער ביידע זאכען ניט. נאָך דעם ווי לאנדוי האָט געהאט עפּעס א שטיקעל סכסוך מיט הערצל׳ען, האָט ער זיך א דרעה געטאָן נאָך לינקס און האָט זיך געשטעלט אָן דער שפּיץ פון א ציוניסטישער ארבייטער פאראייניגונג און באשאפען כלומרשט א ציוניסטישע ארבייטער באוועגונג מיט א קליינינקען זשורנאל אין דייטש פון 16 זייטלאך א מאָנאט: „דער אידישער ארבייטער“. סאָציאליזם איז אין דיזער „באוועגונג“ מיט איר זשורנאל ניט געווען אויף א רפואה. פארקערט, איז דאָרט געווען, ווי אין אלע ציוניסטישע ארבייטער פאראיינען אָנהויב, א היבשע פּאָרציע קריי־טיק פון סאָציאליזם און אידישער רעוואָלוציאָן בכלל. אויפגעקליבען האָט זיך דיזע „באוועגונג“ פון אביסעל טראדיציאָנעלע האנדעלסאָנגעשטעלטע פון א פּאָר אינטעליגענטען מרי־נפש, וועלכע האָבען געהאט א שלעכטען אָפּשניט אין דער סאָציאליסטישער באוועגונג. פון דיזע קרייזען וואָלט זיך אָבער געקענט אויסבילדען א קערענדעל פון באוואוסטזיניגערע עלעמענטען פאר א שפּעטערדיגער פּארטיי בילדונג, ווען דער גאנצער שטורם אין גלאָז וואסער וואָלט זיך ניט אויסגעשטורעמט אין א פּאָר חדשים, נאָך דעם ווי דר. לאנדוי האָט זיך צוריקגעצויגען פון אלע באוועגונגען בכלל. פון דעם דייטשישען „אידישען ארבייטער“ זיינען ארויסגעקומען, אויף וויפיל איך געדיינק, א פינף נומערען, און מיין ארטיקעל און בראָשור האָבען געפונען דאָרט א ברייטע רעצענזיע.

א דעבאטע האָט שיעור ניט ארויסגערופען מיין בראָשור אין אמעריקא אויף די שפּאלטען פון דער דאמאָלדיגער סאָציאליסטישער „נייע צייט“, וועלכע איז רעדאקטירט געווען פון פיליפּ קראנץ. דאָס אינטערעסאנטסטע

פּעלטע באַדייטונג, אָדער דאָס פלעגט מיינען: דו ביסט א פּאַרך, אָדער דאָס פלעגט מיינען: איך פאַרשטעה ניט וואָס דו רעדסט.

אָב'טענה'נדיג זיך צוריק מיט מיינע געגנער אין „דעם לעצטען וואָרט", האָב איך זיך געסטאַרעט אויסצוטייטשען דעם רוף „בורזשוא" אין דעם צווייטען זין. אָבער צי האָב איך געהאַט אַן ערפאָלג אין דעם, ווייס איך אייגענטליך עד היום ניט.

דעם רעפעראַט, וועלכען איך האָב געהאַלטען אין צוריך און בערן מיט א פאַרשידענעם מזל, האָב איך באַלד דאַרויף, אונטער דעם נאָמען „די אידענפראַגע", אָבגעדרוקט אין דער גרעסטער סאָציאַליסטישער מאָנאַט־שריפט אין יענער צייט „דייטשע וואַרטע", וועלכע איז ערשינען אין ווין. דער רעדאַקטאָר פון די „דייטשע וואָרטע" איז געוועזן פערנערסטאָפער, דער איצטיגער וויס־פּרעזידענט פון דעם עסטרייכישען פּאַרלאַמענט, מיט וועל־כען איך האָב געהאַט נאָך פון פריערדיגע יאָרען א פאַרבינדונג אלס מיט־אַרבייטער פון די „דייטשע וואַרטע". שפּעטער האָב איך באַאַרבייט דעם אַרטיקעל אין א באַזונדערע בראָשורע אונטער דעם נאָמען: „די אידענפראַגע און דער סאָציאַליסטישער אידענשטאַט".

אזוי האָב איך צום ערשטען מאָל אַרויפגעבראַכט דאָס פּראָבלעם פון דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם אין דער אייראָפּעאישער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, — מיט וואָס פאַר אַן ערפאָלג, וועלען מיר זעהען שפּעטער.

.2

מיין אַרטיקעל אין די „דייטשע וואַרטע", ווי אויך מיין בראָשורע „די אידענפראַגע און דער סאַציאַליסטישער אידענשטאַט", איז אַרויסגעגאַנגען פון דער אידישער נאַציאָן אַלס גאַנצעס און האָט באַהאַנדעלט דאָס אידישע פּראָבלעם פון געשיכטס־פּילאָזאָפישען און פּאָליטישען שטאַנדפּונקט. די טעריטאָריאַלע רענעסאַנס פון דעם אידישען פאָלק און זיין אנשליסונג צו דער רעוואָלוציאָן אין דעם סאָציאַליזם איז געוועזן דער שלום־אַקאָרד פון די באַטראַכטונגען וועגען דער אידישער אידעע און לאַגע. אזוי ווי עס איז ניט געוועזן קיין טענדענץ צו באַשאַפען א סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע פּאַרטיי, האָט אין יענעם אַרטיקעל געפעלט דער אויסגעשפּראָכענער אויסגאַנגס־פּונקט פון די מאַטעריעלע און גייסטיגע אינטערעסען פון דעם אידישען פּראָלע־טאַריאַט.

דיזער ערשטער ליטעראַרישער פאַרזוך צו באַגרינדען דעם סאָציאַליס־טישען ציוניזם אין יאָר 1898 האָט ניט אַרויסגערופען קיין מערקבאַרען עכאָ. סאָציאַליסטען־ציוניסטען זיינען דאַמאָלט ניט געוועזן, און דער אינטערעס צו אזעלכע קאָמבינאַציעס איז געוועזן העכסטענס נאָר וועגען דער קוריאָזער

דיפּלאָמאַטישער שתדלן, פּאַרוואַנדעלט אין אַ קאַריקאַטור. עס האָט זיך אָנגעהויבען די סדרה פון דער ציוניסטישער דיפּלאָמאַטי, וועלכע האָט דעם ציוניזם אַלץ מער און מער געשטופּט אין דעם אידישען מיטעל־אַלטער, און אין דער אידיש־בורזשואַזע מיאוסקייט. דער ציוניזם, וועלכער האָט גע־פּריידיגט די באַפרייאונג פון דער אידישער נאַציאָן אין דער צוקונפט, איז געוואָרען אַ באַוועגונג צוליב דער פאַרנאַרעשונג און פּאָליטישער פאַר־פינסטערונג פון דער אידישער נאַציאָן אין דער געגענוואַרט.

הערצל, וועלכער איז געווען נאָך זיין לאַגע אַ פּייאַיגער, טאַלאַנטפולער זשורנאַליסט, האָט געהאַט פאַרבינדונגען וועלכע זיינען ניט געגאַנגען ווייטער, ווי די ליטעראַרישע וועלט און געוויסע קרייזען פון דער בורזשואַזי. אַלס פירער פון אַ אידישער באַוועגונג האָבען זיך ממילא די פעדים פון זיינע פאַרבינדונגען אָנגעהויבען שפּינען ווייטער; זיין פערזענליכקייט און זיין אידעע האָבען באַקומען אַ געוויסען צויבער, און דאָס האָט אים געשאַפען נייע פאַרבינדונגען אין דער וועלט. הערצל האָט ניט געהאַט קיין שום פּלאַן פון זיין דיפּלאָמאַטי, ער האָט געקלאַפּט אין דער טיר, וועלכע האָט זיך פאַר אים צופעליג געעפענט, און האָט דערביי אָבער געהאַט דעם ריכטיגען געפיל, דאָס זיין אידישער עולם וועט קלייבען נחת פון יעדער שטיקעל ולפני מלכים יתיצב. די ערשטע קאָרט האָט ארויסגעצויגען דער אוהב ישראל, ווילהעלם דער צווייטער. די מעשה איז געווען אַזוי: אין דער ענגלישער געזאַנדשאַפט אין ווין איז געווען אַ פּאַסטאָר, אַ ציוניסט, מיט, ווי געוויינליך, אַ שטיקעל קריסטליכע פּניה. דיזער פּאַסטאָר איז געווען אַן ערציער אין דעם הויף פון דעם גרויסהערצאָג פון באַדען, וועלכער איז אויך געווען אַ פרומער פּראָטעסטאַנט, און פאַרשטעהט זיך, ביבלישער ציוניסט. דער גרויסהערצאָג פון באַדען איז געווען אַ נאָענטער קרוב און מחותן מיט דעם דייטשען קיסר, וועלכער האָט אין זיך אפשר אַלע מעלות, נאָר קיין ביבלישער ציוניסט איז ער ניט. אָט האָט איר די פאַרבינדונגען צווישען דער אידישער גאולה און ווילהעלם דעם צווייטען. פון הערצלען צום פּאַסטאָר אין ווין איז אַ האָזען־שפּרונג, און דורך דעם גרויסהערצאָג אין באַדען עפענען זיך פאַר דער כנסת ישראל די קיסרליכע טירען.

ווענען דעם פּאַסטאָר לוינט זיך אפשר צו פאַרלירען אייניגע ווערטער, ווארום דאָס געהערט אויך אביסעל צו דעם קאַפּיטעל אין אידישער דיפּלאָ־מאַטי. ער פלעגט פאָרען אויף אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסען, און אין באַזעל, וועלכע איז דער צענטער פון דער פּראָטעסטאַנטישער מיסיאָן, איז ער געווען אַ גאַנצער מליץ יושר פאַר אידען. צי זיי זיינען שלעכט צי גוט, אָבער דער פּסוק האַלט מיט זיי, — דאָס איז געווען דער גרונד טאָן פון זיין ציוניסטישער אַגיטאַציאָן.

דערביי איז, וואָס מיין סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע אפיקורסות האָט געפֿו־נען אַן אדוואָקאַט אין דער פּערזאָן פֿון בּאַראנאָוו. בּאַראנאָוו האָט אין דער „נייער צייט" געעפֿענט וועגן דער בּראָשורע אַ סעריע אַרטיקלען איבּער סאָציאַליזם־ציוניזם, און דער ערשטער אַרטיקעל איז געווען ווירקליך אַן ערנסטער און גלענצענדער. מיט אַן אויפֿריכטיגען און ערליכען טאָן האָט ער אויפֿגעדעקט די וואונד פֿון דעם אַסימילאַטאָרישען סאָציאַליזם און אַרויסגעשאָטען אַ גאַנצען פּאַק נאַציאָנאַליסטישע אפיקורסות, וועלכע וואָל־טען אַפילו אין היינטיגע צייטען, ווען אידישקייט איז טרומף און שרייט פֿון אַלע ווינקעלאַך, געמאַכט אַ רושם. די דעבּאַטע איז אָבער ניט אָנגעגאַנגען. דער אַסימילאַטאָרישער רעדאַקטאָר, פֿיליפּ קראַנץ, האָט נאָך דעם ערשטען אַרטיקעל בּאַראנאָוו'ס, אָפּגעהאַקט די ווייטערדיגע סעריע און האָט אויך ניט געגעבּען דעם צוגעזאָגטען אַנטוואָרט. די דעבּאַטע האָט זיך געענדיגט מיט דעם אַלטען אידיש־אַסימילאַטאָרישען: שאַ, שטיל, אידען... בּאַראנאָוו האָט זיך אָבער פֿאַרדינט גאָלדענע עפּאָלעטען, און ער קען מיט אַ געוויסען שטאָלץ זאָגען, דאָס אין זיין זשאַרגאָנישער, אַסימילאַטאָרישער קאַריערע, איז דאָך פֿאַראַן אויך אַ שיינער פּינטעלע, ווען ער האָט זיך אַמאָל אין זיין שרייבּען אָפּגעגעבּען אַ שטיקעל חשבון הנפש...

דאָס איז געווען דער איבּערגעריסענער בּת־קול, וועלכער האָט אָפּגע־שאָלט נאָך מיין ערשטען ציוניסטיש־סאָציאַליסטישען רוף אין דער אידישער ליטעראַטור. דערפֿאַר האָט אָבּער בּאַלד אָנגעהויבּען צו בּרויזען אַ גאַנצער ים פֿון סאַציאַליסטישער קריטיק געגען דעם ציוניזם, און פֿאַרשטעהט זיך, אויך געגען זיין סאָציאַליסטישען שטיף קינד. דער אידישער סאָציאַליזם פֿון אַלע קאָלירען האָט ערקלערט בּאַלד דעם ציוניזם דעם קריג און האָט אין אים אָנגעהויבּען וואַרפֿען גיפֿטיגע פֿיילען, וועלכע פֿלעגען אָפּשפּרינגען פֿון דער גלאַטער הויט פֿון דעם ציוניזם, און טרעפֿען אָבּער אין דעם האַרצען פֿון די סאָציאַליסטען־ציוניסטען.

ווי דער ציוניזם האָט זיך אָרגאַניזירט אַלס אַ בּאַוועגונג, האָט ער אָנ־געהויבּען „טאָן", און טאָן הייסט בּיי דער אידישער בּורזשואַזי זיין אַ גע־טרייער אונטערטאַן. וואָס איז אידישע פּאָליטיק, פּאָליטישער ציוניזם עטוואָס אַנדערש ווי זיין טרייע אונטערטאַנען און געהן צו די „הארען" פֿון דער וועלט מיט דעם אידישען אדוני מלך. דער פּאָליטישער מאַכטלאָזער ציוניזם האָט זיך גענומען פֿאַר דער דיפּלאָמאַטי, ווי די פּאָליטישע מאַכט־לאָזע אידען האָבּען זיך שטענדיג גענומען פֿאַר שתדלנות, און עס האָט זיך אָנגעהויבּען אַרויסצואווייזען די מיאוס־קאָמישע זייט פֿון דעם ציוניזם. וואָס הערצל האָט מיט איין האַנט אַלס פּאָליטישער טוער און ווייט־זעהער פֿון צוקונפֿט געשאַפֿען און אויפֿגעטאָן, האָט ער מיט דער אַנדער האַנט, אַלס

ארבייטער קלאַס אָנגעהויבען אלץ מער און מער אָנזאמלען זיך די שנאה און פאראכטונג צום ציוניזם, וועלכער האָט אויף יאָרען אויפגעהאלטען און פאר־שווערט דאָס אריינדרינגען פון דער ציוניסטישער אידעע אין דעם אידישען פּראָלעטאריאט און די פאָלקס מאַסע. פאר דעם סאָציאליסטישען ציוניזם איז אקוראט ווי מיט א כונה באשאפען געוואָרען דורך דעם גאנג פון דעם ציוניזם גופא אן אונמעגליכע אטמאָספערע, אין וועלכער עס איז אים אויס־געקומען צו פירען א שווערען, ביטערען קאמף פאר זיין ביסעל עקזיסטענץ.

.3

אין דעם ערשטען יאָר פון דעם ציוניזם, צווישען דעם ערשטען און צווייטען קאָנגרעס, האָט די ציוניסטישע באוועגונג שוין אָנגענומען איר געשטאַלט. אין מערב־אייראָפּא האָט זיך אָנגעהויבען אָנצושליסען אין דעם ציוניזם די אינטעליגענץ און בורזשואזיע, אין וועלכע די אסימילאציאָן האָט נאָך ניט אויסגעלאָשען אלע פונקען פון טראדיציאָנעלער אידישקייט. פאר די שטודירענדע יוגענט איז דער ציוניזם געוואָרען איבערהויפּט די איינציגע פאָרם פאר איר אָרגאניזאציאָנס באדערפניס. אין מזרח-אייראָפּא, אין דעם צענטער פון די אידישע פאָלקס־מאַסען, האָט די אידישע פאָלקס-נשמה א ציטער געטאָן פון פרייד און ערוואַרטונג פון דער ציוניסטישער בשורה. אומעטום וואו דער אידישער גייסט האָט געלעבט און געוועבט, האָט דער ציוניזם דערוועקט די קוואלען פון נאציאָנאלע ענערגיע. דער אָרגאניזאטאָ־רישער עלעמענט איז אָבער געוואָרען דער בעל־בתישער משכיל, דער בורזשואזנער אינטעליגענט, דער האלב־טראדיציאָנעלער סטודענט, וועלכע זיינען נאָך געלעגען ראשם ורובם אין אידישקייט. פאר דיזער אינטעליגענץ איז נאָך געווען דער ציוניזם דער ערי מקלט פון אלע געפערליכע פּאָליטישע באוועגונגען, וועלכע האָבען זיך דאמאָלסט פאנאנדערגעקאָכט אין רוסלאנד. האלבע אינטעליגענטלאך, סטודענטען מיט אידישע נשמות און א פּראקטישען קוק אויף דער וועלט, צוקונפטיגע טוער, קאזיאָנע רבנים און נאָך אזעלכע פארשווינען האָבען זיך א וואָרף געטאָן בקולות וברקים אויף ציון, און דער־ווייל אנטרונען פון די בייזע כוואליעס פון דער רוסישער רעוואָלוציאָן. פון דער אָרגאניזירטער ציוניסטישער באוועגונג האָט זיך באלד אָנגעהויבען הערען דער משכיליש־בעל־בתיש־בורזשואזנער ריח מיט אלע זיינע הארציגע פארפומען. די אטמאָספערע פאר די ערשטע שפּראָצונגען פון דעם סאָציא־ליסטישען ציוניזם איז געווען א שטיקענדיגע.

אויף דעם צווייטען קאָנגרעס האָט זיך שוין די פיזיאָנאָמיע פון דער ציוניסטישער באוועגונג קלאָר ארויסגעוויזען. עס האָבען זיך אויפגעקליבען אין באזעל שיינע נגידים, וועלכע זיינען אראָפּגעפאָרען פון די קורערטער א

א באזונדער ספעציאליטעט איז ביי אים געווען אויסצורעכענען דעם קץ, וועלכער איז נאטירליך אויסגעפאלען גראד אויף די צייט ווען ער האט מיט אייך געשמועסט. בשעת עס איז ארויפגעקומען דער אוגאנדא־פראיעקט, האב איך אים געפרעגט וועגען זיין מיינונג. אלס ענגלישער בירגער און הערצל׳ס פריינט און פארערער, איז ער געווען נאטירליך, פאר אוגאנדא, אבער תוך כדי דבור האט ער אויך געפונען א פסוק אין צפניה, פון וועלכען ער האט ארויסגעדרונגען באשיינפערלאך די נאכט־אזיל פון אוגאנדא. אט דיזער פאסטאר וואלט אין א אידישער פארטיי אן ערך געווען פון די משוגעים מפורסמים, אבער אין פירסטליכע הויפען איז ער געווען א חכם און ער האט דאס צונויפגעקייטעלט הערצלען מיט דעם גרויסהערצאג פון באדען, און ווייטער מיט דעם דייטשען קיסר.

ווי הערצל האט אנגעהויבען פארצובארייטען זיין אוידיענץ ביי דעם דייטשען קיסר אין ירושלים דורך דיזע פארבינדונגען, אזוי האט זיך אנגע־הויבען א פויקען־קלאפעריי לכבוד ווילהעלם׳ן אין דער ציוניסטישער פרעסע, און באזונדערס אין דער „וועלט“. די אידישע וועלט האט פון די געפלא־נעוועטע געשעהענישען נאטירליך גארניט געוואוסט, אבער הערצל׳ס וועלט האט אנגעהויבען זינגען מזמורים און שירים ותשבחות פאר ווילהעלם׳ן, אזוי ווי ער וואלט זיך געהאלטען ביי מגייר זיין. מען האט אים פארגליכען מיט אלכסנדר מוקדון, וועלכער איז אויף אן אדלער מיט א שפיז און א שטיק פלייש אין דער הויך געפלויגען אויף די הימלען, און מיט אלע גרויסע בריות פון דער וועלט־געשיכטע, אלץ נאטירליך מיט דעם מיין ארויסצוקריגען פון אים א שטיקעל גאולה. ארימער קיסר, נעבאך, האט עס דיך די קלוגע ציוניסטישע דיפלאמאטי געוואלט אין זאק אריינגנארען, ווען ניט זכות אבות פון די האהענצאלערן וואלטען דיר ניט בייגעשטאנען!

ווילהעלם דער צווייטער האט קיין אידענשטאאט ניט אויפגעבויט, אפילו ניט נאך דעם ווען הערצל האט זיך מיט דעם גאנצען אקציאנס־קאמיטעט פארגעשטעלט פאר אים אין ירושלים און די שילער פון מקוה ישראל האבען געזונגען דאס דייטשע נאציאנאל ליד. דיפלאמאטיש איז, נאטירליך, געווען דער רעזולטאט דערפון, דאס די טערקישע רעגירונג האט נאך מער פאר־שארפט דאס געזעץ געגען די אידישע איינוואנדערונג אין פאלעסטינא. ביי אידען האט איבער דיזער שטיקעל דיפלאמאטי יא געהאט גרויסע רעזול־טאטען. הערצל׳ס אויטאריטעט איז ביי דער אידישער בורזשואזי, באזונ־דערס אין מערב אייראפא שטארק געוואקסען, און די דייטשע אידען האבען אנגעהויבען צו קוקען אויף דעם ציוניזם מיט א שטיקעל רעספעקט, ווי אויף א זאך וואס האט א שטיקעל שייכות מיט דער מאיעסטעט. דערפאר, פאר־שטייט זיך, האט זיך בא דער אידישער יוגענט, אינטעליגענץ, און ביים

יאָך, דאָס דער קאָנגרעס זאָל אריינשיקען א אונטערטעניגקייטס־טעלעגראַם דער צאר ניקאָלאַי, כדי פארשטעהט מען, ער זאָל האָבען איידעלקייט און אָבענטפערען צוריק מיט א שיינעם שלח־מנות. נאַטירליך, האָט דיזער פאָרשלאַג ארויסגערופען א ליאַרם און סקאנדאַל פון זייטען פון די אייניגע סאָציאַליסטען, וועלכע זיינען געווען אין קאָנגרעס. די אידישע יוגענט אויף דער גאַלעריע האָט א ציטער געטאָן וועגען דער נאציאָנאַלער שאַנדע. אזוי ווי אן איינשטימיגער באשלוס פאר א טעלעגראַם וואָלט ניט געקאָנט דורכ־געהן און עס וואָלט חלילה געווען א חלול השם, האָבען די קאָנגרעס דיפּלאָ־מאַטען דוחה געווען דעם גאַנצען ענין מיט א אונטערטעניגער דאַנק־רעזאָלוציאָן, וועלכע מען האָט אָנגענומען און אראָפּגעשלונגען בחפזון.

אויב דער וועג פאר דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם איז שוין ממילא ניט געווען אויסגעשפּרייט מיט ראָזען, האָט דער בורזשואַזער ציוניזם ווי מיט א כיון און אָן וועלכען נוצע פאר זיך פארלייגט דעם וועג מיט שטעכע־דיגע דערנער. ניקאָלאַי דער צווייטער האָט ניט אָבגעשיקט קיין שלח מנות און ניט אויפגעבויט קיין אידען־שטאַט, אָבער די גאַנצע אידישע ראַדיקאַלע יוגענט, די אינטעליגענץ, די ארבייטער האָבען ערקלערט דעם ציוניזם דעם קריג אויף טויט און לעבען. אין דעם ציוניזם האָט דאָס אויפגעקלערטע און רעוואָלוציאָנערע אידענטום דערזעהן די פּארטיי פון דער אידישער בורזשואַזיע און רעאקציע, וועלכע געהט האַנט מיט די בלוטיגע רעגירונגען. „פאר די אידישע פרייהייט און רעוואָלוציאָן און געגען דעם ציוניזם!“ איז געוואָרען באַלד דער קריגס־געשריי אויף דער אידישער גאַס. אין דיזען קאַמף־געשריי איז פארשטומט געוואָרען אויך דער אמת פון דעם ציוניזם, וועלכער איז ארויסגעקומען אזוי אונריין און לעכערליך פון די טמא'דיגע ליפּען פון דער אידישער בורזשואַזיע.

דעם רעקאָרד אין דעם קאַמף געגען דעם ציוניזם און דעם סאָציאַליסטי־שען ציוניזם האָט געשלאָגען דר. ח. זשיטלאָווסקי. דר. זשיטלאָווסקי איז געשטאַנען דאַמאָלט שוין אויף יענער זייט פון דעם שוועל פון ציוניזם. אויף וויפיל איך דערמאָן זיך, האָט ער געצאָלט א שקל און האָט זיך באַ־טייליגט אין די וואַלען צום צווייטען קאָנגרעס. נאָך דעם צווייטען קאָנגרעס, ווען אלע ווינטען האָבען אָנגעהויבען בלאָזען געגען דעם ציוניזם, האָט דר. זשיטלאָווסקי ארויסגעגעבען ביים „בונד“ אונטער א פּסעוודאָנים א בראָשור: „ציוניזם אָדער סאָציאַליזם“, וועלכע האָט געזאָלט געבען דעם ציוניזם און דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם דעם טויט־קלאַפּ. דער טאָן פון דער בראָשור איז געווען די איינפאַכע קאַריקאַטור־מאַרקסיסטישע ערקלערונג פון דעם ציוניזם. אזוי ווי די אידישע בורזשואַזיע ליידעט פון דעם אנטיסעמיטיזם און קען ניט געפינען קיין מאַרק פאר איר געשעפט און האַנדעל, ווייל זי

קוק טאָן אויפ׳ן ציקאָוועס, זיידענע יונגע רבנים, לשון־קודש שרייבער, דאָק־טוירים און אדוואָקאטען, וועלכע זיינען חלילה ניט געכאַפּט געוואָרען פון סאָציאַליזם. הקיצור אלע עשרת בני המן מיט די פּרשנדתא׳ס און ויזתא׳ס. אויבען אָן האָבען זיך אוועקגעזעצט פּערוועגילדעס, שיינע מלוים, אויף דער בינע האָט מען געמאַכט א הסבה־בעט פאַר רבנים מיט לאַנגע זופּעצעס, חזנים, מגידים, ווארום דעם אייראָפּעער הערצל האָט זיך געוואָלט, דאָס דער קאָנגרעס זאָל האָבען א שטיקעל אָריענטאַלישעס אויסזען. דאָך האָבען אויף דעם קאָנגרעס געשוועבט אויך סאָציאַליסטישע ווינטען. אלס דעלעגאטען זיינען געווען איניגע סאָציאַליסטען נאָך פון דעם ערשטען קאָנגרעס, צווישען וועלכע עס האָט זיך געפונען דיזעס מאָל נאָך בערנארד לאַזאַר, דער בארימ־טער פראַנצויזישער אנארכיסט און ליטעראט. די גאַלעריעס זיינען געווען איבערגעפילט מיט סטודענטען און סטודענטקעס, וועלכע זיינען געשטאַנען אין קאָסמאָפּאָליטישען סאָציאַליסטישען לאַגער, און אין וועלכע עס האָט אָבער געלעבט טיילווייז א ערליכעס געפיל פאַר דאָס אידישע פאָלק. פון דיזער יוגענט זיינען אין די שפּעטערדיגע יאָרען ארויסגעוואַקסען ניט ווייניגע סאָציאַליסטישע ציוניסטען.

לויט הערצל׳ס רעכנונג האָט דער צווייטער קאָנגרעס געדאַרפט זיין א שטיקעל פּאָרשפּיל פאַר זיין דיפּלאָמאטיע מיט דעם דייטשען קיסר. דער קאָנגרעס האָט געדאַרפט ווייזען פאַר דער וועלט די שטאַרקייט פון דעם ציוניזם, און געזאָלט אזוי צו זאָגען געבען הערצלען דעם מאַנדאַט פון אידישען פאָלק, דאָס די טויערען פון ווילהעלם׳ס קייזערליכען פּאַלאַץ זאָלען זיך פאַר אים ווייט און ברייט עפענען. טוט זיך אָבער א דרעה דאָס בלינדע ראָד פון דער וועלט געשיכטע, און בשעת די פּערוואָגילדעס קאָנגרעסעווען, ברייננגען די צייטונגען די ידיעה, דאָס ניקאָלאַי דער צווייטער וויל ערלייזען די אומגליקליכע מענשהייט פון מלחמות און ברייננגען דער וועלט דעם אייביגען פרידען. דער בלוטיגער צאַר האָט ארויסגעלאָזען זיין אוקאַז וועגען דער צוגויפרופונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פרידענס־קאָנפערענץ. זיינען אידישע קאָנגרעס-דיפּלאָמאטען מיט די גוטע קעפּ געפאַלען אויף א שפּיצעל, וויבאַלד אז דו ניקאָלאַיקע ביזט שוין יא אזא איידעלער מענש און גיסט ארויס א אוקאַז וועגען דעם אייביגען פרידען, צי איז ניט א סברא, דאָס דו זאָלסט זיך אויך אָננעמען פאַר ישראליק׳ס קריוודע און טאַקע ניט פוילען זיך און מאַכען א אידישע מלוכה. א דרעגעטא, עפּעס א שטיקעל פּאַריזער רע־פּאָרטער פון רוסישע צייטונגען, רעדט זיך דורך וועגען דעם געניאַלען פּראָיעקט מיט הערצל׳ען, הערצל כאַפּט זיך אָן ווי אן א הייסען שטיין, און באַלד ווערט פאָרגעשלאָגען דעם ציוניסטישען קאָנגרעס, דעם קאָנגרעס פון דער אונטערדריקטער נאַציאָן, וועלכע וויל זיך באפרייען פון דעם צאַר׳ס

וועקט אין אים זיין גאַנצען באַהאַלטענעם אידישען געפיל. מיט אַן אונגעוויינליכער רעדנערישער קראַפט און אַ שטוינענדער דיאַלעקטיק פלעגט ער מאַכען דעם קונץ צו באַווייזען פון סאָציאַליזם גופא, דאָס אידען דאַרפען קיין סאָציאַליזם ניט. זה ינחמנו, אָט דער וועט אונז אויסהעלפען, האָבען זיך אָנגעכאַפּט אָן אים די ציוניסטען, וועלכע זיינען געשטאַנען אומעטום אונטער די קאַנאָנען־שאָסען פון דער סאָציאַליסטישער קריטיק. צו דעם קאַמף געגען דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם איז נאָך צוגעקומען די קונצען־מאַכעריי פון די בונדיסטישע אריבערלויפער.

.4

ווי גרויס עס זיינען ניט געווען די מניעות פאַר דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם אי מצד דעם ציוניזם אי מצד דעם אסימילאַטאָרישען סאָציאַליזם, האָט דאָך געהאַט די סאָציאַליסטיש-ציוניסטישע אידעע איר צויבערקראַפט און האָט געוועקט צו זיך אַ אינטערעס. דיזער אינטערעס האָט זיך ארויסגעוויזען שוין בולט'ער אויף דעם דריטען ציוניסטישען קאָנגרעס. די קאָנגרעסען אין באַזעל זיינען געוואָרען דער פּלאַץ, וואוהין עס פלעגען זיך צונויפקומען ניט נאָר די ציוניסטען, נאָר אויך די אידישע פּאַרטייאישע יוגענט, בפרט די וועלכע האָבען געהאַט אַ שטיקעל שייכות צום אידישען נאַציאָנאַליזם. עס פלעגען זיך צונויפקומען בונדיסטען, האַלבע און פערטעל־נאַציאָנאַליסטען, אומצופרידענע ציוניסטען, מיט אַ גאַנצע מאַסע סטודענטען און סטודענטקעס. זיי פלעגען קומען הערען עטוואָס וועגען דער אידישער גאולה און פלעגען אוועקפאָרען מיט אַ געמישטען געפיל פון שפּאָט, פאַראַכטונג און אביסעל פאַרוואונדערונג.

אויף דעם דריטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין יאָר 1899 האָבען זיך אָבער שוין באַוויזען די ערשטע סמנים פון די צוקונפטיגע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. די פראַגע וועגען דער באַציאונג צווישען ציוניזם און סאָציאַליזם האָט ארויסגערופען אַ טיפען אינטערעס ביי די ראַדיקאַלע יונגע ציוניסטען, אזוי ווי ביי פילע בונדיסטען און אסימילאַנטען. עס איז פון פילע זייטען אויסגעדריקט געוואָרען דער וואונש, דאָס איך זאָל האַלטען וועגען דיזער פראַגע אַ רעפעראַט, און איך האָב אַנאָנסירט אַ רעפעראַט אין דייטש: „דער סאָציאַליסטישער ציוניזם“, אין אַ קליינעם זאַל אין באַזעל. דאַמאָלסט איז דאָס ערשטע מאָל געברויכט געוואָרען פון מיר, דאָס וואָרט: סאָציאַליסטישער ציוניזם, אלס אַ נייע אידעע און באַוועגונג. די דעבאַטע איז געווען אַ שטורמישע, און עס האָט זיך ארויסגעוויזען דער מערקווירדיגער פאַקט, דאָס איינינגע בונדיסטען האָבען אויפגענומען דעם ציוניזם און דעם סאָציאַליזם פון זיך אָבגעטרייסעלט., בשעת פאַרקערט די ראַדיקאַלע

מאַכען אן אייגענע אידישע מלוכה, כדי דאָרטען קענען פירען מסחר אומגע־שטערט. איך ווייס ניט, אויב ווער עס איז האָט ווירקליך געגלויבט אין דיזער ערקלערונג פון ציוניזם, אָבער פאַר דעם דאַמאָלסדיגען מאַרקסיזם אויף דער אידישער גאַס איז זי געווען א פונד־גרוב. ווי טאַקע ערקלערען דיזע גאַנצע זאַווערוכע, וועלכע האָט זיך פאַרקאָכט דורך דעם ציוניזם? וואָס היצט זיך אזוי די בורזשואַזיע? וואָס שפּילט מען דאָ אין אידעען? וואָס איז די אמת'ע פאַרבאָרגענע גרונטלאַגע פון דעם רעש? די גאַנצע מעשה ווערט פּשוט ערקלערט דורך די געלד־אינטערעסען פון דער בורזשואַ־זיע, הינטער אלע ציוניסטישע אידעאַלען שטעהט באמת נאָר דער רובעל, וועלכען די פּערוויגילדע וויל פאַרדינען אין דער אידישער מלוכה. דיזע פּאָלעמיק מיט דעם יעמוד־עקאָנאָמיקע איז געווען אויף א וויילינקע א ווירק־זאַמער מיטעל ביים „בונד“ אין קאַמף געגען ציוניזם, ביז עס איז געקומען אַנאַנדער טעאָרעטיקער און אויסגעקלערט עפּעס אַנאַנדער זאַך.

די שאַנסען פאַר דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם זיינען געווען טרויעריג. די פּאָר סאָציאַליסטען־ציוניסטען פון ערשטען קאָנגרעס זיינען אַנטלאָפען אין „בונד“ אָדער אנדערע פּאַרטייען. בערנאַר לאַזאַר האָט פאַרלאָזען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָן, ווייל ער האָט געגלויבט, דאָס מען דאַרף זוכען די דערנעהענטערונג צו די רעוואָלוציאָנערע יונג־טערקען און ניט לויפען צו קיסרים. דער ציוניזם איז געוואָרען דער סימבאָל פון רעאַקציאָן, און זיין א ציוניסט איז געווען גלייך ווי זיין א פיינד פון אַלע בעסערע און שענערע אידעען פון דער צייט.

פירען אן אַגיטאַציע אין יענער צייט פאַר דעם סאַציאַליסטישען ציוניזם אין די סטודענטישע קאָלאָניעס איז געווען ניט גאָר קיין דאַנקבאַרע זאַך. די ציוניסטען האָבען נאָך מער פיינט געהאַט דעם סאָציאַליזם, איידער די סאָ־ציאַליסטען דעם ציוניזם. דערצו איז נאָך צוגעקומען די טרויעריגע ערשיי־נונג, דאָס אויב דער ציוניסטישער אמת האָט וועלכען עס איז נצחון אין די רייען פון דעם סאָציאַליזם, איז דער געווינס ניט אָנגעקומען דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם פון דער פאַנטאַזיע, נאָר דעם בורזשואַזען ציוניזם פון דער ווירקליכקייט. די איבערלויפער פון סאָציאַליזם אין ציוניזם זיינען געוואָרען סטאָלבעס פון ציוניזם און גראָמילעס פון סאָציאַליזם. אַזאַ ראָליע איז אויסגעפאַלען א געוויסען אַבערסאָן אין זשענעווע, וועלכער האָט שפּע־טער פאַרנומען א באַדייטענדען אָרט אין דער ציוניסטישער יוגענט און אין דער דעמאָקראַטישער פראַקציע. אבערסאָן האָט געהערט צו יענע פריער פון מיר געשילדערטע עלעמענטען, וועלכע זיינען פון פאַלעסטינצעס געוואָרען בונדיסטען. ער איז געווען פון אמסטערדאַמ'ס קרייז. ער האָט געטראָגען דאַמאָלט אויף זיינע פּלייצעס אן אונרואיגע קאָפּ, און דער ציוניזם האָט דער־

אראָבגענומען דורך אן ערקלערונג פון דעם כשר'ן ציוניזם דעם פלעק פון סאָציאליזם. און אויף להבא, האָט הערצל ערקלערט אונטער די אפּלאָדיסמענטען פון קאָנגרעס, דארפען אזעלכע הענדבילס דורכגעהן די צענזור פון דעם פּרעזידיום. דעם נעקסטען טאָג נאָך דעם רעפעראַט, האָט מיר הערצל געזאָגט מיט זיין באקאנטער פריינדליכקייט און וויציגקייט: „קומט, איר סאָציאליסטען, צו א זיבעטען קאָנגרעס און טרייבט מיך ארויס". עס איז הערצלען ניט באשערט געווען צו זיין אויף דעם זיבעטען קאָנגרעס, אָבער גראד אויף דעם זיבעטען קאָנגרעס איז געווען א גרויסע סאָציאליסטישע פראקציע, און רויטע פלאַקאטען גרויס ווי עוג מלך הבשן זיינען געהאנגען אין קאָנגרעס־זאל און אנאָנסירט סאָציאליסטיש־ציוניסטישע מיטינגען און פארזאמלונגען. עס איז געווען די צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע, און די ציוניסטען האָבען נעבאך געמוזט שווייגען און צוקוקען צו דעם חלול השם...

דער אינטערעס אין דער אידישער יוגענט צו דעם סאָציאליסטישען ציוניזם האָט געהאלטען אין וואקסען. עס האָבען זיך אָנגעהויבען ווייזען איינצעלנע אנהייגנער פון דער נייער אידעע, וועלכע האָבען שוין ארויסגעוויזען די טענדענצען צו גרופּירען זיך. אָבער אלץ איז נאָך געווען אונקלאָר, כאאָטיש און אונזיכער, און פון די בעסטע רייד און אויסזיכטען האָט זיך ניט זעלטען גאָר אויסגעלאָזען א בוידעם. אזוי למשל האָט זיך מיט מיר געשטעלט אין פארבינדונג א געוויסער הערר ה י ק ע ל פון ברין אין עסטרייך, וועלכער האָט פּרעטענדירט צו זיין דער אָנפירער פון אידישען האנדעלס אָנגעשטעלטע און ארבייטער, וועלכע האָבען געזוכט דעם וועג צו א ציוניסטיש־סאָציאליסטישער ארבייטער־פּארטיי. דיזער הערר היקעל האָט אויך אָנגעהויבען ארויסצוגעבען אין ברין א צוויי־וועכענטליכע צייטונג אין דער דייטשער שפּראך: „די אידישע פאָלקס־שטימע", וועלכע האָט זיך אויך ערקלערט, איך וויים ניט מיט וואָס פאר א רעכט פאר דעם „צענטראל־אָרגאן פון די אידישע ארבייטער און האנדעלס־אָנגעשטעלטע". איך האָב אויפגעשריבען דעם לייט־ארטיקעל פאר דעם ערשטען נומער, וועלכער האָט געזאָלט זיין א פּראָגראם־ארטיקעל פאר דער צייטשריפט און די צוקונפטיגע פּארטיי. עס האָט זיך אָבער באלד אויסגעלאָזען, דאָס דער פּראָגראם־ארטיקעל האָט גערעדט אויף פּוסטע וועלדער. דער רעדאקטאָר פון דער „פאָלקס־שטימע" האָט אָנגעהויבען דרוקען אין זיין צייטונג וואָס עס האָט זיך געמאכט, און אָנגעהויבען קודם כל קלייבען אבאָנענטען ביי אידען. באלד איז די צייטונג געוואָרען דער פּלאַץ, וואו אלע ארטיקלען, וועלכע די בעסערע ציוניסטישע צייטונגען פלעגען ארייגוואַרפען אין פּאפּיר־קאָרב, האָבען דאָרט אָבגעלעבט תחית המתים. אין א קורצע צייט ארום האָט די צייטונג אויך ארויסגעוואָרפען די צווייטע קעפּעל: צענטראל אָרגאן פון די אידישע האנ־

ציוניסטען האָבען ארויסגעוויזען די טענדענץ צו געהן אַלץ מער און מער אויף דעם וועג פון דעם סינטעז צווישען ציוניזם און סאָציאַליזם.

אלס איינער פון די ערשטע פון די ראדיקאַלע ציוניסטען, וועלכע האָבען אין יענער צייט שוין אין רוסלאַנד געפּרופט אָרגאַניזירען ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע ארבייטער־גרופּען, דאַרף דערמאָנט ווערען דאָ ק. ט ע פּ ע ר פון אדעס, וועלכען איך האָב געטראָפען אלס דעלעגאט אויף דעם דריטען ציוניסטען־קאָנגרעס. טעפּער איז דער מערקווירדיגער אידישער אינטעלי־גענט, וועלכער האָט איבערגעלעבט אלע אידישע און ניט־אידישע באוועגונ־גען אין רוסלאַנד מיט א שטורמדיגען אונרוה. ער איז דאַמאָלט געוועזן אין זיין ציוניסטיש־סאָציאליסטישער ענטוויקלונגס שטופּע. דאָס האָט אָבער ביי אים לאַנג ניט אָנגעהאַלטען, אין צוויי יאָר ארום האָט ער זיך אָבגעקערט פון ציוניזם און האָט זיך געמאכט דעם קאמף געגען דעם ציוניזם פאַר א באזונדערע ספּעציאַליטעט. דער גרונד איז געוועזן דער, וואָס א סאָציאַ־ליסטיש־ציוניסטישע אָרגאַניזאציע האָט נאָך אלע פּרובונגען אין יענער צייט זיך ניט איינגעגעבען, בשעת די ציוניסטישע יוגענט האָט אין דער אזוי אָנ־גערופענער דעמאָקראַטישער פראַקציע זיך אָרגאַניזירט צום קאמף געגען דער אידישער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג און דעם סאָציאַליזם אויף דער אידישער גאַס, אַלץ אין נאָמען פון דעם הייליגען ציון. דיזער קאָנקרעטער פאַקט האָט געווירקט אויף טעפּער'ן, דאָס ער זאָל פארצווייפלען אָן וועלכער עס איז מעגליכקייט אין א סאָציאַליסטישע ארבייטער באוועגונג מיט א טעריטאָריא־ליסטישער אידעע. אין לויף פון מיין שפּעטערדיגער אַגיטאציע האָב איך געטראָפען אין לאָנדאָן פילע ארבייטער, וועלכע זיינען געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון טעפּער'ן. זיי זיינען געוועזן לכתחילה ציוניסטען, אָבער וויבאַלד זיי זיינען געוואָרען אונטער טעפּער'ס ווירקונג סאָציאַליסטען, האָבען זיי זיך באַלד אָפּגעזאָגט פון ציוניזם. טעפּער האָט אויף אזא אופן געמאַכט דעם ערשטען פּארזוך צו אָרגאַניזירען סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע גרופּען אין רוסלאַנד, אָבער דער פּארזוך האָט זיך דאַמאָלט ניט איינגעגעבען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין רעפעראַט: דער סאָציאַליסטישער ציוניזם, דאַרף דאָ דערמאָנט ווערען אן עפּיזאָד, וועלכער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם ציוניזם פון יענער צייט. כדי צו אַנאָנסירען דעם רעפעראַט, איז פאַר־שפּרייט געוואָרען אין קאָנגרעס אן איינפאַכער הענדביל. אין וועלכען עס איז אָנגעגעבען געוועזן דער טיטל פון דעם רעפעראַט: „סאָציאַליסטישער ציוניזם", און דער פּלאַץ פון זאַל. ביי די „ווערנאָפּאָראַנע" ציוניסטען איז געוואָרען א שטיקעל ראַזרעך, סטייטש, מה יאמרו, וואָס וועלען חלילה זאָגען די קיסרים. מען האָט גלייך דערלאַנגט א הענדביל הערצל'ען און הערצל האָט אויף א ווײַלע איבערגעריסען די פאַרהאַנדלונגען און מקדש השם געוועזן און

געגען דיזער האלטונג פון „בונד“ האָט פּראָטעסטירט אין דער פּרעסע א זשע־נעווער גרופּע פון „ציוניסטען־סאָציאליסטען“, וועלכע זיינען באמת אָבער געווען נאָר בונדיסטישע איבערלויפער און וועלכע זיינען שפּעטער פּארזונקען געוואָרען אלס רעאקציאָנערע שונאים פון סאָציאליזם אין דעם מוטנעם וואסער פון דער דעמאָקראטישער פּראקציע.

5.

אין לויף פון מיין לאנגיאריגער אגיטאציע פאר דעם סאָציאליסטישען ציוניזם צווישען דער שטודירענדער יוגענט און אינטעליגענץ אין די מערב־אייראָפּעאישע שטעדט איז ביסלאכוויז געשטיגען דער אינטערעס פאר דיזע נייע אידעע, און פון פארשידענע זייטען האָט מען „אָנגעבאָטען“ מיט מיר גרינדען א סאציאליסטיש־ציוניסטישע אָרגאניזאציע. פון דיזע „אָנבאָטע־נישען“ האָב איך אָבער קיין נחת געוואוינליך ניט געהאט. די פארהאנדלונגען פלעגען פלאצען אין סאמע מיטען, ווייל יענער צד פלעגט שטענדיג עפּעס ניט וועלען פון מיינע תנאים. דער פלעגט ניט וועלען קאָאָפּעראטיווע קאָלאָ־ניזאציאָן, ווארום ער האָט געהערט זאָגען, אז דאָס איז א „אוטאָפּיע“, און דער פלעגט ניט וועלען דעם נאָמען „סאָציאליסטיש“, ווארום ער פלעגט זאָגען, אז פאר ציוניסטען איז גענוג „סאָציאל“, און דער צד השוה פון כמעט אלעמען איז געווען, דאָס זיי זיינען געווען געגען דעם רעוואָלוציאָנערען קאמף אין רוסלאנד. דער הויפּט ארגומענט איז געווען, דאָס וויבאלד מיר האלטען ביי אוועקפאָרען אין ארץ ישראל, טאָ וואָס איז אונז דער חלוק, וואָס פאר א מלוכה־פאָרם עס וועט זיין אין רוסלאנד.

אין יאָר 1901 האָב איך אין בערלין דערקענט אייניגע האלבע אָדער אפשר טאקע גאנצע ציוניסטען־סאָציאליסטען, ווי זיי האָבען אין יענער צייט אָנגעהויבען ארויסצושפּראָצען אייגציגווייז צווישען דער שטודירענדער יוגענד. דורך זיי האָב איך זיך געשטעלט אין אן איינגערע פארבינדונג מיט דעם קיעווער ציוניסטישען סטודענטען־פאראיין „קדימה“, פון וועלכען עס האָט זיך געהערט, דאָס ער איז כלו רויט. פון יענעם קיעווער עולם זיינען אין די שפּעטערע יאָרען טאקע ארויס א היבשע צאָל אלערהאנדיגע פּארטיי־מענשען, ספּעציעל אָבער סיימיסטען, הפנים ווייל קיעוו איז געווען א ס.־ר.־אָווסקע שטאָט. עס האָט אויסגעזעהן, דאָס די צייט איז געקומען צו פּרואווען זיך ארויסצורופען א סאציאליסטיש־ציוניסטישע באוועגונג.

דיזע באוועגונג האָב איך אָנגעהויבען צו אָרגאניזירען נאָך דיזעלביגע כללים, ווי אונטער אזעלכע אומשטענדען ווערען געוויינליך באשאפען אזוינע באוועגונגען. פריער האָבען זיך אָרגאניזירט פיר מאן אין א פאראיין „העסיאנא“, נאָך דעם ערשטען סאָציאליסט־ציוניסט משה העס. דערנאָך

דעלם אַנגעשטעלטע און ארבייטער, און אונזער ציוניסטיש-סאָציאַליסטישער רעדאַקטאָר איז געוואָרען א איד מיט א צייטונגס־ביזנעס.

וואָס מער עס האָבען זיך געוויזען סאָציאַליסטישע טענדענצען אין יענע יאָרען צווישען די יונגע ציוניסטען, וועלכע האָבען געזוכט צו פארבינדען די אידעע פון דער אידישער פּאָליטישער אויפלעבונג מיט א אידישער סאָ־ציאַליסטישער ארבייטער־באַוועגונג, אלץ עפּטער פלעגט אויפטרעטען די אנטקעגענגעזעצטע ערשיינונג, דאָס סאציאַליסטען פלעגען אנטלויפען אין דעם שוים פון ציוניזם און דאָרט זיך פארוואנדלען אין כשר'ע בעלי בתים. אזעלכע חברה האָב איך געטראָפען אין לאָנדאָן אויף דעם פערטען ציוניסטען־קאָנגרעס, וואו אייניגע פירער פון די סאציאַליסטען זיינען אריבערגעשפּרונ־גען צום ציוניזם און האָבען מיט דערזעלביגער לייכטקייט גענומען זידלען דעם סאָציאַליזם, ווי פריער דעם ציוניזם. דיזע סאָציאַליסטישע איבערלוי־פער האָבען, נאַטירליך, ניט געגאָסען קיין וואסער אויף די שוואכע מילען פון דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם, זיי האָבען מער ווי אלע אנדערע פאר־שווערט זיין גאַנג. אָבער א געוויסע אונרו האָבען זיי דאָך אריינגעבראכט אין די קעפּ, און די כוואַליעס פון דער דיסקוסיע זיינען אומעטום הויך געשטיגען.

א שטיקעל אונרוה האָט ארויסגערופען אין די קרייזען פון דער אידישער פּאַרטיינער אינטעליגענץ דער פּראָטעסט, וועלכען עס האָט ארויסגעלאָזען א גרופּע פון זשענעווע, אונטערגעשריבען „סאָציאַליסטען־ציוניסטען“, וועגען דער האַלטונג פון „בונד“ אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטען־קאָנ־גרעס אין פּאַריז אין יאָר 1900. דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס האָט אָנגענומען א רעזאָלוציע, וואו עס איז אויסגעדריקט געוואָרען די סימפּאַטיע פון דעם סאָציאַליזם מיט די אונטערדריקטע פעלקער און די פארדאַמונג פון די אונטערדריקער. קראָמע יעווּרעיעוו נאַטירליך. דער „בונד“, וועלכער איז דאַמאָלט שוין געווען דער איינציגער פאָרשטייער פון אידישען פּראָלעטאַ־ריאַט, האָט געמאַכט א שווייג אויפ'ן קאָנגרעס און האָט חלילה ניט אריינגע־טראָגען קיין דיסאָנאַנס אין דער שטילער האַרמאָניע פון די צאָלרייכע אידי־שע מיטגלידער פון קאָנגרעס. אין די קרייזען פון דער אידישער אינטעלי־גענץ האָט אָבער די מעשה פארדראָסען, און די ציוניסטען האָבען געמאַכט פּרעטענזיעס. ציוניסטען פלעגען טענה'ן, אויב איר בונדיסטען האָט פאר־ראַטען דאָס אידישע פּאָלק אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס, האָבען מיר ציוניסטען פארראַטען דאָס אידישע פּאָלק דורך די אונטערטעניגקייטס־טעלעגראַמען צו אלע צוררי ישראל אויף דעם ציוניסטישען קאָנגרעס. גיט איר א שטאָך דעם אידישען פּאָלק פון איין זייט, גיבען מיר אים א שטאָך פון דער אנדער זייט, און מיר זיינען זיך אלע מיטאַנאַנדער גלייכע העלדען.

געווען די צאָל פון דער „פארטיי“. מיט דיזען פראקטישען ארגומענט האָט ארומגעפאָכטען צביון, וועלכער איז דאַמאָלט געווען איינער פון די גייסטיגע פירער פון „בונד“. צביון איז געווען לכתחילה א פארברענטער ציוניסט, נאָכ־דעם ווי ער האָט פארזוכט פון דעם עץ הדעת פון סאָציאַליזם, איז ער אנטלאָ־פון עם כל ישראל אחיו אין „בונד“, און איז דאָרטען געוואָרען דער מומחה אויף ציוניזם. אין דעם „אידישען ארבייטער“ פון 1900, דעם וויסענשאַפט־ליכען אָרגאַן פון „בונד“, איז אָפּגעדרוקט געוואָרען אַן ארטיקעל פון צביון וועגען דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואו דער פאַרפאַסער האָט ערקלערט פאַר דער גאַנצער וועלט, דאָס פון ציוניסטען־סאָציאַליסטען האָט קיינער גאָרנישט ניט געהערט. איז דערפון די ראיה, דאָס אזא סינטעז איז ניט לאָגיש פון קאָפּ ביז די פיס.

אין דעם יונגען ציוניסטישען לאַגער האָט אָבער דיזע שריפט פאַרגרע־סערט נאָך מער די אמרוה און זוכעניש, וועלכע האָט דאַמאָלט אָנגעכאַפּט די יוגענט, אָבער דערווייל גאָרניט אין זין פון סאָציאַליסטישען ציוניזם. דאָס אויפטרעטען פון דער סאָציאַליסטישער שטרעמונג האָט קודם כל גע־געבען אַן אָנשטויס צו דער ענטשטעהונג פון דער אזוי אָנגערופענער דעמאָ־קראַטישער פראַקציע. דיזע דעמאָקראַטישע פראַקציע האָט געוואָלט כאַפּען צוויי האָזען מיט איין מאָל, ערשטענס האָט זי געוואָלט באשאַפען א מער פּראָגרעסיווע פאָרם פון ציוניזם, און צווייטענס האָט זי געוואָלט דינען אַלס אָבטיילונג געגען דער סאָציאַליסטישער סכנה. אין ווינטער 1902, בשעת דעם פינפטען ציוניסטישען קאָנגרעס, איז אין באזעל אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ קאָנפערענץ פון אינגערע און יונגע ציוניסטען, פון וועלכע עס איז ארויס־געוואקסען די דעמאָקראַטישע פראַקציע. איר גרונט אידעע איז געווען די פאַרהיטונג פון דער ציוניסטישער יוגענט פון דעם סאָציאַליזם און די אָבשיי־דונג פון דעם בעל־בתישען ציוניזם. ניט א קאָנסטיטוציע אין רוסלאַנד, נאָר א דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע אין דער געשעפטסאָרדנונג פון דעם ציוניסטישען קאָנגרעס איז געווען דער דעמאָקראַטישער אויפטו פון דער פראַקציע. און אז איינער פון די פירער פון דער פראַקציע האָט אויסגע־דריידעלט דעם המן מן התורה, דאָס פון דעם סאָציאַליזם גופא דאַרפען אידען ניט זיין רעוואָלוציאָנער און סאָציאַליסטיש, און דאָס די אמת'ע רעוואָלוציאָ־נערען זיינען נאָר די ציוניסטען, האָט די יוגענד אָבגעהילכט פון פריידגעשריי. די דעמאָקראַטישע פראַקציע האָט ניט געלעבט, אָבער זי האָט אויסגעדריקט די רעאַקציאָנערע שטימונג פון דער גרויסער מאַיאָריטעט פון דער ציוניסטי־שער יוגענט דאַמאָלסט, און האָט אויף אַ ווײַלעווירקליך געשאַפען א מניעה פאַר דער ווייטערער ענטוויקלונג פון דעם סאציאַליסטישען ציוניזם.

האָבען מיר געלאָזט וויסען דער וועלט, דאָס מיר עקזיסטירען, דורך די אָרגאַנזשירונג פון אַ רעפעראַט: „דער סאָציאַליסטישער ציוניזם“, וועלכען איך האָב געהאַלטען פאַר דער „רוסישער“ קאָלאָניע, אין רוסיש פאַרשטעהט זיך. דער רעפעראַט האָט נאַטירליך ארויסגערופען אַ דיסקוסיע, און יעדער, וועלכער האָט געהאַט אַ האַנט און אַ פוס, האָט באַוויזען די מעלות פון קאָסמאָפּאָליטיזם אין פאַרגלייך מיט אידישקייט. דערנאָך האָט מען אין דער „קאָלאָניע“ אָנגעהויבען ווייזען מיט די פינגער אויף דער נייער פּאַרטיי, וועלכע האָט געצעהלט אַ מזומן מיטגלידער, און פון דער פּאָזיציע, דער נעגאַציע און דעם קאַמף פון די גייסטער האָט זיך אָנגעהויבען באַוועגען אַ באַוועגונג.

דעם קצור פון יענעם רעפעראַט האָב איך אויפגעשריבען אין דער פאָרם פון אַ קליינער בראָשור און פאַרבאַרייטעט די ערשטע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע שריפט אין רוסישער שפּראַך: „וואָזזוואַניע ק'יעווריעיסקאָי מאָלאָדיאָזשי, איזדאַניע סיאָניסטאָוו סאָציאַליסטאָוו“. דיזע שריפט האָט אויפגעוויזען דעם ווערט פון אַ אידישעם לאַנד פאַר דאָס אידישע פאָלק און דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט, האָט געגעבען אַ שאַרפע קריטיק פון דעם ציוניזם און דער אידישער פּאָליטיק און ארויסגעשטעלט פאַר דעם אידישען אַרבייטער און דער אינטעליגענץ די לאָזונגען פון אַ אידישעם לאַנד, רעוואָלוציאָנערען און סאָציאַליסטישען קאַמף און קריטיק פון דער אידישער טראַדיציאָנעלער רעליגיע. פאַר דעם פּראָפיט פון דעם רעפעראַט, וועלכער איז געווען אַ ערך 70 מאַרק, האָט מען געגעבען אַן אויפגאַב צו דרוקען די בראָשור און מען האָט פאַרטיג געמאַכט די ערשטע סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע אַגיטאַציאָנס שריפט. דער דרוק פון דעם ביכעל איז אָנגעגעבען געוואָרען לאָנדאָן, אָבער באמת איז עס געדרוקט געוואָרען אין בערלין, נאָר אַזוי ווי די בערלינער פּאָליציי האָט מער געהאַלטען פון ציוניזם איידער פון סאַציאַליסטישען ציוניזם, און וואָלט געקענט אָנהויבען בודק זיין, ווער עס איז די גרופּע, וועלכע עס האָט ארויסגעגעבען דאָס ביכעל, האָט מען משנה מקום געווען.

דיזע „וואָזזוואַניע“ איז שטאַרק געלעזען געוואָרען אין מערב־אייראָפּאַ אַזוי גוט ווי אין רוסלאַנד, וואוהין עס זיינען אריינגעשמוגעלט געוואָרען פילע עקזעמפּליאַרען. זי איז געלעזען געוואָרען מיט אַ געמישטען געפיל, ציוניסטען זיינען געווען שטאַרק אין כעס פאַר אַזאַ חלול השם, און סאָציאַליסטען האָבען געקוקט אויף דער גאַנצער מעשה ווי אויף אַ קוריאָזיטעט, ווי אויף אַ באַשעפעניש, וועלכעס איז למעלה פון דער מאַרקסיסטישער נאַטורגעשיכטע. אַזוי אָבער ווי די פּאַרטיי איז באַשטאַנען אינגאַנצען פון אַ מזומן מענשען, איז בכלל דאָך ניט געווען מיט איר זיך וואָס צו רעכענען דאַמאָלט. דער בעסטער אַרגומענט געגען דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם דאַמאָלט איז

פון דער ס. ס. פעריאָדע

די רעוואָלוציע און די אידישע בורזשואזי
די רעאַקציע און די אידישע רעוואָלוציע

די רעוואָלוציע און די אידישע בורזשואזיע *)

די רעוואָלוציע דעקט אויף די סודות פון דער מענשליכער געשיכטע. דער פאַרבאָרגענער קלאסען־קאמף, וועלכער איז די טרייבענדע און שעפפערישע קראַפט אין דעם היסטאָרישען לעבען, טרעט אין דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע ארויס אויף דער אויבערפלעכע פון לעבען און ווערט קענטיג און פארשטענדליך. די קלאסען אין דער געזעלשאַפט ערקענען זיך אין דער רעוואָלוציע, זייער אידעאָלאָגיע פאלט צוזאמען מיט זייער סאָציאלען כאראקטער, אין זייערע אידעאלען שפּיגעלט זיך אָפּ זייער לאגע. דער קלאסען־קאמף איז דערום צום ערשטען מאָל אָנגעדייטעט געוואָרען פון די געשיכטסשרייבער פון די פראנצויזישע רעוואָלוציעס אין 19טען יאָרהונדערט, ביז מארקס, דער גרויסער קענער פון דער געשיכטע פון די רעוואָלוציעס אין פראנקרייך און דער טיילנעמער פון דער רעוואָלוציע פון 1848טען יאָר, האָט אויפגעדעקט און וויסענשאפטליך באוויזען, אז דער קלאסען־קאמף איז דער וואָרצעל פון דער מענשליכער געשיכטע.

די רוסישע רעוואָלוציע האָט אויך אראָפּגענומען דעם שלייער פון די פארבאָרגענע קלאסען־היפּוכים און געגענזאצען פון דעם געשעפטליכען לעבען אין רוסלאנד און האָט יעדען קלאס געהאָלפען ערקענען זיין קלאסען־לאגע און זיין קלאסען־אידעאָלאָגיע. און וואָס מער די רוסישע רעוואָלוציע ענטוויקעלט זיך און ווערט שטארקער, אלס מער ווערט דאָס לאנד א קאמפּס־פלאַץ פון קלאסען, וועלכע שטעהען איינע געגען די אנדערע, פאראייניגען זיך געגען דעם געמיינזאמען שונא, קעמפען צווישען זיך און מאכען אויף א ווײַלע שלום אין געפאר פאר אן אנדער קלאס, און ווערען שטענדיג געטריבען און געפירט פון די קלאסען־אינטערעסען, וואס ווערען אלס קלאָרער און ערקענטליכער.

בשעת די רוסישע ליבעראלען האָבען ערשט אָנגעהויבען ארויסטרעטען אין פּאָליטישען לעבען אלס אן אָפּאָזיציאָנעלער עלעמענט, האָט זייער ראדיקאליזם ניט געקענט קיין גרעניצען. די אידעאָלאָגען פון דער בורזשואזיע האָבען געוועקט זייער קלאס און געטריבען אלס ווייטער אויף דעם רעוואָלוציאָנערען וועג לויט די געשעהענישען, וועלכע האָבען זיך טעגליך אָפּגעשפּילט אין לאנד. ווי די דייטשע ליבעראלען פון 1848טען יאָר, האָבען זיי זיך געהאלטען ווי אויפריכטיגע פריינד פון דעם אונטערדריקטען נידעריגען פאָלק און האָבען גערעדט אָפט גאָר אויף א האלב־סאָציאליסטישער שפּראך. אין

---

*) פון דער „נייער וועג” נומער 10, ווילנא, 13טען יולי 1906.

זי האָט געפּריידיגט אידישע הכנעה און לאָיאַליטעט צו דער הערשענדער אָרדנונג, וועלכע זי זאָל ניט זיין, און געשטרעבט אין לאַנד ניט נאָך הערשאַפט נאָר דורך דולדונג. געגען דעם קעמפּפענדען פּראָלעטאַריאַט איז זי ניט געווען אזוי איבער אירע קלאַסען־אינטערעסען, ווי איבער די אידישע „כל הצרות“, וועלכע וואַקסען כלומרשט ארויס פון דער אידישער רעוואָלוציע. זי איז געווען אזוי נידערשלאָגען, אז זי האָט ניט געהאַט אפילו דעם סאָציאַלען און פּאָליטישען מוט צו שטרעבען אלס הערשענדער קלאַס נאָך פּאָליטישער הערשאַפט.

דער בעסערער טייל פון דער אידישער מיטעל־בורזשואַזיע, דער טייל, וועלכער האָט נאָך געהאַט אידישע טראַדיציעס, השכלה־קולטור און נאַציאָנאַלע אינסטינקטען איז געשטאַנען אונטער דער פאָן פון ציוניזם. נאַטירליך, איז ניט דער אידעאַל פון א נייער אידישער געזעלשאַפט, פון א פאַרענדערונג פון די לעבענס־פאָרמען געשטאַנען פאַר אירע אויגען, דער ציוניזם איז געווען פון איין זייט דער אויסדרוק פון איר אונפּייאיגקייט צום קאַמף און איר פּאָליטישער האָפנונגסלאָזיגקייט, און פון דער אנדערער זייט א נאַציאָנאַלער חלום, אן אייגענע פּאָליטיק, א אידישליכע באוועגונג. די ציוניסטישע בורזשואַזיע האָט דארום פאַרשענערט גאָר פילע אידעען פון דער גאַנצער בורזשואַזיע. האָט זיי אָנגעטאָן אין א פילאָזאָפיש און מאָראַליש מאַנטעלע, האָט דערפון געמאַכט א נאַציאָנאַלע טעאָריע. עס זיינען ניטאָ און עס דאַרפען ניט זיין ביי אידען קיין קלאַסען, די פּאָליטיק פון אן אונטער־דריקטען פאָלק מוז זיין נאַציאָנאַלע אחדות. זי האָט גערעדט אין נאָמען פון פאָלק, פון די אונטערדריקטע און נידערשלאָגענע אידען, זי האָט גערופען קיין ציון פון דעם פּאָליטישען און עקאָנאָמישען גלות. אויך א סאָרט בטלנ׳ישען סאָציאַליזם האָט זי געשאַפען פון דער הייליגער אידישקייט. אין ארץ־ישראל וועט זיין א נאַציאָנאַליזאַציע פון ערד, שמיטה און יובל, אזוי ווי עס שטעהט געשריבען אין דער ניט מארקסיסטישער, אָבער סאָציאַליסטישער תורה. דאָס אידענטום איז כלו מאָראַל, מענשענליבע און גערעכטיגקייט, און דער מוסר־היהדות, וועלכען אחד־העם האָט ענטדעקט איז די סאַמע אידישקייט. בשעת די ארומיגע ווירקליכקייט האָט דער מיטעלער בורזשואַזיע גאָרניט געגעבען, האָט זי געשריען וועגען איר פאָלקס־פריינדליכקייט, וועגען ציון, וועגען אי־דישקייט, וועגען אחדות, וועגען הייליגען מאָראַלישען, סאָציאַליסטישען אי־דענטום. געגען דעם רעאַלען קלאַסען־קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט האָט זי ארויסגעשטעלט די אידעאַלע ציוניסטישע מלוכה, וואו דער אידישער סאָ־ציאַליזם וועט געפינען זיין ריכטיגען אָרט.

ווי באַלד אָבער עס איז אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע און די ארומיגע ווירקליכקייט האָט באַקומען פאַר דער אידישער בורזשואַזיע א ווערט, האָט

די אָקטאָבער־טעג, ביי דעם העלדישען אויפטרעטען פון דעם פּראָלעטאריאט האָט די „געזעלשאפט“ געקלונגען אין אלע גלאָקען מכח דעם פּראָלעטאריאט, זיין גבורה'שאפט און גרויסקייט. די רעוואָלוציע איז געווען איינהייטליך געגען דעם געמיינזאמען שונא. אָבער שוין נאָך דעם מאניפעסט און די אויפשטאנדען פון דעצעמבער האָט די בורזשואזיע אָנגעהויבען אלץ מער ערקענען איר אייגענעם „איך“ און איר קלאסען־לאגע אין געגענזאץ צום פּראָלעטאריאט. דעם ווייטערען קאמף איז שוין אויסגעקומען דעם פּראָלע־טאריאט פירען אליין. אין דומע האָבען זיך די קלאסען דיפערענצירט נאָך אלע ריכטונגען. די פארטרעטער פון די בויערען און די סאציאל־דעמאָקראַ־טען פון דער לינקער זייט צווינגען די בורזשואזע קאָנסטיטוציאָנעלע דעמאָ־קראטען (ק. ד.) אָנצונעמען זייער אמת'ן קלאסען-כאראקטער און צוריקטרע־טען מער נאָך רעכטס. פון די געזעץ־פּראָיעקטען פון די קאדעטען, פון זייערע רעדעס און דיסקוסיעס איז שוין אלץ מער קענטיג זייער קלאסען־לאגע און אינטערעס, זייער שרעק פאר דער רעוואָלוציע, פאר דעם פּראָלעטאריאט, פאר דעם סאָציאליזם. זיי קעמפען שוין אָפען געגען די „קראמאלע“ און ריידען מכח דעם שווארץ־מאה'דיגען סאָציאליזם. די רעוואָלוציע דערוועקט דעם סאָציאלען באוואוסטזיין פון די קלאסען און שטעלט זיי איינע געגען די אנדערע אין פּאזיציע פון קאמף.

דאָס, וואס עס געהט אָן אנדערש וואו אין גרויסען מאסשטאב, שפּילט זיך אָפּ אין קליינעם אין דער אידישער וועלט. און אזוי ווי דאָס אידישע פּאָלק איז אן אונטערדריקטעס און געפינט זיך אין ניט־נאָרמאלע פארהעלטני־סען, זיינען דאָ די פארענדערונגען נאָך קענטיגער, זיינען די יעצט ארויסגעטרע־טענע קאָנטראסטען נאָך מערקבארער. דער סאָציאלער דיפערענצירונגס־פּראָצעס קומט פאָר ביי די רוסישע אידען שוין זייט פילע צענדליגער יאָרען און די קלאסען האָבען זיך שוין לאנג אויסגעבילדעט. אָבער די פּאָליטישע פּאַ־נאנדערטיילונג איז ניט געגאנגען אין גלייכער שריט, ווי די סאָציאלע. ביי דער אידישער בורזשואזיע האָט נאָך ביז איצט געפעלט א ריין אויסגעשפּראָ־כענע קלאסען־אידעאָלאָגיע. דער נאציאָנאלער דרוק איז געלעגען אויף דעם גאנצען פּאָלק, און די בורזשואזיע, וועלכע האָט ניט געהערט צו דער הערשענדער נאציאָן און האָט ניט געהאט דעם כח זיך אָנצושליסען צו דעם אָפּאָזיציאָנעלען עלעמענט פון לאנד, איז געווען פּאָליטיש נידערשלאָגען און געפאלען. פאר די אויגען פון דער בורזשואזיע האָט ניט געשוועבט קיין שום פּאָליטישער אידעאל, קיין באשטימטע מלוכה־אָרדנונג. איר האָפנונג אין דער ווייטער צוקונפט איז געווען די גלייכבארעכטיגונג; איר רעאלע פּאָ־ליטיק אין דער טרויעריגער געגענוואַרט איז געווען שתדלנות, איר קלאסען־געפיל איז געווען נאָך אלץ פארשמאָלצען מיט דער אידעע פון כלל־ישראל.

קלאַס אין זיך אַלע פעלער פון אַ הערשענדען קלאַס מיט אַלע שוואַכקייטען פון אַן אונטערדריקטען גלות פאָלק.

די גייסטיגע אָנפירערין פון דער ק״ד'טישער בורזשואזיע איז די ציוניסטישע פּאַרטיי. זי האָט זיך נאָך ביי דער פריערדיגער אָרדנונג אָרגאַניזירט, אַ דאַנק דער לאָיאַליטעט און אונטערטעניגקייט, זי האָט געפירט אַ „נאַציאָנאַלע פּאָליטיק“ און ארויסגעשטעלט „היסטאָרישע לאָזונגען“ פאַר דעם פאָלק, און דערום האָט זי אין דער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע געשפּילט איר הויפּט ראָלע אין דער אָרגאַניזירונג פון דער אידישער בורזשואזיע אַלס קלאַס. אין דעם בורזשואזען ציוניזם טרעט דערום נאָך שאַרפער ארוים דער חילוק צווישען דער פּראַזעאָלאָגיע פון אַ קלאַס, ווען די אָביעקטיווע מעגליכקייט פאַר זיין קלאַסען־פּאָליטיק פעלט, און זיין אמת'ע פּאָליטיק בשעת ער קען אויפטרעטען און ווירקען אַלס קלאַס. ביי דעם ערשטען שטראַל פון דער פרילינגס זון האָבען דיזע הייסע נאַציאָנאַליסטען אראָפּגעוואָרפען פון זיך די ציוניסטישע טאָרבע און זיך אָנגעהויבען צו פילען אַלס רוסישע בירגער. דער גלות, וועלכער האָט ביז איצט לגמרי ניט געקענט העלפען דעם אידישען פאָלק, האָט באַקומען אַ גאָר גאַנץ פיינע ממשות. ארץ ישראל איז אָפּגעלייגט געוואָרען לעתיד לבוא, און דעם פּאָליטישען עולם־הזה האָבען די ציוניסטען אָנגעהויבען זוכען אין דער רוסישער מלוכה. די ווערטער פון גאָר ניט לאַנג, אַז די שטיינער אין ארץ ישראל זיינען טייערער ווי ברויט אין חוץ לארץ — זיינען געוואָרען אַ מליצה. פאַרגעסען געוואָרען זיינען אַלע וכוחים מכח קליין־קאָלאָניזאַציאָן, גרויס־קאָלאָניזאַציאָן, טשאַרטער, דער גלח פון „אַלטניי־לאַנד“, אוגאַנדאַ און אַזוי ווייטער — צוליב איין גוט וואָרט פון ראָדיטשעוו אָדער פּעטרונקעוויטש פאַר אידען, צוליב איין אידען פריינדליכען אַרטיקעל אין אַ ק.־ד'טישען בלאַט. די מגידות פון די קאָנגרעסען, די מליצות פון די ארץ ישראל'ניקעס, די פאַרברענטע לשון־קודש'דיגע מאמרים זיינען געוואָרען אַש און ווינט ווי די פּאָליטישע לופט האָט זיך אָפּגערייניגט נאָר אויף אַ האָר. דער ציוניזם האָט ארויסגעטראָגען זיין פּאָליטיק פון ארץ־ישראל אין גלות, אין רוסלאַנד, און אַנשטאַט דעם טרויעריגען עוד לא אבדה האָבען אָנגעהויבען קלינגען פריילינגע רוסישע מעלאָדיען.

און די ציוניסטען האָבען זיך גלייך אָנגעהויבען פילען אַלס אַ קלאַס, אַלס די אידישע בורזשואזיע, און שוין ניט מער אַלס כלל־ישראל. דאָ אין רוסלאַנד, רעדט דער ציוניזם ניט שוין פון מוסר היהדות, פון דער אידישער מאָראַל, פון יובל און שמיטה און נאַציאָנאַליזאַציע פון ערד, פון ביבלישען סאָציאַליזם—אין חוץ־לארץ, אין גלות איז מען פשוט'ע ק.־ד'טען, מען שטעהט נאָר רעכטס, מען וואָלט געשטאַנען גאָר רעכטס ווען די גוים וואָלטען ניט געווען אַזעלכע צוררים. אין גלות רעדט מען ניט קיין הויכע רייד וועגען

דער פּאָליטישער דיפערענצירונגס־פּראָצעס אין דעם אידישען לעבען געמאכט א גרויסען שריט פאָרווערטס. אין דער רעוואָלוציע האָט די אידישע בורזשואַ־זיע באמערקט גלייכבארעכטיגונג, פרייהייט פון האנדעל און געשעפט, די אינערע גוּבערניעס מיט די גרינגע קאָנקורענץ, די עפענונג פון שולען און אוניווערזיטעטען פאר דער יוגענד, דאָס אויפהערען פון פּאָגראָמען און די אָרדנונג אין לאנד. די אידישע בורזשואזיע האָט זיך אָנגעהויבען צו דערקאָ־נען אלס א קלאס און האָט געפירט צוזאמען מיט דער איבעריגער בורזשואזיע איר פּאָליטישען פרילינג. מיט דעם אידישען רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאריאט האָט זי לכתחילה אביסעל גאָר קאָקעטירט. זי האָט זיך געפילט אביסעל פארשעמט פאר אים און געזוכט אָפּוואשען פון זיך אלטע חטאים געגען אים. זי האָט אָנגעהויבען אויסדריקען אים אירע געפילען און האָט אים אָפּגערוימט אויף א ווײַלע דעם פּלאַץ אויף דער אידישער גאס. אָבער קוים האָט די רעי־וואָלוציע געבראכט דעם מאניפעסט פון דעם 17טען אָקטאָבער און דער באַ־וואפענטער אויפשטאנד איז אונטערדריקט געוואָרען, האָט די בורזשואזיע אָנגעהויבען זיך שוין צו פילען אלס א באזונדערער קלאס מיט א באזונדערער פּאָליטיק. די אידישע בורזשואזיע האָט זיך אָרגאניזירט אונטער דער פּאָן פון דעם קאדעטישען ליבעראליזם, אין וועלכען זי האָט נאָך ארייַנגעפלאָכטען די דערגרייכונג פון גלייכבארעכטיגונג. שוין ביי די וואלען אין די דומע איז דער געגענזאַץ צווישען דער בורזשואזיע און דעם פּראָלעטאריאט שארף ארויסגעטראָטען. בשעת דער פּראָלעטאריאט איז געווען פאר באָיקאָט, איז די בורזשואזיע מיט באגייסטערונג געלאָפען צו די וואל־פארזאמלונגען, כדי אריינצושטופּען נאָך אן אידישען דערגרייכער אין דער דומע. זי האָט זיך גלייך געווענדעט געגען דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאריאט און די קלאסען־אינטערעסען זיינען שוין איר געוואָרען קלאָר און פארשטענדליך. נאָר די אידישע הכנעה, די ציטערניש פון אמאָל, די אונפייאיגקייט אפילו שארף אויסצודריקען אירע ליידען און אירע וואונשען האָט די אידישע בור־זשואזיע מיט זיך גענומען אין איר פּאָליטישען וועג. וועלכע הכנעה׳דיגע פּאָליטיק פירען דאָך די אידישע דעפּוטאטען אין דער דומע! נאָך האָבען זיי ניט געהאט דעם מוט אויסצוריידען איין שארפען וואָרט געגען דער מער־דערישער רעגירונג פון פּאָגראָמשטשיקעס, וועלכע באָדט זיך אין אידישען בלוט, ניט נאָך דער דעקלאראציע פון דעם מיניסטעריום, ניט נאָך אורוסאָוו׳ס רעדע, ניט נאָך דעם ביאלאָסטאָקער פּאָגראָם. דער קרעמערישער מוח, דער מקח וממכר׳דיגער שכל פון דעם אידישען דערגרייכער טראכט נאָר מכח דעם ווי „ארייַנכאפּען“ פראוועס, ווי צו פירען אזא שטילע און קלוגע פּאָליטיק, דאָס אידען זאָלען באקומען גלייכבארעכטיגונג און דער „עם הדומה לחמור“ זאָל עס אפילו גאָר ניט באמערקען. די אידישע בורזשואזיע פאראייניגט אלס

רוסישען און אידישען לעבען פארשטעהט זי פון איר קלאסען־שטאנדפונקט און איר קלאסען־אינטערעס. ניטאָ קיין ציון, ניטאָ קיין אידענשטאאט, ניטאָ קיין מוסר היהדות, ניטאָ קיין כלל־ישראל. מיר זיינען אידען־סוחרים, אידען־קרעמער, אידען־נעשעפטסלייט און דארפען די גלייכבארעכטיגונג, ווי א פיש וואסער. מיר גלויבען אין גאָרניט, מיר האלטען פון גאָרניט, מיר ווילען גאָרניט. Apres nous le Socialisme, נאָך אונז מעג קומען אפילו דער סאָציאליזם, אפילו די דיקטאטור פון פראָלעטאריאט. מיר זיינען אידען, וועלכע ווילען פארדינען א רובעל ביי די אומות־העולם, מיר זיינען אידען פון דעם אלטען, אלטען, אלטען שטייגער.

.(1906)

פאָלק, וועגען גלייכהייט, ווי אין ציוניזם, מען ווארט נאָר אויף גלייכבארעכ־טיגונג, אויף דעם רעכט צו האנדלען און מאכען געשעפט אין גאנץ רוסלאנד.

א חוץ דער בורזשואזיע איז אָבער פאראן אין אידישען לעבען א פּראָ־לעטאריאט, א קעמפענדער, רעוואָלוציאָנערער, סאָציאליסטישער פּראָלעטא־ריאט. ביי אים געפינען אלע פּראָבלעמען פון פּאליטישען און ספּעציעל אידי־שען לעבען גאָר אן אנדערע לייזונג. ער שטעלט זיך צו דער רעוואָלוציע, צו דער אידישער צוקונפט, צו דער אידישער געגענווארטס־פּאָליטיק גאָר אנ־דערש ווי די אידישע בורזשואזיע. די בורזשואזיע מוז זיך דערום איצט אָפּגרעניצען פון אים, ווארום ער איז ניט מער א נוצליכער קעמפּער מיט איר צוזאמען, נאָר א באזונדער קלאס מיט זיינע אידעאלען און זיינע אייגענע שטרעבונגען. און די בורזשואזיע מאכט ניט קיין לאנגע צערעמאָניעס, דער קלאסען־ אינטערעס פירט זי אויף׳ן ריכטיגען וועג. זי ערקלערט זיך אָן שום ענטשולדיגונג און לאנגע חקרנות געגען דער רעוואָלוציע, געגען דעם סאָ־ציאליזם און געגען דעם פּראָלעטאריאט. און דאָ מאכט אויך די התחלה די ציוניסטישע בורזשואזיע. דער מאָמענט איז געקומען, וואו ס׳איז ניטאָ זיך וואָס צו שעמען און באהאלטען זיך, דער רעאלער מאָמענט וואו די בורזשוא־זיע האָט זיך דערפילט אלס א קלאס, אין אן ארטיקעל אין דער „כראָניקאָ יעווריעסקאָי זשיזני“ פון נומער 24 : „די רעאלע קרעפטען פון דעם מאָ־מענט“, ווייזט ארויס דער בורזשואזער ציוניזם זיין אמת׳ן רעאקציאָנערען כאראקטער אין דער רעוואָלוציע. מיט דעם באקאנטען ציוניסטישען ציניזם ווערט אויסגעלאכט די רעוואָלוציאָנערע און סאָציאליסטישע באוועגונג פון די ארבייטער און דער יוגענט אין דעם נגון פון „נאָוואָיע ווערעמיא“. מיט ציוּ־ניסטישער אונוויסענהייט ווערט די איצטיגע רעוואָלוציע ערקלערט אלס א בורזשואזע פּארלאמענטארישע אָפּאָזיציע געגען דער רעגירונג. בשעת די סאָציאליסטישע פּארטייען האָבען גאָרניט קיין ווערט. ווי ביי די גוים איז, אזוי, הייסט עס, איז אויך ביי אידען. די בורזשואזיע און קודם כל די ציוּ־ניסטישע בורזשואזיע מאכט די רעוואָלוציע, זי מאכט זי אָרענטליך, שטיל, פּארלאמענטאריש, און ניט חלילה צוליב דעם פּראָלעטאריאט, צוליב דעם סאָ-ציאליזם, צוליב כלל־ישראל, זי מאכט זי צוליב זיך, צוליב דער אידישער בורזשואזיע, צוליב האנדעלס־פרייהייט און גלייכבארעכטיגונג. דאָס רעאק־ציאָנערע ציוני־ציוניסטישע בלעטעל דריקט אויס די טיפסטע געפילען פון דעם אידישען סוחר, ווען זי שרייט צום סוף אויס, אז דער סאָציאליזם איז געגען די אינטערעסען פון דעם אידישען פאָלק.

אזוי האָט די רעוואָלוציע נאָך מער אויפגעדעקט דאָס אידישע לעבען. די אידישע בורזשואזיע האָט זיך דערקענט אלס קלאס און ווארפט אוועק פון זיך די אלטע מליצות און די אמאָליגע מגידות. אלע פּראָבלעמען פון דעם

א שפיל און א געלעכטער, וועלכער ווערט אויסגענוצט פאר די פארשידענסטע צוועקען און פארשפּאָטעט צוליב די פארשידענסטע צילען פון דעם פארוויקעלטען היסטאָרישען גאנג.

דער איד איז געוויינליך פאר די רעאקציאָנערע כחות פון דער געזעלשאפט דער נאטירליכער טרעגער פן דער רעוואָלוציע, דער געבאָרענער רעוואָלוציאָנער. אָבער אייגענטליך ניט אזוי אלס קעמפער, אלס אָרגאניזירטע געזעלשאפטליכע מאכט, נאָר אלס די באהאלטענע קראפט און אויך דער עגאָאיסטישער צוועק פון דער רעוואָלוציע. מיט דעם איד דיסקרעדיטירט די רעאקציע יעדע רעוואָלוציאָנערע באוועגונג, יעדע נייע פּאָליטישע אידעע. די רעוואָלוציע פון 1848 אין דייטשלאנד האָבען די דייטשע רעאקציאָנערען ערקלערט דורך דער אגיטאציע פון אידען. די רוסישע רעאקציע זוכט פון שטענדיג אָן צו דיסקרעדיטירען די רעוואָלוציע דורך דעם איד. דער איד האָט די רעוואָלוציע דערוועקט, האָט זי אריסגערופען, האָט זי געשאפען און וויל זי אויסנוצען, — דערמיט קעמפט די רעאקציע געגען דער רעוואָלוציע. אין די אידישע פּאָגראָמען ווייזט זיך ארויס די לייכטקייט, מיט וועלכער די רעאקציע דיסקרעדיטירט די רעוואָלוציע אלס א פרוכט פון אידישער אגיטאציע און אידישער פּאָליטיק. די געזעלשאפט קוקט אומעדום אויף אידען מיט אזא חשד און אזא אונפארשטענדניס, דאָס יעדע נייע אָפּאָזיציאָנעלע אידעע פארלירט איר אָנציאונגס־קראפט, איר מאָראלישען ווערט פאר דער וועלט, ווען אונטער איר פּאָן שטעהען אידען. דאָס פילען אידען און ניט־אידען פון לאנג אָן, אזוי דאָס אומעדום איז ניכר די טענדענץ פון די פּאָליטישע פארטייען, זיך צו איזאָלירען פון דעם אָפענעם אידישען איינפלוס און דער אָפענער אידישער באטייליגונג.

אזוי ווי דער איד רופט ארויס און ערוועקט די רעוואָלוציע, אזוי דיסקרעדיטירט ער זי אויך באלד און ווערט פון דער טרייבענדער קראפט פון דער רעוואָלוציע דער טאָרמאָז, וועלכער האלט זי אויף, דאָס מיטעל פון דער רעאקציע אין איר קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער דעמאגאָגיע. דער איד איז ניט נאָר דער קרבן פון דער רעוואָלוציע, נאָר אויך איר קאריקאטור און איר שפּאָט.

דיזען ביטערען שפּאָט גיסט אוים אויף דער אידישער אָפּאָזיציע דאָס נייע וואלגעזעץ, ווען עס מאכט בנוגע צו איר א מערקווירדיגע אויסנאמע צום גוטען. די וואלען צו דער צווייטער דומע האָט באוויזען, דאָס די אידישע נאציאָנאלע אָפּאָזיציע איז ביי די יעצטיגע באדינגונגען ניט נאָר ניט געפערליך דער רעגירונג, נאָר פארקערט, נוצליך. ביי די וואלען צו דער צווייטער דומע זיינען גראָד אין די אידישע גובערניעס דורכגעגאנגען די שווארץ־מאה'דיגע דעפּוטאטען און רעאקציאָנערען. ניט נאָר דערפאר ווייל אין די אידישע גובערניעס האָט דער אנטיסעמיטיזם און די רעאקציע א פרוכטבארען באָדען,

די רעאקציע און די אידישע רעוואָלוציע

דאָס נייע וואלגעזעץ, וועלכעס האָט פולשטענדיג פארענדערט דאָס בילד פון דער קאָנסטיטוציע, וועלכעס האָט אָפּגענומען דאָס פּאָליטישע וואל־רעכט ביי די נידערע קלאסען פון שטאָט און פון דאָרף און ביי די אונטער־דריקטע נאציאָנען, האָט דאָס פּאָליטישע וואלרעכט פון דער אידישער באַ־פעלקערונג כמעט ניט אָנגערירט. בשעת די פויערים פארלירען די מעגליכ־קייט צו האָבען א מערהייט אויף די גובערנסקע צוזאמענפאָרען, בשעת די שטאָטישע דעמאָקראטיע איז צושלאָגען דורך צוויי קוריעס, בשעת פּוילען און קאווקאז פארלירען די גרעסטע העלפט פון זייערע דעפּוטאטען, איז די אידישע אין דעם נייעם וואלגעזעץ גאָרניט דערמאנט. אמת, דורך דער איינ־פירונג פון נאציאָנאלע קוריעס פאר די וואל־מענער קען די ערטליכע אדמיני־סטראציע אויך די צאָל פון די אידישע וואלמענער אין די שטעט פארקירצען, אָבער דירעקט באשריינקען דאָס אידישע וואלרעכט און אונטערדריקען די אידישע אָפּאָזיציע האָט דאָס געזעץ ניט געפונען פאר נויטיג...

אין דער אטמאָספערע פון שרעקען און נויט, אין וועלכער די אידישע באפעלקערונג לעבט, ווירקט דיזע גלייכגילטיגקייט פון דער רעאקציע צו דער אידישער אָפּאָזיציע, ווי ביטערער שפּאָט, ווי בייסענדע איראָניע. דאָס נייע וואלגעזעץ באווייזט דער אידישער באפעלקערונג איר פולשטענדיגע פּאָלי־טישע מאכטלאָזיגקייט, עס זאָגט איר ארויס די טיפסטע פאראכטונג, עס מאכט זי לעכערליך אין לאנד. די אידישע אָפּאָזיציע טראָגט שוין פון זיך זעלבסט דעם שטעמפּעל פון אונפּרוכטבארקייט און קאריקאטור, — דאָס איז די מיינונג פון דעם געזעצגעבער, וועלכער מאכט דיזע מערקווירדיגע אויסנאמע אין דער באשריינקונג פון דאָס וואלרעכט בנוגע צו אידען. נאָכדעם ווי די ביוראָקראטיע האָט אין קישינעוו און ביאלאָסטאָק באוויזען דעם אידישען פאָלק זיין נאציאָנאלע שוואכקייט, זיין באזונדערע, איזאָלירטע שטעלונג אין דעם רעוואָלוציאָנערען קאמף, באווייזט זי אים יעצט די מאכטלאָזיגקייט אין פּאָליטישען קאמף, אין פארלאמענט. צו די פּאָגראָמען קומט נאָך צו דער שפּאָט און די ערנידערונג.

דער שפּאָט און די פאראכטונג, מיט וועלכער די רעאקציע ענטפערט יעצט אויף דער אידישער אָפּאָזיציע, וואַרפען ווייטער א ליכט אויף דאָס אידישע פּראָבלעם. נאָך אמאָל טרעטען ארויס די ווידערשפּרוכען פון דעם אידישען לעבען אין זיינע זאָנדערבארע באציאונגען צו דער וועלט און אירע געשעהענישען. נאָך אמאָל ווייזט זיך ארויס, ווי דער איד איז אין דער וועלט

נקמה צו דער הערשענדער וועלט. ניט אָפען קעמפען, ניט פריי פּאָדערען, ניט היסטאָריש וועלען, נאָר וואַרטען אין דער שטיל אויף דעם גינסטיגען מאָמענט, ביז די וועלט וועט ווערען דערפילט מיט קאַמפּס־מוט און פאַרבלענדט מיט גוטסקייט און שענקען דעם אָרעמאַן צווישען די פעלקער דאָס רעכט צו לעבען און פאַרשווינדען אין גאָלד און אין שאַנדע ! — דאָס איז די רעוואָלוציע פון גלות. דיזע רעוואָלוציע האָט ניט קיין מאָראַלישען ווערט, קיין העכערען שטרעבען, קיין היסטאָרישען ציל, קיין פּערספּעקטיווע פון דער צוקונפט. זי זוכט נאָר דעם מאַטעריעלען נוצען פון דעם טאָג, דעם גראָבען פאָרטייל פון דעם אויגענבליק. זי דיסקרעדיטירט דאַרום די רעוואָלוציע גופא, וואָרום זי דינט ניט דער געזעלשאַפט, דער מענשהייט, דער קולטור, נאָר זיך זעלבסט, דעם צוקונפטיגען שיילאָק און זיין געלד. כל זמן די רעוואָלוציע פון גלות האָט דעם גלות פאַר איר ציל, איז זי ניט מער ווי דער קאַמף פון איין סאָציאַלער גרופּע געגען די אַנדערע, איז זי ניט קיין רעוואָלוציע, נאָר דער שטרייט פון עגאָאיסטישע אינטערעסען, געהט זי איבער נאָך דעם ערשטען ערפאָלג אין רעאַקציע און קאָנטער־רעוואָלוציע, ווי ביי דער אידישער בורזשואזיע אין מערב אייראָפּא נאָך 1848, אין גלייכגילטיגקייט און אינדיפערענטיזם נאָך דער ערשטער מפּלה, ווי ביי דער אידישער בורזשואזיע אין רוסלאַנד יעצט.

אינווייניגען ווערט און מאָראַלישען כח געגען דער רעאַקציע און קאָנטער־רעוואָלוציע קען די אידישע רעוואָלוציע נאָר דאַן באַקומען, ווען זי וועט געפירט ווערען אונטער דער פאָן פון דער באַפרייאונג פון גלות, ווען זי וועט זיין באַגייסטערט פון דער האָפנונג פון א נייער צוקונפט פאַר דעם אידישען פאָלק. נאָר דורך די אייגענע קריטיק און די טיפע זעלבסט־קענטניס און זעלבסטפאַרניינונג פאַרלירט דער גלות זיין עגאָאיסטישען אנטיסאָציאַלען שטעמפּעל, וועלכער איז אויפגעדריקט אויף זיין שטערן. דער איד הערט אויף צו דיסקרעדיטירען, אויסצונוצען די רעוואָלוציע און זי דורך זיין אנטיילנעמען חשוד מאַכען פאַר די אַרומיגע, ווען די רעוואָלוציע איז ביי אים ניט דער מקור און די האָפנונג אויף געשטייגערטע קראַפט אין קאַמף געגען דער אומגעבונג, נאָר ווען מיט דער רעוואָלוציע איז ביי אים אַרויס זיין נאַציאָנאַלער און היסטאָרישער ציל אין זיין גאַנצער גרויסקייט און ערנסטקייט. דער מסחר, די גרעסערע עקספּלואַטאַציע, די עפנונג פון די טירען פון דער אַרומיגער געזעלשאַפט, דער זיסער חלום פון דעם פאַרשווינדען פון דער אידישער פראַגע אין דער בורזשואזער גלייכבאַרעכטיגונג איז דער אידעאַל פון דעם גלות און זיין רעוואָלוציע. דערפאַר איז דיזע אידישע רעוואָלוציע א שפּאָט פאַר דער וועלט, אומפּרוכטבאַר און לעכערליך, א בליצאָבלייטער פאַר דער רעאַקציע און א מקור פון יאָמער און נויט פאַר דעם אידען גופא.

איר ריינקייט און ערליכקייט, איר מאָראַלישען ווערט און אינווייניגען

נאָר אויך א דאנק די גענגנזעצען און ליידענשאפטען, וועלכע זיינען דערוועקט געוואָרען דורך דעם אידישען אנטיילנעמען אין דעם וואל־פּראָצעס גופא. בשעת כמעט אין גאנץ רוסלאנד האָט זיך די דאָרפישע דעמאָקראטיע פאר־אייניגט מיט דער שטאָטישער, וועלכע האָבען צוזאמען דורכגעפירט לינקע און רעוואָלוציאָנערע דעפּוטאטען, האָבען זיך גראָד אין די אידישע גובערניעס, וואו די שטאָטישע וואל־מענער זיינען געווען אידען, אויף דעם באָדען פון די נאציאָנאלע געזעצען פאראייניגט די בויערען מיט די גוטסבאזיצער אין איין רעאקציאָנערען בונד. הויפּטזעכליך א דאנק די אידישע שטאָטישע וואל־מענער זיינען דורכגעגאנגען אין דער טשערטא די שווארץ מאה'ניקעס און רעאקציאָנערען, און ווען אין קאָוונא למשל, האָבען מנצח געווען די לינקע פּארטייען, איז עס געווען נאָר דורך דעם, וואָס דאָרט באשטעהט צווישען די גוטסבאזיצער און די בויערן אויך א נאציאָנאלער געגענזאץ. אזוי ווי די רעוואָלוציע אויפ'ן גאס, דער שטראסען־קאמף, רופט ארוים דעם פּאָגראָם אלס קאָנטער־רעוואָלוציע, אזוי איז אויך גאָר אָפט די פאָלגע פון דעם אידישען פּאָליטישען קאמף א פּאָליטישער פּאָגראָם, דער נצחון פון דעם בלוטיגען שווארץ מאה'ניק. דאָס איז די טראגעדיע פון דעם גלות, וואָס ער צושטערט מער, איידער ער שאפט, דאָס איז דער שפּאָט פון דער וועלט איבער דעם מאכטלאָזען און דערפאר געפאלענעם איד. קעמפענדיג פאר דאס ליכט, ווערט ער גאָר אָפט א מיטעל פאר דעם נצחון פון דער פינסטערנים.

אלע פאזיסען פון דעם עפענטליכען לעבען, די רעוואָלוציע, די קאָנטער־רעוואָלוציע, דער פּארלאמענטארישער קאמף, די פארניכטונג פון דעם וואל־געזעץ, אלע געשעהענישען פון דער שטורמישער צייט באלייכטען אויף אזא אופן די אידישע לאגע פון די פארשידענסטע זייטען און וואָרענען דעם אידי־שען גלות און שפּאָטען פון אים. אלץ ערנסטער און טיפער מאכען זיי די ערקענטניס פון דער אידישער אונפּרוכטבארקייט, פון דעם אינווייניגען לע־בענס־ווידערשפּרוך ביים אידישען פאָלק. זיי פאָדערען א נייע אָפּשאצונג פון אלע ביזהעריגע ווערטען, זיי רופען אלץ דרינגענדער צו דער הערָאישער ערלייזונג פון דיזער טראגעדיע.

און זיי רופען אלץ העכער און דרינגענדער צו דער ערלייזונג, וואָרום טיף אין גלות זיינען פארבאָרגען די וואָרצלען פון דיזען ווידערשפּרוך, פון דיזער טרויעריגער און לעבערליכער אונפּרוכטבארקייט אין אידישען לעבען. ווייל דער גלות איז שוואך און פירט ניט קיין היסטאָריש לעבען, ער איז איזאָלירט פון דער וועלט און טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּעל פון אייגעננוץ און פּראקטישען עגאָאיזם. ער איז פּאסיוו, אינווייניג ערנידריגט און פאר־טראָגט שטיל און פארשוויגען זיין שאנדע. פון דער אנדער זייט איז ער אָבער אויך רעוואָלוציאָנער, איז ער פול מיט אונפּרוכטבארער שנאה און

געגען דעם חשד און די פאראכטונג פון פריינד און פיינד, דעם מוט געגען דער רעאקציע און דער קאָנטער־רעוואָלוציע, וועלכע שפּאָט פון איר, דעם מוט געגען די געזעלשאפטליכע בהות, וועלכע פארטרויען איר ניט. עס איז דער מוט, וועלכען זי קען נאָר שעפּען פון איר אינווייניגען אמת און איר הערא־אישען באוואוסטזיין.

(פון "דאָס וואָרט" נומ. 5, ווילנא, 7טער יולי 1907.)

מוט באקומט די אידישע רעוואָלוציע נאָר דאַן, ווען עס לייכט איר פאָראויס א העכערער היסטאָרישער אידעאל, ווען זי ווערט באגייסטערט פון א סאָציאלער און קולטורעלער אידעע. ערשט דאַן פארלירט זי איר בורזשואזען, פראקטישען, אנטיסאָציאלען כאראקטער. ערשט דאַן הערט אויף די רעוואָלוציע מורא צו האָבען פאר דעם איד, ווען דער איד דינט דער רעוואָלוציע, דער מענשליכער אידעע, דער פרייהייט, ערליך און אויפריכטיג, אין טיפער סאָלידאריטעט מיט דער וועלט. דער חשד פאלט דאַן אראָפּ פון דעם איד, דאָס ער זוכט אין דער רעוואָלוציע נאָר זיין גרופּען־אינטערעס. פון דעם עגאָאיסטישען אויסנוצער פון דער רעוואָלוציע ווערט ער איר ערליכער און טרייער קעמפער, איר שטאָלצער אוואנגארד. די געגענזעצען צווישען דעם אידישען פאָלק און דער ניט־אידישער אומגעבונג ווערען אָפּגעשוואכט. דער שרעק און די באהאלטענע שנאה צום איד פארשווינדען. די נאציאָנאלע שאנדע, אין וועלכער דאָס גאנצע אידישע פאָלק לעבט, דאָס זיינע בלומרשטע פריינד פארמיידען אָן אָפענע בארירונג מיט אים, און דאָס ער זעלבסט האָט ניט דעם מוט אויפצוהויבען הויך זיין קול, הערט אויף. דאָס אידישע פאָלק באקומט מוט און זיכערהייט און זעלבסטפארטרויען אין זיין קאמף.

מיט טיפער פאראכטונג ענטפערען יעצט די הערשענדע כחות אויף דעם אידישען קאמף און די אידישע רעוואָלוציע. זיי מאכען זי פסול, מאכען זי חשוד, מאכען זי לעכערליך און פרייען זיך שטילערהייט פון איר עקזיסטענץ, ווארום זי איז ביי זיי א מיטעל פאר דער קאָנטער־רעוואָלוציע. דארום מוז די אידישע רעוואָלוציע אויפהערען צו זיין איזאָלירט אין איר האָפנונג און איר שטרעבונג. זי מוז זיך אָפּזאָגען פון דעם שיילאָקשען געדאנק, דאָס די רעוואָלוציע וועט שאפען פאר דעם אידישען פאָלק די פריילינבע פאָליטישע אטמאָספערע פאר בעסערער קאָנקורענץ און לייכטערען איבערגאנג צו העכערע שטופען פון בורזשואזען מאטעריעלען לעבען. אין איר מוז אריינדרינגען דער רוח הקודש פון יעדער גרויסער רעוואָלוציע, וועלכע איז דאדורך גרויס, וואָס זי ראמט אָפּ דעם וועג און לייגט דעם גרונדשטיין צו דער נייער געשטאלטונג פון דעם סאָציאלען לעבען, צו דער לייזונג פון דעם סאָציאלען פראָבלעם.

די לייזונג פון דעם אידישען סאָציאלען פראָבלעם ליגט אין דער גרינדונג פון דעם אידישען סאָציאליסטישען פריילאנד און אהין מוזען פירען אלע ענדליכע קאמפען און שטרעבונגען פון דעם אידישען ליידענדען פאָלק. דערמיט פארלירט דאָס אידישע פאָלק זיין פאראזיטישען כאראקטער און זיין רעוואָלוציע באקומט א מאָראלישען ווערט און א קולטורעלע באדייטונג. נאָר דאַן באקומט די אידישע רעוואָלוציע דעם מוט אין איר קאמף

זאָל אָבער ווירקליך דאָס אידענטום באַנייען זיינע פליגלען אלס א לעבעדיגע קולטור־אידעע, און איז דער אויפגעוואַכטער אינטערעס צום אידענ־טום עטוואָס אנדערעס איידער די טויט־קאָנוואולסיען פון אן אָפּשטאַרבענדער גייסטעס־מאַכט, דאַרף דאָס אידענטום פאַרמאָגען אין זיך איינצושליסען די קולטור־טענדענצען פון דער צוקונפט. דער אמת פון דעם אידענטום פאַר דער מאָדערנער קולטור דאַרף געזוכט ווערען אין סאָציאַלער מאָראַל און ערלייזונג, אין לעבענסמוט, אין היסטאָרישען העראָאיזם, אין סאָציאַליסטישע סימוואָלען, אין מענשהייטס־האָפנונג און מענשהייטס־ווילען. איז באמת דאָס אידענטום דער לייכטענדער מאָרגען־שטערן, וועלכער שטעהט פאַר דעם טאָג־אנברוך פון דער סאָציאַליסטישער מענשהייט, דערפון הייננגט אָפּ דער שיקזאַל פון אידענטום. איז דאָס אידענטום די רעליגיאָן פון דעם סאָציאַליזם, דאָס איז דאָס פּראָבלעם פון דער צייט, וואָס פון זיין לייזונג הייננגט אָפּ דאָס לעבען אָדער דער טויט פון אידען און אידענטום.

איידער דער מאָדערנער אידישער געדאַנק וועט זיך אָננעמען גבורה צו שטעלען דיזע פראַגע און ענטפערען אויף איר, וואָס דאָס מוז געטאָן ווערען אין דער באַלדיגער צייט, זאָל דאָ ווידער אויפגעלעבט ווערען דאָס בילד פון אידישען גייסטעסהעלד, וועלכער האָט מער ווי מיט א האַלבען יאָרהונדערט צוריק דערפילט און דערקענט דאָס אידענטום אלס די סאָציאַ־ליסטישע קולטור־אידעע פון דער צוקונפט. מאָזעס העס האָט ענטדעקט דעם סאָציאַליסטישען תוכן פון אידענטום, האָט צום ערשטען מאָל דערזעהן דעם גרויסען צוזאמענהאַנג צווישען דער אידישער תורה־נבואה און דעם גייסט פון דער פאָרטשריטענדער מענשהייט, און זיין אידעע פון אידענטום מוז דערפאַר דינען אלס די ערשטע פאראונטערזוכונג צו אלע אונזערע פאָרשונגען וועגען דעם זין און דער צוקונפט פון אידענטום. ניט דער באַגרינדער פון ציוניזם איז מאָזעס העס, און געוויס ניט פון דעם ציוניזם אין ציוניסטישען זין, וועלכער שעמט זיך מיט דעם גרויסען אידישען רעוואָלוציאָנער און סאָציאַליסט און איז מוציא שם רע אויף דעם גרויסען נביא, פאַרשווייגענדיג זיין אמת׳ען כאַראַקטער, נאָר מאָזעס העס איז דער באַגרינדער פון סאָציאַ־ליסטישען אידענטום, דער אויפלעבער פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער קולטור־אידעע, וואָס די קאָנסעקווענץ דערפון איז די פּאָליטישע ווידעראויפ־לעבונג פון דעם אידישען עם הפלאות.

מאָזעס העס איז אפשר די מערקווירדיגסטע געשטאַלט, וועלכע דאָס מאָדערנע אידענטום האָט ארויסגעבראַכט אין נייַנצענטען יאָרהונדערט. ער געהערט צו דערזעלביגער עפּאָכע, וועלכע האָט געבוירען היינע, בערנע, מאַרקס, לאַסאַל, גרעץ, יענע גרויסע אידען, אין וועלכע דער אידישער ראסען־גייסט האָט געפייערט זיין העכסטען טריאומף. אין קיין זון פון יענער

מאָזעס העס — דער ענטדעקער פון סאָציאַליסטישען אידענטום *)

1

פון דעם ים פון פאַרגאַנגענהייט און פון דעם זומפּ פון גלייכגילטיגקייט ווערט יעצט ווידער אַרויסגעצויגען ווי אַ הערליכע פּערעל דאָס אידענטום. אָט יענעס אידענטום, וועלכעס האָט אויפגעלויכטען אַמאָל אין דער וועלט געשיכטע, ווי אַ קולטור־פלאַם, און האָט דער וועלט געשיכטע באַלייכטעט דעם וועג, פאַרשווינדענדיג און פאַרזינקענדיג אליין באַלד אין די איינגע זייטען־וועגען פון דער וועלט געשיכטע, צוזאַמען מיט זיין מערקווירדיגען באַשאַפער און טרעגער, דעם אידישען פאָלק זעלבסט. דאָס אידענטום אַלס אַ קולטור־רעליגעזע אידעע, אַלס אַ באַזונדערע פאָרשטעלונג פון גאָט, וועלט, געשיכטע און לעבען האָט ווידער אויפגעוואַכט אין דעם באַוואוסטזיין פון דעם היינטי־גען דור און זוכט זיך אָנצוטאָן אין די בגדי מלכות פון פילאָזאָפישע באַגריפען און היסטאָרישע באַגערונגען. דער תחית המתים אויפגעשטאַנענער נאַ־ציאָנאַל־פּאָליטישער ווילען צווישען אידען איז דורכגעפלאָכטען און דורכ־געוועבט מיט די אידישע נאַציאָנאַלע געפילען און שטימונגען, וועלכע שיי־נען און פינקלען אין אַלע מינים פון רעליגיעזע און טראַדיציאָנעלע פאַרבען. אויסגעלייטערט אין דעם קאַלך־אויוועך פון קריטיק און ראַציאָנאַליזם זיינען ווידער אויפגעטרעטען די רעליגיעזע איבערלעבונגען אין זייער פּאָעטישען צויבער און זוכען אַ טיר אין דער נשמה פון דעם מאָדערנעם אידען, דערווייל נאָך אַלס פּאָעטישע זכרונות פון פאַרגאַנגענהייט, און שפּעטער אפשר שוין אַלס רעוואָלוציאָנערע סימוואָלען פון אַ ניי באַשאַפענער צוקונפט. די גאָט־זוכעניש, וועלכע פליסט פון דעם אייביגען קוואַל פון דער אמת־זוכעניש, האָט אויך אָפּגעקלונגען אין דער אידישער נשמה און אויפגעוועקט דעם איינגעשלאָפענעם שמע־ישראל־געשריי, דערווייל נאָך אין זיין גאַנצער היס־טאָרישער אומקלאָרקייט און ניט פילאָזאָפישער געפיל־פאַרוואָרענקייט. מיט מאַיעסטעטישער אויסשליסליכקייט הויבט זיך אויף דאָס אידענטום ביי די אידישע סאָציאַליסטען־פילאָזאָפען, ווי למשל, ביי דעם גרויסען אי־דיש־דייטשען דיינקער, הערמאַן כהן, וואָס ביי אים איז דער באַהאַל־טענער סוד פון אידענטום דער יסוד פון דער אמת'ער פילאָזאָפיע און די מאָראַל־נביאות פון אידענטום די קולטור־גרונדלאַגע פון דער באַנייטער סאָציאַליסטישער מענשהייט.

---

*) פון „דאָס נייע לאַנד", נומער 5 און 6, אָקט. 13 און 20, 1911.

פון מאטעריע און די וועלט פון גייסט, איז באהערשט פון דער הייליגער איינהייטליכקייט, אזוי דארף אויך דער מענש אין זיין לעבען זיין הייליג — ערנסט און איינהייטליך, און אלע ווידערשפרוכען צווישען וואָרט און טאט, צווישען געדאנק און לעבען זיינען א זינד. די גאנצע וועלט און דאָס אייגענע לעבען זיינען, דארפען זיין א הייליגער אמת, דאָס איז די גרונד־שטימונג פון מאָזעס העס, און דאָס האָט געגעבען די גאנצע ריכטונג צו זיין לעבען און זיין ווירקען.

געבאָרען אין יאָהר 1812 אין באָן, אין דייטשלאנד, פון פרומע עלטערן, וועלכע האָבען געשטאמט פון פוילען, איז העס אויפגעוואקסען אין א פרומער אידישער אטמאָספערע, וועלכע איז געווען אָנגעפילט מיט תורה, יחוס און יראת שמים, די דריי יסודות פון אידישען אריסטאָקראטיזם. אין זיין יוגענד האָט ער געלערנט אידישקייט און איז באלד פון אידישקייט אריבערגעקומען אויף בילדונג און איז אין 1830 אריינגעטראָטען אין באָנער אוניווערזיטעט. אין יענער אומרואיגער צייט איז העס באלד אריינגעריסען געוואָרען אין דעם שטראָם פון דער דאמאָלסדיגער אָפּאָזיציאָן, און האָט זיין אוניווערזיטעט־שטודיום ניט געענדיגט. זיין פאָטער וויל פון אים מאכען א קאמערסאנט, אָבער העס, פארשטעהט זיך, פאָרט בעסער ארום אָהן געלד אין לאָנדאָן און פאריז, און אין זיין גייסט וואקסען אויף ביסלעכווייז די שעפּפערישע אידעען, מיט וועלכע ער האָט באפרוכטעט די וועלט. און בשעת זיין פאָטער קלאָגט זיך אויף דעם ניט געראָטענעם זון, וואקסט ער אוים שוין מיט 25 יאָר צו א זעלבסטשטענדיגען דיינקער און גיט ארוים אין 1837 זיין ערשטעס ווערק: „די הייליגע געשיכטע פון דער מענשהייט", נאָכדעם אָבער ווי ער האָט אין יאָר 1840 חתונה געהאט מיט א קריסטליכער מיידעל פון אן עפענטליכען הויז, — מיט סיבילע פרעש, — איז ער זיך אויף שטענדיג פאנאנדערגעגאנגען מיט זיין פאָטער. ער האָט זיך שפּעטער באשאפען א נייע פאמיליע אין דער קעמפּענדער און האָפענדער מענשהייט.

אין דער „הייליגער געשיכטע פון דער מענשהייט" שוועבט פאר מאָזעס העס דער געדאנק, דאָס די מענשליכע געשיכטע איז א הייליגע, וועלכע פאר־ווירקליכט אין איר גאנג די גרויסע מאָראלישע אידעע פון ליבע און פרייהייט. איר ציל איז דער רעפאָרמירטער שטאט, די מלוכה אויף די יסודות פון גערעכטיגקייט. מאָזעס העס איז דאָ נאָך ניט קיין פאָלשטענ־דיגער סאָציאליסט, ער זעהט אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט אין איינ־קלאנג מיט העגעל'ן די ענטוויקלונג פון אידעען און נאָך ניט די פאראיידעלונג און די באריכערונג פון דער לעבענס־רעאליטעט. דערפאר איז ער נאָך פול מיט באוואונדערונג פאר דאָס קריסטענטום, וועלכעס ער האלט פאר א העכערע שטופע איידער דאָס אידענטום. דאָס קריסטענטום האָט דערפירט

עפּאָכע האָט אָבער דער אידישער ראסען־גייסט נאָך ניט דערגרייכט זיין פאָלשטענדיגע באוואוסטזיניגקייט ווי אין מאָזעס העס. לאסאַל און מארקס טראָגען אין זיך דעם אידישען געשיכטס־אידעאַל און זאָגען אים אָן דער וועלט, אָבער דיזער אידענטום־יסוד איז פארזונקען אין די אומבאוואוסט־זיניגע און האלב־באוואוסטזיניגע טיפּעגישען פון זייערע נשמות. ביי גרעץ דערגרייכט דאָס אידענטום־אידעאַל זעלבסט ניט זיין הויכקייט, און דער גרויסער היסטאָריקער, וועלכער מאָלט אויף אין גייסט און וואָרט די אידישע געשיכטע, דערקענט אליין נאָך ניט זיכער איר קוואל און איר ציל. מאָזעס העס אָבער, וואָס ביי אים דערגרייכט דאָס אידענטום־אידעאַל זיין העכסטע מדרגה און דער ראסען־גייסט אין אים דעם טיפסטען אויסדרוק, מאָזעס העס דערקענט דעם שרש פון זיין נשמה אלס א אידישע. ווי געטראָפען פון א נבואה־בליץ האָט ער באוואוסטזיניג דערקענט דעם אומבאוואוסטזיניגען תוכן פון זיין גייסט, און אזוי איז אים קלאָר געוואָרען, דאָס זיין מאָראַ־לישער לעבענס־גייסט, די זוכעניש און די האָפנונג אויף א נייע מענשהייט, איז דער היסטאָרישער לעבענס־גייסט פון דעם אידישען פאָלק. מיט קינסט־לערישער קלאָרקייט האָט ער דערזעהן דעם צוזאמענהאנג צווישען זיין איך און דעם גייסט פון אידישען פאָלק און האָט עס אויסגעדריקט אין פילאָזאָ־פישע באגריפען. און אזוי ווי זיין איך איז געווען א ווילענדעס, פּאָעטישעס, אידישעס, וועלכעס האָט זיך געשטעלט געגען דער וועלט, כדי זי משנה צו זיין און איבערשאפען נאָך זיין אייגענעם עבענדבילד, האָט ער אויך געזוכט אראָפּצונעמען דעם שלייער פון דער אידישער געשיכטע און אורגעשיכטע און אויפצודעקען איר טרייבענדען ווילענס־כח. העס איז געוואָרען דער ערשטער אידישער געשיכטס־פילאָזאָף און זיין געניאלעס ווערק איז די גע־שיכטס־פילאָזאָפישע ענטדעקונג, דאָס די אידעע פון אידענטום איז די קולטור־אידעע פון דער קומענדער קולטור.

געשיכטספילאָזאָפיע איז געווען דער ערשטער וויסענשאפטליכער אינ־טערעס פון מאָזעס העס. איז דאָך געשיכטספילאָזאָפיע די אייגענטליך אידישע אידעע, וועלכע האָט באשעפטיגט אלע אידישע געניען פון דעם נביא דניאל ביז צו קאַרל מאַרקס. צו דער מענשליכער געשיכטע, צו דעם לעבען פון דער מענשהייט געהט צו העס, ווי צו א הייליגען פראָצעס. דאָס לעבען פון דעם מענשען, ווי פון די פעלקער, ווי פון דעם גאַנצען וועלטאַל, איז א הייליגער ערנסט, פול מיט מאָראַלישע פליכטען, מיט געטליכער ער־האבענקייט. העס איז א געשיכטס־פילאָזאָף און א ריינער מאָראַליסט, און זיינע געשיכטס־פילאָזאָפישע אידעען און אינדיווידועל־מאָראלישע געפילען זיינען צוזאמענגעפלאָכטען און צוזאמענגעוועבט אין איין אייגהייטליכער אידעע, אין איין געשלאָסענעם ווילען. און ווי די גאַנצע וועלט, די וועלט

געשיכטע, נאָר ווי א נייער אויסדרוק פון דעם אייביג זוכענדען און שאפענדען מענשען־גייסט. אין דער רעוואָלוציאָן איז העס געבליבען דער פילאָזאָף, און האָט דערפאר צווייטמאָל געמוזט טרינקען דעם ביטערען כוס פון דעם קעמפער. ער איז אין 1848 פאראורטיילט געוואָרען צום טויט און האָט געמוזט אנטלויפען פון דייטשלאנד. אָבער איידער זיין פאראורטיילונג צום טויט אלס רעוואָלוציאָנער, איז ער פון מארקס אין קאָמוניסטישען מאַניפעסט פאראורטיילט געוואָרען צו לעכערליכקייט פאר זיין פילאָזאָפישען סאָציאַליזם, פאר זיין העכערער אינדיווידועלער פילאָזאָפישער שפראך, דאָרט וואו די זאך האָט געפאָדערט די פּאָליטישע איינפאך־קאָלעקטיווע שפראך. דער פילאָזאָפישער רעוואָלוציאָנער העס איז אָפּגעטראָטען פאר א צייט לאנג פון פעלד, וועלכעס איז אין גאנצען פארנומען געוואָרען פון דעם פּאָליטישען רעוואָלוציאָנערען מארקס.

2

נאָך דער רעוואָלוציאָן פון 1848 און דער איינגעטראָטענער רעאקציע אין איירא̇פּא פארלאָזט מאָזעס העס דאָס רעוואָלוציאָנערע שלאכטפעלד און גיט זיך אָפּ צו זיינע נאטורוויסענשאפטליכע און פילאָזאָפישע שטודיען אין פאריז. ביי מארקס איז פּאָליטיק און נאציאָנאל־עקאָנאָמיע דער מיטעלפונקט פון זיינע גייסטיגע אינטערעסען, און די האָפנונג אויף דער באלדיגער רעוואָלוציאָן איז די טרייבענדע קראפט פון זיין טעטיגקייט. העס'עס פילאָזאָפישער גייסט זוכט דעם איינהייטליכען צוזאמענהאנג פון דער וועלט אין נאטור, געשיכטע, מאָראל, דעם העכערען זין פון וועלט און לעבען, און די צוקונפטיגע רעליגיאָן איז דער באהאלטענער סוד פון זיין זוכען און פאָרשען. די געזעלשאפטליכע קאמפען לעבען אין העס'עס גייסט אין זייער העכערער פאָרם אלס די דיאלעקטיק פון אידעען, און די סאָציאלע רעוואָלוציאָן שטייגט ביי אים אויף צו איר אוניווערסעלער מדרגה אלס די סאָציאלע רעליגיאָן. ווען מארקס זוכט צו ענטדעקען די ענדערונגען און די ענטוויקלונג פון דער געשיכטע, זוכט העס צו דערקענען דאָס אייביגע און בלייבענדע, וועלכעס דיזע פליסענדע עוואָלוציאָן באשאפט און פארווירקליכט.

דאָ ווערען אויפגעדעקט פאר דעם פילאָזאָף די אומבאוואוסטזיניגע, באהאלטענע געהיימניסען פון זיין אייגענעם אידישען איך. הינטער די רעוואָלוציאָנער־סאָציאליסטישע ערשיינונגען פון זיין אומרואיגען לעבען שטעהט זיין אידישער הייליג־רעליגיעזער גייסט. און הינטער אלע שטורמען פון דער מענשליכער געשיכטע מיט אלע אירע האָפנונגען און שטרעבונגען לייכט דער אייביגער פּלאַן פון אידענטום. מאָזעס העס הויבט זיך אויף צו דער גראנדיעזער דערקענטניס פון דעם תוכן פון אידענטום, פון דעם זין פון

די פאָלקאָמענהייט פון דעם גייסטיגען אינווייניגען מענשען, אין זיין אָפּגע־ריסענהייט פון געזעלשאפט און געשיכטע, ביז צו דער העכסטער שטופע, האָט אָבער איבערגעלאָזען דעם לעבעדיגען מענשען דעם נויט און דעם פּיין. העס איז נאָך ניט קיין רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט, ער איז נאָך א פילאָ־זאָפישער אידעאַליסט, פול מיט באהאַלטענע אינסטינקטען פון אידענטום אָבער מיט קלאָרע און אומקלאָרע באגריפען פון דער דייטשער פילאָזאָפיע.

פון דער געשיכטספילאָזאָפיע געהט העס איבער צו פּאָליטיק, און אין יאָר 1841, גיט ער ארויס זיין „אייראָפּעאישע טריארכיע (דריי הערשאפט)". ער רעדט וועגען א פאראייניגונג פון דייטשלאנד, פראנקרייך און ענגלאנד צוליב דעם העכערען מענשליכען פּאָרטשריט. אָבער די פּאָליטיק פון דעם טאָג איז ביי אים פארבונדען מיט דעם גייסט פון דער געשיכטע, און די פּאָליטישע פּראָבלעמען זיינען ביי אים גייסטיג־קולטורעלע פּראָבלעמען, פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, וועלכע ווערען איבערגעזעצט אין פלייש און בלוט, אין קאמפען און געגענזעצען פון לעבען. דייטשלאנד איז די אידעע פון פילאָזאָפיע, פראנקרייך פון רעוואָלוציאָן, ענגלאנד פון פּאָליטיק, זייער פאר־אייניגונג איז די העכסטע שטופע פון קולטור, אזוי ארגומענטירט העס אין זיין פילאָזאָפישער פּאָליטיק.

אין דעם אָנהויב פון די פערציגער יאָרען פון פאָריגען יאָרהונדערט לאָזט זיך אראָפּ העס פון דעם הימעל פון פילאָזאָפיע אויף דער ערד פון רעוואָלוציאָן און קאמף. צוזאמען מיט מארקס, ענגעלס, רוגע און פילע אנדערע ווערט ער דער פירער פון דער דייטשער און שפּעטער דער אייראָ־פּעאישער רעוואָלוציאָן. דיזע מעלה־חסרון מאכט אים אומפּרוכטבאר פאר דער צייט, אָבער פרוכטבאר פאר דער אייביגקייט. ער ארבייט צוזאמען מיט מארקס און רוגע אין דער דאמאָליגער רעוואָלוציאָנערער „ריינישער צייטונג". ער פארעפענטליכט זיין „פילאָזאָפיע דער טהאט", א האלב אנארכיסטישע פילאָזאָפיע, ארבייט מיט אין מארקס'עס דייטש־פראנצויזישע יאָר־ביכער, גיט ארויס סאָציאליסטישע צייטונגען צוזאמען מיט ענגעלס, פירט אָן א גרויסע רעוואָלוציאָנערע אגיטאציאָן. אין זיין אויפפאסונג פון דעם סאָ־ציאליזם און זיין רעוואָלוציאָנערער אגיטאציאָן איז אָבער העס ניט דער סאָציאל־פּאָליטיקער פון טאָג, נאָר דער פילאָזאָף, וועלכער זעהט אין די עראייגניסען און די קאמפען פארקערפּערטע אידעען, דעם ענטוויקלונגס־גאנג פון דעם גייסט. העס פארשטעהט די רעוואָלוציאָן און דעם קלאסען־קאמף, אָבער די רעוואָלוציאָן איז ביי אים עטוואס העכערעס נאָך, זי איז פילאָ־זאָפיע, און די קלאסען־קאמפען זיינען די אָפּשפּיגלונג פון אידעען־דיאלעקטיק, די צייט מיט אירע שטורמען שפּיגעלט זיך אָפּ אין דעם אידיש־פילאָזאָפישען גייסט פון מאָזעס העס נאָר ווי א מאָמענט אין דעם אידעען־קאמף פון דער

דאָס פרייע, מאָראַלישע, גוטע לעבען, אָבער אזוי ווי דאָס לעבען פון דעם איינצעלנעם איז באַגרענעצט, דערגאַנצט ער דאָס דורך דעם לעבען פון פאָלק, פון דער מענשהייט, פון דער געשיכטע. אין דעם כלל און אין דער צוקונפט באַקומט דער מענש זיין אמת'ן ווערט. דערפאר בעט דער איד פאר דעם כלל ישראל, און אויפהויבענדיג זיין אויג צום הימעל, קוקט ער אייגענטליך אין דער אייביגער צוקונפט פון דער מענשהייט. ניט דער מענש דאַרף ליבען גאָט, ווי דאָס פאָדערט די מאָראַל־אינדיווידועלע רעליגיאָן פון קריסטענטום, נאָר גאָט דאַרף ליבען די מענשען: ברוך אתה יהוה אוהב עמו ישראל. דער מענש דאַרף פאַרווירקליכען אין זיין היסטאָרישער ענטוויקלונג דעם גרויסען אידעאַל פון מענשליכקייט, פון דעם טריאומפירענדען מענשליכען גייסט.

די אידישע רעליגיאָן האָט באַשאַפען לעבענס-פאָרמען, געזעלשאַפטליכע אינסטיטוטען, וועלכע פאַרקערפּערען אָט דיזען העבערען לעבענס-גייסט און זיינען דער סימוואָל פון דער צוקונפטיגער גייסטיג־סאָציאַלער מענשהייט. דער ערשטער אינסטיטוט איז דער שבת. שבת איז די גרויסע מאָראַל־סאָציאַלע־ערפינדונג פון דעם אידישען געניוס. עס איז דער טאָג פון רוה פאר אַלע אונטערדריקטע, דער טאָג פון גייסטיגער ערהויבונג פון דעם מענש־ליכען כלל. היט דעם שבת און זאָלסט געדענקען, דער גאָט פון די קנעכט און די דינסטען האָט גערוהט אין דעם הייליגען סאָציאַלען שבת. ארום די אידעע פון שבת דרעהט זיך ווי ארום א שטראַלענדען צענטער, די שמיטה, דער יובל, דער גאַנצער סאָציאַליזם פון דעם אַלטען פּאַלעסטינא. און דער איז דער אָנזאָג פון דער סאָציאַליסטישער צוקונפט, פון דעם שבת שבתון, פון דעם יום שכלו שבת.

דיזער שבת שבתון, דער יום שכלו שבת לעבט אין אידענטום, אין דער משיח־האָפנונג. אויב שבת איז דער יסוד פון אידענטום, איז משיח זיין ענדע, דער אחרית הימים, די ענדע פון די טעג, די סאָציאַליסטישע צוקונפט. דער גייסט פון אידענטום איז דער גייסט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, דאָס אידענטום איז די רעליגיאָן פון דער סאָציאַליסטישער צוקונפט, דאָס אידענ־טום איז די פילאָזאָפיע פון סאָציאַליזם.

דאָס אידענטום לעבט אָבער ניט נאָר אלס אידעע, אלס קולטור־געדאַנק, נאָר עס לעבט אין דעם לעבעדיגען אידישען פאָלק, וועלכעס איז דורך בלוט און געשיכטע דאָס גלייכע טויזענט־יאָריגע אַלטע פאָלק ישראל. אויב דעם אידענטום אלס קולטור־רעליגיעזער אידעע געהערט די צוקונפט, מוז דאָס אידישע פאָלק אויפלעבען צוליב דיזער ליכטיגער צוקונפט. פילע מאָטי־ווען, עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, קולטורעלע זיינען פאַראַן אין אידישען לעבען יעצט, וועלכע טרייבען דאָס אידישע פאָלק צו דיזער אויפלעבונג אין דער

דער אידישער געשיכטע, פון דער קולטור־ראָליע פון דעם אידישען פאָלק, ער ווערט דער ערשטער אידישער געשיכטס־פילאָזאָף.

עס פארשטעהט זיך, אז עס זיינען נויטיג געווען אויסערע מאָטיוון, אז די אָנגעזאמעלטע שטימונגען פון זיין נשמה זאָלען זיך אויסקריסטאליזירען אין א פילאָזאָפישעם סיסטעם. דיזע מאָטיוון זיינען געווען דער איטאליע־נישער באפרייאונגס־קריג אין יאָהר 1861, די נאציאָנאלע ווידעראויפלעבונג פון רוים. נאָך דער נאציאָנאלער באפרייאונג פון רוים דארף קומען די נאציאָנאלע באפרייאונג פון ירושלים. אין יאָר 1862 איז העס ארויסגע־טראָטען מיט זיין טיפזיניגסטען בוך פאר דער ערשטוינטער אידישער וועלט: רוים און ירושלים. דיזעס ווערק איז דער ערשטער פארזוך פון א אידישער געשיכטספילאָזאָפיע, די ערשטע גלענצענדע פראָבע צו באשטימען דעם תוכן פון אידענטום. העס בויט אויף זיין אידענטום־געבוי מיט דער הילף פון ראססען־טעאָרעטישע באטראכטונגען. עס איז א באזונדערע ראסע די סע־מיטישע ראסע, פון וועלכע דער אידישער צווייג איז דער איידעלסטער, אריס־טאָקראטישסטער. דיזען אידישען פאָלק איז דער לעבענס־אמת, די היס־טאָרישע פאָרטשריטס־אידעע נתגלה געוואָרען א דאנק דער איינגעבאָרענער געניאליטעט פון דיזען שטאם. ווי דער שעפפערישער געניוס פון דעם גריי־כישען פאָלק האָט ארויסגעבראכט קונסט, פילאָזאָפיע, נאטור־ערקענטניס, האָט דער אידישער געניוס באשאפען מאָראל, אמת, אידעאלען. די גריכישע רעליגיאָן איז א נאטור־רעליגיאָן, די געטער פון אָלימפ לעבען און וועבען אין דער נאטור. די אידישע רעליגיאָן איז א געשיכטס רעליגיאָן, דער גאָט פון סיני לעבט און שאפט אין דער געשיכטע; יהוה, דאָס הייסט ער וועט זיין, ער וועט זיך נאָך ווייזען אין דער היסטאָרישער צוקונפט, דאָס איז דער נאָמען פון דעם אידישען גאָט.

די אידישע רעליגיאָן איז א סאָציאלע. זי איז ניט קיין נאטור־רעליגיאָן און איז ניט קיין אינדיווידועל־מאָראלע. זי פארגעטערט ניט די נאטור, ווי די גריכען, און זוכט ניט צו טרייסטען דעם אינדיווידיאום, וועלכער האָט דער־קענט זיין פערזענליכע אָפּגעריסענקייט פון דער נאטור, ווי דאָס קריסטענ־טום און די גערמאנישע וועלט. די אידישע רעליגיאָן איז א סאָציאל־מאָ־ראלישע, א היסטאָרישע. דאָס אידישע פאָלק, דאָס פאָלק ישראל איז אן איינהייט, אין דער צייט און פאר אלע צייטען, אלע זיינע קינדער זיינען פארבונדען און פאראייניגט צווישען זיך אין איין אָרגאניזם, אין איין פאָלקס־גוס. דער איינצעלנער איז פארשלונגען אין דער פאמיליע, די פא־מיליע אין פאָלק, דאָס פאָלק אין דער מענשהייט. אין אייגען פאָלק און אין דער גאנצער מענשהייט לעבט דער איינצעלנער, דאָרט זוכט ער גליק, האָפנונג, ערלייזונג, אומשטערבליכקייט. די רעליגיאָן איז דאָס לעבען, ובחרת בחיים,

זעהער פון דער צוקונפט געבליבען טריי. ער האָט פּראַקטיש געדינט דעם סאָציאַליזם און טעאָרעטיש געלעבט אין אידענטום.

מאָזעס העס האָט ענטדעקט א אידעע פון וועלט היסטאָרישער באדייטונג. ער האָט אָנגעווירט אפשר די טיפזיניגסטע אידעע פון דער גאנצער מענשליכער קולטור בכלל. ער האָט אויפגעדעקט דעם תוכן פון אידענטום, פון יענעם קולטור־אמת, וועלכער איז וואונדערבאר געבאָרען געוואָרען אין דער אַלטגרויער פארגאנגענהייט און האָט דורך זיין וואריאַציאָן און ווידערשפּרוך, דורך דאָס קריסטענטום, באהערשט ביז יעצט די גאנצע ציוויליזירטע מענשהייט. דער געשיכטספילאָזאָף מאָזעס העס האָט אריינגעשריבען א טיפזיניגען בלאַט אין דעם אייביגען ספר, וועלכער זוכט דעם פארבאָרגענעם פּירוש אויף דער מענשליכער געשיכטע און מענשהייטס־גייסט. דער קוואַל, פון וואנען ער האָט געשעפּט דיזע זיינע ערקענטניס, איז געווען זיין אידישעם איך. די אומבאוואוסטזיניגע יסודות פון זיין אידישען איך, פון זיין אידישען ראסען־גייסט, זיינען אים קלאָר געוואָרען און אויפגעטרעטען פאר זיין שעפּפערישען שכל אין באוואוסטזיניגע אידעען. אין זיין קולטור־ליידענשאַפט אַלס רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליסט האָט ער דערהערט דעם קול פון דער תורה און דער נבואה און דעם כוזרי און שפּינאזא ביז צו דער קאבאַליסטישער און סאָציאַליסטישער משיח־מיסטיק. און אין דער אַלטער נבואה האָט ער דערקענט דעם אייביגען שטרעבען פון דעם מענשען צו לעבענספאָלקאָמענהייט, צו היסטאָרישער פארענדערונג און שאַפונג. ער האָט דעם אידישען פאָלק געבראַכט דערפאר די גרעסטע בשורה, די בשורה, דאָס זיין קולטור־תוכן איז דער קולטור־תוכן פון דער מענשהייט, דאָס דאָס אידענטום איז די רעליגיאָן פון סאָציאַליזם. פארשטעהט זיך דאָס דער שעפּפער פון דיזען אידענטום, דאָס אידישע פאָלק, דארף זיך אויפהויבען פון זיין געפאַלענקייט צו העכסטער פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט. דער ענטדעקער פון סאָציאַליסטישען אידענטום איז געווען אויך דער אייגענטליכער באגרינדער פון סאָציאַליסטישען ציוניזם.

צוקונפט. מאָזעס העס ווערט דער פריידיגער און אָנזאָגער פון דער נאציאָנאַלער־פּאָליטישער ווידער־אויפלעבונג פון דעם אידישען פאָלק. אין דער עכטער אַסימילאַציאָנס־עפּאָכע הויבט ער אויף זיין קול פאר דעם אידישען נאַציאָנאַליזם אין זיין קאָנסעקווענטסטער פאָרם, פאר א אידישער זעלבסט־שטענדיגקייט אין פאַלעסטינא. ער האָפט אויף פראנקרייך, דאָס לאַנד פון דער רעוואָלוציאָן, דאָס דיזעס לאַנד וועט העלפען דעם אידישען פאָלק צו זיין ווידעראויפלעבונג. ביים אידישען פאָלק זעלבסט זעהט ער אין די פאָלקסמאַסען פון מזרח־אייראָפּא די צוקונפטיגע טרעגער פון דער נאַציאָנאַלער ווידעראויפלעבונגס־אידעע.

עס האָט געפאָדערט א גרויסער מוט, צו וועלכען עס איז נאָר פּייאיג א גרויסער רעוואָלוציאָנער און פילאָזאָף, ארויסצוטרעטען אין די זעכציגער יאָרען מיט אַזעלכער אויפפאסונג פון אידענטום און אידען, וואס האָט געקלונגען אין יענער אַסימילאַציאָנס־צייט ווי רעאַקציאָן און אומפאראנטוואָרטליכע פאנטאסטיק, און בפרט נאָך קומענדיג פון א בארימטען סאָציאַליסט, וועלכער איז געשטאַנען אויסערהאַלב פון דער סינאגאָגע, האָט עס געמוזט ארויסרופען פארוואונדערונג געמישט מיט כעס. עס פארשטעהט זיך ממילא, דאָס פון דער סאציאַליסטישער זייט איז דיזע גאנצע סאציאַליסטישע אידענטום־פילאָזאָפיע געבליבען אומבאמערקט. דיזע גאנצע הערלאישע פילאָזאָפיע פון דער אידישער געשיכטע און דער רוף צו דעם אידישען פאָלק זיינען געווען גאָר אין געגענזאַץ צום גייסט פון דער צייט.

אָבער העס איז געווען א פילאָזאָף, א רעוואָלוציאָנערער פילאָזאָף. ער האָט געשריבען ניט פאר זיין צייט, נאָר צוליב דעם אמת. „איך שרייב איך ניט צו געפעלען, איר זאָלט וואָס לערנען“, דיזער גייסטרייכער וואָרט פון געטע וואָלט העס געקענט געברויכען אַלס מאָטאָ פאר זיינע שריפטען. ניט קוקענדיג אויף דעם גאנצען שטורם פון פּראָטעסט געגען אים און די פּראַקטישע אומפּרוכטבארקייט פון זיין פּראָפּאָגאנדא, האָט ער ניט אויפגעהערט ווייטער צו ענטוויקלען די גרונדלאגען פון זיין אידישער געשיכטספילאָזאָפיע. אין איינינגע דייטש־אידישע צייטשריפטען און נאָך מער אין די פראנצויזיש־אידישע „ארשיוו איזראַעליט“, האָט העס פארעפענטליכט א גאנצע אָנצאָל פון ארטיקלען און קריטיקען, אין וועלכע ער האָט ווייטער אויסגעבילדעט די גרונד־געדאַנקען פון דעם סאָציאַליסטישען אידענטום. צו דערזעלבער צייט איז ער געווען אַן איבערגעגעבענער שרייבער און טוער אין דער סאָציאַליסטישער באוועגונג. אין דער אויפדעקונג פון דעם סאָציאַליסטישען אידענטום האָט ער געבויט די רעליגיאָן פון דער צוקונפט, אין זיין סאָציאַליסטישער טעטיגקייט האָט ער געזוכט איבערבויען די וועלט נאָך די אידעען פון אידענטום. און ביז צו זיין טויט, אין יאָר 1875, איז זיך דיזער מערקווירדיגער

דאָמענט פון דער גאנצער סאָציאַלער געזעצגעבונג, האָט ווידער אויפגעלעבט די גרויסע שבת־אידעע, וועלכע איז דער סימבאָל פון דעם שבת־שבתון פון דער געשיכטע, פון דעם יום שכלו שבת, דאָס הייסט פון דער סאָציאַליסטישער צוקונפט.

ווי אזוי איז דער שבת ענטשטאנען אין דעם אלטען אידענטום, איז א שווערע און פארוויקעלטע פּראָבלעם פון דער היסטאָרישער פאָרשונג. שוין די אוראַלטע פעלקער, די באַבילאָניער, די אסיריער, די עגיפּטער, די אראבער, האָבען געוואוסט פון דער איינטיילונג פון דער צייט אין יאָרען נאָך דער זון, אין חדשים און האלבע חדשים נאָך דער גאנצער און האלבער לבנה, און די באַבילאָניער האָבען אפילו געוואוסט פון דער איינטיילונג פון דער וואָך אין זיבען טעג. דער גרויסער הימעל איבער די מענשען, און די זון און די לבנה און די שטערען אויפ'ן הימעל זיינען געוועזען די יסודות פון אלע אמאָליגע רעליגיאָנען. עובדי כוכבים ומזלות, דינער פון דער זון, דער לבנה און די שטערען, זיינען געוועזען אלע אמאָליגע פעלקער. די איינטיילונג פון דער צייט איז געוועזען געהייליגט דורך די געטער אויפ'ן הימעל, וועלכע האָבען אין דער געשטאלט פון די שטערען רעגירט איבער דער וועלט און די מענשען. צום הימעל און צו די שטערען אויפ'ן הימעל האָט אויך דער אלטער העברעער אויפגעהויבען אין רעליגיעזער שרעק און פארוואונדערונג זיין אויג. „אל“, דאָס הייסט צו, צום הימעל האָט זיך געריסען זיין רעליגיעזע נשמה, און גאָט האָט בא אים אָנגענומען לכתחילה דעם נאָמען אל, אלים, אלוה, אלהים, אין לשון רבים. יעדער שטערן, יעדער לייכטענדער פּלאנעט איז געוועזען א גאָט אין די פארוואונדערטע אויגען פון דעם אמאָליגען מענשען, וועלכער האָט ערקלערט און מפרש געוועזען די גאָט־שטערען וועדליג נאָך זיין נאטירליכער פאנטאזיע. דער מאָרגענשטערן, דער הילל בן שחר אין העברעאיש, איז אין גריכיש ווענוס, די געטין פון ליבע, וועלכע האָט די נאכט צוגעבראכט אין די אָרעמס פון ליבע, און איז ארויסגעטראָטען אין באגינען לעבען דעם אויפ־שטייגענדען פייער־גאָט פון דער הערליכער זון. יעדער טאג פון וואָך איז געשטאנען אונטער דער הערליכער השפעה פון א באזונדערן שטערן־גאָט, און די אלטע גריכישע און לאטיינישע נעמען פון די טעג באווייזען נאָך דעם צוזאמענהאנג צווישען די טעג און די פּלאנעטען. דער ערשטער טאָג פון וואָך איז געווען דער סאטורן־טאָג, געהייליגט דעם ליכטיגען פּלאנעט סאטורן, וועלכער האָט געהאלטען פאר'כשופ'ט די רעליגיעזע פאנטאזיע פון דעם פאר־צייטיגען מענשען. „סאטורדיי“ איז נאָך עד היום דער ענגלישער נאָמען פון דעם אמאָליגען הייליגען ערשטען טאָג פון דער וואָך. דער אידישער שבת איז דער אמאָליגער סאטורן־טאָג, וועלכער שטאמט פון דער צייט, ווען אידען זיינען געווען ווי אלע פעלקער עובדי כוכבים ומזלות, שטערן-דינער, אָנבעטער

די באדייטונג פון שבת *)

אין דעם קולטור־אוצר פון דער מענשהייט, וועלכער האָט זיך אויסגע־לייטערט און איז אָנגעוואַקסען אין דער מענשליכער געשיכטע, פאַרנעמט דער אידישער שבת קדש, דער הייליגער שבת, אפשר דעם באדייטענדסטען פּלאַץ. די וויסענשאַפט, די קונסט, די פילאָזאָפיע, די רעליגיאָן, די סאָציאַלע אָרדנונג, די טעכניק, די מאָראַל זיינען די יסודות פון דער מענשליכער קולטור, וועלכע פאַראיידעלען זיך און פאַרפאָלקאָמען זיך דורך דער שטענדיגער לע־בענס־טעטיגקייט פון דעם אינדיווידואום און דער געזעלשאַפט. דער שבת איז אָבער דער הייליגער מאַנטעל, וועלכער שוועבט איבער דער גאַנצער מענשלי־כער קולטור, דאָס מאָראַלישע ליכט, וועלכעס באַלייכט די מענשליכע גע־שיכטע און ווייזט איר אָן דעם וועג. דורך דעם שבת איז דער מענש ערשט געקומען צו דער מדרגה פון א פרייער גייסטיגער פערזענליכקייט, דורך דעם שבת קדש האָט ער זיך באַפרייט פון זיין נידעריגער צוגעבונדענקייט צו דער ערד, האָט זיך אויפגעהויבען פון שקלאַפעריי, פון ארבייט, פון ליידענשאַפט, מיט דעם גייסטיגען בליק אויפ'ן הימעל און דעם מאָראַלישען קוק אין דער צוקונפט פון דער מענשליכער געשיכטע. היינע האָט געזאָגט ערגעץ־וואו: דער איד איז די זעקס טעג פון וואָך א הונט, און שבת ווערט ער א מענש. דיזעס וואָרט פון דעם דיכטער איז נאָך פיל ריכטיגער פאַר דער גאַנצער קולטור־געשיכטע. שבת איז די גרויסע מתנה, וועלכע דער גאָט פון דער גע־שיכטע האָט געגעבען די מענשען, כדי פון די מענשען זאָל באַשאַפען ווערען א מענשהייט.

די ארבייט מאכט דעם מענשען פאַר א חיה, און די געצוואונגענע ארבייט מאכט אים פאַר א שקלאַף, פאַר א פאַרשקלאַפּטער חיה. די רוה מאכט דעם מענשען סאָציאַל גלייך, איידעל און פריי. די הונדערטע מיליאָנען אזיאַטישע איינוואוינער ווייסען ניט פון קיין רוה־טאָג, דער כינעזישער קולי ארבייט איי־ביג, א חוץ אייניגע דינאַסטישע יום־טובים אין יאָר, אין וועלכע ער „הוליעט“. אפילו די קריסטליכע אייראָפּעאישע פעלקער האָבען ביז צו אונזער צייט, ביז צו דער ענטשטעהונג פון דער סאָציאַליסטישער באוועגונג ניט געוואוסט פון קיין זונטאג־רוה. די קריסטליכע קירכע האָט אפילו אריבערגענומען דעם אידישען שבת אין דער געשטאַלט פון זונטאג, אָבער זי האָט געגעבען דעם זונטאג א גאַנץ אַנדערע רעליגיעז־פילאָזאָפישע באדייטונג און האָט גערויבט פון דעם שבת זיין סאָציאַל־קולטורעלען אינהאַלט. ערשט דער מאָדערנער סאָציאַליזם דורך זיין קאַמף פאַר זונטאג־רוה, וועלכע איז געוואָרען דער פונ־

*) פון „דאָס נייע לאַנד“, נומער 8, נאָוו. 3, 1911.

קיין מלאכה, דו, דיין זון, דיין טאָכטער, דיין קנעכט, דיין דינסט, אזוי פאַר־זאָגט דער ספר שמות די הערשענדע קלאַסען. און דער סאָציאַליסטישער מחבר פון דברים, אפשר גאָר דער נביא ירמיה, גיט שוין די גאַנצע סאָציאַלע ערקלערונג פאר דעם שבת, למען ינוח עבדך ואמתך כמוך, כדי דיין קנעכט און דיין דינסט זאָלען רוהען אזוי ווי דו. דו ביסט אליין געווען א קנעכט אין מצרים, זאָגט דער שרייבער פון די עשרת הדברות, דערפאַר זאָלסטו איינמאָל אין וואך פריי מאכען דיין קנעכט און אויפהויבען אים צו א גייסטיגען מענ־שען. זעקס טעג האָט גאָט געארבייט, בשעת ער האָט די וועלט געשאפען, און דעם זיבעטען טאָג האָט ער גערוהט, ערקלערט דער מער נאאיווער נאטור־פי־לאָזאָפישער פארפאסער פון ספר שמות דעם גרונד פון שבת. און מיר פאר־שטעהען היינט, דאָס ניט דערפאר האָבען די קנעכט און די דינסטען גערוהט אום שבת, ווייל גאָט האָט גערוהט, נאָר פארקערט דער גאָט פון בארמהער־ציגקייט און נקמה האָט געזעהן, ווי די אונטערדריקטע רוהען אום שבת, און האָט אויך געמאכט דעם שבת קדש פאר זיין גרויסען רוה־טאָג.

אָבער דאָס גרויסע רעוואָלוציאָנערע הארץ פון דעם נביא בארוהיגט זיך ניט מיט'ן שבת. זיין נשמה באגערט דעם סאָציאלען שבת, דעם אייביגען שבת, די באפרייאונג און פארברידערונג פון אלע מענשען, דעם שבת שבתון, דעם יום שכלו שבת, דעם היסטאָרישען טריאומף פון דער גייסטיגער מענשהייט. ער פאָדערט יעדען זיבעטען יאָר שבת שבתון פאר דאָס לאנד, וואָס אלע אירע געוויקסען און פרוכטען זאָלען געהערען פריי צו דעם קנעכט, דער דינסט, דעם ארבייטער, דעם פרעמדען, צו אלע וועלכע האָבען קיין אייגענטום ניט. דעם זיבעטען יאָר זאָל דער קנעכט פריי ווערען און דער האר זאָל אים ניט אָפּ־לאָזען מיט גאָרנישט פון זיין קנעכטשאפט, נאָר זאָל אים געבען א טייל פון זיין אָנגעהאָרעוועטען גוטס, כדי ער זאָל קענען געברויכען זיין פרייהייט. און ווען דו וועסט אָפּצעהלען שבע שבתות שנים, ניין און פערציג יאָר, זאָלסטו דעם צענטען תשרי, יום כפור, בלאָזען אין דעם שופר תרועה אין דעם גאנצען לאנד, און זאָלסט אויסרופען די פרייהייט אין דעם לאנד פאר אלע זיינע איינוואוינער, יעדערער זאָל צוריק באקומען, וואָס ער האָט צו אנאנדערען פארקויפט אָדער פאר'משכנ'ט אין דיזער צייט, זיין לאנד, זיין הויז. די סאָציאלען אונגלייכהייט פון אָרים און רייך זאָל פארשווינדען, און די סאָ־ציאלע גערעכטיגקייט, די גאולה, זאָל קומען אין דער וועלט. אזוי ווערט דער שבת די אידעע פון דער סאָציאלער רעוואָלוציע, דער יסוד אויף וועלכען עס ווערט אויפגעבויט די גערעכטע געזעלשאפט. ביי דעם צווייטען ישעיה איז שבת שוין דער סימוואָל פון מאָראלישען לעבען בכלל, שומר שבת מחללו ושומר ידו מעשות כל רע, ווער עס היט שבת פון מחלל זיין, און ווער עס היט זיך אָב פון טאָן שלעכטס בכלל.

פון די ליכטער פון הימעל. פון וואנען עס נעמט זיך דאָס וואָרט שבת, ווער קען דאָס דערפאָרשען? איז דאָס ווירקליך דאָס באבילאָנישע וואָרט סאבאטו, וועלכער איז אויך געווען דער נאָמען פון א הייליגען טאָג? אָדער ליגט דאָ וועלכער עס איז אנדערער צוזאמענהאנג? דיזען פארוויקעלטען ביבעל־קריטי־שען פלאָנטער קען די פאָרשונג נאָך ניט פאנאנדערנעמען זיכער. דער אידי־שער שבת איז אָבער יעדענפאלס אורשפרינגליך געווען דער סאטורן־טאָג, א קינד פון דער אמאָליגער נאטור־רעליגיאָן, בשעת די זון און די לבנה און די שטערן האָבען אין זייער צויבער־גלאַנץ געהייסען דעם דערשראָקענעם מענשען זיך צו זיי בוקען. דער נביא, וועלכער הויבט זיך אויף געגען דער נאטור אין נאָמען פון דעם גייסט, וועלכער צוברעכט די געטער פון הימעל און ענטדעקט דעם נייעם אויביגען גאָט פון דער מענשליכער געשיכטע, דער נביא עמוס, דערמאָנט מיט א פארוואורף זיין פאָלק ישראל דאָס ער האָט געדינט צו די שטערן אמאָל, „ונשאתם את סוכת מלככם, כיון צלחכם, כוכב אלהיכם אשר עשיתם לכם כיון“. דאָס איז דער נאָמען פאר סאטורן.

אָבער פון א פאָלק ווי אלע פעלקער ווערט דאָס אידישע פאָלק אין זיין היסטאָרישער ענטוויקלונג א באזונדערעס פאָלק, א פאָלק פון גייסט, און אויסערוויילטעס פאָלק, און דער נאטור־שבת ווערט פארוואנדעלט אין דעם גייסטיג־סאָציאַלען שבת, אין דעם הייליגען שבת, פון דעם פאסטוכער־לעבען געהט דאָס פאָלק איבער צו אקערבוי, עס וואָקסט אויף א ציוויליזאציע, עס הויבט זיך אויף דער שטורמישער קלאסען־קאמף, עס ערוואכט די סאָציאלע נבואה, און עס ווערט באשאפען די נייע קולטור־אידעע פון שבת, א העכערע סאָציאלע לעבענספאָרם און א גרויסער היסטאָרישער לעבענס־סימוואָל. אָט דאָס איז דער וואונדערפאָלער שפרונג פון דער אידישער געשיכטע. קין דער אקערבויער האָט דער׳הרג׳עט הבל דעם פאסטוך, דער אקערבוי האָט צושטערט די פריערדיגע סאָציאלע גלייכהייט פון פאסטוכער־לעבען און האָט באשאפען די ציוויליזאציע מיט איר סאָציאלער אונגלייכהייט און איר שקלאפעריי. אָבער דער גאָט פון נקמה און פון צדק איז דער גאָט פון דעם אונטערדריקטען קלאס, דער גאָט פון קנעכט און די ארבייטער, דער גאָט פון הבל דעם צדיק, וואָס ער מאָנט הבל׳ס בלוט פון זיין ברודער דעם רשע. און דער גאָט פון בארמהערציגקייט האָט געשיינקט הבל׳ס קינדער, די ארבייטענדע און אונ־טערדריקטע קלאסען, די שענסטע מתנה פון זיין אוצר, דעם הייליגען סאָ־ציאלען שבת.

שבת איז געוואָרען די גרונטלאגע פון דער נבואה, דער שבת איז אריינ־גענומען געוואָרען אין די עשרת הדברות אלס דאָס גרעסטע מאָראלישע און סאָציאלע געבאָט. געדיינקט דעם שבת אים צו הייליגען, זעקס טעג זאָלסטו ארבייטען און דער זיבעטער טאָג איז שבת צו דיין גאָט, זאָלסט ניט טאָן

דער יעצטיגער מאָמענט אין ציוניזם *)

די אידישע נאציאָנאַל־פּאָליטישע באוועגונג איז פול מיט איבערראשונ־גען. זי געהט ניט אין א גלייכער ליניע, נאָר אין זיג־זאגען, זי שטייגט און פאַלט און הויבט זיך ווייטער אויף אין א פארענדערטער געשטאַלט. ווארום זי ווערט אָנגעטריבען ניט דורך די גלייכמעסיגע ענטוויקלונג פון וועלכע עס איז אינוויינינגע כחות אין דעם לעבען פון פאָלק, ווי צום ביישפּיל, פון די עקאָנאָמישע כחות, אזוי ווי ביי נאָרמאַל לעבעדיגע פעלקער, נאָר זי הייגנט אָפּ פון פארשידענע אויסערליכע סבות און אומשטענדען, — וואָס מען קען זיי אָפט גאָר ניט פאָראויסזעהן און בארעכנען. גלייכמעסיג ווירקט אין דעם אידישען לעבען נאָר איין שטענדיגע סיבה, דאָס איז די אידישע נויט, וועלכע ווערט מיט נאטור־נויטווענדיגקייט אַלץ שטארקער און דראמאטישער און וועקט דאָס פּאָלק. אָבער דיזע אידישע נויט איז נאָך ניט קיין שאפענדע און שעפּפערישע קראפט. זי באדארף נאָך די גינסטיגע אויסערע אומשטענ־דען, כדי זי זאָל ארויספירען דאָס פאָלקס־לעבען אויף דעם ברייטען וועג פון פּאָליטישער און נאציאָנאַלער באפרייאונג.

דער נייער פּאליטישער רעזשים אין דער טערקיי קען ווערען דער אָנ־הויב פון א גרויסער פּאָליטישער און נאציאָנאַלער באוועגונג פון דאָס אידישע פּאָלק. אָן דעם פעלזען־שטיין פון דער טערקישער דעספּאָטיע זיינען צובראָ־כען געוואָרען ביז איצט אַלע האָפנונגען און באמיאונגען צו קאָנצענטרירען דאָס אידישע וואנדער־פּאָלק אין איין טעריטאָריע. די קליינע פּעולות און מעשים, וועלכע פילע האָבען געפּרופט באשאפען אין די צייטען פון דעם אַלטען רעזשים אין פּאלעסטינא, זיינען געוועזן אייגענטליך, ווי מיר דוכט זיך, א פּראדוקט פון פארצווייפלונג. ווער עס האָט גע'חלום'ט פון גרויסע טאטען, פון פּאליטישע לאָזונגען, פון קבוץ גליות, און האָט ניט געקענט זיך צופרידענשטעלען מיט יענע ארבייטען, האָט געזוכט זיין ארץ־ישראל אין גוי'שע מדינות און געוואָלט אויפהויבען די ציון־פאָן ניט אויף די הרי ישראל, נאָר אפילו אויף יענער זייט סמבטיון. עס איז אויסגעוואקסען דער ברודער־קריג צווישען ציוניזם און טעריטאָריאליזם, און דיזע צוויי שוועסטער־

---

*) פון „דאָס אידישע פּאָלק" ניו יאָרק, 1909. דער דאָזיגער ארטיקעל איז דער ערשטער שריט אין ד"ר סירקינ'ס אריענטאציע צוריק צום פּאלעסטינישען ציוניזם, נאָך דער טעריטאָריאליסטישער שפּאלטונג ביי דעם זיבעטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין יאָר 1904.

דער אידעאַל פון דעם נביא, דער שבת שבתון, די גאולה פון דער מענש־הייט איז ניט מקוים געוואָרען, ווייל די מערקווירדיגע אידישע געשיכטע איז איבערגעריסען געוואָרען אין דער צייט פון איר העכסטען גלאַנץ, אַרום דער עפּאָכע פון דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום. דער שבת איז מיט דעם פאָלק ישראל אוועקגעגאנגען אין גלות, און ער האָט דאָרט אַראָבגענומען זיינע רעוואָלוציאָנערע בגדי מלכות און איז געבליבען לייכטען אין זיין גייסטיגער הייליגקייט. שבת איז אין גלות געוואָרען דער טאָג, ווען דער איד איז גע־וואָרען א מענש, א פרייער גייסטיגער מענש. שבת איז געוואָרען אין דעם אידישען לעבען דער קוואַל פון לעבענסמוט און גייסטיגער ערוועקונג, ווען די פינסטערע פאַרזאָרגטע וואָכעדיגקייט איז פארשוואונדען און עס האָט אריינ־געלויכטען די הייליגקייט פון גייסט. שבת האָט דער איד געלערענט תורה, האָט געשטאַרקט די באַנדען פון פאַמיליע, האָט באַשאַפען א העכערע גייסטיג־מאָראַלישע אַטמאָספערע אַרום זיך. דער שבת האָט אויפגעהאַלטען דאָס אי־דישע פאָלק אין דעם שטורם פון דער געשיכטע און האָט אים געגעבען זיין מערקווירדיגע גייסטיגע אינדיווידואַליטעט. די קולטור־אידעע פון שבת האָט באַשאַפען דאָס אידישע נביאים־פאָלק, שבת האָט פארהיט דעם גייסט פון אידישען פאָלק אין גלות פון טויט און ענטאַרטונג, און די אידישע שבת־שבתון־אידעע איז אריבערגעגאַנגען אין דער סאָציאַלער קולטור־האָפענונג פון דער איצטיגער מענשהייט. שבת איז דער גרעסטער פון די גרונטשטיינער פון דער קולטור פון דער צוקונפט. דאָס האָט געפילט דער גרויסער דיכטער, וועלכער האָט מיט צויבערטענער באַזונגען די שבת־מלכתא, געטרויסט און דערהויבען איר היימאַט ציון, און אין פרומער ריינקייט אָנגערופען דעם שבת מיט דעם שענסטען וואָרט אין דער מענשליכער שפּראַך, מיט דעם וואָרט כלה.

וועלכעס די דעמאָקראַטישע טערקיי וואָלט געגעבען קאָנצעסיעס, די מעגליכ־קייט אויפצובויען א אידישע אויטאָנאָמע קאָלאָניזאציע, צו פארווירקליכען דעם פאָליטישען ציוניזם. אין צוזאמענהאנג מיט מעסאָפּאָטאמיען איז מעג־ליך ארויסצושטעלען א גרויסען פּלאַן, שאפען גרויסע מיטלען, פאראינטערע־סירען דאָס גאנצע פאָלק און אריינציען עס אין דער באוועגונג. קיין טערי־טאָריאליסט אָבער, וועלכער שטעלט זיך איצט אָב אויף מעסאָפּאָטאמיען, וועט ניט אויסשליסען פּאלעסטינא פון דעם אידישען לאַנד. מען האָט דעם טעריטאָריאליסטישען געדאנק נאָך ניט פארבונדען מיט מעסאָפּאָטאמיען, האָבען פילע טעריטאָריאליסטען דורכאויס ניט אויסגעשלאָסען פּאלעסטינא און פילע האָבען דעם „בעל־הבית'ישען" אוגאנדיזם פון דעם זעקסטען קאָנ־גרעס געהאלטען פאר פּאָליטיש קלוגער און נאציאָנאל געזונטער איידער דעם שפעטערדיגען פּרינציפּיעלען טעריטאָריאליזם. עס וואָלט אָבער געווען ווילד און משונה'דיג, ווען מען וואָלט איצט אויסשליסען פּאלעסטינא, ריידענדיג וועגען דער קאָלאָניזאציע פון מעסאָפּאָטאמיען. מעסאָפּאָטאמיען און פּא־לעסטינא זיינען איין לאַנד, וועלכעס וועט דורך די קאלאניזאציאָנס־ארבייט אין ביידע פלעצער און דורך די נויטיגע אייזענבאַן פון וועסט צו איסט אינווייניג פארבונדען ווערען. פּאלעסטינא איז דער טויער צו מעסאָפּאָ־טאמיען און צוריק דער וועג פון מעסאָפּאָטאמיען צום ים. ווער עס רעדט פון א גרויסער קאָלאָניזאציע אין מעסאָפּאָטאמיען, דער מוז צו גלייכער צייט פארלאנגען די פארשטארקונג פון אלע אידישע פּאזיציעס אין פּאלעסטינא, אין לאַנדווירטשאפט, אינדוסטריע, און שטעדט ביז צו דער העכסטער מדרגה.

מיט דעם לאָזונג פון מעסאָפּאָטאמיען שטעלען זיך די טעריטאָריא־ליסטען פּראַקטיש, ווען אפילו ניט־טעאָרעטיש, אויף דעם פּראָגראם פון ציוניזם.

האָט די פארענדערטע פּאָליטישע לאגע אין דער טערקיי ארויפגעפירט דעם טעריטאָריאליזם אויף א נייעם וועג, לייגט זי נאָך מער התחיבות ארויף אויף די ציוניסטישע אָרגאַניזאציעס. דאָס פעלד, וואו זי האָט געארבייט אין קליינעם מאסשטאב ביז איצט, האָט זיך ערווייטערט. שטרעבונגען פאר גרויסע פּאָליטישע צילען זיינען פארשוואונדען. אויף די ציוניסטישע אָרגאַ-ניזאציעס קוקט דאָס גאנצע אידישע פאָלק און ערווארטעט פון איר איצט א לאָזונג. פון דעם לאָזונג און דעם אינווייניגען כח פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע וועט עס איצט אָפּהייגגען, צי וועט זי קאָנען ווערען די פּאָלי־טישע און נאציאָנאלע פארטרעטונג פון דעם גאנצען אידישען פאָלק אָדער ניט. די ציוניסטישע אָרגאַניזאציע האָט אָבער שוין גלייך די מעגליכקייט זיך צו פאראייניגען און אריינצונעמען צו זיך די טעריטאָריאליסטישע אָרגאַ־ניזאציע. די ציוניסטען דארפען נאָר ארויסטראָגען דעם גרויסען לאָזונג פון

באוועגונגען האָבען גענומען קוקען איינע אויף די אנדערע, ווי פיינדליכע שטיף־שוועסטער. דער טעריטאָריאַליזם האָט געלאכט פון דער פּאָליטיק און דער עקאָנאָמיע פון דעם ציוניזם, און דער ציוניזם האָט גע'פּסל'ט די סאָמע אידישקייט פון דעם טעריטאָריאַליזם.

דער נייער רעזשים אין דער טערקיי וועט מאַכען א סוף צו דעם ברודער־קריג פוןביידע באוועגונגען. זיי וועלען זיך מוזען פאראייניגען צוליב דעם גלייכען ציל, צוליב דער טעריטאָריאַלער לייזונג פון דעם אידישען פּראָבלעם, צוליב דער פּאָליטישער אויפלעבונג פון דעם אידישען פאָלק. די הויפּט־סיבה פאר וואָס פּאַלעסטינא און די נאָכבאר־לענדער, דער מזרח, זאָלען ניט קענען זיין דער טעריטאָריאַלער צענטער פון דעם אידישען פאָלק, איז פארשוואונדען. דער טעריטאָריאַליזם פון זיין זייט איז אין דעם משך פון זיין עקזיסטענץ און ענטוויקלונג און אויף דעם וועג פון זיינע פאָרשונגען געקומען צום אָריענט. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, דאָס א אידישע טעריטאָריע דארף געזוכט ווערען ניט נאָר אין א פרייעם און וויינִיג באוואוינטעם לאַנד, נאָר אין א לאַנד מיט גאַנץ באזונדערע פּאָליטישע און ווירטשאפטליכע תנאים. זוכען א אידישע אויטאָנאָמע טעריטאָריע אין קאנאדא, אויסטראַליען, אַר־גענטינא, בראַזיליען, און אנדערע פרייע אָבער איינגעאָרדענטע מלוכה אָרגאניזמען איז כמעט אזוי אונמעגליך, ווי צו חלום'ען מכח א אידישעם לאַנד אין די פאראייניגטע שטאַטען פון אמעריקא. די מעגליכקייט פון א אידישער אויטאָנאָמער קאָלאָניזאציע דארף געזוכט ווערען אין פרייע אָבער נאָך ניט איינגעאָרדענטע קאָלאָניען און לענדער.

פּראַקטישע אויסזיכטען פאר א אידישער אויטאָנאָמע קאָלאָניזאציע זיינען פאראַן אין די ווייטע לענדער פון דער טערקיי, וועלכע זיינען ניט באוואוינט. דאָס איז שוין קלאָר געוואָרען בא די טעריטאָריאַליסטען נאָך איידער דער פּאָליטישער רעזשים אין דער טערקיי האָט זיך געענדערט. די ערשטע עקספּעדיציע, וועלכע איז געווען נאָך טריפּאָלים און נאָרד־אפריקא, וועלכעס געהערט דעם סולטאַן, און די טעריטאָריאַליסטישע אָרגאניזאציע זיינען געווען באַרייט ארייַנצוטרעטען אין פארהאנדלונגען מכח דיזעם לאַנד נאָך מיט דער פריערער טערקישער רעגירונג. נאָרד-אפריקא האָט זיך אָבער ארויסגעוויזען אלס אוממעגליך פאר א גרויסע קאָלאָניזאציע וועגען זיינע שלעכטע קלימאַטישע תנאים, וועגען דאָס פעלען פון וואסער. אויף דער טאגעס־אָרדנונג בא דעם טעריטאָריאַליזם איז ארויסגעטראָטען מעסאָפּאָ־טאַמיען, וועלכעס איז שוין זייט יאָרען געשטאַנען אין דעם „בלוי־בוך" אלס איינס פון די פּאסענדע לענדער פאר א אידישער גרויס־קאָלאָניזאציע.

די טעריטאָריאַליסטישע אָרגאניזאציע זעהט אין א גרויסען און פרוכט־בארען לאַנד, ווי מעסאָפּאָטאַמיען, וועלכעס איז וויִניג באפעלקערט און אויף

אן אָפענער בריף צו אלע סאָציאליסטען־טעריטאָריאליסטען (ס. ס.) *)

חברים! מער ווי צען יאָר זיינען פאראיבערגעגאנגען, פון דער צייט וואָס דער אוגאנדאָ־פּראָיעקט האָט פאנאנדערגעשפּאָלטען די ציוניסטישע אָרגאניזאציע און פאנאַנדערגעריסען און פאנאנדערגעטיילט דעם ציוניסטיש־סאָציאליסטישען פּראָלעטאריאט. דורך דעם אוגאנדאָ־פּראָיעקט און שפּעטער דורך דעם טעריטאָריאליזם האָט דער אידישער ארבייטער־קלאַס, וועלכער האָט שוין אויפגעהויבען מוטיג און שטאָלץ די פאָן פון סאָציאליסטישען ציוניזם, פארלאָרען זיין איינהייטליכען ציל און וועג און איז פאנאנדער־געפאלען אין פארשידענע פּארטייען, שטרעמונגען און שאַטירונגען, און אזוי ווי די פּראַקטישע אומפּרוכטבארקייט פון דעם ציוניזם און טעריטאָריאליזם איז צונויפגעפאלען מיט דער שטייגערונג פון די האָפנונגען אויף דאָס באַניי־טע רוסלאַנד, איז אויך באַלד דער ערוואַכטער ציוניסטיש־טעריטאָריאליס־טישער רצון פון דעם פּראָלעטאריאט געזונקען און פארביטען געוואָרען אויף די באקאנטע טעאָרעטישע אויסטראכטענישען און די מעכאנישע צופּאסונג צו די סאָציאליסטישע באוועגונגען פון רוסלאַנד און זייערע אידעאָלאָגען. אנשטאָט דער פאראייניגטער ארבייט פאר א אידישע לאנד, האָט זיך אָנגע־הויבען דער ברודער קאמף צווישען ס. ס., פּועלי־ציון, סיימאָווצעס, און דער שוואַר־פּונקט פון די אינטערעסען און דיסקוסיאָנען איז אריבערגעטראָגען גע־וואָרען פון דעם טעריטאָריאליזם אויף דעם גלות.

דער אלגעמיינער קריזיס אין רוסלאנד נאָך דער שטורם־צייט און די אומפּרוכטבארקייט אין ציוניזם און טעריטאָריאליזם האָט געפירט צו דער כמעט פולשטענדיגער פארשווינדונג פון די פארשידענע פּארטייען פון סאָ־ציאליסטישען ציוניזם. די פּארטיי־אָרגאניזאציעס האָבען זיך אויפגעלייזט. די קאָמיטעטען האָבען ניט פונקציאָנירט און אין ווירקליכקייט גאָר ניט עקזיס־טירט, די ארבייטער האָבען זיך מאכטלאָז און פארצווייפעלט און מיט דעם געפיל פון ענטוישונג אָפּגעווענדעט פון די באוועגונגען בכלל. אין לויף פון יאָרען איז די סאָציאליסטיש־ציוניסטישע באוועגונג אין רוסלאנד געווען פול־שטענדיג פּאראליזירט. פון דער גרויסער און מעכטיגער סאָציאליסטיש־ציוניסטישער באוועגונג אין די ערשטע יאָרען פון איר ארויסטרעטונג איז

---

*) אָפּגעדרוקט אין דער ס. ס. צייטשריפט „דאָס וואָרט“

דער טעריטאָריאַלער באפרייאונג און זעלבסטשטענדיגקייט פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק.

עס איז ניט מעגליך צו גלויבען, דאָס וועלכער עס איז ציוניסט זאָל זיך שטעלען פּרינציפּיעל געגען מעסאָפּאָטאמיען. אויב פּאַלעסטינא האָט א נאכבארלאנד, וועלכעס איז פּאסענד פאר א אידישע גרויס־קאָלאָניזאציע, איז דאָס מעסאָפּאָטאמיען. די ציוניסטען מוזען ארויסשטעלען דעם לאָזונג פון א גרויסע מאסען־קאָלאָניזאציע, אין פּאַלעסטינא און אין מעסאָפּאָטאמיען. דערמיט פאראייניגט דער ציוניזם אלע פּארטייען און דאָס גאַנצע פאָלק און די ציוניסטישע אָרגאניזאציע רעפּרעזענטירט באמת די אידישע נאציע.

שטיין די פריערדיגע עפּאָכע פֿון די אינווייניגסטע מחלוקות און דער פֿאַנאַנ־דערשפּאַלטונג פֿון דעם סאָציאַליסטיש־ציוניסטישען פּראָלעטאַריאַט. די אַרביי־טער פֿון די אַמאָליגע ס. ס. אָרגאַניזאַציעס, די צאָלרייכע אינטעליגענץ שטעהען שטיל און אינדעפּענדענט פֿון ווייטען פֿון דער נייער באַוועגונג, זייער גלייכ־גילטיגקייט האָט אָבער נאָך אין זיך דאָס שאַרפֿע זאַלץ פֿון קריטיק. פֿון ווייטען שטעהען אויך די פֿילע אינטעליגענטען און אַרבייטער, וועלכע האָבען זיך אין דער צייט פֿון די באַוועגליכע יאָרען אָפּגעטיילט פֿון ציוניזם מיט דעם לאָזונג פֿון אַ סיים אין רוסלאַנד. זיי אַלע שטעהען גלייכגילטיג, קריטיש אָדער גאָר פֿיינדליך צו דער נייער ציוניסטישער באַוועגונג און צו די גרויסע טעריטאָריאַליסטישע מעגליכקייטען, וועלכע האָבען זיך געעפֿענט יעצט אין פּאַלעסטינאַ און די אַרומיגע לענדער. די לאָזונגען פֿון אַ פֿריערדיגער צייט ווירקען אויף אַזאַ אופֿן ווי אַ שטערונג און שאָדען פֿאַר די געזעלשאַפֿטליכע ענטוויקלונגען פֿון דער געגענוואַרט.

דער אויסער־פּאַלעסטינישער טעריטאָריאַליזם האָט אָבער קיינמאָל ניט געקענט זיין קיין פּרינציפּ. פּאַלעסטינאַ האָט ביי באַשטימטע עלעמענטען פֿון פֿאָלק געקענט זיין אַ נאַציאָנאַלער פּרינציפּ, אָבער ניט־פּאַלעסטינאַ האָט געקענט זיין אַ צייטווייליגע טעכנישע אָדער פּאָליטישע אויפֿפֿאַסונג, אָבער ניט אַ פּרינציפּיעלע איבערצייגונג. בשעת דער אוגאַנדאַ־פּראָיעקט איז אַרויפֿ־געקומען, איז דער ציוניזם געשטאַנען פֿאַר אַ וואַנט, וועלכע ער האָט ניט געקענט איבערשפּרייזען. עס האָט זיך אַלעמען אויסגערוכט, דאָס די טער־קישע דעספּאָטיע וועט אָנהאַלטען נאָך פֿילע דורות, און דאָס וועלכע עס איז ווערטפֿולע אידישע קאָלאָניזאַציאָן אין פּאַלעסטינאַ בלייבט אויסגעשלאָ־סען פֿאַר די גאַנצע צייט. אוגאַנדאַ האָט אויסגעזעהן ווי אַ ראַעלע מעגליכ־קייט, אַ לאַנד, אין וועלכען אידען וועלען קענען באַשאַפֿען אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. נאָכדעם אָבער ווי די ציוניסטען האָבען געמאַכט אונמעגליך דעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט, איז באַשאַפֿען געוואָרען דער טעריטאָריאַליזם. אָבער ביי די טעריטאָריאַליסטען זעלבסט האָט זיך אַרויסגעוויזען די זעלבע אומפֿייאיגקייט צו באַשאַפֿען אַ לעבעדיגע טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג. די באַקאַנטע „טעאָריעס“ האָבען פֿאַרביטען די טעריטאָריע, און דער צד השוה פֿון די אַלע קינדישע אויסטראַכטענישען איז געווען דער מאַנגעל אין ווילען און דער שרעק פֿאַר וועלכער עס איז טעריטאָריאַליסטישער טעטיג־קייט. דער סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט און די אינטעליגענץ זיינען געווען אַקוראַט אַזוי אונפּרוכטבאַר און שעדליך אין דעם טעריטאָריאַליזם, ווי די ציוניסטען בנוגע צו אוגאַנדאַ. די יט"א, דאָס הייסט זאַנגוויל'ס פּריוואַט־אָפֿיס אין לאָנדאָן, האָט דערווייל דורך די פֿאַר־האַנדלונגען מיט רעגירונגען, ווי מיט דער רעגירונג אויסטראַליען און מיט

געבליבען נאָר די פועלי־ציון באַוועגונג און די באַוועגונג אין אמעריקא, וועלכע איז געווען צוריסען אין טעריטאָריאַליזם און ציוניזם, און איז געבליבען מאַכטלאָז און אומבאַדייטענד אין דער אַלגעמיינער אידישער ארבייטער באַוועגונג, דער געפיל פון פארצווייפלונג און ענטוישונג איז אריינ־געדרונגען אין דעם סאָציאַליסטיש־ציוניסטישען פראָלעטאַריאַט אומעטום, און שפּאָט און געלעכטער איבער זיך זעלבסט האָבען פארנומען אויף דער אידישער גאס די פּוסטקייט, וועלכע די פארשוואונדענע „טעאָריען״ האָבען נאָך זיך איבערגעלאָזען. און ווי באַלד דער טעריטאָריאַליסטישער רצון איז געזונקען, האָט זיך ווידער אויפגעהויבען דער נאַטירליכער שונא, דער גלותיזם מיט זיין זעלבסט־באַנייגענקייט, מיט זיין סאָציאַלער און קולטורעלער אינ־האַלטסלאָזיגקייט און דער בעל־בית׳ישער קריטיק פון דער ציוניסטישער „אוטאָפּיע״.

דיזע טרויריגע און שווערע איבערגאַנגס־צייט דערנעהנטערט זיך צום סוף. דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען ערוואַכט ווידער און אויך ביים אידישען פּראָלעטאַריאַט זעהען זיך שוין אַלע סמנים פון דער ווידער־אויפלעבונג פון די סאָציאַלע אינטערעסען און דעם שעפּפערישען נאַציאָנאַלען רצון. א פריי־שער און מוטיגער דור וואַקסט אויף, וועלכער איז פול מיט באַגייסטערונג און ליידענשאַפט, פול מיט די אייביגע שעפּפערישע כחות פון דער מענש־ליכער ענטוויקלונג. די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע ערוואַכונג איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך די גרויסע טעריטאָריאַליסטישע מעגליכקייטען, וועלכע האָבען זיך געעפענט אין די לעצטע יאָרען אין ארץ ישראל, און וועלכע ווערען יעדעס יאָר אַלץ מער און מער זיכער און רעאַל. אויב דער אויסער־פּאַלעסטינישער טעריטאָריאַליזם האָט זיך ארויסגעוויזען אומפּרוכטבאַר און אָביעקטיוו כמעט ווי אונמעגליך ביי דעם ניט־אָרגאַניזירטען צושטאַנד פון אידישען פאָלק, ווערט דער פּאַלעסטינישער טעריטאָריאַליזם מעגליך און זיכער און הויבט זיך אָן פאַר אונזערע אויגען שוין צו פארווירקליכען. די רעוואָלוציאָן אין דער טערקיי און די גרויסע פּאָליטישע נאַציאָנאַלע איבערקערעניש אין דער טערקישער אימפּעריע מאַכען ניט נאָר די קאָנצענטרירונג פון דעם אידישען פאָלק אין פּאַלעסטינא און די ארומיגע לענדער מעגליך, נאָר מאַכען אפּהייננגיג די פארווירקליכונג פון דעם טעריטאָריאַליזם נאָר פון דעם סאָציאַלען און נאַציאָנאַלען רצון פון דעם אידישען המון. פון דיזער ווידער־אויפלעבונג פון דעם ציוניזם און דער אויפלעבונג פון דער טעריטאָריאַליסטישער האָפנונג און מעגליכקייט שעפּט דער גלות נייעם מוט און גלויבען צו זיין ערלייזונג, און ווידער הויבט זיך אָן צו טראָגען דורך דאָס אידישע פאָלקס־לעבען, די אומרואיגקייט פון גאולה.

אויף דער נייער אויפלעבונגס־באַוועגונג ליגט אָבער נאָך ווי א שווערער

גענוג צו פאָדערען די פּאָליטישע אויטאָנאָמיע. די אראבישע באפעלקערונג מאכט די אידישע אויטאָנאָמיע אין פאלעסטינא, ווי יעדע היסטאָרישע ערשיינונג, קאָמפּליצירט, אָבער דורכאויס ניט אונמעגליך אָדער אפילו אונווארשיינליך.

פאלעסטינא איז אָבער נאָר דער שליסעל צו דער קומענדיגער קאָלאָניזאציע פון גאנץ מערב־אזיען, באזונדערס פון מעסאָפּאטאמיען. אזוי ווי דער מערב פון אמעריקא איז אין דעם מיטען פון פאָריגען יאָרהונדערט געעפענט געוואָרען אלס א גרויס קאָלאָניזאציאָנס לאנד פאר דער וועלט מיט אומבאגרעניצטע מעגליכקייטען, אזוי וועט זיך אין א גאנץ קורצער צייט מעסאָפּאטאמיען עפענען אלס א ניי קאָלאָניזאציאָנס־לאנד. עס דארפען נאָר פארענדיגט ווערען די דאָרט געבויטע אייזענבאנען, וועלכע וועלען פאר־בינדען דאָס לאנד מיט אלע קולטור־לענדער פון דער וועלט, און עס מוז ווע־רען מער פּאָליטישע זיכערהייט אין אָריענט. פאר די אידען קען זיך עפענען א קאָלאָניזאציאָנס־לאנד, וועלכעס וועט קענען אויפנעמען מיליאָנען, דעם גאנצען אידישען וואנדערענדען גלות, און וועלכעס וועט ווערען אן איינ־הייטליך לאנד מיט פאלעסטינא. אין דער געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק איז קיינמאָל נאָך ניט געוועזען אזאַ מעגליכקייט פאר קבוץ גליות און נאציאָנאלער רענעסאנס, ווי יעצט, און קיין טעריטאָריאליסטישער פּלאַן איז ניט אזוי רעאל, דורכפירבאר, איינהייטליך און שעפּעריש, ווי פאלעס־טינא אין דער נייער לאגע פון דעם אָריענט.

די קאָלאָניזאטאָרישע און נאציאָנאל־קולטורעלע עראָבערונג פון פּא־לעסטינא אלס א פאָרבארייטונג פאר אן אונגעהויערע מאסען־קאָלאָניזאציע אין די ארומיגע לענדער איז אפּהייננגיג נאָר פון דעם פארשטענדניס און דעם ווילען פון דעם אידישען פאָלק גופא. א גרויסע פאָלקס־אָרגאניזאציע פון די צוקונפטיגע קאָלאָניסטען דארף באשאפען ווערען, וועלכע זאָל אויסאר־בייטען אלע וועגען פאר קאָאָפּעראטיווע קאָלאָניזאציע און אינדוסטריע אין פאלעסטינא און אָנהויבען פירען סיסטעמאטיש די איינוואנדערונג און די קאָאָפּעראטיווע באזעצונג פון די מאסען אין לאנד. די ציוניסטישע אָר־גאניזאציע און דאָס גאנצע אידישע פאָלק דארפען באשאפען די הילף־איינ־סטיטוטען און קרעדיט־אינסטיטוטען פאר דיזער פאָלקס־קאָאָפּעראטיווער קאָלאָניזאציע. אָבער דיזע פאָלקס־קאָאָפּעראטיווע אָרגאניזאציע קען נאָר דאן באשאפען ווערען, ווען די טויזענדער ארבייטער און די אינטעליגענץ וועלען ווידער אויפהויבען די פאָן פון דער אידישער באפרייאונג און אויפ־לעבונג, וועלכע איז אונגליקליכערהייט ארויסגעפאלען פון זייערע הענד. דער אָרט פון די סאָציאליסטען־טעריטאָריאליסטען קען יעצט ניט זיין קיין אנדערער ווי צוזאמען און מיט די פועלי־ציון. דאָס, וואָס עס פאָדערט

קאַנאַדאַ, באַוויזען, דאָס די צאָל פון טעריטאָריאַליסטישע מעגליכקייטען פאַר אידען מוז אַלץ ווערען מער און מער באַשריינקט. וועגען קירענאַיקאַ און אַנגאָלאַ, וועלכע זיינען געווען שוין פריערע טעריטאָריאַליסטישע פּלע־נער, זיינען אַרויסגעקומען לכתחילה טעכניש־קאָלאָניזאַטאָרישע און דערנאָך אויך פּאָליטישע מניעות. אמת די יט״א האָט ניט אונטערזוכט אַלע טערי־טאָריאַליסטישע מעגליכקייטען אויף דעם ערדקוגעל, די שוועריגקייטען און כמעט אונמעגליכקייט צו קריגען אַ לאַנד האָט אָבער יעדענפאַלס די יט״א באַוויזען אין איר באַלד צעניאָריגער אַרבייט. דער טעריטאָריאַליזם האָט אונז געלערנט צוויי זאַכען: דאָס די ערווערבונג פון אַ טעריטאָריע פאַר אידען איז כמעט ווי אַן אונמעגליכקייט, און אַז דאָס פאָלק איז אונפייאיג אַרויס־צואווייזען ווילען און מוט און אָפּערוויליגקייט פאַר דעם טעריטאָריאַליס־טישען ציל. פון אַ טעכנישער מעגליכקייט און פּסיכאָלאָגישער לייכטקייט, ווי דער טעריטאָריאַליזם האָט זיך לכתחילה אונז אויסגעדוכט, האָט ער זיך נאָך צען יאָר פון אונפּרוכטבאַרער עקזיסטענץ אַרויסגעוויזען אַלס אַ טעכ־נישע אונמעגליכקייט און אַ גרעסערע פּסיכאָלאָגישע שוועריגקייט, איידער דער ציוניזם. ווייל דער טעריטאָריאַליזם איז קיינמאָל ניט געווען קיין פּרינציפּ, נאָר אַ טעכנישער פּראָיעקט, האָט ער דערמיט פאַרלאָרען זיין באַרעכטיגונג צו עקזיסטענץ.

אָבער אפילו ביי גרעסערע אויסזיכטען צו פאַרווירקליכונג וואָלט דער טעריטאָריאַליזם ניט געהאַט היינט קיין רעכט צו עקזיסטירען ווייטער, ווייל אין פּאַלעסטינאַ און די אַרומיגע לענדער האָבען זיך געעפענט גרויסע טע־ריטאָריאַליסטישע מעגליכקייטען פאַר דעם אידישען פאָלק. נאָך דער רע־וואָלוציע פון די יונג־טערקען אין דער טערקישער מלוכה זיינען די לענדער און די פעלקער פון דער טערקיי אַריבערגעגאַנגען אין זייער אייגענעם רשות. פּאַלעסטינאַ הויבט אויך אָן איבערצוגעהן אין דעם רשות פון אידען, אין דער מאָס, ווי דאָס אידישע פאָלק דערהויבט אין דער גאַנצער וועלט זיין קול און ווייזט אַרויס אַ פּאָליטיש־נאַציאָנאַלען אינטערעס פאַר דעם לאַנד. אין לויף פון די קומענדע יאָרען זיינען פאַראַן מעגליכקייטען פאַר אַ אידישע מאַ־סען, ווירטשאַפטליכע און אינדוסטריעלע קאָלאָניזאַציע, אַזוי דאָס אין אַ קורצער צייט וואָלטען אידען געקענט פאַרנעמען אפילו אין צאָל אַ מעכטיגע פּאָזיציע אין פּאַלעסטינאַ. אויב די לאַגע אין אָריענט וועט זיך ענדערען, וועט די צוקונפט פון דער אידישער אויטאָנאָמיע אין פּאַלעסטינאַ אָפּהיינגען דערפון, ווי צאָלרייך און מעכטיג עקאָנאָמיש און קולטורעל די אידישע באַפעלקערונג וועט זיין אין פּאַלעסטינאַ. דער נצחון פון דער דעמאָקראַ־טישער אידעע אין דער וועלט גיט די גאַראַנטיע, דאָס די אידישע באַפעל־קערונג אין פּאַלעסטינאַ וועט ווערען אויטאָנאָם, וויבאַלד זי וועט זיין שטאַרק

די אידענפראגע*)

דורך דער שטענדיגער צונויפמישונג פון דער אידישער פראגע מיט דעם אידישען פראָבלעם, שטאַמט יענע אומקלאָרקייט, אומבאשטימטקייט און ווידערשפרוך, מיט וועלכע די אידישע פראגע ווערט געוויינטליך באהאנדעלט. דאָס אידישע פראָבלעם נעמט זיך פון דעם צוזאמענשטויס פון צוויי פארשי־דענע קולטורען, צוויי פארשידענע און סותר'דיגע רוחניות'דיגע געשטאל־טען אין דער געשיכטע, וועלכע האָבען זיך ניט געקענט צוזאמענגיסען, אסי־מילירען. פון זייער היסטאָרישער סתירה איז ארויסגעוואקסען דער אידישער קולטור־מוט, די אידישע גייסט־טראגעדיע, פון איין זייט, און די באהאלטענע און אָפענע שנאה פון אלע פעלקער און אלע זשעניען פון דער וועלט געשיכטע צו אידען און צום אידענטום פון דער אנדערער זייט. דאָס אידישע פראָבלעם איז א גייסטיגעס, א קולטורעלעס, א געשיכטס־פילאָזאָפישעס וואָס עס איז שווער אריינצוקליידען אים אין א פאָרמעל פון באגריפען און וויסענשאפט־ליך קלאָרע געדאנקען. דאָס אידישע פראָבלעם פאַלט אין דאָס פעלד פון אזוינע ערשט אויפקומענדע וויסענשאפטען, ווי געשיכטס־פילאָזאָפיע, פעל־קער־פסיכאָלאָגיע, עטיק. הגם עס פעלט נאָך א סיסטעם פון וויסענשאפט־ליכע געדאנקען מכח דאָס אידישע פראָבלעם, איז עס אָבער דערפאר ניט וויינינגער לעבעדיג און ערנסט, ווי עס זאָגט אויף דעם עדות דאָס גאנצע היסטאָרישע לעבען פון דער מענשהייט.

די אידישע פראגע איז אָבער א סך קלערער, פארשטענדליכער, און דערקענבארער. זי איז א קאָנקרעטע סאָציאל־דעמאָקראטישע און פאָליטישע פראגע, וועלכע שטאַמט פון דעם פריינדליכען צוזאמענשטויס פון צוויי פאר־שידענע נאציאָנאלע און סאָציאלע גרופען אין דער געזעלשאפט. די אידישע פראגע קען מען אונטערזוכען, דערפאָרשען, אזוי צו זאָגען, מעסטען און וועגען מיט די מיטלען פון דער סטאטיסטיק און דער היסטאָרישער וויסענשאפט. עס פארשטעהט זיך, דאָס די אידישע פראגע און דאָס אידישע פראָבלעם זיינען צווישען זיך איינג פארבונדען. וואָלטען די תנאים פון דער סביבה געוועז אזוינע, דאָס די אידישע סאָציאלע־גרופע וואָלט אונטער זיי פאר־שווינדען, וואָלט אויך דאָס אידענטום אלס גייסט, אלס קולטור פארם פאר־שווינדען און ניט געקענט זעלבסט אויפהאלטען אן אָפגעזונדערטע אידישע סאָציאלע גרופע. אין צוויי טויזענד יאָר פון פיינדשאפט צו אידען האָט זיך דאָס אידענטום ערהאלטען היסטאָריש, אָבער עס וואָלט זיכער פאר־

---

*) פון „אידישער קעמפער“, נומערן 24, 22, 20, 1910.

די געזעלשאפטליכע מאָראל, דער אמת און די אויפריכטיגקייט דאַרף ניט אָפּגעהאלטען ווערען פון פסיכאָלאָגישע מאָטיווען. די טעריטאָריאליסטען מוזען זיך אויפהייבען פון זייער גלייכגילטיגקייט, זיי דארפען זייער פּראָגראַם ניט איבערקוקען, זיי דאַרפען עס נאָר ברייגנען אין איינקלאנג מיט דער נייער לאגע. זיי מוזען אריינברייגנען טעריטאָריאליסטישע אונרוה אין דער ציוניס־טישער אָרגאניזאציע, און צוזאמען מיט די ציוניסטען אריינטראָגען אונרוה אין גלות. געווים קען דאָס אידישע פאָלק געפינען זיין ברעג אויך אָהן זיי, אָבער זיי מוזען זיך היטען פאר דעם משפּט פון דער אידישער געשיכטע, וועלכער וועט דאַן לויטען: כאָטש זיי האָבען ניט געוואָלט, איז עס דאָך ניט געוועזן קיין חלום.

געוואָרען פון א קלאס־נאציאָן א נאציאָן פון קלאסען, איז זייער נאציאָנאלע אונטערדריקונג ניט שטענדיג די אורזאכע פון זייער סאָציאלער אונטערדריי־קונג, נאָר אָפטמאָל די סיבה פון זייער סאָציאלער הערשאפטס־מעגליכקייט.

די אידישע פראגע איז אזוי אלט ווי דער סאָציאל־עקאָנאָמישער צוזא־מענשטויס פון דעם אידישען פאָלק מיט די איבעריגע פעלקער, זי איז אזוי אלט ווי דער אידישער גלות. מען קען דאָך אונטערשיידען צווישען דער היסטאָרישער אידישער פראגע, און דער מאָדערנער אידישער פראגע, צווישען דער אידישער פראגע ביז צו דער פאנאנדערבליאונג פון דעם קאפיטאליזם, זייט אידען זיינען געוואָרען א קלאסען־נאציאָן, און דער אידישער פראגע אין דער מאָדערנער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, — בשעת עס האָט זיך דיפערענצירט א אידישער פראָלעטארישער המון. אין דער פאר־קאפיטא־ליסטישער צייט איז באשטאנען די אידישע פראגע אין דעם, וואָס די אידישע קלאס־נאצאָן האָט פארגעשטעלט מיט זיך דעם העכערען קאפיטאליסטישען פרינציפ פון דער געזעלשאפט. די ענטוויקלונג פון די קאפיטאליסטישע טענדענצען אין דער מיטעל־אלטערליכער ווירטשאפט, די ענטשטעהונג פון האנדעל, דאס ארויסוואקסען פון דעם בירגערטום, די בילדונג פון גרויסע שטעט, האָבען געבראכט די מיטעל־אלטערליכע געזעלשאפט אין א ווידער־שפרוך מיט דער אידישער ווירטשאפט פאָרם און האָבען געפירט צו דער פארפאָלגונג און אויסוואָרצלונג פון אידען און זייער אויסוואנדערונג אין לענדער אויף א נידעריגער ווירטשאפטליכער שטופע. די אידישע פראגע אין דער מאָדערנער קאפיטאליסטישער צייט באשטעהט הויפטזעכליך אין דעם, וואָס דער אידישער פראָלעטארישער המון שטעלט מיט זיך פאָר אן עקאָ־נאָמישען פרינציפ, וועלכער איז דורך דער קאפיטאליסטישער ענטוויקלונג געוואָרען נוצלאָז פאר די ווירטשאפט פון לאנד. דיזע עקאָנאָמישע אומ־פרוכטבארקייט פון דער אידישער פאָלקס מאסע איז די מאָדערנע אידישע פראגע. די עקאָנאָמישע אומפרוכטבארקייט פון אידען אין צוזאמענוויר־קונג מיט די גייסטיגע אידישע תכונות, רופען ארויס די עקאָנאָמישע און פאָליטישע אומרואיגקייט פון דער פאָלקס מאסע, די באשטענדיגע וואנדערונג אין נייע לענדער, די שטרעבונג אויסצובורייטען דעם געאָגראפישען שטח פון דעם אידישען וואוין־אָרט, די טענדענץ פון סאָציאל שטייגען אויף דער אי־דישער זייט, און אויף דער ניט־אידישער זייט דעם סאָציאלען און פאָלי־טישען געגענדרוק פון אלע פעלקער און קלאסען געגען דיזער אומרוהיגער און אומפרוכטבארער נאציאָנאל־סאָציאלער גרופע. דער קאמף פון דער געזעל־שאפט געגען דעם אידישען קאפיטאליזם אין מערב אייראָפא אין דער פאָרם פון דעם אייראָפעאישען אנטיסעמיטיזם, איז נאָר א זייטיגער, אומבאדיי־טענדער אויסדרוק פון דעם גרויסען נאציאָנאל־סאָציאלען קאמף, וועלכער

שווינדען אין צוויי הונדערט יאָר פון טאָלעראַנץ. צוריק אָבער, לעבט דאָס אידענטום לייגנער איידער דאָס אידישע פאָלק, לייגט אויף אים ארויף דעם שטעמפעל פון אָפגעזונדערטקייט, טיילט עס ארויס פון דער איבעריגער געזעלשאפט, און מאכט אים א שטענדיגען ציל־ברעט פון סאָציאלער און נאציאָנאלער שנאה. דעם צווייטען טאג נאָך דער גלייכבארעכטיגונג פון אידען און זייער נאציאָנאלען אונטערגאנג, ווערט דאָך ווידער געבאָרען דער אנטיסעמיטיזם, ווייל דאָס אידענטום ליגט נאָך אין טראגישער גסיסה. ווען אפילו דאָס אידישע פאָלק האָט זיך שוין ערקלערט פאר טויט, לאָזט ניט דאָס האלב טויטע אידענטום שטארבען דאָס טויט־וועלענדע אידישע פאָלק. דער אויפגעוועקטער אנטיסעמיטיזם, אָבער, ניט דאָס אידענטום, דערוועקט ווידער דאָס אידישע פאָלק און די אויפגעלעבטע „טרוקענע ביינער" לעבען ווידער אויף דאָס גוסס'דיגע אידענטום. אזוי זיינען אידען און אידענטום א צוזאמענהייגענדע קייט, באָטש דער אבסטראקט־וויסענשאפטליכער סך הכל איז, דאָס די אידען האָבען אויפגעהאלטען דאָס אידענטום, אקוראט פאר־קערט ווי עס דוכט זיך דעם שכל הישר, אז דאָס אידענטום האָט אויפגע־האָלטען אידען. צווישען דער אידישער פראגע און דעם אידישען פראָבלעם איז פאראן אויף אזא אופן אן איינגער צוזאמענהאנג.

דאָס אידישע פאָלק מיט זיין באזונדערער, אייגענארטיגער קולטור, און רוחניות'דיגער פיזיאָנאָמיע איז איבערגעריסען געוואָרן אין זיין היסטאָרישער ענטוויקלונג און מיט געוואלד ארייגנעוואָרפען געוואָרען אין א פרעמדער וועלט. דיזע פרעמדע וועלט איז אָבער שוין געווען ניט נאָר קולטורעל אויפ־געבויט, מיט א באשטימטער גייסטיגער געשטאלט, מיט א פארגאנגענהייט, א לעבענס־אינהאלט, און א צוקונפט אידעאל, נאָר זי האָט געהאט אויך א מער אָדער וויינ׳יגער באשטימטע סאָציאל־עקאָנאָמישע פאָרם. א פאָלק אָהן אן אייגענער זעלבסטשטענדיגער ווירטשאפט איז ארייגעפאלען אין געזעלשאפטען מיט א נאציאָנאלער ווירטשאפט. דאָס אידישע פאָלק האָט געמוזט, דערפאר, אויספילען יענע באזונדערע עקאָנאָמישע פונקציעס אין וועלכע די פרעמדע ווירטשאפטען האָבען זיך נאָך גענויטיגט און דערפון האָט זיך גענומען די אויסנאמע־שטעלונג פון די אידען אין דער געזעלשאפט, דער סאָציאל־עקאָנאָמישער ווידערשפרוך צווישען אידען און דער ארומיגער געזעל־שאפט. דיזער סאָציאל־עקאָנאָמישער ווידערשפרוך איז די אידישע פראגע, וועלכע איז געווען שטענדיג, און איז איצט אויך א פראגע, ניט פאר אידען, נאָר אויך פאר גוים. עס זיינען ניט דוקא אידען אין גלות ביי גוים, נאָר אויך גוים אין גלות ביי אידען, ווארום אידען זיינען געווען שטענדיג און אומעטום אן אונטערדריקטע נאציאָן, נאָר ניט שטענדיג און אומעטום אן אונטערדריקטער קלאַס. אפילו אין דער מאָדערנער צייט, ווען אידען זיינען

געבונג. די אלטע געזעלשאפט מיט איר העכערער קאפיטאליסטישער פאָרם און איר ענטוויקעלטען האנדעל איז פארשוואונדען און אויף איר פלאץ איז געקומען א נידעריגערע ווירטשאפט און קולטור. נאָך דעם ווי איירָאפא האָט זיך בארוהיגט פון דעם שטורם פון דער פעלקער וואנדערונג און אויף די חורבות פון דער רוימישער מלוכה זיינען אויפגעבויט געוואָרען נייע געזעלשאפטען, האָט זיך דער גאנצער קולטור בילד פון איירָאפא פאר־ענדערט. אנשטאט דער קאפיטאליסטישער געלט ווירטשאפט איז געקומען די אָרימע, איינפאכע נאטוראל ווירטשאפט, און אנשטאט דאָס רוימישע רעכט האָט אָנגעהויבען הערשען דאָס קירכליכע רעכט פון קריסטענטום. ערשט בשעת אין דער מאָדערנער צייט האָט ווידער אָנגעהויבען בליען דער קאפי־טאליזם, איז צוריק איינגעפירט געוואָרען דאָס רוימישע רעכט, וועלכעס איז צוגעפאסט צום אינדיווידואליסטישען קאפיטאליזם. האנדעל, קרעדיט, געלד געשעפט זיינען אין דער נאטוראל ווירטשאפט אין אָנהויב פון מיטעל־אלטער נאָך דער פעלקער וואנדערונג פארדאמט געוואָרען.

אין דיזער פאָלשטענדיג פארענדיגטער געזעלשאפט מיט איר נייער סאָציאל־ווירטשאפטליכער אָרגאניזאציאָן, איז געבליבען אזוי ווי אונפאר־ענדערט דאָס אידישע פאָלק פון האנדעל און געשעפט, פרעמד צו דער ארו־מיגער וועלט, ניט נאָר קולטורעל און גייסטיג, נאָר אויך ווירטשאפטליך. עס איז דערפאר ניט קיין וואונדער, וואס עס האָבען זיך אָנגעהויבען געגען די אידען גראד אין יענער צייט די גרעסטע רדיפות. אָבער עס איז צוריק אויך ניט קיין וואונדער, דאָס די אידען האָבען זיך דאָך ערהאלטען, ניט קוקענדיג אויף די רדיפות, ווארום זיי האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט א העכערען ווירטשאפטליכען פרינציפ. אין דער נאטור ווירטשאפט זיינען זיי געווען די קלאס נאציאָן מיט א קאפיטאליסטישער ווירטשאפטס פאָרם, און וואָס מער די געזעלשאפט האָט עקאָנאָמיש פראָגרעסירט, אלץ שטארקער האָט דאָך געמוזט ווערען די פּאָזיציע פון די אידען. די אידען זיינען דער־פאר אריינגעדרונגען אין אלע מערב איירָאפּעאישע מלוכות און האָבען דאָרט אָנגעפירט דעם האנדעל. אין יאָהר 975 געברויכט דער קעניג אָטאָ דער צווייטער אין אן אוקאז דעם בארימטען אויסדרוק: אידען אָדער סוחרים. אין צענטען, עלפטען, צוועלפטען יאָרהונדערטער זיינען פאראן גרויסע, רייכע אידישע געמיינדען אין גאנץ מערב איירָאפּא, און דאָס גאנצע געלד געשעפט און דער האנדעל, באזונדערס דער אינטערנאציאָנאלער האנדעל, ליגט אין זייערע הענט. ביי דער ענטשטעהונג פון דער אויסבויאונג פון די שטעדט, וועלכע זיינען דער צענטער פון האנדעל און געשעפט, שפּילען דאמאָלסט אידען א באדייטענדע ראָליע. כאָטש די קירכע האָט ניט איינמאָל די אידען פארדאמט, זיינען זיי דאָך געווען פריי און גלייכבארעכטיגט און

געהט פאר אין דער גאנצער ליניע, וואו עס באגעגענען זיך די אידישע פאלקס מאסע מיט דער ארומיגער געזעלשאפט, און וועלכע ווערט אנגערופען איצט די אידישע פראגע.

די צושטרייאונג פון אידען צווישען די פעלקער, צווישען די פרעמדע סאציאל־עקאנאמישע ארגאניזמען, האט זיך אנגעהויבען אייגענטליך נאך פריער, איידער דאס אידישע פאלק האט פארלארען זיין פאליטישע זעלבסטשטענדיגקייט. נאך אין דער צייט פון דעם בית־שני איז געווען א גרויסער טייל פון דעם אידישען פאלק צושפרייט און צוזייט איבער אלע ימים. אלע לענדער און שטעט פון דער דאמאלטדיגער גריכיש־רוימישער מלוכה זיינען געווען שטארק באפעלקערט מיט אידען. וואס עס האט די אידען גע־טריבען דאמאלט צו א פרייוויליגען גלות און צושטרייאונג און דער גאנצער וועלט, איז שווער צו דערגרינדען. די איינגע בארירונג מיט דער ארומיגער וועלט און די ווירטשאפטליכע פאקטארען האבען געשפילט דערביי די הויפט ראליע. יעדענפאלס וויסען מיר, דאס ביי דער ענטשטעהונג פון די אידישע שטעט אין עגיפטען און סיריען, זיינען אידען געווען די טרעגער פון דער גריכישער קולטור, פון דעם האנדעל און דער העכערער ווירטשאפט. אין דער צייט פון פילאזאף פילון, אין ערשטען יארהונדערט פאר קריסטוס, האבען אידען געוואוינט אין א גרויסער צאל אין אלעקסאנדריען, אנטיאכיען, אין גריכענלאנד און איטאליען, פון וואנען זיי האבען זיך שפעטער פארשפרייט ביז גאליען און שפאניען. אין עגיפטען איז אן אכטעל פון דער באפעל־קערונג באשטאנען פון אידען. אין רוים זיינען זיי צו דער צייט פון ציצעראן שוין געווען א וויכטיגער פאקטאר אין פאליטישען לעבען. נאך דער צו־שטערונג פון ירושלים איז דער גלות געווארען נאך גרעסער; די רוימישע מלוכה איז פארפלייצט געווארען מיט אידען. דער האנדעל, וועלכער איז דאמאלט געווען א פערזענליכער און דורכגעפירט געווארען הויפטזעכליך דורך דער לעבעדיגער בארירונג פון די מענשען גופא, איז געווען צוגעפאסט בכלל פאר די צווישען זיך פארברידערטע און אומעטום צושפרייטע אידען, און אזוי ווי די אידישע ווירטשאפט־פארם איז דאמאלט געווען מער אדער ווייניגער א נוצליכע און נויטיגע, הערען מיר ניט אין די ערשטע יאר־הונדערטען נאך קריסטוס פון גרויסע אידישע פארפאלגונגען און פון דער שווערער בארויבונג פון אידישע רעכט.

געענדערט האט זיך פאלשטענדיג די לאגע פון אידען אין אייראפא נאך דער פעלקער וואנדערונג אין פינפטען יארהונדערט. די רוימישע מלוכה איז פאנאנדערגעפאלען און אויף אירע חורבות זיינען אויפגעוואק־סען נייע פעלקער, נייע מלוכות, נייע פארמען פון ווירטשאפט, א נייע געזעצ־

צווישען די בויערען און די גוטסבאזיצער. דער האנדעל, דאָס געלד געשעפט, די פאבטעריי, דער פראָצענט, דער בראנדוויין געשעפט, זיינען איבערגעגאנגען אין זייערע הענט. זיי זיינען געוואָרען אין גאנצע טיילען פון מזרח־אייראָפּא דער עקאָנאָמיש־באדייטענדסטער טייל פון די שטעדט, וועלכע זיי האָבען געהאָלפען אויפבויען.

אלס א פאָלק מיט א העכערער עקאָנאָמישער טעטיגקייט, זיינען די גרעסטע צאָל אידען אין דער עפּאָכע פון דער ענטשטעהונג פון דעם קאפּיטאַליזם, נאָך הארטע קאמפען און פארפאָלגונגען, אָפּגעצויגען פון דעם קאפּיטאליסטישען מערב־אייראָפּא אין דעם פאר־קאפּיטאליסטישען מזרח־אייראָפּא, אין טערקיי, און דאָס ערשט־ענטדעקטע אמעריקא. יענע נאָך ניט ענטוויקעלטע לענדער האָבען אין זייער ווירטשאפט געהאט א רייכען פּלאץ פאר די באזונדערע אידיש־עקאָנאָמישע גרופּען. די אידישע פראגע האָט אויף אזא אופן אין סוף פון מיטעל־אלטער געפונען איהר לייזונג דורך דער ארויסשטויסונג פון דער אידישער ווירטשאפט פון די לענדער, וואו זי איז געוואָרען איבריג, און איר אריבערטראָגונג אין די לענדער, וואו די קאפּיטאליסטישע ווירטשאפט האָט קוים אָנגעהויבען ארויסצואווייזען אירע ערשטע שפּראָצונגען.

2

אין דער מאָדערנער צייט, אין דער עפּאָכע פון קאפּיטאליזם, פארענדערט די אידישע פראגע איר כאראקטער, לויט נאָך דעם ווי דאָס אידישע פאָלק פאלט פאנאנדער אין קלאסען, אין א פּראָלעטארישער מערהייט אין מזרח־אייראָפּא און א בורזשואזער מינדערהייט אין מערב־אייראָפּא. מיט איר גאנצער שטארקייט הויבט זיך אָן אין דער מאָדערנער צייט די קלאסען־פאנאנדערטיילונג אין אידישען פאָלק. דאָס 18טע און 19טע יאָרהונדערט איז דער פאָלשטענדיגער נצחון פון דעם קאפּיטאליזם אין מערב־אייראָפּא און דער טריאומף פון דעם ליבעראליזם. די ווייניגע מערב־אייראָפּעאישע אידען הויבען זיך אויף ווירטשאפטליך און באקומען די פּאָליטישע עמאנציפּאציאָן אין הסכם מיט דעם נצחון פון דעם ליבעראליזם. זיי דערהויבען זיך סאָציאל און ווערען אין נײַנצענטען יאָרהונדערט פּראָפּאָרציאָנעל נאָך זייער צאָל דער רייכסטער און געבילדעטסטער טייל פון דער געזעלשאפט. אין יאָר 1855 זיינען אין פּרייסען געווען 513 באנקירען, פון וועלכע 385 זיינען געווען אידען. אין יאָר 1861 זיינען געווען אין בערלין 13911 זעלבסטשטענדיגע קויפליית, פון וועלכע 4619 זיינען געווען אידען. אין ברעסלוי זיינען אין דעמזעלבען יאָר פון 4829 זעלבסטשטענדיגע קויפלייט געווען 2311 אידען. אין ענגלאנד, פראנקרייך און האָלאנד, וועלכע האָבען

האָבען פארנומען אייגענטליך א הערשענדע שטעלונג אין דער געזעלשאפט, א דאנק זייער העכערער ווירטשאפטליכער טעטיגקייט.

די שרעקליכע בלוטיגע פארפאָלגונגען געגען אידען האָבען זיך אָנגעהויבען אין צוועלפטען און דרייצענטען יאָרהונדערט מיט קרייצציגע. די קרייצציגע זיינען ארויסגערופען געוואָרען דורך דעם מורא׳דיגען עלענד און די אָרימקייט פון די מאסען; זיי זיינען געווען א סאָציאלע באוועגונג, וועלכע האָט זיך אויסגעגאָסען אין א רעליגיעז־קריגערישער ווילדקייט. עס פארשטעהט זיך, אז די אויפגעשטאנענע מאסען זיינען ארויסגעטראָטען געגען די רייכע אידען, וועלכע זיינען געווען שונאים פון קריסטוס, און וועלכע די קריסטען זיינען געווען שולדיג געלד. אָבער די קרייצציגע האָבען געגעבען א שטארקען אנשטויס דער קאפיטאליסטישער און מסחר׳ישער ענטוויקלונג פון יענער צייט. דורך די מלחמות מיט די מאחמאדאנער איז ארויסגעוואקסען דער האנדעל מיט דעם אָריענט. געלד האָט באקומען דעם גרעסטען ווערט אין דער געזעלשאפט. דער בוי פון דער געזעלשאפט זעלבסט האָט זיך שטארק פארענדערט. אין די שטעדט איז געוואָרען מעכטיג דאָס בירגערטום, וועלכע האָט אליין אָנגעהויבען פירען האנדעל און געשעפט. אין 14טען, 15טען און 16טען יאָרהונדערט האָט זיך דערפאר אין גאנץ מערב אייראָפּא אלץ מער און מער פארערגערט די אידישע לאגע דורך דער ערשטער ענטוויקלונג פון דער קאפיטאליסטישער געלד ווירטשאפט און דעם קאמף פון די האנדוועדקער דאגעגען. דיזע קאָנקורענץ צווישען אידען און די קריסטליכע שטאָדט באפעלקערונג האָט געפירט צו דער פארטרייבונג פון אידען פון פילע מערב אייראָפּעאישע לענדער, באזונדערס צו דעם גירוש שפּאניען און צו דער אויסוואנדערונג פון אידען אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, וועלכע זיינען געווען נאָך זעהר אָפּגעשטאנענע אין זייער ווירטשאפטליכען לעבען.

אין 16טען און 17טען יאָרהונדערט איז די אידישע לאגע אין מערב אייראָפּא זעהר אן אומגליקליכע און א טרויעריגע. זיי זיינען געווען גלייך פארפאָלגט פון די גרויסע קויף־לייט און פון די האנדווערקער, וועלכע זיינען געווען אָרגאניזירט אין חברות. און אידען זיינען ארויסגעשטויסען געוואָרען פון אלע פריערדיגע פּאָזיציאָנען. דער גרעסטער טייל פון אידען זיינען געוואָרען הויזירער, פּעדלער, שאכערער און קליינע הענדלער. אין יענער צייט זיינען זיי אויך קולטורעל און גייסטיג זעהר געפאלען און האָבען זיך געשטעלט גאנץ אויסערהאלב פון דער אייראָפּעאישער קולטור. דער גרעסטער טייל פון די אידען האָט זיך באזעצט אין מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, אין פּוילען, אונגארן, רוסלאנד, טערקיי. דאָרט זיינען זיי אין א סך ערטער געוואָרען אייגענטליך דער דריטער שטאנד, וועלכער האָט פארמיטעלט

לעבען פון עלענדען האנדעל און ליידיגגעהן ארום שול אויף דער גראָבער אב-היינגיגער ארבייט. עס האָט געגומען יאָרען פון סאָציאלער ענטוויקלונג און פראָפּאגאנדא מצד דער אינטעליגענץ, ביז א אידישער בעל־מלאכה קלאס איז ארויסגעוואקסען. די אידישע אויפקלערונג, די פילאנטראָפּיע, די ליטעראטור פון דאמאָלט הערען ניט אויף צו לויבען און צו באזינגען די מלאכה, וועלכע הויבט שוין אָן צו שיינען אין דער מאטעריעלער און קולטור־רעלער נויט פון יענער צייט אין דעם גלאנץ פון א נאציאָנאלען אידעאל.

אקוראט ווי די סאָציאלע לאגע פון די אידען אין מזרח־אייראָפּא און מערב־אייראָפּא איז געוואָרען א פארשידענע, איז אויך זייער פּאָליטישע לאגע געוואָרען א פארשידענע. אין מערב־אייראָפּא זיינען אידען פּאָליטיש עמאנ־ציפּירט, וואָרום אין דער צייט פון די בורזשואזע רעוואָלוציאָנען זיינען שוין אידען געווען א מעכטיגער טייל פון דער בורזשואזיע, וועלכע האָט אויפגע־נומען איז זיך אידען אלס א גלייכבארעכטיגטען טייל. די עקאָנאָמישע און סאָציאלע הערשאפט פון אידען האָט שוין פון זיך אליין צובראָכען די קייטען פון זייער פּאָליטישער אונטערדריקונג. זיי זיינען געבליבען זיגער אין דעם שטורם פון דער געשיכטע. זיי האָבען ערהאלטען בירושה די קאפּיטאליס־טישע ווירטשאפט פון מיטעלאלטער און האָבען נאָך ערוואָרבען די פּאָליטישע גלייכבארעכטיגונג פון דער מאָדערנער צייט. דער גראדער היפּך דערפון איז דער גורל פון די מזרח־אייראָפּעאישע אידען. זיי זיינען פּאליטיש אונטער־דריקט, און דאָס איז קודם כל די פּאָלגע פון זייער סאָציאלער געזונקענקייט. דאָס אידישע פּאָלק האָט דאָרט פארלאָרען זיין קאפּיטאליסטישען כאראקטער פון מיטעלאלטער און זיך דיפערענצירט אין קלאסען, און האָט אָבער ניט באקומען די פּאָליטישע גלייכבארעכטיגונג פון דער מאָדערנער צייט. פון דעם אונגלייכען קאמף פון דער געשיכטע זיינען זיי ארויסגעקומען פאר־וואונדעט און פארבלוטיגט.

לויט דער פארשידענער סאָציאל־פּאָליטישער לאגע פון אידען אין מערב־אייראָפּא און מזרח-אייראָפּא טראָגט אויך די אידישע פראגע א פארשידע־נעם כאראקטער אין די פארשידענע לענדער. אין מערב־אייראָפּא באשטעהט די אידישע פראגע אין דעם געגענדרוק פון דער געזעלשאפט געגען די אי־דישע סאָציאלע פּריווילעגירטקייט. ניט אידען קעמפען דאָרט פאר זייער פּאָליטישער עמאנציפּאציאָן פון אידען. אזוי האָט מארקס פארשטאנען די אידישע פראגע אין מערב־אייראָפּא, נאָך פאר דער אידישער עמאנציפּאציאָן, אין די פּערציגער יאָרען פון פאָריגען יאָרהונדערט, און דאָס איז די גרונט־אידעע פון דעם מאָדערנעם אנטיסעמיטיזם בנוגע צו זיין סאָציאל־פּאָליטישען אינהאלט. אין מערב־אייראָפּא זיינען די אידען א טייל פון דער ליבעראלער בורזשואזיע, וועלכע האָט אין דער עפּאָכע פון איר אידעאָלאָגישען גלאנץ

זיך נאָך פריער פאַר דייטשלאַנד ענטוויקעלט קאַפּיטאַליסטיש, זיינען אידען נאָך פריער עמאַנציפּירט געוואָרען און האָבען זיך דאָרט אויפגעהויבען צו דער העכסטער סאָציאַלער מדרגה. דער קאַפּיטאַליסט און דער ליבעראַליזם ברייננגען אריין דעם אידישען מעוט אין מערב־אייראָפּא אין א פּריווילעגיר־טער לאַגע.

בשעת אָבער אידען אין מערב־אייראָפּא האָבען זיך נאָך פאַרשטאַרקט אלס א פּריווילעגירטע קלאַס־נאַציאָן, גֶעהט די סאָציאַלע ענטוויקלונג פון דעם אידישען פאָלק אין מזרח־אייראָפּא אין א גאַנץ אנדערער ריכטונג. דאָס אריינדרינגען פון דעם קאַפּיטאַליזם און דער אָנהויב פון דער קולטור האָבען ביי אידען אין מזרח־אייראָפּא גורם געווען די קלאַסען־דיפערענצירונג און די ענטשטעהונג פון א פּראָלעטאַרישער מאַסע, בשעת דיזעלביגע אורזאַכען אין מערב־אייראָפּא מיט איינינגע יאָרהונדערטער פריער, האָבען ארויסגע־רופען די פאַרטרייבונג און אָפּציאונג פון דעם גרעסטען טייל פון די אידען אין אנדערע לענדער. מען דאַרף נאָך דאָ באַמערקען, דאָס אויך לכתחילה האָבען אידען אין מזרח־אייראָפּא קיינמאָל ניט באַזעסען רייכטום, אזוי ווי די אידען אין מערב־אייראָפּא.

די מאָדערנע צייט מאַכט איבריג די גאַנצע אידישע מיטעל־אַלטערליכע ווירטשאַפט, און עס הויבט זיך אָן דער פּראָצעס פון דער פּאַראָרימונג און פאַרעלענדונג פון דער פאָלקס־מאַסע אין מזרח־אייראָפּא. דער פריערדיגער עקאָנאָמישער יסוד, אויף וועלכען דאָס אידישע פאָלק האָט זיך געהאַלטען, ווערט צושטערט. אין מיטען פון 19טען יאָרהונדערט ווערען דער אידישער וואַכער, דער האַנדעל מיט דעם גוי, די ארענדאַטאָרסטווא, דאָס בראַנדוויין־געשעפט, דער קליינער האַנדעל אין שטאָדט, די פאַקטאָרסטווא כמעט אונ־מעגליך דורך די נייע ווירטשאַפטליכע תנאים. עס בילדעט זיך א מיליאָנען־קעפּיגער עלענדער אידישער המון, אָהן דעם לעצטען באַזיץ, אפילו אָהן דעם לעצטען באַזיץ פון דעם פּראָלעטאַריער, אָהן דעם באַזיץ פון ארבייט.

אין דיזען צושטאַנד פון דער מאַסען פאַרעלענדונג הויבט זיך אָן צו בילדען אין מזרח אייראָפּא דער קלאַס פון בעלי־מלאכות און ארבייטער. דער פּראָצעס קומט פאָר מיט גרוים מאַטערניש און אונטער דעם גרעסטען פּראָטעסט פון דער פאָלקס־נשמה געגען דעם. קיין סאָציאַלע גרופּע ביי קיין פאָלק געהט ניט איבער פרייו צו געצוואונגענער אפהיינגיגער ארבייט. מאַרקס האָט געשילדערט אין „קאַפּיטאַל" דעם דראַמאַטישען פּראָצעס, ווי עס האָט זיך געבילדעט אין ענגלאַנד אן אינדוסטריעלער ארבייטער־קלאַס. דער אי־דישער בעל־מלאכה און ארבייטער איז לכתחילה געווען א סאָציאַלער בזיון. נאָר דער געפאַלענסטער טייל פון דעם פאָלק האָט זיך ענטשלאָסען אונטער דעם צוואַנג און דער נויט איבערצובייטען דאס האַלב־רוחניות'דיגע לופט־

נונג, דאס דער סאָציאליזם איז אָפט דער בעסטער באשיצער פון דעם אידי־שען קאפיטאליזם, קעמפענדיג געגען דער רעאקציאָן און איר אנטיסעמי־טישען שווינדעל. באמת אָבער וואָלט עס גאָר געווען א וואונדער, ווען אין דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאריאט און אין דעם סאָציאליזם וואָלטען זיך ניט אויפגעהויבען באזונדערע פיינדליכע און געגנערישע טענדענצען געגען דעם ראסען־פרעמדען און קולטור־אָפּגעשיידטען אידישען קאפיטאליזם. דער אנטיסעמיטיזם שטויסט זיך אָן אָן קריטיק אין דעם סאָציאליזם און שעפּט פון דער אנדער זייט דאָרט טיפע און שטארקע כחות. געגען דיזען פאנאנ־דערגעבליטען קאפיטאליזם האָבען זיך אויפגעהויבען די רעאקציאָנערע עלעמענטען פון דער געזעלשאפט.

אָבער אפילו די בורזשואזיע זעלבסט, דיזע היסטאָרישע באשיצערין פון אידען, פאלט אריין אין אן עקאָנאָמישען קאָנקורענץ־ווידערשפּרוך מיט איר פרעמדען אידישען פליגעל. די אידישע אינטעליגענץ, דער אידישער האנ־דעל, די אידישע אונטערנעמונגען מאכען א געפערליכע קאָנקורענץ דער קריסטליכער בורזשואזיע. אזוי פלאצט אין אלע פונקטען דער פריינדשאפט־פאָדעם, וועלכער האָט היסטאָריש צונויפגעבונדען די אידישע בורזשואזיע מיט דער קריסטליכער. די עקאָנאָמישע סתירה פון היינט איז שטארקער איידער דער אבסטראקטער פרינציפ פון אמאָל. אויך די בורזשואזיע ווערט אָנגעפילט מיט אנטיסעמיטישע טענדענצען, וועלכע רייסען זיך שוין ארויס אלץ מער און מער אין דער פּאָליטישער עפענטליכקייט.

און דיזע אלע סאָציאל־פּאָליטישע אינטערעסען, וועלכע באשאפען דעם אנטיסעמיטיזם, ווערען נאָך פארשטארקט און פארטיפט דורך דער ראסען־שנאה, דורך דער קולטור־אפשיידונג, דורך די מענשליכע בייזקייט און נידער־טרעכטיגקייט, וועלכע האָבען פון אייביג אָן באשאפען די מחיצה צווישען אידען און ניט־אידען. די אידישע מערב־אייראָפּעאישע בורזשואזיע לעבט אין אן אטמאָספערע, וועלכע איז אָנגעפילט מיט טענדענצען פון שנאה, געגנערשאפט, קנאה, פאראכטונג און ווידערשפּרוך.

דער אנטיסעמיטיזם, וועלכער רינגעלט ארום די אידישע בורזשואזיע אין מערב אייראָפּא, איז אָבער ניט בכח אָנצורירען די וואָרצלען פון דעם אידישען לעבען, ער בויט מער ניט אויף א וואנט פון סאָציאלער און קול־טורעלער אפּגעזונדערקייט צווישען אידען און קריסטען, ער קען אָבער ניט ענדערען זייער סאָציאל־פּריווילעגירטע שטעלונג. די קאפּיטאליסטישע גע־זעלשאפט איז געגרינדעט אויף די פרייע אינדיווידועלע ווירטשאפטען און זייער געגענזייטיגער קאָנקורענץ; אין איר שטעהט אינדיווידואום געגען אינדיווידואום אין סאָציאלען קאמף, אזוי אז די געזעלשאפט קען זיך גאָר זעהר שווער אָרגאניזירען געגען א באזונדערע נאציאָנאל־סאָציאלע גרופּע.

אויפגענומען אידען אין איר קלאס. די סאָציאלע קלאסען, וועלכע זיינען געגען דער בורזשואזיע, זיינען דאָרט די טרעגער פון דעם אנטיסעמיטיזם. די רעאקציאָנערע כחות פון דער פארגאנגענהייט, די רעגירונג, דער אדעל, די קירכע, די ארמיי, דער מיטעלשטאנד, זיינען א י י ן מקור פון אנטי־סעמיטיזם, וועלכער שטאמט פון דעם קאמף פון דער אלטער אָרדנונג געגען דעם בורזשואזען ליבעראליזם.

פון דער שטעלונג פון דער בורזשואזיע אין דער מלוכה הייננט אָפּ די באציאונג פון דער רעגירונג צו אידען. אין דייטשלאנד, וואו די בורזשואזיע איז פּאָליטיש מאכטלאָז און די רעגירונג ליגט נאָך אין די הענט פון דער פעאָדאלער מאָנארכיע, איז די רעגירונג די גרעסטע אנטיסעמיטישע מאכט. וואו עס הויבט זיך אָן די מאכט פון דער רעגירונג, ענדיגט זיך די פּאָליטישע גלייכבארעכטיגונג פון אידען. דער דייטשער קיסר, דער ערשטער רעאקציאָנער פאר דער אלטער אָרדנונג אין דייטשלאנד, איז פאקטיש דער ערשטער אנטיסעמיט אין דייטשלאנד. מיט דעם וויסען און דער פארבאָרגענער צו־שטימונג פון דעם דייטשען הויף ווערען דורכגעפירט אלע רעאקציאָנערע פלאנען אין דער וועלט געגען דער פרייהייט; אין דעם דייטשען הויף זיינען באקאנט געוועזן און אונטערשטיצט געוואָרען די טייפלישע פארשווערונגען פון ניקאָלאי דעם צווייטען געגען דער אידישער נאציאָן פון „בונטאָוושצי־קעס" אין רוסלאנד. פארקערט זיינען די רעגירונגען, וועלכע זיינען אפּהיינ־גיג פון דער קאָנסטיטוציאָן און די געזעלשאפטליכע כחות, ווי צום ביישפּיל די רעגירונגען פון פראנקרייך און ענגלאנד, מער אָדער ווייניגער גלייכגיל־טיג צו אידען. די ארמיי און די קירכע, וועלכע זיינען נאָך זייער נאטור אומעדום א פאקטאָר פון דער אלטער אָרדנונג, זיינען אין אלע לענדער אן אנטיסעמיטישער כח.

3

אָבער ניט נאָר די כחות פון דער פארגאנגענהייט, פון דער אלטער אָרדנונג, זיינען געגען אידען, נאָר אויך די רעוואָלוציאָנערע כחות פון דער צוקונפט, די אָנזאָגער פון דער קומענדער סאָציאליסטישער אָרדנונג, שטעהען אויף געגען דער אידישער קלאס־נאציאָן. דער סאָציאליסטישער און רעוואָ־לוציאָנערער שטורם ווארפט נאָך א באזונדערע כוואליע געגען דעם אידישען קאפּיטאליזם. דיזע אנטיסעמיטישע טענדענץ פון דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאריאט ווערט איינגעשטילט און איינגעהאלטען פון דעם סאָציאליזם, ווייל דער אנטיסעמיטיזם איז די פּאָליטיק פון די רעאקציאָנערע כחות פון דער געזעלשאפט, און ווערט אין זייערע הענט אויסגענוצט צוליב דעם קאמף געגען דער קומענדער וועלט. דערפון נעמט זיך די פּאראָדאָקסאלע ערשיי־

ארימע האנדווערק, דער סוועטינג־שאפ, די קליינע אידישע פאבריקעל, דאָס איז די אָפגעשטאנענע ארבייטספאָרם, אין וועלכער עס מאטערט זיך דער אידישער פּראָלעטאריאט.

אזוי ווירקען אין מזרח־אייראָפּא די פארשידענסטע סאָציאלע כחות געגען אידען און גראָבען אונטער אלע יסודות פון זייער לעבען. די אידישע מאסע וואנדערט אויס, ווי אין דעם גאנצען משך פון דער אידישער געשיכטע, אין נייע אויפקומענדע לענדער מעבר לים, וואו די פּראָדוקטיווע קרעפטען האלטען אין ענטוויקלען זיך און וואו די אויפבליענדע קאפיטאליסטישע ווירט־שאפט און דאָס פרייע לאנד ציען צו זיך דעם איינוואנדערונגס־שטראָם פון דער גאנצער וועלט. אָבער אויך אין דיזע נייע און פרייע לענדער שלעפט מיט זיך דער אידישער וואנדערונג־שטראָם די אלטע טראדיציאָנעלע ווירטשאפטס־פאָרם. אויך אין די נייע לענדער זיינען ווירקזאם די גלייכע געזעצען בנוגע צו דער אידישער ווירטשאפט. די אָר־גאניזירטע הויך קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציע שיצט זיך געגען דאָס אריינ־דרינגען פון דער פרעמדער אידישער גרופּע, און דער אידישער ארבייטער האָט ניט קיין טענדענץ צו דער העכערער פּראָדוקציע וועגען דעם מאנגעל פון אינדוסטריעלע טראדיציעס. אין דער מיטען פון דער קאפּיטאליסטישער ווירטשאפט באשאפט דער איד א פאר־קאפּיטאליסטישע ווירטשאפטס־פאָרם אין דעם אידישען סוועטינג־סיסטעם.

פון דער אנדערער זייט אָבער געפינען דער אידישען האנדעל און די פארמיטלונגס־ווירטשאפט א ברייט פעלד אין די נייע לענדער. אידישער קא-פּיטאליזם און אידישע פּאראזיטישע ווירטשאפט בליען פאנאנדער; די פּער־לערייי אין אירע פארשידענע פאָרמען איז הויפּטזעכליך א אידישע ווירט־שאפטס־פאָרם. אין מזרח־טייל פון די פאראייניגטע שטאטען זיינען נאָך 27 יאָר איינוואנדערונג מער ווי א פערטעל פון דער אידישער באפעלקערונג פּעדלער און הענדלער, אין דער ליניע צו דער וועסט ווערט די צאָל פון די פּעדלער און הענדלער אלץ גרעסער. די אידישע ארבייט ענטוויקעלט זיך ניט ווייטער צו א העכערער פאָרם צוליב די מניעות פון אויסען און צוליב די געגען־טענדענצען פון אינווייניג.

צוזאמען מיט דער אידישער ווירטשאפט ווערט ארויסגעוואקסען אין די נייע לענדער די אידישע פראגע. די גלייכע אורזאכען האָבען די גלייכע פאָלגען. איבער דעם אידישען לעבען אין אמעריקא פארדיכטעט זיך אלץ מער אן אנטיסעמיטישע אטמאָספערע. ביי די רייכע קלאסען, אזוי ווי ביי די ארבייטער, וואקסען אויף עקאָנאָמישע ווידערשפּרוכען געגען דער אידישער באפעלקערונג, וועלכע ווערען ווי אומעדום פארשטארקט דורך די פילע אנדע־רע געגענזעצען געגען אידען. דער אנטיסעמיטיזם אין דער נייער וועלט

די אידישע בורזשואזיע איז אָבער גראדע שטארק מאטעריעל און גייס־טיג אין עקאָנאָמישען קאמף, און דער אנטיסעמיטיזם קען זי עקאָנאָמיש כמעט ניט דערגרייכען. דער אנטיסעמיטיזם באשאפט מער ניט ארום די מערב־אייראָפּעאישע אידען אן אטמאָספּערע פון חשד, פאראכטונג, האס, שפּאָט, וועלכע פארפינסטערט זיך ביז צו דעם פּאָלשטענדיגען סאָציאלען באָיקאָט און קולטורעלער אונפּרוכטבארקייט. די אידישע פראגע אין מערב־אייראָפּא באשטעהט אלזאָ אין דעם אלץ גרעסערען געגען־קאמף פון דער געזעלשאפט געגען דער אידישער בורזשואזיע און אין דער אלץ גרעסערער ארויסשטויסונג פון אידען פון דער געזעלשאפט און דער קולטור.

א גאנץ אנדערען כאראקטער טראָגט די אידישע פראגע אין מזרח־אייראָפּא. דאָרט הויבען זיך אויף אלע געזעלשאפטליכע כחות, כדי ניט צוצולאָזען די אידישע סאָציאלע גרופּע צו וועלכער עס איז פּאָזיציאָן אין דער געזעלשאפט און דאָס פירט צו אלץ גרעסערער ארויסשטויסונג פון אידען ניט פון דער געזעלשאפט און קולטור, נאָר פון דער ווירטשאפט און דעם לאנד. די רעגירונג, וועלכע איז די באשיצערין פון דער הערשענדער נאציאָן און דעם הערשענדען קלאס, שטעהט אויף דער שפּיצע פון דעם אנטיסעמיטיזם. אזוי ווי די אידישע ווירטשאפט אין רוסלאנד, גאליציען, רומעניען איז ניט קיין קאפּיטאליסטישע, זיינען דאָרט אלע די קלאסען, וועלכע ווילען אליין געניסען פון דער ברכה פון דעם קומענדען קאפּיטאליזם, די בורזשואזיע, די אינטעליגענץ, דער מיטעלשטאנד, די שטאָטישע באפעלקערונג, געגען אידען. דער אדעל און דער גרונדבאזיצער זיינען נאטירליכע שונאים פון דער שטאָד־טישער אידישער סאָציאלער גרופּע, און די פּויערים זעהען אין דער אידישער ווירטשאפט, וועלכע איז געבויט אויף האנדעל, פארמיטלונג און ארענדאטאָר־סטוואָ, די פארקערפּערטע עקספּלואטאציע.

אָבער נאָך פון אן אנדערער זייט הויבט זיך אויף אן עקאָנאָמישע געגע־נערשאפט געגען אידען, וועלכע זעגט אונטער דעם לעצטען צווייג, אויף וועלכען די אידישע ווירטשאפט האלט זיך, און דאָס איז פון דער אינדוסט־ריעלער ארבייט. די קאָנקורענץ פאר ארבייט צווישען די ארבייטער טראָגט זיך אריבער אויף די נאציאָנאלע גרופּען, און די אידישע ארבייטער, וועלכע האָבען ניט קיין אינדוסטריעלע טראדיציע, בלייבען אויסערהאלב די טויערען פון דער אינדוסטריעלער ארבייט. די העכערע אינדוסטריעלע ארבייט, פון וועלכער עס לעבט די ארבייטער ארמיי און וועלכע אָרגאניזירט זי צו א קעמפּפענדען קלאס, קומט דעם אידישען האלבען ארבייטער ניט אָן. די אידישע ארבייטער זיינען די נאציאָנאלע רעזערוו־ארמיי פון דעם אינטער־נאציאָנאלען פּראָלעטאריאט, זיי זיינען פארווארטיילט אין דער אינדוסטריע־לער קאָנקורענץ צו די אָפּגעשטאנענע צווייגען פון דער אינדוסטריע. דאָס

היפך פון דער היסטאָרישער ענדערונג וואָס מוז געמאכט ווערען. די היס־טאָרישע ענדערונג זאָגט פאָר די פארבארייטונג פון דער אידישער ארבייט, די באשאפונג פון נייע צווייגען פון פראָדוקטיווער פרנסה אין דער אידישער סביבה גופא. דאָס איז די נייע תשובה, וועלכע עס גיט דער ערוואכענדער באוואוסטזיין פון זעלבסט־הילף, דער שעפּפערישער נאציאָנאלער און סאָציא־לער געדאנק. די באשאפונג פון דעם אידישען האנדווערק, די ענטשטעהונג פון א אידישען ארבייטער־קלאס, די ענטוויקלונג פון א אידישען אקערבוי, דאָס זיינען די נייע טענדענצען פון דער אידישער נאציאָנאל־סאָציאלער זעלבסטהילף. די לאָגישע קאָנסעקווענץ פון דער ערשטער תשובה איז די פאראזיטישע פארברייטונג פון אידען אין דער גאנצער וועלט, די קולטור־רעלע דעגענערירונג פון פאָלק, די פארוואנדלונג פון אידען אין אַן אנטי־קולטורעלער און אנטי־סאָציאלער גרופּע. די לאָגישע קאָנסעקווענץ פון דער אנדערער תשובה איז די קאָנצענטרירונג פון דעם אידישען פאָלק, די פאנאַנ־דערבליאונג פון א נייער נאציאָנאלער און סאציאלער קולטור, א אידיש סאָ־ציאליסטיש פרייַלאנד. אין דיזע צוויי תשובות שטעהען איינע געגען די אנדערע און קעמפען געגען איינאנדער דער אידישער קאָנסערוואטיזם און דער ערוואַ־כענדער רעוואָלוציאָנערער באוואוסטזיין, דער אידישער גלות און די אידישע פרייהייט.

(1910).

פירט ווי אומעדום צו דעם געזעלשאפטליכען באַיקאַט געגען אידען. ער רירט אָבער אָן אויך דעםווירטשאַפטליכען יסוד פון דעם אידישען לעבען, אויף וויפיל עס איז פאראן אין אמעריקא א אידישע פראָלעטארישע פאָלקס־מאסע, ווארום דער געזעלשאפטליכער באַיקאָט דריקט זיך אויס לייכטער פאר אלץ אין ווירטשאפטליכען באַיקאָט. א חוץ דעם שוועבט אויף אידען שטענ־דיג די סכנה פון דער באשריינקונג פון דער איינוואנדערונג; דאָס איז אָבער נוגע שוין די אידישע פאָלקס־מאסע אין דער גאַנצער וועלט און נאָר אינדי־רעקט די פאָלקס־מאסע פון אמעריקא.

די אידישע פראגע אין דער מאָדערנער צייט איז אן עקאָנאָמישע פראגע. זי נעמט זיך פון דעם געגענזאץ פון די פארשידענע קלאסען פון דער געזעלשאפט געגען א פרעמדער נאציאָנאל־סאָציאלער גרופּע, וועלכע צייכענט זיך אויס דורך א זעהר איינזייטיגער ווירטשאפט. דאָס גאנצע אידישע פאָלק שטעהט אונטער דעם שווערען סאָציאלען און פּאָליטישען דרוק פון די ארומיגע געזעלשאפטליכע כחות. דיזער דרוק ווירקט, פארשטעהט זיך, פארשידען אויף די אידען אין די פארשידענע לענדער, לויט נאָך דעם, צי איז די אידישע ווירטשאפט א קאפּיטא־ליסטישע, אָדער זי האָט זיך אין דעם היסטאָרישען קאמף ניט געקענט דערהוי־בען צו א קאפּיטאליסטישער. דיזער סאָציאלער געגענזאץ געגען אידען פאר־בינדט זיך און פארטיפט זיך נאָך דורך דעם ראסען, גייסטיגען, קולטורעלען, רעליגיעזען, היסטאָרישען געגענזאץ געגען אידען און אידענטום. דאָס אי־דישע פאָלק ווערט א טראגיש אויסנאם־פאָלק, אן אתה מאסתנו פאָלק אין דער וועלט. א טיפער און אייביגער ווידערשפּרוך ליגט צווישען אידען און ניט־אידען, וועלכען אלע פעלקער און די זשעניען פון אלע פעלקער האָבען שטענדיג געפילט און פארשטאנען, און וועלכער ווערט פון דער אידישער זייט אויסגעדריקט דורך דעם סימבאָלישען וואָרט „גלות“, וואָס דריקט אויס די טיפע היסטאָרישע געזונקענהייט פון דעם אידישען פאָלק.

וואו ליגט די תשובה אויף דער אייביגער אידישער פראגע? די אידישע געשיכטע האָט געהאט א י י ן תשובה אויף דער אידישער פראגע, דאָס איז געוועזן די פארגרעסערונג פון דעם געאָגראפישען שטח פון דער אידישער באפעלקערונג. די אריבערטראָגונג פון דער איינזייטיגער אידישער ווירט־שאפט אין נייע לענדער, די פארברייטונג פון דעם אידישען פאָלק, די ענט־דעקונג פון א נייער גוי'אישער סביבה פאר דער אידישער געזעלשאפט. דער וואונש צו זעהן אָפּגעשאפט דעם אידישען תחום אין רוסלאנד, די עמיגראציע אין אמעריקא, די איבערוואנדערונג פון איסט און וועסט, די זוכעניש פון נייע וואנדערונגס־פלעצער, — דאָס איז דער ענטפער אויף דער אידישער פראגע, וועלכער עס האָט שטענדיג געגעבען דער אונבאוואוסטזיניגער סטי־כישער פראָצעס. דיזע תשובה אויף דער אידישער פראגע איז אקוראט דער

קייט, ער איז דאָס לעבען זעלבסט, זיין זין און זיין אידעאַל. ער איז דאָס געפיל פון לעבען, זיין סטיל און זיין טיפקייט, זיין קלאַנג און זיין פאַרב, זיין שעפּפערישער לעבעדיגער אידעאַל, זיין ווערטשעצונג און זיין אמת. אַמאָל האָט ער זיך אין דער נאַציאָנאַלער רעליגיאָן פאַרדיכטעט צו זיין העכסטער סובסטאַנץ, יעצט זוכט ער זיין העכסטען אויסדרוק אין דער געהייליגטער קולטור פון דער צוקונפט.

דיזען נאַציאָנאַלען אינהאַלט זוכט די אידישע נאַציאָנאַלע טענדענץ יעצט. דאָס איז דער צווייטער נאָך פיל וויכטיגערער קאַפּיטעל פון דער אידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, די אויפגאַבע פון דער אָנגעהענדער נאַציאָ־נאַלער אויפלעבונג. פון די טיפסטע טיפּענישען פון דער אידישער טויזענט־יאָריגער געשיכטע, פון דעם באַזונדערען קולטור־ווערט פון דעם אידישען פאָלק אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט קען דיזער אינהאַלט ארויסגע־שיילט ווערען. אין דער אידישער ראַסע, געשיכטע און רעליגיאָן קלינגט איין מערקווירדיגער קולטור־אינהאַלט, איין אייגענאַרטיגער לעבענס־אידעאַל, און דאָס איז די איבערגעשטאַלטונג פון דעם אידישען לעבען נאָך דעם געבאָט פון הימעל. א מאָראַליש פאָלקאָמענע געזעלשאַפט, אַן ערזעלטע מענשהייט איז די קולטור־אידעע פון אידענטום. דער איינציגער גאָט איז דער רעלי־גיעזער אויסדרוק פון דיזען לעבענס־געפיל, שבת, שמיטה, יובל די סאָציאַלע פאַרקערפּערונג פון דיזער אידעע, משיח די טרייבענדע קראַפט און דער אידעאַל. אין די ימים־נוראים׳דיגע פאָלקס־תפילות, אין וועלכע די פאָלקס־נשמה האָט אויסגעשריען: והרשעה כלה כעשן תכלה, כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ, און די אינדיווידועלע נשמה האָט געזאָגט ודוי אין דער הויך־מאָראַ־לישער תפלה פון על־חטא. אין דיזע ימים־נוראים׳דיגע תפלות האָט די אידעע פון אידענטום, די אידישע נאַציאָנאַלע סובסטאַנץ דערגרייכט איר העכסטען גלאַנץ און טריאומף.

פון אברהם אבינו, דיזען ביבלישען אידעאַל־מענש, וועלכען די תורה פאַרהערליכט מיט די ווערטער: כי ידעתיו למען אשר יצוה את ביתו לעשות צדקה ומשפט, ביז צו די לעגענדאַרע ל"ו צדיקים פון יעדען דור, זיינען די אידעאַלע מענשען די מאָראַליש פאָלקאָמענע. אין אלע הערקאישע געשטאַל־טען פון דער אידישער ראַסע און געשיכטע, אין ישעיה, ירמיה, מיכה, הושע, יהודה הלוי, שפינאָזא, ביז צו היינע, מאַרקס, לאַסאַל, העס, לעבט איין גרויסע ליידענשאַפט, די איבערגעשטאַלטונג פון דעם לעבען נאָך דעם העכסטען אידעאַל פון דער מאָראַלישער פאָלקאָמענהייט, די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן און די סאָציאַלע באַנייאונג. אַלע אידישע מאַסען־באַוועגונגען און פאָלקס־אונ־רואיגקייטען, פון די ערשטע נביאים, די ענוים, איסיים, אביונים אין בית שני, די משיח־באַוועגונגען אין מיטעל־אַלטער, די חסידים, ביז צו די פּראָלעטאַ־

דער אידישער נאַציאָנאַליזם

דער אידישער נאַציאָנאַליזם האָט געזיגט אויף דער גאַנצער ליניע. דאָס איז דער באַלאַנס פאר די לעצטע דרייסיג יאָר אידישע געשיכטע, דאָס איז דער געווינס פון די אלע באוועגונגען צווישען אידען אין די לעצטע יאָרען. אויך די רעוואָלוציאָנערע ערהויבונג פון די אידישע מאסען און אפילו גאָר פון דעם אידישען פאָלק, וואָס די סמנים דערפון ווערען שוין ניכר, איז די פרוכט פון דער נאַציאָנאלער באוועגונג, וועלכע האָט אויפגעטרייסעלט דעם גאַנצען אידישען פאָלקס־אָרגאַניזם. די נאַציאָנאלע אונרואיגקייט איז די מוטער פון דער אידישער רעוואָלוציע. די אָנשליסונג פון דער אידישער אינטעליגענץ אין מערב־אייראָפּא אין דער מיטען פון פאָריגען יאָרהונדערט צום ראדיקאלען געדאנק און צו דער רעוואָלוציע איז אויך געקומען דורך יענער נאַציאָנאלער אונרוה, וועלכע האָט ערגריפען דאָס אידישע פאָלק, ווען עס איז אריינגעצויגען געוואָרען אין דעם שטראָם פון דער אייראָפּעאישער קולטור. די נאַציאָנאלע אונרוה דאמאָלט האָט אָבער אויסגעקלונגען אין אסימילאציע צוליב גלייכבארעכטיגונג, און דער ערשטער פונק פון דער אידישער רעוואָלוציע איז פארלאָשען געוואָרען אונטער דעם מיסט־באַרג פון דער אויפגעשטאַנענער אידישער בורזשואזיע. די נאַציאָנאלע באוועגונג פון היינט פירט, פאַרקערט, צו נאַציאָנאלער ערהויבונג און אויפלעבונג, וועלכע פלאַקערט ערשט פאַנאַנדער דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָטעסט־געפיל פון דער אונטערדריקטער נאַציאָן.

דער אידישער נאַציאָנאַליזם איז דערווייל אָבער נאָר א טענדענץ אָהן אַ ציל, א באַגער אָהן אן אינהאלט, א שפּראָצונג אָהן א פרוכט. דערפאר טראָגט ער נאָך אַלץ אויף זיין האלב־טויטען פּנים דעם צייכען פון שווינדזוכט, דערפאר שטעהט ער נאָך אַלץ אין סכנה, דאָס אים זאָל ניט אויסגעהן די לעצטע לעבענס־קראַפט. דער אידישער נאַציאָנאַליזם איז ארויפגעצוואונגען געוואָרען פון דער ווירקליכקייט, פון דער פארגאנגענהייט און געגענוואַרט, עס פעלט אין אים נאָך דער מאָמענט פון צוקונפט, דער פרייער ווילען צו פרייער קולטור־שאפונג. דיזע לעצטע פּראָבע דארף ער נאָך אויסשטעהן, און דערמיט איז פארבונדען דער ווייטערדיגער שיקזאַל פון דער אידישער נאַציאָן.

שפּראַך, ליטעראטור, קונסט, פילאָזאָפיע, אפילו שטאַט און געזעלשאפט זיינען נאָר פאָרמען פון דעם נאַציאָנאלען גייסט, וועלכער זוכט זיך אין זיי אויסצוגיסען, צו פארקערפּערען. דער נאַציאָנאלער גייסט איז מער איידער דער רוחניות'דיגער המשך פון לעבען, די גייסטיגע רעפלעקסיע פון דער ווירקליכ־

דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, ווייל איר פּאָליטישע לאַגע איז אַן אויסנאַם־לאַגע. ווען דיזער באַזונדערער סאָציאַל־פּאָליטישער וועג, וועלכען דאָס אידישע פאָלק באַטרעט אַלץ מער און מער אין דער וועלט, ווערט באַלייכטעט פון אַ נאַציאָנאַלען קולטור־אידעאַל, ווען די נאַציאָנאַל־פּאָליטיק פּאַלט צונויף מיט דער היסטאָרישער טראַדיציע, די מאַטעריע מיט דעם גייסט, ווערט אויפגעדעקט דער אינהאַלט פון דעם אידישען נאַציאָנאַליזם און ווערט גע־וועבט און געשפּונען די אידישע קולטור־אידעע.

עס איז דער היפּך פון יענער אָבגעלעבטער אידישער רעוואָלוציע, וועל־כע שטאַמט פון דער נאַציאָנאַלער אומרואיגקייט מיט דעם אַסימילאַציאָנס־צייכען. יענע אידישע רעוואָלוציע זינקט אַראָפּ צו דעמאָראַליזירונג, צו בורזשואַזער רעאַקציע, צו פאַרפלאַכונג פון די פאָלקס מאַסען, צו גייסטיג־נאַציאָנאַלען אונטערגאַנג. דער אידישער ראַדיקאַליזם פון אַמאָל און דער אידישער סאָציאַליזם פון נעכטען, וועלכער איז אויפגעוואַקסען אונטער דעם פינסטערען שאָטען פון אַסימילאַציע, זיינען דער היסטאָרישער ביישפּיל דערפון. דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער באַוואוסטזיין פון אידען, וועלכער דערקענט זיך יעצט אַלס אַן אויסדרוק פון דער אידישער נאַציאָנאַלער אידעע, איז אָבער שעפּפעריש און פרוכטבאַר. מיט דער אויפלעבונג פון דעם אידי־שען נאַציאָנאַלען שורש, קומען צו וואוקס און בליאונג אויך אַלע נאַציאָנאַלע צווייגען, שפּראַך, ליטעראַטור און קונסט. דער קולטור-אינהאַלט באַשאַפט און באַלעבט די קולטור־פאָרמען.

דאָ דרינגט זיך דער אידישער נאַציאָנאַליזם אויף די נויטיגקייט און אומפאַרמיידליכקייט פון אַ אידישעם לאַנד, פון אַ ארץ ישראל. האָט דאָס אידישע פאָלק אַ קולטור־מיסיאָן, דאַרף דאָס אידישע פאָלק האָבען אַ זעלבסט־שטענדיגע פּאָליטישע און סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע. עס קען נישט באַשטעהן קיין אידיש פאָלק אָהן אַ אידיש לאַנד. די נאַציאָנאַלע וואָרצלען וועלען פאַרדאַרען, און אירע פרוכטען און בליטען וועלען זיין ווילדקרויט, ווען עס זאָל פעלען דער מעכטיגער נאַציאָנאַלער שטאַם. אַזוי ווי די אידישע נאַציאָ־נאַלע אידעע דערקענט איר אַבסטראַקטען אוניווערסאַלען כאַראַקטער, אַזוי מוז זי אויך דערקענען איר קאָנקרעטע אידישע פאָרם. איר העכסטע קאָנ־קרעטע פאָרם איז שטאַט און געזעלשאַפט. אין ארץ ישראל קען די אידישע קולטור־אידעע דערגרייכען איר העכסטען טריאומף. דאָס נייע גריכענלאַנד האָט ניט אויפגעלעבט דעם אַמאָליגען גריכישען גייסט, ווייל די גריכישע קולטור איז שוין איבערגעגאַנגען צו דער פאַרגאַנגענהייט; דאָס נייע פּאַ־לעסטינאַ קען אויפלעבען דעם אייביגען אידישען גייסט, ווייל דאָס משיח־אידענטום איז אַ אידעאַל פון דער צוקונפט. די אידישע פּאָליטישע אויפ־לעבונג איז די ערשטע באַדינגונג פון דער אידישער קולטורעלער ערוואַכונג.

רישע באוועגונגען פון אונזער צייט, טראָגען אויף זיך דעם שטעמפּעל פון דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערען אידעאַל. עס איז איינע פון די מערקווירדיגסטע ערשיינונגען פאר דאָס פארשטעהן פון אידען און אידענטום, דאָס דער מאָדערנער סאָציאַליזם זוכענדיג זיין היסטאָרישען קוואַל און קראפט, קערט זיך שטענדיג אום צו דעם גרעסטען העראָאישען קאפּיטעל פון דער אידישער געשיכטע, צו דעם אידישען אנטי־קריסטליכען אור־קריסטענטום. דאָס חזר'ט זיך איבער פון סען סימאָן ביז קאוטסקי און בעבעל.

דער אינהאַלט פון דעם אידענטום, די סובסטאַנץ פון דער אידישער נאַציאָנאַלער אידעע, דער זין פון דער אידישער קולטור ליגען אין דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער קריטיק און האָפנונג, וואָס אידען זיינען אירע היסטאָרישע אָנזאָגער, אין דער בשורה פון ערלייזונג, וועלכע דאָס אידישע פאָלק ברייננגט דער מענשהייט. דאָס איז די העכסטע אָבער אויך די ערשטע און לעצטע בארעכטיגונג פון דעם אידישען נאַציאָנאַליזם, פון דער באזונדערער עקזיסטענץ פון דעם אידישען פאָלק. און דאָ שטעהט דאָס אידענטום פאר זיין העכסטער אויפגאַבע, פאר זיין גרעסטען היסטאָרישען ציל. עס דאַרף מיט זיין סאָציאַל־מאָראַלישער קולטור־אָריגינאַליטעט פארטיפען און פאר־איידלען די מענשליכע קולטור, וועלכע איז אויפגעבויט אויף דעם אַנטי־סאָציאַלען איך, אויף דער אינדיווידועלער ערלייזונג דורך שיינקייט, קראפט, טיראַניי, איבערמענשענטום, אָדער גאָר דורך די האַלב־פארצווייפעלטע און האַלב בארבארישע קריסטליכע איבערערדישקייט. דאָס אידענטום שטעהט פאר די אויפגאַבע פון א העכערען קולטור־סינטעז, פון א נייער קולטור־רעליגיאָן.

די סאָציאַל־פּאָליטישע לאַגע פון אידען אין דער היינטיגער ציוויליזירטער וועלט באשאַפט יעדען טאָג די קרעפטען און מאָטיווען, וועלכע טרייבען דאָס אידישע פאָלק צו דיזער העכערער דערקענטנים פון זיין נאַציאָנאַלען אינהאַלט. דאָס פרעמדע, אונטערדריקטע, ניט־פארשטאַנענע און פאראַכטעטע, אָבער באמת הויך־גייסטיגע, אריסטאָקראַטישע אידישע פאָלק, האָט גענוג אורזאכען און טעמים צו שטעלען זיך רעוואָלוציאָנער געגען דעם באַשטעהענדען שטאַט און דער געזעלשאַפט. אידען ווערען דורך דעם אנטיסעמיטיזם אין דער גאַנצער וועלט א טרייבענדער רעוואָלוציאָנערער עלעמענט, וועלכער זוכט די נייע מענשהייט און די נייע קולטור. ווי אָפט און גרויזאַם די סאָציאַלע אומנאָרמאַלקייט פון דער אידישער פאָלקס־מאַסע מעג צושטערען די אָרגאַניזירונג פון די אידישע רעוואָלוציאָנערע כחות, ווירקען דאָך גענוג מאַטעריעלע און גייסטיגע קרעפטען אין פאָלקס לעבען, וועלכע רופען שטענדיג אויפסניי ארויס דיזע רעוואָלוציאָנערע כחות. אפילו די אידישע בורזשואזיע אין פארשידענע לענדער שטעלט זיך יעצט אונטער דער פאָן פון

אידישער קאָנגרעס פעריאָדע

אידישער קאָנגרעס אין אמעריקא

צו אלע אידישע ארבייטער אין אמעריקא

פאָלקס־איינהייט

העסטער סטריט און וואָל סטריט (פעליעטאן)

די אידישע באוועגונג האָט אָבגעשלאָסען איין עפּאָכע, וואָס איר היסטאָרישער באַלאַנס איז די פאָרמאַלע אנערקענונג פון דעם אידישען נאציאָנאַליזם. פון דער זייט פון דעם פּראָגרעסיווען געדאַנק, שטעהען מיר יעצט פאר א פיל רייכערער צייט פון קולטור־שאפען, פאר דער אויפדעקונג פון דעם אינהאלט פון דעם אידישען נאציאָנאליזם. דאָ אייגענטליך האָט ערשט די אידישע נאַציע באוויזען איר לעבענס־פייאיגקייט.

דער אידישער קאָנגרעס אין אמעריקא *)

.1

עס איז באקאנט די אלטע טרויעריגע מעשה מיט יענעם מאן, וועלכער האָט פאררוכט דעם דאך פון זיין הויז אין א רעגענדיגען טאג. אויף דער פראגע, פאר וואָס ער ארבייט ארום זיין דאך אונטער א רעגען, האָט ער גע־ענטפערט, דאָס ביי זונענשיין דארף ער דאָך דעם דאך בכלל ניט פאררוכטען. אין דער לאגע פון יענעם אומגליקליכען מאן געפינט זיך דאָס אידישע פאָלק, וועלכעס האָט זיך ניט אָרגאניזירט אין רוהיגערע צייטען, זאָלאנג די ביטערע לעבענסנויט האָט אים דערצו ניט געטריבען, און וועלכען עס קומט אויס צו זאמלען און אָרגאניזירען זיינע קרעפטען אין שטורם און פייער.

די דרייצען מיליאָן אידען האָבען זיך שוין לאנג גידארפט אָרגאניזירען און באשאפען א אידישע פאָלקס־פארטרעטונג, א אידישען קאָנגרעס, וועלכער זאָל זיין דער אמת'ער פאָרשטייער פון פאָלק, זאָל רעדען און האנדלען אין זיין נאָמען, זאָל באשיצען און פארבעסערען זיין געגענווארט און דורכפירען די באפרייאונג פון דעם אידישען גלות־פאָלק. זייט צען יאָר געהט דערפאר אויך אָן אין דער אידישער עפענטליכקייט א דיסקוסיאָן וועגען דער צונויפ־רופונג פון א אידישען אלוועלטליכען קאָנגרעס, אָבער ערשט אין דער איצ־טיגער קריגס־קאטאסטראָפע, בשעת דער וועלט-שטורם מאכט חרב דעם גאנ־צען אידישען גלות און דאָס אידישע פאָלק פארבלוטיגט פון אלע זיינע אברים, האָט מען אָנגעהויבען פארשטעהן, ווי ווייט די טיפע געפאלענקייט פון דעם אידישען פאָלק נעמט זיך פון זיין נאציאָנאלער פאנאנדערגעפאלענקייט. אין שטורם און פייער קומט אונז אויס צו בויען דעם בנין פון אונזער פאָלק, און בשעת יעדעס אנדער פאָלק שטעהט פעסט געאייניגט און אָרגאניזירט אין קאמף פאר זיין פרייהייט און אונאבהייננגיקייט, מוזען מיר אידען ערשט לייגען די גרונטשטיינער פאר אונזער נאציאָנאלער אָרגאניזאציע.

די וועלט האָט ארויסגעשטעלט די היסטאָרישע נויט, די הילפלאָזיגקייט און צופאלענקייט פון דעם אידישען גלות־פאָלק אויף א טראגישען אופן. אזוי ווי די גאנצע אידישע ליידענסגעשיכטע פאר די צוויי טויזענד יאָר פון גלות וואָלט זיך נאָך אמאָל איבערגע'חזר'ט און אָבגעשפיגעלט פאר דאָס

---

*) ארויסגעגעבען אין בראָשור פאָרם פון דעם אידיש-נאציאָנאלען ארבייטער פארבאנד אין יאָר 1915.

אלוועלטליכען אידישען קאָנגרעס, וועלכער זאָל ווערען א דויערענדע אידישע פאָלקס־פארטרעטונג צוליב אלע צייטווייליגע נויטען און היסטאָרישע צילען פון אידישען פאָלק, צוליב דער ווידערגעבורט פון דער אידישער נאציאָן.

אויף דאָס אמעריקאנער אידענטום, וועלכעס געפינט זיך יעצט אין א גליקליכערער לאגע, איידער די איבריגע אידען פון דער וועלט, פאלט יעצט דער הייליגער חוב און דער היסטאָרישער כבוד, צו באשאפען א נייע טאט אין דעם אידישען לעבען און צו שרייבען א גרויסען קאפיטעל אין דעם בוך פון בלוט און טרערען פון דער אידישער געשיכטע. דאָס אמעריקאנער אידענטום מוז צונויפרופען דעם ערשטען אידישען קאָנגרעס, וועלכער וועט באקומען אין דער אידישער געשיכטע די באדייטונג פון א אידישער קאָנסטיטואירענדער נאציאָנאל־פארזאמלונג. דיזער אמעריקאניש־אידישער קאָנגרעס וועט האָבען דריי היסטאָרישע אויפגאבען פאר זיך. ער וועט מוזען פראָקלאמירען די פאָדערונגען פון דעם אידישען פאָלק פאר דער גאנצער מענשהייט, ער וועט לייגען דעם יסוד פאר דער אלוועלטליכער אָרגאניזאציע פון דעם גאנצען אידישען פאָלק, און ער וועט מוזען באשאפען א פינאנץ־אינסטיטוט פאר אלע נויטען פון אידישען פאָלק.

מיט דער וועלט־מלחמה פארענדיגט זיך איין קאפיטעל פון דער וועלט־געשיכטע און עס וועט זיך אָנהויבען א נייע צייט אין דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט. כדי עס זאָל באשאפען ווערען א דויערענדער פרידען און די געפאר פון מלחמה זאָל בכלל פארשווינדען, מוזען די לענדער פון אייראָפא איבערגעבויט ווערען אויף דעם פרינציפ פון פרייע נאציאָנאלע דערמאָקראטיען. די אידעע פון דעמאָקראטיע און פרייער נאציאָנאליטעט מוזען טריאומפירען אין דער וועלט, אויב די מענשהייט זאָל באפרייט ווערען פון די שרעקען פון קריג, און אירע לעבענסקרעפטען זאָלען ניט פארניכטעט ווערען אין אייביגען פעלקער־מאָרד. נאָך דער מלחמה וואקסען ארויס מעגליכקייטען פאר א פרייעס פוילען, א פארגרעסערטעס איטאליען, א פארשטארקטעס סערביען, די פעלקער פון עסטרייך וועלען דארפען זעלבסט באשטימען זייער נאציאָנאלען שיקזאל. אין רוסלאנד קענען די קליינרוסען, די ליטאָווצעס אָנהויבען א מעכטיגע נאציאָנאלע באוועגונג. אין ווייטען אזיען קען זיך אויפהויבען א באפרייטעס ארמעניען. די לאנדקארטע וועט מוזען געענדערט ווערען, און א נייער גייסט פון דעמאָקראטיע און באפרייאונג מוז אָנהויבען שוועבען אין דער וועלט.

אזוי ווי אין דער צייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע האָט דאָס אויפגערודערטע געוויסען פון דער צייט ניט געקענט בלייבען גלייכגילטיג צו דער אידישער נויט און האָט געגעבען אידען גערעכטיגקייט, אזוי וועט די אויפוואכענדע דעמאָקראטיע פון דער וועלט נאָך דער מלחמה בא־

לעצטע יאָר. די צען מיליאָנען אידען פון אייראָפּא און דער אזיאַטישער טערקיי זיינען ארייַנגעוואָרפען געוואָרען אין דעם שטורם פון וועלט־קריג, וועלכער איז פאר זיי געוואָרען א בלוטיגער ברודער־קריג, וואָס זיין שרעק איז אזוי גרויס ווי זיין שאַנדע. די מיליאָנען אידען פון רוסלאַנד צוזאַמען מיט די אידען פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיען, סערביען, איטאַליען זיינען אין מלחמה־צושטאַנד געגען די מיליאָנען אידען פון עסטרייך, דייטשלאַנד, טער־קיי, און הונדערט טויזענטער פון זייערע זין שטעהען אויף דעם שלאַכט פעלד איינע געגען די אנדערע.

„דער איד האָט ניט קיין פאַטערלאַנד, נאָר אַלע איבריגע אידען זיינען דאָס פאַטערלאַנד פון יעדען איינצעלנעם איד“, — איז א באַקאַנטעס וואָרט מכח דער שטעלונג פון די אידען צווישען די פעלקער; און דאָך שטעהען אידען אונטער די פאָנען פון זייערע פאַרשידענע פאַטערלענדער און פאַרגיסען זייער בלוט אויף אַלע שלאַכטפעלדער. ניט צוליב זייער פאָלק און זיין צוקונפט פאַרבלוטיגען זיי אויף די פאַרשידענע שלאַכטפעלדער, נאָר זיי טראָגען די וואַפען פאר דעם זיג פון לענדער און פעלקער, וועלכע האָבען גערויבט ביי זיי זייערע מענשען־רעכט, זייער פרייהייט און זייער כבוד. זיי קעמפען ניט פאר א בעסערער צוקונפט פאר זייער אייגענעם פאָלק, נאָר פאַרקערט, אויף דעם הימעל פון דער אידישער צוקונפט קלייבען זיך אויף נאָר גרויע און פינ־סטערע וואָלקענס. דערווייל האָט שוין דער בלוטיגער קריג אויסגעטיליגט הונדערטער טויזענטער מענשען, חרב געמאַכט טויזענטער קהלות, פאַראָרעמט מיליאָנען אידען. אין טראַגישער פאַרצווייפלונג שטעהט דאָס פאַרבלוטיגטע אידישע פאָלק אין דעם מלחמה־שטורם אָהן נאַציאָנאַלער ליידענשאַפט אין הארצען, אָהן א נאַציאָנאַלער האָפנונג פאר זיין צוקונפט. מיט הילפלאָזער גלייכגילטיגקייט אין דעם גרויסען פעלקער־קאַמף, אָהן וועלכע עס איז אָרגאַ־ניזאַציע און פאַרטרעטונג, אָהן א ווילען און אָהן פאָדערונגען, נאָר אַן אומ־גליקליכער קרבן אויף דעם בלוטיגען מזבח פון דער וועלטגעשיכטע.

פון אַלע קלאַסען און פאַרטייען פון אידישען פאָלק האָט אָבער די לעצטע צייט אָנגעהויבען צו קלינגען א קול פאר א אידישער פאָלקס־אָרגאַני־זאַציע, פאר דער צונויפרופונג פון א אידישען קאָנגרעס. די אידישע עפענט־ליכע מיינונג, די פרעסע, די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, פון די קאָנסער־וואַטיווע ביז צו די ראַדיקאַלע און נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע האָבען זיך אויפגעהויבען צו דעם ווילען צונויפצורופען א אידישען קאָנגרעס, וועלכער זאָל לייגען דעם יסוד צו א אידישער פאָלקס־אָרגאַניזאַציע. דערווייל ווערט גערעדט, פאַרשטעהט זיך, נאָר פון א אידישער פאָלקס־אָרגאַניזאַציע, און א אידישען קאָנגרעס אין אמעריקא, אָבער עס פאַרשטעהט זיך ניט ווייניגער, דאָס דיזער אידישער קאָנגרעס אין אמעריקא איז נאָר די פאַרבאַרייטונג צו אַן

נאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס. דאָס אידישע פאָלק מוז לכתחילה זעלבסט קומען צו א קלאָרען באוואוסטזיין, וואָס עס באגערט און וויל און אין וועלכען אופן עס וויל בילדען און געשטאַלטען זיין צוקונפט. דיזע פאָדע־רונגען וועלען דירעקט אָדער אינדירעקט געפינען זייער אויסדרוק אויף דעם פרידענס־קאָנגרעס אזוי ווי אויף דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל.

פאַר דעם פרידענס־קאָנגרעס וועט אַן אַמעריקאַניש־אידישער קאָנגרעס קענען יעדענפאַלס פאָרברייגגען זיינען באַשלוסען און פאָדערונגען דורך דער פאַרמיטלונג פון דער אמעריקאנער דעלעגאציע. א קאָנגרעס פון דעם אמע־ריקאַנער אידענטום וואָלט געוואָרען א גענוג באדייטענדער פאָליטישער און געזעלשאַפטליכער פאַקטאָר אין אמעריקע גופא, דאָס די אמעריקאנער רעגי־רונג וואָלט פאַרטרעטען זיינע וואונשען און באַשלוסען, אָדער וויינינסטענס דאָס מינימום פון זיינע וואונשען און באַשלוסען בנוגע צו ארץ ישראל. די באַשלוסען פון אַ אידיש־אַמעריקאַנישען קאָנגרעס וואָלטען צום ערשטען מאָל אויפגעקלערט די עפענטליכע מיינונג פון דער גאַנצער וועלט וועגען די נויטען און די פאָדערונגען פון דעם אידישען פאָלק און וואָלטען געקענט ווערען אין אַ באַשטימטער מאָס דער אויסגאַנגס־פונקט פאַר דער דיסקוסיע וועגען דער אידישער פראַגע אויף דעם פרידענס־קאָנגרעס.

אָבער מער איידער דער אמעריקאַניש־אידישער קאָנגרעס וועט קענען אויסדריקען די וואונשען און האָפנונגען פון דעם אידישען פאָלק פאַר דעם פרידענס־קאָנגרעס וועלען זיינע באַשלוסען האָבען אַ ווערט און אַ באַ־דייטונג פאַר דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער וועט מוזען נעמען א גערעכטע און זיכערע שטעלונג צו דער איבעראַנדערשונג פון דער אייראָפּעאישער לאַנדקאַרטע און וועט פּראָקלאַמירען דעם פרינציפּ פון נאַ־ציאָנאַלער פרייהייט און טעריטאָריאלער אונאבהייגיגקייט פון די פעלקער, וועט באקומען א פיל גרעסערע ווירקונג אויף דעם ווייטערדיגען גאַנג פון פאָליטישע געשעענישען, איידער פאר דער מלחמה. די באַשלוסען פון אַן אמעריקאַניש־אידישען קאָנגרעס בנוגע צו דעם אידישען פראָבלעם וועלען פאַר דעם אינטערנאַציאָנאַל דינען אלס דער קול פון דעם אונטערדריקטען אידישען פאָלק. אין נאַציאָנאַלע פראַגען האָט די שטימע פון פראָלעטאריאט נאָר אויף אזוי פיל ווערט, אויף וויפיל זי איז אין איינקלאַנג מיט דעם נאַ־ציאָנאַלען באַגער און דער האָפנונג פון דער נאַציאָנאַלער דעמאָקראַטיע, פון די ברייטע פאָלקס־מאַסען. ביי אַלע אונטערדריקטע פעלקער איז אויך דאָס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון דעם סאַציאַליסטישען פּראָלעטאַריאַט אַן אַבקלאַנג פון די נאַציאָנאַלע שטימונגען, האָפנונגען און פארלאַנגען פון דעם ברייטען פאָלק. די אונאַבהיינגיגקייט פון פוילען, די זעלבסטשטענדיגקייט פון אַרמע־ניען, די קולטור־שפּראַכליכע אויטאָנאָמיע פון בעהמען, פאַר וועלכע עס

שאפען דעם גרויסען היסטאָרישען מאָמענט פאר די לייזונג פון דער אידישער פראַגע. פון אידען היינגט עס יעצט אָב, ווי ווייט און ווי ערנסט דער אינ־טערנאציאָנאלער פרידענס־קאָנגרעס וועט זיך באשעפטיגען מיט דער לאַגע פון אידען אין דער וועלט און מיט דער אידישער נאציאָן, פון וועלכער די געשיכטע פון דער מענשליכער געוואלט־טעטיגקייט האָט גערויבט די פריי־הייט און די נאציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט. אויף דעם אינטערנאציאָ־נאלען פרידענס־קאָנגרעס וועט מוזען קומען צו פארהאנדלונג אויך די אידישע פראָבלעם. די רעכטליכע לאַגע פון אידען אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענ־דער און דאָס רעכט פון דעם אידישען פאָלק אויף א אידישע היים אין ארץ ישראל, דיזע צוויי צווייגען פון דעם פאָליטישען אידישען פראָבלעם קענען אויף דעם פרידענס־קאָנגרעס אויפגענומען ווערען. דאָס היינגט אָבער אָב קודם כל פון דעם אָרגאניזירטען ווילען פון דעם אידישען פאָלק זעלבסט.

נאָך דעם באשלוס פון דעם קריג וועט מוזען די רעכטליכע לאַגע פון אידען און דאָס פראָבלעם פון דער אידישער נאציאָן קומען צו פארהאנדלונג אויך אויף דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציאליסטישען קאָנגרעס. דער אינ־טערנאציאָנאלער פראָלעטאריאט, וועלכער שטעהט יעצט אויף די שלאכט־פעלדער אין בלוטיגען ברודער־קריג, וועט זיך מוזען ווידער פאראייניגען, שטארקער אין פאָליטישער מאכט און רייכער מיט בלוטיגע היסטאָרישע ער־פארונגען. ווי די סאָציאליסטען אין אלע לענדער זיינען יעצט ניט צוריסען און צושפּאָלטען אין זייער האלטונג און זייער באאורטיילונג פון דער מלחמה, מוזען זיי דאָך באלד ארויפטרעטען אויף דעם וועג פון אייניהייטליכקייט צוליב דעם ציל פון סאָציאלער רעוואָלוציע. דער נייער אינטערנאציאָנאל קען נאָך ווערען א שטארקערער פאקטאָר אין דעם גאנג פון דער געשיכטע, איידער דער אינטערנאציאָנאל פאר דער מלחמה. דער ערשטער נייער שריט פון דעם אינטערנאציאָנאל וועט מוזען זיין די שטעלונג צו אלע נא־ציאָנאלע פראָבלעמען אין דער וועלט און די פּראָקלאמירונג און די פאר־טיידיגונג פון דעם פּרינציפּ פון נאציאָנאלער פרייהייט און טעריטאָריאלער זעלבסטשטענדיגקייט פון אלע פעלקער. אויף דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציאליסטישען קאָנגרעס קען אויך ווערען אן עפענטליכע טריבונע פאר דאָס אונטערדריקטע אידישע פאָלק, פאר זיינע נויטען און זיינע האָפנונגען, און דער באשלוס פון אינטערנאציאָנאל וועט אויך מוזען האָבען א גרויסען כח און אן ענטשיידענדען איינפלוס אויף דעם גאנג פון די געשעהענישען אין דער צוקונפט.

א אידישער קאָנגרעס אין אמעריקא וועט האָבען אלס זיין אויפגאבע די פאָרמולירונג פון די אידישע נויטען, באגערונגען און האָפנונגען הן צו דעם אינטערנאציאָנאלען פרידענס־קאָנגרעס און הן בנוגע צו דעם אינטער־

אין אלע לענדער. די בארויבונג פון די פּאליטישע רעכט פון אידען שטאמט פון דער מיטעלאלטערליכער בארבאריי אין דעם קאמף פון די רעאקציאָנערע כחות געגען די פרייע און פּראָגרעסיווע אין דער מאָדערנער צייט. געגען דיזער בירגערליכער רעכטלאָזיגקייט פון אידען דארף דאָס אידישע פּאָלק אויפהויבען דעם קול פון פּראָטעסט און דערוועקען די עפענטליכע מיינונג פון דער וועלט געגען דיזען אומרעכט. עס שטימט ניט מיט דעם גייסט פון דער צייט און דעם דעמאָקראטישען כאראקטער פון די היינטיגע מלוכות, דאָס א קליין פּאָלק פון א מינאָריטעט זאָל צוליב זיין רעליגיאָן, זיין ראסע, זיינע אייגענטימליכקייטען בארויבט ווערען פון די אלגעמיינע מענשען־רעכט. די רעכטלאָזיגקייט פון אידען איז א דונקעלער פלעק אויף דעם גע־וויסען פון דער גאנצער ציוויליזירטער מענשהייט. פון דער טריבונע פון א אידישען קאָנגרעס מוז זיך דערהערען די פּראָטעסטירענדע שטימע פון דעם אידישען פּאָלק און זיין אויפרוף צו דער מענשהייט.

אלע טענות פון די שונאים פון אידען און די וויסענשאפטליכע אנטי־סעמיטען, דאָס די אידען קענען אונטער גלייכבארעכטיגונג פארנעמען דאָס לאנד און ווערען א הערשענדער עלעמענט אין דער געזעלשאפט, זיינען ווערט־לאָז און אומבארעכטיגט. דער הבה נתחכמה פון די שונאים פון אידען איז א פארברעכערישע פארגוואלטיגונג פון דער מאיאָריטעט געגען דער פרעמד־נאציאָנאלער מינאריטעט, אוים נידערטרעכטיגען שרעק און קנאה פאר דער העכערער סאָציאלער און קולטורעלער קוואליטעט פון דעם אידישען פּאָלק. די היינטיגע געזעלשאפט, וועלכע איז אויפגעבויט אויף אינדיווידועלע קאָנ־קורענץ און אויף געגענזייטיגען קאמף, האָט ניט קיין רעכטליכע און מאָראַ־לישע באגרינדונג פאר די בירגערליכע רעכטלאָזיגקייט פון א פּאָלק, ווייל עס האָט שטארקערע כחות און מעגליכקייטען אויף דעם פעלד פון אינדיווידועלער קאָנקורענץ. געגען דיזען אונרעכט בנוגע צום אידישען פּאָלק, וועלכעס איז א שפּאט און געלעכטער פון דער גאנצער קולטור, מוז דאָס אָרגאניזירטע אידי־שע פּאָלק אויפהויבען זיין שטים און מוז מוטיג און זיכער פאָדערען פון אלע דעמאָקראטישע פעלקער אזוי ווי אויך פון דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציאַ־ליזם אמת און גערעכטיגקייט.

דאָס אידישע פּאָלק איז אָבער ניט נאָר א מחנה אידען, וועלכע האָט זיך נאָך ניט אויפגעלייזט אין דער ארומיגער וועלט. עס איז א פּאָלק מיט א נאציאָנאלען אנבליק, מיט נאציאָנאלע אינטערעסען און טיף פארבאָרגענע נאציאָנאלע האָפנונגען, וועלכע האָבען זייערע וואָרצלען אין די נויטען פון לעבען און די היסטאָריש־קולטורעלע אוצרות פון דער נאציאָן. דאָס אידישע פּאָלק אין גלות וויל אָנהאלטען און ווייטער אויסבילדען זיין נאציאָנאלען לעבען, ווייטער וועקען זיין נאציאָנאלע ענערגיע, ווייטער ענטוויקלען זיין

האָבען זיך איינגעשטעלט די סאָציאַליסטען פון יענע לענדער, זיינען וואונשען און פארלאנגען, וועלכע שטראָמען פון דעם פולסירענדען הארץ פון יענע פעלקער. נאָר אזא אויפפאסונג פון דעם אידישען נאציאָנאלען פראָבלעם מצד דעם אידישען פראָלעטאריאַט, וועלכע שטימט איבעריין מיט די וואונשען און האָפנונגען פון ברייטען פאָלק, האָט א אינווייניגע בארעכטיגונג און א היסטאָרישען ווערט. די פאָדערונגען פון א דעמאָקראַטיש אויסגעקליבענעם אידישען קאָנגרעס אין אמעריקע בנוגע צו דעם אידישען פאָלק וועלען מוזען ווערען די גרונטלאגע פאר אן ערנסטער נאַציאָנאלער פראָגראַם פון דעם אידי־שען סאָציאַליזם. נאָר די נאַציאָנאַלע וואונשען וועלכע שטראָמען פון די מאַ־טעריעלע און גייסטיגע נויטען און די היסטאָרישע האָפנונגען פון פאָלק און וועלכע וועלען אָבקלינגען אין דעם נאציאָנאלען פראָגראַם פון דעם אידישען פראָלעטאריאַט, וועלען קענען האָבען פאר דעם סאָציאַליסטישען אינטער־נאציאָנאַל אן אַלגעמיינעם ווערט און היסטאָרישע זיכערקייט. נאָר אזא אמת׳ע און אויפריכטיגע נאציאָנאלע פראָגראַם פון דעם אידישען פראָלע־טאריאט וועט אויף דעם סאָציאַליסטישען פראָלעטאריאט ארויפלייגען א חוב בנוגע צו דעם נאציאָנאלען שיקזאַל פון אידישען פאָלק.

א אידישער קאָנגרעס אין אמעריקא, וועלכער זאָל צונויפגערופען ווערען אין יעצטיגען קריטישען מאָמענט, וועט באקומען א גרויסע געזעלשאפטליכע און פאָליטישע באדייטונג, הן אין דעם אידישען פאָלק גופא, און הן אויף דעם פרידענס־קאָנגרעס און דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאציאָנאַל. צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון גלות וועט דאָס גאנצע אידישע פאָלק זיך אָנהויבען צו אָרגאניזירען, וועט ארויסטראָגען זיין אורטייל מכח זיך זעלבסט, וועט באקלערען זיינע נויטען, וועט פאָרמולירען זיינע וואונשען און האָפנונגען, און וועט דערהויבען זיין אונטערדריקטען קול, וועלכער וועט געפינען זיין אָבקלאנג אין דעם געוויסען פון דער אינטערנאציאָנאלער דעמאָקראַטיע.

2.

דער אידישער קאָנגרעס אין אמעריקא וועט זיך פראָקלאמירען אלס די אידישע פארטרעטונג, וועט פאָרמולירען פאר דאָס אידישע פאָלק און די אויסערע וועלט די וואונשען און באגערונגען פון דעם אידישען פאָלק און וועט אָנהויבען באשאפען די אינסטיטוטען און אנשטאלטען פאר דעם היסטאָרי־שען ווידער־בוי פון דעם אידישען לעבען.

וואָס זיינען די פאָדערונגען פון דעם אידישען פאָלק פאר דער נייער עפענטליכער מיינונג, פאר דעם דערוועקענדען געוויסען פון די פעלקער? די ערשטע פאָדערונג איז די בירגערליכע גלייכבארעכטיגונג פון אלע אידען

וועלכע איז מער נוגע צו אמעריקא איידער אייראָפּא, און דאָס איז די פאָדע־רונג פון פרייער איינוואנדערונג פאר אלע פעלקער און ממילא פאר אידען. פרייע איינוואנדערונג אין אמעריקא איז א לעבענס-נויטווענדיגקייט פאר דעם אידישען פאָלק, אפילו ווען עס זאָל באקומען פאליטישע גלייכבארעכ־טיגונג אין אלע לענדער. בפרט אָבער ווען דער רוף פון אידען פאר בירגער־ליכע רעכט אומעטום איז דערווייל נאָר א מאָראלישער פּראָטעסט, אן אויפרוף צו דער מענשהייט, צו דעם געוויסען פון די פרייע פעלקער. נאָך דעם קריג, ווען עס קאן זיך אָנהויבען א נאציאָנאלע אויפלעבונג און איבערבויאונג אין פוילען, רוסלאנד, עסטרייך, רומעניען, אויף דעם באלקאן, וועלען זיך נאָך פארשארפען די געגענזעצען צווישען די פרעמדע סביבות און די אידען. דער עקאָנאָמישער און סאָציאלער דרוק אויף אידען אין מזרח־אייראָפּא, באזונ־דערס דער באָיקאט, וועלען ווערען א מעכטיגער וואפען אין די הענט פון די ארומיגע פעלקער געגען אידען. אפילו אויב אונטער דעם איינפלוס פון די דעמאָקראטישע מלוכות און אונטער דער ווירקונג פון דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציאליזם זאָל אין א געהויבענעם היסטאָרישען מאָמענט פּראָקלאמירט ווע־רען די בירגערליכע גלייכבארעכטיגונג פון אידען, וועט אָבער דער סאָציאלער און עקאָנאָמישער געגענזאץ געגען זיי ניט פאלען, נאָר פארקערט, שטייגען. די אויסוואנדערונג אין אמעריקא, וועלכע געהט יעצט אפילו אָן פון פרייען גאליציען לפי ערך אין א גרעסערער פּראָפּאָרציע איידער פון דעספּאָטישען רוסלאנד, וועט גיכער ווערען גרעסער איידער קלענער. יאָ, עס איז לייכט מעגליך, דאָס די מאסען־אויסוואנדערונג וועט ווערען די איינציגע רעטונג פאר אידען, אויב דער גאנג פון דער געשיכטע וועט נעמען אן אנדער ווענדונג, און דער נאציאָנאלער קאמף און געגענזאץ וועט ווייטער פלאקערען אין די מלוכות. דער אידישער קאָנגרעס וועט מוזען אויפהויבען זיין קול פאר די פרייע איינוואנדערונג אין אמעריקא, אין נאָמען פון דעם פּרינציפּ בכלל און אין נאָמען פון די לעבענסנויטען פון דער אידישער וואנדערנדער פאָלקס־מאסע. דיזער רוף פאר פרייע איינוואנדערונג איז אין גייסט פון דעמאָקראַ־טישע פּרינציפּען און מלוכה־אידעען, אויף וועלכע דער אינטערנאציאָנאלער פרידענס-קאָנגרעס וועט זיך מוזען שטיצען אין אלע זיינע דיסקוסיאָנען און באטראכטונגען. פרייע איינוואנדערונג איז אָבער אן אלטער פּרינציפּ פון אינטערנאציאָנאלען סאָציאליזם, א פּרינציפּ, וועלכער איז אָבער אין די לעצ־טע יאָרען דורך פּראקטישע ארבייטער־פּאליטיק און נאָכיאָגען נאָך פּארלא־מענטארישער מאכט און ארבייטער־שטימען אָבגעשוואכט געוואָרען אין דעם אמעריקאנעם סאָציאליזם. דערפאר איז דאָס א דאָפּעלטע נויטווענדיגקייט און א דאָפּעלטער חוב מצד א אידישען קאָנגרעס ארויסצושטעלען די פאָ־דערונג פון פרייער איינוואנדערונג.

שעפּפערישען נאַציאָנאַלען גייסט. עס טרייבען דערצו די פאָרמען פון דעם געגענוואַרטיגען לעבען, אַקוראַט ווי אַלע באַהאַלטענע כחות פון פאָלק, וועלכע שאַפען און באשטימען די צוקונפט. גראַד אין דער מאָדערנער צייט, ווען די פאָלקסמאַסען זיינען אריינגעצויגען געוואָרען דורך דעם סאָציאַליזם אין דאָס פּאָליטישע און קולטורעלע לעבען און דער ציוניזם האָט אָנגעהויבען וועקען ביים אידישען פאָלק דעם העכסטען נאַציאָנאַלען ווילען, אין דער מאָדערנער צייט האָט זיך ביי אידען אָנגעהויבען שטאַרקען דער רצון צו ענטוויקלען אייגענע נאַציאָנאַלע לעבענס־פאָרמען אין גלות. אומעטום איז אַרויסגעוואַקסען דאָס פאַרלאַנגען צו אָרגאַניזירען די אידישע געמיינדען אויף דעמאָקראַטישע יסודות, צו ענטוויקלען אַ פּראָגרעסיווען נאַציאָנאַלען קולטור־לעבען אין פאָלק, איינצופירען העברעאיש און לערנען אידיש אין די שולען און דערהויבען זיי צו דער מדרגה פון קולטור־נאַציאָנאַלע שפּראַכען אין דער שולע און אין לעבען. גראַד צווישען די פאָלקסמאַסען און דעם פּראָלעטאַריאַט איז באַזונדערס דערוואַכט געוואָרען דער באַגער נאָך אַ נאַציאָנאַלען לעבען, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין דער פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט פון דער מלוכה ביז צו דעם פּונקט פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

די ענטשיידונג וועגען דעם אינהאַלט פון אַ אידישער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע אין גלות, וועגען איר מעגליכקייט אָדער אונמעגליכקייט, דאַרף איבערגעלאָזען ווערען דער צוקונפטיגער ענטוויקלונג. אַ געוויסער סכום פון נאַציאָנאַלע רעכט און פרייהייטען דאַרף אָבער יעצט שוין גאַראַנטירט ווערען צו די אידען פון רוסלאַנד, פּוילען, עסטרייך, רומעניען, די באַלקאַן־לענדער, אומעטום וואו אידען פירען אַן אייגענאַרטיגען נאַציאָנאַלען לעבען. זיי דאַרפען האָבען דאָס רעכט און די מעגליכקייט צו אָרגאַניזירען די אידישע געמיינדע אויף דעמאָקראַטישע יסודות, און דיזע געמיינדע דאַרף אפשר אויך באַקומען אַ צוואַנגס־כאַראַקטער, אַזוי ווי די אידישע געמיינדע אין דייטשלאַנד. די אידישע געמיינדע וועט אריינגעמען אין דעם קרייז פון איר אַרבייט פאַרשידענע טעטיגקייטס־צווייגען, נאַציאָנאַלע, קולטורעלע, סאָציאַל־פילאַנטראָפּישע, אין וועלכע די אידישע באַפעלקערונג נויטיגט זיך. קלובען, נאַציאָנאַל־קולטורעלע פאַראיינען צוליב פאַרברייטונג פון נאַציאָנאַלער בילדונג, קראַנקען־הייזער, אונטערשטיצונגס־אַנשטאַלטען, שטאָטישע קיכען, ליי־קאַסען, קאָאָפּעראַטיווע הייזער, ערציאונגס שולען א. ז. וו. דאָס זיינען מעגליכע טעטיגקייטען פאַר אידישע געמיינדען לטובת פון דער ברייטער פאָלקסמאַסע. דערצו מוזען אָבער אידען האָבען ברייטע נאַציאָנאַלע רעכט, וועלכע זאָלען זיי גאַראַנטירען די פרייהייט פון שפּראַך און נאַציאָנאַלע אייגענאַרטיגקייט און די מעגליכקייט צו אָרגאַניזירען די געמיינדע.

אַן אַמעריקאַנער־אידישער קאָנגרעס האָט נאָך אַן אַנדער פאָדערונג,

און נאַציאָנאַלער שטערן אויף דעם דונקלען הימעל פון דער גלות־עקזיסטענץ, נאָר זי קען אויך ווערען שוין יעצט א גרויסע סאָציאַל־עקאָנאָמישע ערלייזונג און ערהויבונג פאר די אידישע פאָלקסמאַסען.

ווי די וועלט-מלחמה זאָל זיך ניט ענדיגען, וועט זיך אונטער אלע פאלען אָנהויבען אין מערב־אזיען אן עפּאָכע פון פּאָליטישען און עקאָנאָמישען פּראָגרעס. אין פאלעסטינא, סיריען, מעסאָפּאָטאמיען קענען זיך עפענען גרויסע קאָלאָניזאציאָנס־מעגליכקייטען פאר מיליאָנען מענשען. יענע געגענדען פון מערב־אזיען קענען ערנערען צענדליגע און צענדליגע מיליאָנען מענשען, ווען קאפּיטאל און ציוויליזאציע זאָלען דאָרטען באשאפען די נויטיגע פּאָרבאַדינגונגען פאר איינוואנדערונג און קאָלאָניזאציע. שוין פאר דער מלחמה, בשעת דאָס לאנד איז נאָך געווען פאליטיש אונזיכער, האָבען אָנגעהויבען איינצוואוואנדערען אין די לעצטע יאָרען אין פאלעסטינא טויזענדע אידען פון פארשידענע קלאסען. עס איז אָנגעגאנגען אין ארץ ישראל א פיבערהאפטע קאָלאָניזאציאָנס טעטיגקייט און קולטור־ארבייט, בשעת די פּאָרבאַרייטונגען און די אָרגאניזאציע פון אידען אין אלע לענדער צוליב קאָלאָניזאציע אין פאלעסטינא זיינען פאריינס געשטיגען. נאָך דער מלחמה וועלטען הונדערטער טויזענטער אידען א יאָר געקענט איינוואנדערען אין פאלעסטינא און עסאָפּאָטאמיען, דאָרט איבערגעהן צו פּראָדוקטיווער ארבייט, דאָרט באַשאפען סאָציאל העכערע קאָאָפּעראטיווע פארמען פון לאנדווירטשאפט און אינדוסטריע און ערוועקען אן אָריגינעלע שעפערישע אידישע קולטור. ניט נאָר אין פארבינדונג מיט דער אידעע פון א זעלבסטשטענדיגער אידישער נאציאָן נאָר פון שטאנדפּונקט פון די מאטעריעלע און גייסטיגע אינטערעסען פון דעם אידישען פאָלק אין דער געגענווארט שוין, האָט אזא מאסען קאָלאָניזאציע פון אידען אין פאלעסטינא דעם העכסטען סאָציאַלען ווערט. א אידישער קאָנגרעס וועט דערפאר מוזען פּראָקלאמירען די פאָדערונג פון דעם אידישען פאָלק אויף א היים אין ארץ ישראל. און אפשר וועט דוקא דיזע פאָדערונג פון דעם אידישען קאָנגרעס, וועלכע וויל פארמיידען די געגענזעצען און סתירות צווישען אידען און דער ארומיגער וועלט און געבען דער אידישער געשיכטע א נייע ווענדונג, אפשר וועט דיזע פאָדערונג געפינען דעם אויפריכטיגען און טיפסטען אָבקלאנג ביי דער גאַנצער פּראָגרעסיווער מענשהייט.

א קאָנגרעס פון די אמעריקאנער אידען, ווארום דערוויייל קען זיך נאָר האנדלען וועגען אזא קאָנגרעס, וועט אלזאָ פאָרמולירען די פארשידענע אידישע נויטען, וועט ארויסשטעלען די פאָדערונגען פון דעם אידישען פאָלק פאר דער גאַנצער וועלט און אפּעלירען צו דעם געוויסען פון דער אייראָפּעאישער דעמאָקראטיע און דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציאליזם. צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון דעם אידישען גלות וועט דערקלינגען דער צאָרנדיגער

עס בלייבט אָבער נאָך די גרעסטע און היסטאָריש וויכטיגסטע פאָדערונג, וועלכע אַ אידישער קאָנגרעס דאַרף מאַכען פאַר דער גאַנצער וועלט און באַזונדערס פאַר דעם סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל, און דאָס איז די באַגרינדונג פון אַ פרייער אידישער נאַציע אין ארץ ישראל. בירגערליכע גלייכבארעכטיגונג, נאַציאָנאַלע רעכט, פרייע איינוואַנדערונג זיינען נויטיג פאַר אידען, זאָלאַנג דאָס אידישע פאָלק איז אין גלות, זאָלאַנג עס איז אַ צוזייטע און צושפּרייטע נאַציאָנאַלע מינדערהייט צווישען פרעמדע און פיינדליכע פעלקער. דאָס אידישע גלות פאָלק דאַרף פאָדערען פרייהייט און גערעכטיגקייט פון דער וועלט. אָבער די גרעסטע היסטאָרישע שקלאַפעריי און היסטאָרישע אומגערעכטיגקייט איז דער גלות זעלבסט. דער גלות איז די אורזאַכע פון דער אייביגער אידישער נויט, פון דער אייביגער סתירה צווישען דער וועלט און דעם אידישען פאָלק, פון דעם אידישען פּראָבלעם, וועלכעס געפינט ניט קיין לייזונג אין דער וועלט. ווען עס זאָל אפילו געגעבען ווערען צו אידען רעכט און גערעכטיגקייט אין דער גאַנצער וועלט, האָט דאָס אידישע פאָלק זיך דאָך ניט אויפגעהויבען צו דער מדרגה פון אַ פרייען און זעלבסטשטענדיגען פאָלק און עס שטעהט דאָך אין זיין גאַנצען לעבען ביי דעם אָבגרונד פון אייביגע געגענזעצען און טראַגישע ווידערשפּרוכען. בירגערליכע גלייכבארעכטיגונג פאַר אידען אין גלות איז נאָר מעגליך, ווען די אידישע נאַציע זאָל האָבען אן אייגענע היים אין ארץ ישראל. די באַשאַפונג פון אַ פרייער אידישער נאַציע איז די גערעכטעסטע און פּראָגרעסיווסטע לייזונג פון דער אידישער פראגע. די לייזונג, וועלכע איז אין איינקלאַנג מיט דעם דעמאָקראַטישען און נאַציאָנאַלען פּרינציפּ אין דער געשיכטע און מיט די גרונט־אידעען פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם.

עס זיינען אָבער אויך פאַראַן אונמיטעלבאַרע סאָציאַל־עקאָנאָמישע נויטען, אויף וועלכע אַ מאַסען־קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינאַ, סיריען, מעסאָפּאָטאַמיען, איז אַן ענטפער און וואָס דערפאַר מוז די מאַסען־קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל יעצט שוין ווערען אַ וויכטיגער טייל פון דער אידישער רעאַלפּאָליטיק. דער נצחון פון דער דעמאָקראַטישער אידעע אין דער וועלט נאָך דער מלחמה און די פאַרשטאַרקונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם קענען געבען דעם אידישען פאָלק אין דער וועלט אַ גרויסע מאָראַלישע שטיצע, בשעת פאַקטיש זאָל זיך די לאַגע פון אידען, וועלכע הייננגט אָב פון סאָציאַלער, נאַציאָנאַלער, עקאָנאָמישער און קולטורעלער קאָנקורענץ נאָך פאַרשאַרפען. באַזונדערס ווען די פרייע איינוואַנדערונג אין אַמעריקאַ זאָל דאָך באַשרענקט ווערען דורך פאַרשידענע סבות, אזוי דאָס די לעצטע עקאָנאָמישע הילף פאַר אידען וועט פאַרשווינדען. די מאַסען־איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל זיינען דערפאַר ניט נאָר אַ פּאָליטישער, סאָציאַלער

מיט הונדערט יאָר צוריק, האָט פארלייקענט די אידישע נאציאָן און האָט פארדעקט מיט שאַנדע די אידישע געשיכטע. אין יענעם אידישען קאָנגרעס האָט גובר געווען דער קלאסען־אינטערעס פון דער אידישער אסימילאציאָנס־בורזשואזיע פון מערב־אייראָפּא, וועלכע האָט פארביטען די אידעאלען פון דער אידישער נאציע און די גייסטיג־מאָראלישע ווערטען פון אידענטום אויף דעם טאָפּ לינזען פון פּאָליטיש־בורזשואזער גלייכבארעכטיגונג. דער אידיש אמעריקאנישער קאָנגרעס וועט ערשט דארפען אָבגעבען די פּראָבע, אויב אַן אלוועלטליכע אידישע אָרגאניזאציע יעצט קען אָנפירען דאָס אידישע פאָלק און דערפירען די אידישע געשיכטע צו איר העכסטען גלאַנץ. דיזע פּראָבע וועט זיין די שטעלונג פון דעם קאָנגרעס צו ארץ ישראל, צו דער נאציאָנאלער ווידעראויפלעבונג פון אידישען פאָלק. ווארום אזוי ווי דער מאָראלישער ווערט פון דעם איינצעלנעם איד ליגט אין זיין טרייקייט צו זיין פאָלק און אין דעם מוט פון זיין אייגענער אינדיווידואליטעט, אזוי קענען דער סאָציא־לער ווערט און די לעבענפייאיגקייט פון יעדער אידישער שטרעמונג און אָרגאניזאציע געמאָסטען ווערען נאָר נאָך דער קראפט און דער אויפריכטיג־קייט, מיט וועלכער זי האָפט און באַגערט א נייע אידישע צוקונפט.

עס איז דערפאר אונמעגליך, דאָס א אידישער קאָנגרעס אין אמעריקא, וועלכער וועט זיך צונויפקומען אין יעצטיגען אויגענבליק דורך דעמאָקראטישע וואלען, וועט ניט שטעהן אויף זיין הויכקייט בנוגע צו דעם אידישען פּראָבלעם. זאָבאלד דער אידישער קאָנגרעס וועט פּראָקלאמירען זיין ווילען צו קריגען א היים פאר'ן אידישען פאָלק אין ארץ ישראל, וועט ער דערמיט שוין ווערען דער ערשטער גרונטשטיין פאר דער אָרגאניזירונג פון דער גאַנצער אידישער נאציע.

דער קאָנגרעס דארף צונויפגערופען ווערען אויף דעם יסוד פון פרייע דעמאָקראטישע וואלען. אין יעדער שטאָט פון אמעריקא דארפען זיך אָרגאַ־ניזירען קאָנגרעס־קאָמיטעטען, וועלכע זאָלען דורכפירען די וואלען און באַ־שאפען דערוויילֹ די מיטעל פאר דער אָרגאניזאציע. א באשטימטע צאָל איינוואוינער זאָלען שיקען איין פארטרעטער צום קאָנגרעס, א חוץ דעם זאָלען די פארשידענע נאציאָנאלע אָרגאניזאציעס קענען שיקען פארטרעטער צום קאָנגרעס. די וואלען זאָלען אומעדום דורכגעפירט ווערען אין איין צייט, א מאָנאט פאר דער פארזאמלונג פון קאָנגרעס.

נאָכדעם ווי דער קאָנגרעס וועט פעסטשטעלען די גרונט־יסודות פון דער אידישער נאציאָנאלער פּאָליטיק, וועט פּראָקלאמירען די פאָדערונגען פון דעם אידישען פאָלק פאר דער וועלט, און וועט געפינען אויך די מיטלען און וועגען, ווי די שטימע פון אידישען פאָלק זאָל דערגרייכען דאָס געוויסען פון דער מענשהייט, וועט ער קענען אויך איבערגעהן צו דער קאָנסטרוקטיווער

און מוטיגער קול פון דעם אונטערדריקטען אידישען פאָלק אין דער וועלט. אויב א נייער פרינציפּ פון גערעכטיגקייט, פרייהייט, פרידען, נאציאָנאלער אונאבהייננגיגקייט און דעמאָקראטיע ווערט פּראָקלאמירט אין דער וועלט, דאן מוז דיזער פרינציפּ זיין אן אלגעמיינער, אן אוניווערסאלער, מוז ער אָנגעווענדעט ווערען אויף אלעס, וואָס טראָגט דעם עבענבילד פון אן אונטערדריקטען פאָלק אין דער געשיכטע. אויב דער נייער פרינציפּ פון באפרייאונג און גערעכטיגקייט וועט אויסלאָזען דאָס מערקווירדיגע אידישע פאָלק, וועט אים ניט געבען קיין גערעכטיגקייט אין דער וועלט, דאן האָט זיך די וועלט ניט באנייט און האָט זיך ניט אויסגעלייטערט מאָראליש אין די ימים פון בלוט און די פלאַמען פון פייער, וועלכע האָבען זיך אויסגעגאָסען אויף דער ערד. ליגען און עגאָאיסטישע פאלשקייט וואָלט דאן געווען די אייראָפּעאישע דעמאָקראטיע, דער סאָציאליסטישער אינטערנאציאָנאל, די ווערטער פון באפרייאונג און גערעכטיגקייט אין דער וועלט, ווען דעם אידישען פאָלק ווערט ניט געבראכט קיין באפרייאונג און ניט געגעבען קיין גערעכטיגקייט. דאָס אָנצוזאָגען דער וועלט און ארויסצופאָדערען די מענשהייט צו א תשובה פאר דער טויזענדפאכער נויט און די לייד פון דעם אלטען פאָלק ישראל—אָט דאָס איז דער זין און דער ווערט פון א אידישען קאָנגרעס אלס א גרויסע אידישע דעמאָנסטראציע פאר דער גאנצער מענשהייט.

.3

א אידישער קאָנגרעס אין אמעריקא קען ווערען דער גרונטשטיין פאר א שפּעטערדיגען אלוועלטליכען אידישען קאָנגרעס, פאר א שטענדיגער אידישער פארטרעטערשאפט, וועלכע זאָל אָנפירען און לייטען אלע אידישע נאציאָנאלע אנגעלעגענהייטען. די אידישע פראגע שטעהט ניט פאר דעם סוף פון איר לייזונג, נאָר פאר דעם אָנהויב, און די מאטעריעלע און גייסטיגע נויטען פון פאָלקסלעבען וויקלען זיך אלץ מער פאנאנדער און פאָדערן ענטפער און הילף. פארטרעטען דאָס אידישע פאָלק, ריידען אין זיין נאָמען, פירען זיין פּאָליטיק, אָרגאניזירען עס, דערהויבען עס, באפרייען און איבערבויען זיין גאנצעס לעבען, קען ניט א זעלבסטגעקרוינטע גרופּע פון שתדלנים, א פּארטיי, א שטרעמונג, אן אָרגאניזאציע, נאָר דאָס אָרגאניזירטע פאָלק זעלבסט דורך זיינע דעמאָקראטיש אויסגעקליבענע פארטרעטער און זיינע פון פאָלק קאָנטראָלירטע אנשטאלטען און אינסטיטוטען.

דער ערשטער אידישער קאָנגרעס אין אמעריקא וועט באווייזען, אויב דער אידישער שיקזאל קען ווירקליך שוין אנפארטרויט ווערען דעם אידישען פאָלק גופא. דער אידישער סנהדרין, וועלכען נאפּאלעאָן האָט צונויפגערופען

קייט און גייסטיג-מאָראלישער איידעלקייט, צו וועלכער די טרייע צוגעהעריג־קייט צו דעם אלטען קולטור-פאָלק ישראל איז מחייב דעם אידען. דאָס האָט גאַנץ מיטגעשטימט מיט דער קולטורעלער געפאלענקייט און גייסטיגער אָבגע־שטאַנענקייט פון גרויסע טיילען פון דער אידיש שפּרעכענדער פאָלקסמאַסע. בשעת אַן דיזע אומגליקליכע מאסען האָבען זיך אָנגעהיינגט די פּסולת פון דער אידישער אסימילאַטאָרישער אינטעליגענץ, דאמאָלט איז ענטשטאַנען דער באוואוסטזיניגער אסימילאַטאָרישער סאָציאַליזם. פון דער זייט פון דיזע אסימילאַטאָרישע כלומרשטע סאָציאַליסטען קען זיין א גענערשאפט נעגען דער אָרגאַניזירונג און אויפלעבונג פון דער אידישער נאציע.

אָבערביידע שונאים פון דעם אידישען פאָלק האָבען שוין לאנג פאר־לאָרען יעדען מאָראלישען ווערט צווישען אידען. דאָס אידישע פאָלק האָט זיך שוין לאנג אָבגעווענדעט פון זיי. אין די לעצטע צוואנציג יאָר פון אידי־שער פאלקס-פּאָליטיק, פון ציוניזם, טעריטאָריאַליזם, נאציאָנאַליזם, פון די פּראָלעטארישע באוועגונגען איז דאָס פאָלק געגאַנגען להיפּך צו דעם ווילען און דעם איינפלוס פון דער אידישער גרויס בורזשואזיע. די אידישע גרויס בורזשואזיע האָט שוין לאנג פארלאָרען איר אמאָליגע פירענדע שטעלונג צווישען אידען, און באלד וועט זי אפשר גאָר אריינקומען אין דער סכנה, צו ווערען אַן אפּגעשידענער און איזאָלירטער קלאַס ביי אידען אקוראט ווי ביי גוים. דער פאלשער אסימילאַטאָרישער סאָציאַליזם האָט זיך פאר די פילע יאָרען פון זיין עקזיסטענץ ארויסגעוויזען אין זיין גאנצער פאַרדארבלי־כער פארב, אלץ מער און מער ווענדען זיך אָב פון דער אסימילאַטאָרישער אידעאָלאָגיע די אידישע ארבייטער מאַסע און די בעסערע אידישע סאָציא־ליסטישע אינטעליגענץ. דיזער אסימילאַטאָרישער סאָצאַליזם פארלירט אלץ מער און מער זיין קראפט איבער דעם אידישען פּראָלעטאריאַט און דער פאָלקסמאַסע, און שוין עפענט זיך א טיפער אבגרונד צווישען אים און דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציאַליזם בכלל, וועלכען ער האָט ביז יעצט גענארט און פאר וועלכען ער האָט פארלוימדעט די אידישע פרייהייט באוועגונג.

א אידישער קאָנגרעס קען צונויפקומען זיך און באקומען דעם ווערט פון א נאציאָנאלער אָרגאַניזאציע, ווען אפילו געוויסע דעמאָראליזירטע עלעמענ־טען פון דער אסימילאציע זאָלען זיין גלייכגילטיג און געגנעריש. דער קאָנ־גרעס וועט קענען פירען צו אן אָרגאַניזירטע אידישע נאציע און זיינע באַ־שלוסען וועלען האָבען א מאָראליש צווינגענדען כאראקטער פאר אלע אידען. די מערהייט פון דעם אמעריקאנער אידענטום וועט זיך אנשליסען מיט ענטו־זיאַזם אָן דיזען קאָנגרעס. די אויפריכטיגע אידישע סאָציאַליסטען און גרויסע טיילען פון דעם אידישען פּראָלעטאריאַט, די ברייטע אידישע פאָלקס־מאַסע, די בעסערע אינטעליגענץ, די נאציאָנאַל-געשטימטע טיילען פון דער

ארבייט אינערהאלב פון דעם אידישען פאָלק. דער אידישער קאָנגרעס אין אמעריקא קען אויך באשטימען דאָס אָרט און די צייט פון א קומענדען אל־וועלטליכען אידישען קאָנגרעס, וועלכער וועט מוזען צונויפגערופען ווערען ביי דער ערשטער גייסטיגער געלעגענהייט באלד נאָך דער וועלט־מלחמה.

אין די וואלען צום אידישען קאָנגרעס וועלען מעגליך ניט אנטייל נעמען אלע אידען פון אמעריקא, אזוי ווי אין די וואלען פון אלע פארלאמענטען נעמען ניט אנטייל אלע בירגער פון א לאנד. פילע גרופען פון אידען וועלען אפשר באוואוסטזיניג זיין געגען אזא קאָנגרעס, ווייל זיי וועלען פילען די מאכט פון דיזער ארגאניזאציע און די מאָראלישע התחיבות פון דעם גאנצען פאָלק מקים צו זיין די באשליסען פון דעם קאָנגרעס. די אידישע אסימיליר־טע בורזשואזיע און אלע אירע אבהייננגיגע נאָכלויפער קען זיך שטעלען קעגען א אידישען קאָנגרעס. די אידישע גרויסע בורזשואזיע איז אסימילאטאָריש, דערשראָקען, אנטינאציאָנאל, זי שטערט די אידישע באפרייאונג, זי שתדלנ׳ט, נוצט אוים די געפאלענקייט פון אידישען פאָלק דורך איר טעטיגקייט אזוי ווי דורך איר שטערונג. א אידישער וועלט קאָנגרעס, וועלכער וועט פאר־טרעטען די אָרגאניזירטע אידישע נאציע, בריינגט די אידישע גרוים בורזשו־אזיע אין א ווידערשפרוך צווישען איר פריווילעגירטער שטעלונג און איר אידישער פרעמדקייט. די פאלשקייט און די אונמעגליכקייט פון איר פאטריאָטיזם מיט וועלכען זי פארענטפערט איר קאפיטאליזם אויף דעם גוישען חשבון, וועלען דורך א אידישע נאציאָנאלע וועלט־אָרגאניזאציע ארוים נאָך שארפער און דייטליכער, איידער דורך די גאנצע ציוניסטישע און נאציאָנאלע אגיטאציע.

פון קלאסען־עגאָאיזם און מאטעריאליזם וועט די גרויסע אידישע בורזשואזיע אויפטרעטען געגען א אידישען קאָנגרעס; פון טעמפּקייט און עם־הארצות קענען אפשר באשטימטע טיילען פון אידישען ארבייטער קלאס זיך אויך ערקלערען געגען דעם אידישען קאָנגרעס. דער טראגי־קאָמיזם דערביי איז, וואָס דיזע אָבגעשטאנענע טיילען פון פּראָלעטאריאט וועלען זיך בארופען אויף דעם סאָציאליזם. גרויסע טיילען פון אידישען ארבייטער קלאָס זיינען באמת נאָך גאָרניט ארייננגעצויגען געוואָרען און זיינען געבליבען ניט אָנגערירט פון קולטור בכלל. דיזע מאסען האָבען אָבער אין דער עפּאָכע פון דער בורזשואזער אסימילאציע אויפגעכאפּט אייניגע אויבערפלעכליכע געדאנקען וועגען דער פארשווינדונג פון דער אידישער נאציע און דער ווערט־לאָזיגקייט פון דער אידישער געשיכטע און קולטור, און אָט דיזע בורזשואזע געדאנקען זיינען געוואָרען ביי זיי דער יסוד פון זייער סאָציאליזם. זיי האָבען אראָבגעוואָרפען פון זיך יעדע העכערע פאראנטוואָרטליכקייט פאר דעם שיקזאל פון אידישען פאָלק, און זיינען פריי געוואָרען פון דער ערנסט־

נאַציאָנאַלער באוועגונג פאַר די לעצטע דרייסיג יאָר. אין רואיגערע צייטען וואלט זיכער די אידישע רענעסאנס־באוועגונג פון זיך זעלבסט דערגאנגען צו דער אידעע און דער נויטווענדיגקייט פון אן אלוועלטליכער אידישער אָרגאַ־ניזאציע. אין ציוניזם און נאָך מער שפּעטער אין טעריטאָריאליזם איז שוין געלעגען באהאלטען דער געדאנק פון אן אלוועלטליכער אידישער אָרגאני־זאציע. אונטער דעם דרוק פון דער בלוטיגער נויט איז דיזע אידישע אל־וועלטליכע אָרגאניזאציע געוואָרען יעצט אומפארמיידליך. דאָס אידישע פאָלק מוז געפינען דעם וועג צו זיין נאַציאָנאַלער אחדות. פון מענשליכען שטויב דארפען מיר ווערען יעצט א פאראייניגטע נאַציע. א פרייעס, פאַר־אייניגטעס פאָלק, וועלכעס זאָל האָבען די גבורה צו אן ערלייזענדער טאַט. אין שטורם און פייער ווערט געבאָרען דיזעס פאראייניגטע אידישע פאָלק, און עס ווערט צוזאמענגעהעפטעט דורך דאָס פארגאָסענע בלוט פון אונזערע ברידער און קינדער אויף אלע שלאכטפעלדער פון דעם ערדקוגעל. אין דער אייניגקייט ליגט אונזער מאַכט. פון דעם פאראייניגטען געדאנק צו דעם פאראייניגטען רצון און דער פאראייניגטער טאַט!

אידישער בורזשואזיע וועלען שיקען זייערע פארטרעטער צו דעם ערשטען אמעריקאניש־אידישען קאָנגרעס, אונטער דער אויפריכטיגער באגייסטערונג און האָפנונג פון דער גאנצער אידישער וועלט.

דער אלוועלטליכער אידישער קאָנגרעס, צו וועלכען דער אמעריקאניש־אידישער קאָנגרעס קאָן זיין א פארבארייטונג, וועט איבערנעמען די אידישע נאציאָנאלע פּאָליטיק אין זיינע הענט. פון דער שטארקייט און קלאָרקייט פון זיין נאציאָנאל־אידישער פּאָליטיק וועט עס אבהייננען, ווען און ווי די ציוניסטישע אָרגאניזאציע מיט אירע אינסטיטוטען זאָל ווערען א טייל אָדער א פירענדער פליגעל פון דער נאציאָנאלער פארטרעטערשאפט. די נאציאָנאלע פארטרעטערשאפט וועט קענען באשאפען די פינאנץ־אינסטיטוטען פאר דער ערלייכטערונג און רעגולירונג פון דער אידישער וואנדערונג, פאר ארץ ישראל און די פארשידענע קולטור באדערפניסען און נאציאָנאלע ערציאונג. עס וואָלט געווען איבריג דאָ אויפצוציילען אלע פּערספּעקטיווען און מעגליכקייטען פון דער אידישער פארטרעטערשאפט. די אידישע נאציע און אלעס, וואָס איז שייך צו דער אידישער נאציע, זיינען די לעבעדיגע פּראָבלעמען פון דער אידישער פארטרעטערשאפט.

עס וואָלט געמאכט געוואָרען אן ענדע צו דעם כאאָטישען צושטאנד, אין וועלכען דאָס אידישע פאָלק געפינט זיך, און וואָס דאָס איז די ערשטע אורזאכע פון זיין טיפער געפאלענקייט. דאָס גאנצע פאָלק וועט זיך בויגען אונטער די באשלוסען פון פאָלק גופא. אלע אידישע אָרגאניזאציעס און אינסטיטוטען, וועלכע האָבען ביז יעצט געפירט די אידישע פּאָליטיק אומפאראנטוואָרטליך אויף זייער אייגענעם חשבון און לויט דעם קאפּריז פון די רייכע בעלי טובות, ווי די יק"א, די אליאנס איזראעליט, די אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע, די ווינער איזראעליטישע אליאנץ א. ז. וו., אָט דיזע אלע אָרגאניזאציעס צוזאמען מיט זייערע פינאנץ־ אינסטיטוטען וועלען זיך מוזען שטעלען אונטער דער אויפזיכט און דעם קאָנטראָל פון דעם אָרגאניזירטען פאָלק, ווען זיי וועלען ניט וועלען פאנאנדערייסען דעם בונד מיט דער אידישער נאציע. פון דער אנדער זייט וועט אונמעגליך ווערען יענע הפקרות און שווינדעל, דאָס דער אָבפאל פון דער אסימילאציאָנס־אינטעליגענץ, וועלכער קען ניט געפינען ביי גוים קיין אָרט, זאָל קענען אויפמאָלען דאָס אידישע פאָלק און דעם אידישען פּראָלעטאריאט פאר דעם סאָציאליסטישען אינטערנאציאָנאל אלס א פאָלק אָהן כבוד, אָהן קולטור, אָהן לעבענס־ווילען, וואָס די פּאראזיטישע אסימילאציע און גלות־עקזיסטענץ איז זיין איינציגער היסטאָרישער אידעאל.

דער אידישער קאָנגרעס אלס איינלייטונג צו א שטענדיגער אידישער פארטרעטערשאפט איז די לאָגישע ענטוויקלונג פון דער גאנצער אידישער

גענאַר ביי די רעגירונגען פון דער וועלט פאר אידען איז זייער העכסטע נאַ־ציאָנאלע פּאָליטיק און פּאָליטישער שכל.

פון דער אנדער זייט האָט א טייל פון דער סאָציאַליסטישער ארבייטער־שאפט, די אינטעליגענץ און די דעמאָקראטיע ארויסגעשטעלט די לאָזונג פון א אידישען קאָנגרעס אויף דעמאָקראטישע יסודות. דער לאָזונג פון דעם קאָנגרעס איז די פאָדערונג פון פולע גלייכבארעכטיגונג אין אלע לענדער און א היים אין ארץ ישראל. ארום דיזען לאָזונג פון א אידישען פאָלקס־קאָנגרעס האָבען זיך אָנגעהויבען שוין צו גרופּירען און אָרגאניזירען די ברייטע שיכטען פון פאָלק, די פאָלקסמאסען. עס ווירקט ווי א צינדענדער געדאנק דיזער רוף צו פאָלקס־פאראייניגונג. ער דערהויבט דעם געפאלענעם מוט פון פאָלק און וועקט די האָפנונג.

טיף ערשיטערט פון די שרעקען פון דער צייט, שטעהט די גרויסע אידישע ארבייטער־מאסע. פארוואונדעט איז איר הארץ פון דעם פאָלקס־יאָמער און דעם פאָלקס־צאָרן. אָבער זי שטעהט נאָך אונענטשידען פאר דעם וועג, וועלכען זי זאָל געהן, און איז אונענטשלאָסען וועגען די לאָזונגען, וועלכע זי זאָל וועה־לען. דערווייל איז אונטער דער פירונג פון דעם נאציאָנאלען ארבייטער קאָ־מיטעט ענטשטאנען א באוועגונג פאר א נאציאָנאלער ארבייטער קאָנווענשאָן, אויף וועלכער דער פּראָלעטאריאט זאָל אין זיין אייגענער מיטע געפינען די לאָזונגען פון זיין פאָלקס־פּאָליטישען וועג און די איינינקייט פאר א נאציאָ־נאלער טאַט. אויף דיזער ארבייטער קאָנווענשאָן באדארף ענטשידען ווערען די שטעלונג פון דער ארבייטערשאפט צו דער ק אָ נ פ ע ר ע נ ץ פון דעם אמעריקאן דזשואיש קאָמיטעט און צו דעם פ אָ ל ק ס ק אָ נ ג ר ע ס, און עס דארף באשלאָסען ווערען מכח די וועגען און לאָזונגען.

אידישע ארבייטער! די פאָלקס פּאָליטיק פון דעם אידישען פּראָלעטאַ־ריאט קאָן נאָר זיין איינע. יענע פּאָליטיק, וועלכע דערהויבט דעם כבוד פון א נאציאָן, זוכט דעם ראדיקאלען ענטפער אויף זיינע מאטעריעלע און נייסטינע נויטען, עפענט פאר אים שענערע הימלען פון לעבען און ענטוויק־לונג. די פאָלקס פּאָליטיק פון'ם פּראָלעטאריאט קאָן ניט זיין אזעלכע, וואָס זאָל אָנהאלטען דאָס אידישע פאָלק אויף דער אלטער שטופע פון זיין היס־טאָרישער ווערטלאָזינקייט, זיין פּאָליטישער הכנעה, זיין סאָציאלער געפאַ־לענקייט. די קאָנפערענץ, צו וועלכער די אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע רופט, איז די פאָרטזעצונג פון דער אלטער און אונווירדיגער שתדלנות־פּאָליטיק פון דעם געפאלענעם אידען. דער פאָלקס־קאָנגרעס אָבער איז דער ערשטער גרויסער פּרואוו ארויסצורופען א אידישע פאָלקס־פּאָליטיק אין איינקלאנג מיט דעם ניי ערוואכטען אידישען פאָלקס־גייסט, מיט אלע געבאָטען און האָפנונגען פון אונזער גרויסער צייט בכלל.

צו אלע אידישע ארבייטער פון אמעריקא *)

רעקלאראציאָן פון נאציאָנאל-סאָציאליסטישען אגיטאציאָנס קאָמיטעט.

אידישע ארבייטער!

ווי א פארוויסטענדער שטורם טראָגט זיך די וועלט־מלחמה איבער דעם אידישען פאָלק. הונדערט־טויזענדע פון אונזערע פאָלקס־קינדער שטעהען אויף די פארשידענע שלאכט־פעלדער און פארבלוטען אין קריג און ברודער־מאָרד. שאנדע, יאָמער און פארוויסטונג ברייננגט דער קריגס־שטורם אומעדום אין אידישען לעבען. ביז צום הימעל שרייט די נויט פון אונזער פאָלק אויף דער גאנצער ערד. א יאָמערטאל איז געוואָרען די אידישע גאס, שטעדט און שטעדטלעך ווערען חרוב און פארוויסט, הונדערטע קהלות פון צענדליגע און הונדערטע טויזענדער אידען ווערען געטריבען און פארטריבען, מיליאָנען פון שוצלאָזע און אונשולדיגע פרויען און קינדער זיינען געוואָרען הפקר. רעכט, געזעץ און מאָראל זיינען ענטשוויגען געוואָרען בנוגע צו אונזער פאָלק. א נייער חורבן איז געקומען אויף דעם אייביג־טראגישען אידישען פאָלק.

די קאטאסטראָפע האָט אונז געטראָפען אין אונזער גאנצער נאציאָנאלער אונמאכט. אונזער פאָלק איז אזוי ווי דער שטויב פון דער ערד, צוזייט און צוטיילט, אָהן אָרגאניזירטען רצון, אָהן פאָלקס־איינהייט. אונטער דונער און שטורעם מוזען מיר צוזאמענהעפטען אונזערע צופאלענע, צוריסענע פאָלקס־גלידער.

אין דעם אלגעמיינעם כאאָס זיינען אויפגעשוואומען אין אמעריקא פארשידענע פלענער און פארשלאגען וועגען אידישער הילף. די אלטע קאָנסערוואטיווע מנהיגים פון אידישען פאָלק, וועלכע פארלייקענען די אידישע נאציאָן און זיינען געגען זעלבסט־טעטיגקייט פון די פאָלקס־מאסען, געהען אויף דעם באקאנטען וועג פון שתדלנות און אידישען איינבעטען זיך. נידריגער ווי גראָז און שטילער ווי וואסער זאָלען אידען זיין! א שטילע קאָנפערענץ פון א קליינער צאָל פירער פון קערפערשאפטען איז דער פלאן פון דער אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע, א קאָנפערענץ אָהן פאָלקס־אגיטאציע, אָהן א פראָגראם, אָהן צושטימונג און קאָנטראָל פון פאָלקס־ווילען. אויסבעטען

*) דער דאָזיגער וויכטיגער דאָקומענט איז פארפאסט געוואָרען פון דר. נ. סירקין און איז דערנאָך רעדאגירט געוואָרען פון פנחס רוטענבערג, ב. באָראָכאָוו און קריטשמאר־יזראעלי.

מונג פון דער אידישער וואנדערונג אין אייגען לאנד צוליב פראָדוקטיווער ארבייט איז א לייזונג פון דעם פראָלעטארישען וואנדער־פראָבלעם. זי וועט אָפּשוואכען די קאָנקורענץ פאר ארבייטס־געלעגענהייטען אין אלע לענדער, וועט פארשטארקען די אידישע יוניאָנס, וועלכע ליידען פון דער אידישער כאָאטישער וואנדערונג. אין גלות ליידעט דער אידישער סאָציאליזם פון דעם געצוואונגענעם צוזאמענבונד פון פראָלעטאריאט און בורזשואזיע און פון דעם שטענדיגען איבערגאנג פון פראָלעטאריאט צו קליין־בורזשואזיע און מיטעל־קלאַס, וועט אין א אידיש לאנד דער קלאַסענבוי פון דער אידישע־געזעלשאפט אָננעמען זיין נאָרמאלען געשטאלט. בשעת אין דער גלות־סביבה ווערט די סאָציאליסטישע און רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פון אידישען פראָלעטאריאט כמעט בטל בששים און געשטערט אין איר אָנווענדונג, וועט זי געפינען אין אן אייגענער סאָציאל־פּאָליטישער סביבה איר פולען אויסדרוק דורך אינטענסיווען קלאַסען־קאמף, דורך ברייטע קאָאָפּעראטיווע זעלבסט־טעטיגקייט, דורך סאָציאל־פּאָליטישע שעפּפונג. אזוי ווי די אויפלעבונג פון דעם אידישען פאָלק אין אן אייגען לאנד וועט אויפהויבען דעם ווערט פון אלע אידען אין דער גאנצער וועלט, אזוי וועט אויך די ענטוויקלונג פון א שטארקער אידישער סאָציאליסטישער באוועגונג אין א פרייען אידישען לאנד געבען נייע קראפט און מוט דעם אידישען סאָציאליזם אין דער גאנצער וועלט.

אידישע ארבייטער! אין דיזער גרויסער היסטאָרישער שטונדע מוזען אָפּגערוקט ווערען אן א זייט אלע פארטיי־דיפערענצען און חשבונות. אלע פארשידענע שטרעמונגען און געגענזעצען, וועלכע האָבען אין רואיגערע צייטען פאנאנדערגעטיילט דעם אידישען פראָלעטאריאט, זיינען געווען בארעכטיגט היסטאָריש, ווארום יעדע פון זיי האָט זיך געשטיצט אויף א באזונדערע נויט פון אידישען פאָלקס־לעבען. יעצט שטעהען מיר אָבער אין א שטונדע פון מעשים און דער וועג פון טאט איז נאָר איינער. דער שיקזאל פון די אונטערדריקטע פעלקער האָט אָנגערירט דאָס געוויסען פון דער מענשהייט. פאר פולע רעכט פאר אידען אומעדום און ארץ ישראל אלס א היים פאר דעם אידישען פאָלק לאָזען זיך הערען די שטימען פון די פעלקער און זייערע גייסטיגע פירער. דער קאמף פון אלע אונטערדריקטע פעלקער פאר פרייהייט איז אויך דער שעת הכשר פאר אידען פאר זייער קאמף פאר גלייכבארעכטיגונג, און די ענדערונג פון דער וועלט־קארטע איז דער שעת הכשר פאר דער דערגרייכונג פון ארץ ישראל. דאָס אידישע פאָלק מוז יעצט זיין פאראייניגט צו טאט. די אידישע ארבייטער מוזען זיין אייניג צווישען זיך, כדי צו ווערען אייניג מיט דעם אידישען פאָלק.

דער קאָנגרעס וועט אָרגאניזירען דאָס אידישע פאָלק אין אמעריקא און אויסקלייבען די אידישע נאציאָנאלע פאָרשטייערשאפט, וועלכע וועט אין

אידישע ארבייטער! מער ווי אויף יעדען אנדערען קלאס פון אידישען פאָלק ליגט אויף דעם קלאסען־באוואוסטזיניגען פראָלעטאריאט דער חוב צו העלפען אָרגאניזירען די אידישע נאציאָן און צונויפרופען דעם אידישען פ אָ ל ק ס ק אָ נ ג ר ע ס אויף א ברייטען דעמאָקראטישען יסוד. די אידישע ארבייטער מוזען פארנעמען אין דיזער פאָלקס־באוועגונג דעם ערשטען פלאץ, דארפען אין איר אריינטראָגען זייער גייסט, זייער דעמאָקראטישען ערנסט, זייער אונרואינקייט, זייער רעוואָלוציאָנערען מוט, זייער וויטען פּאָליטישען בליק.

דער אידישער קאָנגרעס דארף פאָדערען פון דער וועלט די פרייהייט און דעם כבוד פון דער אידישער נאציאָן. די פולע פּאָליטישע און נאציאָנאלע גלייכבארעכטיגונג פאר אידען אין אלע לענדער איז דארום די ערשטע פאָדערונג פון דעם אידישען קאָנגרעס. רעכט און גערעכטיגקייט, דעמאָקראטיע און סאָציאליזם זיינען אינהאלטסלאָזע ווערטער, כל זמן זיי שליסען אין זיך ניט ארייַן די פאָדערונג פון פרייהייט און גלייכבארעכטיגונג פאר דעם ליידענדען אידישען פאָלק. מיר מוזען אָפּט און שטאָלץ אויפהויבען אונזער שטימע פאר אונזער עמאנציפאציע. ווען מיר אליין וועלען זיך ניט העלפען וועט קיינער אונז ניט העלפען. דער אינטערנאציאָנאלער סאָציאליזם וועט דיזע שטימע אונטערשטיצען, די דעמאָקראטיען פון דער וועלט וועלען זיך מיט איר רעכענען.

אויסער דער עמאנציפאציע פון אידען אין אלע לענדער דארף דער אידישער קאָנגרעס ארויסשטעלען די שווער־ערנסטע, היסטאָריש־גרויסע פאָדערונג פון א אידיש פּאָליטיש־זעלבסטשטענדיגער היים אין ארץ ישראל. אין קאמף פאר א פּאָליטיש זעלבסטשטענדיגען לאנד וועט דאָס אידישע פאָלק באקומען זיין העכסטען כבוד, זיין פולען אָנזעהן, זיין אמת׳ן ווערט אין דער וועלט. אין׳ם קאמף פאר באפרייאונג וועט אונזער פאָלק אויך קענען מיט פארדאָפּעלטען מוט פאָדערען פרייהייט און גלייכבארעכטיגונג אין דער גאנצער וועלט. די עמאנציפאציע פון אידען אין דער גאנצער וועלט און די גרינדונג פון א פּאָליטיש זעלבסטשטענדיגע היים פארטיפען דעם באגריף, באַרייכערען דעם מהות פון דער אידישער נאציאָן. דורך אן אייגענער היים ווערט ערשט מעגליך די פולע אָרגאניזירונג פון דעם אידישען פאָלק, די אמת׳ע אויסגלייכונג פון דער אידישער נאציאָן מיט אלע אנדערע נאציאָנען, די העכסטע דערהויבונג פון אונזער פאָלק צו עהרע, צו קולטור, צו לעבען.

אָבער די אידישע ארבייטער דארפען ניט נאָר אלס קינדער פון אידישען פאָלק וועלען א פּאָליטיש זעלבסטשטענדיגע היים, נאָר אויך אלס פראָלעטארישער קלאס אין דער גאנצער וועלט זיינען זיי פאראינטערעסירט אין דעם סאָציאל פּאָליטישען איבערבוי פון אידישען פאָלקס־לעבען. די אפשטרע־

פאָלקס־אײנהײט *)

אין היסטאָרישע ציטערנישען ווערט געשאפען די פאָלקס־אײנהײט. זי איז ווי א נייע געבורט, וועלכע קומט ארויס אין פיין און שרעקען פון טויט. זי איז דער נייער ווילען, וועלכער שטייגט אויף ווי א וואונדערבארער כח אין פאָלקס־לעבען, די נייע אידעע, וועלכע בליצט אויף, ווי א ליכטיגע ערקענטניס, אין זיין גייסט. אין שטורם פון צייט געפינט א פאָלק ווידער זיין פארלאָרענע אײנהײט, און זי איז שעפעריש און ערלייזענד, ווארום געהיימניספול און טראגיש.

עס פאראייניגט א פאלק די שפּראך און איר ליבפולער היימישער קלאַנג, וועלכער קומט פון פאָלקס־הארץ. עס פאראייניגט א פאָלק דעם דיכטער׳ס ליד, וועלכעס באזינגט זיין ערד און הימעל, זיין נויט און פיין, זיין לעבען און ליבע, און שפינט און וועבט דעם גייסטיגען בונד פון פאָלק. עס פאראייניגט א פאָלק דעם דיינקער׳ס אידעע, וועלכע טראָגט אריין שכל אין דער נאטור און באשאפט הארמאָני אין די ערשיינונגען פון דער וועלט. עס פאראייניגט א פאָלק דעם נביא׳ס רוף, וועלכער צינדט אָן מיט זיין וואָרט די מענשען־הערצער און עפענט נייע הימלען פון לעבען. אָבער די לעבעדיגע אײנהײט פון א פאָלק ווערט געשמיט דורך דעם פייער פון דער צייט און ווערט פעסט און הארט אין שטורם פון געשיכטע. אין געמיינזאמע שוץ און קאַמף, אין געצוואונגענער און פרייער טאט הויבט זיך אויף א פאָלק צו אײנהײט און גבורה. דער בונד פון זיין אײנהײט ווערט געצייכענט מיט זיין בלוט, וועלכעס קען מער ניט אָפּגעמעקט ווערען און אָפּגעוואשט ווערען ביז צום סוף פון די דורות. בדמיך חיי! ערשט ווען דער לעבענס־דראַנג איז גובר דעם טויט און דעם טויט־שרעק, קומט די נייע געבורט!

און ניט נאָר אלע פאנאנדערגעפאלענע און אָפּגעפאלענע גלידער פון א פאָלק באהעפטען זיך צו אײנהײט אין היסטאָרישע שטורם־צייטען, נאָר אלע זיינע גייסטיגע און מאָראלישע כחות, וועלכע ליגען פארבאָרגען אין די טיפּענישען פון זיין נשמה, טרעטען ארויס אומערוואַרטעט און איבערראַשענד פאר דעם פאָלק גופא. יאָ, אלע דורות פון דער פארגאנגענהייט פארדיכטען זיך צו איין העלדענהאפטען צייט־מאָמענט. אלע בילדער און געשטאלטען פון דעם עבר דערגענצען זיך און דערהויבען זיך צו איין צוזאמענ־

*) פון ערשטען נומער „אידישער קאָנגרעס“ (אויגוסט 6טען, 1915), אויסגאַבע פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישען אַגיטאַציאָנס קאָמיטעט.

פארבינדונג מיט אידישע פארטרעטער פון אלע לענדער דורכפירען די באַ־שלוסען און דירעקטיווען פון דעם אָרגאַניזירטען פאָלק. צום ערשטען מאָל וועלען ריידען און האנדלען אין נאָמען פון אידישען פאָלק זיינע אמת׳ע אויס־געקליבענע און פאראנטוואָרטליכע פארטרעטער. די אידישע פארטרעטער־שאפט וועט ביי די קומענדע פרידענס פארהאנדלונגען ברייננען צום אויסדרוק די פאָדערונגען פון דעם אידישען פאָלק, און וועט רופען צו דעם געוויסען פון דער אלוועלטליכער דעמאָקראטיע. אויף דעם אינטערנאציאָנאלען סאָציא־ליסטישען קאָנגרעס וועט די פארטרעטערשאפט פון דעם אידישען פראָלע־טאריאט לאָזען דערהערען די שטימע פון דעם אָרגאַניזירטען אידישען פאָלק פאר דער וועלט־רעפּובליק פון די ארבייטער.

אידישע ארבייטער! אונז שטעהט פאָר א גרויסע היסטאָרישע ארבייט. שוין אין דעם קאמף אליין פאר אונזער באפרייאונג וועט אויפוואכען אונזער פאָלק אינווייניג און באקומען קראפט און מוט פאר זיין ווייטערען וועג צום ציל.

דער נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער אגיטאַציאָנס קאָמיטעט פאר א אידישען קאָנגרעס רופט דאריבער צו אייך אין נאָמען פון אונזערע נאציאָ־נאַלע נויטען און קלאסען־אינטערעסען זיך אָנצושליסען אָן דעם אלגעמיינעם אידישען קאָנגרעס. זאָל אויף דער קומענדער נאַציאָנאַלער ארבייטער קאָנווענשאָן דער פאָלקס-קאָנגרעס מיט זיינע פאָדערונגען ווערען דער באשלוס פון דעם אידישען פּראָלעטאריאט.

דער כבוד און דער קיום פון דעם אידישען פאָלק שטעהען אין געפאר, און דאָס אידישע פאָלק איז קודם כל דאָס ארבייטענדע פאָלק. אזוי ווי דער חוב פון דעם פּראָלעטאריאט איז פאנאנדערצוטיילען דאָס פאָלק און עס איבער־אנדערשען דורך קלאסען־קאמף, אזוי איז אויך זיין חוב צו פאראייניגען דאָס פאָלק, ווען דער יסוד פון זיין קיום ווערט ערשיטערט. ראטעווען און דער־הויבען דעם אידישען המון, דאָס אידישע ארבייטענדע און ליידענדע פאָלק. די עהרע און די עקזיסטענץ פון אונז אלעמען שטעהט אין קאָן. לאָמיר זיך אלע ווי איין מאן אָנשליסען אָן דער פאָלקס־באוועגונג פאר א אידישען פאָלקס קאָנגרעס. מיר פארלירען גאָרנישט אלס קלאס, מיר געווינען אלעס אלס קלאס און פאָלק.

אידישע ארבייטער! מיר טראָגען פאר דעם בית-דין פון דער געשיכטע די פאראנטוואָרטליכקייט פאר אונזער פאָלק און זיין שיקזאל. לאָמיר די דאָזיגע פאראנטוואָרטליכקייט באגעגנען מיט דעם נויטיגען ערנסט און דער נויטיגער פארשטענדניס!

נאַציאָנאַל-סאָציאַליסטישער אגיטאַציאָנס קאָמיטעט.

ראָבעספיער און דאַנטאָן. און יעצט, אין דעם שטורם פון דער געשיכטע, אין דעם הרת עולם פון דער מענשהייט, דערהויבען זיך פעלקער צו איינהייט און העראָאישען רצון אין קאמף פאר לעבען און טויט. אין דיזער מיט שרעקען אָנגעפילטער צייט בשעת עס ווערען צושטערט ווינקעלשטיינער פון קולטור, שפינען זיך א נייער רצון און א נייער לעבענס־באַגער און א נייע האָפנונג ביי די פארבלוטיגטע פעלקער, וועלכע שטייען פאר דעם ריכטער־שטול פון דער געהיימניספולער צוקונפט.

הערט, עס שלאָגט אויך יעצט די פורכטבארע האלב־נאכט־שטונדע פאר ישראל סבא, פאר דעם אייביגען איד! ער שטעהט יעצט ביי דעם ברעג פון אפגרונד, וועלכער קאָן אויך ווערען זיין היסטאָרישער שיידוועג. אָדער ער קאָן געפינען זיין פארלאָרענע, אָבער שלומערנדע פאָלקס־איינהייט, אָדער די לעצטע פעדים פון זיין פאָלקס־באהעפטונג וועלען איינזאם צוריסען ווערען. היולד גוי פעם אחת? קאָן א פאָלק פלוצלונג אין איין טאָג געבאָרען ווערען? האָט זיך געוואונדערט דער נביא פון אמאָל. און די געשיכטע ענטפערט מיט דונערנדע ווארנונג: א פאָלק מוז זיך אָננעמען גבורה אין צייטען פון נויט און געפינען זיין זעלבסט. דאָס איז דער היסטאָרישער גע־באָט פאר דאָס אידישע פאָלק יעצט: עס מוז וועלען זיין איינהייט!

דאָס פאראייניגטע אידישע פאָלק וועט אויפ'ס־ניי באשאפען זיין היסטאָ־רישען ווערט און וועזען. אין דיזער פאָלקס־איינהייט וועלען ניט אליין די פאנאנדערגעפאלענע פאָלקס־אברים געפינען זייער היילונג און שטאַרקונג. אלע דורות פון דעם עבר, מיט זייער מארטירערטום און טראגישע בייגקשאפט, לעבען ווידער אויף אין דער פאָלקס־איינהייט, און עס באקומט א זין זייער לעבען און ליידען. אלע געפאלענע און געשעכטעטע און געפאנגענע פון דעם אידישען מארטירער־פאָלק אין לויף פון יאָרטויזענטער, פון די עשרה הרוגי מלכות ביז צו דער לעצטער סאמאָאבאָראָנע, אלע הרוגים און קדושים לעבען ווידער אויף אין דעם דערוואכטען פאראייניגטען פאָלקס־באוואוסט־זיין. די אידישע געשיכטע הערט אויף צו זיין א קייט פון בלוטיגע זינלאָזע עפיזאָדען, נאָר זי שטייגט אויף צו טראגישער איינהייט און גרויסקייט. עס ליגט א טיפזיניגער געדאנק אין דער מיסטישער משיח־אידעע, וועלכע פאר־בינט דאָס קומען פון משיח מיט תחית המתים. האָט זיך א פאָלק אויפגע־הויבען און דערקאָנט און דערפילט אלס אן איינהייטליכעס פאָלק, האָט עס ניט נאָר אויפגעלעבט פאר דער צוקונפט, נאָר אויך זיין פארגאנגענהייט איז ווידער אויפגעלעבט געוואָרען תחית המתים. ווי זינגט דאָס איטאליענישע גאַריבאלדי־ליד: עס עפענען זיך די קברים און די מתים שטייען אויף.

אין דער וואונדערבארער פארווירקליכונג פון דער געשיכטע קאָן אמאָל ריזע פאָלקס־איינהייט זיין א היסטאָרישער טעות און אומגליק, און איר

היינגענדער היסטאָרישער דראמא. אלע געשעהענישען און איבערלעבונגען פון אמאָל ווערען פאראייניגט און פארבונדען צו איין גרויסען נאציאָנאלען עפּאָס, וואָס זיין אָנהויב ליגט אין דער אורגעשיכטע פון פאָלק און זיין סוף ווינקט צו אונז פון דער ענדליך־אומענדליכער צוקונפט פון פאָלק. דער פאָלקס־גייסט און דער פאָלקס־ווילען לעבען איבער נאָך אמאָל מיט העכסטער קראפט די פארגאנגענהייט, צויבערן ארויף נבואה׳דיג די צוקונפט און פאר־איינינען זיי אין דעם הערהאישען מאָמענט פון דער געגענווארט.

דיזע גרויסע צייטען, אין וועלכע עס שמיט זיך די די פאָלקס־איינהייט, ווערען ניט אָפּגעמעקט מער פון דעם ספר הזכרונות פון דער געשיכטע. ווייל זיי זיינען מאָמענטען פון שאפונג, פון היסטאָרישער יצירה. זיי זיינען די העלדענהאפטע בילדער אין דער פאָלקס־געשיכטע, פון וועלכע דאָס פאָלק שאפט שטענדיגען מוט און באנייטען כח. זיי זיינען דער שפרודלענדער לעבענס־ברונען, פון וועלכען די פאָלקס־פאנטאזיע טרינקט איילענדעס וואסער אין דעם וויסטען מדבר פון צייט. פון דיזע צייטען ווערען געשאפען לעגענ־דען און ווערען וואונדער דערצעהלט. ווארום א נייס איז געבאָרען געוואָרען אין דער געשיכטע מיט ציטערניש און פיין פון טויט: שעפּפערישער פאר־איינינטער פאָלקס־ווילען.

אין דער געשיכטע פון יעדען פאָלק זיינען אָט דיזע מאָמענטען פון זיין העכסטער איינהייט און העכסטער ווילענס־אָנשטריינגונג די דערהויבענדע קאַ־פּיטלען. און דיזע קאפּיטלען זיינען אויך געוואָרען די ליכטיגסטע בלעטער פון דער אלמענשליכער געשיכטע בכלל. דאָס אמאָליגע גריכענלאנד האָט איבערגעלעבט אזא גרויסע הערהאישע צייט, ווען עס איז געשטאנען פאר־איינינגט און ווידער אויפגעלעבט אין אומגלייכען קריג געגען פערסיען און די אזיאַטישע מחנות. ערשט נאָך דיזער גרויסער פאָלקס־אָנשטריינגונג האָט דער גריכישער געניוס דערגרייכט זיין העכסטע פאנאנדערבליאונג אין קונסט און געדאנקען. אין די צייטען פון זיין מלחמה געגען אשור און בבל האָט זיך דאָס אמאָליגע אידישע פאָלק פאראייניגט און דערהויבען צו דער גרעס־טער גבורה, און פון יענער צייט קלינגט אין אלע דורות פון דער מענשהייט די נבואה און די אידעע פון דעם סאציאל־רעוואָלוציאָנערען אידענטום. אין דער מאָדערנער צייט, האָט דאָס פאראייניגטע פראנקרייך אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציאָן און די מאָנארכישע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע מלחמות געגעבען דאָס ביישפּיל פון פאָלקס־איינהייט און העלדישקייט, וועל־כעס האָט געהאַט א באפרייענדע ווירקונג אויף דער גאנצער וועלט. דאָס איי־ניגע און אומצוטיילבארע פראנקרייך, וועלכעס איז אויפגעוואקסען און אויפ־געהאלטען געוואָרען אין רעוואָלוציאָנערען שטורם־קאמף, האָט דאמאָלס גע־בראַכט דער גאנצער מענשהייט די נביאישע בשורה פון זשאן זשאק רוסא,

העסטער סטריט און וואָל סטריט *)

(געדאנקען אין דער הויך)

אלזא, מיר האָבען אלץ פארגעסען און גארנישט געלערענט. מיט בלוט איז פארגאָסען די אידישע גאַס, און אין פייער און שטורם איז אויפגעטראָטען די אידישע פראגע און שרייט נאָך איר לייזונג. אָבער אויף דער אידישער גאס האָט זיך חלילה גאָרנישט געענדערט. דיזעלביגע חקירות, דיזעלביגע פניות, דערזעלביגער הפקר, דיזעלביגע געפילען, דיזעלביגע אמביציעס. יעדערער איז זיך געבליבען אויף זיין אלטער פּאָזיציע, אין זיין אלטער פארגליווערטער גרימאסע און דער אַלטער ציניזשער געלעכטער׳ל שפּילט זיך ווייטער חנ׳עוודיג אויף די ליפּען. אזוי ווי מען וואָלט זיך נאָך נערייצט, אנו, פּרובט אונז אקארשט איבערמאכען, ארויסשלעפּען פון אונזער בלאָטע? איי, זיינען מיר דאָס אן עם חכם ונבון. איין בהמה שעכט מען און די אנדערע בהמה קייעט זיך היי.

באזונדערס האָבען זיך אויפגעהאלטען אין זייער גאנצער גרויסקייט און העלדישקייט דער יאהודי פון וואָל־סטריט און אונזער אלטער באקאנטער משה ראדיקאלעכץ פון העסטער סטריט, דער עם־הארץ פון דער אידישער גאַס. דאָס איז אן אלטע צווילינג־פּאָר, מיט דעמזעלביגען נאָז, מיט דעמזעלביגען קרומען רוקען, מיט דעם נאָך קרימערען שכל, מיט דעמזעלביגען חלל, אין וועלכען עס טאלאבענדעט זיך א נשמה. געוויינליך בלאָזען זיי זיך אביסעל פון לייטען וועגען איינער אויף דעם אנדערען, אָבער באמת זיינען זיי איין גוף, איין נשמה, איין ווילען, איין געפיל, איין לעבען, איין קלאַס און איין נאציע. נאָר א מזל האָבען זיי געהאט נעבאך א פארשידענעם. און אז עס איז געקומען אן עת צרה אויף אידען, געהען זיי שליסען צווישען זיך אן אָפּענעם בונד, ניט אזוי, פארשטעהט זיך, ווי אויפהויבען דאָס געפאלענע אידישע פאָלק, נאָר כדי ניט צו דערלאָזען אז דאָס געפאלענע אידישע פאָלק זאָל זיך אויפהויבען. משה ראדיקאלעכץ פון העסטער סטריט און דער יאהודי פון וואָל סטריט זיינען פּראַקטיש, האָבען פיינט אידעאלען,

---

*) דער דאָזיגער פעליעטאָן איז ערשינען אין דער צייט פון די ויכוחים אין אידישען ארבייטער לאגער ארום דער פראגע צי זאָלען די אידישע ארבייטער זיך באטייליגען אין דעם אידישען קאָנגרעס. די דאָזיגע פּאָלעמישע שריפט איז אין דעם סאַטירישען טאָן, וועלכער איז געווען כאַראַקטעריסטיש פון דר. סירקינ׳ס צאָלרייכע פעליעטאָנען געצייכענט מיט די פּסעוודאָנימען „אני הגבר" און „איקס".

באנגער קאָן זיין ניט די דערהויבונג פון דעם פאָלק, נאָר דער עגאָאיזם פון א קלאַס, וועלכער פארשטעלט זיך אלס פאָלק און פאָטערלאנד. געגען דיזען טעות און פארברעכען פון דער געשיכטע האָט דער נביא פון דעם קלאַסען־קאמף, קארל מארקס, געווארנט מיט דעם אויסרוף: דער פראָלעטאריאט האָט ניט קיין פאטערלאנד! נאָר יענע פאָלקס־איינהייט איז די אמת'ע פאָלקס־איינהייט, אין וועלכער דאָס פאָלק גיסט זיך צונויף אין זיין היס־טאָרישען רצון, אין זיין קולטור־אידעע, אין זיין מאָראלישען באוואוסטזיין מיט די אידעען, געפילען און האָפנונגען, וועלכע ראנגלען זיך און זוכען זייער סאָציאלען אויסגוס אין די טיפענישען פון די דערנידעריגטע און שווער־באלאָדענע קלאַסען.

אין אונזער אידישער פאָלקס־איינהייט דערהויבט זיך צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פון גלות דאָס ארבייטענדע, פארוואָגעלטע און פאראומער־טע אידישע פאָלק, דער אידישער המון. ער איז דאָס אידישע פאָלק, וואָס די ערד איז אים געוואָרען יעצט איינג און דער הימעל שווער. ער זאָל זיך יעצט אויפהויבען פון זיין געפאלענקייט, זיך זעלבסט דערקענען, דעם צער מיט זיך זעלבסט דערפילען, און אָננעמען זיך די גבורה פון א פאָלק. און ארום אים און צוליב אים זאָל זיך אויפבויען די אידישע פאָלקס־איינהייט, און עס זאָל באשאפען ווערען דאָס ווילענדע און קעמפענדע אידישע פאָלק, און עס זאָל געפונען ווערען איר נייער היסטאָרישער וועג!

סטריט, און וואָס דאַרף וואָל סטריט זיין אָנגעשטויסען אויף העסטער סטריט? וואָלט טאַקע דער אידישער קאַפּיטאַל געלעבט פון דער אידישער ארבייט, און עס וואָלטען געווען, למשל, אידישע מיינס מיט אידישע מיינערס, אידישע אייזענבאַנען מיט אידישע אייזענבאַן־ארבייטער, אידישע מעטאַל־פאַבריקען מיט אידישע מעטאַל-ארבייטער, וואָלט צווישען וואָל סטריט און העסטער סטריט געקענט ארויסקומען א שטיקעל סכסוך, און אמאָל וואָלטען אין אזא סכסוך געבליצט שווערדען און געפלויגען קוילען, און העסטער סטריט וואָלט געקריצט מיט די ציין, און ביי וואָל סטריט וואָלטען זיך אָנגע־לאָפען די אויגען מיט בלוט. צווישען אידישען קאַפּיטאַל און אידישער ארבייט וואָלט טאַקע געווען א שטאַרקער פאַריבעל, און דער פאַריבעל וואָלט געשריען גוואלד ביז אין הימעל אריין, און די ערד וואָלט געברענט און חרוב געוואָרען...

דער אידישער קאַפּיטאַל שטאַמט אָבער נישט חלילה פון דער אידישער ארבייט. הידים ידי עשו, טייטשט טביה דער מילכיגער, עשו'קעס הענט זיינען געבענטשטע, זיי באַשאַפען גוי'שען קאַפּיטאַל און באַשאַפען אויך אידישען קאַפּיטאַל. דער אידישער קאַפּיטאַל נעמט זיך פון אמעריקאַנער פּראַצע, פון ענגלישער, דייטשער, פראַנצויזישער, רוסישער, טערקישער, אזיאַטישער, אפריקאַנישער, אויסטראַלישער ארבייט, קראָמיע יעוורעיעוו, העסטער סטריט האָט אין דעם קיין חלק ניט. קנעטען ליים און ברענען ציגעל איז אפילו פּאַרצייטען אין מצרים ניט געווען קיין אידישע ביזנעס, און בשעת פּרעה האָט געוואָלט אידען פּראָלעטאַריזירען, האָבען זיי אים אָבגעענטפערט מיט צען מכות, האָבען אָנגעליען גאָלדענע און זילבערנע חפצים, און זיינען ניט געבליבען בחצי הלילה.

וואָס אידישע קעפּ פאַרמאָגען יא, איז מאַכען א פּירוש אויפ'ן קאַפּיטאַל, אויף דעם זיינען אידען געבאָרענע בריות. אידען מאַכען די חקירה אויפ'ן קאַפּיטאַל, באַווייזען וואָס איז אזוינס ווערט, מער ווערט, ארבייט, צינז, רענט, ווי עס קאָכט זיך און רודערט זיך דער קאַפּיטאַליסטישער יאַריד, ביז ער ווערט אריינפאָרען מיט גרויס הארמידער אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דאָס איז אָבער געוואָרען מכח איידעלע אידען, מכח אידען־פילאָזאָפען, אידען־רעוואָלוציאָנערען, און בכלל איז דאָס אביסעל פון אן אנדער סדרה.

הקצור, מיום שחרב בית המקדש, און דער אויבערשטער האָט אוועק־געגעבען די פּרנסה דעם גוי, לעבט זיך דער אידישער וואָל־סטריט־קאַפּיטאַל פון דער גוי'שער ארבייט. פון העסטער סטריט, להבדיל, האָט ער נאָך ניט קאָלעקטעט קיין סענט. און כל זמן העסטער סטריט טשעפּעט ניט אונזערע ברידער פון וואָל סטריט, זיצט זיך די אידישע וואָל סטריט נאָך אביסעל בשלום ושלוה פון גוי'שען קלאַסען־קאַמף און סתם קנאה־שנאה.

זוכענישען, קאָפּדרייענישען. דאָרט איז גוט, וואו מען מאכט א דאָלאר, זיי דרייען נעבאך על פּי אונס די אידישע קאטערינקע, האָבען האָלט אידישע פיש, און האָבען מורא פאר גוי'אישע באָמס. אָבער דער באגער פון זייער נשמה איז ווי פּטור צו ווערען פון דער אידישער טאָרבע און ניט חלילה אויפצוהויבען זיך און אויסגלייכען דעם רוקען.

און אָט געהט דער עם־הארץ פון העסטער סטריט צו שליסען א בונד מיט דעם יאהודי פון וואָל סטריט. ביידע קלייבען זיך צו א קאָנפערענץ וועגען דער אידישער לאגע. פּאָרט א שטיקעל רחמנות אויף אייגען בלוט, און ניט אזוי דער צער אויף אידען, נאָר דער שרעק, טאָמער חלילה וועלען זיך אידען אָננעמען צופיל העזה און מוט און זיך אויפהויבען פון זייער שטויב. די קאָנפערענץ וועט עס אביסעל באוואָרענען. א ביין וועלען מיר זיי צוואוואָרפען, אָבער דאָס הינטישע לעבען זאָל חלילה ניט אויפהערען.

די פרידענס־פּארהאנדלונגען ווערען געפירט דערוויל נאָך אביסעלע שעמעוודיג, באהאַלטענערהייט, פּאָרט עפּעס, ווי יענער זאָגט, קאפּיטאל און ארבייט, אָבער די פרידענס־קאשע קאָכט זיך שוין אין דעם טאָפּ פון די פּאָ־ליטישענס. און באלד וועט מען זי דערלאנגען אויף די טישען און מזכה זיין מיט איר כלל־ישראל. דער פּראָלעטארישער פּארזאָרגער פון העסטער סטריט און דער אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע פון וואָל סטריט וועלען זיך ווי ברידער פּאלען איינער דעם אנדערען אין די אָרעמס, און באלד וועט דער זיסער אָפּ־קלאנג פון זייער קוש זיך דערהערען אין די חצרות מלכים, אין די הויכע פענסטער, און עס וועט קומען די ישועה אויף אידען, „ראוונאָפּראוויע" אין דער גאנצער וועלט. פּאָרט זיך אידעלאך און האנדעלט און וואנדעלט אומע־טום און לעבט זיך אייך בשלום ושלוה מיט'ן גוי, און ניט אזוי מ י ט ' ן גוי, ווי פ ו ן גוי, איי גוט!

דער שלום צווישען אונזער העסטער סט. און די יאהודים פון אמעריקאן דזשואיש קאָמיטע, אָט דער ישקני פון העסטער סטריט און וואָל סטריט, נעמט זיך פון א גאנצער שטיקעל סאָציאָלאָגיע. אתה מאסתנו, דער גרויזא־מער גאָט פון דער געשיכטע האָט געשטראָפט דאָס פאָלק ישראל מיט דער העכסטער שטראָף. עס קען אפילו ניט פירען קיין קלאסען־קאמף צווישען זיך, ווארום עס איז אייגענטליך זיך ניט מפרנס איין קלאָס אידען פון אן אנדער קלאס אידען, נאָר פארשידענע קלאסען אידען פון דעם א י י ן קלאָס גוי. און עס שטעהען נישט אין קאמף די אידישע העסטער סטריט מיט דער אידישער וואָל סטריט, נאָר זיי זיינען אויסגעבונדען און אויסגע־קניפּעלט צווישען זיך מיט טויזענד פעדים, און דעם פּלאָנטער דארף מען זוכען אין דער גרויסער פיינדליכער גוי'שער וועלט.

וואָס, באמת, דארף העסטער סטריט זיין אָנגעשטויסען אויף וואָל

ארום אין דער אידישער וואָל סטריט און הויבט אָן צו מורמלען. ער נעמט אמאָל גאָר די אידישע מיליאָנערען ביי באָרד און פאות, און טוט א פרעג: דזשענטעלמען! זאָגען זאָגט איר, דאָס איר זייט א פארפאָלגטע אומה, און א טאָג לעבט איר ווי א הערשענדער קלאַס? דאמאָלט מאכט וואָל סטריט א קבצנישע צורה און ווייזט אויף העסטער סטריט: „זעהט, גוים, וויפיל אָרימע לייט מיר פארמאָגען נעביך!" הייננט כמה מעלות טובות, וואָס פאר א גוטע און שיינע מעלות מיר באזיצען, וואָס פאר אן אָרט מיר פארנעמען אין דער פּראָדוקציע! ווען ניט אונזער העסטער סטריט, וואָלט דאָך גאַנץ אמעריקא במחילה ארומגעגאנגען אָהן תחתונים. הייננט ספּענסער און דארווין זיינען מיר דאָך קלאָר אויף אויסוויינינג. גוואלד, פּאָגראָם, הומאניטעט, מענשען־רעכט, אמעריקאנער קאָנסטיטושאן. און גוים לאָזען זיך א ווײַלע אָפּשפּרעכען עין־הרע, דרעהען נאָר מיט די פּלייצעס און קוקען פארגאפט און פארוואונדערט, וואָס באדייט בכלל דאָס מין רעטענעש אין דער וועלט?

אז העסטער סטריט דרעהט די קאטערינקע און העלפט אוים וואָל סטריט פון פארלעגענהייט, לאָזט זיך וואָל סטריט געוויינליך קאָסטען א פּאָר סענט. לחם אביונים, הכנסת כלה, גמילת חסד, האָספּיטאלס, תלמוד־תורה'ס, כל המינים עדיוקיישאן פון העסטער סטריט לאָזען זיך אוים צו וואָל סטריט. א חוץ וואָס עס איז איינען בלוט, נויטיגט זיך טאקע וואָל סטריט אין אידי־שע קבצנים. כן ירבו, וואָס מער קבצנים עס זיינען פאראן אין העסטער סטריט, אלץ זיכערער איז וואָל סטריט. הייננט איז זיך וואָל סטריט אביסעל „ביזי" אידעאליסטיש אין העסטער סטריט.

על כל צרה שלא תבא, וואָס פאר א צרה עס זאָל ניט פּאסירען אין העסטער סטריט, רינגט מען אָב גלייך דעם טעלעפאָן אין וואָל סטריט. טרעפט זיך א סטרייק, איז וואָל סטריט דער ארביטרייטאר און שלום מאכער. טרייבט מען די פּושקארט־פּעדלערס, לויפט מען אין וואָל סטריט, זיי זאָלען געבען דעם פּאָליס קאָמישיאָנער א גלעט אין פּלייצע. זאָגט מען א בייז וואָרט אויף כלל ישראל, האָט מען גלייך א צד אין וואָל סטריט. הכלל העסטער סטריט און וואָל סטריט לעבען זיך פון שטענדיג אָן אין שלום און נחת איינע מיט דער אנדערער, ווארום אז עס איז ניטאָ חלילה פאר וואָס זיך צו דערלאַנגען פּעטש, זאָגט מען זיך גוט־שבת.

אמת, א שטיקעל פאריבעל איז יא פאראן אין העסטער סטריט אויף וואָל סטריט; און דאָס איז מכח אידישקייט. רבנים, חזנים, כלי קדש, פרומע אידען, זיינען אביסעל אָנגעשטויסען אויף די אידישע מיליאָנערען פון וואָל סטריט. צדקה גיבען זיי טאָקע, פאר אידען נעמען זיי זיך אָן טאקע, אָבער פארשייט איז מען שוין צופּיל. ניטאָ קיין בשר כשר, מקוה כשרה, קיין תלמוד תורה, מען דאווענט רעפאָרם אָהן היטלען, א פארדרום! פאר וואָס

פון אידען וואָלט מען טאקע ניט געקענט אויסהאלטען, אָבער ביז וואנען א גוי וועט א דרעה טאָן מיט'ן קאָפּ, און וועט זיך כאפּען אז דאָס איז אי קאפּיטאל, אי גאָר אידישער קאפּיטאל, ביז וואנען דער גוי וועט בודק זיין דעם קאפּיטאל נאָך זיין נאציאָנאלען קאָליר, קען מען זיך שטילערהייט אקומילירען, און אקומילירען, און אקומילירען. אבי העסטער סטריט זאָל ניט אויסזאָגען פון חדר.

העסטער סטריט האָט זיך אָבער אייגענטליך קיינמאָל ניט אָנגעקערט אָן וואָל סטריט, ווארום זי האָט אירע אייגענע צרות. העסטער סטריט האָט אויך קאפּיטאל און ארבייט, בורזשואזיע און פּראָלעטאריאט. קלאסען־קנאה און קלאסען־שנאה און קלאסען־קאמף. יא, דאָ טאקע איז דאָס קלאסישע לאנד פון קלאסען־קאמף. אין העסטער סטריט זיינען קאפּיטאל און ארבייט ניט נאָר גלייכע מיוחסים, נאָר לייבליכע ברידער. דערפאר איז טאקע די שנאה אזוי שארף. פארוואָס זאָל טאקע משה, דער אמאָליגער אפּרייטאר, זיין איצטער א מאנופעקטשורער און האָבען געלד און גאוה און יונגאטשע־סטווע און טראָגען צירונג, און טרינקען בלוט, און די לאנדסלייט זאָלען האָבען צרות און שווארץ יאָרען און קלאסען-באוואוסטזיין? אין העסטער סטריט איז דערפאר דער קריגס־געשריי: — אָדער איך ווער אליין א מאנו־פעקטשורער, קויף א סאָדא־סטענד, ווער א קאָסטומער־פּעדלער, אָדער איך ברייננ אראָב די סאָציאַלע רעוואָלוציע. גוואלד, מיין מערוווערט, מיין רענט, מיין פּראָפיט, מיין צינז, מיין פארדונקעלטער פּראָלעטארישער באוואוסטזיין, שרייט משה דער איצטיגער אפּרייטאר.

אויף דיין קארל מארקס'ן געהאָרעוועט, נעכט ניט געשלאָפען, הערינג געגעסען, א פּלעי ניט געזעהן — שרייט אָב צוריק משה דער מאנופעקטשו־רער. האוחז ביד! ווער עס האָט זיך ארויפגעארבייט, פאר דעם איז שוין היינט געקומען דער סאָציאַליזם אויף דער וועלט!

אָבער ער איז אומרואיג, רעוואָלוציאָנער, שטורמדיג, דער אפּרייטאָר פון העסטער סטריט, עבד כי ימלוך, א איד וויל ביי דעם אנדערען איד ניט זיין אין גלות.

פארקערט איז צווישען העסטער סטריט און וואָל סטריט פון שטענדיג אָן געוועזען א שטילע, באהאלטענע, כמעט ווי אידילישע פריינטשאפט. ווארום אז וואָל סטריט ציט ניט קיין חיונה פון העסטער סטריט, איז ניטאָ קיין גרונט איינער אויף דעם אנדערען פאריבעל צו האָבען. אז סאָציאַל איז מען חלילה ניט צוריסען, און נאציאָנאַל איז מען נאָך שטיקלאך מחותנים, איז ניטא טאקע פאר וואָס קלאסען־קעמפעווען. פארקערט, העסטער סטריט און וואָל סטריט האָבען זיך שטענדיג גאָר אביסעל אויסגעהאָלפען.

דער גוי, דער עם הדומה לחמור, כאפּט זיך דאָך אמאָל אויף, זעהט זיך

זיך זיי אויסגעדרוכט, דאָס זיי פּאָרטרעטען צוויי פּרינציפּען אין דער וועלט, ארבייט און קאַפּיטאַל, די נייע וועלט און די אלטע וועלט, סאָציאַליזם און רעאקציע. אָבער דאָס איז געווען נאָך אין די ערשטע יאָרען. ווען משה איז נאָך ניט געווען משה, נאָר איז געווען א גרינער, אקאַרשט אריבערגעקומען, און איז נאָך געשטאַנען אונטער דער השפעה פון סאָציאַליזם. אויך איז דער יאהודי פון וואָל סטריט געווען אמאָל נאָך אביסעל תמ׳עוואַטע. האָט געמיינט, דאָס מען געהט שוין טאַקי אָפּנעמען זיין פּראָפּערטי און צוטיילען צווישען די שנאָרערס. דאַמאָלט האָט ער געציטערט פאַר׳ן סאָציאַליזם, און בפרט נאָך פאַר׳ן אידישען סאָציאַליזם, וועלכער איז דאָך א גרויסער חלול־השם און רופט שטענדיג ארויס די סכנה: מה יאמרו הגוים?

אין לויף פון דער צייט האָט אָבער דער יאהודי פון וואָל סטריט אויפגעהערט צו זיין תמ׳עוואַטע, און דער גרינער סאָציאַליסט איז געוואָרען גאָר אנאנדער מין בריה, משה ראַדיקאַלעבץ פון העסטער סטריט. און אָט האָבען זיך דער יאהודי און דער עם־הארץ אָנגעהויבען בעסער געגענזייטיג צו דערקענען, האָבען גענומען געבען איינער דעם אנדערען די האַנט און שליסען צווישען זיך א בונד. דער יאהודי און משה ראַדיקאַלעבץ האָבען דערפילט, דאָס סאָציאַליזם טיילט זיי אפשר פאַנאַנדער, אָבער אידישקייט בינדט זיי ביידע צונויף. אין דער אידישער פראַגע האָבען זיי זיך דערקענט פאַר אמת׳ע בונדעסגענאָסען און מחותנים. זיי האָבען אין זיך ענטדעקט דעמזעלביגען גוף און דיזעלביגע נשמה, דערפילט דיזעלביגע פּחדנות, דיזעלביגע אידישע געפאַלענקייט, דעם גלייכען מה־יפית־אינסטינקט און דעם גלייכען גלות־געפיל. איי וואָס איינער האָט מיליאָנען, און דער אנדערער האָט צרות, דאָס איז שוין א גאָט־זאַך, א מזל, און אלע אידען פאַרהאָפען געוויינליך צו איין טאָטען אין הימעל.

די צוויי נייע מחותנים, משה ראַדיקאַלעבץ פון העסטער סטריט און דער יאהודי פון וואָל סטריט האָבען ביידע אָנגעהויבען ארומטרימען און רעפאָרמירען אידישקייט אויף דעם גלייכען אופן. פון אידישען נאַציאָנאַליזם זיינען זיי ביידע געבליבען נאָר ביי די פסח׳דיגע קניידלאַך און די פריילעך לוסטיגע פילאָזאָפיע וועגען אָט דיזע קניידלאַך. פון דער אידישער אמונה איז ביי ביידע געבליבען דער ספקות אין יעזוס קריסטוס, דעם רבונו של עולם, דער גוטער יאָר וויים, צי עס איז פאַראַן א גאָט אויף דער וועלט, צי ניט, אָבער שמע־ישראל ליגט זיך שוין עפּעס מער אויפ׳ן שכל, איידער די דרייאייניגקייט. מען קאָן אָבער ניט זאָגען, דאָס זיי האָבען אינגאַנצען אראָבגעוואָרפען פון זיך אידישקייט, זיי האָבען מער נישט די אידישקייט ארומגעטרימט, געמאַכט אביסעל ביליגער, גרינגער, לייכטער, פריילעכער, זי זאָל ניט דריקען ווי א בארג אויף דעם שוואַכען מענשען. יום כפּור צו כל נדרי דרעהען

זאָל טאקע ניט זיין תורה און גדולה און עשירות במקום אחד, צונויפגע־בונדען און צונויפגעקניפּט אין איין שמעקענדיגען אידישען בוקעט? הייגט בכלל פילט זיך שטענדיג עפּעס אויף העסטער סטריט, אז מיט וואָל סטריט איז עפּעס ניט גאָר כשורה'דיג, עס איז, ווי פּאַניע זאָגט, פעדאָט דאַ ניע טאָט. ווי עס קומט צום פּינטעלע איד, צו דעם שרש פון דער נשמה, ציט העסטער סטריט אין איין זייט און וואָל סטריט אין אנאנדער זייט. אָבער קיין מחלוקות איז דערפון חלילה קיינמאָל ניט ארויסגעקומען. ווארום רבי מכבד עשירים, די שול איז זיך נעבאך אן עניו, און ווער וועט זיך דאָס ארויס־שטעלען אנטגעגען די גרויסע באנקירען?

צבער דער אמת'ער צד, וועלכען וואָל סטריט האָט פון שטענדיג אָן אין העסטער סטריט, איז משה ראדיקאלעכץ, דער עם־הארץ פון דער אידי־שער גאס. ווארום משה און וואָל סטריט זיינען געקנאָטען פון איין גייסטיגען טויג, האָבען דעמזעלבען לעבענס־געפיל און לעבענס־ווילען, ווערגען זיך ביידע מיט דער אלטער אידישקייט, קענען ביידע דיזע אידישקייט ניט אויסשפּייען און ניט אראָבשלינגען, האָבען אפשר א פארשידענעם פּאקעט־בוך, אָבער דיזעלביגע נשמה קלאַפּט אין זייערע הערצער. און אז עס איז געקומען אן עת צרה אויף אידען, און נייע ווינטען האָבען אָנגעהויבען בלאָזען אין העסטער סטריט, און עס האָט אָנגעהויבען דערוואַכען א נייער לעבענס־באגער, זיינען ביידע דערשראָקען געוואָרען, משה פון העסטער סטריט און דער מיליאָנטשיק פון וואָל סטריט. פון א שטילער פריינדשאפט געהען זיי באלד איבער צו אן אָפענעם בונד געגען דאָס זיך אויפהויבענדע נייע אידישע פאָלק.

2.

אין מזל לישראל, ישראל האָט ניט קיין מזל, זאָגט די גמרא. אָבער אינו דומה, עס איז ניט גלייך, ישראל צו ישראל, ישראל פון העסטער סטריט האָט טאקי ניט קיין מזל און איז אויף צרות. אָבער ישראל פון וואָל סטריט האָט שוין יאַ מזל, און האָט מער מזל איידער מעשים טובים.

אָבער גאָר א גבירישען מזל האָט געהאט דער יאהודי פון וואָל סטריט, ווען עס האָט זיך אויפגעהויבען אין העסטער סטריט משה ראדיקאלעכץ, דער עם הארץ פון דער אידישער גאס, א טרייער ברודער געגאָסע איז געקומען גאָר פון דעם סאמע פּראָלעטאריאט. דער בונד צווישען די נייע מחותנים האָט זיך ענטוויקעלט און געשטארקט גאָר פּאמעלאך, אין לויף פון יאָרען, ווען די אמת'ע ווירקליכקייט האָט זיך ארויסגעשיילט פון איר אידעאָלאָגי־שען שאָלעכץ. לכתחילה האָבען זיי זיך נאָך געבלאָזען אביסעל, משה ראדי־קאָלעכץ פון העסטער־סטריט און דער יאהודי פון וואָל־סטריט. עס האָט

הייט, וואס אין איר וועט זיך דאָס אידישע פאָלק אויפלייזען און אסימילירען, באגראָבען ווערען און פארשווינדען.

געגוי האָט אפילו אונזער עם־הארץ ניט געקענט אָנדרייטען, וואָס דאָס וועט זיין פאר א מין מענשהייט, וועלכע שפראך זי וועט ריידען, אָן וועלכע געשיכטע זי וועט זיך אָנשליסען, וועלכען קולטור־אינהאלט זי וועט ארויס־ברייגגען און אין וועלכען קולטור־מאנטעל זי וועט זיך קליידען, הכלל וואָס דאָס וועט זיין פאר א מין פארזעהעניש פון דער נאטור אָט דיזע איינפאָרמיגע, איינשפראַכיגע, איינקולטוריגע, מאָנאָטאָנע, לאנגווייליגע מענשהייט. פון איר קולטור און איר צוקונפט האָט אייגענטליך געבלאָזען קאלט און גלייכגיל־טיג משה ראדיקאלעכץ. דער עיקר איז געווען פאר אים ניט דער לעתיד לבוא פון דער מענשהייט אָדער פון אידישען פאָלק, נאָר זיין אייגענע עולם הזה, זיין רואיגקייט, באקוועמליכקייט און אויפקלערעכץ אין דער איצטיגער וועלט, וואָס איז די בעסטע פון אלע וועלטען. אָהן דער טאָרבע מיט די אידישע צרות און יסורים, אָהן דער גייסטיגער אידישקייט, אָהן דער פאראנטוואָרטליכ־קייט פאר דער אידישער געשיכטע, לעבט זיך אין דער היינטיגער פראקטישער וועלט רואיגער, שטילער און באקוועמער.

איי, אידישע צרות, פּאָגראָמען, בזיונות, דער אידישער גלות־וואָגען מיט זיינע פעק און פעקלאך, — האָט משה ראדיקאלעכץ צוגעשפּאנט צו אים דעם סאָציאליזם, אזוי ווי דער יאהודי האָט צוגעשפּאנט דעם ליבעראליזם צום אידישען גלות־וואָגען. זאָל דער סאָציאליזם שלעפען, זאָל ער לייזען די אידישע פראגע, און ניט חלילה ריטייל, נאָר ניט אנדערש ווי האָלסייל, אין איין קלאפּ מיט אלע אנדערע פּראָבלעמען. דער סאָציאליזם האָט זיך אפילו געקווייגקעלט, פלעגט זיך אמאָל גאָר אויסריידען, טאָמער א סברה אז די קריוודע, וועלכע די וועלט האָט געגען אידען, און די טענה פון אידען צו דער וועלט, געהערט גאָר ניט צו זיין וועדאָמסטוואָ, און טאָמער זאָלען אידען אפשר טאקי אליין פּרובירען א שלעפּ טאָן דעם וואָגען. האָט אָבער משה ראדיקאלעכץ תמיד אויפגעהויבען דעם ויצעקו געהאלטען אין איין שרייען און פּילדערען, דאָס נאָר בייזע צינגער און שונאים האָבען אויסגע־קלערט, דאָס ער לעבט נאָך. דער וואָגען מיט די צרות איז נאָך אפשר פאראן, נאָר דער בעל-בית איז שוין נעלם געוואָרען, פארפאלען געוואָרען, ניטאָ שוין אויף דער ווייסער וועלט. היינט גלויבט ער שוין ניט אין נאציאָן, אין גאָט, אין טאטע־מאמע, אין קולטור, אין גייסט, אין צוקונפט. און דער אינטערנאציאָנאלער סאָציאליזם, וואָס איז געווען לא־עליכם אינטערנאציאָ־נאָל צו נאציאָנען־קבצנים, און נאציאָנאל צו נאציאָנען־גבירים, האָט זיך גע־לאָזט דינען און האָט גערולט, דאָס עס איז ניטאָ משה ראדיקאלעכץ, בטל

זיךביידע ארום שול, א ברית פראוועט מען, ווי דער זיידע אברהם אבינו האָט פארזאָגט, א חתונה מיט חופה וקדושין כדת משה וישראל, און נאָך הונדערט און צוואנציג יאָר קומט מען אָן צו די אידישע חברה קדישא. די תרי"ג מצות האָבען זיי טאקע ביידע מבטל געווען, אָבער די אידישקייט איז דאָך פארבליבען, מער ניט אין א טשיפּ עדישאן, אין א ביליגער אויסגאבע.

פאָלשטענדיג גענייניגט האָבען זיך אָבער ביידע מחותנים וועגען דער אידישער נאציאָן און דעם אידישען פּראָבלעם. אידען זיינען ניט א נאציאָן, נאָר א היסטאָרישע אָנשיקעניש, א האָרב אויף דער וועלט, און וואָס כיטרער מען וועט באהאלטען דעם האָרב פון דער מענשהייט, אלץ בעסער וועט זיין ניט אזוי פאר דער מענשהייט, ווי פאר דעם האָרב זעלבסט. לאָמיר באַהאלטען, פארבאָרגען און פארלייקענען דאָס אידישע פאָלק, וועלען מיר פּטור ווערען פון דער אידישער פראגע, פון די אידישע צרות, פון דער אידישער פארדרעהעניש. אידישקייט איז בכלל ניט קיין ביזנעס, ניט קיין כבוד, ניט מאָדערן אין דער וועלט.

אסימילאציע איז פּראַקטישער, געשעפטסמעסיגער, שענער, מער אפּ־טו־דייט, מען קען זיך מיט איר מער ארויפארבייטען, און האָבען וויינינגער עגמת־נפש און הארץ־ווייטאג. דער יאהודי און משה ראדיקאלעכץ זיינען דערפאר ביידע געוואָרען אסימילאטאָרען, קאָסמאָפּאָליטען, וועלט־בירגער.

דער יאהודי האָט ארגומענטירט מיט ליבעראליזם, מיט הומאניטעט, מיט פעלקער־פארברידערונג. פאר לייטען וועגען פלעגט ער אפילו פאטריאָטעווען, פלעגט ער זינגען הללויה צו דעם פלעג, פלעגט זיך לאָזען קאָסטען געלט פאר די קאָנטרי, פלעגט זוכען צו אמעריקאניזירען די אריבערגעקומענע גרינע ברידער, — אָבער דאָס האָט ער געמאכט אן אָנשטעל צוליב ביזנעס־וועגען. אין דעם שרש פון זיין נשמה איז דער יאהודי פון וואָל סטריט א וועלט-בירגער, א אינטערנאציאָנאל, דאָרטען איז גוט, וואו מען פארדינט, און דאָרטען איז דעם אידען'ס פאטערלאנד, וואו מען מאכט א פּאָר סענט און אין דיזען קאָסמאָפּאָליטיזם און וואָל־סטריט־אינטערנאציאָנאליזם האָט דער יאהודי פארלייקענט, באגראָבען און פארשאָטען זיין אידיש פאָלק.

משה ראדיקאלעכץ האָט ארגומענטירט מיט סאָציאליזם. ער זאָל קענען, מאכט ער זיך פאר א רוס, א פּאָליאק,, א דייטש, א פראנצויז, אן איירישער, אן אמעריקאנער, אָבער ווערליג נאָך די אומשטענדען איז ער א מענש, — משה ראדיקאלעכץ פון העסטער סטריט, — דער ערשטער מענש אין דער מענשהייט. דער סאָציאליזם וועט אָבשאפען די גרענעצען, וועט מאכען פארשווינדען פעלקער און נאציאָנען, און עס וועט ענטשטעהן א מין מענש־

צווישען גוי׳שען קאַפּיטאַליזם און אידישען קאַפּיטאַליזם. סאָציאַליזם איז אָן אוהב ישראל, קלאַפּט דעם אנטיסעמיטיזם און דער רעאַקציע איבער׳ן קאָפּ, כאָטש ניט אזוי פון אהבת מרדכי, ווי פון שנאת המן. פאַרטשעפּעט דער אנטיסעמיטיזם א אידען, נעמט זיך אָן דער סאָציאַליזם, און טענה׳ט דאָס דער גוי איז חלילה ניט בעסער. איי, וואָס דער סאָציאַליזם וויל באַראַבעווען די קאַפּיטאַליסטען, אָבנעמען דאָס געלט און אָבגעבען צו די קבצנים, וועט דאָס חלילה ניט זיין במהרה בימינו. דער יאהודי האָט אָנגעהויבען דערפאַר שטילינקערהייט זיך פרעהען מיט׳ן סאָציאַליזם און גאָר קנייפּען די סאָציאַלע רעוואָלוציע אין אירע רויטע באַקען. ער האָט אָנגעהויבען שיינקען זיין וואָלשטימע דעם סאָציאַליזם, און כמה וכמה סאָציאַליסטען האָבען אריינגעמאַרשירט אין די אייראָפּעאישע פּאַרלאַמענטען מיט אידישע באַנקירען אלס אונטערפירער. יצחקו הנערים! זאָלען זיי זיך שפּילען, די סאָציאַליסטען אין צוטיילעניש, זאָלען זיי זיך מאַכען סטרייקס, בונטעווען, באָמבעס וואַרפען, זיין סינדיקאַליסטען, אינדוסטריאַליסטען, אנאַרכיסטען, אבי זיי שלאָגען המן הרשע מיט דער קלאַקאָטקע און בלאָזען זיך אין טרומייטער פון אלגעמיינער פרייהייט און גלייכהייט.

בשעת אָבער דער יאהודי האָט דערזעהן משה ראַדיקאַלעביץ צווישען די סאָציאַליסטען, ווי ער פאַרנעמט דאָרט א שטיקעל פּלאַץ אין מזרח, און איז זיך שטיל און גלאַט ווי א קעצעלע בנוגע צו אידען, ווי ער שפּילט זיך אין א רואה ואינו נראה, אין שאַפּקאַ־נעווידימקאַ, וואָס ער זאָל אלעמען זעהן און קיינער זאָל אים ניט זעהן, ווי ער פאַרשטעלט זיך פאַר א פּאָניע, פאַר א פּאָליאַק, פאַר א לעט, פאַר א דייטש, פאַר א פראַנצויז, פאַר יעדע אומה ולשון, און גאָר פאַר א סתם מענש, האָט ביי אים די האַרץ אָנגעהויבען צו ציטערן פון פרייד און שמחה. גאָר אומגעריכטערהייט באַקומען א מחותן אין אינטערנאַציאָנאַל. אויף א גוי וואָלט מען זיך פאָרט ניט געקענט גאַנץ פאַרלאָזען, טאַקע רעליגיאָנס־פרייהייט, אלגעמיינע מענשען־רעכט, צו דעמזעלביגען שוואַרץ יאָר גוי׳שען קאַפּיטאַליזם, אָבער ביי א גוי קענען זיך דאָך פאַנאַנדערקאָכען די געבליטען, און ער קען אין א שיינעם פרימאָרגען עפענען די אויגען און א פרעג טאָן א קשיא. אז מע האָט אָבער דאָרטען משה ראַדיקאַלעביץ, א איד ניט קיין העזה׳ניק־חלילה, וועלכער באַהאַלט די אידישקייט אונטער דער מענשליכקייט, שווייגט צו און שמייכעלט אונטער, אז א גוי גיט אים א טראָט מיט׳ן פוס פאַרשטעלט זיך גאָר פאַר ניטאָ, פאַר פאַרשוואונדען, פאַר אויפגעלייזט, — איז טאַקע געקומען אָן אמת׳ער צד אין אינטערנאַציאָנאַל פאַר די אידישע וואָל סטריט.

וואָלט אין העסטער סטריט אויפגעטרעטען דער אידישער רעוואָלוציאָנער, מיט דעם טיפען שמערץ פאַר דער געפאַלענקייט פון דער גאַס, מיט דעם

ומבוטל אין דער מענשהייט, אחוץ דעם ריח, וואָס איז פון אים געבליבען אין דער וועלט.

אז דער יאהודי פון וואָל סטריט האָט דערזעהן, וואָס משה ראדיקאלעביץ פון העססטער סטריט הויבט דאָ אָן צו פארפירען אין דער וועלט, האָט ער אָנגעהויבען אָבצושפּילען דער מענשהייט א שפּיצעל, טאקע מעשה וועלט־סוחר און וועלט־גנב. פאר לייטען וועגען האָט ער געמאכט דעם אָנשטעל, דאָס ער האָט גרויס עגמת־נפש פון משה ראדיקאלעביץ און האָט אים פאר־ענטפערט: פרעמדע אידען, גרינע בריות נעביך, האָבען קיין חלה ניט גענע־סען, קיין פרייהייט ניט געאָטעמט, זיינען זיי בונטאָווטשיקעס, סאָציאליס־טען, רעוואָלוציאָנערען, אָבער אין הארצען האָט אים פארקערט די גאנצע מעשה געטאָן הנאה, און ער האָט זיך געביסען פּשוט די הענט פון שמחה: ס'טייטש, גאָר א לייב־קרוב און אן אייגענעם צד באקומען אין אינטערנא־ציאָנאל; ניט קיין געבעטענער, אליין געקומען!

מיט זיין סוחר'ישען שכל האָט דער אינטערנאציאָנאלער יאהודי אָנגע־הויבען רעכענען און חשבונ'ען, וועלכע סכנה איז פאר אים א גרעסערע, די סכנה פון סאציאליזם, אָדער די סכנה פון אנטיסעמיטיזם, און ער האָט גלייך „אויסגעפיגורט", דאָס אנטיסעמיטיזם איז אן ערגערע זאך אין דער וועלט, איידער סאציאליזם. ווארום סאָציאליזם וויל אָבנעמען דאָס געלד ביי די אייניקלאך אָדער די אור-אייניקלאך, און וויל אָבנעמען ביי אלעמען גלייך, אָהן אונטערשיד פון רעליגיאָן און נאציאָנאליטעט. היינט הערט מען דערוויל דעם סאציאליזם גלאַט אין טראַק, דאָס איז ניט מער ווי א חלום פון קבצנים, א אידעאל פון שנאָרער. היינט סאָציאליזם וועלען גוים ניט דערלאָזען, סאָלדאטען וועלען זיך ארייננמישען, די רעגירונג וועט באשיצען. סאָציאליזם איז טאקע א סכנה, נאָר א ווייטע, א צרה, אָבער ניטאָ זיך שוין וואָס צו שרעקען חלילה. אנדערש איז אָבער מיט דעם אנטיסעמיטיזם. אנטיסעמי־טיזם איז שוין היינט א סכנה, און ניטאָ נעבאך ביי דעם איד קיינער ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאר אים. ווארום טוב שבגוים איז אין הארצען א שונא ישראל. ענטקעגען דעם סאָציאליזם שטעהט דער יאהודי מיט כמה וכמה גוים, און ענטקעגען דעם אנטיסעמיטיזם שטעהט דער איד איינער אליין, ווי א בלודנע שעפעלע אין וואלד מיט וועלף און דער יאהודי האָט אויסגעפונען, דאָס פון די צוויי צרות, פון אנטיסעמיטיזם און סאָציאליזם, איז אנטיסע־מיטיזם טאקע די גרעסטע צרה.

פארקערט, האָט גאָר דער יאהודי דערפילט, דאָס ער קען זיך גאָר שטילינקערהייט און בגנבה אביסעל צו'שדכנ'ען צום סאָציאליזם. סאָציא־ליזם האָט בכלל אן איידעלע נאטור, שטעלט זיך איין פאר דעם פּרינציפּ פון רעליגיאָנס-פרייהייט, פון מענשליכער גערעכטיגקייט און איז ניט מקפיד

טישענסטוועוועט. א קלייניגקייט דער גאנצער מאיאָנטעק פון דעם יאהודי איז געשטאנען אין קאָן.

ניט קיין קלענערע מהומה האָט דער לעבענס־רוף אָנגעמאכט ביי משה ראדיקאלעכץ אין העסטער סטריט. אמת קיין מאיאָנטעק אין גלות האָט ער ניט געהאט צו פארלירען דורך א מלוכה אין ארץ ישראל, אָבער די נשמה האָט ער געדארפט אביסעל ארומוואשען, דעם גלות־קאפטאן אראָפּוואַרפען, און דערהויבען זיך צו מענשליכקייט. דערצו האָט אים געפעלט אָבער הארץ און שכל. פארטיפען דעם רעוואָלוציאָנערען געפיל מיט דעם אייביג־טראַגי־שען אידישען מאָטיוו, ארייננעמען אין דאָס אויפגעלעבטע און באפרייטע אידישע פאָלק דאָס בילד פון דער באנייטער וועלט. אויך דאָס איז חלילה ניט פאר אונזערע פראַקטישע נשמות. שווארץ־יאָרען! איר ווילט א שווערע טאָרבע ארויפוואַרפען אויף אונז, דאָס „אייגען איך", און מיר האָבען דאָס „איך" שוין באגראָבען און פארשאָטען און קאָנען ברוך השם אליין די שפּורען ניט געפינען. פון דער גרויסער פּראַקטישער וועלט פון לעבען א טאָג רופט איר אונז צוריק צו זיך זעלבסט, צו דעם אייגען פאָלק, צו דער אַלטער פאר־אַלטעטער אידישער נאָכשלעפּעניש און היסטאָרישער אָנשיקעניש. און ער האָט אויפגעהויבען דעם קולאַק, געגעבען א גוטען זידעל און באוויזען אביסעל וואָס פאר א „אייגען זעלבסט" ער פארמאָגט.

משה ראדיקאלעכץ איז געוואָרען אין כעס, ניט ווייניגער ווי דער יאהודי פון וואָל סטריט. געוואלד, וואָס וועט מען דאָרטען עסען אין ציון? אין אמעריקא קאָכט מען יאַיכעלאך און מען עסט חלה; זכרנו את הדגה אשר אכלנו במצרים, אין מצרים האָט מען טאקע פיש געגעסען, אידישע פיש. ד י וועלט וועלען מיר חלילה פארלירען, און י ע נ ע וועלט וועלען מיר ניט געווינען. און אפילו אז מען שלאָגט אונטער אביסעל אידען, איז מה רעש? היינט טאָמער זיינען אידען טאקע דאָס אויל אויף די רעדער פון רעוואָלוציע?

און ווערענדיג אין כעס, איז משה ראדיקאלעכץ געוואָרען א שטיקעל גראָבער יונג. פאר גוים האָט ער שטענדיג געהאט שטארקען דרך ארץ, דערפאר האָט ער די חוצפה ארויסגעבראכט ביי אידען, בפרט אָבער ביי די אידען, וועלכע ווילען זיין גאנצע הונדערט פּראָצענט אידען. און ער האָט אָנגעהויבען צו שיטען קלעפּ אויף דעם נייעם איד, אונטערגע'מסר'ט אין א י נ ט ע ר נ א צ י אָ נ א ל, אויסגעקלערט ווילדע שקרים, און זיך געפילט אויף דער אידישער גאַס, ווי דעם פּריץ'ס א בונדעסגענאָסע. איר זייט שפּיאָנעס און ווילט נאָך אמאָל אין ארץ ישראל מקריב זיין קרבנות, און מיר וועלען אייך מסר'ן ביי די גוים. אזוי האָט זיך משה ראדיקאלעכץ געזונגען און געבאדיוננגט אין אלע העסטער סטריטס פון איין עק גלות ביז צו דעם אנדערען.

צער און צאָרן פאר דער נויט פון פּראָלעטאריאט און פאָלק, און זיין שטים וואָלט געדונערט און געמאָנט גערעכטיגקייט פון דער וועלט — וואָלט די אידישע וואָל סט. דערציטערט און דערשראָקען געוואָרן פאר העסטער סטריט. העסטער סטריט וואָלט צוגעדריקט דעם אידישען קאפּיטאליזם צו דער וואנט, וואָלט פון אים אראָבגעריסען זיינע אלוועלטליך־הומאניש־אסימילאטאָרישע שמאטעס, מיט וועלכע ער באדעקט זיין שאנדע און וואָל סטריט וואָלט גע־האט מורא און רעספּעקט פאר העסטער־סטריט, און העסטער סטריט וואָלט געפירט די אידישע נאציאָנאלע פּאליטיק, וואָלט איינגעשפּאנט וואָל סטריט גופא אין דעם אידישען גלות־וואָגען, און עס וואָלט זיך אָנגעהויבען די נאַ־ציאָנאלע רעוואָלוציע ביי אידען. אָבער אנשטאט דעם אידישען רעוואָלו־ציאָנער איז ארויסגעקראָכען אין העסטער סטריט משה ראדיקאלעכץ, דער עם־הארץ און דער שונד סאָציאליסט. האט זיך דער יאהודי גאָר דערפרעהט און באגריסט זיין ביליגע עדישאָן אויף העסטער סטריט, דעם גלות־אידעל, וועלכער האט נאָך ניט דערלאנגט סאָציאל צו דעם גלות איד און אנשטאט די נאציאָנאלע רעוואָלוציע פון העסטער סטריט געגען וואָל סטריט, האט זיך אָנגעהויבען די אסימילאטאָרישע פּראָסטיטוציע פון שיילאק דעם יאהודי צוזאמען מיט משה ראדיקאלעכץ.

נאָר אָט האט זיך אָנגעהויבען וועבען א חלום אויף העסטער סטריט. א הערליכער גאָלדענער חלום פון פרייהייט, קולטור, אייגען־זעלבסט לעבען, דער חלום שיבת־ציון, און דער חלום האט אָנגעהויבען צו באקומען די גע־שטאלט פון א לעבעדיגען בילד, ער האט אָנגעהויבען צו ווערען א באגער, א ווילען. א מהומה האט געמאכט דער רוף צו לעבען ביי דעם יאהודי און א ווילען. א מהומה האט געמאכט דער רוף צום לעבען ביי דעם יאהודי און אין אזא תענוג, אמת אביסעלע הכנעה׳דיג און שפּל׳דיג, אָבער אין גאָלד און זילבער און בריליאנטען, און מיט א מאָל זאָלען מיר גאָר געהן אין א אידען־שטאט. איין איד קען פון דעם אנדערען איד קיין געלט ניט פארדינען, און ווי וועט מען חלילה לעבען אָהן דעם גוי! מיר ווילען פּרנסה און איר רופט אונז גאָר צו גבורה! א שען פּנים וועלען מיר האָבען אין דער וועלט, ווען אין ציון וועט זיך זיין א אידישע מלוכה. מען וועט טייטלען מיט די פינגער אויף אונז: אָט געהען זיי די קרומע נעזער מיט די גראָבע בייטלען, פּאס־פּאָרטען האָבען זיי פון ירושלים און געלט מאכען זיי אין גלות. און דער יאהודי האט אָנגעהויבען צו פייערען און צו ברענען אויף ציון, האט פארזאָגט בלי־קדש, זיי זאָלען אָנהויבען א מלחמה, האט אָנגעהויבען מאכען מניעות, געזידעלט, געשאָלטען, אונטערגעשיקט א מסירה׳לע וואו מע דארף, פּאר־וואָרפען א בלויז וואָרט אין די הויכע פענסטער, פארכאפּט די פאָלקסגעלדער, דאָס זיי זאָלען ניט געהן אין ארץ ישראל, געבלאָפט, געשווינדעלט, געפּאָלי־

די ערלייזונג. און עס איז אָנגעפאַלען א מורא אויף דעם יאהודי פון וואָל סטריט און א מאוסער קליינליכער געפיל האָט אָנגעכאַפּט דעם גאַנצען משה ראַדיקאַלעביץ. און זיי קריכען און לעקען און שמעקען איינער ביי דעם אַנדערען, און ביידע האָבען באַשלאָסען, ניט צו דערלאָזען די דערהויבונג און באַפרייאונג פון פאָלק. מיט זייער געלט, זייער העזה, זייער עם־הארצות, זייער שנאה און זייער ציניזם ווילען זיי צוברעכען דעם ערוואַכענדען ווילען פון פאָלק.

זיי וועלען זיך פאַראייניגען צווישען זיך, דער יאהודי פון וואָל סטריט און משה ראַדיקאַלעביץ פון העסטער סטריט, צו א שטילער געשעפטסמעסיגער באַראַטונג, וואו עס זאָל חלילה ניט קלינגען דער וויי־געשריי פון אידישען פאָלק, נאָר וואו מען וועט ריידען ביזנעס, וואו און ביי וועמען און ביי וועלכען פּריץ פאַרוואַרפען א שטיל וואָרט פאַר אידישע ראַוונאָפּראַוויע. דער עיקר איז אָבער, דאָס ביידע אמת'ע מחותנים האָבען באַשלאָסען ניט דערלאָזען די אָרגאַניזירונג פון פאָלק. און ווען אַלע קינדער פון אידישען פאָלק וועלען זיך צונויפקומען צום ערשטען מאָל נאָך טויזענטער יאָרען פון צוזייאונג און נויט און זיי וועלען וויינען אויף זייער פאָלקס חורבן און פון דעם צער וועט ארויסוואַקסען א צאָרן, און פון דעם צאָרן א ווילען, וועט דרויסען ארומגעהן דער יאהודי פון וואָל סטריט און משה ראַדיקאַלעביץ פון העסטער סטריט. זיי וועלען ביידע ציניש כיכיקען, וועלען זיך קוקען פאַרליבט איינער דעם אַנדערען אין די אויגען, און וועלען שטיל מתפּלל זיין צו דעם טייוועל פון דער געשיכטע, ער זאָל שיקען אויף אידען די קללה און ניט די ברכה. און צאַפּלען וועט זיך זייער אומגליקליכעס שקלאַפּישעס הארץ, זייער האַלבע נשמה, טאָמער פּאָרט... טאָמער ווערט דאָך דער חלום א וואָר...

פלעגט די פאר'מסר'טע, די פאריאַגטע, די צושלאָגענע און פארבלו־טיגטע אידישע גאַס זיך בעטען ביי משה ראדיקאלעביץ: געוואלד, משה, וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף אידען, א רחמנות, אן אלטע, פארמאטערטע אומה אין דער געשיכטע, דיין טאטע־מאמע, דיין אייגען פעקעלע. עס וויל חלום'ען, עס וויל האָפען, לאָז אָב, לייג קיין שטיינער ניט אין וועג, געוואלד, משה, האָסט דען קיין נשמה ניט?.. פלעגט זיך משה ראדיקאלעביץ האלטען ביי די זייטען פון געלעכטער און ענטפערען מיט שטאָלץ: וואָס נשמה, וועו נשמה? בעסער זיך לאָזען שמייסען פון צען גוים, איידער קושען פון איין איד!

און דער יאהודי פון וואָל סטריט האָט אָנגעקוואלען ממש פון משה ראדיקאלעביץ אין העסטער סטריט. כל זמן משה ראדיקאלעביץ פירט די גרענדע, איז ניטאָ חלילה, וואָס מורא צו האָבען פאר דער פראָלעטארישער העסטער סטריט. און עס איז געוואָרען א הארציגער בונד צווישען וואָל סטריט און משה ראדיקאלעביץ פון העסטער סטריט, א בונד צום קאמף געגען די חלומות, די נייע האָפנונגען, די ביינקשאפט, די אונרואיגקייט, דעם נייעם רעוואָלוציאָנערען לעבענס־ווילען פון דער פארבלוטיגטער העסטער־סטריט. איי, וואָס זאָל ווערען פון די פראקטישע צרות פון העסטער סטריט? דער יאהודי פון וואָל סטריט און משה ראדיקאלעביץ פון העסטער סטריט האָבען דארויף א גאנצען פראָגראם פון טועכץ: עס זאָל טאָן טאָן פארשווינדען דער אנטיסעמיטיזם פון דער וועלט מיט דעם כח פון אלמענשליכען פראָגרעס. די אומות העולם זאָלען טאָן געבען כל המינים רעכט און פראוועס אידען, פראוואָ־זשיטעלסטוואָ און פראוואָ־טאָרגאָוולי אויף גאנץ ראסיי, אויף סיביר, אויף טורקעסטאַן, אויף אלע גאָסודארסטוועס. דערפון וועט ווערען אביסעל גרוימער אין גלות, און אגב וועט מען ניט רייסען זיך אזוי אין דער פרייער אמעריקא. זאָלען טאקע אלע גוים פון דער גאנצער וועלט געבען פרנסה אידען! און זאָגט חלילה ניט, דאָס אונז פארדריסט גיט די אידישע אָבסטאָיא־טעלסטווע, פאר ראוונאָ־פראוויע זיינען מיר שטענדיג געשטאַנען, און אידי־שע פאטריאָטען זיינען מיר חלילה ניט ערגערע פאר לייטען:

וואָס מיר זיינען, זיינען מיר,
אָבער אידען זיינען מיר,
וואָס מיר ווילען, ווילען מיר,
אָבער פראוועס ווילען מיר...

אָבער אָט האָט די נויט אויף העסטער סטריט דערגרייכט די העכסטע מדרגה. און די נויט האָט אָנגעהויבען וועקען די האָפנונג און שמידען דעם ווילען. דער חלום נעמט אָן א געשטאַלט און ווערט א שעפפערישער כח פון לעבען. דאָס אידישע פאָלק הויבט זיך אויף פון זיין שטויב, העסטער סטריט ערוועקט זיך און זוכט אין דער פאָלקס־איינהייט און דעם פאָלקס־ווילען

אָבער פון דער אנדערער זייט האָבען אין לויף פון 19טען יאָרהונדערט אלע אונטערדריקטע און צוריסענע פעלקער צוזאמען מיט זייערע בעסטע דיינקער, דיכטער און רעוואָלוציאָנערען, געקעמפט און געליטען פאר זייער נאציאָנאלער אויפלעבונג, פאר'ן נאציאָנאליזם. די פוילען זיינען זייט דער צוטיילונג פון פוילען, אין סוף 18טען יאָרהונדערט, געוואָרען א נאציאָנאל־רעוואָלוציאָנערעס פאָלק אין אייראָפּא. די עראָבערונגען פון נאפּאָלעאָן האָבען ביי אלע אייראָפּעאישע פעלקער געוועקט דעם נאציאָנאלען ווילען צו פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט. באזונדערס האָט זיך דאָס צוריסענע, אינגווייניג אזוי ווי אויסערליך פארשקלאפטע דייטשע פאָלק, אויפגעהויבען צום נאציאָנאלען פרייהייטס־קריג געגען נאפּאָלעאָנען. אלע פאָלקס־קלאסען, מיט די בעסטע זין פון פאָלק בראש, האָבען אנטיילגענומען אין דעם נאציאָנאלען קריג פאר א נאציאָנאל־פאראייניגט דייטשלאנד, האָבען שפּעטער געקעמפט און געליטען אלס דייטשע דעמאָקראטען און רעוואָלוציאָנערען. די באפרייאונג און נאציאָנאלע אויפלעבונג פון איטאליען איז שוין געווען א דעמאָקראטישער און רעוואָלוציאָנערער קאמף, אָנגעפירט פון גאריבאלדי און מאציני. אין די לעצטע צוואנציג יאָר האָבען זיך אלע אונטערדריקטע פעלקער פון מזרח־אייראָפּא אויפגעהויבען פאר דער נאציאָנאלער באפרייאונג, און ביי זיי גיסט זיך צוזאמען דער נאציאָנאל־רעוואָלוציאָנערער מיט דעם סאָציאל־פּראָלעטארישען קאמף צו אן אלגעמיינעם פרייהייטס־קאמף און באפרייאונגס-קאמף. לעבען דעם רעאקציאָנערען, קירכליכען, דינאסטישען און קאפּיטאליסטישען נאציאָנאליזם, וועלכער פּריידיגט אויטאָריטעט, אָנהאלטונג פון די אלטע לעבענס־פאָרמען, גאנצקייט פון פאָלק געגען רעוואָלוציאָנערער קלאסען־צוטיילונג, קלאסען־אונטערדריקונג און עראָבערונג פון פרעמדע פעלקער, איז די וועלט זייט דעם 19טען יאָרהונדערט פול מיט פרייהייטליכע, דעמאָקראטישע, נאציאָנאלע קאמפען, וועלכע רייסען זיך פון די ברייטע פאָלקס מאסען און זוכען צו באפרייען פאָלק, לאנד, שפּראך, קולטור, די גייסטיגע לעבענס־אייגענטימליכקייטען און לעבענס־ווערטען פון פרעמדען יאָך און געוואלטטעטיגען עראָבערער.

פאראן אן אויפפאסונג פון נאציאָנאליזם, וועלכע זאָגט, דאָס נאָר די אייגענע שטארקע עראָבערענדע נאציאָן האָט א היסטאָרישען ווערט און א רעכט אויף היסטאָרישען קיום, בשעת אלע אנדערע נאציאָנען און באזונדערס די קלענערע נאציאָנען דארפען פארשווינדען פון דער געשיכטע. דיזער נאציאָנאליזם לעבט ניט נאָר אין דער פּאָליטיק, נאָר ער האָט געפונען זיין אויסדרוק אויך אין דער פילאָזאָפיע און ליטעראטור. באזונדערס איז דאָס מאָדערנע דייטשלאנד געוואָרען דער באָדען, אויף וועלכען עס איז אויסגעוואקסען דיזע גייסטיגע פלאנץ פון נאציאָנאליזם, און הויבט זיך אָן אזא שאוויניסטיש־

רעאַקציאָנערער און פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַליזם*)

דער נאציאָנאליזם שטעהט אין מיטעלפּונקט פון אלע קאמפּען און אלע דיסקוסיאָנען פון אונזער צייט. אין די לעצטע יאָרצענטען פאר דער וועלט־מלחמה איז דער נאציאָנאליזם געוואָרען די ברענענדסטע פראגע אין לעבען פון אלע פעלקער, פון די הערשענדע אזוי ווי פון די אונטערדריקטע פעלקער. פּאטריאָטיזם און נאציאָנאלע עראָבערונג זיינען געווען טיילווייז די מאָטיווען פון קריג, אין דעם הייליגען נאָמען פון נאציאָנאלער פרייהייט און די נאציאָנאלע קולטור־אוצרות קעמפען און פארבלוטיגען יעצט די פעלקער אויף די שלאכט־פעלדער. די גאנצע ליידענדע מענשהייט פארבינדעט איצט אלע אירע שענסטע צוקונפטס־האָפנונגען מיט דער לייזונג פון דעם פּראָבלעם פון נאַציאָנאליזם, וועלכע זאָל ערשט מעגליך מאכען דעם נצחון פון סאָציאליזם און אינטערנאציאָנאליזם אין דער געשיכטע.

עס איז ניטאָ אין דער שפּראַך נאָך א וואָרט, וואָס האָט ארויסגערופען אזוי פיל מיספארשטענדנישען, אומקלאָרקייט און פאראורטיילונג, ווי נאציאָנאליזם. דאָס וואָרט נאציאָנאליזם איז געוואָרען א קוואל פון מיספאר־שטענדנישען, צוויי־דייטיגקייטען און מיסברויך, ווארום עס זיינען אין אים, אין דער אמת, איינגעשלאָסען די פארשידענסטע ענטגעגענגעזעצטע און ווידערשפּרעכענדסטע אינהאלטען. דאָס וואָרט נאציאָנאליזם האָבען געפירט און פירען נאָך אויף זייערע ליפּען אלע רעאקציאָנערען און אונטערדריקער פון דער מענשהייט. די דינאסטיען, די קאפּיטאליסטען, די אריסטאָקראטען, די קירכע, די אנטיסעמיטען פון אלע לענדער, האָבען שטענדיג געזוכט זיך צו רעכטפערטיגען און צו באשוינען מיט דעם מאנטעל פון נאציאָנאליזם. די איינציגע אידעע וואָס אין איר נאָמען ריידען דער רוסישער צאַר, דער דייטשער קיסר, די פארטרעטער פון די הערשענדע קלאסען און רעפּובליקען, איז די גרויסקייט, איינינגקייט און מאכט פון דעם פאטערלאנד, פון דער נאציאָן, נאציאָנאליזם. געגען יעדע אינערליכע רעפאָרם, געגען יעדער נאציאָנאלער פארבעסערונג און נאָך מער געגען יעדען פארזוך צו באשאפען גערעכטע און פרייע באציאונגען צווישען די פעלקער, זיינען אומעטום די רעאקציאָנערען אויפגעטראָטען מיט דעם וואָרט נאציאָנאליזם און האָבען שטענדיג געברויכט און מיסברויכט דיזעם וואָרט צוליב מיליטאריזם, רעאקציע, קריג. ביסמארק, דער פורכטבארסטער אויסדרוק פון רעאקציע און אויטאָריטעט אין דעם מאָדערנעם אייראָפּא, איז אויך געווען דער דרייסטעסטער פאָנען־טרעגער פון דעם נאציאָנאליזם אין דייטשלאנד.

*) „אידישער קעמפּער", יוני 9טען, 1916.

אויף דער גאנצער שפּעטערדיגער פּאליטיק פון רוסלאַנד. די רוסישע רעאַקציע, דער פּאַנסלאַוויזם, די ערא̈בערונגס־פּאליטיק האָט זיך אנגעלענט און געשטיצט אויף דער סלאַוויאַנאָפילסטווא.

אָבער לעבען דיזער שאָוויניסטיש־רעאַקציאָנערער אויפפאסונג פון נאציאָנאַליזם איז אין 19טען יאָרהונדערט אויפגעטראָטען אויך די פרייהייטליך־פּראָגרעסיווע אידעע פון נאציאָנאַליזם. דיזע אויפפאסונג פארשטעהט אונטער נאַציאָנאַליזם די באפרייאונג פון פאָלק און לאַנד און די העכסטע פאַנאַנדערבליאונג פון דער אייגענער אונטערדריקטער ק ו ל ט ו ר און אנערקענט ניט קיין אונטערשיד צווישען שטאַרקע און שוואַכע, גרויסע און קליינע פעלקער. דיזער נאציאָנאַליזם, פאר וועלכען מיליאָנען האָבען געקעמפּט און געליטען, איז געוואָרען דאָס מאָטאָ פון פּאָעטען און דער געדאנק פון פילאָזאָפען אין 19טען יאָרהונדערט. ער איז אָנגעזאָגט געוואָרען פון בייראן, מאַציני, באקונין, מאָזעס העס, פון אייניגע פּראָגרעסיווע סלאַוויאַנאָפילען, ווי כאָמיאַקאָוו, וועלכער האָט שוין ניט גערעדט פון רוסישען פאָלק אלס אן אויסגעקליבען פאָלק, נאָר פון אלע פעלקער און זייער רעכט אויף היסטאָרישער עקזיסטענץ. לאַסאַל האָט אין זיינע שפּעטערע יאָרען, נאָך דעם איטאליענישען קריג, דערפילט די בארעכטיגונג פון דיזען פרייהייטליכען נאַציאָנאַליזם, וועלכער האָט אין אינטערנאציאָנאלען סאָציאליזם געפונען אלץ מער און מער א פארשטענדניש און אן אינהאַלט.

אין דעם איצטיגען צוזאמענשטויס פון די פעלקער שטעהט דאָס פּראָבלעם פון נאציאָנאליזם אויף דער טאגעסאָרדנונג. די וועלט־געשיכטע, וועלכע איז דאָס וועלט־געריכט, לויט דעם טיפזיניגען וואָרט פון העגעל, דאַרף איצט משפּט'ען וועלכען נאציאָנאליזם עס געהערט די צוקונפט, דעם ערא̈בערענדען, אונטערדריקענדיגען, רעאַקציאָנערען נאציאָנאליזם, אָדער דעם באפרייענדען, דעמאָקראַטישען, פּראָגרעסיווען נאציאָנאליזם. זאָלען מאַכט, געוואלטעטיגקייט, אסימילאציע, דיזע מיטלען פון רעאקציאָנערען נאציאָנאליזם ענטשיידען אין פעלקער־לעבען, אָדער זאָל אנערקענט ווערען דער פּרינציפּ פון פרייער נאַציאָנאַליטעט און קולטור אויף דעם יסוד פון די באציאונגען צווישען די פעלקער? איז געקומען שוין די צייט פאר דער פארווירקליכונג פון קארל מארקס' אויסרוף אין זיין בארימטען אדרעס פאר דעם אינטערנאציאָנאל וועגען דעם דייטש־פראַנצויזישען קריג אין 1871, דאָס רעכט און יושר זאָלען רעגולירען די באַציאונגען צווישען פעלקער, אזוי ווי זיי ווערען אָנגעווענדעט אין לעבען פון יחידים?

דאריבער ענטשיידעט איצט די וועלט־געשיכטע אין די פורכטבאַרע פעלקער־קאַמפּען.

צוויי פּרינציפּען האָבען זיך צוזאמענגעשטויסען אין דער וועלט־מלחמה.

ענגאַיסטישער נאַציאָנאַליזם אין איין לאַנד, מוז ער, זעלבסטפארשטענדליך, ארויסרופען ביי אן אנדער פאָלק אן ענטקעגענגעזעצטען אָבער ניט ווייניגער שאָוויניסטישען און אומגערעכטען נאַציאָנאַליזם.

דער דייטשער פילאָזאָף העגעל האָט אין זיין געשיכטס־פילאָזאָפיע ענט־וויקעלט דעם געדאַנק, דאָס די מענשליכע געשיכטע פארווירקליכט מיט זיך א פּלאַן און דאָס די פארשידענע עפּאָכען פון דער געשיכטע שטעלען מיט זיך פאָר א באשטימטען טייל, א באשטימטען אקט פון דיזען אוניווערסאלען געטליכען פּלאַן; אזעלכע עפּאָכען זיינען געווען אין דער געשיכטע פיר: די אָריענטאלישע, גריכישע, רוימישע, און די מאָדערנע גערמאַנישע. די גערמאַ־נישע וועלט פארווירקליכט דעם לעצטען צוועק און דעם סוף פון דער וועלט־געשיכטע. אלע אנדערע מאָדערנע פעלקער, ווי צום ביישפּיל, דאָס פראַנ־צויזיש פאָלק, אָדער די סלאַווישע פעלקער, האָבען קיין ווערט און קיין מיסיאָן ניט אין דער וועלט. פון העגעל ביז ביסמארק, טרייטשקע און די איצטיגע פּאָליטישע און גייסטיגע פירער פון דייטשלאַנד, וועלכע האָבען ארויסגערופען די וועלט מלחמה, הערשט אין דייטשלאַנד ביי אלע באשיצער פון דער קאָנ־סערוואטיווער אָרדנונג דיזער רעאקציאָנער־שאָוויניסטישער נאַציאָנאַליזם.

העגעל'ס געשיכטס־פילאָזאָפיע לויט וועלכער די אוניווערסאלע אידעע האָט זיך מתגלה געווען אין איר לעצטער און העכסטער פאָרם אין דער גער־מאַנישער וועלט, האָט נאַטירליך געמוזט ארויסרופען א גייסטיגע אונרואיג־קייט ביי דער דאַמאָלט ערשט ארויפגעקומענער רוסישער אינטעליגענץ. די רוסישע און סלאַווישע וועלט איז דורך די העגעל'שע געשיכטספילאָזאָפיע אויסגעשלאָסען געוואָרען פון היסטאָרישען פּראָצעס און דעם מענשליכען פּראָגרעס; די רוסישע אינטעליגענץ האָט ניט געוואָלט אונטערגעבען די סלאַווישע וועלט און דאָס מעכטיגע רוסלאַנד אונטער העגעל'ס פילאָזאָפישען נאַציאָנאַליזם. אין רוסלאַנד איז דערפאַר ענטשטאַנען אנאנדער גייסטיגע שטרעמונג, די סלאַוואָפילישע, וועלכע האָט אָנגעווענדעט די זעלביגע העגעל'־שע געדאַנקען, אָבער ניט אויף דייטשלאַנד, נאָר אויף רוסלאַנד. די געשיכטע האָט דערגרייכט איר העכסטען פּונקט ניט אין דייטשלאַנד, נאָר אין רוסלאַנד, און דער סלאַווישער וועלט. די מערב־אייראָפּעאישע קאטוילישע און פּראָ־טעסטאַנטישע וועלט איז פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג, צום "צופוילען", און רוסלאַנד וועט אויפנעמען דעם פּאָדעם פון דער וועלט געשיכטע. די פּארלא־מענטען, די קאָנסטיטוציעס, די דעמאָקראַטיען פון מערב־אייראפּא זיינען טעות'ען. דער העכסטער אמת ליגט אין רוסלאַנד'ס פּאָליטישער אָרדנונג, וואו דאָס פאָלק, דאָס לאַנד, די קירכע און די זעלבסטהערשאפט זיינען פאַר־אייניגט אין איין איינהייט. דאָס איז געווען די שאָוויניסטיש־נאַציאָנאַ־ליסטישע לערע פון די סלאַוויאַנאָפילען, וועלכע האָט געהאט א טיפע ווירקונג

דער אידישער אַרבּייטער און דער ציוניזם

עס ליגט א טיפערער זין אין דעם, וואָס די פראגע, פארוואָס דער אידישער ארבייטער דארף זיין א ציוניסט, ווערט פאר איינס ווידער און ווידער ארויסגעשטעלט. ווארום דער בינטעל פון אורזאכען און דער קראַנץ פון מאָטיוועז, וועלכע פירען דעם אידישען פראָלעטאריאט צו זיין סאָציאַליסטישען פריילאַנד, פארמערען זיך, פארטיפען זיך, ענדערען זייער באַטאָנונג און אינטענסיוויטעט, לויט נאָך דעם ווי עס ענטוויקעלט זיך דאָס אידישע לעבען אויף דער וועלט, ווי עס שטייגט דער אידישער המון, סאָציאל און קולטורעל, ווי עס וועבט זיך בכלל דאָס וואונדערבארע געוועב פון היסטאָרישען פראָצעס.

אמאָל האָט מען געמיינט, דאָס די ערקענטניש פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער אויסנאַמס־לאַגע פון דעם אידישען פראָלעטאריאט אין דער פראָדוקציע איז שוין פאר דעם אידישען ארבייטער א גענוגענדער מאָטיוו, דאָס ער זאָל וועלען א אידיש לאַנד. אויב דער אידישער ארבייטער איז דורך דער קאָנקורענץ פון דער ארבייט פאראורטיילט צו בלייבען אין די אָפּגעשטאַנענע צווייגען פון דער פּראָדוקציע, קאָן די ערקענטניש פון זיין אויסנאַמס־לאַגע זיין פאר אים א מאָטיוו, דאָס ער זאָל וועלען א אידיש לאַנד.

עס ליגט א קערענדעל אמת אין דיזע געדאַנקען. דער אידישער ארבייטער געפינט זיך אין אן אויסנאַמס־לאַגע אויף דער וועלט, אקוראַט ווי דאָס אידיש פאָלק. דיזע אויסנאַמס לאַגע באשטעהט אָבער ניט אין דעם, וואָס דער אידישער ארבייטער שטעהט אויסערהאַלב פון דער גרויס־פּראָדוקציע. די אידישע פּראָלעטארישע אויסנאַמס־לאַגע איז א סך א ווייטערע און א טיפערע. אויף דער אידישער ארבייט ליגט דערזעלבער קין-צייכען, ווי אויף דעם אידישען פאָלק. זי ווערט אין דער וועלט פון קאָנקורענץ פאר ארבייט איזאָלירט פון דער הערשענדער ניט־אידישער ארבייט. זי האָט דערפאר די טענדענץ צו קאָנצענטרירען זיך אין ריין אידישע אינדוסטריען, אָדער זי ווערט פארדריינגט אין קלענערע פּראָדוקציאָנס־צווייגען, וועלכע שטעהען מייסטענס אונטער אידישער קאָנטראָל. די אידישע ארבייט האָט ניט קיין פּלאַץ אין דער ניט־אידישער אייזען אינדוסטריע אָדער מינען אינדוסטריע און באשאפט זיך אן אייגענע טעריטאָריע הויפּטזעכליך אין דער נאָדעל־אינדוסטריע. עס איז פאראן א געטאָ, א געצוואונגענע און פריוויליגע געטא פאר דער אידישער ארבייט, אזוי ווי פאר דאָס אידישע פאָלק.

דיזע אויסנאַמס־שטעלונג פון דער אידישער ארבייט איז נאָר א ווייטערע באלייכטונג פון דער אידישער גלות־נויט. אויף אזוי פיל, אָבער נאָר אויף

פון נצחון פון דעם אָדער יענעם פּרינציפּ וועט אויך אָפּהייגנען אויב דיזע גרעסטע פון אלע מלחמות זאָל זיין די לעצטע, אָדער אז דער בעכער פון ליידען פון דער פארבלוטיגטער מענשהייט איז נאָך ניט פיל. אויף איין זייט שטעהט דער אַלטער רעאקציאָנערער נאציאָנאליזם, וועלכער אנערקענט ניט קיין אידעע און קיין מאָראַל, נאָר גוואלדטעטיגקייט, מאַכט, מאיאָריטעט, אסימי־לאציע, און וויל איבערגעבען די הערשאפט איבער דער ערד און די פעלקער אין דעם רשות פון איינינגע מעכטיגע פעלקער, אָדער גאָר פון איין איינציגען פאָלק. דיזער נאציאָנאליזם שטיצט זיך אויף די מאָנארכיען, דער קירכע, דעם קאפּיטאליזם, דעם אימפּעריאליזם, אויף אלע געוואלדטעטיגע כחות פון דער ביזאהעריגער געשיכטע. אויף דער אנדער זייט האָט זיך אויפגעהויבען דער פּראָגרעסיווער נאציאָנאליזם, וועלכער פּראָקלאמירט דאָס היילינע רעכט פון אלע פעלקער אויף לעבען און ענטוויקלונג, אויף פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט פון אלע פעלקער, דעם ווערט און דאָס רעכט פון אלע נאציאָ־נאַלע קולטורען און קולטור־מעגליכקייטען. דיזער פּראָגרעסיווער נאציאָנא־ליזם וויל ווערען דער יסוד פאר דעם קומענדען אינטערנאציאָנאליזם און סאָ־ציאַליזם. ווארום נאָר די גלייכהייט פון אלע פעלקער קען מעגליך מאכען די הארמאָניע צווישען אלע פעלקער. דער אינטערנאציאָנאליזם און די האר־מאָניע צווישען די פעלקער איז די ערשטע באדינגונג פאר דער סאָציאלער הארמאָניע ביי יעדען פאָלק באזונדער.

באשטענדיגער ארבייט וועט דער ציוניזם מעגליך מאכען די ענטוויקלונג פון א באשטענדיגען אידישען ארבייטער קלאס מיט א שעפּפערישער סאָציאל־רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע און ענערגיע.

אָבער דיזע מאָטיוועו מאכען איצט פּלאַץ פאר דעם טיפערען אָרגאני־שען מאָטיוו פון ציוניזם. דער קולטורעל־ אויפוואכענדער אידישער פּראָלע־טאריאט ווערט איצט פּייאיג איבערצולעבען דיזען טיפערען מאָטיוו. דער אידישער פּראָלעטאריער איז א קולטור־מענש, דער נייער קולטור־מענש, אויף דער אידישער גאס. ער איז פאראנטווארטליך פאר דער געפאלענקייט פון דעם אידישען מענש צווישען מענשען, פאר דער פאנאנדערפאלענקייט פון דעם אידישען פאָלק אין דער מענשהייט, פאר דער געבונדענקייט פון דעם אידישען גייסט. אלס א קולטור־מענש טראָגט אין זיך דער אידישער פּראָ־לעטאריער דעם צער און צאָרן פון דער אידישער פארגאנגענהייט און געגענ־ווארט, און דעם חוב פון דער אידישער צוקונפט. אלס קולטור־מענש בויט ער די צוקונפט, לעבט אין דער געגענווארט מיט איר צויבערפול בילד, פאר־בינדט די געגענווארט מיט די שפּעטערדיגע דורות. ער וויל דערוואכונג און אויפלעבונג פון אידישען פאָלק, ווייל דאָס איז די ערלייזונג פון דער אידישער נויט, די אויפלייזונג פון די טראגישע אידישע סתירות דורך דעם שאפענדען און באפרייענדען ווילען. פון שטאנדפונקט פון קולטור איז דער סאָציא־ליסטישער ציוניזם די פארבעסערונג פון דער סטיכישער מענשליכער געשיכ־טע, א שריט ווייטער צו דער פארווירקליכונג פון אינטערנאציאָנאלען סאָ־ציאליזם, די איידעלסטע פרוכט פון דעם קולטורעלען שאפען פון אידישען גייסט.

עס זיינען דאָ קולטור־אידעאלע מאָטיוועו, פון וועלכע דער מאָדערנער אידישער פּראָלעטאריער דארף ווען דעם ציוניזם. כמעט ווי „מליצות“, ווי אונזערע סאָציאָלאָגען וואָלטען זאָגען, וועלכע ריידען פּראָזע און ווייסען ניט, דאָס עס איז פּאָעזיע. אָבער דיזע אידעאלע מאָטיוועו זיינען סוף כל סוף די טרייבענדע קראפט פון אלע גרויסע געזעלשאפטליכע באוועגונגען. אין נאָמען פון דער נייער מוזיק מיט איר דראמאטישער ערקלערונג פון לעבען האָט ריכארד וואגנער גערופען די דייטשע ארבייטער צו רעוואָלוציע און סאָציאליזם. אין נאָמען פון דער פארקערפּערונג פון קונסט און שיינהייט אין ארבייט און לעבען האָט דזשאן ראסקין געפּריידיגט די נייע סאָציאלע וועלט אויף זיינע ענגלישע ארבייטער מיטינגס. ווען מארקס בויט דעם סאציאליזם אויף א היסטאָרישער נויטווענדיגקייט און אויף מאטעריעל־עקאָנאָמישע אינטערעסען, פאראייניגט ער מיט א כיון דעם קרייז פון מענש־ליכער מאָטיווירונג, ווייל ער זעהט נאָך די אומבאוואוסטזיניגע, בלינדע סטי־כישע, מענשליכע געשיכטע. ער ערלייזט דיזע בלינדע וועלט דורך דער

אזוי פיל קען זי זיין איינע פון די מאָטיווען פון ציוניזם פאַר דעם ארבייטער קלאַס. ווייל די אידישע ארבייט געפינט זיך אין אן אינדוסטריעלען געטא, פאר וועלכע עס זיינען פארצאמט די טירען פון אנדערע אינדוסטריען, און אויך די טויערען פון אנדערע לענדער, דאַרף דער אידישער פּראָלעטאריאט וועלען אן אייגען אידיש לאַנד פון ארבייט און פרייהייט.

דיזער סאָציאַל־עקאָנאָמישער מאָטיוו איז קיינמאָל ניט ארויסגעשטעלט געוואָרען אלס דער איינציגער מאָטיוו פון ציוניזם פאַר דעם פּראָלעטאריאט. עס זיינען אויך דערקענט געוואָרען די אינערליכע סתירות וועלכע ענטוויק־לען זיך צווישען דעם אידישען גלות און דעם אידישען סאָציאַליזם. די סתירה פון דעם אידישען סאָציאַליזם אין גלות איז אַ מאָטיוו פאַר דעם ציוניסטישען אידעאַל. די סתירה פון דעם אידישען סאָציאַליזם אין גלות איז אַ דאָפּעלטע. דער אידישער פּראָלעטאריאט ענטוויקעלט זיך נאָך אין גלות, אין דער פורכטבארער אטמאָספערע פון פּאָליטיש-סאָציאַלער אונטערדריקונג. זינקט דער אויסערליכער דרוק אויף אידען, הויבט זיך אָן זייער אינוויינינגסטער סאָ־ציאַלער אויפשטייג. די אויסוואנדערונג פון אידען פון מזרח־אייראָפּא אין דער פרייער אמעריקא איז אויך אַ פּאַמעליכער אויפשטייג פון אידען פון פּראָלעטאריאט צו דעם מיטעל־קלאַס און דעם העכערען קלאַס. „ווערט דער איד פריי, לייגט ער אויס... סוקסעס", האָט זאנגוויל באמערקט ערגעץ וואו זייער שאַרפזיניג. די ענטוויקלונג פון דעם אידישען פּראָלעטאריאט און פון דעם אידישען סאָציאַליזם שטעהט אין אן ענטגעגענזעצטער פארהעלטניש צו דער פּאָליטישער גלייכבארעכטיגונג פון אידישען פאָלק. דער באַזיס פאַר אידישען סאָציאַליזם, דער פּראָלעטאריאט און די ארבייט, קען באשאפען ווערען ערשט אין אן אייגען אידיש לאַנד.

אָבער נאָך אַ וויטערע סתירה איז פאראן אין דעם אידישען סאָציאַ־ליזם. ווען ער וואַכט אויף אויף דער אידישער גאַס, איז ער פול מיט ענער־גיע, מיט גייסטיגער און מאָראַלישער וויטזיכטיגקייט און קראַפט. דער אידי־שער ארבייטער קלאַס איז פארטיג פאַר'ן ענטשיידענעם סאָציאַלען קאַמף, בשעת דער ארומיגער פּראָלעטאריאט שטעהט נאָך קוים אויף זיינע סאָציאַ־ליסטישע פיס. אָפטמאָל איז דער אידישער פּראָלעטאריאט דער לערער אין רעוואָלוציע און סאָציאַליזם פאַר דעם ניט אידישען פּראָלעטאריאט. דער אידישער סאָציאַליזם ווערט אויפגעגעסען פון דער סתירה צווישען זיין וועלען און זיין קאָנען, צווישען זיין רייפקייט און דער ארומיגער אָפּגעשטאַנענקייט. די אידישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע ענערגיע צושווימט זיך געוויינליך און פּאַרוואַנדעלט זיך געוויינליך צוזאַמען מיט דער סאָציאַלער פארוואנדלונג אין אן אינדיווידועלער, און ווען זי קלייבט זיך שוין יאָ אויף, עסט זי זיך אליין אויף אין אונפּרוכטבארער איזאָלירטקייט. דורך דער באשאפונג פון

דער אידישער שטאַט *)

א גרויסער חלום האָט זיך פארווירקליכט. נאָך א גרויסער געשעהעניש אין צוזאמענהאנג מיט דער רעוואָלוציאָנערער וועלט־מלחמה. ענגלאנד עראָבערט פּאַלעסטינא און ערקלערט פּאַלעסטינא פאר ארץ ישראל, פאַר א היים פאר דעם אידישען פאָלק. און מיט דער גרעסטער דייטליכקייט און קלאָרקייט ערקלערט ענגלאנד, אז דער אידענשטאַט איז ניט א מתנה צו אידען אנשטאט זייערע בירגערליכע און פּאָליטישע רעכט אין זייערע גלות־לענדער. פארקערט, ציון זאָל ווערען דער העכסטער שטאַפּעל, די קרוין פון דער אידישער עמאַנציפּאציע אומעטום, דער לעצטער אקט אין זייער גע־רעכטען קאמף פאר גלייכבארעכטיגונג אין דער גאנצער וועלט. דאָס איז דער זין פון דער ענגלישער דעקלאראציע, וועלכע זאָגט, אז די אידישע היים אין ארץ ישראל זאָל ניט בארויבען די אידען פון זייערע רעכט חוץ לארץ ישראל. די וועלט־מלחמה האָט געבראכט די רעוואָלוציע אין רוסלאנד, האָט דעמאָקראַטיזירט די פעלקער, האָט דערנעהענטערט יעדען שטאַט צו דער סאָ־ציאלער רעוואָלוציע, האָט פּראָקלאמירט די פרייהייט פון אלע אונטערדריקטע פעלקער, און האָט איצט פארווירקליכט דעם חלום פון שיבת ציון.

עס איז א כלל אין דער מענשליכער געשיכטע אזוי ווי אין דער נאַטור, אז קיין כח ווערט אין איר ניט פארלאָרען. פאר יעדער אידעע, וועלכע דער באשריינקטער שכל באטראכט געוויינליך אלס אן אומדורכפירבארע אוטאָפּיע, מוז דאָך קומען די צייט פאר פארווירקליכונג, אויב נאָר אָט די אידעע איז בהסכם מיט דעם שכל און דעם יושר פון לעבען. די אידעע פון א אידישען שטאַט, וועלכע איז אויפגעוואכט ביי אלע רעוואָלוציאָנערע און אויפגע־קלערטע גייסטער פון דעם ניינצעהנטען יאָרהונדערט, האָט געקלונגען ווי אַן אוטאָפּיע, ווי א געדאנק, וועלכער דער פאנטאַסטישער שכל איז מחיב, אָבער פאַר וועלכען עס איז אין דער הארטער ווירקליכקייט ניטאָ קיין אָרט. גרויסע נאַטורען צווישען אידען און ניט־אידען האָבען געגלויבט אין דער אומקערונג פון אידען אין ארץ ישראל, און קליינע נאַטורען, באזונדערס ביי אידען גופא, האָבען דערפון געלאכט און געשפּאָטעט. וואָס קלענער און „פּראַקטישער" דער איד איז געווען, אלץ מער קליינליכע סברות האָט ער ארויסגעפונען, כדי צו באווייזען די אונמעגליכקייט פון ציוניזם און אלץ מער האָט ער אין זעלבסטצופרידענער באשריינקטקייט געלאכט פון די פאנטאזיאָרען און בעלי־חלומות ביז דער אָפּטימיסטישער כלל איז פאר אונזערע אויגען פאר־

*) פון „טאָג" 20־טען נאָוועמבער, 1917, געשריבען באַלד נאָך דעם פארעפענט־ליכען פון דער באַלפור־דעקלאראציע.

פילאָזאָפיע פון היסטאָרישער ענטוויקלונג, דורך דעם אָנזאָג פון פאָרטשריט דורך קאמף, וועלכער וואלטעט אין דער געשיכטע. אָבער אויך מארקס און ענגעלס האָבען שוין געוואוסט פון דעם אנדערען שליסעל פון דער געשיכטע, פון קולטור, מאָראל און גייסט. נאָר זייער ווירקונג וועט אָנהויבען זיך אין דער צוקונפטיגער עפּאָכע פון פרייהייט, וועלכע וועט קומען נאָך דער איצטי־גער עפּאָכע פון נויטווענדיגקייט, ווי די באגרינדער פון היסטאָרישען מאטע־ריאַליזם דריקען זיך אויס.

די העכסטע באגרינדונג פון דעם ציוניזם פאר דעם באוואוסטזיניגען אידישען פראָלעטאריער איז, דאָס ער דערהויבט און פארשענערט דאָס לעבען. ער איז אן אידעאל פון צוקונפט, וועלכער וועקט די העלדישע ענערגיע פון דער געגענוואַרט. איבער אלע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע, מאטעריעלע מאָטי־ווען פון ציוניזם שוועבט דער אידעאלער מאָטיוו, וועלכער קומט פון די טיפע־נישען פון מענשליכער נשמה און קערט זיך צו איר אום, רופענדיג און שאפענדיג.

דאָס דער ציוניזם איז ניט קיין אוטאָפּיע לערנט אונז די וועלט גע־שיכטע. קיינער קען ניט ווייזען, דאָס דער פרייהייטס־חלום איז ווען עס איז געבליבען אין דער מענשליכער געשיכטע אן אומפארווירקליכטע אוטאָ־פּיע. „אזוי ווי די מענשליכע געשעהענישען זיינען פארענדערליך, קען עס זעהר מעגליך זיין, דאָס אידען זאָלען נאָך אמאָל באקומען א זעלבסטשטענ־דיגע מלוכה“, — אזוי האָט שוין שפינאָזא געזאָגט זיין פילאָזאָפישע נבואה מיט יאָר הונדערטער צוריק,—„אויב די אידען וועלען זיך באפרייען פון דער אָבשוואכענדער ווירקונג פון זייער תורה“, — איז שפינאָזא ווייטער מוסיף. פון דער אָבשוואכענדער ווירקונג פון דעם גלות־גייסט, איז דער אייגענטליכער אויסטייטש דערפון. דער אידישער סאָציאליסט, דער קולטורעלער פראָלע־טאריער, באפרייט זיך פון דיזער אָבשוואכענדער ווירקונג פון גלות־גייסט, און וואָס מער ער באפרייט זיך, אלץ מער איז ער מסוגל דעם ציוניזם צו איבערלעבען פון אלע זיינע פארצווייגטע און טיפזיניגע מאָטיווען. און וועט דער פראָלעטאריאַט דעם ציוניזם איבערלעבען, וועט ער אים אויך באשאפען און פארווירקליכען אין דעם שטראָם פון די „מענשליכע געשעהענישען“, וועלכע זיינען פארענדערליך“, ווי שפינאָזא האָט עס געזעהן בנבואה.

מיט דעם פריצייטיגען אַנזאָגען פון ציוניזם. יאָרצענטען פאר דער ציונים־טישער באוועגונג האָט שוין אויפגעלעבט ביי אידען און ניט אידען די ראָמאַנטישע „אוטאָפּיע" פון א אידישען שטאַט, וועלכער ווערט איצט אזוי וואונדערבאר פארווירקליכט פאר אונזערע אויגען.

מער אָבער איידער ביי אידען זעלבסט אפשר האָט די אידעע פון דער אידישער אומקערונג אין ארץ ישראל געפונען איר אָפּקלאַנג אין ענגלישען פאָלק. אין דער רעפאָרמאַציאָנס־באוועגונג האָבען זיך די נאָרדליכע פעלקער פון אייראָפּא אָפּגעווענדעט פון קאַטאָליציזם צוריק צו דער ביבעל, צו דעם ריינעם און מאָראליש־מענשליכען גייסט פון אידענטום. ביי דעם דייטשען פאָלק האָט אָבער די פרומע ביבעל ניט געלאָזען קיינע טיפע וואָרצלען, דער פּראָטעסטאַנטיזם האָט דאָרט געפירט צום אטעאיזם, צו דער דייטשער פילאָזאָפיע, צו קאַנט און העגעל, וועלכע האָבען איינגעשפּאַנט די וועלט אין די קאַטעגאָריען פון פארנונפט. אין ענגלישען פאָלק אָבער האָט די ביבעל געפירט צו א נייער רעליגיעזיטעט און האָט רעפאָרמירט דאָס לעבען, דאָס פּריוואַטע לעבען אזוי ווי דאָס פּאָליטיש־שטאַטליכע. די נייע ענגלישע דעמאָקראַטיע איז געגרינדעט געוואָרען אויף דער מאָראַל און שטילער פרומקייט פון דער תורה, און אין דער קראָמוועל־רעוואָלוציע קלינגט אזוי פיל נאָטקעס פון דעם אַלטען טעסטאַמענט. פילע שטאַטען פון אמעריקא, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרען פון די פּוריטאַנער, האָבען אויסגעארבייט זייערע דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציאָנען נאָך דעם גייסט פון דער תורה און באַרופען זיך אין זייער באַגרינדונג אויף די אמת'ען פון אַלטען טעסטאַמענט. אין ענגלישען פאָלק לעבט זייט יאָרהונדערטער א פּארבאָרגענע באוואונדערונג פאר דעם ביבלישען פאָלק ישראל, ווי אויך אַן אומבאוואוסטזיניגער גלויבען, אז דאָס פאָלק ישראל וועט זיך נאָך אומקערען אין ציון.

ביקאָנספילד האָט דער ערשטער געגעבען דיזער ביבלישער סימפּאַטיע פון די ענגלענדער צו ציון און דעם פאָלק ישראל א פּאָליטישען אינהאַלט. ער האָט אָנגעהויבען לערנען דאָס ענגלישע פאָלק, דאָס א פרייעס אידישעס ארץ ישראל קען ווערען א מעכטיגער גליד אין דער בריטישער אימפּעריע, א פארבינדונגס־פּונקט צווישען עגיפּטען און אינדיען, צווישען אפריקא, אזיען, און אויך אייראָפּא. זייט דעם טראָגט זיך צווישען די ענגלענדער די אידעע פון א אידישער מלוכה אין ארץ ישראל דורך ענגלאַנד'ס הילף. סער אָליפאַנט, קאָנדער, לאָרד אבערדין און פילע פארטרעטער פון דער ענגלישער פּאָליטיק, אריסטאָקראַטי און קירכע האָבען געפּרואווט זיך מאכען פּראַקטישע פּארזוכען צו העלפען דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל און צו שטארקען די ציון־באוועגונג פּאָליטיש. בשעת הערצל איז אויפגעטראָטען אין יאָר 1897 מיט זיין ציוניסטישער פּאָליטיק, האָט ער געפונען די ווייטסטע

ווירקליכט געוואָרען, אז פאר יעדער גרויסער אידעע מוז קומען איר צייט, ווי שווער די געבורט־שמערצען זאָלען ניט זיין.

שוין שפינאָזא אין זיבעצענטען יאָרהונדערט האָט מיט זיין נביאיש־פילאָזאָפישען בליק פאָראויסגעזעהן די מעגליכקייט פון דער אומקערונג פון אידען אין ארץ ישראל. ער זאָגט די בארימטע ווערטער: „אזוי ווי די מענשליכע צושטענדען זיינען פארענדערליך, איז ביי א באשטימטער געלעגענ־הייט מעגליך, אז אידען וועלען ווידער אויפבויען זייער אמאָליגען שטאַט". דער דייטשער פילאָזאָף פיכטע אין אָנהויב פון נײנצענטען יאָרהונדערט, וועל־כער איז אויך געווען דער ערשטער דייטשער סאָציאליסט, האָט פאָרגע־שלאָגען, אז די פעלקער זאָלען אָפּגעבען אידען ארץ ישראל, אָבער פיכטע איז געווען א אידען־פיינד. ער האָט געלעבט אין דער צייט פון דעם אויפוואַ־כענדען דייטשען פאַטריאָטיזם געגען נאַפּאָלעאָן, אין דער צייט פון די דייטשע פּאָגראָמען געגען אידען און דעם געשריי: העפּ, העפּ! ביי פיכטע איז דער אידישער שטאַט א תשובה אויף דער אידישער פּלאָג, מיט וועלכער די מענש־הייט איז געשטראָפט געוואָרען. אויך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציאָ־נער פעסטעל, וועלכער איז הינגעריכטעט געוואָרען אלס אָרגאניזאטאָר פון דעם דעקאבריסטען־אויפשטאנד אין יאָר 1825 געגען ניקאָלאי דעם ערשטען, האָט אריינגענומען אין זיין פּראָגראם פאר דעם סאָציאליסטישען איבערבוי פון דער מענשהייט דעם געדאנק פון א אידישען שטאַט אין ארץ ישראל. פעסטעל'ס אידישער שטאַט נעמט זיך ניט, ווי ביי דעם דייטשען פילאָזאָף פיכטע, פון שנאה צו אידען, נאָר פון זיין אלגעמיינער הומאַניטעט און זיין גלויבען, אז די וועלט קאָן איבערגעבויט ווערען אויף די יסודות פון פארנונפט און גערעכטיגקייט.

דעם חלום פון א אידישען שטאַט האָבען גע'חלום'ט די בעסטע אידען פון נײנצענטען יאָרהונדערט, נאָך פיל פריער פאר דער ציוניסטישער באווע־גונג. עמנואל נח, דער מערקווירדיגער אידישער פּאַטריאָט פון אמעריקא, וועלכער האָט געוואָלט אויפבויען א אידישע טעריטאָריע ביי נייאגארא פאַלס, איז געווען דער ערשטער ציוניסט פארלאַכט און פארשפּאָטעט פון די אידען פון זיין צייט. היינע און לאסאל האָבען זיך אין מאָמענטען פון זייער לעבען ארומגעטראָגען מיט דעם חלום פון א אידישער מלוכה, און אָט דער געדאנק האָט אויך אויפגעבליצט ביי פיל אנדערע אידישע רעוואָלוציאָנערען פון יענער צייט, באזונדערס ביי די אידישע תלמידים פון סען סימאָן. דער גרוי־סער אידישער סאָציאליסט מאָזעס העס, וועלכער פארנעמט נאָך מארקס און ענגעלס אין דער געשיכטע פון סאציאליזם דעם נעקסטען פּלאַץ, איז שוין אין יאָר 1862 אויפגעטראָטען אלס דער פילאָזאָף און נביא פון ציוניזם. זיכער זיינען פיל ראדיקאלע אידישע גייסטער פון יענער צייט געווען אין הארמאָני

דער סאָציאַליסטישער ציוניזם *)

דער סאָציאַליסטישער ציוניזם איז מיט צוועלף יאָר צוריק געווען נאָך אַן אַלגעמיינער געלעכטער, אַ משונה'דיגע זאַך, איבער וועלכער מען האָט געמאַכט גוטע און שלעכטע וויצען, אַ פאַראייניגונג פון אידעען און באַגריפען, וואָס קלוגע מענשען האָבען געהאַלטען פאַר אונמעגליך. איצט איז דער סאָציאַליסטישער ציוניזם אַ לעבעדיגער פאַקט, אַ געזעלשאַפטליכע באַוועגונג.

איצט איז דער סאָציאַליסטישער ציוניזם אַ פאָרמעל פאַר דער לייזונג פון דעם אידישען פּראָבלעם, וואָס מען קען שטרייטען געגען איר פּראַקטישער אויספירבאַרקייט, אָבער וואָס קיינער קען זי מער ניט שטעמפּלען אַלס ווידער־שפּרוכספול, אַלס ניט־לאָגיש, אַלס אַ פאַנטאַסטישע אויסטראַכטעניש. די פאַראייניגונג פון ציוניזם און סאָציאַליזם צו אַ העכערען באַגריף זעהט שוין אויס פאַר דער גאַנצער אידישער ראַדיקאַלער וועלט אַלס אַן ערנסטע מעגליכ־קייט, וויבאַלד נאָך דער נאַציאָנאַליזם בכלל איז ערלויבט פון סאָציאַליסטי־שען שטאַנדפּונקט און אידישע קאָלאָניזאַציע אין פּאַלעסטינא איז פּאָליטיש און טעכניש דורכפירבאַר.

אויב ציוניזם און סאָציאַליזם האַלטען איצט אין פאַראייניגען זיך, טאָ וואָס איז געווען די סבה פון זייער ביטערען, געגענזייטיגען קאַמף פאַר די לעצטע פאָר צענדליג יאָר? מיט דיזער געזעלשאַפטליכער ערשיינונג איז עס אַקוראַט ווי מיט יעדער אַנדערער געזעלשאַפטליכער ערשיינונג. אחר המעשה באַרשטעהען מיר זי קלאָרער, ריכטיגער און טיפער, איידער אין דער צייט פון איר פּאַסירונג גופא. דער קאַמף צווישען ציוניזם און סאָציאַליזם אָדער, אפשר בעסער געזאָגט, פון סאָציאַליזם געגען ציוניזם איז געווען אַזאַ פאַר־ביטערטער און ליידענשאַפטליכער, ווייל ביידע באַוועגונגען האָבען דוקא געהאַט אַן אינווייניגע נאָענטקייט און אַנציאונג צווישען זיך, וועלכע איז געווען אַ סך שטאַרקער און פעסטער, איידער זייער אויסערליכער געגענזאַץ, וועלכער האָט זיך גענומען פון זייטיגע סבות און צופעליגע מיספאַר־שטענדנישען.

בשעת נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, אין אָנהויב פון די אַכציגער יאָרען, איז אַרויסגעוואַקסען די חבת ציון באַוועגונג, די „פּאַלעסטי־נאָפילסטווע", ווי זי האָט זיך דאַמאָלט אָנגערופען, איז נאָך ניט געווען קיין אידישע אַרבייטער באַוועגונג. דער סאָציאַליזם האָט אָנגערירט נאָך די

*) פון „טאָג" (ניו יאָרק), 14טער נאָוועמבער, 1915.

פארשטענדנים פאר זיינע אידעען צווישען ענגלענדער. אויך אלע זיינע פארבינדונגען מיט דעם דייטשען קיסר, וועלכע ער האט שפעטער געמאכט, האט ער געהאט צו פארדאנקען איינציגע ענגליש־קריסטליכע ציוניסטען, באזונדערס דעם ענגלישען רעווערענד העכלער, וועלכער איז געווען א מקורב צום גראסהערצאג פון באדען.

הערצל האט אויף א ווייל געפרואווט פארבינדען דעם שיקזאל פון ציוניזם מיט דייטשלאנד׳ס אימפעריאליסטישע שטרעבונגען אין אריענט. דאס איז געווען אין דער צייט ווען דייטשלאנד האט אריינגעשטעלט איר ערשטע פוס אין דער טערקיי, און ווען ווילהעלם דער צווייטער האט זיך ערקלערט פאר דעם קריסטליכען באשיצער פון דער גאנצער מאכמעדאנישער וועלט. אבער דוקא די דייטשע פאליטיק אין דער טערקיי האט געמאכט א סוף צו הערצל׳ס האפנונגען און ערווארטונגען אין קאנסטאנטינאפעל. הערצל ווענדעט זיך ווידער צו ענגלאנד, און טשעמבערליין באט אן אין יאר 1903 אוגאנדא אלס א אידישעס אויטאנאמעס לאנד.

אין די יארען פון דער וועלט־מלחמה האט זיך דער אינטערעס פאר דעם ציוניזם אויפגעוועקט אין אלע לענדער. אין רוסלאנד, פראנקרייך, איטאליען, דייטשלאנד, ענגלאנד, אמעריקא, האבען זיך אנגעהויבען הערען גינסטיגע שטימען פאר דעם ציוניזם, און באזונדערס זיינען געקומען דיזע שטימען פון דעם פראלעטאריאט און די סאציאליסטען. דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער סעקרעטאריאט, די ענגלישע ארבייטער פארטיי, די אמעריקאנער אלייענס פאר לייבאר און דעמאקראסי, האבען אנגענומען אפילו רעזאלוציאנען פאר א אידישע היים אין ארץ ישראל. אבער דא האט זיך ארויסגעוויזען דער טיפער אונטערשיד צווישען דייטשלאנד און ענגלאנד. אין דייטשלאנד האט מען אין דער מלחמה־צייט גערעדט וועגען דעם ציוניזם אלס א סאבסטיטוט פאר אידישער גלייכבארעכטיגונג, אלס א קאלאניזאציאנס־פלאן פאר די פוילישע אידען, פאר וועלכע די גרענעצען פון דייטשלאנד מוזען בלייבען פארשפארט. ענגלאנד פארקערט האט אויסדריקליך באטאנט, דאס דער ציוניזם טאר ניט זיין קיין אויסרייד צו באגרענעצען וואו עס איז די אידישע רעכט. דייטשלאנד׳ס ציוניזם איז א טייל פון איר אנטיסעמיטיזם, גאנץ אין גייסט פון פיכטע. ענגלאנד׳ס ציוניזם איז א דערגענצענדער גליד אין דער דעמאקראטישער בריטישער אימפעריע און ציט זיין אידעאלאגיע פון די טראדיציעס פון דעם ענגלישען ביבעל־ענטוזיאזם.

אזוי באררייכערט זיך אלץ מער און וואונדערבארער די אידעאלאגיע פון דער רעוואלוציאנערער מלחמה. אויך דער חלום פון שיבת ציון, די אידעע פון דעם אידישען שטאט איז אריינגעפלאכטען געווארען אין דיזען גיגאנטישען קריג צווישען פרייהייט און רעאקציאן.

איז באַלד פּאַרוואַנדעלט געוואָרען אין חבת־ציון, אין אַ נאַציאָנאַלען סענטי־מענט מיט ישוב ארץ־ישראל אויף דעם חשבון פון באַראָן ראָטשילד. די מאסען האָבען געזוכט זייער הילף אין דער עמיגראַציע קיין אמעריקא און אין דער פּראָלעטאַרישער און סאָציאַליסטישער באוועגונג.

נאָר אָט איז אין יאָר 1897 אויפגעטראָטען דער פּאָליטישער ציוניזם מיט דעם גרויסען הערצל אַלס פירער. אַ אידען־שטאַט, אַ פּאָליטיש־אונ־אבהיינגיגע אידישע נאַציע! דער משיח־רוף האָט געשאַפען וואונדער צווישען אידען, און באַלד איז ענטשטאַנען אַ גרויסע ציוניסטישע באוועגונג, וועלכע האָט ארומגענומען אידען פון אַלע לענדער און פון אַלע קלאַסען, און קודם כל די אינטעליגענטע יוגענט, וועלכע איז אומעטום דער הייווען פון אַ געזעל־שאַפטליכער באוועגונג. בשעת עס איז אויפגעטראָטען דער פּאָליטישער ציוניזם האָט שוין אָבער אויך עקזיסטירט אַ באדייטענדע סאָציאַליסטישע באוועגונג צווישען די אידישע ארבייטער אין אמעריקא און איירָאָפּאַ. דריי וואָכען נאָך דעם ערשטען ציוניסטען־קאָנגרעס אין באַזעל, אין יאָר 1897, האָט זיך אָרגאַניזירט דער „בונד“ אין רוסלאַנד. און אָט האָט זיך אָנגע־הויבען דער כמעט ווי היסטאָריש־געוואָרענער קאַמף צווישען ציוניזם און סאָציאַליזם.

דער ציוניזם האָט גערופען צו אַ שטאַט אָדער אַן עפענטליך רעכטליך געזיכערטער היים אין ארץ־ישראל, וועלכע זאָל באַלד אויפגעבויט ווערען. אין גלות זיינען אידען מאַכטלאָז, אונפּראָדוקטיוו און דאַרפען זיך נאָר פּאַר־בארייטען אין גלות צוליב דער היים אין ארץ־ישראל. דער אידישער סאָ־ציאַליזם האָט אין דעם חלום פון ציון ניט געגלויבט, דערפאַר האָט ער גע־גלויבט אין דעם חלום פון דער רוסישער רעוואָלוציע. מאָרגען פאַלט די רוסישע זעלבסטהערשאַפט, אידען באַקומען גלייכבארעכטיגונג אין'ם דעמאָ־קראַטישען רוסלאַנד, די אידישע פראַגע אין רוסלאַנד און דערמיט אין דער גאַנצער וועלט איז געלייזט. אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם וועט זיך אויפלייזען דאָס לעצטע רעשטעל פון דעם אידישען פאָלק. די אידישקייט, וועלכע איז געווען דעם ציוניסט טייער, איז געווען דעם סאָציאַליסט פרעמד און נאָר אבשטויסענד, און עס האָט זיך אָנגעהויבען דער ליידענשאַפטליכער קאַמף צווישען דעם אידישען ציוניסט און דעם „אידיש־שפּרעכענדען“ און „אידיש־אָרגאַניזירטען“ סאָציאַליסט.

אָבער אין דעם געגענזייטיגען קאַמף האָבען זיך ציוניזם און סאָציאַליזם ביסלאַכווייז פאַרשטאַנען און פאַראייניגט, און די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון דער צייט האָט געלערענט דעם אמת פון סאָציאַליסטישען ציוניזם. דער לשנה הבאה בציון האָט זיך ארויסגעוויזען אקוראַט אַזאַ חלום, ווי דער לשנה הבאה אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דער ציוניסט האָט געמוזט

אידישע געבילדעטע יוגענד. אויך די חבת ציון איז געוועז בלויז א שטרע־בונג פון אינטעליגענץ. דער סאָציאַליזם און פאַלעסטיניזם האָבען אָנגעריַרט פארשידענע טיפען פון אינטעליגענץ: דער סאָציאַליזם — די מער אסימי־לירטע יוגענט, וועלכע האָט זיך ערצויגען גייסטיג אויף דער רוסישער ליטע־ראַטור; דער פאַלעסטיניזם — די מער נאַציאָנאַלע און טראַדיציאָנעלע יוגענט, וועלכע איז געווען צוגעבונדען מיט גייסטיגע פעדים צום אידענטום און צום אידישען פאָלק. דער געגענזאַץ צווישען דעם דאַמאָלטיגען פאַ־לעסטיניזם און סאָציאַליזם איז געווען די אָפּשפּיגלונג פונ׳ם פארשידענעם כאַראַקטער פון די דאַמאָלטיגע פאַלעסטינצעס און סאָציאַליסטען. דער סאָציאַליסט האָט געדינט דער עבודה זרה פון אסימילאַציע, ער האָט געזעהן די ערלייזונג פון אידישען פאָלק אין זיין א ו י פ ל י י ז ו נ ג צווישען אַנדערע פעלקער, ער האָט ניט געהאַט קיין צוגעבונדענקייט ניט צו דער אי־דישער מאַטעריע און ניט צום אידישען גייסט, ניט צום פאָלק און ניט צו זיין קולטור, ער איז געשטאַנען מיט זיינע ביידע פיס אין דער קולטור און אין די אינטערעסען פון פרעמדען פאָלק. דער פאַלעסטיניזם איז אים בעפאַר געווען אומפארשטענדליך, שטערענד און אומבאַקוועם אין זיינע אסימילאַ־טאָרישע נייגונגען. דער פאַלעסטינעץ דאַגעגען האָט זיך אויפגעהאָדעוועט על פּי רוב אויף לשון קודש, אויף השכלה־ביכלאך, אויף אידישקייט, איז ניט געווען אָנגעריַרט פון דעם ראַדיקאַליזם פון דער רוסישער ליטעראַטור און פון אירע געזעלשאַפטליכע פּראָבלעמען. פאַלעסטיניזם און סאָציאַליזם זיינען זיך דאַריבער פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פארשידענע וועגען.

אָבער פאַלעסטיניזם און סאָציאַליזם זיינען זיך אויך דאַמאָלט צונויפ־געקומען אויף א ווייַלע. דער דאַמאָלטיגער פאַלעסטיניזם האָט אין אָנהויב זיך אויפגעהויבען צו א פאָלקס־באַוועגונג, צו א מאַסען־וואַנדערונג אין ארץ־ישראל צוליב מאַסען־קאָלאָניזאַציע. אלס א מאַסען־באַוועגונג האָט דער פאַלעסטיניזם געמוזט אָנרירען אויך די נאַציאָנאַל־געשטימטע אידישע סאָ־ציאַליסטען. שוין דאַמאָלט, אלזאָ, מיט מער ווי דרייסיג יאָר צוריק, איז ענטשטאַנען די אָרגאַניזאַציע ביל״ו, פון סאָציאַליסטען־פאַלעסטינצעס, וועל־כע זיינען געפאָרען אין ארץ ישראל מיט שטורמדיגע, נאַציאָנאַלע און נאָך מער שטורמדיגע אָבער גאַנץ אומבאַשטימטע קאָמוניסטישע צילען. איצט ווייס מען אויך דאָס די דאַמאָלטיגע בארימטע אידישע סאָציאַליסטען, ווי פ א ו ו ע ל א ק ס ע ל ר א ָ ד אין דער שווייץ און מיט אים פילע אַנדערע אידישע און, אפילו רוסישע סאָציאַליסטען, ווי וו ע ר א ז א ס ו ל י ט ש, האָבען זיך ערנסט אינטערעסירט מיט דער פראַגע וועגען ארץ ישראל אלס א לאַנד פאַר אידישער איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע.

אָבער דער פאַלעסטיניזם איז ניט געוואָרען קיין פאָלקס־באַוועגונג. ער־

ציוניזם. א פרייע לאַנד פאַר דער אידישער נאַציע איז ניט דער היפּך, נאָר די דערגענצונג פון אידישען סאָציאַליזם, און אז דאָס פרייע אידענלאַנד דאַרף זיין אויפגעבויט אויף העכערע סאָציאַלע יסודות, איז דער לאָגישער פּועל־יוצא פון ציוניזם. איז דאָס אָבער רעאַל־מעגליך, דורכפירבאַר? ווער עס גלויבט אין די כחות פון אידישען פּראָלעטאַריאַט, קען ניט לייקענען אין די כחות פון דער אידישער נאַציע, און ווער עס האָפט אויף דער אויפלעבונג פון דער אידישער נאַציע, קען זיך ניט פאָרשטעלען דיזע אויפלעבונג פון דער נאַציע אָהן דער פירערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט.

מודה זיין אין דער עקזיסטענץ פון אידישע אינטערעסען אין גלות, און דער סאָציאַליסט האָט געמוזט מודה זיין דאָס דער גלות איז אָנגעפילט מיט סתירות. אויב ציון איז ווייט, איז בארעכטיגט די רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע פון די מאַסען אין גלות, און אויב דער גלות איז לאַנג, איז בארעכטיגט די אידישע אויסוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל. אויב דער ציוניזם וויל דעם עקאָנאָמישען איבערבוי פון אידען אין ארץ ישראל, טאָר ער ניט זיין גלייכגילטיג צו דעם קאַמף צווישען ארבייט און קאַפּיטאַל אין חוץ לארץ, און אויב דער סאָציאַליזם וויל קלאַסען קאַמף ביי אידען, דאַרף ער באגריסען דעם ציוניזם מיט זיין שטרעבען צו דער באַשאַפונג פון אידישער פּראָדוקטיווער ארבייט אין ציון. אויב דער ציוניזם זוכט די היסטאָרישע תשובה אויף דער נויט פון דער נאַציע דאַרף ער ניט זיין גלייכגילטיג צו דער נויט פון דעם עקאָנאָמיש-אונטערדריקטען פאָלק, און דער סאָציאַליזם קען ניט פאנאנדערטיילען צווישען דער פּראָלעטאַרישער נויט און נאַציאָנאַלער נויט.

דער אינטערנאַציאָנאַליזם לאָזט צו צוויי אויסטייטשונגען: די אויבערפלעכליכע אויסטייטשונג קען מיינען די אויסמישונג פון אלע נאַציאָנען אין א משונה'דיגער סתם-נאַציע, אָבער די ריכטיגערע און טיפערע אויסטייטשונג איז די האַרמאָניע צווישען אלע קולטורעל פאנאנדערגעבליטע נאַציעס צו איין אָרגאַנישער מענשהייט. אזוי האָבען זיך ציוניזם און סאָציאַליזם פאַרשטאַנען און פאראייניגט אין דעם נייעם באגריף פון סאָציאַליסטישען ציוניזם.

אלס א באוועגונג איז די ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע שטימונג נאָך אלץ ביי איר אָנהויב. מיט צען יאָר צוריק, אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט זי אויף א ווײַלע אָנגעכאַפּט די מאַסען און געצעהלט צענדליגער טויזענטער ארבייטער אונטער אירע פאָנען. אָבער איידער זי האָט זיך נאָך אָרגאַניזירט אין טעאָריע און פּראַקטיק איז זי דורך משונה'דיגע באדינגונגען פון אידישען לעבען פאנאנדערגעפאַלען אין פארשידענע זיך באקעמפענדיגע לאַגערען, אין סאָציאַליסטען-טעריטאָריאַליסטען, פּועלי-ציון, סיימיסטען און איז אין דער צייט פון דער רוסישער קאָנטער-רעוואָלוציע ווייטער געפאַלען און ווייטער אויפגעלייזט געוואָרען אין ראַדיקאַלען נאַציאָנאַליזם, אידישיזם, גלותיזם א. א. וו., פאַר דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם איז די צייט געווען צו רואיג, פאַרצווייפעלט און אויסגעוועבט.

אָבער אָט איז געקומען ווידער א שטורם אויף דער וועלט. דאָס אידישע פּראָבלעם שטעהט אין זיין גאַנצען שרעקען און פאָדערט זיין לייזונג. און כמעט ווי פון זיך זעלבסט האָט די מאַיאָריטעט פון די אידישע באוואוסטזיניגע ארבייטער זיך צוגעווענדעט צו די געדאַנקען פון דעם סאָציאַליסטישען

אידעע. בשעת דער ציוניזם איז אויפגעטרעטען אלס א אידעע אין דעם אידישען לעבען, האָבען די פּראָסטאַקעס פון אלע מינים ערקלערט אים פאר א משוגענע פאנטאזיע, באזונדערס אָבער די סאָציאליסטישע פּראָסטאַקעס, וועלכע זיינען אין תוכן פון זייער נשמה דער ערגסטער סאָרט פון רעאקציאָנערען און אָנבעטער פונ'ם פּאַראיבערגעהענדען, אָפּטמאָל גאָר נארישען און זינלאָזען פאקט. ווי קען זיך פארווירקליכען א אידישע מלוכה בשעת אין פּאלעסטינא זיצט דער טערק, דער אראבער, בשעת ענגלאנד וועט דאָך ניט לאָזען, דייטשלאנד וועט פארבאָטען, דער צאר וועט זאפּרעשצאיען? ניט אנדערש, ווי דאָס איז א משוגענע און ווילדע אויסטראכטעניש פון פאנטאַזיאָרען, אזוי האָבען געקלערט און געפילט די אידישע סאָציאליסטישע פּראָסטאַקעס אין אָנהויב פון דער ציוניסטישער באוועגונג. די חקירה, דאָס דער ציוניזם איז להיפך צום סאָציאליזם, דאָס עס זיינען ניטא גאָר קיין פעלקער, נאָר סתם מענשען שוועבען אין דער היסטאָרישער לופט, דאָס דער מענש איז א צוויי־פיסיגע חיה מיט ריין עקאָנאָמישע באדערפנישען, — אָט דיזע אלע טענות און חקירות זיינען אויסגעוואקסען נאָך דערפאר, ווייל דער ציוניזם איז דאמאָלט געווען אן „אונפּראקטישע“ באוועגונג, א צוקונפט־אידעע. דער סאָציאליסטישער פּראָסטאַק האָט זיין אונפייאיגקייט, זיין נשמה־אָרימקייט צו פארשטעהן א אידעע פון דער צוקונפט, פארדעקט מיט אלערליי שטותים און בלבולים אויף דעם סאָציאליזם.

אז דער ציוניזם איז אָבער געוואָרען שטארק און געלאָזען וואָרצלען אין דעם אידישען לעבען, איז דער קאמף געגען אים דיקטירט געוואָרען שוין פון „פּאָליטישענ“דיגע אינטערעסען, אז ער איז געוואָרען א ביטערער, אן אונערליכער. מבטל זיין דעם ציוניזם אלס א משוגענע פאנטאזיע האָט מען שוין ניט געקענט. אָבער אָננעמען דעם ציוניזם אלס א באפרייענדע אידעע האָט זיך נאָך ניט געלוינט. דער ציוניזם האָט געשוועבט איבער דער מקח־וממכר'דיגער אידישער וועלט ווי א קריטישע און שעפּפערישע אידעע, אָבער ער האָט דיזער וועלט גאָרנישט געקענט געבען מאטעריעל, ער האָט גערופען צו אָפּפער, ער האָט צוגעזאָגט די פאָלקאָמענהייט אין דער צוקונפט, אָבער ער האָט ניט געקענט צאָלען קיין דיווידענדען, ער האָט ניט געקענט מתקן זיין דאָס קלענסטע אין דער געגענוואַרט. די מאסען האָבען זיך צו אים צוגעהערט, האָבען אים אפילו באוואונדערט, האָבען אין אים האלב מודה געווען, אָבער האָבען ניט געוואָלט אים אויפנעמען, ווייל ער איז ניט געווען קיין פּראקטישע באוועגונג, האָט ניט געגעבען קיין תשובה אויף די נויטען פון טאָג. און די סאָציאליסטישע פּראָסטאַקעס זיינען געגאנגען מיט דעם שטראָם פון דער אומבאוואוסטזיניגער פּראקטיש־באשריינקטער מאסע. זיי האָבען געשטארקט די מאסע אין איר פוילקייט און גלייכגילטיגקייט צו דער צוקונפט,

ציניזם געגען ציוניזם

ווען אן אונגעוויינליכע אידעע ווערט געבאָרען אין דער וועלט, ווערט זי פון דעם דורכשניטס־מענשען לכתחילה ערקלערט אלס א פאַנטאַזיע אָדער גאָר א משוגעת פון צוהיצטע קעפּ, הויבט זי אָן צו ווערען שטאַרקער און געפינט זי אנהייננגער, הויבען אָן די דורכשניט־מענשען צו פירען געגען איר א קאַמף, און דער קאַמף ווערט אלץ ביטערער און פאַרשאַרפטער, וואָס מער די נייע אידעע טראָגט אין זיך אונרואיגקייט, קריטיקירט, צווינגט די דורכ־שניטס־מענשען צו אקטיוויטעט, צו דער איבערשעצונג פון זייערע איינגע־וואוינטע געדאַנקען און מעשים. ווערט די אידעע שוין שטאַרק און לאָזט זי וואָרצלען אין לעבען, הויבען אָן אירע נעכטיגע פאַרשפאָטער זיך צופּאַסען און מאַכען מיט איר א היפּאָקריטישען שלום. זיי זיינען שוין מודה אין דעם מאָראַלישען ווערט פון דער נייער אידעע, זיי פּאַרלייקענען זייער אמאָליגע מאוס׳ע געגנערשאַפט, זיי ווינשען גאָר דער נייער אידעע דעם גרעסטען ער־פאָלג, זיי גלויבען נאָר ניט אין איר אויספירבארקייט, ערקלערען נאָר דעם שיינעם, ערהאבענעם חלום פאַר ליידער ניט רעאַליזבאַר אין דער וועלט. אויב אָבער די אידעע ווערט שוין אויספירבאַר און די וועלט ווייזט זיך ארויס א סך וואונדערבארער, איידער די קליינינקע מענשעלאַך מיט זייערע ארימע עגאָאיסטיש־נאַרישע השגות האָבען זיך דאָס פאָרגעשטעלט, ווערען די נעכטיגע געגנער און פראַקטישע עם הארצים צבוע׳קעס און פאַר־שטעלטע ציניקער. ווערען ס׳וועלט זיך דאָס חלילה ניט פרעהען, ווען אזא גרויסע און שיינע אידעע האָט מנצח געווען? ווער איז דאָס חלילה געווען געגען אזא ערהאבענעם געדאַנק? ווער איז דאָס געווען אזא טפּוש, וואָס האָט ניט געקענט זעהן די אויספירבארקייט פון דעם אידעאַל? אָבער גלייך שטעלען זיי אונטער היפּאָקריטיש און ציניש א הינטער פיסעל...

די אידעע האָט ליידער ניט מקיים געווען איר הבטחה. די פאַרווירק־ליכונג פון דער אידעע קערט גאָר ניט איבער די וועלט. מיר זיינען טאַקע באַגייסטערט, פול מיט פייער, אָבער דער עולם האָט נעבאַך ניט קיין ענטו־זיאַזם, קיין ברען. די קליין־מענשעלאַך טוען אָן אויף זיך א פרומע כשר׳ע מאַסקע אוים שרעק פאַר דעם פאַקט, פאַר דער מאַיאָריטעט. אין הארצען אָבער וואַרטען זיי אויף דעם טייוועל, אולי ירחם, טאָמער וועט זיך א דרעה טאָן די ראָד פון דער געשיכטע צוריק, די גרויסע אידעע וועט בטל ווערען און די וועלט וועט זיך אומקערען צו איר רוה.

דאָס האָט פּאַסירט יעצט פאַר אונזערע אויגען מיט דער ציוניסטישער

זייט איר נאָך אַמאָל אויפגעטרעטען אין אייער גאַנצער פארביזנעוועטער נאַקעטקייט. די רוסישע רעוואָלוציע איז א פּאָליטישע, זי האָט אויפגעהאנגען המנ'ען אויף דער תליה און האָט געבראַכט אידען אַלערליי פּראַווע אויף גאַנץ ראָסיע. וואָס מיר זיינען זיינען מיר, אָבער פּראַווע ווילען מיר. ביי אידען, און בפרט ביי די אידען, מיט וועלכע איר טרויסט זיך אין אייער נויט, איז, פאַרשטעהט זיך, געוואָרען ששון ושמחה. אָבער די ציוניסטישע גאולה האָט געגעבען דערווייל אידען ערשט א לאַנד און א וועג, ערד און האָפנונג, און דאָס פּאָלק דאַרף ברייננגען דורך זיין גייסט און זיין ווילען זיין ערלייזונג, דאַרף באַשאַפען זיין כבוד, זיין מענשליכקייט, זיין קולטור, זיין סאָציאַליזם. דאָ איז ניטאָ קיין אָרט פאַר לאַבענדער שמחה, פאַר שמחה פון נקמה, פאַר שמחה צוליב מסחר. דאָ שטעהט דאָס פּאָלק מיט איינגע־האַלטענעם אטעם, זאַמעלט אויף זיין מאָראַלישען אוצר, זיין צושטרייטע אינווייניגע ענערגיע און גרייט זיך ניט צו א גרויסער הוליאַנקע אויף דעם טאָלעראַנט געוואָרענעם גוי'שען יאַריד, נאָר צו א מסירת נפש פאַר דעם איבערבוי פון דער אידישער געשיכטע, פון מענשליכען לעבען... פאַרשטעהט איר, פּראָסטאַקעס, דעם חילוק?

און אומזיסט פאַרענטפערט איר זיך, דאָס איר האָט שטענדיג פאַר־אויסגעזאָגט די מעגליכקייט און פאַרווירקליכונג פון ציוניזם. אין דער ערנסטקייט פון דער שטונדע ווילט זיך פון אייך ניט לאַכען. און נאָך וויי־ניגער ווילט זיך מיט אייך דיסקוטירען. אָבער אייער צבוע'טסטוואָ און אייער ציניזם טוט אונז וויי, טיף וויי. נעמט זיך ניט אָן פאַר די אַראַבער צום טויזענטסטען מאָל, ווארום איר זאָגט א ליגען. ניט די אַראַבער ליבט איר, נאָר דעם ציוניזם און די אידישע ערלייזונג האַסט איר. און שעמט זיך וויינינגסטענס אין דיזער הייליגער רעוואָלוציאָנערער צייט ווידער איבערצו־חזר'ן די טענה, דאָס נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען אידען וועלען האָבען פון כל טוב אויף דעם גוי'שען טיש, לוינט זיך ניט פאַר זיי צו פאָרען אין ארץ ישראל, זעלבסט וועלען, זעלבסט שאַפען, זעלבסט זיך ערלייזען. דאָס איז א שפּל'דיגער אַרגומענט, א נידערטרעכטיגער געדאַנק, וועלכער ערני־דעריגט אייך יעצט מער איידער ווען עס איז אין אייער ציקאַוונער קאַריערע. אויף אייך האָט עס הפנים געזאָגט געטהע:

„דו גלייכסט דעם גייסט,
וואָס דו באַגרייפסט."

אין איר מאטעריאליסטישער באשריינקטקייט און עס האָט זיך אָנגעהויבען דער ביטערער, פינסטערער קאמף פון דעם סאציאליסטישען פראָסטאַק געגען דעם ציוניזם. עס האָבען אָנגעפאנגען די מיואס'ע שקרים און בלבולים אויפ'ן ציוניזם, וועלכע האָבען זיך אלץ פארמערט און פארשארפט, וואָס מער דעם ציוניזם. עס האָבען אָנגעפאנגען די מיאוס'ע שקרים און בלבולים אָנגעהויבען ווערען די אידעאָלאָגיע פון דער קולטורעל־העכער שטעהענדער פראָלעטארישער מינאָריטעט.

נאָר אָט האָט די וועלט-מלחמה געבאָרען נאָך א וואונדער, און דער ציוניזם איז פארווירקליכט געוואָרען. ענגלאנד און מיט איר אלע עליים פארזיכערען פאר דעם אידישען פאָלק מער איידער אן עפענטליך־רעכטליכע היים, נאָר אן אינטערנאציאָנאל־געשיצטע היים אין ארץ ישראל. עס האלט ביי רעא־ליזירט ווערען א אידישע רעפובליק. דער סאציאליסטישער פראָסטאַק איז געקומען אין א פארלעגענהייט. וואָלט ער געווען ערליך, רעוואָלוציאָנער, טריי צו דעם פראָלעטאריאט און צו זיין פאָלק, פייאיג אויפצונעמען א גרויסע אידעע, וואָלט ער מיט יראת הכבוד איינגעבויגען דעם קאָפ פאר דעם היסטאָ־רישען וואונדער, און דאָס וואָלט מכפר געווען אויף אלע זיינע טעות'ן פון פריער. אָבער ער איז א קליין־מענשעלע, א קליינינקער פאָליטישען, און וויל, אז די וועלט־געשיכטע זאָל זיך באוועגען אין דער ריכטונג פון זיין ביזנעס. און אָט שווינדעלט ער, דרעהט זיך, איז ניט אויפריכטיג, ווערט א ציניקער, גראטולירט כלומרשט דעם ציוניזם און פרעהט זיך מיט אים און גיט אים פון הינטען א גיפטיגען בים.

וואו איז די באגייסטערונג, דער ענטוזיאזם פון פאָלק, די משיח־שטי־מונג? — אזוי מוסר'ט ער און פרעהט זיך דער בונדיסטישער עם־הארץ. אָט, זעהט איר, ווען די רוסישע רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען, האָבען די אידען געטאנצט אביסעל פון שמחה. און דער עם־הארץ פארשטעהט אפילו ניט, ווי ציניש זיין פרעהליכע טענה איז. א פריער האָט איר דעם אמת געטריבען פון טיר, דערנאָך קלאָגט איר כלומרשט וואָס דער שקר הוליעט אויפ'ן גאס. וואָס פרעהען זיך ניט די אידען מיט משיח'ן? אפשר דארף זיך נאָך די פאָלקס־נשמה אביסעל אויסליייטערען, אויסרייניגען פון יענער גייסטיגער פארגרעבטקייט, מיט וועלכער איר האָט זי זייט יאָרען געזוכט צו פאראיי־ניגען. „היולד גוי פעם אחת?“ קען דען א פאָלק איבער א נאכט ווייך מאכען זיין הארץ, וועלכע איר האָט אין פארלויף פון א דור געזוכט צו מאכען טעמפ און פוסט?

אך, אייער שמחה מיט דער רוסישער רעוואָלוציע און אייער גלייכגיל־טיגקייט מיט דער אידישער גאולה, מיט וואָס איר טרייסט זיך! איר בא־גרייפט ניט, אז מיט דיזער טענה האָט איר זיך אזוי מיאוס ארויסגעגעבען,

שטאַט איבערגענומען אַ גאַנצע אָנצאָל עקאָנאָמישע און קולטורעלע פונקציעס. אין יענע לענדער, און טיילווייז אויך אין צענטראַליסטישען פראַנקרייך, איז דער שטאַט דער באַזיצער פון די אייזענבאַנען, טעלעגראַפען, טעלעפאָנען, פון דער האַנדעלס פלאָטע, עקספּלואַטירט ער אויך טיילווייז די נאַטור רייכ־טימער, און האָט, ווי אין רוסלאַנד צום ביישפּיל, גענומען אין זיינע הענט דעם מאָנאָפּאָל פון בראַנטוויין־פּראָדוקציע. אויך אוניווערזיטעטען, שולען, קולטור־אַנשטאַלטען, קירכען זיינען אין באַזיץ און אין דער פאַרוואַלטונג פון שטאַט. אין די אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער פאַרקערט, אין ענגלאַנד און אַמע-ריקאַ, זיינען די פונקציעס פון דעם שטאַט זעהר קליין און באַשריינקט. דער שטאַט גיט אין דיזע לענדער די ווייטסטע פרייהייטען פאַר די בירגער, און ער ענטהאַלט זיך, ווי ווייט מעגליך, פון ווירטשאַפטליכער און קולטורעלער טעטיגקייט. אייזענבאַנען, טעלעפאָן, טעלעגראַף, אפילו אוניווערזיטעטען און שולען זיינען ניט דער באַזיץ פון שטאַט, נאָר פון פּריוואַט קאַפּיטאַליס־טען, פון טראָסטס, קאָמערציעלע און פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטען. דער שטאַט איז נאָר דער פּאָליציייאישער צושויער אין דעם קאַמף פון די פאַר־שידענע אינטערעסען און קלאַסען פון דער געזעלשאַפט, און ער ווערט גע־וויינליך מיסברויכט און אויסגענוצט פון דעם הערשענדען קלאַס געגען דאָס אונטערדריקטע פאָלק.

זעהר באַשריינקט איז אויך די פונקציע און די טעטיגקייט פון דער מוניציפּאַליטעט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. זי באַגרענעצט זיך אויף דעם באַזיץ און דער עקספּלואַטאַציע פון נאָר אייניגע ווירטשאַפט־צווייגען, אין וועלכע די שטאָט האָט גענומען די איניציאַטיווע, ווי למשל די עקספּלואַטאַציע פון דער וואַסערלייטונג, דער גאַז־באַלייכטונג, דער עלעקטרי־ציטעט, די שטראָסען־באַנען, די אויסהאַלטונג פון שולען און בילדונגס־אַנשטאַלטען א. ז. וו. אָבער אויך דאָ איז פאַראַן אַ גרויסער אונטערשיד צווישען די פאַרשידענע לענדער. אין ענגלאַנד און אַמעריקאַ, צום ביישפּיל, האָט די מוניציפּאַליטעט פון דער שטאָט אַ סך אַ קלענערען טעטיגקייטס־קרייז און אַ קלענערען באַזיץ, איידער אויף דעם קאָנטינענט אין אייראָפּאַ. אומעטום באַשטעהט אָבער יעצט די טענדענץ דעם באַזיץ און דעם טעטיג־קייטס־קרייז פון דער מוניציפּאַליטעט צו פאַרגרעסערען.

די אָרגאַניזאַציע פון די פּראָדוצירער, די אַרבייטער־יוניאָנס, זיינען אין אַלע לענדער נאָך אַלץ ערשט אין דעם אָנהויב פון זייער ענטוויקלונג. זיי האָבען אין די קולטור־לענדער נאָך ניט איינגענומען דעם קלענסטען טייל פון די אַרבייטער. די לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבייטער און די דינסטבאָטען זיינען נאָך בכלל גאָר ווייניג אָרגאַניזירט. אין די פאַראייניגטע שטאַטען זיינען אין יאָר 1910 געווען 38 מיליאָן מענשען באַשעפטיגט אַלס לוין־אַר-

קאָאָפּעראַציע

1.

די יסודות פון דער סאָציאַל־קאָאָפּעראַטיווער ווירטשאַפט אין ארץ ישראל.

די סאָציאַל־קאָאָפּעראַטיווע ווירטשאַפט אין ארץ ישראל דאַרף אויפגעבויט ווערען דורך דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג און אויסבילדונג פון די פיר אָרגאַניזאַציעס, צו וועלכע יעדער בירגער פון א געזעלשאַפט געהערט לויט זיינע פיר סאָציאַלע פונקציעס. יעדער בירגער פון א לאַנד געהערט ערשטענס אַלס א בירגער צו דער גאַנצער נאַציע, צו דער מלוכה. ער געהערט צווייטענס אַלס איינוואוינער פון א באַשטימטען אָרט צו דער לאָקאַלער איינהייט פון די בירגער, צו דער שטאַט, דעם באַצירק, דעם דאָרף. אַלס ווירטשאַפטליכער פּראָדוצירער געהערט ער דריטענס צו דער אָרגאַניזאַציע פון די פּראָדוצירער פון זיין פאַך, צו דער אָרגאַניזאַציע פון אַקערבויער, שניידער, דאָקטוירים, מיינערס, א. ז. וו. אַלס פאַרברויכער פון סחורות, אַלס מענש, וועלכער זוכט די באַפרידיגונג פון זיינע פאַרשידענסטע מאַטעריעלע און גייסטיגע באַדערפניסען, געהערט ער, פערטענס, צו די מענשען מיט ענליכע באַדערפנישען און פאַרלאַנגען, צו דער אָרגאַניזאַציע פון די קאָנסומענטען. די נאַציע, די מוניציפּאַליטעט, די אָרגאַניזאַציע פון פּראָדוצירער און די אָרגאַניזאַציע פון די קאָנסומענטען, דאָס זיינען די פיר קערפּערשאַפטען צו וועלכער יעדער בירגער פון אַ שטאַט געהערט אין ווירקליכקייט.

אין דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט זיינען דיזע אָרגאַניזאַציעס נאָר טיילווייז אויסגעבילדעט, און זייערע פונקציעס זיינען זעהר באַשריינקט. דער שטאַט נעמט אויף זיך נאָך זעהר ווייניגע ווירשאַפטליכע און קולטורעלע פונקציעס, זיין גאַנצע טעטיגקייט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט באַשטעהט אין דער רעגולירונג פון די באַציאונגען צווישען די בירגער. אין דער קלאַסען־געזעלשאַפט ווערט די אָרגאַניזאַציע פון שטאַט אויסגענוצט, כדי צו באַשיצען די אינטערעסען פון דעם עקאָנאָמיש הערשענדען קלאַס און צו אונטערדריקען דעם עקאָנאָמיש און קולטורעל מאַכטלאָזען קלאַס. אין די פאַרשידענע מאָדערנע שטאַטען איז דער טעטיגקייטס־קרייז פון דעם שטאַט א פאַרשידענער. אין מאָנאַרכישע לענדער, ווי דייטשלאַנד, עסטרייך, אין דעם פריערדיגען צאַרישען רוסלאַנד באַרויבט דער שטאַט די בירגער פון זייערע פרייהייטען צוליב די אינטערעסען פון דער מאָנאַרכיע און אריסטאָקראַטיע. דערפאַר האָט אָבער אין מאָנאַרכישע לענדער דער

נפשות פון זיין פאמיליע. אויף אזא אופן נעמט מען אָן, אז אין ענגלאנד זיינען 26 פּראָצענט פון דער באפעלקערונג אָרגאניזירט אין קאָאָפּעראטיוון. אין דייטשלאנד מיט 2,375,000 מיטגלידער פון די קאָאָפּעראטיוון זיינען 12 פּראָצענט, אין רוסלאנד מיט 1,500,000 מיטגלידער, דריי און א האלב פּראָצענט, אין פראנקרייך 9 פּראָצענט, אין דער שווייץ 29 פּראָצענט, אין דענעמארק 35 פּראָצענט, אין בעלגיען 10 פּראָצענט, אין פינלאנד 12 פּראָ־צענט פון דער באפעלקערונג אין די קאָאָפּעראטיוון.

די צאָל פון די אָנגעהעריגע צו די קאָאָפּעראטיווע געזעלשאפטען איז, ווי צו זעהן, נאָך א גאנץ קליינע. אין אמעריקע האָט זיך די קאָאָפּעראטיווע באוועגונג אפילו נאָך ניט אָנגעהויבען.

דער סכום אָבער, פאר וועלכען דיזע קאָאָפּעראטיווע געזעלשאפטען פאר־קויפען א יאָר צו זייערע מיטגלידער, איז לפי ערך צו דעם גאנצען סכום פון די יערליכע געשעפטען אין יעדען לאנד, א גאנץ אומבאדייטענדער. אין ענג־לאנד האָבען די קאָאָפּעראטיוון אין יאָר 1914 פארקויפט פאר 2200 מיליאָן פראנק, אין דייטשלאנד פאר 700 מיליאָן פראנק, אין רוסלאנד פאר 800 מיליאָן, אין פראנקרייך פאר 321 מיליאָן, אין דער שווייץ פאר 131 מיליאָן, אין דענמארק פאר 150 מיליאָן, אין בעלגיען פאר 48 מיליאָן פראנק. אין די מלחמה־יאָרען נאָך 1914 האָט זיך אין אלע לענדער שטארק פארגרעסערט די צאָל פון די מיטגלידער פון די קאָאָפּעראטיוון און דער יערליכער סכום פאר וועלכען זיי מאכען האנדעל. די סומען, פאר וועלכע די קאָאָפּעראטיוון טוען געשעפט, זיינען אומבאדייטענדע אין פארגלייך מיט דעם סכום פון די קאפּיטאליסטישע און אינדיווידועלע געשעפטען. אויף איין איינוואוינער פון איירָאָפּא קומען אין גאנצען אויס 10 פראנק א יאָר, פאר וועלכע ער טוט אין דורכשניט געשעפט אין די קאָאָפּעראטיווע אונטערנעמונגען.

אין דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט זיינען די פּראָדוקציע און דער פארברויך אין די הענט פון דעם קאפּיטאליסטישען פּריוואטבאזיצער. ער פּראָדוצירט די סחורות, פארטיילט די פּראָדוקטען און ענטשיידעט דורך דעם קאָנטראָל איבער פּראָדוקציע און פארטיילונג וועגען דעם כאראקטער פון דער גאנצער פּראָדוקציע און דערמיט אויך אינדירעקט וועגען די באדערפנישען, וועגען דער גאנצער קולטור פון דער געזעלשאפט. ווירטשאפט און קולטור איז ניט דער צוועק פון דער געזעלשאפט, נאָר א מיטעל אין די הענט פון דעם קאפּיטאליסטישען קלאַס פאר דער איינענער מאכט און דער דעגראדירונג פון פאָלק. אָבער ניט נאָר די אונטערדריקטע קלאסען ליידען פון דער קאפּי־טאליסטישער ווירטשאפטס־פאָרם אלס לוין־ארבייטער און פארברויכער אָהן יעדע דעה אין דער ווירטשאפט, נאָר דורך דעם קאפּיטאליזם איז די ווירט־שאפט זעלבסט אן אונגעניגענדע, אונפייאיג צו באפרידיגען די נויטיגסטע

בייטער אין לאנדווירטשאפט, אינדוסטריע, האנדעל, טראנספארט, פערזענ־ליכען דינסט. א. ז. וו. דערפון זיינען געווען אָרגאניזירט אין די טרייד יוניאָנס נאָך 2,116,317, אָדער 5 און א האלב פּראָצענט. אין דייטשלאנד זיינען אין יאָר 1894 סך הכל געווען איין פערטעל מיליאָן געווערקשאפטליך אָרגאניזירטע ארבייטער. אין דעם ערשטען האלב יאָר 1914 זיינען שוין געווען צוויי און א האלב מיליאָן אָרגאניזירטע ארבייטער. דאָס איז אָבער נאָך אלץ א גאנץ אומבאדייטענדער טייל פון דער גאנצער צאָל מענשען, וועלכע זיינען באשעפטיגט ביי אנדערע. די בויערן, וועלכע זיינען אויך צום גרעסטען טייל ארבייטער, אָבוואָל זעלבסטשטענדיגע, זיינען אלס פּראָדוצירער גאָרניט אָרגאניזירט, מיט אויסנאַם פון די קאָאָפּעראטיווען, וועלכע הויבען זיך ערשט אָן צו ענטוויקלען אין דאָרף. אָבער אויך די אָרגאניזאציעס פון די ארבייטער און פּראָדוצירער האָבען גאנץ באשריינקטע פונקציעס. זיי שטעהען אויף דעם באָדען פון דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט און ווילען נאָר אין די ראמען פון דער באשטעהענדער געזעלשאפט באשיצען די אינטע־רעסען פון דער ארבייט. זיי זוכען ניט קיין קאָנטראָל איבער דער פּראָדוק־ציע, זיי באטראכטען זיך ניט אלס טיילהאָבער אין דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס, ווייסען געוויינליך ניט אפילו די לאגע פון דער פּראָדוקציע, פון דעם מעכא־ניזם פון דער ווירטשאפט. זיי ווילען נאָר דורך סטרייקס אָדער אָבמאכונגען אויפהויבען די לאגע פון ארבייטער־קלאַס. ווען זיי קאָנטראָלירען די פאבריק, טוען זיי עס נאָר בנוגע צו די ארבייטס באדינגונגען, צו דער פארטיילונג פון דער ארבייט צווישען זייערע מיטגלידער, ניט אָבער בנוגע צו דער פּראָ־דוקציע גופא.

די אָרגאניזאציע פון די קאָנסומענטען האָט אין אלע לענדער, מיט אויס־נאַמע פון ענגלאנד, ערשט אין די לעצטע יאָרען גענומען א באדייטענדע ענטוויקלונג. זי שטעהט ערשט אין אָנהויב פון איר סאָציאלען וואוקס. די שוין באשטעהענדע קאָנסום־אָרגאניזאציעס רעגולירען נאָר א גאנץ קליינעם טייל פון דעם מענשליכען געברויך, הויפּטזעכליך דעם קאָנסום פון לעבענס־מיטלען.

די שטארקסטע ענטוויקלונג האָט ארויסגעוויזען די אָרגאניזאציע פון די קאָנסומענטען אין ענגלאנד, דאָס עלטסטע לאנד פון דער קאָנסום-באוועגונג, דאָס פאטערלאנד פון ראָבערט אָווען. אין ענגלאנד זיינען אין יאָר 1914 געווען 3,054,000 מיטגלידער אין קאָאָפּעראטיווע געזעלשאפטען פון די קאָנסומענטען.

די פּאקטישע צאָל פון די קאָאָפּעראטיוויסטען איז אָבער פיר מאָל גרע־סער, איידער די צאָל פון די מיטגלידער אין די קאָאָפּעראטיווען, ווארום צו יעדען מיטגליד פון קאָאָפּעראטיוו קען מען צורעכענען אין דורכשניט נאָך דריי

און דעם דאָרף־באַצירק דאַרפֿען זיך געפינען דער רייכטום און די אינסטיטוטען, וועלכע מוזען געהערען צו דיזע קלענערע קאָלעקטיוועז. דער שטאָט דאַרף געהערען די הייזער, די שטאָטישע באַנען, די וואַסערלייטונג, די שטאָטישע טעלעפאָנען, די שטאָטישע טעאַטערען, די שולען, די קראַנקען־הייזער, די באַנקען, די טראַנספּאָרט־קאָנטאָרען א. ז. וו. דעם דאָרף־באַצירק דאַרף געהערען די וויסענשאַפטליכע אונטערנעמונגען, טראַנספּאָרט־מיטלען, אינסטיטוטען וועלכע זיינען נויטיג פאַר די פאַרשידענאַרטיגע באַדערפֿנישען פון באַצירק. דער גרויסער קאָלעקטיוו פון דער נאַציע און די קליינע קאָלעקטיווען פון שטאָט און דאָרף־באַצירק זיינען אין באַזיץ פון פאַרשידענאַרטיגען רייכטום, פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען און אינסטיטוטען, וועלכע ווערען פון דעם גאַנצען פאָלק אָדער דער געמיינדע דעמאָקראַטיש פאַרוואַלטעט. אויף אַזאַ אופן ווערט אונמעגליך, אַז דער רייכער קאַפּיטאַל־באַזיצער זאָל אויסנוצען די נויטען פון די ניט־אָרגאַניזירטע בירגער צוליב זיין פּריוואַטען פּראָפיט.

אַלע בירגער ווערען אָרגאַניזירט אין צוויי פאָרמען פון אָרגאַניזאַציעס: אין דער אָרגאַניזאַציע פון פּראָדוצירער און דער קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציע פון די קאָנסומענטען.

די לאַנד־ארבייטער זיינען אָרגאַניזירט אין לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטיוו־געזעלשאַפטען. די אינדוסטריעלע ארבייטער, ווי אויך די אינטעלעקטועלע ארבייטער זיינען אָרגאַניזירט אין אינדוסטריעלע פּראָדוצירער־געזעלשאַפטען. אַלע איינוואוינער זיינען ווייטער אָרגאַניזירט אין לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס פון קאָנסומענטען, וועלכע נעמען אויף זיך די באַפרידיגונג פון די מאַטעריעלע און גייסטיגע באַדערפֿנישען פון לעבען.

די לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטיוו־געזעלשאַפט איז אַ ווירטשאַפטליכע איינהייט, אַקוראַט ווי דער שטאָט און די שטאָטישע מוניציפּאַליטעט. זי נעמט לאַנד פון דעם נאַציאָנאַלען לאַנד־פאָנד אין פּאַכט און באַארבייט דאָס לאַנד צוליב די פאַרשידענסטע קולטורען—קאָאָפּעראַטיוו. מיט דער אגריקולטור קאָן די לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטיוו־געזעלשאַפט פאַרבינדען אויך לאַנדווירטשאַפטליכע אינדוסטריען אַזוי ווי פאַרשידענע אינדוסטריען בכלל. דאָס דאָרף פאַרוואַנדעלט זיך אין אַ שטאָט־דאָרף, מיט אַ וואָס מער גרעסערער באַפעלקערונג און פאַרשידענע אונטערנעמונגען. דיזער לאַנדווירטשאַפטליכער קאָאָפּעראַטיוו ווערט געפירט ווי יעדער קאָאָפּעראַטיוו, פּראָדוקציאָנס־קאָאָפּעראַטיוו אָדער קאָנסומענטען־קאָאָפּעראַטיוו, אין דער הייניגער געזעלשאַפט. דאָס הייסט, די אָרגאַניזאַציע איז אַ ריין דעמאָקראַטיש, און די ארבייט ווערט באַצאָלט נאָך דער צייט. נאָר איז עס דער פּרינציפּ פון דעם סאָציאַלען קאָאָפּעראַטיוו, צו באַצאָלען אַלע ארבייטען,

באדערפנישען פון דער געזעלשאפט. גרויסע צווייגען פון דעם האנדווערק, פון דעם האנדעל און אפילו פון דער אינדוסטריע בלייבען אין קליינע אינדיווידועלע הענט און קאָנען ניט אויסנוצען די פאָלקאָמענהייטען פון דער טעכניק און די איינשפארונגען פון דער גרויסער אָרגאניזאציע פאר דער פראָדוקציע. די לאנדווירטשאפט, וועלכע איז הויפטזעכליך אינדיווידועלע קליינפראָדוקציע אין דער היינטיגער ווירטשאפט, בלייבט פאראָרעמט און אָבגעשטאנען און קאָן ניט באפרידיגען דעם שטייגענדען באדארף פון דער געזעלשאפט אין לעבענסמיטלען.

ווען אָבער דער שטאט, די מוניציפאליטעט, דער געווערקשאפטליכער פאראיין און דער קאָאָפּעראטיוו זאָלען ארייננעמען אלע בירגער, און זאָלען פארברייטען זייער טעטיגקייט אויף מענשליכע ארבייטען און באדערפנישען, איז מעגליך די אויסשיידונג פון דעם קאפיטאליזם און די באגרינדונג פון א סאָציאל־קאָאָפּעראטיווער ווירטשאפט. פאר דיזער אויפגאבע שטעהט יעצט די קאָלאָניזאציע פון ארץ ישראל.

ביי דעם אויפבוי פון א סאציאליסטישער ווירטשאפט אין ארץ ישראל האנדעלט זיך עס ניט דארום, צו באשאפען א יש מאין אין סאָציאלען זין, אויסצוקלערען אן אוטאָפּיע פון קאָפּ און זי וועלען פארווירקליכען אין רעאליטעט. מען דארף נאָר ווייטער אויסבויען קאָנסעקווענט די פיר אָרגאניזאציעס פון דער באשטעהענדער געזעלשאפט און אויסברייטען זייערע פונקציעס ביז צו דער אויסשיידונג פון פריוואט־קאפיטאליסטישען אונטערנעמערטום.

אלעס וואָס איז באשאפען פון דער נאטור, און אלע פאבריקאציעס און אינסטיטוטען, וועלכע דינען די באדערפנישען פון דער גאנצער נאציאָן, דארפען זיין אייגענטום פון שטאט, נאציאָנאלער באזיץ. דאָס לאנד, די מינען, די וועלדער, די וואסערפאלען, די אוילקוועלען, די האפענס, די היסטאָרישע פלעצער, זיינען אייביגער באזיץ פון דער נאציע. די אייזענבאנען, די פּאָסט, דער טעלעגראף, דער טעלעפאָן, די שיפען, די גרויסע פאבריקען, די נאציאָנאלע בילדונגס־אנשטאלטען און אינסטיטוטען, די אוניווערזיטעטען, מוזעען, נאציאָנאלע ביבליאָטעקען, נאציאָנאלע טעאטערען, וויסענשאפטליכע אינסטיטוטען, פארזיכערונגס אינסטיטוטען א. ז. וו. מוזען געהערען און פארוואלטעט ווערען פון דער נאציע. די נאציע איז די גרעסטע אָרגאניזאציע פון אלע בירגער און איז אין באזיץ פון דעם רייכטום און די אינסטיטוטען, אויף וועלכע אלע בירגער האָבען דאָס גלייכע רעכט.

אין דעם באזיץ און פארוואלטונג פון דער שטאָטישער מוניציפאליטעט

שפּרעכענד העכערען ארבייטס־לוין, וועלכער וועט אויסגלייכען זייער לאַגע מיט דער לאַגע פון די לאַנדווירטשאפטליכע קאָאָפּעראטיוויסטען. דער פּרייז פאר זייער ארבייט, ווי פאר דער ארבייט בכלל, וועט באשטימט ווערען פון דעם אלגעמיינעם סאָציאל-ווירטשאַפּטליכען צושטאנד פון לאַנד, פון דער צוגיינגליכקייט פון די לעבענסמיטלען און סחורות פאר דעם גאנצען פאָלק פון דעם פּרייז אויף ארבייט און פראָדוקטען אין דער באנאכבארטער קולטור־וועלט. דער אידעאלער פּרינציפּ פון דער ארבייט איז, דאָס אלע ארבייטען, ניט קוקענדיג אויף זייער פארשידענער קוואליטעט, דאַרפען באצאָלט ווערען גלייך, אז די ארבייט־באדינגונגען, די ארבייט־צייט און ארבייטס־באקוועמ־ליכקייטען, מוזען אומעטום זיין די גלייכע, אז אונאנגענעמע ארבייט מוז ענטשעדיגט ווערען דורך העכערען לוין אָדער קורצערע ארבייטס־צייט.

לעבען דער קאָאָפּעראציע פון די פּראָדוצירער וועט זיין די קאָאָפּעראציע פון די קאָנסומענטען. די בירגער פון יעדער שטאָט, יעדען באצירק, יעדען דאָרף זיינען אָרגאניזירט אין לאָקאלע קאָאָפּעראטיוועז פון קאָנסומענטען. דיזע קאָנסומענטען־קאָאָפּעראטיוועז עפענען קראָמען, רעסטאָראנען, בעקע־רייען, שלאַכט־הייזער, פּארוויילונגס־פּלעצער, טעאטערס א. ז. וו. צוליב דער באפרידיגונג פון די פארשידענארטיגע באדערפנישען פון די איינוואוינער. דער שטאט און די שטאָט העלפען דיזע קאָאָפּעראטיוועז מיט קאפּיטאל. די אָרגאניזאציע פון די קאָנסומענטען איז די צווייטע אָרגאניזאציע פון די בירגער, וועלכע זיינען שוין איינמאָל אָרגאניזירט אין דער אָרגאניזאציע פון פּראָדוצירער. די קאָאָפּעראטיוועז וועלען קודם כל אויסשיידען פון דער ווירטשאַפט דעם האנדעלס פּראָפיט. זיי וועלען ווייטער פארהיטען, אז עס זאָלען אויסוואקסען אונענדליכע פּריוואטע געשעפטען און קראָמען און זאָלען דורך זייער געגענזייטיגער קאָנקורענץ, דורך טיילווייז זייער פּאראזיטישער עקזיסטענץ, דורך זייערע נוצלאָזע אויסגאבען אויף איבריגע מענשען, רענט, אדווערטייזמענטס, פּאראָרימען די אלגעמיינע ווירטשאַפט. די אָרגאניזא־ציעס פון די קאָנסומענטען וועלען קויפען די סחורות ביי די לאַנדווירטשאַפט־ליכע פּראָדוקטיוו־געזעלשאַפטען, ביי די נאַציאָנאלע פאבריקען, וועלען רע־גולירען דעם באדאַרף, וועלען ברייגגען צום אויסדרוק דעם פארלאַנג און געשמאַק פון די געברויכער, וועלען אָרגאניזירען די באפרידיגונג פון ניי אויפגעוואקסענע באדערפנישען. די באפרידיגונג פון קולטורעלע און עסטעטישע באדערפנישען, וועלכע פאַלען ניט אריין אין דעם אויסגאבען־קרייז פון דעם שטאט אָדער דער מוניציפּאליטעט, קען אויך ווערען די טעטיגקייט פון די קאָאָפּעראטיוועז. די נאציע, די שטאָט, דער דאָרף־באצירק וועלען שטענדיג קענען פארהיטען, דאָס איינצעלנע לאַנדווירטשאַפּטליכע און אינדו-

אונאבהייננגיג פון זייער קוואליטעט, לויט א גלייכען מאסשטאב. דער וואקסענדער רייכטום, וועלכען די פראָדוקטיוו־געזעלשאפט האָט ערוואָרבען אין משך פון דער צייט, ווי צום ביישפיל די פלאַנטאציעס, די פארבעסערונג פון דעם באָדען, דער פיה־באשטאנד, די געביידען, פאבריקען, געזעלשאפטליכע הייזער א. ז. וו., געהערט דער געזעלשאפט. יעדער מיטגליד פון דעם קאָאָפעראטיווען שטאָט־דאָרף האָט אויף אזא אופן א טייל אין דעם קאָאָפעראטיוו, וועלכע ער קאָן פארקויפען דעם קאָאָפעראטיוו גופא אָדער אן אנדערען, מיט דער צושטימונג פון דער געזעלשאפט און לויט א פריערדיגען אָפמאך, ווען ער ציט זיך צוריק פון קאָאָפעראטיוו. אויך קען דער איינצעלנער אויף דעם קליינעם שטח לאנד, וועלכען ער נעמט פאר זיין פריוואטען געברויך, בויען א הויז און אָנפירען אן אינדיווידועלע ווירטשאפט נאָך זיין אייגענעם געשמאק און זיין פאנטאזיע. דער קאָנסום און די לעבענספאָרם זיינען אבסאָלוט אינדיווידועל און דאָס מאכט מעגליך פאר דעם איינצעלנעם צו מאכען אבשפאָרונגען און צו האָבען פריוואט־רייכטום, וועלכען ער קאָן פארווענדען אויף פריוואטע געביידען, פלאַנצונגען, ווירטשאפטען. אפילו אונטערנעמונגען האָט דער איינצעלנער דאָס רעכט צו מאכען, נאָר די פראגע איז, אויב אין דער סאָציאל־קאָאָפעראטיווער ווירטשאפט וועט די פריוואט־אונטערנעמונג זיך אירגענדוואו לוינען. דאָס איז, פארשטעהט זיך, ריכטיג ניט נאָר בנוגע צו דער לאנדווירטשאפטליכער פראָדוקטיוו־געזעלשאפט, נאָר אויך בנוגע צו דער שטאָט.

אויף אן אנדער פרינציפ וועלען מוזען זיין אויפגעבויט די ארבייטער־אָרגאניזאציעס, וועלכע וועלען זיין אָנגעשטעלט אין די נאציאָנאלע אונטערנעמונגען. די מינען, אייזענבאנען, שיפען, גרויסע פאבריקען, די פאָסט, די גרויסע טראנספאָרט אָרגאניזאציעס, געוויסע לאנדווירטשאפטליכע אונטערנעמונגען, די נאציאָנאלע קולטור־אנשטאלטען, דער שטאטס־מעכאניזם זעלבסט וועלען באשעפטיגען א גרויסע צאָל ארבייטער פון די פארשידענסטע קאטעגאָריען און פון פארשידענער קוואליטעט. אויך די שטאָט און דער דאָרף־באצירק וועלען באדארפען די פארשידענסטע ארבייטער פאר זייערע ווירטשאפטליכע און קולטורעלע אונטערנעמונגען און אנשטאלטען. אין דיזע אלע אונטערנעמונגען וועלען ארבייטען די פראָדוצירער־אָרגאניזאציעס. די ארבייטער קבוצות, וועלכע וועלען זיין אָרגאניזירט צווישען זיך אויף א דעמאָקראטישען אופן, אָבער וועלכע וועלען זיין פאראנטוואָרטליך אין זייער ארבייט פאר די נאציאָנאלע אָדער שטאָטישע אונטערנעמונגען. דיזע קבוצות קענען, פארשטעהט זיך, ניט האָבען קיין אייגענטומס־רעכט אויף די אונטערנעמונגען, אין וועלכע זיי ארבייטען, אזוי ווי די לאנדווירטשאפטליכע פראָדוקטיוו־געזעלשאפטען. דערפאר וועלען זיי זיין בארעכטיגט צו אן ענט־

.2

קאָאָפּעראַטיווען אין דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל

דער שווערפּונקט פון דער סאָציאַל־קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל ליגט יעצט אין דער אָרגאַניזירונג פון פאָלק צוליב דער קאָלאָניזאַציע. די גרינדונג פון די נויטיגע פינאַנץ־אינסטיטוטען צוליב דער קאָלאָניזאַציע איז נאָר אַ מיטעל פאַר דעם צוועק, וועלכער ליגט אין דער אָרגאַניזירונג פון פאָלק.

די קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל איז ביז יעצט געווען א כאַאָטישע און אינדיווידואַליסטישע, אָבער עס האָבען אין איר אויפגעבליצט ניט איינמאָל פּראָבירונגען פון קאָאָפּעראַטיווער אָרגאַניזאַציאָן. אפילו הערצל רעדט נאָך אין זיין „יודענשטאַט“ וועגען א באַנק פון אידען, „בענק אוו דזשום“, וועלכע זאָל אריבערפירען אלע אידען אין ארץ ישראל און זאָל זיי איינאָרדנען אין די זעלביגע סאָציאַלע באַשעפטיגונגען, אין וועלכע זיי געפינען זיך אין גלות. אין לויף פון די איינציגע יאָר ציוניסטישער טעטיגקייט, וועלכע הערצל האָט ענטוויקעלט, האָט ער אָבער שוין איינגעזעהן, אז דער פּלאַן אריבערצופירען אלע אידען אין ארץ ישראל און אריינשטעלען זיי אין די אלטע סאָציאַלע באַשעפטיגונגען, האָט ניט קיין מאָראַלישען און קיין געזעלשאַפטליך־פּראָגרעסיווען ווערט, און איז דערפאַר ניט דורכפירבאַר. ער האָט אין זיין שפּעטערדיגען בוך: „אלטניילאַנד“ שוין געפּרואווט אָנדייטען די סאָציאַל־קאָאָפּעראַטיווע יסודות, אויף וועלכע צו פאַרווירקליכען די מאַסען־קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל.

אין דער געשיכטע פון קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל און אין דעם ציוניזם זיינען אָבער שוין געמאַכט געוואָרען ניט איינמאָל פאַרשידענאַרטיגע פאַרזוכען. אָבער אלע דיזע קאָאָפּעראַטיווע פאַרזוכען, מיט אויסנאַמע פון בי“לו און די קאָאָפּעראַטיווען פון דער לעצטער צייט האָבען ניט ענטהאַלטען אין זיך קיין נייעם סאָציאַלען אינהאַלט, נאָר זיינען ענטשטאַנען פון דער ריין עמפּירישער פאַרשטענדניש, אז בשותפות קאָן מען זיך לייכטער אויפ’ן לאַנד באַזעצען, איידער ווען יעדער איינצעלנער זאָל דאַרפען אינדיווידועל דורכפירען אלע שווערע ארבייטען פון קויפען א נחלה אין ארץ ישראל און זיך באַזעצען.

די ערשטע ביל“ו חברה, יענע באַרימטע גרופּע רוסישע סטודענטען,

סטריעלע קאָאָפּעראַטיוועז זאָלען ניט שטייגען די פּרייזען, אויסנוצענדיג אמאָל די לאגע פון מאַרק, און מיסברויכען מאָנאָפּאָליסטיש די קאָנסומענטען.

די קערענדלאך פון דער סאָציאַל־קאָאָפּעראַטיווער ווירטשאַפט זיינען שוין פאַראַן אין ארץ ישראל אין דער נאַציאָנאַל־באַנק, דעם נאַציאָנאַל־פאָנד. די לאַנדווירטשאַפטליכע פּראָדוקטיוו־געזעלשאַפטען מרחביה און דגניה, אין די קבוצות, די קאָאָפּעראַטיווען. דיזע אָרגאַניזאַציעס דאַרפען נאָר אויסגע־בילדעט ווערען ביז צו זייער לעצטער סאָציאַליסטישער קאָנסעקווענץ.

פאַקט, אַז ראָטשילד האָט געצאָלט פאַר די וויינטרויבען ניט אַ קאָמערציעלען פּרייז נאָר אַ פילאַנטראָפּישען. דער קריזיס אין דעם וויין־געשעפט אין דער וועלט אין איינינגע יאָר שפּעטער האָט אַזוי געמאַכט די וויין־קולטור אין פּאַלעסטינאַ ניט־פּראָפיטאַבעל, אַז מען האָט אין די קאָלאָניען אַרויסגעריסען די וויין פּלאַנצונגען און אָנגעהויבען צו פאַרפירען אויף דעם באָדען אַנדערע קולטורען. דער פּלאַן פון די „דורשי ציון" האָט ניט געהאַט אין אויג אַ חוץ וויין פּלאַנטאַציעס קיין אַנדערע קולטור און קיין אַנדערעווירטשאַפט אָדער אינדוסטריע. ווי אונוויסענשאַפטליך און באַשריינקט אין ערפאַרונג יענער פּלאַן פון די „דורשי ציון" איז ניט געווען, איז דאָך דאָס געווען דער ערשטער פּרואוו צו אָרגאַניזירען אַ מאַסען־קאָלאָניזאַציע אויף אַ קאָאָפּעראַטיווען יסוד ביז צו דער צייט פון דער אינדיווידועלער פאַנאַנדערטיילונג. אַ חוץ דיזע „דורשי ציון" האָבען זיך אָנגעהויבען צו אָרגאַניזירען פאַרשידענע אַנדערע ענליכע געזעלשאַפטען, ווי „אגודת אלף", און אַנדערע, מיט דעמזעלביגען צוועק מעגליך צו מאַכען אַ מאַסען־קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל.

דיזע געזעלשאַפטען פאַר טויזענדער מיטגלידער, ווי אויך די קלענערע קאָלאָניזאַציאָנס־געזעלשאַפטען מיט העכערע איינצאָלונגען, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרען אין 1891, האָבען אָבער אַלע געענדיגט זיך באַלד מיט אַ מיסערפאָלג. די הויפּט־אורזאַכע איז געווען, וואָס אַבדול האַמיד'ס רעגירונג האָט באַלד נאָך דעם יאָר 1891 געמאַכט שטאַרקע באַשריינקונגען געגען אידי־שער איינוואַנדערונג און לאַנד־קויף אין ארץ ישראל. אַ חוץ דעם האָט ניט עקזיסטירט ביי אידען אפילו קיין התחלה פון וועלכער עס איז געזעליכער אָרגאַניזאַציע, וועלכע וואָלט געקאָנט אָנפירען די קאָלאָניזאַציע. עס איז ניט געווען קיין אידישע באַנק און קיין פינאַנץ־אינסטיטוט, וועלכער וואָלט געקאָנט די געשעפטען דורכפירען און וואו דאָס געלט וואָלט געקאָנט דעפּאָ־נירט ווערען. אין רוסלאַנד און אין ארץ ישראל זיינען אַלע קאָלאָניזאַציאָנס־געזעלשאַפטען אין יענער צייט געווען געהיימע געזעלשאַפטען, וועלכע האָבען זיך געשטיצט נאָר אויף דעם געגענזייטיגען פאַרטרויען. דערצו האָט געפעלט יעדע ערפאַרונג אין קויפען לאַנד, אין אָרגאַניזירען און קאָלאָניזירען. די באַוועגונג האָט זיך באַלד פאַרוואַנדעלט אין אַ כאַאָטישער לויפעריי און קויפע־ריי, וואו די גרעניצען צווישען די אינטערעסען פון דעם יחיד און דעם טובת הכלל זיינען שוין אָבגעווישט געוואָרען. עס איז געווען אַ גרויסער פאַרזוך פון מאַסען־איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע, וועלכער איז בטל געוואָרען, ווייל די פּאָליטישע באַדינגונגען פון טערקיי האָבען ניט ערלויבט דאַמאָלט, און ווייל ביי אידען האָבען געפעלט די עלעמענטאַרע פּאָרבאַרייטונגען פאַר אַזאַ באַוועגונג.

נאָך דער קאָלאָניזאַציאָנס־בהלה פון 1891 און 1892 האָט זיך די אי־

וועלכע זיינען געווען בכלל די ערשטע אידעאַליסטישע פּיאָנערען אויף דעם אידישען לאַנד, איז געווען א קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע. די ביל״ו־חברים, וועלכע זיינען געקומען אין ארץ ישראל אין יאָר 1882, האָבען געוואָלט ארבייטען און לעבען קאָמוניסטיש אין א״י און אויף אזא אופן זיין א ביישפּיל פאר דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון ישוב און סאָציאַלען זין. אָבער אזוי ווי זיי האָבען ניט געהאט קיין אייגענע נחלה און ניט געפירט קיין אייגענע ארבייטס־ווירטשאַפט, נאָר געארבייט ווי טאָג־לוינער ביי אנדערע, הויפּטזעכליך אין דער אקערבוי־שולע מקוה ישראל, איז זייער גאַנצער קאָמוניזם נאָר באַשטאַנען אין זייער שותפות׳דיגען לעבען. זיי האָבען געפירט א געמיינשאַפטליכע קאַסע, געהאט א געמיינשאַפטליך הויז און געלעבט אלע אויף א גלייכען אופן, אונאבהייננגיג פון דער מעגליכקייט פון פארשידענע פארדינסטען און הכנסות פון די איינצעלנע. עס פארשטעהט זיך, אז דיזע חבר׳שע קאָמונע איז באַלד בטל געוואָרען, נאָר די איינצעלנע חברים האָבען זיך גענומען פאר אנדערע באשעפטיגונגען און שפּעטער באקומען זעלבסט־שטענדיגע נחלות אין גדרה.

עפּעס ענליכעס צו א קאָאָפּעראַציע איז געווען די ווארשעווער חברה „מנוחה ונחלה“, וועלכע האָט זיך געגרינדעט אין יאָר 1890 און האָט אויפגעבויט די קאָלאָניע רחובות. אָבער דאָס איז געווען אייגענטליך א קויף־געזעלשאַפט פון פארמעגליכע מענשען, וועלכע האָבען זיך אָרגאַניזירט אין א קאָאָפּעראַציע נאָר צוליב דעם צוועק פון דעם באָדען־קויף און צוליב דער שותפות׳דיגער אדמיניסטראַציע. נאָכדעם ווי דער באָדען איז געקויפט געוואָרען, איז ער פאנאנדערגעטיילט געוואָרען צווישען די שותפים לויט דער קויף־סומע פון יעדעם איינצעלנעם.

א מער פאָלקסטימליכען כאראקטער האָט געטראָגען די באַקאַנטע קאָאָפּעראַציע „דורשי ציון“, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָר 1891 אין מינסק, אָבוואָל אויך דיזע אָרגאַניזאַציע האָט ניט ענטהאַלטען אין זיך קיין שום נייעם סאָציאַלען אינהאַלט. דיזע געזעלשאַפט האָט געוואָלט אָרגאַניזירען א מאַסען־קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל, אויף דעם יסוד פון קליינע יערליכע אָבצאָלונגען. דורך דער איינצאָלונג פון 400 רובעל, אויסגעצאָלט אין לויף פון 10 יאָר צו פערציג רובעל א יאָר, האָט דיזע געזעלשאַפט בארעכענט, אז זי וועט קאָנען יעדען מיטגליד געבען א גענוגענדע נחלה מיט כרמים צו קאָנען עקזיסטירען. דער גאַנצער פּלאַן איז געווען אויפגעבויט אויף וויינגערטנעריי, און דער באַזיס פון די הכנסות זיינען געווען די פּרייזען, וועלכע באַראָן ראָטשילד האָט אין יענער צייט געצאָלט צו די קאָלאָניסטען. דער פּלאַן האָט ניט גענומען אין אכט ניט די שטייגערונג פון פּרייזען אויף לאַנד און ארבייט מיט דער ענטוויקלונג פון קאָלאָניזאַציע, און אויך ניט דעם

דער נאציאָנאל פאָנד באזיצט יעצט א פארמעגען פון אן ערך 6 מיליאָן מארק, פון וועלכע 75 פּראָצענט זיינען אינוועסטעט אין ארץ ישראל, און 25 פּראָצענט זאמלען זיך לויט די סטאטוטען אלס וואקסענדער רעזערוו. דאָס געלט פון דעם נאציאָנאל פאָנד איז אינוועסטעט אין לאנד, הייזער, פלאנצונגען, אקערבוי־ווירטשאפטען, הלואות. די זאמלונגען זיינען אין לויף פון די זיבעצען יאָר געווען, פארשטעהט זיך, ניט קיין גלייכע. אין די ערשטע יאָרען איז געזאמעלט געוואָרען גאנץ ווייניג; דאָס הויפּט־געלט איז אריינגעקומען פון 1909 ביז 1913, אין דער צייט פון דער שטארקער פּראקטישער ארבייט אין ארץ ישראל. אין יאָר 1909 איז געזאמעלט געוואָרען א האלב מיליאָן פראנק. אין יאָר 1913 שוין א גאנצער מיליאָן פראנק. אין די מלחמה יאָרען איז די זאמלונג געפאלען, אָבער זי האלט זיך אויף איבער א האלבען מיליאָן פראנק א יאָר.

אויב דער נאציאָנאל־פאָנד זאָל ווערן דער יסוד פון דעם אויפבוי אין ארץ ישראל אויף סאָציאל־קאָאָפּעראטיווע יסודות, מוז זיין סאָציאלער פּרינציפּ פארטיפט און פארשטארקט ווערען און די זאמלונגען מוזען פארהונדערטפאכט אָדער גאָר פארטויזענטפאכט ווערען. דער נאציאָנאל פאָנד מוז אלעס ערווערבען אין ארץ ישראל אלס פאָלקס־אייגענטום: לאנד, געביידען, שטאָטישען גרונדבאזיץ, פאבריקען, הייזער. ער מוז אויך אריינגעמען אין זיין באזיץ די אייזענבאנען, מינען, נאטור־רייכטימער, וואסערפאלען א. ז. וו. אפּעראַירענדיג דערביי, נאטירליך, מיט א ברייטען קרעדיט.

די ערשטע באדינגונג פאר דעם נאציאָנאל־פאָנד איז די אונגעהייערע פּראָגרעסיווע פארגרעסערונג פון די זאמלונגען. פון קליינע צופעליגע זאמלונגען דורך מארקען, באקסעס, קערות, א. ז. וו. מוז מען איבערגעהן צו א סיסטעמאטישער אָרגאניזירונג פון די זאמלונגען דורך דער זעלבסט־באשטייערונג אָדער, בעסער געזאָגט, דורך הער באשטייערונג פון גאנצען פאָלק. בשעת דער ציוניזם ווערט א פאָלקס־באוועגונג, בשעת די קאָלאָניזאציע ווערט א מאסען־קאָלאָניזאציע און דער פּראָלעטאריאט ווערט דער טרייבענדער כח פון דער באוועגונג, איז אזא זעלבסט־באשטייערונג דורכאויס א מעגליכע און דורכפירבארע זאך. פון ציוניסטישער זייט ווערט פארלאנגט דאָס דער נאציאָנאל פאָנד זאָל אָנהויבען באלד זאמלען מינדעסטענס 10 מיליאָן מארק א יאָר, דאָס הייסט ווייניגער ווי א מארק א יאָר פאר א פּערזאָן. אָבער דיזע סומע איז א גאנץ קליינע אין פארגלייך מיט דער אונגעהייערער סומע, וועלכע איז נויטיג פאר א פאָלקס־קאָלאָניזאציע און וועלכע קען באשאפען ווערען דורך אן אלגעמיינע זעלבסטבאשטימונג פון פאָלק.

אין לויף פון דער מלחמה איז אין פיעלע ערטער דורכגעפירט געוואָרען די זעלבסטבאשטייערונג פון דער אידישער באפעלקערונג פאר די מלחמה־

דישע קאָלאָניזאציע אָבגעשטעלט אויף מער ווי צען יאָר. אין די לעצטע יאָרען פון חיבת ציון און אין די ערשטע יאָרען פון פּאָליטישען ציוניזם ביז צום אוגאנדא־פּראָיעקט אין יאָר 1903 איז כמעט קיין קאָלאָניזאציע ניט אָנ־געגאנגען. די ראטשילדישע קאָלאָניזאציע איז ווייט געווען דערפון צו מאכען וועלכען עס איז פארטשריט. די פארדערבליכע רעזולטאטען פון דער אויטאָ־קראטישער אדמיניסטראציע, פון דער שנאָרער־ווירטשאפט און דער אונטער־דריקונג פון יעדער פערזענליכער און געזעלשאפטליכער איניציאטיווע האָבען ארויסגערופען נאָר אלגעמיינעם מיסטרויען און פארצווייפלונג אין דער קאָ־לאָניזאציע. די קאָלאָניזאציע און דער גאנצער ישוב האָבען אין די נײנציגער יאָרען דורכגעמאכט א שווערען קריזיס. אין וועלכען עס זיינען פארשוואונדען ניט נאָר קאָאָפּעראטיווע פּרואוואונגען פון קאָלאָניזאציע, נאָר וועלכע עס איז קאָלאָניזאטאָרישע אונטערנעמונגען בכלל.

צו דער דורכפירונג פון דער סאָציאל־קאָאָפּעראטיווער קאָלאָניזאציע זיינען נויטיג צוויי אינסטיטוטען, וועלכע זאָלען זיך הארמאָניש דערגענצען אין זייער טעטיגקייט. דיזע אינסטיטוטען זיינען: דער נאציאָנאלער פאָנד און די נאציאָנאלע באנק. אין לויף פון דער ציוניסטישער באוועגונג זיינען שוין באשאפען געוואָרען די קערנדלאך פון דיזע אינסטיטוטען. די מאסען־קאָלאָניזאציע פון ארץ ישראל אויף סאָציאל־קאָאָפּעראטיווע יסודות מאכט נויטיג דעם קוואנטיטיווען און קוואליטאטיווען אויסבוי פון דיזע אינסטי־טוטען, די פארטויזענטפאכונג פון זייער גרויס און די סאָציאליזירונג פון זייער אינהאלט.

דער נאציאָנאל־פאָנד, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָר 1901 אויף דעם פינפטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין באזעל, האָט צו זיין צוועק די ערווערבונג פון לאנד אין ארץ ישראל אלס אייביגער אידישער פאָלקס־אייגענטום געמאכט. אין דיזען זין איז דער נאציאָנאל פאָנד געווען טעטיג פאַר דער גאנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ. אָבער דער סאציאליסטישער כאראקטער פון דעם נאציאָנאל פאָנד מוז נאָך פארטיפט און פארפעסטיגט ווערען דורך דעם פאָלקס־באוואוסטזיין, באזונדערס אָבער דורך דער אנשליסונג פון אידישען פּראָלעטאריאט אָן דער סאָציאליסטיש־ציוניסטישער באוועגונג.

די גרויס און די טעטיגקייט פון דעם נאציאָנאל פאָנד זיינען אויך געווען באשריינקט און באגרעניצט, אזוי דאָס דער נאציאָנאל פאָנד איז נאָך זעהר ווייט דערוייל פון צו זיין אן אמת'ער פאָלקס־אינסטיטוט, וועלכער זאָל קאָנען דורכפירען די סאציאל־קאָאָפּעראטיווע קאָלאָניזאציע.

ענטוויקלונג פון אידישען ישוב אין דאָרף און שטאָט. זי האָט געגעבען ביליגען קרעדיט אין ארץ ישראל, וואו געלט איז פאראן ווייניג און דער פּראָצענט איז הויך. אָבער דער כאראקטער פון דער באַנק אלס האנדעלסבאנק און איר קליינער קאפּיטאל האָבען געמוזט איינג באגרענעצען איר טעטיגקייט.

די נאַציאָנאַל באנק מוז ערפילען די גרויסע קאָלאָניזאטאָרישע אויפגאבען, וועלכע די קאָלאָניאַל־באנק האָט זיך לכתחילה געשטעלט; אָבער האָט זיי ביז יעצט ניט געקענט אויספירען. הערצל האָט אין אָנהויב פון זיין ארויסטרעטען געוואָלט גרינדען א נאַציאָנאלע הלואה אויף 1000 מיליאָן פראַנק. פאר אזא גרויסע באנק אין הערצל'שען זין אויף דער גרונטלאגע פון אן אלגעמיינער אידישער סובסקריפּציאָן איז יעצט געקומען דער גינסטיגער מאָמענט. די מלחמה אנלייען פון טויזענטער מיליאָנען, וועלכע אלע שטאַטען, די גרויסע אזוי ווי די קליינע, האָבען דורכגעפירט פרייוויליג צווישען די אייגענע בירגער, ווייזען א באַוויין, וואָס יעדעס פאָלק קאָן שאפען פאר אן אלגעמיינעם צוועק, ווען עס ווערט אָנגעצונדען פון נאַציאָנאלער באגייסטערונג.

אויב מיר זאָלען אָננעמען, אז פון אלע אידען פון דער וועלט וועלען זיך וויינינגסטענס איין מיליאָן אידען באטייליגען אין דיזער סובסקריפּציאָן פאר דער נאַציאָנאלער באנק און דער נאַציאָנאלער הלואה, קומען מיר שוין צו גאַנץ געוואלטיגע סומען. אויב א מיליאָן אידען זאָלען זיך פארפּליכטען דורך אָרדענטליכע וועקסעל־אויסצאָלונגען אין לויף פון 25 יאָר א שער פון 10 דאָלאר א יאָר, איז דאָס שוין א קאפּיטאל פון א פערטעל מיליארד דאָלאר, פון וועלכע די גרעסטע העלפט קאָן באטראכט ווערען אלס זיכער און פייאיג דיסקאנטירט צו ווערען. אין דיזער נאַציאָנאלער הלואה דורך א נאַציאָנאלע באנק וועלען זיך אָבער באטייליגען דער מיטעלקלאַס, דער רייכער קלאַס און די אידישע מיליאָנערען, אויב די פאָלקס מאסען וועלען ווירקליך אריינשטעלען זייער גאַנצע ענערגיע פאר דיזער זאַך. די נאַציאָנאלע באנק וועט ניט ווייניגער זיכערען דאָס קאפּיטאל און די פּראָצענטען פון די שערהאָלדערס, ווי די ציוניסטישע קאָלאָניאל באַנק. אזא נאַציאָנאלע באנק וואָלט געקאָנט רעאליזירען א ניט קיין קלענערען קאפּיטאל, ווי דער, וועגען וועלכען הערצל האָט גע'חלומ'ט!

די נאַציאָנאלע באנק וועט געבען הלואות אויף א לאנגער צייט דעם נאַציאָנאל־פאָנד און די קאָאָפּעראטיווע אָרגאניזאציעס, פאר לאנדווירטשאפט, אינדוסטריע, הייזערבוי. צו דיזע צוויי אָרגאניזאציעס מוז צוקומען נאָך די דריטע און וויכטיגסטע אָרגאניזאציע, די קאָאָפּעראטיווע אָרגאניזאציע פון די איינוואנדערער און קאָלאָניסטען זעלבסט.

קרבנות, און דער פּלאַן איז געקרוינט געוואָרען מיט א גרויסען ערפאָלג. אזוי למשל האָט דער מאָסקווער אידישער הילפס־קאָמיטעט דורכגעפירט די זעלבסטבאשטייערונג לויט פאָלגענדען פּלאַן:

יעדער, וועלכער פאַרדינט 50 רובעל א חודש זאָל צאָלען 1 פּראָצענט; 100 רובעל — 1½ פּראָצענט; 200 רובעל — 2 פּראָצענט; 300 רובעל — 3½ פּראָצענט; 500 רובעל — 4 פּראָצענט; 700 רובעל — 5 פּראָצענט; 1000 רובעל — 6 פּראָצענט; איבער 1000 רובעל — 7 פּראָצענט.

די קליינע אידישע באפעלקערונג פון מאָסקווע האָט אין 20 חדשים פון מלחמה, פון אויגוסט 1914 ביז מאי 1916, אריינגעטראָגען דורך דעם סיס־טעם פון זעלבסט־באשטייערונג 1 מיליאָן מיט 38 טויזענט רובעל. די אנ־דערע מלחמה־זאמלונגען אין מאָסקווע פאר דעמזעלביגען משך צייט האָבען אריינגעבראכט נאָר 228.000 רובעל. דיזער ביישפּיל פון זעלבסט־באַ־שטייערונג אין מאָסקווע באווייזט, וואָס פאר געוואלטיגע סומען עס וואָלטען אויף אזא אופן געקאָנט געזאמעלט ווערען דורך דער איינפירונג פון דעם פּרינציפּ פון זעלבסטבאשטייערונג אין דעם נאציאָנאל פאָנד.

ווען דער נאציאָנאל פאָנד וועט ווערען א קאָלאָניזאציאָנס־אינסטיטוט אויף א גרויסען מאסשטאב, וועט ערווערבען לאנד אלס נאציאָנאל־אייגענטום און העלפען די אידישע מאסען איבערצוגעהן צו סאָציאל־קאָאָפּעראטיווער קאָלאָניזאציע, וועט ער ווערען א קוואל פון נאציאָנאלער און סאָציאלער זעלבסט הילף פאר דאָס פאָלק. דאָס פאָלק וועט אָנהויבען צו באגרייפען דעם ווערט און די קאָנסטרוקטיווע טעטיגקייט פון דעם נאציאָנאל פאָנד און וועט שיינקען דיזער נאציאָנאל־סאָציאלער אינסטיטוציע מער אינטערעס און סימ־פּאטיע, איידער אלע אנדערע אידישע אנשטאלטען, וועלכע האָבען קיינמאָל ניט געקאָנט אריבערטרעטען זייערע נאטירליכע גרענעצען פון צדקה. אין א צייט ווען די ציוניסטישע שטימונג וואכט־אויף אין גאנצען פאָלק און עס האָבען זיך געעפענט די רעאלע מעגליכקייטען פאר א אידיש לאנד, איז די דורכפירונג פון אן אלגעמיינער באשטייערונג פון אלע אידען פאר דעם נאציאָנאל פאָנד און די זאמלונג פון אונגעהייערע סומען דורכאויס א מעגליכקייט.

די צווייטע פינאנץ־אינסטיטוציע לעבען דעם נאציאָנאל פאָנד מוז זיין די נאציאָנאלע באַנק. די ציוניסטישע אָרגאַניזאציע האָט שוין עטוואָס ענליכעס צו א נאציאָנאלער באנק אין דער געשטאלט פון דער קאָלאָניאל־באַנק. די קאָלאָניאל באנק איז כמעט אויסשליסליך א האנדעלס באנק אויף קורץ דויערענדען קרעדיט. מיט איר קליינעם קאפּיטאל פון אן ערך 300,000 שערס צו פינף דאָלאר א שער, צוזאמען מיט דער אנגלאָ־פּאלעסטיין באַנק, וועלכע איז פון איר געגרינדעט געוואָרען, האָט זי שטארק געהאָלפען דער

לען פארשווינדען פון דיזער נייער קאָאָפּעראַטיווער פאָרם פון דער ווירטשאַפט די איבלען פון פּריוואַט־באַזיץ און פּריוואַט־פּראָדוקציע, דער אונפארדינטער וואוקס פון דעם באָדענווערט, די ספּעקולאַציע מיט לאַנד, די טעכנישע אָבגעשטאַנענקייט פון דער פּראָדוקציע, די עקספּלואַטאַציע דורך דעם מיטעלמאַן און דעם האַנדעלס־קאַפּיטאַל.

אויף דיזען אָפּענהיימער'שען פּרינציפּ זיינען געגרינדעט געוואָרען צוויי קאָלאָניען אין ארץ ישראל, מרחביה און דגניה. די רעזולטאַטען פון דיזע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניען זיינען נאָך ניט פאָלשטענדיג קלאָר, ווייל זיי זיינען ביז צו דער מלחמה נאָך ניט ארויסגעקומען פון צושטאַנד פון פארבארייטונג. דיזע קאָלאָניען, אזוי ווי אלע קאָלאָניען אין ארץ ישראל, האָבען דערווייל צו ליידען פון דער איינזייטיגקייט פון דער אידישער אגריקולטור־ווירטשאַפט אין ארץ ישראל בכלל. די אידישע אגריקולטור אין ארץ ישראל באַשטעהט הויפּטזעכליך פון פּלאַנטאַציע און תבואה, זי הויבט זיך ערשט אָן אין די לעצטע יאָרען אָבצוגעבען מיט מילך־ווירטשאַפט און געמייזע-קולטור, און האָט נאָך ניט געמאַכט קיינע פארבארייטונגען אפילו פאר די צאָלרייכע קולטורען, וועלכע זיינען פארבונדען מיט אגריקולטורעלער אינדוסטריע. אזוי איז למשל די קולטור פון קאַטאַן, צוקער־ריבען, פּאַרפיום־פּלאַנצען, מעדיצינישע געוויקסען, א. ז. וו. פאר וועלכע דאָס לאַנד איז זייער מסוגל, נאָך גאַנץ פרעמד. דיזע אָבגעשטאַנענקייט מאַכט די קאָלאָניזירונג פון דעם לאַנד זעהר טייער און פאָדערט די ערשטע יאָרען דאָס אריינלייגען פון גרויסע קאַפּיטאַלען, וועלכע קענען נאָך ניט ברייננגען קיין ריוח אין אָנהויב. אָבער די ערשטע איינינגע יאָרען קאָאָפּעראַטיווע ארבייט, אפילו ביי דער אָבגעשטאַנענקייט פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל, האָבען באַוויזען די דורכפירבאַרקייט פון קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע אין לאַנד.

א חוץ וואָס דיזע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניזאַציע האָט א גרויסען נאַציאָנאַלען און סאָציאַלען ווערט און לייזט די פראגע פון דער אידישער ארבייט און די סתירות צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט, מאַכט זי אייגענטליך מעגליך די פּראָלעטארישע קאָלאָניזאַציע בכלל. די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניזאַציע, ווען זי באַצאָלט זיך און איז רענטאַבעל, קאָן ווערען דער קרעדיט־באַזיס פאר דער מאַסען־קאָלאָניזאַציע. דאָס איז דער גרונט־געדאַנק, אויף וועלכען עס איז אויפגעבויט די ארגומענטירונג פון פראַנץ אָפּענהיימער פאר דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע פון שטאַנדפּונקט פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע בכלל. די ערפאַרונג האָט באַוויזען אין דער גאַנצער וועלט, אזוי ווי אין ארץ ישראל, אז א קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציע איז פיל מער קרעדיט־פייאיג, איידער א יחיד. דער קרעדיט פון דער אנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק אין ארץ ישראל צו די קאָלאָניסטען און טיילווייז צו די ארבייטער איז

ערשט נאָך דעם יאָר 1903 און דעם אוגאנדא־פּראָיעקט און נאָכדעם ווי עס זיינען באשאפען געוואָרען נאציאָנאלע פינאנץ־אינסטיטוטען דורך די ציוניסטישע אָרגאניזאציעס, הויבט זיך אָן אן אויפלעבונג פון דער קאָלאָניזאציע. אין דיזער נייער קאָלאָניזאציע פארנעמען שוין די קאָלעקטיוו־נאַציאָנאלע אונטערנעמונגען א וויכטיגען פּלאַץ. דער באָדען פון נאציאָנאל־פאָנד, די פלאנטאציעס אויף דעם נאציאָנאלען באָדען, ווי דער הערצל־וואלד, די נאציאָנאלע קונסט־שולע און פאבריק „בצלאל“, שפּעטער די ארבייטער־הייזער און ארבייטס־היימען,די צאָלרייכע שולען, די גימנאזיעס, סעמינארען זיינען שוין באדייטענדע ווירטשאפטליכע שאפונגען אין דער ליניע פון נאציאָנאלען אייגענטום. אָבער מיט ציוניזם זיינען נאָך אלץ ניט געווען פארבונדען קיינע סאָציאל־קאָאָפּעראטיווע אידעען. דער סאָציאליסטישער כאראקטער פון נאציאָנאל פאָנד אפילו האָט זיך ניט גענומען פון א סאָציאַ־ליסטישער אידעע אָדער א סאָציאליסטישען ווילען, נאָר פון דעם נאציאָנאלען און פאָלקסטימליכען כאראקטער פון ציוניזם.

דאָס האָט גורם געווען, דאָס דער נאציאָנאל־פאָנד האָט ניט זעלטען זיך אָבגעזאָגט פון זיין סאָציאליסטישען ציל און געדינט פּריוואט־אייגענטום־צוועקען, ווען עס האָט זיך אים געדוכט, אז ער קאָן אויף דיזען אופן ענט־וויקלען דעם ישוב אין לאנד. אזוי, צום ביישפּיל, האָט דער נאציאָנאל־פאָנד געהאָלפען דורך אן הלואה אויפבויען תל אביב אין יפו אויף א ריין פּריוואט־קאפּיטאליסטישען יסוד.

די אינוויינינגסטע סתירות פון דער פּריוואט־קאפּיטאליסטישער קאָלאָני־זאציע אין ארץ ישראל, און די ענטוויקלונג פון א סאָציאליסטיש־ציוניסטי־שער באוועגונג אין די גלות-לענדער און אין ארץ ישראל האָבען אָבער באלד ארויסרופען א טיפערע פארשטענדנים אין ציוניזם פאר א נייער סאָציאלער פאָרם פון קאָלאָניזאציע. אין דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע איז אויפגע־טראָטען די פראגע וועגען קאָאָפּעראטיווער קאָלאָניזאציע. וועגען דער איינ־פירונג פון א נייער מעטאָדע פון אָרגאניזירען דעם ישוב. אויף דעם נייִנטען ציוניסטישען קאָנגרעס אין האמבורג, אין יאָר 1910, איז אָנגענומען געוואָרען דער אָפּענהיימער'שער פּלאַן צו גרינדען א קאָאָפּעראטיווע קאָלאָניע, וועלכע זאָל דינען אלס ביישפּיל פאר ווייטערדיגע קאָאָפּעראטיוון. דער גרונט־פּרינציפּ פון דער אָפּענהיימער'שער לאנדווירטשאפטליכער פּראָדוקטיוו־גענאָסענשאפט, ווי די קאָאָפּעראטיווע קאָלאָניע ווערט אָנגערופען אין אָפּענ־היימער'ס טערמינאָלאָגיע, איז דער קאָלעקטיווער באזיץ פון דעם לאנד. די קאָאָפּעראטיווע ארבייט פון די מיטגלידער פון דער קאָלאָניע און די אָרגאַ־ניזירונג פון די איינוואוינער פון דער קאָלאָניע אין פארשידענע קאָאָפּערא־טיוון פאר די פארשידענע עקאָנאָמישע באדערפנישען. אויף אזא אופן ווע־

אין דער קאַפּיטאַליסטיש נאָך ניט ענטוויקעלטער ארץ ישראל א פאַרבינדונג פון אן ארבייטער יוניאָן מיט אן ארבייטער קאָאָפּעראַטיוו.

אין די לעצטע איינציגע יאָר פאַר דער מלחמה האָט זיך אָנגעהויבען אין אַלע לענדער, באַזונדערס אין אַמעריקא א גרויסע אָרגאַניזאַציאָנס־באַוועגונג פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל, אונטער דעם נאָמען „אחוזה". אויך דיזע אחוזה־באַוועגונג, ניט קוקענדיג אויף איר פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטיש ציל און דעם נאָמען, וועלכער דייטעט אָן פּריוואַט־באַזיץ, באַרירט זיך מיט קאָאָפּעראַציע. די „אחוזה" וויל אָרגאַניזירען אידען, וועלכע זאָלען פאַר ווייניגסטענס 1500 ביז 2000 דאָלאַר, אויסגעצאָלט אין אן ערך פון 10 יאָר, בשותפות אויפבויען פאַר זיך קאָלאָניען אין ארץ ישראל. נאָכדעם ווי די קאָלאָניע וועט זיין אויפגעבויט, וועט זי פאַנאַנדערגעטיילט ווערען אין איינצעלנע נחלות, לויט דער צאָל פון די אַקציעס און דעם סכום געלט, וואָס יעדער חבר האָט איינגעצאָלט. עס איז אַ קאָאָפּעראַציע ביז צו דער פאַרטיילונג. אָבער אַזוי ווי די „אחוזה" וועט מוזען אָנקומען צו נאַציאָנאַלען קרעדיט, און אַזוי ווי די עקאָנאָמישע מעלות פון קאָאָפּעראַציע און אויסשיידונג פון עקספּלואַטירענדען פּריוואַט־קאַפּיטאַל ווערען אַלץ מער און מער באַגרייפליך, וועט אויך די אחוזה־באַוועגונג מוזען מיט דער צייט אָננעמען פילע פּרינציפּען פון קאָאָפּעראַציע.

די געשיכטע פון קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל באַווייזט אונז, דאָס פון דער צייט פון ביל"ו ביז צו מרחביה און דגניה זיינען פאַר איינס געווען שטרעבונגען אין ארץ ישראל צו בויען די אידישע קאָלאָניזאַציע אויף נייע סאָציאַלע יסודות. אין דער לעצטער צייט אָבער פאַר דער וועלט־מלחמה, ווען די אידישע קאָלאָניזאַציע האָט שוין אָנגענומען א מאַסאָווען כאַראַקטער, ווען דער ציוניזם האָט באַשאַפען נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציאָנס־אינסטיטוטען און אָנגעהויבען צו זוכען נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציאָנס־מעטאָדען, ווען עס איז אויסגעוואַקסען א סאָציאַליסטיש־ציוניסטישע ארבייטער־באַוועגונג, האָט זיך שוין אָנגעהויבען צו ענטוויקלען א באַוואוסטזיניגע סאָציאַל־קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג אין דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל. נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע, קולטורעלע מאָטיווען האָבען אָנגעהויבען פאָרמירען ניט נאָר אין פּראָלעטאַרישען נאָר אפילו אין דעם אַלגעמיינעם ציוניזם אן ערנסטע קאָאָפּעראַטיווע שטרעמונג. מער און מער איז געוואָרען באַגרייפליך, אז א גרויסע מאַסען־קאָלאָניזאַציע קאָן בכלל ניט זיין מעגליך אויף אינדוסטריאַליסטישע, פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישע יסודות.

יעצט ווען מיר שטעהען ערב א גרויסער וואַנדערונג און א מאַסען־קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל, ווען דאָס לאַנד זעלבסט געהט איבער אין דעם אויטאָנאָמען רשות פון דער אידישער נאַציע, איז די פראַגע פון דער סאָציאַל־

אָרגאַניזירט אויף דעם יסוד פון קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווען. אַ קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע, וועלכע וועט דורך איר אָרגאַניזאַציע, דורך אירע מעגליכקייטען און איר ווירטשאַפטליכען ווילען אליין שוין רעפּרעזענטירען אַן עקאָנאָמישען ווערט, וועט באַקומען קרעדיט־פייאיגקייט, וועלכע וועט מיט יעדען עקאָנאָמישען שריט פאָרווערטס אַלץ וואַקסען און וואַקסען.

די ארבייטער פון ארץ ישראל פון זייער זייט זיינען ניט אַזוי דורך דעם טעאָרעטישען געדאַנק, ווי דורך די ערפאַרונגען פון דער קאָלאָניזאַציע געקומען צו דער איבערצייגונג פון דעם שעפערישען ווערט פון די קאָאָפּעראַטיווען. אין די לעצטע יאָרען האָבען זיך די ארבייטער אין ארץ ישראל אָרגאַניזירט אין ארבייטער קאָאָפּעראַטיווען, אין קבוצות, וועלכע האָבען איבערגענומען פון דעם נאַציאָנאַל פאָנד די זעלבסטשטענדיגע באַארבייטונג און די באַווירטשאַפטונג פון פאַרמס און פלאַנטאַציעס.

אַזעלכע קבוצות האָבען געאַרבייט אין כנרת, דגניה, מרחביה, חולדה, כפר אוריה, קרקר. אין דגניה ביים ים טבריה, וועלכע געהערט צום נאַציאָנאַל-פאָנד, האָט איבערגענומען אַ קבוצה פון 25 ביז 50 ארבייטער דעם באַטריב פון דער פאַרם. דער ריוח פון דער פאַרם ווערט געטיילט אויף גלייך צווישען דעם נאַציאָנאַל־פאָנד און דער קבוצה. פאַר דעם באָדען און די געביידען ווערט געצאָלט צום נאַציאָנאַל־פאָנד 3 פּראָצענט פאַכט־צינז. אין דיזען קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער ארבייט גאַנץ זעלבסטשטענדיג, באַקומען אַלע חברים גלייכע שכירות. אין די לעצטע דריי יאָר פאַר דער מלחמה האָט דיזע קבוצה געאַרבייט מיט ריוח. אַזעלכע ארבייטער־קאָאָפּעראַטיווען באַארבייטען אויך ענליכע באַדינגונגען גן שמואל און באר טבריה. דיזע קאָאָפּעראַטיווען קאָנען שפּעטער איבערנעמען דעם באָדען, וועלכען זיי האָבען אויסגעאַרבייט, אין פאַכט און ווערען קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניען. אויך פּריוואַטע באַזיצער באַנוצען זעהר אָפט אַזעלכע ארבייטער־קבוצות, כדי אויסצואַרבייטען און צו באַווירטשאַפטען דאָס לאַנד.

אַ חוץ אַזעלכע ווירטשאַפטליכע קבוצות זיינען אין ארץ ישראל ענטשטאַנען אין דער לעצטער צייט נאָך פאַרשידענע שטאָטישע קאָאָפּעראַטיווען. עס האָבען זיך אָרגאַניזירט אין די שטעט און די קאָלאָניען קאָאָפּעראַטיווע קיכען און קאָאָפּעראַטיווע ארבייטער־הייזער. באַזונדערס האָבען זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען ארבייטס־קאָאָפּעראַטיווען אין די שטעט. קאָאָפּעראַטיווען פון שטיינהאַקער, מויערער, האָלץ־ארבייטער פאַר געביידען זיינען ענטשטאַנען אין פאַרשידענע פּלעצער. אויף אַזאַ אופן ווערט אויסגעשלאָסען דער אונטערנעמער און פאַרמיטלער, וועלכער פּלעגט געוויינליך איבערנעמען ארבייט פון דעם פּריוואַט קאַפּיטאַליסט אָדער דער געזעלשאַפטליכער אונטערנעמונג און זי אויספירען דורך לוין-ארבייטער. דיזע קבוצות זיינען

דער גייסטיגער שלום *)

עס איז א היסטאָרישער טאג דער אידישער ארבייטער קאנגרעס פאר ארץ ישראל. זייט 50 יאָר ענטוויקלונג פון אידישען סאָציאליזם, זייט ליבערמאן ביז היינט האָבען זיך געראנגעלט אין דעם הארץ פון דעם אידישען ארבייטער־קלאַס צוויי געפילען, צוויי שטימונגען, וועלכע האָבען ניט געקאָנט מאכען צווישען זיך שלום. דער געפיל פון ישראל סבא, און די אידעע פון אל־מענשליכקייט, די אידישע נאציאָנאליטעט און דער אינטערנאציאָנאליזם, ציון און דער סאָציאליזם. מיט דיזען קאמף איז אָנגעפילט די אידישע ארבייטער באוועגונג, די גענאָסען, דער בונד, די נאציאָנאל־סאציאליסטישע פארטייען.

אין פייער און שטורעם האָט דער גייסט פון דער נייער צייט געלייזט דיזען קאָנפליקט פאר דעם אידישען פראָלעטאריאט. א נייע מאָראל איז אויסגעשמידט געוואָרען אין דעם פייער פון דער צייט, אין געגענזאץ צו דער רעאקציאָנערער פאָליטיק, דעם קייזעריזם און דעם אימפעריאליזם. די רעאקציע וויל די פארניכטונג פון די פעלקער און די הערשאפט פון די קלאַסען, די נייע מאָראל פון דער מענשהייט וויל די אפשאפונג פון די קלאסען און די אויפריכטונג פון די פרייע פעלקער. די באפרייאונג פון נאציאָנאלען יאָך איז דער פאָרשפיל צו דער באפרייאונג פון קאפיטאליסטישען יאָך, און עס קאָן ניט זיין גלייכהייט און ברידערליכקייט ·צווישען די מענשען, כל זמן עס האָט ניט טריאומפירט די אידעע פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט צווישען אלע פעלקער. דער פראָלעטאריאט איז יעצט דער שעפפער פון דער נאציאָנאלער באפרייאונג און דעם נאציאָנאלען רענעסאנס פון דער וועלט.

פאר קיין פאָלק שטעהט ניט אזא מערקווירדיגע נאציאָנאלע אויפגאבע ווי פאר דאָס אידישע פאָלק. דער ציוניזם איז ניט נאָר דער נאציאָנאלער אויפבוי פון אידישען פאָלק, דער ציוניזם איז קאָנסטרוקטיווער סאָציאליזם. נייע פרינציפען פון אייגענטום, נייע פאָרמען פון ארבייט, נייע אָרגאניזאציעס פון מענשען. דער ציוניזם בויט א וועלט פון סאציאלען אמת און גערעכטיגקייט. ניט דורך בלוט און צושטערונג, וועלכע פירען נאָר צו שקלאפעריי, נאָר דורך אָרגאניזאציע, ארבייט, אמת און אויפלעבונג, די איינציגע וועגען צום סאָציאליזם. דאָס אידענטום האָט אמאָל ענטדעקט די איינהייט

*) פון א רעדע געהאלטען צו דער ערעפענונג פון ערשטען אידישען ארבייטער קאָנגרעס פאר ארץ ישראל. יוני 6טען, 1918.

קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאציע פון ארץ ישראל געוואָרען די פראגע פון דעם ציוניזם און דעם אידישען ישוב אין ארץ ישראל בכלל. די פּראָבלעם פון דער פאָלקס־קאָאָפּעראטיווער קאָלאָניזאציע האָט געפונען אן אָנדייטענדע לייזונג אין דער קאָאָפּעראטיווער קאָלאָניזאציאָנס־געזעלשאפט „אחוזה“ וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין לעצטען יאָר פאר דער מלחמה. אויב די „אחוזה“ וועט ווערען א פאָלקס־באוועגונג און אָרגאניזירען די אידישע מאסען צוליב קאָאָפּעראטיווער קאָלאָניזאציע, איז געפונען געוואָרען דער וועג פאר דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען אויפבוי פון ארץ ישראל אין די אינטערעסען פון אידישען פאָלק און אין הסכם מיט די רעוואָלוציאָנערע און סאָציאליסטישע אידעען פון דעם אידישען ארבייטער־קלאס.

קיינמאָל איז נאָך א פאָלק אין דער געשיכטע ניט געשטאַנען פאר אזא וואונדערבארער העלדישער אויפגאבע, ווי דאָס אידישע פאָלק יעצט.

אויפשטעהן זאָל אין גלאַנץ און ליבע ניט די מוטער ציון, נאָר די כלה ציון, און אויפהויבען זאָל זיך פון זיין היסטאָרישען שטויב שוין ניט מער דער אידישער גלות, נאָר דאָס שטרייטענדע און האָפענדע אידישע ארבייטס־פאָלק.

פון דעם וועלט־אל, עס האָט אָנגעזאָגט די איינהייט פון דעם מענשליכען געשלעכט, יעצט מוז דער ציוניזם פארווירקליכען די איינהייט און אייניג־קייט פון אלע מענשען, די ברידערליכקייט פון דער מענשליכער געזעלשאפט. מארקס האָט געזאָגט: „די פילאָזאָפיע האָט ביז יעצט די וועלט ערקלערט, יעצט מוז זי די וועלט איבערמאכען“. דאָס קאָן מען פיל ריכטיגער אָנווענדען אויף דאָס אידענטום. דאָס אידישע פאָלק איז א סאָציאליסטישעס פאָלק ניט ווייל עס לעבט אין נויט, נאָר ווייל די רעוואָלוציע איז נאָך אָנגעזאָגט געוואָרען אויפ׳ן בארג סיני אין היסטאָרישען בליץ און דונער.

מערקווירדיגע פראָבלעמען פון קולטור, פון גייסטיגער שאפונג שטעהען פאר דעם אויפלעבענדען פאָלק. א נייע שפראך, ליטעראטור, קונסט, ער־ציאונג. אָבער דאָ שטעהען מיר אין מיטען פון דער דיסקוסיע וועגען די וויכטיגסטע פראָבלעמען. צו קיין לייזונג פון די פראָבלעמען קאָן די ארביי־טערשאפט דערווייל נאָך אויף דיזען געביט ניט קומען. ערשט אין ארץ ישראל, און אין משך פון דער ענטוויקלונג זעלבסט וועלען פאנאנדערגעווי־קעלט ווערען אלע גרויסע אידישע קולטור־פראָבלעמען און געפינען זייער לייזונג. אָבער איינס איז פאר אונז זיכער: ניט מיט דער ארשין פון אל־טעגליכקייט און פראקטישקייט קאָן געמאָסטען ווערען דאָס געוועב פון דער אידישער קולטור. די אידישע קולטורעלע אינדיווידואליטעט מוז פליסען פון דעם פארבאָרגענעם שורש פון דער אידישער נאציאָנאלער נשמה, זי מוז אָפּשפּיגלען אלע שטראלען פון דעם אידישען גייסט, מוז אויפזאמלען אלע קרעפטען און פאָרמען פון דער אידישער שאפונג. די נייע אידישע קולטור דארף זיין ניט די קאָרע, ניט א צווייג אָדער אפילו א בלום פון דער אידישער גייסטעס־שאפונג, נאָר דער גאנצער וואונדערבארער בוים פון דער אידישער שאפונג, מיט זיינע ווארצלען טיף אין דער ערד פון דער פארגאנגענהייט און זיין צווייגען־קאָפּ הויך אין די הימלען פון דער צוקונפט. דאָס צו באגרייפען און דאָס איבערצולעבען איז די גייסטיגע אויפגאבע פון דעם אידישען פראָלעטאריאט.

דער אידישער ארבייטער־קלאַס ווערט באנייט, ווערט מוטיג, פריי און איידעל דורך דער שטרעבונג צו ארץ־ישראל. ארץ ישראל איז פאר דעם אידי־שען פראָלעטאריאט דער גרעסטער סטרייק, דער ווייטסטער קאָאָפּעראטיוו, די מעכטיגסטע קולטור. אלע באשריינקונגען פאר דעם אידישען סאָציאליזם און די אידישע קולטור, וועלכע דער גלות באשאפט, ווערען דורך ארץ ישראל איבערוואונדען און אָפּגעשאפט. עס שלאָגט יעצט די גרויסע שטונדע פאר דעם אידישען ארבייטער קלאַס. א נייער בונד פון דעם אידישען פראָלעטא־ריאט דארף געגרינדעט ווערען, א בונד וועלכער זאָל אויפנעמען אין זיך אלע נויטען און האָפנונגען און קאמפען פון דער גרויסען צייט.

אין דער ציוניסטישער אויפפאַסונג. נאָך אין די ערשטע יאָרען פון „פּאַלעס־טינאָפילסטווע" איז פון לעוואַנדאַ און ליליענבלום פּראָפּאַגאַנדירט געוואָרען ישוב ארץ ישראל אַלס די אומקערונג פון אידישען פאַרמיטלער־פאָלק און הענדלער־פאָלק צו פּראָדוקטיווער ערד־ארבייט. אָבער דער אַלגעמיינער ציוניזם האָט ניט געקענט ארויסגעהן קלאָר און קאָנסעקוועגט פון די נויטען פון דער אידישער ארבייט, פון דער אויסנאַמס־שטעלונג פון אידישען פּראָ־לעטאַריאַט, און האָט נאַטירליך ניט אין דעם ציוניסטישען ציל און ניט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג ניט געקענט אונטערָאָרדנען דעם ציוניזם אונטער דעם סאָציאַליזם.

באָרוכאָוו האָט איינער פון די ערשטע דערזעהן די באַזונדערע לאַגע פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט אין גלות. ער האָט באַגריפען די אויסנאַמס־שטעלונג פון פּראָלעטאַריאַט פון אַ פּראָלעטאַריער פאָלק, די אוממעגליכקייט פאַר דעם אידישען ארבייטער קלאַס זיך צו פּראָלעטאַריזירען, די „ניט־פּראָ־לעטאַריזאַציע", איז אפשר אַ פּאַראַדאָקסאַל־קלינגענדער סאָציאָלאָגישער טערמין, אָבער עס ליגט דערין אַ סאָציאָלאָגישער אינהאַלט. די אידישע ארבייטער קענען ניט אריינגעהן אין אַלע גרויסע, אָרגאַניזירטע און הויכע אינדוסטריען, זייער אָרט איז די אָרימע, איינגע הויז־אינדוסטריע און קליין־פאַבריקאַציאָן. נאָר די קליידער אינדוסטריע, וועלכע האָט זיך היסטאָריש ענטוויקעלט פון דער קליינער שניידעריי, איז די איינציגע איצט גרויס גע־וואָרענע אינדוסטריע אין וועלכער אידישע ארבייט האָט געפונען איר אָנ־ווענדונג. און אויב דער באַזיס פון דער אידישער ארבייט איז אַ שמאָלער, אַ פאַרשטויסענער, אַן איינשטירצענדער, איז אויך די גאַנצע אידישע רעוואָ־לוציאָנערע ארבייטער באַוועגונג מער אַן אידעאָלאָגישע, אַ פּסיכאָלאָגישע, אַ נאַציאָנאַלע איידער אַ סאָציאַלע. דיזע כאַראַקטעריסטישע אייגענטליכקייט פון דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט האָט באָרוכאָוו איינער פון די ערשטע באַ־גריפען און האָט דערפון געצויגען די ציוניסטישע קאָנסעקווענץ, דאָס דער איבערבוי פון דער אידישער ווירטשאַפט דורך דעם ציוניזם איז די ערשטע פאָראויסזעצונג פון דעם אידישען סאָציאַליזם.

זיין ריין פּערזענליכען, אייגענאַרטיגען שטריך האָט באָרוכאָוו אריינ־געטראָגען אין דעם פּועלי ציוניזם אין דעם באַקאַנטען פּראָגראַם פון די רוסי־שע פּועלי ציון, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרען אין מערץ 1906. דיזער פּראָגראַם איז דער פאַרזוך צו באַגרינדען ניט נאָר דעם ציוניזם, נאָר אויך די רעאַליזירונג פון דעם ציוניזם דורך דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אויפ־פאַסונג. די עקאָנאָמישע נויט און די וואַנדערונג וועלען טרייבען די אידען סטיכיש אין ארץ ישראל מיט היסטאָרישער נויטווענדיגקייט. אין ארץ ישראל וועט זיך פאַנאַנדערוויקלען דער קלאַסען־קאַמף צווישען דעם אידישען

ב. באָרוכאָוו און דער פועלי ציוניסטישער געדאַנק

אויף דעם פרישען קבר פון באָרוכאָוו איז עס צו שווער און צו פרי אָפּצושאַצען דעם גאַנצען ווערט פון דעם פאַרשטאָרבענעם חבר אין דעם פועלי ציוניסטישען געדאַנק, אין דער טעאָריע פון סאָציאַליסטישען ציוניזם. באָרוכאָוו איז געוועזען דער אָנזאָגער און דער גרינדער פון אַ גאַנצער ריכטונג אין דעם אידישען סאָציאַליזם, אַ קריטיקער און אַ וועגווייזער אין דער אידישער סאָציאַלער פאָרשונג און פּראָלעטאַרישער קריטיק. ער האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגען אַ נייעם וואָרט און אויפצוהויבען אַ נייע געזעלשאַפטליכע באַוועגונג, און אַזאַ כאַראַקטער ווערט ניט פאַרגעסען אין דער וועלט. איצט ווען דער סאָציאַליסטישער ציוניזם זיגט, און די גאַנצע אידישע אַרבייטערשאַפט געהט אין דעם וועג, וועלכען באָרוכאָוו האָט באַטראַכטען אַלס איינער פון די ערשטע, באַקומט באָרוכאָוו'ס וואָרט און ווערק נאָך אַ גאַנץ באַזונדערען ווערט.

איך וויל דאָ מיט איינינגע שטריכען נאָר אָנצייכענען באָרוכאָוו'ס אויפטו און באָרוכאָוו'ס אייגענע שטעלונג אין דער סאַציאַליסטיש־ציוניסטישער באַוועגונג. באָרוכאָוו האָט דער ערשטער געפּרואווט אָנווענדען די הערשענדע סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע אויף דעם פּראָלעטאַרישען ציוניזם. דערמיט איז די באַוועגונג פון די אַרבייטער ציוניסטען, פון די פועלי ציון, געוואָרען אַ סאָציאַליסטישע. און אַזוי ווי באָרוכאָוו'ס סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע איז געוועזען דער מאַרקסיזם, איז דער פועלי ציוניזם אונטער זיין השפּעה געוואָרען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באַוועגונג.

דאָס דער ציוניזם גרינדעט זיך אויף די מאַטעריעל־עקאָנאָמישע נויטען פון דעם אידישען פאָלק, דאָס זיין הויפּט מאָטיוו איז די שטענדיגע וואַנדערונג, איז שוין געוועזען קלאָר אין דער ערשטער באַגרינדונג פון ציוניזם בכלל. פינסקער'ס „אויטאָעמאַנסיפּאַציאָן" און הערצל'ס „יודענשטאַאַט" אַרגומענטירען ניט נאָר מיט דער נאַציאָנאַלער נויט פון אידישען פאָלק, געהען ניט נאָר אַרויס פון דער אויסנאַמס־שטעלונג פון דער אידישער נאַציאָן אין דער פאַרגאַנגענהייט און דער געגענוואַרט, נאָר זיי זעהען אויך די סאָציאַל־עקאָנאָמישע נויט, וועלכע איז דער גרונט מאָטיוו פון דעם גאַנצען אידישען נאַציאָנאַלען עלענד. דער אידישער „לופט־מענש", אַלס אַ סאַציאַלע קאַטעגאָריע, דער וואַנדערענדער פּראָלעטאַריאַט, דער מאַנגעל אין אַרבייטס־געלעגענהייט אַלס אַ מאָטיוו פאַר דעם איבערבוי פון דער גאַנצער אידישער ווירטשאַפט, דאָס זיינען אויסדרוקען און געדאַנקען, וועלכע זיינען שוין פריער באַקאַנט

בילד פון דער אידישער אויסנאַמס־שטעלונג, די איינצעלהייטען, די קלאסען־חלוקים, די פארשיידענהייטען און די צוזאמענהאנגען. אָבער שטיצענדיג זיך אויף דער ווירקליכקייט, איז באָרוכאָוו קיינמאָל ניט געווען קיין פארטיי־דיגער, קיין באַשיצער פון דער גלות־ווירקליכקייט. ער האָט געוואָלט שטענ־דיג א גרויסע און ברייטע גלות־טעטיגקייט דורך דער פארטיי. אָבער ער איז געווען אקוראט אזא שארפער און קאָנסעקווענטער פארניינער פון דעם גלות און דער גלות אידעע, ווי דער אָרטאָדאָקסישער און העברעאישער ציוניסט. אין סוף פון איינעם פון זיינע גלענצענדע ארטיקלען וועגען ציוניזם אין „יעוורעיסקאיא זשיזן" פון 1906 רעדט ער וועגען דער גסיסה פון גלות, וועגען זיין טויט־אגאָניע, וועלכער דער רעוואָלוציאָנערער ציוניזם דארף העלפען.

באָרוכאָוו איז אוועקגעגאנגען, אָבער זיין טרייע, גלענצענדע און באַ־פרוכטענדע טעטיגקייט אויף דעם פעלד פון סאָציאַליסטישען ציוניזם אין טעאָריע און פראקטיק איז געבליבען און לעבט ווייטער.

פון „אידישען קעמפער", (1917).

פּראָלעטאריאט און דער אידישער בורזשואזיע, דורך דיזען אידישען קלאסען־קאמף אין ארץ ישראל וועט ארץ ישראל אריינקומען אין רשות פון אידישען פאָלק, נאטירליך, מיט דער אונטערשטיצונג פון די פרייע דעמאָקראטישע פעלקער פון אייראָפּא. צווישען דעם אידישען קלאסען־קאמף אין גלות און דעם קלאסען־קאמף אין ארץ ישראל איז פאראן אן אינוויינינגער צוזאמענהאנג, אזוי אז דער אידישער קלאסען־קאמף בכלל איז די רעוואָלוציאָנערע מעטאָדע אין דער רעאַליזירונג פון ציוניזם.

דאָס איז אפשר א צו דאָגמאטישע אויפפאסונג פון קלאסען־קאמף אלס איינציגען און אויסשליסליכען כח פון היסטאָרישער ענטוויקלונג. אָבער דיזע אויפפאסונג האָט זעהר שטארק געהאָלפען סאָציאליזירען די ערשטע פּועלי ציון, וועלכע זיינען געקומען הויפּטזעכליך פון דער ציוניסטישער יוגענט. דאָס איז געווען א טריבוט צו דער הערשענדער סאָציאליסטישער אידעאָלאָגיע, באזונדערס צום „בונד“, וועלכער האָט קריטיקירט דעם ציוניזם, אז דאָס איז א באוועגונג אָהן היסטאָרישער נויטווענדיגקייט און פליסט ניט ארויס פון פּראָלעטארישען קלאסענקאמף. אין דער הערשענדער אידעע־אטמאָספערע איז באָרוכאָוו'ס סכעמע געווען א געווינס פאר דעם פּועלי ציוניזם. אָבער דער בלייבענדער געווינס פון דיזער אויפפאסונג איז, דאָס די פּועלי ציון האָבען דורך באָרוכאָוו'ן מער איידער דורך וועמען עס איז אנדערש געלערנט די נויטווענדיגקייט צו דיינקען און צו פירען זיך אין דעם ציוניזם אלס א באזונדערע פּראָלעטארישע קלאסען־באוואוסטזיניגע פּארטיי.

עס וואָלט געווען א טעות, ווען מען וואָלט מיינען, דאָס באָרוכאָוו איז געווען גלייכגילטיג צו דער ציוניסטישער אקטיוויטעט, ווייל ער האָט באַגרינדעט דעם ציוניזם דורך היסטאָרישער נויטווענדיגקייט. עס איז נאָר געווען די אָנווענדונג פון מארקסיזם אויף דעם ציוניזם, אָבער ציוניסטישע אקטיוויטעט איז אין באָרוכאָוו'ס אויפפאסונג ניט אויסגעשלאָסען. ער האָט, פארקערט, אין זיין גאנצען טראכטען און ווירקונג, געזוכט ציוניסטישע אקטיוויטעט און איז געווען שטענדיג גרייט אפצורופען זיך אויף יעדער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער איניציאטיווע, ווי ווייט און גרוים זי איז ניט געווען. אויך מיט דער אידעע פון קאָאָפּעראטיווער קאָלאָניזאציאָן פון ארץ ישראל, אין וועלכער באָרוכאָוו האָט אין זיינע ערשטע יאָרען געזען אן אָפּלענקונג פון קלאַסען קאמף, האָט באָרוכאָוו שפּעטער שלום געמאכט, און איז געוואָרען איינער פון די שטארקסטע אנהייגער פון דיזען געדאנק.

באָרוכאָוו האָט א דאנק זיינע אנאליטישע און מאטעמאטישע פייאיגקייטען געזוכט שטענדיג צו דערגרינדען די אָביעקטיווע באדינגונג פון יעדער געזעלשאפטליכער ערשיינונג. דערפאר איז דאָס אים אזוי געלונגען אויפצוּוועקען אין דעם אידישען פּראָבלעם, אין דעם פארשוואומענעם כאַאָטישען

געפינען דעם פּתרון פאר דעם פּראָבלעם פון אונזער ווידעראויפלעבונג און אויפבוי. פארקערט, זיי פארשטארקען נאָך די פינסטערניש און זיי מאכען נאָך גרעסער די צוטומעלטקייט און די אלגעמיינע פארווירונג. נאָר יענער קלאַס צווישען אונז, וואָס לויט זיין עיקר און תוכן לייקענט ער די געגענווארט און וועבט נאָר דאָס שיינע געוועב פון דער צוקונפט, נאָר דער קלאַס וועט קענען האָבען דעם אמת'ן קוק אויף דער אויפלעבונג פון דעם אידישען פאָלק אין זיין אייגען לאנד.

אָט קומט אָן די משיח'שע תקופה פון קבוץ־גליות אינ'ם אומקערען זיך פון דעם אידישען פאָלק צו זיין לאנד. מיר קומען ווייטער שפינען דעם גאָלדענעם פאָדעם פון דער אידישער געשיכטע, וואָס איז געווען צוריסען גאנצע צוויי טויזענט יאָר. מיר קומען עס פאָרטזעצען מיט דעם געהויבענעם גייסט פון אויפלעבונג און ווידערגעבורט.

און וואָס פאר א גאָלד איז דאָס ? וואָס פאר א גאָלד געפינען מיר אין אונזער געשיכטע, וואָס צוליב אים האָבען זיך מקריב געווען אונזערע פאר־גאנגענע דורות, וואָס צוליב אים דערהויבען מיר זיך אין דער איצטיגער גע־גענווארט צום נייעם לעבען ? דאָס אידישע פאָלק האָט ניט קיין לעגענדען פון מלחמה־גבורים. מיר האָבען ניט קיין זכרונות פון נצחונות, פון ערא־בערונגען. מיר האָבען ניט קיין לעגענדען פון געוועלטיגונג און פון געניגונג און נאָך מער, און דאָס איז דער עיקר, מיר האָבען ניט אין אונזער קולטור קיין קונסט פון וועלכען ארט עס זאָל ניט זיין וואָס מיר אליין זאָלען האָבען געשאפען. אויך די וויסענשאפט און די נאטורפאָרשונג האָט אין גרונד גע־נומען געפעלט דעם היסטאָרישען אידישען פאָלק. מיר האָבען דאָ ניט אין לאנד אפילו קיין זכר פון א פּאלאץ, פון סקולפּטור, פון מאָנומענטען, פון שניצונגען און קונסט וואָס זאָל האָבען געבליבען פון אלטע צייטען. ווי גרויס איז דער חילוק צווישען ישראל און זיינע שכנים.

גריכענלאנד און איטאליען ! יעדעס ווינקעלע איז פול אין גריכענלאנד מיט קונסטארבייטען פון אלע צייטען. יעדע שטאָט און יעדער טעמפּעל און יעדעס געבעט־הויז. יעדער טורעם אין איטאליען האָט אין זיך באהאלטען די גאנצע גרויסקייט און שיינקייט פון מיטעלאלטער, פון אַמאָליגער קונסט. אין אונזער לאנד, אין ארץ ישראל, איז דאָס אָבער גאנץ אנדערש. אין אונ־זער לאנד האָבען די געטער פון דער נאטור ניט אראָפּגענידערט פון דער הויכקייט פון זייערע שטולען אויף דער ערד פארוואנדעלט צו ווערען אין אָפּגעטער. דער מענשליכער גייסט אונזערער האָט דאָ ניט געפונען קיין תקון אין דעם אידעאל פון דער דערגרייכונג, אין דער פארפּאָלקאָמונג, אין דער ערדישער שיינקייט. דער גייסט פון דעם אידישען פאָלק האָט זיך אויפגע־הויבען פון דעם עמק הבכא הויך, צום הימעל הויך, צו דערגרייכען דעם

סאָציאַליזם — די שאַפונג פון אידישען גייסט

חברים און חברות:

איך ברייננ אייך דאָ א גרוס פון אונזערע פּאַרטייען אין אמעריקא, אין ענגלאנד, אין פאַריז, און פון די איינצעלנע חברים אין די אנדערע לענדער. די חברים פון אלע לענדער קוקען אויף אייך מיט ליבע און מיט קנאה. דער אידישער ארבייטער קלאַס שטעהט איצט אויף דעם שיידענוועג. נאָך א ווײלע און ער וועט אריבערטרעטען דעם גרעניץ וואָס ליגט צווישען גלייכ־גילטיגקייט און אָפּגעשטאַנענקייט און נאציאָנאַלער אויפלעבונג און נאציאָ־נאַלען ווילען.

אונזער צאָל דאָ אין לאַנד איז קליין און אָרעם, און פּונקט ווי די צאָל פון די ארבייטער איז דאָ קליין, אזוי איז דאָ אויך קליין און געפאַלען און גע־דריקט דער גייסט פון גאַנצען ישוב און די האָפנונג פון אויפלעבונג וואָס שוועבט איבער׳ן גאַנצען לאַנד — האָט שוואַכע פליגעל. אָבער מיר וואַרטען אויף דעם גרויסען טאָג, ווען עס וועט זיך אָנהויבען די גרויסע אימיגראַציע אהערצו פון אלע גלות־לענדער. אַן אימיגראַציע פון צענדליגער און הונדער־טער טויזענדער. דער טאָג קומט און דערנענטערט זיך, ווייל עס איז ניטאָ קיין אנדער פאַרענטפערונג פונ׳ם אָנגעווייטאָגטען אידישען פּראָבלעם און עס איז ניטאָ קיין אנדער אויסוועג פאַר דער אידישער געשיכטע ווי א פריי לאַנד און א פריי לעבען וואָס זאָל זיין אין דעם רשות פון דעם פאָלק אליין.

און דאָ הויבט זיך אָן די היסטאָרישע שליחות פו דעם אידישען ארביי־טער קלאַס אין דער ווידערגעבורט פון אונזער פאָלק. א חוץ דעם אידישען ארבייטער איז ניטאָ קיין אנדערער קלאַס ביי דעם אידישען פאָלק וואָס זאָל אזוי קענען פאַרשטעהן און פילען דעם נייעם וועג, וועלכען מיר מוזען געהן. מיר שטעהען איצט אויפ׳ן שוועל פון איבערגאַנג. הינטער אונז געפינט זיך דער תהום, די פאַרניכטונג און דאָס אומגליק וואָס עפענט זיין פינסטערען מויל אונז איינצושלינגען און פאַר אונז איז דער וועג איינגעהילט אין פינ־סטערניש.

די בעלי־בתים אונזערע און די משכילים — זיי פעלט אין גאַנצען דער חוש פאַר היסטאָרישע אידעאַלען און היסטאָרישע פאַראַנטוואָרטליכקייטען. ניט זיי קענען אונז באַלייכטען אונזער וועג און ניט זיי ווילען קענען אונז

---

*) א רעדע פון דר. נ. סירקין אויף דער פאַרזאַמלונג פון די ארבייטער אין יפו, אלס א קבלת פנים פאַר דער פּועלי ציון קאָמיסיע קיין ארץ ישראל.

דאָ אין דעם בעל הבית׳ישען ישוב וואָס די בורזשואזע ציוניסטען ווילען דאָ פאַרטזעצען און פארפעסטיגען? אין ציון אָבער קען ניט און וועט ניט באַשאפען ווערען א נייע אידישע כתרילעווקע אויף דעם יסוד פון אראבישער ארבייט. א נייע כתרילעווקע וועט זיך ניט קענען צונויפגיסען ניט מיט דער שפראך פון אונזער נבואה און ניט מיט דעם גייסט פון דער נבואה. אויב מען וועט דאָ אויסבויען א בעל הבית׳ישע כתרילעווקע אויף דעם באָדען פון פרעמדער ארבייט, א כתרילעווקע פון קרעמער, פון הענדלער, פון ווינטמענשען, פון פעדלער, פון מעקלער, פון פראַצענטניקעס, פון עקספּלואטאַטאָרס, פון רבנים און פון משכילים וואָס וועלען אָנטאָן א נייע קרוין אויף דער אלטער אָרדנונג, — דאן וועט דער נביא פון אזא כתרילעווקע ניט זיין קיין מיכה המורשתי און ניט קיין קארל מארקס, נאָר דער גלות בדחן „שייקע פייפער" און דער גאנצער ציוניזם וועט ווערען א בזיון און א געשפּאָט פאר דער גאנצער וועלט.

און אויב מען דענקט אז די אידישע ארבייטער וועלען זיך פארדינגען ביי די פריצים און וועלען אָפּגעבען זייערע כחות צו א פארפוילטען בינטעל הערשער, האָט מען א גרויסען טעות. אזא זאך וועט ניט געשען! עס זיינען געוועזען טעג ווען דער אידישער ארבייטער האָט געפריידיגט די איינגעמונג פון ארבייט און אָפּהיטונג פון לאנד (שומרים) און האָט זיך פאר דעם מקריב געווען. איצט אָבער, רופען מיר איינצונעמען דאָס פאָלק פאר דעם לאנד און צוצוגרייטען דאָס לאנד פאר׳ן פאָלק.

דער אידישער ארבייטער, וואָס וועט גרייט זיין זיך אונטערצוגעבען דעם פּריוואטען קאפּיטאל, וועט פאררראטען ניט נאָר דעם סאָציאליזם, נאָר אויך די אויפלעבונג פון אונזער פאָלק אויף זיין אייגען לאנד. ווען די ציוניסטען וואָלטען נאָר פארשטאנען דעם גייסט פון דעם אידישען ארבייטער, ווען זיי וואָלטען נאָר פאר זיך געהאט א פּערספּעקטיווע פון דער צוקונפט וואָלטען זיי פארשטאנען, אז עס איז אונמעגליך צו באשאפען דאָ א אידישען ארבייטער קלאס, וואָס זאָל זיין אונטערטעניג צו אידישע בעלי בתים אין ארץ ישראל.

און ווער זיינען זיי, די דאָזיגע הויכע אידען וואָס וועלען אהערצו קומען? וועלען זיי קומען אהער פון באָלשעוויסטישען רוסלאנד אָדער פון דעם אָרימען פּוילען? צי איז דאָס רעכט, אז אידישע קאפּיטאליסטען זאָלען קומען אהערצו ארבייטען מיט אראבער, כדי „דאָס לאנד זאָל ווידער אויפבליען" אָדער כדי צו עקספּלואטירען דעם אידישען ארבייטער, כדי א נייע קלאסען־מלחמה זאָל דאָ אויסברעכען?

ניין, מיינע פריינד! אויב איר ווילט באשאפען א נייע ערד און א נייעם הימעל, מוזט איר זיך א נייעם וועג זוכען! מיר מוזען אויסזוכען נייע

פרידען פון די הימלען, אזוי אז דער פרידען פון די הימלען זאָל זיך פאראייניגען מיט דעם פרידען פון דער ערד, מיט דעם פרידען פון ישראל, מיט דעם אידעאל פון יושר און צדק פון דער גאנצער מענשהייט. די אמת'ע קולטורעלע שאפונג פון דעם אידישען פאָלק פון אמאָליגע טעג ביז היינט איז געווען דער אידעאל פון דער סאָציאלער הארמאָניע, פון דעם מענשליכען, ברידערליכען צוזאמענלעבען, פון גערעכטיגקייט און פון פרייהייט. איך וועל זיך דאָ איצט ניט אָפּשטעלען צו ווייזען די סבות פארוואס די קולטור פון דעם אידישען פאָלק איז אוועק אין דער דאָזיגער ריכטונג. דאָס איז א פראגע פאר זיך. עס איז אָבער א פאקט, אז ביים אידישען פאָלק איז געבוירען געוואָרען דאָס דאָזיגע גרויסע וואונדער, אז צווישען אים איז געבוירען געוואָרען דער אידעאל פון נבואה, פון גרויסע זעהונגען פון די קומענדע טעג, פון דעם סאָציאליזם. אויב איר זאָלט אוועקנעמען פון דער אידישער געשיכטע די סאָציאליסטישע שאפונג וואס האָט זיך באהעפט מיט דעם גאנצען פאָלק, דאן בלייבט גאָר קיין אינהאלט ניט אינ'ם אידענטום, און עס בלייבט אונז ניט קיין בארעכטיגונג פאָרטצוזעצען די אידישע געשיכטע אין דער צוקונפט. ווען מיר זאָגען דאריבער, אז מיר ווילען פאָרטזעצען דעם גאָלדענעם פאָדעם פון דער אידישער געשיכטע, הייסט דאָס שאפען א נייע אידישע סאָציאליסטישע געזעלשאפט. דעם דאָזיגען אמת קענען אונזערע בעלי־בתים און משכילים ניט פארשטעהן. נאָר דער אידישער ארבייטער קלאס איז דער איינציגער יסוד אויף וועלכען דאָס נייע וועט קענען געבויט ווערען, דער איינציגער עלעמענט, וואָס וועט קענען אויפהויבען אין זיינע הענט אונזער היסטאָרישע פאָן.

דער אידישער ארבייטער, ווי דער ארבייטער פון דער גאנצער וועלט, האָט איצט, אין אונזערע טעג, אויפגעהערט צו זיין א טרוימער פון ווייטע חלומות. ער זעהט פאר זיך די מעגליכקייט צו פארווירקליכען זיינע שטרעבונגען אין לעבען. די קאפיטאליסטישע הערשאפט האָט באנקראָטירט און איז געפאלען אין דער גאנצער וועלט, ניט נאָר ווייל דער כח פון דעם ארבייטער קלאָס איז שטארק געוואָרען, נאָר דערהויפּט צוליב זיינע אינערע סתירות. די קאפיטאליסטישע אָרדנונג איז ווי משוגע געוואָרען און באגעהט זעלבסטמאָרד. דאָס באווייזט די לעצטע מלחמה און דער שלום־אפמאך. עס האָט זיך אָפּגעטאָן דער היסטאָרישער אָפּשיין פון דער קאפיטאליסטישער אָרדנונג און זי וועט אומקומען אין אירע אייגענע ווייטאָגען. און אויב מיר זעהען, אז די קאפיטאליסטישע אָרדנונג וואס עקזיסטירט שוין איז פאר'משפט צום אונטערגאנג, איז דאָך קלאָר, אז א קאפיטאליסטישע אָרדנונג, וואָס איז נאָך ניט געבוירען געוואָרען, זאָל אין גאנצען ניט געבוירען ווערען.

ווער פילט ניט אין ארץ ישראל די אינערליכע סתירות, וואָס עס זיינען

ישראל זאָג איך: זאָל אייער הארץ ניט אָפּגעשוואכט ווערען און זאָל אייער האנט זיך ניט ארמפּלאָזען. אין אונזער איינינקייט ליגט אונזער קראפט. איר זייט דאָ ניט אליין. נאָך א ווייַלע און דער גאנצער אידישער ארבייטער־קלאס וועט זיך פאראייניגען מיט אייך אין דער ארבייט, וועט געהן מיט אייך מיט אן אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט'ן אויפגעהויבענעם גייסט. ווער עס האָט אויערען צו הערען קען שוין פארנעמען דאָס קול פון דעם פאָלק'ס ערוואכען, וואס דערהערט שוין אייער רוף פון ארץ ישראל.

לאָמיר האָפען אז די פּועלי־ציוניסטישע קאָמיסיע פון דער גאנצער וועלט וועט אויסארבייטען א סאָציאליסטיש פּראָגראם, א ברייטעס און א גרויס, און מיט דעם פּראָגראם וועלען מיר זיך ווענדען צו דער אידישער ארבייטערשאפט און צו דעם אידישען המון און מיר וועלען זיי אויפפאָדערען אונז צו הילף צו קומען, ווייל אונזער ארבייט און אונזער שעפּפונג איז ניט נאָר א נאציאָנאלע, נאָר מיר ווילען דאָ אויפלעבען דאָס אידישע פאָלק און אויפשטעלען אויף דעם אידישען לאנד א בנין פאר דער גאנצער מענשהייט.

וועגען אין די טיפקייטען פון אונזער געשיכטע און אין דעם גייסט פון דעם איצטיגען רעוואָלוציאָנערען מאָמענט. „די ערד איז נאָר געגעבען געוואָרען צו מענשען מיט מוסקולען״ — דעם דאָזיגען אייביגען אמת מוזען מיר אויך פאַרווירקליכען אין לעבען. די נאציאָנאַליזירונג פון דער ערד, פון האנדעל, פון ארבייט, פון אינדוסטריע און א סאָציאַל־קאָאָפּעראַטיווע טעטיגקייט און אויפבויאונג אין אלע צווייגען פון אונזער לעבען, נאָר דאָס זיינען די וועגען פון אונזער ווידער־אויפלעבונג וואס מיר מוזען אין זיי געהן. איך וויים גאנץ גוט די שוועריגקייטען וואָס ליגען אויף דעם וועג. איך וויים די פעלערען פון די קבוצות און פון די ערשטע פּרואווען. דערמאנט זיך מיר אָבער אז פעטער קראָפּאטקין האָט אמאָל געזאָגט, אז דער בעסטער מיטעל צו באזייטיגען די פעלערען פון דעמאָקראטיע איז צו געבען א ברייטערע און א טיפערע דעמאָקראטיע. און דעריבער זאָג איך אז דער בעסטער מיטעל געגען די פעלערען פון די ארבייטער קבוצות איז די קבוצות ברייטער צו מאכען, צו דערהויבען, צו געהן אין פאָראויס און ניט אויף צוריק.

ווען אחד־העם איז געקומען אהער מיט 27 יאָר צוריק, האָט ער אויס־גערופען, אז מען מוז ברייננגען אהער אין לאנד א בעסער אידענטום און אז אָפּענהיימער איז געקומען אהער האָט ער געזאָגט, אז מען דארף דאָ ברייננגען בעסער מיסט. אנשטאט א בעל הבית׳ישע, היפּאָקריטישע אידישקייט, דארפען מיר דאָ ברייננגען גוטען מיסט. אנשטאט עלענדע, בעל־הבית׳ישע נשמה׳לעך מיט באהאלטענע „קערענקעס״ אין זייערע זעק, דארפען מיר דאָ אויפבויען גרויסע פאבריקען, דארפען מיר דאָ ברייננגען מאָדערנע מא־שינען פאר ארבייטער קבוצות; אנשטאט פוסטע מליצות, דארפען מיר דאָ באשאפען א ניי לעבען פון מענשליכער און ברידערליכער צוזאמענ־לעבונג.

און זאָלען אונז די ציוניסטען ניט דערציילען, אז עס איז ניטאָ קיין געלד. אויב נאָר זיי וועלען אין הארצען האָבען דעם גאלד פון אמת, וועלען זיי שוין געפינען דאָס געלד צו פאַרווירקליכען דעם אמת. איצט, אָבער, האָבען זיי ניט קיין אמת אין זייער הארצען און ניט קיין געלד אין זייערע קעשענעס — נאָר א געפאלענעם גייסט, און זיי פארשווענדען אומזיסט ניט נאָר דאָס געלד פון אונזער פאָלק, נאָר זיי פארשווענדען אויך זיין האָפנונג.

מען מוז ארויפלייגען א צינז אויף אלע אידען פון אלע לענדער פאר ארץ ישראל. מען מוז אָנפאנגען מיט א נאציאָנאלער הלואה. מיר מוזען זיך ווענדען צו די פעלקער פון דער וועלט און דערהויפּט צו אמעריקא, אז זיי זאָלען אנטייל נעמען אין אונזער נאציאָנאלער הלואה, אזוי ווי זיי האָ־בען געהאָלפען אלע אנדערע לענדער, וואס האָבען געליטען פון דער מלחמה. און צו די אידישע ארבייטער וואס ארבייטען אויף דעם לאנד פון ארץ

געהען צום טויט מיט דער ריינקייט פון דער ליבענדער טויב, וועלכע שוועבט איבער איר נעסט. דיזע פֿאָלקס־אויסערוועהלטע מוזען יעצט אראָפּנעמען די שטערונג פון אונזער אויפֿלעבונגס־וועג מיט דער העזה פון הייליגקייט און דעם כעס פון אמת. וואָרים נאָר ווען עס איז פאראן א זין אין לעבען, איז אויך פאראן א זין אין טויט.

פופצען יאָר זיינען שוין פֿאַראיבער, זינט דעם ווי ס'האָט אָנגעפאנגען די נייע וואנדערונג פון די צעירים אין ארץ ישראל, און צוואנציג זיינען שוין, זינט עס האָט אויפגעשיינט דער ערשטער ליכט פון סאָציאליסטישען ציוניזם. אין לויף פון דיזער צייט ווערט דער ווילען צו באשאפען אין א"י א סאָציא־ליסטישע געזעלשאפט אלץ שטארקער און בולט'ער. אין אָנהויב האָט דיזער ווילען נאָך געזוכט אין דער פינסטער. דער רוב פון די פועלי ציון האָט זיך נאָך ניט געקענט באפרייען פון דעם געדאנקען־טעות, דאס די מענשהייט מוז פריהער פול אויסטרינקען דעם בלוט־כוס פון קאפיטאליזם, ביז עס וועט קומען דער נצחון פון סאָציאליזם. אָבער די נויט, דיזער פרוכטבארסטער לערער פון לעבען, האָט געגעבען דעם שטארקסטען אָנשטויס צו דעם סאָ־ציאליסטישען ציוניזם. הינטער דעם אקער־אייזען און דער בּאָראָנע איז ביי די ארבייטער אויסגעלייטערט און באפעסטיגט געוואָרען די ערקענטניש, דאָס עס איז אונמעגליך צו באשאפען א אידישען ארץ ישראל, וועלכע זאָל שטעהן אין דעם רשות פון איר אייגענער ארבייט און זאָל צו זיך ציען דעם המון פון אידישען פאָלק, אויב דער פריוואט קאפיטאל וועט הערשען אין דעם ישוב. דער אידישער ישוב זעלבסט, יענע ווילדע בריאה, וועלכע זויגט צוויי ברוסטען — די אידישע פילאנטראָפּיע און די אראבישע ארבייט, — דער אידישער ישוב און זיינע ווידערשפרוכען און זיין שאנדע האָט באשטע־טיגט דעם אמת, דאָס א אידישער ישוב אין ארץ ישראל דורך פריוואטען קאפיטאל איז א לעבערליכער ווידערשפרוך.

דיזע ערקענטניש, אז ס'איז ניטאָ קיין ציוניזם אויסערהאלב פון סאָ־ציאליסטישען ציוניזם, אז דעם ציוניזם פון פריוואטען קאפיטאל, פון עקס־פּלואטאציע, פון פרעמדער ארבייט, פון געלדזוכט, האָט קיין שום נאציאָנא־לען אינהאלט ניט, און האָט קיין שום שייכות ניט מיט דער לייזונג פון אי־דישען פּראָבלעם, דיזע ערקענטניש ווערט אין אונזערע טעג כמעט די אלגע־מיינע ערקענטניש פון פאָלק. דערווייל אָבער הויבט זיך אויף פון דער איינגשאפט און פינסטערניש פון לעבען דער לויטערער געשריי, וואָס ס'איז פאראן אין אים אי טיפער האס אי אונענדליכע ליבע, דער געשריי צו ענדע־רען די וועלט און צו מאכען ריין דאָס לעבען, כדי עס זאָל ניט חרוב ווערען די גאנצע מענשליכע היסטאָריע אין דעם אפגרונד פון עגאָאיזם און בייזער פארנונפט. די ענטוויקלונג פון דעם ישוב האָט א שטופ געטאָן דעם ציוניזם

באַשיצונג פון לעבען

נאָר אין נאָמען פון לעבען געהען די קינדער פון דער ארבייט צום טויט, רופען זיי צום שוץ געגען דעם אויסערן שונא און זאמלען זיך צו מלחמה געגען דעם פיינד, וועלכער לויערט פון אינווייניג. די פארפאָלקאָמונג פון לעבען, די דערהויבונג פון דער צוקונפט, די הייליגקייט פון דער געשיכטע, נאָר זיי זיינען מחייב דעם טויט. זיי, און נאָר זיי נעמען אראָפּ דעם טויט־פלעק פון דעם אויסגעשטרעקטען קריגס אָרעם, און די ווילדקייט און די טומאה פון הארצען, וואָס דערשמעקט מלחמה. ניט דער נצחון, נאָר דער זעלבסטשוץ איז מכפר אויף דער מלחמה, און כשר איז דער מלחמה־געשריי נאָר ווען ער ווערט מגולגל אין דעם שיר פון לעבען.

אויף די בערג פון גליל זיינען געפאלען אונזערע זין און אונזערע טעכטער, איז ארויסגעגאנגען זייער נשמה אויף קדוש השם. און דאָרט אין מיטען וועג זידט דאָס בלוט פון דעם גבור, עס וויל זיך ניט בארואיגען און שעמט זיך שטיל צו ווערען, ביז דאָס פאָלק וועט זיך אויפהויבען אין זיין גאנצען הויך און וועט דורך דעם פארגאָסענעם בלוט אויפשטעהן צום לעבען. און עס וועלען נאָך פאלען קרבנות, און מיר וועלען נאָך פלעכטען בלומען, בלומען פון אונשטערבליכקייט און בלומען פון אייביגען פרילינג, פאר די וועלכע זיינען זיך מוסר נפש פאר דער הייליגקייט פון לעבען.

אָבער אזוי ווי די זין פון דער ארבייט רופען איצטער צונויף דאָס פאָלק צום שוץ כלפי חוץ, אזוי מוזען זיי אויך באשיצען דאָס פאָלק און די ערד געגען דעם אונפארשטאנד, די טעמפקייט, די שנאה, די אינדיפערענץ פון אינווייניג, מוז דאָס פאָלק ארויסגעהן פון דעם פייער מיט א נייעם רצון, מיט א פארדאָפּעלטען כח, מיט א געלייטערטער ערקענטנים, מיט א שטרעבונג, וועלכע זאָל זיין הארט ווי פעלז. דיזע פאָלקס־אויסערוועהלטע, וועלכע

---

*) דעם דאָזיגען ברויזענדען אויסדרוק פון א גרויסער אידיש־רעוואָלוציאָנערער נשמה, האָט דר. נחמן סירקין אָנגעשריבען אין ארץ ישראל אין יאָהר 1920, וואו ער האָט זיך געפונען אין דער צייט פון בלוטיגע צוזאמענשטויסען אין גליל און איז אונטער׳ן טיטול „הגנת החיים“ צוערשט פארעפענטליכט געוואָרען אין העברעאיש אין דעם אָרגאן פון דער ציוניסטיש־סאָציאליסטישער ארבייטער אָרגאניזאציע „אחדות עבודה“. (“קונטרס” חוברת ל. אדר הת"רף). שפּעטער האָט עס די א"י ארבייטער־אָרגאניזאציע ארויסגעגעבען אין דער פאָרמע פון א פלוג־בלאַט און ס׳איז אין יענער צייט ווייט און ברייט פארשפּרייט געוואָרען איבער׳ן גאנצען לאנד.

פון די ארבייטער אין א״י מיט די אידישע ארבייטער פון חוץ לארץ וועט ברײנגען חס ושלום צו א בגידה געגען די העברעאישע שפראך. ווען אָבער די ארבייטער אין א״י זאָלען זיך אָפּזאָגען אינגאנצען פון די אידישע ארבייטער אין חוץ לארץ און זאָלען מאכען שלום מיט די קאָלאָניסטען און די קרעמער פון א״י, אָט דאמאָלט וועט זיך אויפריכטען די העברעאישע שפראך, וועלכע ליגט נעבאך געפאלען אין די קבוצות און קאָאפּעראטיווען, און אונזער נאציאָנאלע שפראך וועט זינגען אויף אלע גאסען דורך די קול־טור־קראפט פונ׳ם פריוואטען קאפּיטאל.

און מיר שטעהען אלע מיט א וועהטאָג אין הארצען און מיט א טיפען כעס און וואונדערן זיך וועגען דיזען גאנצען אָנבליק. וואָס איז עס? האָט דען די בורזשואזע שנאה און קורצזיכטיגקייט אזוי פיל אלץ איבערגעפירט, אז אפילו אויף דעם ברעג פון אָפּגרונד קאָנען זיי ניט געהן ריכטיג? איז דען ניטאָ קיין תרופה צו דיזע עקשנים, מנהיגים און משכילים כביכול? זינקען דען איין אין דעם אָפּגרונד פון דער געשיכטע די אויסגעטריקענטע ביינער פון אידישען פאָלק אונטער דעם קלאנג פון דעם פארזונקענעם גלאָק פון דער בורזשואזער וועלט, וועלכע נויגט זיך צום אונטערגאנג, און עס מאכען פון אונז נאָר חוזק די ווילדע געשרייען פון הידד און הורא?

אָבער אויף די בערג פון דעם גליל טראָגט זיך דער שמייכעל פון שטילער גבורה, וועלכע פליסט ווי לעבעדיגעס וואסער פון דאָס הארץ פון דער אומה, וועלכע צאפּעלט זיך אין איר בלוט און אין איר בלוט שטעהט זי אויף צום לעבען. ווארום תל־חי איז ניט אן איינצעלנע פלוצלונגע ערשיינונג, נאָר זי איז א סימבאָל, דער טיפסטער אויסדרוק פון דער לעבענס־העלדיש־קייט, וועלכע האָט אָנגעכאפּט אין דער לעצטער עפּאָכע די אידישע רעוואָ־לוציאָנערען פון דער וועלט. די קעמפער פאר זעלבסטשוץ, די חברים פון אידישען גדוד און פון דער רויטער ארמיי, די טויזענדער און צענדליגער טוי־זענדער צעירים און צעירות, וועלכע האָבען זיך אומעדום מוסר נפש געווען פאר דער הייליגקייט און ריינקייט פון לעבען. פון תל־חי וועט אונז לייכטען א נייער ליכט אין אונזער פינסטערניש, פון תל־חי וועלען מיר שעפּען קראפט און שטארקייט ניט נאָר כדי אונז צו באשיצען, נאָר אויך כדי אויסצוטרעטען א נייעם וועג פאר דעם ישוב, אין דער אויפלעבונג פון א״י.

אויב אָבער דער מדבר פון דעם בורזשואזעם ציוניזם ענטפערט ניט אויף דעם קול פון דעם ארבייטער, אויף דעם קול פון פאָלק, איז דאך געקומען די שעה, ווען מיר מוזען אָנהויבען ריידען אנדערע ווערטער און אין אנדער שפראך. דער ארבייטער פאָדערט און ניט ער בעט, אז דאָס גאנצע לאנד זאָל געבויט ווערען אויף דעם יסוד פון אייגענער ארבייט, דאָס הייסט, אויף דעם יסוד פון נאציאָנאלער ווירטשאפט, וואָס אָהן דיזען יסוד איז ניטאָ קיין

אויף דעם וועג פון סאָציאַליזם, און דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער גע־דאַנק האָט אַרויפגעלעגט אויף דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם דעם שטעמפעל פון אַבסאָלוטען אמת, פון אַן אַבסאָלוטער פאָדערונג.

און אָט זיינען געקומען די לעצטע טעג, די טעג פון די נייע קאַמפען און דעם נייעם זעלבסטשוץ, און דער סאָציאַליסטישער ציוניזם איז ווידער געשטעלט געוואָרען אויף דער טאָגעס־אָרדנונג, שוין ניט נאָר ביי די אַרביי־טער, נאָר ביי די אַלע, וועלכע זיינען נאָענט צום ישוב. די וועלכע ווילען באַשיצען דאָס לאַנד, פאַר זיי קען די באַשיצונג נאָר זיין אַ מלחמה פאַר דעם לעבען. דער ישוב דאַרף אין זיך פאַרקערפּערען נאָר שיינקייט, גערעכטיג־קייט, אמת, פאַרפאָלקאָמונג פון לעבען צוליב דעם גאַנצען פאָלק. ניטאָ קיין ישוב אין ארץ ישראל אָהן דער אויפלעבונג פון פאָלק ישראל, און ניטאָ קיין נאַציאָנאַלע אויפלעבונג אָהן סאָציאַלער באַגייסטערונג, אָהן דער דערהויבונג פון דער אַרבייט. דאָס גאַנצע פאָלק אין א״י האָט איצט דערקענט, דאָס מיר שטעהען ביים קריזיס, און דאָס נאָר אַ מאַסאָווע איינוואַנדערונג און אַ ברייטע קאָלאָניזאַציע אויף דעם יסוד פון אייגענער אַרבייט קאָן ראַטעווען דעם ציוניזם, וועלכער צאַפּעלט זיך צווישען לעבען און אונטערגאַנג.

אָבער קיינמאָל איז ביים ציוניזם ניט געוועזען דער שכל אַזוי בלאָס און דער רצון אַזוי אָרעם ווי איצט. אַנשטאַט אַנידערצושטעלען די פראַגע פון דער טעריטאָריאַלער אויפלעבונג אין איר גאַנצער גרויס, אַנשטאַט זיך באַ־ציען מיט יראת הכבוד צו אַלע אונזערע סאָציאַלע און קאָלאָניזאַטאָרישע פראַגען, איז דער ציוניסטישער געדאַנק איצט געפאַנגען אין קינדישען שרעק און איז בלינד צו אַלעם, וואָס קומט פאָר אַרום אים. מען הערט נאָר דרשות און מגידישע חקירות וועגען די פּאַרטייען און דעם פּורכטבאַרען אומגליק, וועלכען זיי ברייגגען חלילה אויף דעם פאָלק ישראל און ארץ ישראל. ניטאָ אין אונזער לעבען קיין פּלאַץ פאַר מפלגות, און די פּאַרטייען שטעהען אין ווידערשפּרוך צו איינהייט פון דער נאַציאָן. בכן, זאָלט איר, שלעכטע קינדער פון די פּאַרטייען, געהן און זיך אָנשליסען צו אונזער פּאַרטיי און אונזער שכל, די פּאַרטיי און דער שכל פון דער בורזשואַזיע, דאָס איז דער שלום־פּאָרשלאַג פון די ציוניסטען. מען שרעקט דעם עולם מיט דעם רויטען גיפט, וועלכער ברייננגט אריין אַ מהומה אין דער מענשהייט, און וואָס אָהן אים איז דאָך די מענשהייט נאָר אָנגעפילט מיט שלום, גערעכטיגקייט, שיינ־קייט, אמת און אָרדנונג. די אַרבייטער קבוצה איז חס ושלום אַ באָלשעוויס־טישע קאָמונע, און דער באָלשעוויזם האָט דאָך געבראַכט אונזער פאָלק צום פאַרדאַרבען, בשעת אונטער דער פריערדיגער אָרדנונג, פון די צייטען פון צאַר ביז דעניקין, איז דאָס פאָלק ישראל געווען גליקליך און זיכער. אַנדערע טוען אָן אַ מענטעלע פון ליבשאַפט צו די אַרבייטער. נאָר די פאַראייניגונג

איר באשאפט צווישען דעם ציוניזם און דער אידישער פאָלקס־מאסע אין ארץ ישראל און חוץ לארץ.

רעדט ניט קיין הויכע רייד וועגען דעם רוח ישראל און דער תורת ישראל, ווארום דורך דיזער פּאָליטיק זייט איר אייגענטליך מבזה אלע איי־ביגע תוכנים, וועלכע זיינען באהאלטען אין דער אידישער נשמה.

און רעדט ניט קיין הויכע רייד וועגען דער שפה עברית, וואָס אין איר טיפקייט און איר ליכט איז באהאלטען א קולטור פון נייע ווערטען און נייע באציאונגען, וואָס דער ווידערשפּענסטיגער שיר פון דעם אמאָליגען דור ווערט אין איר מגולגל אין דעם ליד פון שאפונג און גערעכטיגקייט פון דער געמיינשאפט פון דער צוקונפט. רעדט ניט קיין הויכע רייד וועגען דיזער הייליגער שפּראך, ווארום פון איר גאנצער הייליגקייט האָט איר גע׳־ירש׳ענט נאָר די אויבערפלאכיגקייט, די פלווידעריי, די הברה.

און רעדט ניט קיין הויכע רייד וועגען דער אויפלעבונג פון פאָלק און לאנד. ווייסט איר דאָס שרעקליכע וואָרט, וועלכעס ליגט אויף אונזערע ליפּען? מיר ווילען דאָס אייך זאָגען: מיט אייערע אייגענע הענט בויט איר אויף צווישען אונז די פרעמדע פעסטונג, וואָס באלד וועט אונטער אירע פורכטבארע שאָטענס פארטריקענט ווערען דער בוים פון דער לעצטער האָפנונג פון דעם אידישען פאָלק. היינט איז עס אפשר א פאָלעמישע מליצה, מאָרגען קאָן עס אָבער ווערען א טראגישער אמת!

און איר, חברים ארבייטער, פאַלט ביי זיך ניט אראָפּ! אויף די בערג פון גליל שטייגט אויף די זון, אונזער זון, און קראפט און גבורה איז אין אירע פליגלען. איר האָט באשיצט דאָס לאנד געגען אירע אָנפאלער פון אויסען, איר וועט נאָך באשיצען מיט אייער ארבייט און אייער גייסט דאָס לעבען געגען די שטערונגען פון אינווייניג!

געשריבען אין ארץ ישראל, אין 1920.

אָרט פאר א אידישען ישוב און פאר אידישער אויפלעבונג אין ארץ ישראל. אלע געלדער און אלע כחות פון די ציוניסטען, אלע אונטערנעמונגען פון ציוניזם, דארפען זיין פארוואנדעלט יעצט צו דיזען צוועק. אלע מיטלען דארפען מער ניט אויסגעגעבען ווערען ווי פאר איין זאך: די באשאפונג פון א אידישער ווירטשאפט דורך שטאַטישע און דאָרפישע קאָאָפּעראטיוועז. עס איז מעגליך אריינצובריינגען צענדליגער טויזענדער נייע מענשען און קאָלאָניזירען זיי אויף דעם סיסטעם פון קאָאָפּעראטיווען. אָבער וועלען מיר באמת שווייגען, בשעת הונדערטער און טויזענדער מענשען גרייטען זיך צו פארלאָזען דאָס לאנד דורך מאנגעל אין ארבייט און נויט, אָדער בעסער געזאָגט, ווייל די מנהיגים און בעלי בתים זיינען טויב און שטום און זיינען געפאנגען פון קינדערשען שרעק?

און זאָל מען ניט זאָגען, דאָס די קאָאָפּעראטיווע אנשטאלטען האָבען דעפיציטען, און דאָס מען וויל פארהיטען אידישע געלד, עס זאָל ניט געהן חלילה אויף אומפּראָדוקטיווע צוועקען. מיט דיזער מעשה מאכט איר נאָר א געלעכטער. איר ווייסט, אקוראט ווי מיר, דאָס די שטאָטישע קאָאָפּעראטיוועז, די אינדוסטריע־קאָאָפּעראטיוועז, דער קאָנסום־קאָאָפּעראטיוו „המשביר”, ניט נאָר זיי פארלירען ניט, נאָר דאָס זיי האָבען געקאָנט זיין א קוואל פון וואוילשטאנד פאר דאָס גאנצע פאָלק, וואָלטען געקאָנט פארבילינגערן די פּראָדוקטען, פארגרעסערען די באפעלקערונג, אויב נאָר דער נויטיגער קאפּיטאל וואָלט אין זיי אריינגעלייגט געוואָרען. עפּענט אויף גרויסע נאַציאָנאלע פאבריקען, אויף א דעמאָקראטישען באזיס, און דורך קאָאָפּעראטיווע ארבייט, און איר וועט אויפלעבען דאָס לאנד. און די לאנד־ווירטשאפטליכע קבוצות, זיי זיינען דאָך באמת דער ערשטער קאָלאָניזאַציאָנס־פארזוך, וועלכער האָט זיך איינגעגעבען אין נאַציאָנאלען, עקאָנאָמישען און סאציאלען זין. אמת, אין פילע קבוצות איז שוין אונמעגליך געוואָרען דאָס ליידען פון דחקות, פון מאנגעל אין בהמות, ערד, הויז־ווירטשאפט. אָבער די ארבייטער בלייבען שטעהן אויף זייער וואך און זיי פאָדערען איצטער איינמאָל פאר אלע מאָל, דאָס די נאַציאָנאלע קאפּיטאלען, וועלכע ווערען אויפגעזאמעלט אין דער וועלט, זאָלען אריינגעלייגט ווערען אין נאַציאָנאלע ווירטשאפט, אין קאָאָפּעראטיווע אָרגאניזאציאָנען, צוליב אידישע ארבייט און צוליב דער פארגרעסערונג פון ישוב. דאָס געלט זאָל ניט צוטיילט ווערען מעהר אויף תמיכות, שכירות, קרעדיטען עד שיבוא אליהו, לטובת פון פּריוואטע קאפּיטאליסטען.

אויב איר הערט ניט און איר פארשטעהט ניט, דאן זאָלט איר וויסען, דאָס איר וועט זיין שולדיג אין איצטיגען קריזיס, פאר דעם אפּגרונד, וועלכען

קראפט זוכט דאָס אידישע פאָלק אין דעם סאָציאַליסטישען ציוניזם א נייע וועלט פון קולטור, א נייע אָרדנונג פון געזעלשאפט, א נייעם ווילען פון געשיכטע. עס איז נאָך א טענדענץ, א האָפנונג, א מיסטישע זענזוכט פון א פאָלק נאָך א טאַט און א וואונדער, אָבער א זענזוכט, וועלכע ראַנגעלט זיך פאר היסטאָרישער געשטאַלט, וועלכע זוכט דאָס קלייד פון רעאַליטעט.

אלס אן אידעע און א באוועגונג איז דער סאָציאַליסטישער ציוניזם דער שלום־אקאָרד פון דער גאנצער קולטור־באוועגונג פון אידישען פאָלק אין דער מאָדערנער צייט, איז עס די העכסטע היסטאָרישע שטייגערונג פון אלע זיינע אָפענע און פארבאהאַלטענע האָפנונגען און נביאות. נאָר נאָך צוויי יאָר־הונדערטען פון אידישער אייראָפּעאיזירונג און פארוועלטליכונג; נאָר נאָך דער עפּאָכע פון אסימילאציע און קולטור אין מערב אייראָפּא; נאָך דער עפּאָכע פון השכלה, ציוניזם; נאָך דעם אָנשטורם פון אידען אָן רעוואָלוציע און סאָציאַליזם אין דער גאנצער וועלט, האָט געקאָנט אויפשטייגען ביים אידישען פאָלק דער סאָציאַליסטישער ציוניזם, דער ווילען צו א נייער אייגענ־ארטיגער קולטור־היסטאָרישער טאַט. דער סאָציאַליסטישער ציוניזם איז א נייע שעפּפערישע ווענדונג פון דעם אידישען היסטאָרישען רצון, א נייע, אַלט־נייע ליניע, וועלכע דער היסטאָרישער פּראָצעס פון אידישען פאָלק נעמט יעצט. אלע אנדערע אידישע געזעלשאפטליכע און קולטורעלע באוועגונגען, די אסימילאציע, דער בונדיזם, דער ציוניזם, דער גלות׳יזם טרעטען שוין קענטיג אָפּ פון זייערע ביז־איצטיגע פּאָזיציעס און גרענעצען און שטראָמען יעצט אין דעם פלוס פון סאָציאַליסטישען ציוניזם, וואָס אונטער זיין צייכען שטעהט באלד די אידישע צוקונפט.

אלס אידעע און באוועגונג איז דער סאָציאַליסטישער ציוניזם די פרוכט פון קולטורעלער און געזעלשאפטליכער ענטוויקלונג פון אידישען פאָלק אין דער מאָדערנער צייט, אין די לעצטע הונדערט יאָר. אָבער אלס בייַנקשאפט און האָפנונג, אלס מיסטישער גלויבען און אינוויינינגער בטחון, וואָרצעלט דער קאָמפּלעקס פון געדאנקען און געפילען, וועלכער איז איינגעשלאָסען אין סאָציאַליסטישען ציוניזם, אין דער גאנצער אידישער געשיכטע. דער קאַמף נעגען דער וועלט, אויס דער דערקענטניש פון דער אייגענער אָריגינאַליטעט און מיסיאָן, פאר די העכערע אידעאַלען פון קולטור און הומאניטעט, פאר דער פארגייסטיגונג און מאָראַליזירונג פון לעבען, איז דער גרונט־מאָטיוו פון דער אידישער געשיכטע. די איבערוווינדונג פון יעדער נאַטירליכער און היסטאָרישער רעאַליטעט, כדי אראָפּצוברייינגען די שכינה און דעם מלכות־הרוח, און פארווירקליכען דעם אידעאַלען שבת־שבתון פון דער געשיכטע, ציט זיך ווי א רויטער פאָדים דורך די יאָרטויזענטער פון דעם אידישען היס־טאָרישען לעבען. אין די אידעען פון שיבת ציון, ביאת המשיח, גאולה,

גערּאנקען וועגען סאָציאַליסטישען ציוניזם *)

מיט דעם וואָרט סאָציאַליסטישער ציוניזם ווערט באַצייכענט דער אויפ־געוואכטער און ערוואַכטער ווילען פון אידישען פאָלק צו פּאָליטישער זעלבסט־שטענדיגקייט, צו סאָציאַליסטישער קאָנסטרוקציאָן און צו פרייען נאַציאָנאַל־קולטורעלען רענעסאנס. אָבער אין דעם וואָרט סאָציאַליסטישער ציוניזם ליגען ענטהאַלטען מער מעגליכקייטען, אויסזיכטען, היסטאָריש־קולטורעלע פּאָטענצען, כחות פון פארגאנגענהייט און שאַפענדע טענדענצען פון דער צוקונפט, איידער אין וועלכער עס איז באגריפליכער אויסטייטשונג און דע־פיניציע פון דעם וואָרט. עס איז א צוזאמענפלעכטונג פון ציון און סאָ־ציאליזם — צוויי אומענדליך־רייכע, כמעט מיסטישע קולטור אידעען און היסטאָרישע ווייזונגען, וועלכע האָבען איין שורש און איין מקור אין די טי־פענישען, אין דעם אפגרונט פון דער מענשליכער נשמה, אין דער היסטאָ־רישער נשמה. צווישען דיזע טיפסטע קולטור־אידעען שאַפט זיך יעצט אן ערלייזענדער סינטעז אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באוועגונג. אין דער באוועגונג פון אידישען פאָלק באוואוסטזיניג און פריי אויפצובויען א סאָציאַליסטישע געזעלשאפט אין ציון, וואָס אויף איר יסוד זאָל זיך אויפ־בויען א נייע, נאָך ניט געוועזענע, מענשליכע קולטור.

אין מיטען פון אלע נאַציאָנאַלע באוועגונגען, אלע רעוואָלוציאָנערע שטורמען און סאָציאַליסטישע האָפונגען פון אונזער צייט, שטעהט דער סאָציאַליסטישער ציוניזם אלס אן אייגענארטיגע אידעע און באוועגונג. אפשר די אייגענארטיגסטע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע און סאָציאַל־קולטורעלע ערשיינונג פון דער צייט. אזוי אייגענארטיג און מערקווירדיג ווי דער שיק־זאָל, די טראַגיק און די האָפנונג פון דעם אידישען פאָלק זעלבסט. ערשט דער גייסט פון דער צוקונפט וועט דערקענען און אָפּשעצען פון דער היסטאָ־רישער דיסטאנץ די גאנצע קולטורעלע און היסטאָרישע גרויס פון דעם סאָ־ציאַליסטישען ציוניזם אלס אידעע און באוועגונג.

דער סאָציאַליסטישער ציוניזם איז נאָך אמאָל געוועזען א גרויסע ארויס־פאָדערונג פון דעם אידישען פאָלק געגען דער וועלט און געשיכטע. דאָס תורה־פאָלק און גלות־פאָלק שטעלט זיך איבער דער וועלט, וויל די וועלט באלייכטען, פירען, ערלייזען, דורך זיין אייגענער דערהויבונג און ערלייזונג. דורך די דערקענטנים פון זיין אייגענער קולטור־ווערט און זיין שאפענדער

---

*) פון „טאָג“, מערץ 19טען, 1918.

עתיד לבוא, קץ הימים, אחרית הימים, און אפילו אין דער מיסטישער האָפ־נונג פון תחית המתים קלינגט און דריקט זיך אויס דיזע היסטאָרישע אָריגי־נאַליטעט פון אידענטום.

אין דער משיח־האָפנונג האָט דיזער אייגענאַרטיגער גייסט פון אידענ־טום שטיל געברענט, אין די פאַלשע משיח־באַוועגונגען פלעגט ער זיך פאַנאַנ־דער־פלאַקערען מיט א מיסטישער קראַפט און פלעגט דרענגען צו פאַנטאַס־טישע, אָפטמאָל נאָר העראָאישע טאַטען.

פון דיזען אייגענאַרטיגען גייסט פון תקון עולם און היסטאָרישען משיח זיינען דורכגעדרונגען אלע עפּאָכען פון דער אידישער געשיכטע, אלע ענט־וויקלונגס־פאַזיסען פון אידענטום, פון דעם ביבלישען אַלטערטום ביז צו דער מאָדערנער צייט. אין אלע ערשיינונגען פון אידישען גייסט, אין דער תורה, אין דער אידיש־גריכישער פילאָזאָפיע, אין מדרש און תלמוד, אין דער מיטעלאַלטערליכער פילאָזאָפיע, אין פיוט, קבלה, חסידות; אין אלע אוני־ווערסאַלע אויסערונגען פון דעם אידישען געניוס, אין פילאָזאָפיע, רעוואָ־לוציע, סאָציאַליזם, ליטעראַטור, האָט זיך אויסגעדריקט דיזע אייגענאַרטיגע אידישע אינדיווידואַליטעט, וועלכע וויל איבערווינדען די וועלט פון נאַטור און אויפבויען די מלוכה פון גייסט. אין דיזען שרש פון דער אידישער געשיכטע, אין דעם מקור פון אידענטום וואָרצעלט דער סאָציאַליסטישער ציוניזם. דיזע מאָדערנע, אידישע רענעסאַנס־שטרעבונג איז מער איידער א סאָציאַל־פּאָליטישע באַוועגונג, מער איידער א נאַציאָנאַלע אויפהויבונג. די אידעע פון אידענטום, וועלכע איז א שעפּפערישע קולטור־אידעע פון דער מענשהייט, לעבט ווידער אויף צוזאַמען מיט דער באַפרייאונגס באַוועגונג פון אידישען פאָלק. די היסטאָרישע פּאָטענצען פון דער אידישער נאַציאָן, וועלכע זיינען נידערגעדריקט און נידערגעהאַלטען געוואָרען, געפינען ווידער אַן אויסוועג, א שאַפונגס־מעגליכקייט דורך דעם, וואָס די אידישע נאַציאָן טרעט ווידער ארויף אויף דער בימה פון דער וועלט־געשיכטע.

304

JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO